STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06042

DI LEBNSGESHIKHTE FUN A YIDISHN ZSHURNALIST

Jacob Botoshansky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

די לעבנסגעשיכטע פון א יידישן זשורנאליסט

(מעמואַרן)

◆

„קאָמיטעט ארויסצוגעבן די מעמואַרן פון י. באָטאָשאַנסקי"

בוענאָס איירעס

1942

PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY JACOBO BOTOSCHANSKY

JACOBO BOTOSCHANSKY

La vida de un periodista judío

(TOMO SEGUNDO)

"Comité para editar las obras escogidas
de J. Botoschansky"
Camargo 440, Dto. 1 — Buenos Aires

געדרוקט אין 1000 עקזעמפּלאַרן

Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, Junín 344, Buenos Aires.

צווייטער טייל

דער איבערגאנג

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין טאַטן אברהם שו"ב, מיין מאַמע לאה די שוחטקע און מיין יוגנט־חבר דעם קדוש יוסף פריד־מאַן; געווידמעט, צו לענגערע יאָר זיי, מיין פרוי מרים, מיין זון אברהם, מיינע שוועס־טער מאַמציע, מרים און שיפרה און מיין ברודער לייב.

דער מחבר.

קאפיטל איינס

ער שערט אפּ די פּאות און וויל נישט ווערן אַ „קרקפתא דלא מנח תפילין".

ס'איז געווען טונקלער פארטאג, ווען יאנקל איז אראפּגעגאנגען פון דער שיף איבער דעם שוואכן פּאנטאנדל, וואס איז געשטאנען מיט איין עק אויף דעם דאמפּער און מיט דעם צווייטן עק אויף דער יבשה. דעם יונגען וואנדערער האט זיך אויסגעדאכט, אז דאס גייט ער איבער דעם שמאלן קלאטקעלע, וועגן וועלכן ער האט אמאל געלערנט אין א ספר מיט אפּגעריסענע טעוועלעך. אויך, ווען ער איז שוין געגאנגען מיט דעם קליינעם פּעקל אונטערן אָרעם איבער די רוישיקע אָדעסער גאסן, האט זיך אים געדאכט, אז ער גייט נאך אלץ איבער יענעם קלאטקעלע... די גאסן זיינען נאך געווען האלב פארשלאפן און די גרויסע פערד, וואס האבן געשלעפּט וועגענער, וועלכער האבן געטראסקעט איבער די שפּיציקע שטיינער און האבן געמאכט א רוש אויף טויב צו ווערן, די דאזיקע פערד האבן נאך עפּעס אויך ווי אונטערגעדרימלט און די שמייסערס האבן געדארפט צו שטארק שמוצערן מיט די ליפּן און בייז שמייסן מיט די בייטשן, אז זיי זאלן זיי אויפוועקן. יאנקל האט געקוקט אויף די גרויסע וועגענער; גאנצע שטיבער זיינען זיי די דאזיקע; און די פערד זיינען אויך געווען גרויסע און האריקע. אפילו אין קעשענעוו האט ער אזעלכע נישט געזען. און ער האט זיך דערמאנט א גמרא, וואס זאגט, אז פערד שלאפן קיינמאל נישט, זיי דרימלען נאר, און ער האט געלאכט פון זיך אליין, וואס די גמרא ליגט אים נאך אלץ אין קאפּ, כאטש געקומען איז ער צו זוכן עפּעס א וועלט, וואס געפינט זיך פון יענער זייט תלמוד. געגאנגען איז ער צו ראובן בערן אין דער אכסניה אריין, ער האט נאך נישט געהאט קיין אנדער וועג אויסער דעם דאזיקן, וואס דער טאטע האט פאר אים אויסגעטראטן. עס איז געווען ווייט ביז צו דער אכסניה און ער האט היפשלעך געבלאנדזשעט. אים האט זיך געדאכט, אז ער ווייסט גענוי דעם וועג און ער האט באלד געזען, אז ער ווייסט אים נישט. ער האט דעמלט אפשר צום ערשטן מאל דערפילט אין זיך די נייגונג צו פילאזאפירן. ער האט זיך געזאגט: „איך בין געקומען זוכן דעם לעבנסוועג און איך קען נישט געפינען דעם וועג צו דער אכסניה"... און ער האט געמוזט זיך נאכפרעגן און אויף רוסיש דערצו. אין

שטעטל, אָדער אין קעשענעוו האָט ער אַמאָל גערעדט רוסיש מיט פּראָסטע גויים, אָדער מיט דינסטן, מיט אינטעליגענטערע מענטשן האָט ער נאָך ביז איצטער נישט געהאַט קיין מוט צו ריידן רוסיש. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע, וואָס ער פרעגט זיי, קוקן אויף זיינע פּאות, וועלכע ער האָט שוין אַרונטערגעשאַרט הינטער די אויערן, אָבער זיי זיינען אים אַרויסגעקראָכן. און ער האָט זיך געשעמט. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך געשעמט מיט זיין יידישן אויסזען. ביז צוריק מיט אַ צייט האָט ער רחמנות געהאַט אויף די דאָזיקע, וואָס טראָגן נישט קיין פּאות און ער איז געווען זיכער, אַז מען וועט זיי ברענען און בראָטן אין גהינום און איצטער שעמט ער זיך און ער פילט זיך נידעריקער פון זיי... ער האָט באַלד אַ קלער געטאָן, אַז אפשר וואָלט גלייכער געווען שוין באַלד זיך אַריינזעצן פאַרנאַכט אין שיף אַריין און צוריקפאָרן צו טאַטע און מאַמע און בעטן ביי זיי, אַז זיי זאָלן אים מוחל זיין און ער זאָל שוין אויף שטענדיק זיין אַזוי ווי זיי... און ער האָט זיך געזאָגט: ווען דבורה וואָלט נישט חתונה געהאַט, וואָלט ער עס געטאָן...

ביי ראובן בערן איז געווען אַ קלענערער רעש ווי ס'איז געווען דעמלט, ווען ער איז דאָרטן געווען דאָס לעצטע מאָל. עס זיינען געווען זייער ווייניק מענטשן און דער באַלעבאָס פון דער אכסניה האָט געהאַט צייט אים צו געבן אַ ברייטן שלום עליכם און אים פרעגן וואָס דער טאַטע טוט און וואָס עס הערט זיך אין קיליע און אפילו זיך נאָכפרעגן אויף זיינעם אַ וויטן קרוב, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט. ער איז געווען זיכער, אַז יאַנקל פאָרט קיין קעשענעוו, ער האָט זיך נאָר געחידושט, וואָס ער פאָרט אַזוי שפּעט נאָך סוכות. יאַנקל האָט אים נישט געענטפערט נישט יאָ און נישט ניין און ער האָט דאָך געפילט, אַז ער זאָגט אים אַ ליגן. דער אַלטער האָט אפילו נישט געפּרוּווט וואַרטן אויף אַן ענטפער און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל פרעגן פייסיען, וועט ער אים שוין זאָגן, ווען עס גייט דער צוג קיין קעשענעוו...

יאַנקל האָט געהאַט אַן אַדרעס צו זיין שוועסטערקינד בעטיאַ. זי איז געווען די עלטסטע טאָכטער פון זיין פעטער מאיר און זי האָט געלערנט אויף די „יעסטיעסטוועני" (נאַטור וויסנשאַפטלעכע) קורסן, ווייל מען האָט קיין יידישע נישט צוגעלאָזט צו דעם מעדיצינישן פאַקולטעט. האָט ער נישט לאַנג געטראַכט און ער איז באַלד געגאַנגען צו בעטיאַן, נישט קלערנדיק, אַז אפשר וועט ער אָנקומען צו פרי. און כאָטש פייסיע האָט אים גענוי אויסגעמאָלט ווי צו גיין, האָט ער דאָך אביסל געבלאָנדזשעט און ער האָט אַ פּאָר מאָל געדאַרפט פרעגן וואוהין צו גיין און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז מען קוקט אויף זיינע פּאות, וואָס ווילן זיך בשום אופן נישט האַלטן הינטער די אויערן... און ער האָט בעטיאַן נאָך געטראָפן אין בעט און זי איז נאָך געווען שטאַרק פאַרשלאָפן, ווייל זי האָט אַ גאַנצע נאַכט, ביז פאַרטאָג געלערנט. זי איז געווען אַ רויטלעכע, אַזוי ווי זיין טאַטע און זי האָט געהאַט אַ סך קלייען. קיין

שיינע איז זי נישט געווען, אָבער זי האָט געהאַט דעם גוטן שמייכל פון פעטער מאיר. די האָר איז זי געגאַנגען אונטערגעשוירן ווי אַ ייִנגל. זי האָט זיך פאַרשלאָפן געקושט מיט אים און אים איז עס נאָך אַלץ געווען פּריקרע דאָס קושן זיך מיט אַ פרוי, כאָטש ער האָט שוין נישט מורא געהאַט, אַז גאָט וועט אים שטראָפן דערפאַר. וועגן די דאָזיקע חשבונות מיט גאָט האָט ער ווי פון זיך אַליין אויפגעהערט צו טראַכטן. ער האָט דערווייל נאָך נישט געדאַוונט און ער האָט זיך דערפון אויך געפילט אַביסל מאָדנע. אין דער היים האָט ער באַלד נאָך דעם עפענען די אויגן און נאָך דעם אָפּגיסן זיך די נעגל, שוין עפּעס געזאָגט פון דער „מודה" און פון דעם „פּאַרנט" דאַוונען און דאָ האָט ער דערווייל נאָך גאָרנישט געזאָגט. עס איז אים עפּעס נישט אויסגעקומען. ער איז אויף דער שיף נישט געשלאָפן ווי געוויינלעך און ער איז נישט אויפגעשטאַנען ווי דער שטייגער איז מיט אַן אָפּגיסן נעגל-וואַסער און מיט אַ זאָגעניץ. דאָך האָט ער באַשלאָסן ביי זיך, אַז אין דער אכסניה וועט ער לייגן תפילין... ער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם געדאַנק, אַז ער וועט קענען ווערן אַ „קרקפתא דלא מנח תפילין" (אַ נאַקן, וואָס לייגט נישט קיין תפילין). אין די מחשבות האָט ער שוין נישט איינמאָל זיך געספּקט וועגן דעם גאַנצן ענין פון תפילות און ער האָט שוין געטראַכט, אַז עס קען נישט זיין, אַז גאָט זאָל וועלן מען זאָל אים בעטן און אים אָפּגעבן כבוד און אים זינגען לויבגעזאַנגען, אַלציינס ווי אַ מלך אַ בשר ודם. אין די תפילות חנפעט מען דאָך אַזוי שטאַרק דעם רבונו של עולם... ער האָט שוין וועגן דעם געלייענט אויף אַ סך זאַכן, ער האָט שוין אַפילו געלערנט וועגן ברוך שפּינאָזאַ, וואָס האָט געזאָגט, אַז נישט עס איז דאָ אויסגעטיילט ערגעץ אַ באַזונדערער גאָט, נאָר גאָט איז אין אַלץ, אָבער ווען עס האָט געדאַרפט האַלטן אין דער פּראַקטיק נישט צו לייגן תפילין, איז אויף אים געפאַלן אַ שרעק. אַ „קרקפתא דלא מנח תפילין" איז פאַר אים עפּעס געווען ווי אַ שם נרדף (סינאָנים) מיט אַ משומד. פּונקט ווי ער האָט נאָך נישט געקענט ברענגען אויף דעם געדאַנק, אַז עס איז אין גאַנצן קיין גאָט נישטאָ, פּונקט אַזוי האָט ער נישט געקענט ברענגען אויף דעם געדאַנק, אַז ער זאָל זיין אַ „נאַקן, וואָס לייגט קיין תפילין נישט". ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דער קלוגעטשקער איציק זיידמאַן, וואָס איז די לעצטע צייט אַלץ געווען אַזוי אַן איין גרויער האָר ווי ער איז געווען, אָבער ער איז געוואָרן זייער איינגעבויגן און ער האָט ביי יעדער באַוועגונג אונטערגעקרעכצט, האָט אים געזאָגט:

— איך זע שוין, אַז דו ווערסט נישט דאָס דאָזיקע, וואָס דו האָסט באַדאַרפט זיין. דו ביזט אַראָפּ פון גלייכן וועג. די תורה איז, נישט מיט מיין מויל גערעדט, ווי אַ שטעקן מיט צוויי עקן, זי איז אַ סם החיים און מ'קען פון איר מאַכן אַ סם המוות רחמנא ליצלן... אָבער דו דאַרפסט זיך שטעלן אַ גרעניץ און זאָגן: צוליב טאַטע און מאַמע און טאַטע צוליב גאָט ברוך הוא

אַליין זאָלסטו נישט מטמא זיין דיין גוף פון אינעווייניק מיט טרפות און דו זאָלסט נישט ווערן קיין קרקפתאָ דלא מנח תפילן... אַלע טאָג תפילן און — שמע ישראל! איך וואָלט דיר געזאָגט נאָך עפּעס, אָבער דאָס דאָזיקע איז נאָך צו פרי, דו ביזט נאָך קליין...

יאַנקל האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס ער האָט אים געוואָלט ריידן און ער איז רויט געוואָרן און ער האָט געשוויגן. איציק האָט אים דעמאָלט ענטוזיאַז־מירט מיט זיינע הארציקע רייד און מיט זיינע קלוגע בליקן און ער איז געווען גרייט אים צו גיבן די האַנט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט עסן קיין טריפות און ער וועט קיינמאָל נישט ווערן קיין קרקפתאָ דלא מנח תפילן, אָבער דער קלוגער חבר פון זיין טאַטן האָט די האַנט נישט געוואָלט נעמען. ער האָט גע־זאָגט, אַז אָדער מען דאַרף נישט, אָדער עס וועט נישט העלפן און ער וויל נישט נעמען פאַר זיך די אחריות. ווען מען גיט אַ האַנט און מען איז נישט מקיים, קען חס וחלילה אַרויסקומען אַ גרויסער אומגליק און ער האַלט פון כלל, אַז ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא... (אַ ייד, כאָטש ער האָט געזינדיקט, איז ער אַ ייד). דער טאַטע פלעג אים אויך שטענדיק זאָגן דאָס זעלביקע וואָרט.

בעטיאַ איז געווען אַ זייער באַריידעוודיקע און זי האָט מיט אים נישט אויפגעהערט צו ריידן און דווקא אויף רוסיש און ווען ער האָט געוואָלט ריי־דן יידיש, האָט זי אים געזאָגט, אַז אויב ער וועט זיך שעמען, וועט ער קיינ־מאָל נישט אויסלערניען. זי האָט קיינמאָל מיסתמא נישט געלערנט קיין פּרק, האָט ער זיך געטראַכט, פון דעסט וועגן ווייסט זי, אַז „ולא הבישן למד” (אַ שעמעוודיקער לערנט נישט). בעטיאַ האָט גאָרנישט געוואוסט, אַז ער לערנט שוין נישט אין קעשענעוו און אַז ער איז געקומען לערנען אין אָדעס, זי האָט געמיינט, אַז ער נאָך אַלץ אַ ישיבה בחור און ער פאָרט קיין קעשענעוו. און ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז געוואָרן אַנדערש, האָט זי זיך גאָר דערפרייט און זי האָט געזאָגט, אַז פון איצטער אָן און וויטער וועט זי אים נישט לאָזן ריידן קיין יידיש, נאָר רוסיש. זי האָט אים באַדויערט און גע־זאָגט, עז ער האָט זיך אָפּגעמוטשעט אַזויפיל יאָרן און געלערנט און איצטער וועט עס אים גאָרנישט צונוץ קומען, פונקט ווי איר די „יעסטיעסטוועני” (נאַטור וויסנשאַפטלעכע) קורסן, וועלכע זי לערנט, ווייל מען לאָזט איר נישט צו אויף דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, אָבער נישט ווייל זי וועט עפּעס האָבן דערפון. יאַנקלען האָט אַ שטאָך געטאָן פון דעם, וואָס זי האָט געזאָגט, אַז דאָס גאַנצע לערנען זיינס איז אים געווען אַרויסגעוואָרפן. ער האָט נאָך איצטער געפילט אַ גרויסע פרייד ביים האַרצן פון דעם, וואָס ער האָט געלערנט. זייער אַ סך שטעלן פון „ישעיה” און „משלי” האָבן אים געקלונגען אין די אויערן און ער האָט זיך געטראַכט, אַז ווען מענטשן וואָלטן זיך אַזוי אויפגעפירט ווי דער נביא און דער קעניג האָבן געהייסן, וואָלט די וועלט געווען גאָר

אַן אַנדערע. און אַ סך ערטער פון דער גמרא און פון אַנדערע ספרים האָבן אים אויסגעוויזן ווי די גרעסטע חכמה. אָבער ער האָט זיך איר געשעמט דאָס צו זאָגן און ער האָט געהערט ווי זי רעדט אַ סך, אַ סך און ער איז באַגייס־טערט געוואָרן פון דעם שיינעם רוסיש, וואָס זי האָט גערעדט און ער האָט געחלומט צו קענען אַזוי ריידן רוסיש ווי זי.

זי האָט אים איינגעלאַדן צו עסן פרישטיק מיט איר אין איינעם און ער האָט זיך דערפון געפילט נישט גוט. אים האָט זיך נישט געגלוסט צו עסן איידער ער „מעסט" כאָטש אָן די תפילין און ער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט אים געבן צו עסן טריפות. צום גליק האָט זי מער נישט געגעסן ווי פּוי־טער מיט ברויט און טיי מיט מילך און דער טאַטע פלעג שטענדיק זאָגן, אַז גוישע מילך און פּוטער זיינען נישט טריפה. די גאָר אָרימע אין קיליע, וואָס האָבן נישט געקענט באַצאָלן פאַר כשרע מילך און פּוטער, וואָס האָבן געקאָסט טייערער, האָבן געקויפט גוישע מילך און פּוטער אין מאַרק אפילו נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם, ווען אַלע זיינען געוואָרן פרום, און קיינער האָט זיי גאָרנישט געזאָגט. דאָך האָט אים דאָס עסן געשטאָכן אין האַלדז, ווייל ער האָט נישט געדאַווענט און ער האָט זיך אַלעמאָל אַ טאַפּ געטאָן ביים קאָפּ צו זען, צי ער איז נישט אַנדערש פון דעם, וואָס ער האָט נאָך קיין תפילין נישט געלייגט...

יאַנקל האָט דערפילט אַ היימישקייט צו דער פרעמדער בעטיאַ, ער האָט אין איר דערשפירט דעם פעטער מאירס גוטסקייט, און ער האָט איר דערציילט וועגן דעם, וואָס ער האָט געטראַכט צו טאָן. ער האָט איר דערציילט וועגן דער באַגעגעניש מיט יאָסיף פרידמאַן, ווען ער איז נאָך געפאָרן צום ערשטן מאָל אין דער קעשענעווער ישיבה אריין און ווען דאָס עלטערע שוחטישע יינגל האָט אים שוין גערעדט וועגן ווערן דאָקטער. בעטיאַ האָט טרויעריק געלאַכט און זי האָט אים געזאָגט, אַז אַזוי לאַנג מען איז אַ ייד, איז אַזוי שווער צו ווערן דאָקטער... זי האָט געזאָגט, אַז ווען נישט איר טאַטע און איר מאַמע און די פעטערס און די גאַנצע מישפחה, וואָלט זי „איבערגעביטן דאָס רענדל". זי האָט דעם דאָזיקן אויסדרוק דווקא געזאָגט אויף יידיש. זי האָט עס געזאָגט אַזוי לייכט, זי האָט אפילו קיין רעכטן ציטער נישט געטאָן. זי האָט געזאָגט, אַז איר פאַרבינדט גאָרנישט מיט קיין יידן און זי פאַרשטייט נישט צוליב וואָס יידן דאַרפן ליידן פון פּאָגראָמען און פון אַלערליי געזעצן קעגן זיי, ווען אַרום און אַרום איז דאָ אַזאַ פרייע וועלט. זי וועט עס נישט טאָן, ווייל זי האָט שטאַרק ליב איר טאַטן, וואָס איז אַזאַ גוטער! און עס גייט אים נישט גוט, דעם טאַטן. ער האָט אַ פולע שטוב מיט קינדער און דווקא מיידלעך און ער זעט נישט קיין צוקונפט פאַר זיי אַן קיין פרנסה האָט ער נישט. ווען ער וואָלט געהאַט פרנסה, וואָלטן די מיידלעך מיסתמא געווען שענער. אַזוי זיינען זיי נאָר חנוודיק. און נישט געזונט איז ער אויך דער טאַ־

טע. קינדווייז איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ ברונעם אַרײַן און זיך צעשניטן דעם פֿוס און ווען ער האָט אָנגעהויבן קומען אין די מיטעלע יאָרן, רופֿט זיך עס אָפּ. עס ציט זיך אים אײַן אָן אָדער בײַם פֿוס און עס גרײַכט ביז צום האַרצן. ער פֿאַלט אַלעמאָל אײַן און מען דערשרעקט זיך. בעטיאַס שײנע אויגן זײַנען פֿול געוואָרן מיט טרערן און יאַנקלס אויגן אויך. ער האָט זיך דערפֿילט גאָר היימיש מיט איר. ער האָט זי קײנמאָל נישט געזען און זי רעדט אַזאַ פֿרעמדן רוסיש און דאָך רעדט זי אים וועגן אײגענע מענטשן און וועגן די זעלביקע זאַכן, וואָס ער האָט געהערט נאָך פֿון קינדווייז אָן. די מעשה ווי אַזוי דער פֿעטער מאיר איז אַרײַנגעפֿאַלן אין ברונעם אַרײַן, האָט ער געהערט אַזויפֿיל מאָל פֿון טאַטן און פֿון דער באָבען. בײדע האָבן נאָכגעמאַכט ווי אַזוי מען האָט דעם טאַטן, וואָס איז אַלט געווען אפֿשר דרײַ יאָר, געפֿרעגט „וואו איז מאיר?" און ער האָט געוויזן אויף דעם ברונעם און געזאָגט: „דאָ"... און דאָך האָט זי גערעדט אַזוי גרינג וועגן „בײַטן דאָס רענדל". זי האָט געזאָגט, אַז זי ווייסט, אַז איר טאַטע וואָלט עס נישט אויסגעהאַלטן, אָבער ווייטער... יאַנקל האָט אַזש מורא געהאַט צו ריידן מיט איר. ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגײן, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז בײַ ראובן בערן קאָסט טײַער און ווען ער זאָל דאָרט דאַרפֿן בלײַבן נאָך עטלעכע טעג, וועט ער בלײַבן אָן דעם ביסל געלט, וואָס ער האָט, ער איז געקומען בײַ איר פֿרעגן ווי אַזוי מען דינגט זיך אַ קוואַרטיר אין אײנעם מיט נאָך אַ ייִנגל. ער האָט זיך צערעדט מיט איר וועגן פּעטראָוועקע וואו זײַן שוועסטער וואוינט און וועגן דעם, אַז ער האָט זיך דאָרט באַפֿרײַנדעט מיט אײנעם אַ יאָסיף פֿעלדמאַן און מיט אים אין אײנעם געלערנט. האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יאָסיף פֿעלדמאַן איז אַ שוועסטערקינד בעטיאַס פֿון איר מוטערס צד, ער איז איר מאַמעס אַ פּלימעניק. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז יאָסיף האָט עס אים אין פּעטראָוועקע געזאָגט, ער האָט אים דערמאָנט, אַז זײ האָבן אַ בשותּפֿותדיקן פֿעטער און ער האָט, ווי שטענדיק, צוגעגעבן, אַז ס'איז ווי שלום עליכם זאָגט: „אַז די מומע איז אַ מומע, איז דער פֿעטער אַ פֿעטער". בעטיאַ האָט אים דערצײלט, אַז יאָסיף איז טאַקע אין אָדעס. ער לערנט זיך עקסטערן און ער וויל אַרײַנגײן אין דער אָדעסער ישיבֿה, וואָס איז אַ מאָדערנע, זאָגט ער. איר, בעטיאַן, געפֿעלט נישט קײן שום ישיבֿה און איר געפֿעלט נישט דער גאַנצער טאַראַראַם, וואָס מען מאַכט אין אָדעס מיט דעם ייִדישן נאַציאָנאַליזם און מיט דעם ציוניזם. זי האָט אַ סך מאָל געהערט ריידן זשאַבאָטינסקין. ס'איז אין אָדעס הימל און ערד און זשאַבאָטינסקי, קריסטן ריידן אויך וועגן אים. אָבער איר איז געווען געפֿעלן צו הערן אים נאָר ווען ער רעדט וועגן ליטעראַטור, וועגן ציוניזם געפֿעלט איר נישט צו הערן. יאָסיף איז אַ גאַנצער ציוניסט און אַ ברענענדיקער. ווען זי האָט אים אַמאָל געזאָגט, אַז ווען זי האָט נישט רחמנות אויף איר טאַטן, וואָלט זי איבערגעביטן דאָס רענדל, האָט ער זי געוואָלט

אויפעסן. יאנקל האט בײ זיך געקלערט, אַז ער וואָלט איר אויך אַזוי געדאַרפט זאָגן, אָבער ער איז רויט געוואָרן און ער האָט געשוויגן. ער האָט פּשוט נישט געקענט ריידן געגנוג רוסיש און יידיש האָט זי אים נישט געלאָזט ריידן. ער האָט בײ זיך געקלערט, אַז צוליב דעם, וואָס די גויים זיינען שלעכט און זיי מאַכן פּאָגראָמען אויף יידן און מאַכן קענען זיי געזעצן, דאַרפן נאָך די יידן נישט ווערן אויס יידן. גיכער דאַרפן די גויים ווערן אויס גויים... בעטיא האָט גערעדט וועגן יאָסיף פעלדמאַן אי מיט ליבע, אי מיט אַביסל איראָניע. זי האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ וואוילער בחור, וואָס קען זיך אומעטום „ אוס־טראַיען" (איינאָרדנען) און ער קען זיך מאַכן באַליבט. אַז ער קומט אַריין אין אַ שטוב אַריין, זינגט ער באַלד און ער דעקלאַמירט און ער קען מאַכן אי לאַכנדיק, אי וויינענדיק און ער קען מאַכן אַ קאָמפּלימענט וואו מען דאַרף און ער ווערט באַלד אַ היימישער. ער האָט נישט אַזויפיל צייט וויפל מען לאַדט אים איין, ער דאַרף נאָר אַ קוואַרטיר, עסן קריגט ער שוין אומזיסט. מען לאַדט אים אַזויפיל איין און ער פאַרברענגט אַזויפיל, אַז ער האָט שוין אַזש קיין צייט נישט צו לערנען. דאָך וויל ער אי לערנען עקסטערנע, אי לער־נען אין דער ישיבה. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער וויל אויך לערנען אין דער ישיבה און בעטיא האָט זיך געחידושט — ער האָט דאָך שוין געענדיקט די קעשענעוועער ישיבה; האָט ער איר ווי ס'איז נישט איז געענטפערט, אַז אין קעשענעוו האָט מען אַלץ געלערנט אָן אַ סדר און אין אַדעס וועט מען איינ־אָרדנען דאָס אַלץ, וואָס ס'איז בײ אים צעוואָרפן אין מוח. זי האָט זיך גע־האַלטן בײ אירס, אַז ער דאַרף איצטער לערנען וועלט־זאַכן, ווייל יידיש האָט ער שוין געגנוג געלערנט. ער האָט איר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער וועט נישט האָבן פון וואָס צו לעבן. קיין קעשענעוו האָט אים דער טאַטע געשיקט געלט, אָבער קיין אַדעס וועט ער אים נישט שיקן. און ער וועט נישט מאָנען אויך. אויב ער וויל נישט גיין אין טאַטנס וועג, האָט ער דאָך נישט קיין רעכט צו מאָנען בײ אים. אין דער ישיבה, האָט ער געהערט זאָגן, גיט מען אַ שטיצע. בעטיא האָט שוין געהערט פון יאָסיפן, אַז אַ שטיצע גיט מען נאָר גאָר אָרי־מע, וואָס ברענגען עפּעס אַ בריוו פון אַ וויכטיקן ציוניסט אין דעם אָרט פון וואַנען מען קומט. אין קיליע איז נאָר נישטאָ קיין איין וויכטיקער ציוניסט, האָט יאַנקל געקלערט. די פּאָר ציוניסטן, וואָס זיינען דאָ, האַלט דער טאַטע פאַר אַפּיקורסים און ער וואָלט צו זיי נישט געגאַנגען. פאַראַן איינער אַ ייד, וואָס טראָגט אַ שיינע, זיידענע גאַנצע באָרד און ער האַלט שבת פאַרמאַכט די קלייט און ער דאַוונט דווקא אין בית מדרש און ער שרייבט אויס די העברעאישע צייטונג „הד הזמן", זאָגן די בית מדרשניקעס, אַז ער קען נישט אין בלאַט און אַז ער איז אַ נאַר און זיי מאַכן חוזק פון אים און ווען ער רעדט וועגן ציוניזם, נעמען זיי אים נישט ערנסט. פון קיליע קיין בריוו וועט יאַנקל נישט קענען קריגן צו דער ישיבה און דער חלום וועגן דער מאָדערנער ישיבה,

וואו ביאַליק, ד״ר יוסף קלויזנער און רב צעיר (חיים טשערנאָוויץ) זיינען די לערערס האָט ביי אים אָנגעהויבן אויסגערינען צו ווערן. יאָסיף גרייט זיך פון דעסט וועגן אין דער ישיבה אריין; רוסיש קען ער שוין גענוג, אָבער העברעאיש קען ער נאָך נישט גענוג, ביי יאַנקלען וועט מיסתמא זיין פאַר־קערט אויך, כאָטש רוסיש פאַרלאַנגט מען דאָרט נישט קיין סך. בעטיא האָט געזאָגט, אַז יאָסיף ווייסט נאָך אַליין נישט, וואָס ער וויל, אַט רעדט ער וועגן ווערן דאָקטער און אַט רעדט ער וועגן ווערן ראַבינער און אַמאָל וויל ער גאָר ווערן אַן אַקטיאָר. און איר דאַכט זיך, אַז ער האָט טאַקע טאַלאַנט צו ווערן אַן אַקטיאָר. אַזוי איז ער אַ „ליאַבקאָמיסליעני״ (לייכטזיניקער) און ער לאַכט שטענדיק און ער זינגט, אָבער אַז ער דעקלאַמירט עפּעס דראַמאַטיש, אָדער ער שפּילט אַ דראַמאַטישע סצענע, רופט ער אַרויס טרערן און אַליין וויינט ער אויך.

יאַנקל האָט ביי בעטיאַן גענומען יאָסיפס אַדרעס און ער איז אַוועק צו אים. עס איז נישט געווען ווייט, אָבער פרעגן וואוהין צו גיין, האָט ער אַלץ געדאַרפט. ער איז אַלץ געווען שעמעוודיק ביים פרעגן און האָט זיך צוגע־האַלטן ביי די פאות און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער, וואָס ער פרעגט אים, קוקט נאָך מער אויף זיינע פאות, טאַקע דערפאַר, ווייל ער האַלט זיך צו ביי זיי. ער האָט יאָסיפן געטראָפן אין אַ צימער נאָך מיט צוויי עקס־טערנעס. יענע זיינען ביידע געווען דאַרע, שוואַרצע יונגעליים, מיט ברילן אויף די קרומלעכע נעז און מיט ראַזירטע, נאָר פאַרוואַקסענע בערד און מיט שוואַרצע העמדלעך מיט גאַרטלען. זיי זיינען אַרומגעגאַנגען אין ביידע ווינק־לען און זיי האָבן געחזרט עפּעס אויף אויסנווייניק אויף אַ קול. יאָסיף איז נאָך געלעגן אין בעט און יאַנקל האָט נישט געקענט ווימן, צי ער שלאָפט, צי ער ליגט. די צוויי יונגעלייט האָבן ביידע געזאָגט יאַנקלען, אַז דער „מעסיע״ פעלדמאַן האָט זיך שפּעט געלייגט, ער איז געקומען קיין אָדעס לערנען, אָבער דערווייל פאַרברענגט ער. זיי האָבן גוט געזען, אַז ער טראָגט אַ קאַפּאָטע און אַז די פאות זיינען ביי אים פאַרשאַרט, אָבער נישט אָפּגעשניטן, דאָך האָבן זיי צו אים גערעדט רוסיש. אַזוי ווי יאָסיף האָט דערהערט ריידן, האָט ער אויפגעעפנט די אויגן און ער האָט אים דערזען, איז ער באַלד אַראָפּגעטאַנצט צו אים אַ לאַכנדיקער און אַ פריילעכער. ער האָט אויסגעזען פאַרשלאָפן און דורך דעם איז ער געווען עפּעס נאָך פריילעכער. ער האָט זיך אויף אים אַרויפ־געוואָרפן מיט דער גאַנצער שווערער וואָג מיט זיינער און ער האָט אים אַריינגעוואָרפן אין בעט אריין און ער האָט זיך איבערגעקוליעט מיט אים עטלעכע מאָל. יאַנקל איז נישט געווען געוואוינט צו אַזאַ סאָרט שפּיל. אין דער ישיבה פלעגן די יינגלעך אויף אַזאַ אופן זיך ניש שפּילן און ס׳איז אים אי געפעלן, אי ער האָט זיך עפּעס נישט געפילט גוט דערפון. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די קאַפּאָטע פלאָנטערט זיך אים און מאַכט אים קאָמיש...

יאָסיף האָט אים געשטעלט טויזנט פראַגן אויף אַמאָל און די צוויי חברים זיינע פון צימער האָבן זיך אויך אריינגעמישט אין שמועס אריין. זיי האָבן גערעדט רוסיש, אָבער יאָסיף איז זיי אָפּגעפאָרן און ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך נישט מאַכן נאַריש און ריידן מאַמע־לשון. אָט איך ער אַ ציוניסט און אַ העברעאיסט און ער האַלט, אַז אונזער שפּראַך איז העברעאיש, אָבער פון אוסישקינס „או עברית, או רוסית" (אָדער העברעאיש, אָדער רוסיש) קען ער נישט האַלטן. אַז ער רעדט „זשאַרגאָן", פילט ער זיך אַזוי היימיש, גלייך זיין מאַמע וואָלט געוועזן דערביי. ווען ער רעדט רוסיש, פילט ער זיך גלייך ער וואָלט עפּעס געגעסן אַ „ביפשטעקס" און ווען ער רעדט יידיש, פילט ער ווי ער וואָלט געגעסן דער מאַמעס אַ היימיש ראָסעלע און נאָך מיט אַ האַרב פעפערל דערצו...

גערעדט האָט מען דערנאָך וועגן פאַרשיידענע זאַכן און איבערהויפּט וועגן דער אָדעסער ישיבה. יאָסיף האָט נאָך נישט געקענט אַריינגיין, ווייל ער איז נישט גענוג צוגעגרייט אין אידישע לימודים. יאַנקל וועט גרינגער קענען אַריין. דאָס ביסל רוסיש, וואָס מען דאַרף קענען, קען ער שוין מיסתמא, אַנישט וועט ער עס גרינג אויסלערנען. די בחורים פון צימער האָבן זיך אַריינגעמישט און זיי האָבן געזאָגט, אַז די אָדעסער ישיבה איז עפּעס נישט קיין ישיבה און נישט קיין גימנאַזיע. אַ ישיבה דאַרף זיין אַזוי ווי גאָט האָט האָט געבאָטן. די מלמדים דאַרפן טראָגן לאַנגע קאַפּאָטעס און אין די לאַנגע פאות דאַרפן זיי אַרומקריכן לייז... און אין אַ גימנאַזיע דאַרפן זיין פּאַניעס, פאַר וועלכע מען זאָל מורא האָבן. אין אַ ישיבה דאַרף מען מורא האָבן פאַר גאָט און אין אַ גימנאַזיע דאַרף מען מורא האָבן פאַר פּאַניען. אַנדערש לערנט מען נישט איןביידע. און אין דער אָדעסער ישיבה זיינען די מלמדים פון די יידישע לימודים שוין מאָדערנע מענטשן און די לערער פון די רוסישע לימודים זיינען יידן און ס'איז נישט אַהין און נישט אַהער... און דערצו זיינען שוין ביאַליק און ד"ר קלויזנער דאָרט מער נישט קיין לערער. ביאַליק לערנט שוין נישט קיין תנך און קלויזנער לערנט שוין נישט קיין געשיכטע. און קלויזנערס געשיכטע קען מען שוין אַליין אויסלערנען אין עטלעכע טעג. די תלמידים האָבן די לעקציעס פאַרשריבן און דער גאַנצער קורס איז אַרויס אין אַ בוך, וואָס הייסט „היסתוריה ישראלית" (יידישע היסטאָריע). קיין נייעם קורס וועט ער דאָך נישט האַלטן, צו וואָס זשע דאַרף מען פאַרלירן אַ יאָר, אָדער צוויי, אַז מען קען אויסלערנען דעם גאַנצן בוך אין עטלעכע טעג? ביידע בחורים זיינען אויך געווען פריער בית מדרשניקעס און איינער פון זיי איז געווען אַ למדן און ער האָט געשאָטן מיט פסוקים און מאמרים. דער דאָזיקער האָט געזאָגט, אַז ווען מען וויל קענען יידישע געשיכטע, איז סיי ווי נישט גענוג קלויזנערס קורס, מען מוז זיך אַנידערזעצן און קנעלן גרעצן. קלויזנערס קורס איז אַ מין ליטעראַטור־קריטיק אויף די נביאים... יאָסיף

האָט זיך געהאַלטן ביי זיינעם, אַז די אמתע „נאַציאָנאַלע" יידישע דערציאונג קען מען קריגן נאָר אין דער אָדעסער ישיבה, אָדער אין דער לידיער ישיבה פון הרב ריינעס, וואָס איז פּונקט ווי חיים טשערנאָוויץ אי אַ פרומער ייד, אי אַ ציוניסט. און דאָס, וואָס ביאַליק און קלויזנער זיינען איצטער נישט קיין לערערס דאָרט, מאַכט נישט אויס, מען זאָגט, אַז זיי וועלן עס גיך ווערן צוריק. מען האָט זיך דאָרט צעקריגט און מען וועט זיך איבערבעטן. אים האָט ד"ר יאָסיף ב. סאַפּיר אַליין געזאָגט, אַז מען וועט זיך איבערבעטן. און יאָסיף האָט באַלד געזאָגט יאַנקלען, אַז ד"ר סאַפּיר איז איינער פון די גרעסטע ציוניסטן אין אָדעס און ער איז פון די בעסטע און ליבסטע מענטשן און ער גיט אַרויס אַזאַ ציוניסטישע קאָפּיקע ביבליאָטעק, וואָס באַשטייט פון טייערע קליינע ביכלעך פאַרן פאָלק און דווקא אין זשאַרגאָן. יונגע בחורים גייען אַרום זיי פאַרקויפן.

יאָסיף האָט באַלד גענומען אויספרעגן יאַנקלען מיט וויפל געלט ער איז געקומען און וואו ער האַלט קוואַרטיר און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט שעמען נישט נאָר פאַר אים, נאָר אויך פאַר זיינע קאָלעגן פון צימער. זיי זיינען אַלע די זעלביקע גבירים און אַלע לעבן זיי פון אַ פּאָר העברעאישע „אורָקן". און ווען יאַנקל האָט דערציילט זיין פריינט, אַז ער איז צוגעפאָרן צו ראובן בערן, האָט ער אים געזאָגט, אַז פון דאָרט דאַרף ער שוין אַרויסציען זיך, ווייל דאָרט וועט ער אין איין טאָג מער באַצאָלן וויפל עס וועט אים קאָסטן אין אַ וואָך. ער וועט טאַקע באַלד גיין מיט אים און אָפּנעמען דאָס פּעקל און דערנאָך דערוויילע אים ברענגען אַהער. ער וועט שוין איבערנעכטיקן אין איינעם מיט אים אין בעט די נאַכט און מאָרגן וועט ער שוין געפינען ערגעץ נאָענט אַ צימער. סיי ווי ווייל זיך איינער פון זיינע צוויי קאָלעגן, וואָס הייסט אויך יאָסיף, זיך אַרויסציען. ער הייסט יאָסיף דאָקטאָראָוויטש און ער זאָגט, אַז ער שמערט אים צום לערנען, ווייל ער איז צו פרייַלעך, און ער זינגט צופיל. וועט דאָקטאָראָוויטש אפשר דינגען אין איינעם מיט יאַנקלען, וואָס איז דאָך אויך אַ מתמיד. זיי וועלן שוין ביידע קנעלן „קירפּיטשניקאָוום" גראַמאַטיקע און „אילאָווייסקים" היסטאָריע, אַז עס וועט גיין אַ רויך.

דער פריילעכער חבר זיינער פון פּעטראָווקע האָט אים גענומען באַקוקן פון קאָפּ ביז אין די פיס און ער האָט באַמערקט, אַז ער גייט נאָך אין אַ קאַפּאָטע. ער האָט אים אַרויסגעשאַרט די פּאות פון הינטער די אויערן און ער האָט געלאַכט און געזאָגט:

— ביזט דאָך נאָך אַ גאַנצער בית מדרשניק, ברודערציו! דאָ איז אָדעס, דאָ גייט מען אָן קאַפּאָטעס. און אָן פּאות. אויף קיין נייעם אנצוג האָסטו מיסתמא נאָך נישט, אָבער גאָש בראָט דאַרף נישט קיין קאָסטיום, אַ שוואַרץ העמדל מיט אַ גאַרטל איז גענוג. און דער קאַפּעליוש דיינער איז עפּעס אויך

יאַלדיש. וועסט זיך אָנטאָן אַ היטל מיט אַ גלינצערנדיקן דאַשעק, אַזוי ווי מיר אַלע. און די פּאות דאַרף מען פּשוט אָפּשערן און שוין. אונטן איז טאַקע דאָ אַ באַקאַנטער פּאַריקמאַכער. ער וועט עס דיר מאַכן אין איינס און צוויי.

יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער שעמט זיך צו גיין אָפּשערן די פּאות. האָט יאָסיף געענטפערט, אַז ער דאַרף נישט זאָגן, אַז ער קומט זיך „ספּעציאַלנע" אָפּשערן די פּאות, ער דאַרף זיך גיין אָפּשערן, וועט מען שוין במילא אַראָפּ־נעמען די פּאות... יאַנקל האָט אַלץ געזאָגט, אַז ער שעמט זיך, האָט יאָסיף געזאָגט:

— ווייסטו גאָר וואָס, ברודערל? איך וועל דיר דאָ אַראָפּהאַקן די פּאות מיט אַ שערל, איך האָב דאָ אַ שערל און דערנאָך וועסטו אַראָפּגיין זיך אָפּ־שערן, וועט ער שוין דיר פאַרגלייכן.

און נאָך איידער יאַנקל האָט זיך רעכט אומגעקוקט, האָט יאָסיף געכאַפּט און אים אַנידערגעזעצט אין בעט און אים אַראָפּגעהאַקטביידע פּאות אויף איין מאָל. יאַנקלען האָט ארויסגעזעצט אַ קאַלטער שווייס. אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן זיך אַנידערגעשטעלט לעבן אים און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן. און דער פעטער אלי און די באָבע דבורה שטייען אויך לעבן אים און אפילו דער זיידע לייב, וואָס ער האָט אים שוין נישט פאַרכאַפּט און ער האָט אים נאָר געזען איינמאָל קראַנקערהייט אין חלום, שטייט אויך לעבן אים און ער וואָרנט אים, אַז ער זאָל עס נישט טאָן... און יאָסל האָט גאָר נישט באַמערקט, וואָס מיט זיין חבר קומט פאָר און ער האָט געלאַכט און ער האָט געפרעגט וואָס פאַר אַ ברכה מען מאַכט אויף אָפּשערן די פּאות. דאָקטאָראַוויטש האָט יאָ באַמערקט, אַז דער גאַסט איז בלייך געוואָרן און ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אים געבן אַביסל וואַסער און אַלע דריי האָבן גענומען אי שפּריצן אויף אים, אי דערלאַנגען אים וואַסער צו די ליפּן. דאָקטאָראַוויטש האָט דערציילט, אַז ער האָט שוין איבערגעלעבט אַזאַ טצענע מיט אַ געוועזענעם ישיבה בחור. יענער הייסט לייבעלע און ער איז פון ליובאַשאָווקע און ער האָט אויך געלערנט אין דער קעשענעווער ישיבה. ווי אַזוי יאַנקל איז, ווייסט ער נישט, אָבער לייבעלע איז שוין געווען אַ גאַנצער אַפּיקורס און אחד העמס אַ חסיד, אָבער ווען מען האָט אים צום ערשטן מאָל אָפּגעשוירן די פּאות, האָט ער געחלשט. יאַנקל האָט גוט געקענט לייבעלע ליובאַשאָווקער, וואָס האָט געענדיקט מיט צוויי יאָר פאַר אים און ער איז געווען איינער פון די בעסטע קעפּלעך אין דער גאַנצער ישיבה. ער איז געווען אַ הויך יינגל אַ דאַרס מיט קינדישע אייגלעך און מיט אַרויסגעשטעקטע ליפּלעך, אַזוי ווי וויינשל. ער האָט געהאַט לאַנגע, שיטערע פּאות און ווען ער האָט אים געזען אויף דער גאַס, האָט אים דער ווינט געשויבערט די פּאות. ער איז געווען זיכער, אַז לייבעלע ליובאַשאָווקער וועט געוויס זיין אַ רב און צום סוף הערט ער גאָר, אַז ער האָט זיך שוין אָפּ־

געשוירן די פּאות און אַז ער איז אַן אַפּיקורס. יאַנקלען איז גרינגער געוואָרן פון דער גאַנצער געשיכטע און ער איז פון איר מער מונטער געוואָרן ווי פון דעם וואַסער. ער האָט זיך געפילט וויניקער עלנד און ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער באַלד געלאָפן זען לייבעלען, כאָטש ער איז מיט אים נישט געווען שטאַרק היימיש. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי לייבעלע ליובאַר־שאָווקער גייט שוין אויך אַ קורץ רעקל און דאָקטאָראָוויטש האָט אים גע־ענטפערט, אַז ער גייט נישט קיין קורץ רעקל, ווייל ער האָט נישט, אָבער אַ שוואַרץ העמדל גייט ער. יאַנקלען איז גאָר אַראָפּ אַ שטיין פון הארצן. יאָסיף האָט אים געגעבן טיי און צו פאַרבייסן האָט ער אים געגעבן קיכלעך, וואָס די מאַמע האָט אים געשיקט און ער האָט זיך נאָך אַלץ געקווינקלט מיט דעם עסן פאַר דעם דאַווענען און ער האָט נישט געוואוסט, צי זאָל ער יאָ מאַכן אַ ברכה, אָדער נישט... און די חברה האָבן זיך אַלע דריי גענומען צו אים און זיי האָבן אים אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און אים גענומען אָנמעסטן העמדלעך ביז וואַנען זיי האָבן אים איינס צוקעפּאַסט. ער האָט עס אָנגעטאָן און זיך אַרומגעבונדן מיטן גאַרטל און געפּרוּווט אַריינשטעקן די הענט אין גאַרטל אַריין און די יאַטן האָבן געלאַכט פון אים און זיי האָבן געזאָגט, אַז דער ישיבה בחור וועט פון אים אַזוי גיך נישט אַראָפּקריכן. יאַנקל האָט אַ קרעכץ געטאָן און ער האָט געזאָגט, אַז ערשט נישט לאַנג האָט ער נאָך געטראָגן אַן אַנדער גאַרטל... די פּאות זיינען אים געווען זייער נישט גלייך אַרומגעשניטן און ער איז אַראָפּגעגאַנגען זיך אָפּשערן שוין אין העמדל. אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז דער גאַנצער קערפּער ברענט אים. און ער איז געווען זיכער, אַז אַלע קוקן אויף אים און אַז אַלע ווייסן, אַז ער האָט זיך היינט צום ערשטן מאָל אָפּגעשוירן די פּאות און ער האָט צום ערשטן מאָל אויסגעטאָן די קאַ־פּאָטע און אָנגעטאָן אַ העמדל. דער פאַריקמאַכער האָט אים געפרעגט ווער עס האָט אַזוי שלעכט אונטערגעהאַקט די פּאות און אים האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז ער ווייסט, וואָס מיט אים איז היינט פאָרגעקומען און ער לאַכט פון אים. אָנגעסטן האָבן אים באַשלאָגן די גאַנצע צייט פון שערן זיך. דער פאַריקמאַכער האָט אים געזאָגט, אַז די באָרד הויבט שוין אָן קריכן ביי אים און ער וועט שוין גיך דאַרפן האָבן אַ נייע הוצאה. און ווען ער האָט זיך שוין געזען פון יענער זייט טיר, האָט ער געוואָלט אויפהויבן די הענט צום הימל. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אַרויס פון גהינום.

יאָסיף האָט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. ווען ער איז צוריק־געקומען און ער האָט געלאַכט מיט זיין אומשולדיקן געלעכטער און ער האָט געזאָגט:

— דו זעסט דאָך אַזוי ווי אַ גאַנצער פּראַנט! ווער וואָלט עס געזאָגט, אַז דו ביזט ביז פריער מיט אַ האַלבער שעה געווען אַ ישיבה בחור מיט אַ קאַפּאָטע און מיט פּאות? דיין מאַמע וואָלט דיך נישט דערקענט און דיין

שוואַגער וואָלט געמיינט, אַז דו ביזט עפּעס אַ פּרעמדער. און איך בין זיכער, אַז דיין זיידע און דיין עלטער זיידע, ווען זיי וואָלטן אויפגעשטאַנען פון די קברים, וואָלטן דיך אויך נישט דערקענט און זיי וואָלטן נישט געגלויבט, אַז דו ביזט זייער אייניקל.

יאַנקלען האָבן די דאָזיקע ווערטער געקלונגען זייער טרויעריק און ער האָט עפּעס באַקומען אַזאַ לשון, וואָס ער האָט ביז דעמלט נישט געהאַט קיינמאָל. ער האָט געזאָגט:

— איך ווייס טאַקע נישט פאַרוואָס איך דאַרף אויסזען אַזוי, אַז זיי זאָלן מיך אַלע נישט דערקענען. פאַרוואָס דאַרף איך אויסזען אַנדערש ווי דורות און דורות מיינע זיידעס האָבן אויסגעזען? פאַרוואָס האָב איך געדאַרפט מקצץ בנטיעות זיין, פאַרוואָס האָב איך געדאַרפט אונטערהאַקן די אַלע ביימער, וואָס זיי האָבן פאַרפלאַנצט?

— דו ביזט דאָך געקומען אַהער לערנען! — האָט יאָסיף געענטפערט און געקוקט אויף אים מאָדנע — און ווי אַזוי זשע קען מען לערנען אין אָדעס?

— מען מוז נאָר אויסזען ווי אַ גוי — האָט יאַנקל ווייטער גערעדט — ווען מען וויל לערנען אין אָדעס? ווי קיין ייד קען מען נישט אויסזען?

— צו וואָס זשע — האָט יאָסיף אים אַלץ געענטפערט נאָך לאַכנדיק — האָסטו געדאַרפט פאָרן קיין אָדעס? האָסט דאָך געקענט בלייבן אין קיליע און דאָרט לערנען! דאָ איז דאָך פאָרט אָדעס, דאָ דאַרף מען זיך אַמאָל באַקענען מיט אַ מיידל און אויך זיך פאַרליבן...

און ווען יאָסיף האָט באַמערקט, אַז יאַנקל איז נאָך ווייטער טרויעריק, האָט ער געקוקט אויף אים מיט אַ סך מיטלייד און ער האָט צו אים געזאָגט:

— איך האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז דו וועסט מאַכן אַזאַ טראַגעדיע פון דער גאַנצער געשיכטע. קוק ווי דו זעסט אויס! הער אויף, דו מאַכסט מיך טרויעריק און איך האָב נישט ליב צו זיין טרויעריק... איך האָב נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט קיין טראַגעדיע. פאַר מיר איז נאָר אַ טראַגעדיע, וואָס אין אָדעס איז דאָ אַזוי פיל ערטער וואו צו האָבן פאַרגעניגן און די גבירים האָבן צעזעטערהייט און איך האָב נישט... אפילו אין טעאַטער אַריין האָב איך אַ סך מאָל נישט מיט וואָס צו גיין. אָבער ווייטער האָב איך עס אין דער ערד און איך לעב און לאַך. דער עיקר זיינען נישט די פאות און די קאַפּאָטע, נאָר דאָס יידישע האַרץ! משה רבנו איז אויך נישט געגאַנגען אין קיין קאַפּאָטע...

דאָקטאָראָוויטש האָט זיך אַריינגעמישט און ער האָט געזאָגט, אַז אים געפעלט דווקא, וואָס דער גאַסט נעמט אַזוי צום האַרצן די גאַנצע זאַך. ער זעט אין אים אַ העלד פון העברעאישן שרייבער מ. ז. פייערבערג. זיינע העלדן גייען אויך אַוועק פון דער אַלטער יידישקייט און זיי דאַכט זיך, אַז

די גאַנצע וועלט גייט מיט זיי אונטער. און דאָקטאָראָוויטש האָט צוגעזאָגט יאַנקלען, אַז אויב זיי וועלן וואוינען אין איינעם, וועלן זיי בייז"ע זוכן אַ נייע וועלט און אַ נייע יידישע וועלט. ער איז זיכער, אַז די נייע יידישע וועלט איז דאָך כמעט די זעלביקע, וואָס די אַלטע... אַ רבי האָט שוין אַמאָל געזאָגט, אַז ער גייט אויף אַ וועג, וואָס איז אין גאַנצן ניי און איז דאָך אַלט. אחד העם איז היינט אַזאַ רבי פאַר אַזעלכע פאַרלוירענע יונגע יידישע נשמות, ער איז אַ רבי, וואָס ווייזט אַ נייעם וועג, וואָס איז דאָך דער אַלטער יידישער וועג. נישט אומזיסט הייסן זיי דריי ביכער על פרשת דרכים — אויף דעם שייד־וועג. דער גאַנצער דור שטייט היינט אויף דעם שייד־וועג און ער זוכט דעם אמתן וועג. די פּאות און די קאַפּאָטע וועלן נישט געבן קיין ענטפער אויף די אַלע פאַרשאָלטענע לעבנס־פראַגן פון ייד און מענטש!

יאַנקל האָט געקוקט אויף דאָקטאָראָוויטשן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אין גאַנצן ענלעך צו אים. ער איז אַזוי דאַר און שוואַרץ ווי ער און ער האָט אַזאַ גרויסע נאָז ווי ער. ער האָט אַפילו אַזעלכע אַריבערגעבויגענע אויערן ווי ער. אויגן האָט ער אויך אַזעלכע שוואַרצע ווי ער, אָבער נאָך גרעסערע און ברענענדיקערע. אַ קול האָט ער געהאַט אַ הייזעריקלעכס, אָבער ווען ער האָט גערעדט העכער, האָט עס געקלונגען ווי ביי שלום יאָסי דעם חזן און ר'האָט זיך טאַקע אונטערגעזונגען. יאַנקל האָט זיך דערפילט גוט פון זיינע רייד און פון זיין אויסזען און ער האָט שוין געגמען חלומען פון דעם מאָמענט, ווען זיי וועלן ביידע וואוינען אין איין צימער און זיי וועלן לייענען און לערנען אין איינעם און בשותפות זוכן אַ וועג. דעם גאַסט צוליב זיינען שוין אַלע דריי געגאַנגען עסן מיטיק אין דער יידישער „סטאָלאָווקע" (גאַר־קיך) פון איינעם אַ קאַפּלאַן. עס קאָסט דאָרט, האָבן זיי געזאָגט, טייערער ווי אין דער „ביליקער קיך", דערפאַר אָבער איז דאָרט אַ סך געשמאַקער דאָס עסן און ס'איז ריינער און אַז מען וויסט ווי אַזוי, עסט מען אַ גוטן מיטיק פאַר זעקס קאָפּיקעס און מען האָט אַזאַ געשמאַק ראָסעלע ווי ביי דער מאַמען אין דער היים און נאָך מיט אַ קנישעקל דערצו.

קאַפּלאַן איז אַליין געווען אַ יידל מיט אַ ווייס בערדל און מיט אַ הינקענדיקן פוס און מיט אַ גוט, אָפן מילד פּנים און האַרציקע, וויינענדיק־לאַכנדיקע אויגן. ער האָט געטראָגן אַ קליינע יאַרמעלקע אויף דעם צעשויבערטן קאָפּ און ער איז מיט דעם הינקענדיקן פוס אַרומגעלאָפן נאָך מער ווי מיט דעם געזונטן. ער איז געלאָפן פאַר דריי. ביים אַריינקומען איז געווען אַ גרעסער חדר און אינעווייניק זיינען געווען עטלעכע קלענערע חדרים און אַלע זיינען געווען פול. עס האָט געשמעקט מיט ראָסל פלייש און מיט געפילטער קישקע און מיט קנישעקלעך פון קאַרטאָפליעס, מיט קנאָבל פון קאָטלעטן און אויך מיט פעפער און געפילטע פיש; אַ קליין ביסל האָט געשמעקט מיט וויין און בראָנפן. כמעט די אַלע, וואָס האָבן געגעסן דאָרט, האָבן אויסגעזען אַזוי ווי

דאָקטאָראָוויטש, אָדער טאָקע ווי יאַנקל. שוואַרצע, נישט קיין הויכע, דאַרע, מיט לאַנגע נעז. די מערסטע האָבן געטראָגן העמדלעך, אייניקע האָבן געטראָגן טוזשורקעס און זייער זעלטן האָט מען געזען איינעם מיט אַ געוויינלעך רעקל און מיט אַ קאָלנער, מאַנישקע און שניפּס. עס זיינען אויך געווען אַ סך, וואָס האָבן געטראָגן גרויסע „היטשקעס" האָר. יאָסיף פעלדמאַן האָט געזאָגט יאַנקלען, אַז די אַלע, וואָס זיצן דאָ, בורטשען זיי די מוזע. די מערסטע שרייבן העברעאישע שירים, אַנדערע שרייבן אויך רוסיש און עס פעלן נישט אַזעלכע, וואָס שרייבן פּשוט זשאַרגאָן. כמעט אַלע זיינען, אָדער אַלגעמיינע ציוניסטן, אָדער „גייסטיקע ציוניסטן", וואָס דאָס מיינט אחד העמיסטן. יאַנקל האָט געוואָלט וויסן דעם חילוק צווישן ביידע און דאָקטאָראָוויטש האָט געענטפערט, אַז דאָס קען מען נישט וויסן אויף איין פוס, מען דאַרף דאָס לערנען, אָבער ער וועט זיך נוהג זיין אַזוי ווי הלל הצדיק און ער וועט אים אויסלערנען תורה כולה אויף איין פוס. אַלגעמיינע ציוניסטן ווילן אַריבערפירן אַלע יידן קיין ארץ ישראל און אחד העם זאָגט, אַז אַלע יידן וועט מען נישט קענען אַרויספירן פון גלות און אַריינפירן קיין ארץ ישראל, מען וועט קענען אַריבערפירן נאָר אַ טייל און ארץ ישראל וועט ווערן דער „מרכז רוחני" (דער גייסטיקער צענטער) פאַר דעם גאַנצן יידישן פאָלק. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז פאַר זיין טאַטן איז ארץ ישראל פון שטענדיק אָן אַ מרכז רוחני, ער דאַוונט דריי מאָל אין טאָג מיט דעם פּנים קיין ארץ ישראל. דאָקטאָראָוויטש האָט געענטפערט, אַז דאַוונען איז גוט, ווען מען גלויבט און מען איז איבערצייגט, אַז גאָט זיצט אין הימל און ער הערט די תפילות... דער פרומער באַלעבאָס פון דער „סטאָלאָווקע" האָט באַלד דערקענט, אַז יאַנקל איז אַ נייער און ער האָט אים געגעבן אַ ברייטן שלום עליכם מיט אַ דאַרער האַנט און מיט אַ גוטן שמייכל. צוליב דעם גאַסט האָט ער זיך שוין געאיילט זיי צו מאַכן אַלע פּלאַץ און ער האָט זיי געזאָגט, אַז זיי מעגן זיך גיין וואַשן, אויב נישט פאַר פרומקייט, איז פאַר היגיענע. יאַנקל האָט זיך אין דעם אָנגעכאַפּט און ער איז געגאַנגען זיך וואַשן און ער האָט אינעווייניק אין זיך אַריין געזאָגט „שאו ידיכם" און ער האָט געמאַכט אַ „המוציא" און ער האָט אַפילו געבענטשט שטילערהייט אין זיך אַריין נאָך דעם עסן. און ער האָט זיך ערשט שפּעטער געגעבן חשבון, אַז ער איז געזעסן אָן דעם היטל... בעת דעם עסן האָט מען נישט אויפגעהערט ריידן און דיסקוטירן. מען האָט דיסקוטירט ביי די טישלעך און מען האָט אַריבערגעשריגן פון טיש צו טיש. מען האָט דיסקוטירט וועגן ליטעראַטור, וועגן די שירים פון לעצטן נומער „השלוח" און וועגן פאַרשיידענע מאמרים און מען האָט דיסקוטירט אויך וועגן אַלגעמיינעם ציוניזם און גייסטיקן ציוניזם און וועגן גייסטיקן נאַציאָנאַליזם און וועגן אַן אַנדער טעריטאָריע אויסער ארץ ישראל און וועגן אַ יידישן „סיים". מען האָט גערעדט אי העברעאיש, אי רוסיש, אי אויך דעם אָדע־

סער יידיש, וואָס איז געווען דריי פערטל רוסיש. זייער געציילטע האָבן גע־רעדט אַ ריינעם יידיש, אַזאַ, וואָס יאַנקל האָט ביז דעמלט נישט געהערט, אָבער נישט מיט קיין בעסאַראַבישן, אָדער אוקראַינישן דיאַלעקט, נאָר מיט אַ פּוילישן, אָדער ליטווישן. יאַנקל האָט נישט אַלץ פאַרשטאַנען. העברעאיש איז אים געווען נאָך שווערער צו כאַפּן ווי רוסיש, ווייל אייניקע האָבן גע־רעדט מיט דער ספרדישער הברה און אי באַיז געווען שווער צו כאַפּן דעם קלאַנג. אויך די אשכנזישע הברה איז אים נישט אַנגעקומען גרינג צו כאַפּן, ווייל מען האָט גערעדט ליטוויש. אָבער נישט נאָר צוליב די פרעמדע קלאַנ־גען פון העברעאיש און רוסיש און דעם נייעם יידיש האָט ער נישט פאַר־שטאַנען, וואָס מען האָט דיסקוטירט, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס אַ סך ווער־טער זיינען אים געווען פרעמד און ער האָט נישט פאַרשטאַנען זייער זין. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס „סיים" הייסט און דאָקטאָראָוויטש האָט אים געדאַרפט דערקלערן, אַז „סיים" הייסט אַ פּאַרלאַמענט און די „סיימאָוועצעס" פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל פריער צוזאַמענרופן אַ פּאַרלאַמענט מיט פאָרשטייער פון אַלע יידן און זיי זאָלן באַשליסן ווי אַזוי מען זאָל לייזן די יידישע פראַ־גע. יאַנקל האָט געזאָגט יאָסיפן, אַז אַ פּנים וואו יידן קומען זיך צונויף, מוזן זיי זיך מתווכח זיין און זיך קריגן. אין דער ישיבה אין קעשענעוו האָט מען זיך געקריגט ביי די טישן בעת דעם עסן. דאָרט האָט מען זיך געקריגט אי־בער דער תורה, איבער חסידים און מתנגדים, גוטע יידן און רבנים און דאָ איז מען זיך מתווכח איבער אַנדערע ענינים. אָבער ער האָט שטאַרק מורא, אַז די בחורים אין דער ישיבה ווייסן אַ סך מערער, וואָס זיי ווילן, ווי די דאָזיקע, וואָס זיצן דאָ... דאָקטאָראָוויטש האָט אים מודה געווען, אַז ס'איז אַזוי, אָבער, האָט ער געזאָגט, יענע גייען שוין אויף אַ וועג, וואָס מען פאַר־לירט אים און די דאָזיקע זוכן אַ וועג, וואָס מען דאַרף אים ערשט מאַכן. יאַנקל האָט באַמערקט ביי קאַפּלאַנען אין דער „סטאָלאָווקע" עטלעכע בחו־רים פון דער קעשענעווער ישיבה און ער האָט זיך מיט זיי אַרומגעכאַפּט און זיי האָבן זיך מיט אים אַרומגעכאַפּט און ער האָט יעדן געפרעגט און יעדער פון זיי האָט אים געפרעגט:

— דו ביזט אויך דאָ?

אין דער קעשענעווער ישיבה האָט זיך אייגער פאַר דעם אַנדערן באַ־האַלטן. יאַנקל איז געווען זיכער אויף יעדן באַזונדער, אַז ער איז אַ מוראַ־דיקער חסיד און יעדער איינער האָט דאָס זעלביקע געטראַכט וועגן אים. און ער האָט זיך דערוואוסט, אַז עס זיינען נאָך דאָ אַ סך געוועזענע קעשענעווער ישיבה בחורים און אַ סך זיינען געוואָרן אפּיקורסים און זיי זיינען געבליבן אין אָדעס. ווען שמחהלע, אָדער גמליאל, אָדער גאָר ר' שלום טשאַרטקאָווער וואָלטן זיי געזען אין דעם הולך, וואָס זיי גייען מיט די „קאַצאַפּסקע" העמדע־לעך מיט די גאַרטלען!... יאַנקל האָט געוואָלט נעמען ביי זיינע געוועזענע

קאָלעגן די אדרעסן, אָבער זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָ דאַרף מען נישט קיין אדרעסן. די „דוואָרניקעס" (הויז־וועכטער) און די באַלעבאָסטעס קוקן נישט גוט, אַז מען קומט צו גאַסט און חוץ דעם שטערט מען זיך טאַקע ביים לערנען. אין אָדעס איז געווען אַ מנהג, אַז מען טרעפט זיך אַמאָל אין דער „סטאָלאָווקע", אָדער אין דער „דיעשאָווע קוכניאַ" (ביליקע קיך) און זונטיק טרעפט מען זיך אין „יבנה". יאַנקל האָט געוואוסט וועגן יבנה מיט אירע חכמים, וועלכע ר' יוחנן בן זכאי האָט אויסגעבעטן ביי די רוימער, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס „יבנה" האָט צו טאָן מיט אָדעס. האָט מען אים שוין דערציילט, אַז „יבנה" איז אַ ציוניסטישע שול, וואוהין עס קומען זיך צונויף יעדן שבת און יעדן זונטיק נישט נאָר ציוניסטן. מען דיסקוטירט דאָרט אין פּאָליש און אין הויף און מען האַלט רעדעס און מען לאָזט נישט ריידן אויך. אַז עס געפעלט נישט און מען מאַכט סקאַנדאַלן... אין יבנה איז דער נישט לאַנג פאַרשטאָרבענער העברעאישער און יידישער שרייבער א. ל. לעווינסקי געווען גבאי און דער גרויסער העברעאישער שרייבער און ציוניסט משה לייב ליליענבלום האָט דאָ אויך געהאַלטן רעדעס. און ווער נישט? מען דאַוונט דאָרט אויך, אָבער דאָס דאַוונען איז נישט דער עיקר, דער עיקר זיינען די רעדעס און די דיסקוסיעס. יאַנקלען האָט זיך נישט געגלוסט אָפּטיילן פון זיינע געוועזענע חברים און ער האָט זיך קוים געזעגנט מיט זיי און זיי האָבן אים נאָכגעשריבן: „שבת אין יבנה"...

יאָסיף האָט יאַנקלען נישט אָפּגעלאָזט, ער האָט אים געשלעפּט צו עטלעכע באַקענטע מיידלעך, צווישן וועלכע איינינקע זיינען געווען פון פּעטראָווקע, וואָס ער האָט געקענט פון פריער. איינע איז געווען אַ „קורסיסטקע" (סטודענטקע) און די אַנדערע זיינען געווען גייטאָרנס. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט אים און זיי האָבן אים באַגריסט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשוירן די פּאות און ער האָט אויסגעטאָן די קאַפּאָטע און ער איז געוואָרן אַ פרייער מענטש. אים האָט פון דער גאַנצער געשיכטע געטריפט דאָס בלוט פון הארצן און ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז די פרייד. ער האָט אויך נישט געגלויבט, אַז מען פרייט זיך טאַקע מיט אים, ער האָט מורא געהאַט, אַז מען מאַכט חוזק פון אים... אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט אַוועקצוגיין ערגעץ אין אַ באַהאַלטן ווינקל און דאָרט זיך אויסוויינען, אָבער ער האָט געמאַכט אַ שמייכלענדיק פּנים, ווייל ער האָט נישט געוואָלט אַרויסווייזן, אַז אים איז אַזוי טרויעריק. צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט ער געמאַכט אַ פריילעך פּנים, ווען אים איז געווען טרויעריק, ביז דעמלט האָט ער געוויזן אַ פריילעך פּנים, ווען ער איז געווען פריילעך און אַ טרויעריק פּנים, ווען אים איז געווען טרויעריק. ער האָט געפילט, אַז דאָס איז נאָר צום ערשטן, אָבער נישט צום לעצטן מאָל. ער וועט נאָך אַ סך מאָל אין זיין לעבן דאַרפן אָפּנאַרן... אפשר אַכט מיידלעך האָבן דאָרט געוואוינט אין זעלביקן הויז, אין

דריי באַזונדערע צימערן. איינע פון זיי איז געווען אַ פּעטראָווקער בעל מלאכהס אַ טאָכטער. איר טאַטע איז געווען אַ שניידער, וואָס האָט געהייסן שעיה און ער האָט געהאַט אַ שיינע ווייסע באָרד. ער איז געווען ענלעך צו אהרן לערער פון קיליע. ער איז געווען אַ ציוניסט און ער האָט געוואָלט, אַז זיינע קינדער זאָלן קענען העברעאיש. ער האָט אויך געהאַט אַ ווייגאָרטן און די יינגלעך זיינע, וואָס האָבן אויך געקענט שניידעריי, האָבן געאַרבעט אין די ווייגאָרטנער. דער פאָטער האָט געזאָגט, אַז אין ארץ ישראל וועט עס זיי צונוץ קומען. דאָרט דאַרף מען קענען אי אַרבעטן ערד, אי מלאכה. דער אַלטער שניידער האָט זיך באַמיט צו ריידן ווי אַן איידלער מענטש און ער האָט זיך טאַקע קיינמאָל נישט אַרויסגעכאַפּט מיט קיין פּראָסט וואָרט. סיידן קיינער איז נישט געווען דערביי... יאַנקל האָט אַמאָל אַליין געהערט אַ מיאוס וואָרט, וואָס ער האָט געזאָגט זיין ווייב טאַקע ביי זיך אין שטוב. יאַנקל איז געקומען צו גאַסט צו זיין קלענער יינגל און דער פאָטער האָט נישט געוואוסט, אַז ער איז דאָ. דער אַלטער שניידער האָט זיך דערנאָך אַ לאַנגע צייט געשעמט אים צו קוקן אין די אויגן אריין, גלייך ער וואָלט גע־ווען אַ קליין יינגל און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל נישט דערציילן דעם שוואָגער זיינעם דעם שוחט. ער האָט געזאָגט, אַז ביי אַ מענטשן קען זיך אַמאָל אַרויסכאַפּן, ווייל אַ מענטש איז נישט קיין מלאך. זיין טאָכטער האָט געהייסן פאַניאַ און מען האָט זיך נאָך אין פּעטראָווקע גערופן פאַניאַ שעכטמאַן און אייניקע האָבן זי גאָר גערופן „פאַניאַ איסאַיעוונאַ". זי איז געווען אַ זייער שוואַרצהויטיקע, אַ ברענענדיקע ברונעטקע, האָט מען געזאָגט. זי איז געווען אַ דאַרענקע און אַ בויגזאַמע און האָט געהאַט ברענענדיקע אויגן און ליפּלעך ווי רויטע פעפערלעך. די אויגן זיינען ביי איר שטענדיק אַרומ־געלאָפן אַהין און צוריק און זיי האָבן געשרפעט ממש. זיי האָבן עפּעס ווי געלאַכט און געוויינט צוזאַמען די אויגן אירע. זי האָט געהאַט דין קולכל מיט אַ קורצן אָטעם. יאַנקל האָט נאָך אין פּעטראָווקע געפילט צו איר אי אַ ליבע, אי אַ שנאה. עס האָט אים געצויגן צו איר, אים האָט זיך געגלוסט קוקן אויף אירע אויגן און אויף אירע ליפּן, אָבער ער האָט פיינט געהאַט איר קול. ער האָט זי אויך פיינט געהאַט פאַרוואָס זי האָט שטענדיק גערעדט נאָר רוסיש. אַנדערע מיידלעך האָט ער דאָס מוחל געווען, אָבער איר נישט. ער האָט גע־האַלטן, אַז אַ שניידערס אַ טאָכטער דאַרף ריידן יידיש... און ווען פאַניאַ שעכטמאַן האָט יאַנקלען איצטער כמעט ווי אַרומגענומען און זי האָט אים געבערנט מיט די אויגן און געאָטעמט אויף אים מיט די ליפּן, וואָס זיינען געווען אַזוי וואַרעם און זי האָט גערעדט מיט איר קורץ אָטעמדיק קולכל אויף רוסיש און האָט אים באַגריסט און האָט אים געזאָגט, אַז ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי אים געקושט, איז עס אים אי געפעלן, אי עס האָט אים אויפגערעגט. אַלע אַכט מיידלעך האָבן אים אַרומגערינגלט אַזוי ווי

עפּעס אַ בייז וואונדער און זיי האָבן אים באַקוקט און באַטאַפּט אַזוי ווי אַ ליאַלקע. יאָסיף האָט געזאָגט, אַז ער ווערט אַזש אייפערזיכטיק און ער האָט זיך געוואָרפן קושן צו אַלע און ווער ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, האָט ער געקושט. יאַנקל האָט אים אַ מקנא געווען, אַז ער האָט געפילט אַ פאַרדרוס צו אים. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט קיינמאָל נישט קענען זיך האַלטן אַזוי פריי, אויף אים וועט שוין שטענדיק בלייבן דער שעמעוודיקער ישיבה בחור. און די גאַנצע געזעלשאַפט האָט אים אָנגעהויבן נמאס ווערן. אַוועקגיין האָט ער זיך געשעמט, האָט ער געבעטן מען זאָל אים גיבן אַ פּלאַץ וואו צו שרייבן אַ בריוו אַהיים. יאָסיף האָט באַלד דערציילט, אַז ער איז אַוועק פון די פּאַנאַטישע עלטערן אָן זייער וויסן און איצטער וויל ער זיי שרייבן אַ בריוו, אַז זיי זאָלן קיין יסורים נישט האָבן. אַלע מיידלעך זיינען אים געווען גרייט צו העלפן און זיי האָבן אים צונויפגעטראָגן אַ טינט און פּעדער, אַ ראָזעווע בייגעלעך פּאַפּיר מיט קאָנווערטן און זיי האָבן אים אָנגעגרייט אין אַ ווינקל. יאַנקלען האָט פאַרדראָסן, וואָס יאָסיף האָט זיי דערציילט וועגן זיין אַנטלויפן און פאַרוואָס ער האָט זיינע עלטערן אָנגערופן פאַנאַטישע. ער האָט געפילט אין דעם אַ באַליידיקונג. זיינע טאַטע און מאַמע זיינען טייערע און גוטע מענטשן, וואָס זיי האָט געטראָפן אַן אומגליק — זייער זון איז אַראָפּ פון גלייכן וועג...

דעם בריוו האָט ער געשריבן אַזוי ווי ער פלעג שרייבן אין קעשענעוו — האַלב לשון קודש און האַלב אין יידיש. אָנגעהויבן האָט ער מיט ב"ה (בעזרת השם — מיט גאָטס הילף) אָבער ווען ער האָט געדאַרפט שרייבן די סדרה, האָט ער נישט געוואוסט און עס האָט לאַנג געדויערט ביז וואַנען ער האָט אויסגערעכנט וואָס פאַר אַ סדרה עס גייט. ער האָט לאַנג געטראַכט, ווען ער האָט פאַרענדיקט וועגן דעם, אַז ער איז געזונט און ער דערוואַרט צו הערן פון זיי דאָס זעלביקע און ער האָט געדאַרפט אָנהייבן דעם בריוו אַליין. ער האָט געשריבן, אַז ער פילט זיך ווי אַ זינדיקער און ווי אַ ווידערשפּעניקער (ער האָט געשריבן „בן סורר ומורר") און ווען ער שרייבט די דאָזיקע שורות, וויינט ער, אָבער אַנדערש האָט ער נישט געקענט. עס איז אין אים אַריין אַ גייסט, ער ווייסט נישט, צי אַ בייזער, צי אַ גוטער און ער האָט אים געטריבן. דערווייל איז ער מיט טודרוסעס זון, מיט פעלדמאַנען פון פּעטראָווקע, וואָס איז נישט אַזאַ ירא שמים, אָבער אַ זייער גוטער ייד. ער דאַרף אָנהייבן צו זוכן. אפשר וועט ער לערנען אין דער אָדעסער ישיבה און אפשר וועט ער לערנען נאָר „עקסטערנע" רוסיש און יידישע זאַכן וועט ער אם ירצה השם אַליין לערנען. ער האָט מיט איציק זיידמאַן אַ סך מאָל גערעדט וועגן דעם און ער וועט דערציילן טאַטע־מאַמע, אַז ער האָט אים צוגעזאָגט צו זיין אַ ייד... מער האָט ער נישט געשריבן. ער האָט געשריבן מיט אַ העברעאישער מליצה, אַז „זיין פעדער איז געבליבן שטיין און זי גייט נישט

ווייטער״ און ער האָט געפילט, אַז עפּעס פּאַסט נישט אַזוי צו שרייבן צום טאַטן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט מעקן און ער האָט דעם בריוו אַזוי אַוועקגעשיקט.

שפּעט פאַרנאַכט איז יאָסיף געגאַנגען מיט יאַנקלען אָפּנעמען די זאַכן ביי ראובן בערן אין דער אכסניה. ער האָט מורא געהאַט, אַז דער אַלטער בעל אכסניה וועט באַלד באַמערקן, אַז ער איז אָן פּאות און ער האָט געוואָלט אַראָפּרוקן דעם קאַפּעליוש אַזוי, אַז מען זאָל נישט אָנזען. צום גליק איז ראובן בער נישט געווען אין שטוב און פייסיע האָט זיך רעכט אויף אים נישט אומגעקוקט. יאַנקל האָט געזוכט צווישן זיינע זאַכן די תפילין און ער האָט דערזען, אַז זיי זיינען נישטאָ און עס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן, ער האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען וועלן זיך דער־פון שטאַרק ערגערן. דערווייל האָט ער דערטאַפּט אויף אַ פענצטער ליגן אַ פּאָר תפילין און ער האָט זיי אויף גיך אָנגעטאָן און געמאַכט די ברכות און געזאָגט קריאת שמע און זיך געשטעלט שמונה עשרה. ער איז אַוועק אַ רוי־איקער מיט פעלדמאַנען, ער איז אין יענעם טאָג נאָך נישט געווען קיין קרקפתא דלא מנח תפילין און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט ווי טאַטע־מאַמע פרייען זיך מיט אים...

☆

קאפיטל צוויי

ביכער, ליבעס, הונגער און א ניי לעבן

יאסיף דאקטאראוויטש איז געווארן יאנקלס חבר צו א קליין צימער, פאר וועלכן זיי האבן ביידע געצאלט צען רובל א חודש און זיי האבן שוין דערפאר געקראגן בעטגעוואנט און „קיפיאטאק" (זידיק וואסער) צוויי מאל אין טאג. דאס צימער איז געווען ווייס און ארעם. עס האט געהאט צוויי בעטן, א טישל אן א טישטוך און א „וויעשאלקע" (הענגער) אויפצוהענגען די איבערציערס. דאס וועש האבן ביידע געהאלטן אין די פעקלעך און די ביכער האט דאקטאראוויטש געהאלטן אויף דער ערד. יאנקל האט נאך קיין ביכער נישט געהאט. די ווענט זיינען געווען אין גאנצן נאקעט. נאר איין בילד טאלסטאיס האט געהאנגען. יאנקל האט זיך נישט אויפגעהערט איינצוקוקן אין דעם דאזיקן בילד פון דעם אלטן גרויסן פויער, וואס האט זיך גערופן גראף טאלסטאי. אים האט זיך געדאכט, אז ביי זיי אין דער קאצאפסקע „מאהאלע" (פעריפעריע) האט ער געזען א סך אזעלכע פויערים. דאך האט אים דער אלטער מאן פון בילד זייער גערייצט, ער האט אים אויסגעזען נישט נאר ווי א גוי, נאר אויך ווי א ייד. ער האט אים אויסגעזען אי עפעס ווי דער ווילנער גאון, אי ווי דער אלטער סקווערער רבי, וועלכן ער האט א פאר מאל געזען אין קעשענעוו. יאנקל האט געוואלט וויסן, וואס איז ער פאר א מאן דער דאזיקער טאלסטאי וועגן וועלכן מען רעדט אזויפיל אומעטום און וואס אזוינס שרייבט ער. דאקטאראוויטש איז געווען עלטער מיט א פאר יאר פון אים און ער האט שוין שטודירט דעם זעקסטן קלאס גימנאזיע. ער איז נישט געווען קיין גרויסער למדן, אבער ער האט געקענט דאס מאדערנע העברעאיש און ער האט שוין געקענט גוט רוסיש און ער איז געווען באלעזן אין ביידע שפראכן. ער האט שוין געהאט איבערגעלייענט גאנץ טאלסטאי, אבער דערקלערן אויף איין פוס טאלסטאיס גרויסקייט, האט ער נישט געקענט. ער איז א שרייבער. ער שרייבט דערציילונגען, ראמאנען... יאנקל האט געפרעגט, צי אזוי ווי שמ'ר און ער האט געפילט, אז ער פרעגט א נארישקייט. דאקטאראוויטש האט געזאגט, אז שמ'ר טראכט אויס, ער שרייבט נארישע און נישט געשטויגענע מעשהס און פאנטאזיעס. טאלסטאי

שרייבט פון לעבן אַליין. ער באַשרייבט זיין אייגן לעבן און ער באַהאַלט נישט דעם אמת. אָבער נישט אין דעם אַליין איז זיין גרויסקייט, זיין גרויסקייט איז, וואָס ער איז די נשמה און דאָס געוויסן פון רוסישן פאָלק. וויפל מאָל דער צאַר, אָדער די מיניסטאָרן טוען שלעכטס, רופט ער זיך אָפּ און ער מאָנט גערעכטיקייט. נאָר ווען יידן האָט ער זיך נישט געגוג אָפּגערופן, ווען מען האָט געמאַכט פּאָגראָמען אויף זיי, אָבער עס זיינען סיי ווי דאָ אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז טאָלסטאָיס גרויסקייט באַשטייט נישט אין זיין מאָראַל, נאָר אין דעם, וואָס ער איז אַ גרויסער קינסטלער. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז טאָלסטאָיס מאָראַל איז נישט ניי און זי איז גאָרנישט ווערט און גרויס איז ער דווקא אַלס אַ מאָלער פון די רוסישע מענטשן מיט זייער ליכט און פינצטערניש, מיט זייערע גרויסקייטן און קליינקייטן, מיט איין וואָרט — מיט זיין טאַלאַנט.

יאַנקל האָט שוין די ווערטער קינסטלער און טאַלאַנט געהערט אַ סך מאָל, זייט ער האָט אָנגעהויבן לייענען נישט קיין הייליקע ספרים. לייבוש פלעג זאָגן אויף שמר'ן: „אוי, איז ער אַ טאַלאַנט, אַ ממזר, אַז דער רוח זאָל אים נעמען!" ער האָט געוואוסט, אַז טאַלאַנט הייסט אויף העברעאיש „כישרון" און ס'איז עפּעס אַזאַ אייגנשאַפט, וואָס מען האָט פון גאָט, אָדער פון דער נאַטור. די גרויסע העברעאישע משוררים האָבן טאַלאַנט. וועגן קיין העברעאישע דערציילער, אַז זיי האָבן טאַלאַנט, האָט ער נישט געהערט. פּאָדאָלסקי האָט אים געגעבן צו לייענען פּרץ סמאָלענסקינס „התועה בדרכי החיים" נישט צוליב דעם טאַלאַנט פון מחבר, נאָר צוליב דעם, אַז ער זאָל זיך אָפּלערנען פון די פעלערן, וואָס דער בחור יוסף, דער דאַזיקער, וואָס האָט געבלאָנדזשעט אויף די וועגן פון לעבן, האָט געמאַכט דורך דעם, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פאַרפירן פון פינצטערע מענטשן און ער זאָל נישט ווערן אַזוי ווי ער. און יאַנקל האָט די זאַך אָנגענומען ווי אַ משל און ווי אַן אויסגעטראַכטע מעשה. אים האָט זיך נישט געגלויבט, אַז עס זיינען פאַראַן אַזעלכע יידן, ווי סמאָלענסקין שילדערט. דאָס וואָרט „קינסטלער" האָט ער אויך געוואוסט, אַז אויף העברעאיש הייסט עס „אומן" אָבער אויף העברעאיש, האָט זיך אים געדאַכט, מיינט עס, אַז יעדער בעל מלאכה, וואָס איז אַ גרויסער בריה און ער מאַכט שיין די זאַכן, הייסט אַ קינסטלער. און דאָ, זאָגט אים דער חבר זיינער, אַז אַ סך מענטשן האַלטן דעם גראַף טאָלסטאָי, מיט וועלכן עס רוישט די גאַנצע וועלט און זייט ער געדענקט זיך, רעדט מען וועגן אים און אפילו זיין טאַטע האָט אַמאָל שוין געזאָגט, אַז ער איז איינער פון די חסידי אומות העולם, אַז ער איז אַ גרויסער גראַד אין דעם, וואָס ער שרייבט מעשהס און ראָמאַנען. דאָס דאַזיקע, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן די גאַנצע רייכקייט זיינע צו די פּויערים און ער האָט זיי אַוועקגעגעבן זיין אייגן לעבן, איז טאַקע שיין, אָבער ס'איז נישט געפערלעך. זייט אַזוי פיל

הונדערטער יאָרן זויגן די פּריצים דאָס בלוט ביי די פּויערים, האָט געמעגט קומען איין פּריץ און תשובה טאָן און עפּעס אָפּגעבן צוריק די פּויערים. דאָס דאַזיקע, וואָס ער זאָגט, אַז מען זאָל זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם שלעכטס, האָט שוין יעזוס געלערנט און עס האָט נישט געהאָלפן. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס האַלטן, אַז דאָס שלעכטס דאַרף מען באַקעמפן, מען דאַרף פירן קעגן דעם אַ גרויסע מילחמה, ביז וואַנען עס וועט אויפהערן. די סאָציאַליסטן פירן אַזאַ מילחמה... און דאָס דאַזיקע, וואָס ער הייסט זיין מאָראַליש מיט ווייבער, לאַכן אַ סך גאָר דערפון און זיי זאָגן, אַז ווען טאָלסטאָי אַליין איז געווען יונג, האָט ער אַנדערש געהאַלטן. עס איז אים גרינג אַזוי צו זאָגן איצטער, ווייל ער איז שוין אַלט אַריבער אַכציק יאָר. אויך פון דעם, וואָס ער הייסט זיין וועגעטאַריאַנער און נישט עסן קיין שום לעבעדיקע זאַך צוליב צער בעלי חיים האַלטן אַ סך נישט דערפון און זיי זאָגן, אַז די וועלט וואָלט נישט געהאַט קיין קיום אָן דעם, כאָטש מען זאָגט, אַז אין אינדיע עסט קיינער נישט קיין לעבעדיקע זאַכן. דער עיקר, זאָגן אַ סך, איז טאָלסטאָי דער קינסטלער, וואָס קען אַריינקוקן אין דער נשמה אַריין פון מענטשן און קען דערציילן, וואָס דאָרט טוט זיך און ער קען באַשרייבן דאָס גאַנצע לעבן. זיינען יאַנקלען די דאָזיקע ווערטער נישט קלאָר געווען. ער האָט געוואוסט, אַז אַ גרויסער מענטש איז דער דאָזיקער, וואָס איז אַ גרויסער קאָפּ און ער האָט געהויבענע געדאַנקען, אָדער אַזאַ איינער, וואָס וויל ברענגען גוטס אויף דער וועלט און ער גייט אַליין אין פייער אַריין אויף קידוש השם. די נביאים זיינען געווען גאָר גרויסע מענטשן, זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און זיי האָבן געשטראָפט די מענטשן פאַר זייערע זינד אין אַלע גאַסן און זיי האָבן אַפילו די קעניגן געשטראָפט. אַ סך פון זיי האָט מען טאַקע אומגעבראַכט. צו די נביאים האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט און ער האָט זיי געהייסן אַזוי ריידן און זיי האָבן געמוזט פאָלגן, זיי האָבן אַנדערש נישט געקענט. יונה הנביא האָט געוואָלט אַנטלויפן פאַר גאָט, האָט דער ים געוואָלט אומברענגען זיין שיף. איז אַ קינסטלער אויך אַזאַ מין סאָרט, וואָס גאָט הייסט אים זאָגן דעם אמת? דאָקטאָראָוויטש זאָגט. אַז אַ קינסטלער איז פאָרט נישט קיין נביא. עס זיינען דאָ קינסטלער, וואָס זוכן גאָר נישט צו זאָגן דעם אמת. זיי זוכן נאָר ס׳זאָל זיין שיין און מען זאָל הנאה האָבן פון דעם לייענען. ביי פּושקינען זיינען דאָ אַ סך לידער, וואָס מען לערנט גאָרנישט פון זיי, אָבער זיי זיינען נאָר שיין. אַפילו אברהם מאַפּוס „אמנון ותמר” איז אַ שיינע מעשה וועגן אַ ליבע, אָבער נישט צום לערנען... די קענער פון קונסט זאָגן גאָר, אַז ווען אַ שרייבער שרייבט צום לערנען, איז עס דידאַקטיש... ס׳איז ווי אַ ביכל פאַר קינדער, אָדער ס׳איז טענדענציעז, ס׳הייסט, ס׳איז דער עיקר דער געדאַנק און דער עיקר דאַרף זיין דאָס בילד....

— צו וואָס זשע דאַרף מען לייענען, אויב נישט צו לערנען פון דעם?
— האָט יאַנקל געפרעגט.

— די לערע — האָט דאָקטאָראָוויטש געענטפערט — קומט שוין אַליין אַרויס. און מענדעלע מוכר ספרים, דער גרעסטער יידישער און העברעאישער שרייבער, וואָס וואוינט טאַקע אין אָדעס, זאָגט, אַז ער האָט נישט ליב אַ שיין קאַרטינקעלע אַליין, נאָר ער האָט ליב, אַז אונטער דעם קאַרטינקעלע זאָל זיין אַ שיינער געדאַנק. און רבי יהודה הלוי האָט אין גאַנצן נישט געהאַלטן פון ביימער מיט בלומען אָן פרוכטן... אַמאָל זיינען טאַקע נישט געווען קיין העברעאישע שרייבער, וואָס זאָלן נישט וועלן עפּעס לערנען מיט זייערע ווערק, ערשט די לעצטע צייט האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַזעלכע. און סיי ווי מוז מען עפּעס לערנען פון קונסט. מען לערנט דאָס לעבן...

דאָקטאָראָוויטש האָט גערעדט מיט אַ סך רוסישע און פרעמדע ווערטער און ער האָט זיי אַלע מאָל געדאַרפט פאַרטייטשן יאַנקלען און ער האָט צום לעצט צוגעגעבן, אַז דאָס אַלץ קען מען מיט איין מאָל נישט דערקלערן. עס זיינען דאָ ביכער וועגן דעם אַלעמען און די ביכער אַליין העלפן אַמאָל אויך נישט. ווען יאַנקל וועט אָנהייבן לערנען דעם קורס פון גימנאַזיע, וועט ער באַלד לערנען „טעאָריאַ סלאָוועסנאָסטי" (די טעאָריע פון דער וואָרט־קונסט) און דאָס דאָזיקע וועט אויך נישט האָבן קיין ווערט. פונקט ווי מען דאַרף קענען שאַפן קונסט, דאַרף מען אויך קענען געניסן. מען דאַרף האָבן אַ טאַלאַנט דערצו. איינעם געפעלט אַ שיין ליד און אַ צווייטן נישט. איינער האָט אַ חוש הריח און ער פילט דעם ריח פון בשמים און פאַרפום און אַן אַנדערער האָט אַ פאַרשטאָפּטע נאָז. יאַנקל האָט דערמאָנט טאַקע זיין טאַטן און דאָקטאָראָוויטש האָט אים געזאָגט: זעסטו שוין? און ער האָט דערציילט, אַז זיין טאַטע קען גוט רוסיש, אָבער אַז ער גיט אים צו לייענען פּושקינס שירים, לאַכט ער פון זיי. און י. ל. גאָרדאָנס שירים געפעלן אים, זיי זאָגן עפּעס, זיי שטראָפן פאַר עפּעס. דאָקטאָראָוויטשעס טאַטע איז אַ פרומער און ער זאָגט, אַז י. ל. גאָרדאָן איז טאַקע אַ ימח שמוניק, אָבער זיינע שירים האָבן פאָרט אַ טעם. און ער אַליין, דאָקטאָראָוויטש, האָט דווקא ליב די רוסישע לידער פון פּושקינען, לערמאָנטאָוון און טיוטשעוון. ער האָט ליב דעם קלאַנג זייערן און ווי אַזוי זיי באַזינגען די רוסישע פעלדער אום זומער און אום ווינטער און די ליבע און די בענקשאַפט. אוי, ווי זיי באַשרייבן די בענקשאַפט פון די יונגע מענטשן! „מיין בענקשאַפט, האָט דאָקטאָראָוויטש געזאָגט, באַשרייבן זיי און דיינע, כאָטש דו האָסט זיי נאָך נישט געלייענט, האָבן זיי באַשריבן". און ער האָט געזאָגט אויף אויסנווייניק אָן אַ שיעור שירים פון פּושקינען און פון לערמאָנטאָוון. נישט אַלץ האָט יאַנקל פאַרשטאַנען, אָבער ס'האָט אים אַ נעם געטאָן און ער האָט אין געדאַנק באַלד געפּרוּווט זיך איבערזעצן אַסך פון די שורות, בכדי זיי בעסער צו דערפילן.

איבערהויפּט איז אים באַלד פאַרבליבן אין זיכרון טיוטשעווס אַ ליד Silentium (דאָס שווייגן), אין וועלכן דער דיכטער האָט געהייסן שווייגן און באַהאַלטן די געפילן און די חלומות, וואָס זאָלן אויפגיין און פאַרגיין אַזוי ווי העלע שטערן אין דער נאַכט. און צום מערסטן איז פאַרבליבן ביי אים די שורה:

וויַ קאָן אַן אַנדערער דיך פאַרשטיין?

אים האָט זיך געדאַכט, אַז זייט ער האָט חברים, האָט נאָך קיינער טאַקע אים נישט פאַרשטאַנען, כאָטש ער אַליין וואָלט נאָך אויך נישט געקענט זאָגן, וואָס ער וויל... ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער זיך גענומען לייענען טיוטשעוון, אָבער גענומען לייענען האָט ער טאָלסטאָיען. ער האָט זיך באַלד פאַרשריבן אין דער ביבליאָטעק פון דער „חברה מפיצי השכלה" און ער האָט דאָרט איינגעלייגט אַ רובל און גענומען טאָלסטאָיס ביכער און וואו ער האָט ערגעץ געזען טאָלסטאָיס אַ בוך ביי די באַקאַנטע, וואוהין יאָסיף פעלדמאַן האָט אים געפירט, האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל אים לייען. יאָסיף פלעג אומעטום באַמערקן, אַז ער איז אַ „נאָוויטשאָק", ער איז נישט לאַנג אַרויס פון דער ישיבה און ער כאַפּט זיך צום לייענען. ער האָט עס געזאָגט זייער גוטמוטיק, אָבער יאַנקלען פלעג עס דאָך פאַרדריסן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז נישט נויטיק יעדן איינעם צו דערציילן זיין יחוס און ער האָט אין זיך אַריין געברומט טיוטשעווס שורה:

ווי קאָן אַן אַנדערער דיך פאַרשטיין?

איבערהויפּט איז יאַנקל דעמאָלט אַריינגעקומען אין איינעם מיט יאָסיפן אין שטוב אַריין פון איינעם אַ יידן שלייען. ער איז געווען פון אַ קליין שטעטל לעבן אָדעס און אַ פּעטראָוועקער איידעם און ער איז אין אָדעס געוואָרן אַ האַלבער עושר. ער האָט געהאַט אַ קלייט פון פאַרבן און ער האָט געהאַט אַ זייער שיינע שטוב מיט צוויי דינסטן. ער האָט געהאַט אַ פרוי, וואָס איז געווען אַ גאַנצע אינטעליגענטקע. זי איז געווען אַ קיילעכדיקע און אַ פּעטינקע. דאָס פּעטקייט האָט פון איר אָראָפּגערונען, אָבער דעמאָלט האָט מען דאָס דאָזיקע נישט געהאַלטן פאַר קיין חסרון. און זי איז טאַקע געווען שיין און רייצנדיק און יאַנקל איז אין איר באַלד געוואָרן פאַרליבט שטילערהייט. זי האָט געטראָגן ברילן און כאָטש זי איז געווען אַ קליינינקע, האָט זי זיך געהאַלטן וואַזשנע. גערעדט האָט זי נאָר רוסיש, נאָר אַמאָל האָט זי אַ רייד געטאָן אויך יידיש. אָבער ווען זי האָט גערעדט יידיש, איז זי עפּעס געוואָרן אויס אינטעליגענטקע. זי האָט גערעדט אַזוי פּראָסט, אַז זי האָט שוין אויסגעזען ווי אַ דינסט־מויד... דער מאַן אירער איז געווען אַ סך העכער פון איר און דאַרער און ער האָט נישט אויסגעזען אינטעליגענט און ער האָט זיך נישט געמאַכט אינטעליגענט. אָבער דאָס גוטסקייט איז אים געליגן אויף דעם פּנים. ער האָט כמעט גערעדט נאָר יידיש, כאָטש ער האָט שוין געקענט ריידן

ריכטיק רוסיש. ער האָט גערעדט דאָס אָדעסער יידיש מיט אַ סך רוסישע ווערטער, אָבער עס איז ביי אים אין מויל נישט געווען אזוי פּראָסט, ווי אין זיין ווייבס מויל. ער איז אַ גאַנצע וואָך געוואָרן באַוואַקסן און ערב שבת האָט ער זיך אָפּראַזירט. ער האָט אויף שבת נישט פאַרמאַכט די קלייט, דאָך האָט מען ביי אים געפּראַוועט פּריוואַטיק צו נאַכט אַ סעודה און די פרוי האָט אָנגעצונדן ליכט. אין אָדעס האָט ער נישט געהאַט קיין גוואַלדיקן נאָמען, עס זיינען געווען אַ סך אַזעלכע יידן ווי ער, אָבער אין פּעטראָוווקע האָט ער געהאַט אַן אומגעהויער גרויסן נאָמען, דאָרט האָט מען געמיינט, אַז ער איז כמעט דער רייכסטער ייד פון אָדעס און ער האָט פּונקט אַזויפיל דעה וויפל דער „גראַדאַ נאַטשאַלניק". ווער ס'איז געקומען פון פּעטראָוווקע קיין אָדעס, איז איינגעשטאַנען ביי שלייענען, אָדער ער האָט כמעט געגעסן אַ מיטיק ביי אים און אַז ער האָט געדאַרפט אַ טובה, איז שלייען געגאַנגען אין פייער אַריין. דערפאַר, אַז ער איז איין מאָל אין אַ צוויי יאָר געקומען אויף אַ יידישן, אָדער קריסטלעכן יום טוב צו גאַסט קיין פּעטראָוווקע, איז דאָס שטעטל געגאַנגען כאָדאָראָם. מען האָט אים אין שול געגעבן די גרעסטע עליה און צום שווער זיינעם, ביי וועמען ער איז איינגעשטאַנען, האָט דאָס גאַנצע שטעטל געשיקט מיט די געסט. יאַנקל האָט איינמאָל געזען שלייענען אין פּעטראָוווקע און ווען ער האָט אים דערנאָך געזען אַ פאַרשמירטן פון פאַרב און פאַרוואַקסענעם ביי זיך אין קלייט, האָט ער נישט געגלויבט, אַז ער איז דער זעלביקער.

ביי שלייענען אין שטוב פלעג מען זיך צונויפקומען יעדן שבת צו נאַכטס און דאָרט פאַרברענגען ביז אין טאָג אַריין. מען האָט דיסקוטירט און דעקלאַמירט און געזונגען. די מאַדאַם שלייען האָט אַליין אויך שיין געזונגען. זי האָט זיך לאַנג געלאָזט בעטן, און זי איז נישט געווען שטאַרק סימפּאַטיש, ווען זי האָט זיך געלאָזט בעטן, אָבער ווען זי האָט שוין געזונגען, איז זי געוואָרן זייער חנוודיק און ס'איז זי געווען אַ מחייה צו הערן. און דעמלט פלעג יאַנקל אין איר גאָר זיין פאַרליבט, מער נאָך וויפל אין פאַניאַ שעכטמאַן. מער פון אַלע האָט פריילעך געמאַכט יאָסיף פעלדמאַן, וואָס האָט געזונגען און דעקלאַמירט און געשפּילט סצענעס פון טעאַטער. ער האָט אַלעמען איינגעשפּאַנט צו שפּילן סצענעס פון טעאַטער, און זיך מאַכן משוגע, יאַנקלען אויך. און איייניקע האָבן געזאָגט, אַז אין די קאָמישע סצענעס האָט ער טאַלאַנט, אָבער אים איז געפעלן געווען סתם דאָס פריילעך זיך מאַכן. זייער אָפט זיינען זיי אַלע ארומגעלאָפן און ארומגעטאַנצט ווי קינדער איבער דער שטוב און יאַנקל האָט געפילט ווי אייניקע זיינען טאַקע פריילעך און אַנדערע ווילן פריילעך זיין. ער אַליין האָט געוואָלט פריילעך זיין, אַז דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען, אָבער ער פלעג צום מערסטן דערפילן, אַז זיינע עלטערן זיינען טרויעריק און אים איז אַלץ פאַרשטערט געוואָרן. דאָך האָט ער זיך

געפילט גוט אין יענער שטוב, וואס איז פאר אים געווען ווי פון א מאדערנע אלי קיליער... שלייען איז טאקע געווען א שטיק אלי קיליער! ער איז געווען די הארציקייט אליין. ער איז געווען א פשוטער מענטש, וואס האט געבענקט נאך דעם דערהויבענעם. ער האט צו יאנקלען געפילט א באזונדער דרך ארץ, ווייל ער האט געקענט אין די „דריבנינקע" און ער האט אים געזאגט מיט דער גוטסקייט פון א ברודער, אז ווען ער וועט עפעס דארפן, זאל ער קומען און זיך נישט שעמען. און עסן קען ער קומען שטענדיק. די דינסטן וועלן אים שוין אליין גיבן, ער דארף ביי קיינעם נישט פרעגן. מיט א הארציקן געפיל פון באשיידענער שטאלצקייט האט שלייען דערציילט, אז ער האט א פריינד א יידישן שרייבער, וואס איז נישט לאנג אוועקגעפארן קיין אמעריקע, ער הייסט ראובן גראנאווסקי און ער האט אין אדעם ארויסגעגעבן צוויי, צי דריי ביכלעך „וו'סטיכאך" (אין פערזן). און ער האט זיי טאקע געוויזן יאנקלען, זיי האבן געהאט א פארווארט פון יצחק יואל ליניעצקי און פון נאך עמיצן. זיי זיינען קעגן די ציוניסטן און ער, שלייען, איז דווקא יא געווען א ציוניסט, אבער די „סטיכי" (פערזן) אליין געפעלן אים, כאטש אלע אין שטוב זאגן, אז זיי זיינען „טענדענציאזנע" און אז אמתע פערזן האט געשריבן פושקין און לערמאנטאוו. „באלד עפעס, האט ער געזאגט, זיינען זיי דא מיט פושקינען און מיט לערמאנטאוון! זיי ווילן, אז גראנאווסקי זאל זיין פושקין און לערמאנטאוו! ראובן גראנאווסקי איז א נאש בראט, וואס שרייבט פראסט זשארגאן, אזוי ווי מיר ריידן. נישט אומזיסט זאגט ליניעצקי, אז זיינע „סטיכי" שמעקן אזוי ווי פריש ראזעווע ברויט, אזא ברויט ווי די מאמע האט געבאקן, טשארט פאדיערי"...

ביי שלייענען אין שטוב האט זיך יאנקל באפריינדעט מיט איינעם א בחור מיט א הויקער און מיט שווארצע, ברענענדיקע אויגן. ער האט געהאלטן א קיאסק מיט צייטונגען און זשורנאלן. ער איז געווען פון איין שטעטל מיט שלייענען און ער האט ביי אים געוואוינט אין א קליין צימער און ער האט ביי אים געגעסן און געצאלט ווען ער האט געוואלט און וויפל ער האט געוואלט. ער איז געקומען קיין אדעם לערנען, אבער ער האט נישט געקענט אויסהאלטן און ער האט זיך מיט שלייענס הילף געמאכט א קיאסק. ער האט גערעדט נאר רוסיש, ווייל ער האט זיך נישט געוואלט קאליע מאכן זיין „פראאיזנאשעניע" (דיקציע), וואס ער האט געדארפט האבן צוליב זיינע קונים, וואס האבן אלע גערעדט נאר רוסיש. אבער שלייען האט געזאגט, אז זיינע קונים זיינען אלע יידן... דער דאזיקער הויקער האט דערציילט, אז צו אים איז אמאל צוגעקומען א באוואוסטער זשארגאנישער שרייבער, וואס הייסט בעל מחשבות, קויפן א צייטונג און ער האט גערעדט רוסיש. דערווייל איז צו אים צוגעקומען שלייען און האט צו אים גערעדט יידיש, האט זיך בעל מחשבות אנטשולדיקט און ער האט געבעטן, אז ער זאל אים טויזנט

מאָל מוחל זיין, וואָס ער האָט גערעדט רוסיש, ער האָט נישט געוואוסט, אַז ער איז אַ ייד... דער הויקער האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער און ער האָט געזאָגט, אַז בעל מחשבות, אויף וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז אַ דאָקטער, איז אַ גרויסער יאָלד און ער מיינט, אַז די אָדעסער יידן זייַנען יאָלדן און זיי ריידן נאָר זשאַרגאָן... דאָס זשאַרגאָנישע בלעטל „גוט מאָרגן", וואָס גייט אַרויס אין אָדעס, לייענען אַזוי ווייניק מענטשן. אין טעאַטער אַריין דאָרט אויף דער מאָלדאַוואַנעווקע גייען יאָ אַ סך יידן, אָבער גאָר די פּראָסטע. די אינטעליגענטערע יידן זייַנען אַביסל געגאַנגען אין הירשביינס טרופּע, וואָס האָט געשפּילט פיינער, אָבער זי האָט אויך עפּעס יאָ און נישט געשפּילט — עס האָט געפעלט דער ברען, עס איז דאָרט קיינער נישט געווען, וואָס זאָל קענען אַזוי אַ דונער טאָן, ווי אַ שטייגער מאַמאָנט דאַלסקי. אָט אָ דער הויקער האָט זיך צו יאַנקלען גאָר צוגעלאָזט און ער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איינציקע, וואָס ער קען טאָן פאַר אים, איז אים צו געבן אַלע טאָג איבערלייענען די רוסישע צייטונג „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי", וואָס ער דאַרף נויטיק לייענען, בכדי צו וויסן, וואָס אין דער וועלט טוט זיך און טאַקע בכדי אויסצולערנען דאָס בעסערע לעבעדיקע רוסיש. איצטער, ווען עס איז נאָך נישט שטאַרק קאַלט, וועט ער קענען לייענען די צייטונג אין דרויסן, אָדער אין קיאָסק און ער אַליין וועט אים ווייזן, וואָס צו לייענען און שפּעטער, ווען עס וועט ווערן קאַלט, וועט ער זי קענען אַהיימנעמען און דערנאָך זי אָפּברענגען. זיין קיאָסק איז סיי ווי נישט שטאַרק ווייט פון יאַנקלס קוואַרטיר.

שלייענס היים איז פאַר יאַנקלען געווען אַ גרויס געווינס. כמעט אַזאַ געווינס, ווי דער „אוראָק", וואָס ער האָט געקראָגן מיט דער הילף פון זיין פעטער נוח. פינף רובל האָט ער גענומען פאַר דעם דאָזיקן „אוראָק" און ער האָט געלערנט מיט אַ קליין גרין ייִנגל דאַווענען און איבערזעצן דאָס דאַווענען אויף רוסיש. די איבערזעצונג איז טאַקע געווען אין סידור אַליין און ער האָט אַליין צוגעלערנט רוסיש פון איר. דאָס רוסישע האָט דאָס ייִנגל געלייענט אַזוי ווי אַ וואַסער, אָבער ווען עס איז געקומען צום דאַווענען אַליין, האָט ער בשום אופן נישט געקענט אויסלערנען און יאַנקל האָט געטאָן דאָס זעלביקע, וואָס זיין רבי האָט געטאָן מיט אים, ווען ער האָט נישט געקענט, ער האָט געגעבן אַ שטאָך און אַ באָך און אַ קניפּ, כאָטש ער האָט געהערט זאָגן, אַז מען טאָר נישט שלאָגן און מען דאַרף קענען אויסלערנען אָן שלאָגן. ער האָט געפרעגט דאָס ייִנגל, וואָס ער איז דווקא נישט געווען קיין נאַר, פאַרוואָס ער האָט דאָס רוסישע אַזוי גיך אויסגעלערנט לייענען און דאָס העברעאישע נישט, האָט ער געענטפערט, אַז אין רוסישן פאַרשטייט ער יעדער וואָרט און אין העברעאישן פאַרשטייט ער קיין שום וואָרט נישט. און יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער האָט אָנגעהויבן לערנען, האָט ער אויך

נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט און פון דעסט וועגן האָט ער אויסגעלערנט דאַוונען אינעווייניק און אויף אויסנווייניק אויך. דער פאָטער פון יינגל איז געווען דעם פעטער נוחם אַ פריינד. ער איז אויך געווען אַ קראַנקער אויף די לונגען און ער איז געווען אין איינעם מיט דעם פעטער אין מעראַן. ער איז געווען אַ מעקלער ביים פאָרט; אַ דאַרער, טונקל־הויטיקער מענטש געוועזן, מיט אַ לאַנגער נאָז אַזוי ווי אַ שופר און מיט אַ טרויעריקן גוטן שמייכל. יאַנקל האָט אים געזען נאָר ביים באַדינגען זיך און מער נישט. די פרוי זיינע איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, זי איז אויך געווען אַ טונקל־הויטיקע און אַ גרינלעכע. אין די אויגן האָט זי נאָך געהאַט אַ שטאַרקן פלאַם און ס'האָט איר נישט געפּאַסט צו די האָר צו אירע, וואָס האָבן שוין אָנגעהויבן ווערן גרוי און וועלכע זיינען ביי איר שטענדיק געווען צעשויבערט. יאַנקל האָט זיך נאָך אַליין נישט געקענט צוגעוואוינען צו פרויען, וואָס גייען מיט די בלויזע האָר. די פרוי שלייען האָט אויך געטראָגן די בלויזע האָר, אָבער יענע האָט נאָך אויסגעזען ווי אַ מיידל, כאָטש זי האָט שוין געהאַט צוויי יינגלעך פון עלף און ניין יאָר. און זי איז אויך נישט געגאַנגען אַזוי צעשויבערט, ווי די פרוי פון דער לעקציע, וואָס האָט שוין אויסגעזען ווי אַ יידענע. זי פלעג אַריינפליען אַזוי ווי אַ ווינט. ווען יאַנקל איז שוין געזעסן מיטן גרינעם יינגל און ער האָט אים פונקט דערלאַנגט אַ קניפ ערגעץ, און זי האָט אויסגעטאָן דאָס היטעלע, וואָס איז איר טיי ווי אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ און זי האָט געזאָגט אויף גיך „דאיטיע, יאַ וואַס אוגאַשטשו!" (אָט וועל איך אייך מכבד זיין) און זי האָט אים אַריינגעבראַכט אַ גלאָז טיי און אָפטמאָל מיט אַ קיכל און זי האָט זיך אַנידערגעזעצט קוקן אויף אים מיט דעם נישט היימלעכן פלאַם פון אירע אויגן. אַ סך מאָל האָט זי געזאָגט צום לערער, אַז ס'זאָל שוין זיין גענוג געלערנט און ער זאָל בעסער אַביסל „באָלטאַיען" (פּלאַפּלען) מיט איר. איינציקע מאָל האָט יאַנקל אין גאַנצן נישט געטראָפן דאָס יינגל און ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין, איז זי אויסגעוואַקסן און האָט אים „אוגאַשטשייעט" מיט טיי און מיט קיכלעך און האָט געפּלאַפּלט אָן אַ שיעור און האָט אים געזאָגט, אַז ער איז גאָרנישט קיין „סאָווערעמיאָני מאָלאָדאָי טשעלאָוועק" (מאָדערנער יונגערמאַן) און ער קען גאָרנישט מאַכן קיין קאָמפּלימענט קיין פרוי... געוואוינט האָט דאָס יינגל פון „אוראַק" זייער ווייט, מען האָט אפשר געדאַרפט גיין אַ האַלבע שעה אַהין אַליין. און אַז יאַנקל האָט געזען, אַז דאָס יינגל קומט אַ סך מאָל נישט, איז ער שוין אויך אַ סך מאָל נישט געקומען. מען האָט אים קיינמאָל נישט געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט געקומען. די מאַמע פלעג נאָר גוטמוטיק זאָגן און אַ מאַך טאָן דערביי מיט דעם ווייז־פינגער: „איר זיינט נעכטן נישט געקומען, ווייל איר האָט מיך שוין נישט ליב". און די פינף רובל האָט מען באַצאָלט צו דער צייט. יאַנקל האָט געפילט, אַז ער נעמט עפּעס ווי אומזיסט געלט. ער גייט טאַקע

און מוטשעט זיך און ער ערגערט זיך און ער פאַרלירט צייט, אָבער דאָס ייִנגל לערנט גאָרנישט אויס. ער האָט זיך שוין אַזש געוואָלט אָפּזאָגן פון דער לעקציע, אָבער די פינף רובל האָט ער זייער נויטיק געדאַרפט האָבן, אַן זיי וואָלט ער נישט געקענט זיין אין אָדעס. פון דעסט וועגן האָט ער דעם קינדס טאַטן געזאָגט, ווען ער האָט אים געזען, אַז זיין ייִנגל לערנט אַזוי ווייניק, אַז ער שעמט זיך אַזש צו נעמען דאָס געלט און לערנען ווייטער. דער ייִד האָט אים אָנגעקוקט מיט גוטע און קרענקלעכע אויגן און ער האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל קומען כסדר. „אַליין, האָט ער איר געזאָגט, איז מען אין דער גרויסער שטאָט פּאַרטאַראַראַמעט. אַז מען ווייסט נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז, מען געדענקט שוין גאָר נישט, צי מען איז אַ ייִד, צי אַ גוי. און די קינדער וואַקסן דאָ נישט ווי קיין ייִדן און נישט ווי קיין גויים. זיי רײדן און לעבן ווי גויים און זיי דאַוונען נישט ווי קיין ייִדן און נישט ווי קיין גויים. זאָל ער פרעגן בחרם די עלטערע זין זיינע, וואָס זיי זיינען. זיי אַרבעטן שבת און אין דער וואָכן און אַז זיי רוען זונטיק, איז עס אויך נישט גערוט. איך אַליין, האָט ער ווייטער געזאָגט, רו נישט שבת און נישט זונטיק. די גרעסערע זין האָבן נאָך אַמאָל געזען מאַכן קידוש פרייטיק צו נאַכטס און בענטשן ליכט. דער קלענערער זעט שוין, דאַכט זיך, דאָס דאָזיקע אויך נישט. דאָס איינציקע ביסל ייִדישקייט איז דאָס לערנען אין סידור. מיר דאַכט זיך אויס, אַז דורך דעם וועט ער כאָטש אַ קליין ביסל ווייסן, אַז ער איז נישט איוואַנס זון... ווען ער זאָל דאָס אויך נישט לערנען, וואָלט זיך מיר געדאַכט, אַז איך שמד אים אין גאַנצן. אַז איר קומט נאָך צו אים, בין איך אַביסל „ספּאָקאָינע" (רואיק) און דער „סאָוועסטי" (געוויסן) פּלאָגט מיך נישט און איך קען שווער און ביטער אַרבעטן צו שלעפּן ווי אַ פערד דאָס וועגעלע. אַז איר וועט נישט קומען, וועט אַן אַנדערער נעמען דאָס פינפערל".

יאַנקל האָט זיך דערפון געפילט נאָך מער פריקרע. ער האָט געדאַרפט, לויט דעם פאָטערס רייד, נישט נאָר אויסלערנען דאָס ייִנגל אַביסל דאַוונען, נאָר ער האָט אים געדאַרפט אויסלערנען זיין אַ ייִד, בעת אַליין האָט ער נישט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. און ער איז ווייטער געגאַנגען און ער האָט געפּרואווט נישט נאָר לערנען דאַוונען דעם ייִנגל, נאָר אים אויך דערציילן אַביסל ייִדישע געשיכטע אויף דעם שלעכטן רוסיש, וואָס ער האָט גערעדט, קיין ייִדיש האָט דער יאַט גאָרנישט געקענט. און צו דער געשיכטע האָט דאָס ייִנגל זיך דווקא צוגעהערט און ער האָט אַפילו עפּעס זיך נאָכגעפרעגט אויך און ווען יאַנקל האָט אים אין אַ טאָג צוויי אַרום איבערגעפרעגט וועגן דעם געלערנטן, האָט ער אַ סך געדענקט. די מוטער האָט זיך צוגעהערט און זי האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ טאַלאַנט פון אַ „ראַזקאַזטשיק" (דערציילער), כאָטש מיט דער רוסישער שפּראַך גייט ער נאָך אַביסל אויף **הרודעס**.

אויף קיין לערער האָט יאַנקל נישט געהאַט. מיט דער ישיבה האָט זיך פאַרטשעפּעט. ער האָט געדאַרפט האָבן מעטריקעס און ער האָט זיי דערווייל נישט געקראָגן. דער טאַטע האָט געשריבן, אַז ער זוכט זיי און ער האָפט, אַז ער וועט זיי געפינען אין גיכן און אָן מעטריקעס האָט מען נישט אַריינגענומען. און סיי ווי איז אין דער ישיבה נישט געווען אַלץ אין דער אָרדענונג. עס האָט געדאַרפט קומען אַ נייער לערער אויף יידישער היסטאָריע אויף ד'ר קלויזנערס פּלאַץ און ער איז נאָך נישט געקומען. ביאַליק האָט צוגעזאָגט צו אָנהייבן ווידער לערנען תנך און ער האָט נישט אָנגעהויבן. געשמועסט האָט מען, אַז דער גרויסער העברעאישער פּאָעט האָט זיך צופיל פאַרגאַלאָפּירט מיט דער פרייער קריטיק אויף דער ביבל, לויט דעם דייטשן ביבל־קריטיקער ווילהויזן און ער האָט אַריינגעבראַכט אַ סך „בעזבאָזשניטשעסטוואָ" (גאָטלאָזיקייט). אייניקע האָבן געזאָגט, אַז עס איז נישט אמת און אַז קיינער קען נישט אַזוי שיין לערנען תנך ווי דער גרויסער העברעאישער פּאָעט, אָבער ער איז צעטראָגן און דער קאָפּ פּליט אים. די רוסישע לימודים האָט מען אין דער ישיבה געלערנט צו פּאַוואָליע. נישט מער ווי דעם קורס פון איין יאָר גימנאַזיע אין אַ יאָר; די יונגע לייט האָבן געוואָלט און טאַקע געקענט לערנען אַ סך גיכער. איז יאַנקל געבליבן עפּעס ווי אַ פרייער צוהערער אין דער ישיבה און ער האָט געהאַט רעכט אַריינצוקומען, ווען עס זיינען געווען אינטערעסאַנטע לעקציעס. די אינטערעסאַנטסטע לעקציעס זיינען דעמלט געווען פון חיים טשערנאָוויץ, כאָטש דאָס וויכטיקסטע פון זיי האָט מען שוין געקענט פון פריער לייענען אין „השלוח", וואו טשערנאָוויץ האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן תלמוד אונטער דעם פּסעוודאָנים „רב צעיר", וואָס אחד העם האָט אים געגעבן. געזאָגט האָט מען, אַז טשערנאָוויץ וועט אויך גיך פאַרלאָזן די ישיבה און זיין פּלאַץ וועט פאַרנעמען איינער אַ געלערנטער שיפּמאַן. פון חיים טשערנאָוויצעס לעקציעס האָבן זיך יאַנקלען היפּש געעפנט די אויגן. אָן אַ שיעור מאמרים און געזעצן פון תלמוד, וואָס ער האָט פריער נישט פאַרשטאַנען, האָט ער איצטער אָנגעהויבן פאַרשטיין. ער האָט זיך דערוואוסט גענויער אין וואָס פאַר אַ צייט יעדער תנאי, אָדער אמוראָי האָט געלעבט און צוליב וואָס יעדער פון זיי האָט אַרויסגעזאָגט זיינע געדאַנקען און צוליב וואָס ער האָט פאַרלאַנגט איינצופירן געוויסע געזעצן. די האַרבע און נישט שטענדיק קלאָרע שקלאָ וטריאָס פון די תלמודיסטן האָבן זיך אויסגעמישט מיט געשיכטע און זיי זיינען געוואָרן נישט נאָר קלאָר, נאָר אויך אינטערעסאַנט און אַפילו שפּאַנענדיק.

רוסיש האָט ער געלערנט אין דער היים. יאָסיף פעלדמאַן האָט געקראָגן פאַר אים גענוצטע ביכער, אַביסל זיינע אייגענע, אַביסל האָט ער גענומען ביי שלייענען. יאָסיף אַליין האָט אים צוגעוויזן און דער הויקער, וואָס האָט געוואוינט ביי שלייענען און ביי וועלכן ער האָט געלייענט אַלע טאָג די רו־

סישע צייטונג, האט אים אויך מיט עפעס געהאלפן, נאר מער פון אלע האט אים געהאלפן דאקטאראוויטש, וואס האט אליין זיך שטארק געאיילט מיט דעם לערנען און ער האט געוואלט אויף זומער זיך עקזאמענירן פאר אלע אכט קלאסן גימנאזיע. דאקטאראוויטש האט זיך זייער זעלטן פארגונען צו גיין שבת אין „יבנה" און די צייט, וואס ער האט פארלוירן אויף צו ווייזן יאנקלען אין די רוסישע לימודים, אדער אויף צו שמועסן מיט אים וועגן רוסישער און העברעאישער ליטעראטור, האט ער דערנאך געמוזט אפארבעטן פאר זיך אויף דעם חשבון פון זיין אפרו און אנשטאט זעקס שעה פלעג ער שוין שלאפן נאר פינף, אדער אפילו פיר. די גרויסע אויגן זיינע זיינען געווארן וואס אמאל, מער אויסגעסטארטשעט. דאקטאראוויטש האט זייער אפט פארמיטשט דאס רוסישע ווארט אויף העברעאיש און דאס דאזיקע איז געווען א גרויסע הילף פאר אים. אין דער רוסישער גראמאטיק האט אים דאקטאראוויטש דערקלערט, א סך ווערטער מיט די עקוויוואלענטן פון העברעאישן דיקדוק. א דאנק זיין חבר האט יאנקל אויך געלערנט מיט גרויס התמדה. פון איין זייט צימער איז דער חבר זיינער ארומגעלאפן ווי א ווינט און ער האט געחזרט שטיקער לאטיין אויף אויסנווייניק און פון דער אנדערער זייט איז יאנקל ארומגעלאפן און ער האט געחזרט אויף אויסנווייניק די אלע ווערטער, וואס שרייבן זיך מיט דעם אות „יאטי" און די נעמען פון אלע אינזלען און האלבע אינזלען אין דער גאנצער וועלט.

יאנקל האט זיך דעמלט געפרואווט פארלייענען מיט טאלסטאיען און ער האט אים נישט שטארק פארכאפט. נישט נאר וואס די שפראך איז אים נאך געווען פרעמד און ער האט זיך געדארפט ראנגלען מיט א ווייפשער צאל ווערטער, וואס ער האט נאך נישט פארשטאנען און נאך מער מיט פראזן, וואס האבן זיך ביי אים נישט צונויפגעבונדן, אים איז דאס גאנצע לעבן, וואס ער האט געמאלן, געווען פרעמד. ס'האט צופיל געשמעקט מיט רוסישן קוואס און מיט וויין און מיט חזיר. צום מערסטן איז אים געווען געפעלן „מיין קינדהייט". די סביבה איז טאקע געווען די זעלביקע פרעמדע, רוסישע, אבער די קינדער זיינען דאך געווען קינדער. ער האט דערקענט אייגענע אייבערלעבענישן ביי די קליינע העלדן. ער איז געווען זיכער, אז אים אליין האט זיך אויך געדאכט, אז ווען ער וואלט זיצנדיק אזוי אויף דעם פענצטער זיך אראפגעלאזט, וואלט ער געפלויגן און ער האט זיך אזוי טאקע אראפגעלאזט און צעקלאפט. דערנאך האט ער שוין א סך מאל געלייענט אין ביכער זאכן, וואס ער האט געמיינט, אז זיי האבן מיט אים פאסירט און ער האט בשום אופן נישט געקענט געדענקען, צי זיי האבן טאקע פאסירט, אדער ער האט נאר געקלערט וועגן זיי... די מחשבות מיט די מעשים האבן זיך ביי אים אנגעהויבן צונויפגיסן. אירטעניעוו, דער העלד פון טאלסטאיס „מיין קינדהייט", איז אים געווען א נאענטער, יאנקל האט ווי ער פון קינדוויז אן גע־

טראַכט וועגן דעם, וואָס איז גוטס און וואָס איז שלעכטס און פּאַרוואָס גאָט האָט די זאַכן געמאַכט אַזוי און נישט אַנדערש. אָבער אירטעניעוו האָט אויך געטאָן אַ סך שלעכטס און דערנאָך האָט אין אים דאָס געוויסן דערוואַכט, בעת אונזער העלד האָט זין געדאַכט, אַז ער האָט קיין שלעכטס נישט געטאָן קינדווייז. אירטעניעוו האָט געקראָגן נעכליודאָוון פאַר אַ חבר און ער האָט אים געשלאָסן אַ בונד, אַז זיי וועלן זיך ביידע מודה זיין איינער פאַר דעם אַנדערן און זיי וועלן איינער דעם אַנדערן קענען און זיך האָבן אויף דעם געוויסן, יאַנקל האָט קיינמאָל אַזאַ חבר נישט געהאַט. דאָקטאָראָוויטש האָט אים אָנגעהויבן ווערן אַ ידיד נאמן, אָבער נאָר וועגן לערנען און וועגן ליטעראַטור און וועגן געדאַנקען; וועגן אינטימע זאַכן האָט ער מיט אים קיינמאָל נישט גערעדט און ער איז נאָך מער רויט געוואָרן ווי ער, ווען מען האָט דערמאָנט עפּעס אַ מיידל. גיכער איז אים אַמאָל שוין לייבוש אין דער ישיבה געווען אַזאַ חבר, אָבער אַלץ נישט קיין גלייכער. יאַנקל אים האָט דערציילט אַלץ און ער יאַנקלען — גאָרנישט. די אַנדערע ווערק טאָלסטאָיס האָבן אים נישט גענומען. זיי האָבן כמעט אַלע געוויזן, ווי די ציוויליזאַציע פאַרדאַרבט דעם מענטשן. די שטאָט מיט איר גאַנצער קולטור איז דער גהינום אַליין און דאָס דאָרף איז די ריינקייט אַליין, דאָרט זיינען די מענטשן, חוץ אויסנאַמען, האַרציק און אויפריכטיק. די דערלייזונג פון מענטשן שטעקט אָדער אין דעם דאָרף, אָדער אין דער רעליגיע, וואָס איז נישט גענוי די קריסטלעכע און דאָך די קריסטלעכע. יאַנקל האָט געשטרעבט צו דער ציוויליזאַציע און צו דער קולטור פון דער גרויסער שטאָט און דאָ איז געקומען טאָלסטאָי און האָט זי אים אין גאַנצן פאַרנמאַסט... כאָטש וואַרף אַוועק אַלץ און גיי אין דאָרף אַריין! דאָקטאָראָוויטש האָט אים מודה געווען, אַז הגם טאָלסטאָי האַלט זיך אין דאָרף, איז זיין גאַנצער אינטערעס געווענדעט צו דער גרויסער שטאָט און ער וויל די שטאָטישע אַראָפּברענגען אין דאָרף אַריין. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז די זינד ביי טאָלסטאָיס העלדן איז אַ סך אמתדיקער, ווי די חרטה זייערע און דאָס רייסן שטיקער פון זיך פאַר די באַגאַנגענע עבירות. לייענענדיק טאָלסטאָיס דערציילונגען און ראָמאַנען האָט ער געפילט ווי די מענערישקייט ווערט אין אים אַלץ רייפער און צערייצטער און נישט איינמאָל האָט זיך אים געגלוסט איבערצולאָזן דאָס לייענען און דאָס לערנען און אַוועקלויפן אָדער צו מאַדאַם שלייען, אָדער צו פאַניאַ שעכטמאַן און פאַלן צו זייערע קני און וויינען פאַר זיי און ווערן ווילד און רייסן שטיקער פון זיי. און ערשט האָט ער ביידע נישט נאָר ליב געהאַט, נאָר אויך פיינט געהאַט. די ערשטע האָט ער נישט געקענט ליידן פאַר איר שטימע מיטן קורצן אָטעם און פאַר איר נישט וועלן ריידן קיין יידיש, כאָטש זי איז אַ שניידערס אַ טאָכטער...

אין „יבנה" איז יאַנקל געקומען יעדן שבת און ער האָט זיך געוואָרפן

אויף אַלע זייטן. ווען ער וואָלט געקענט, וואָלט ער געשטאַנען אויף איינמאָל אין פינף ערטער. ער האָט געוואָלט הערן, וואָס עס ריידן די דאָזיקע, וואָס ריידן העברעאיש און די דאָזיקע, וואָס ריידן רוסיש און ער האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס ריידן ציוניסטן און וואָס עס ריידן אַלערליי סאָציאַליסטן. ווען ער האָט דריי פּאָר אויגן און דריי פּאָר אויערן, וואָלטן זיי אים אויך גע־ווען ווייניק. עס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט אַ סך יונגע שרייבער. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט געדרוקט צו איינציקע דערציילונגען, אָדער ליד־דער און זיי האָבן שוין געהאַט אַ שם פון שרייבער. צווישן זיי איז דער אימ־פּאָזאַנטסטער געווען נתן גרינבלאַט, וואָס האָט שוין געהאַט געדרוקט אַ סך זאַכן אין העברעאיש און אויך אין יידיש. ער איז געווען אַ הויי־כער, אַ רויטער, מיט אַ מילד פּנים, לאַכנדיקע אויגן אונטער ברילן און אַ גרויסע „היטשקע" האָר. געזאָגט האָט מען, אַז ער האָט זיך דערטראַכט צו אַ טיפּ פון אַ פּראָסטן יידן אַ האָרעפּאַשניק, וואָס בענקט נאָך דעם העברען און אײדלערן, אָבער ער האָט אים נאָך נישט געגוג אַרויסגעבראַכט. מען האָט אויך גערעדט, אַז ער „זינדיקט" אונטער מיט שירים. ער איז געווען אַ העב־רעאיסט, דאָך האָט ער זיך דערלויבט צו ריידן אַ שטאַרק ליטווישן יידיש אויף אַ קול. ער פּלעגט זייער אָפט ריידן מיט אַ מיידל, וואָס האָט אים קוים געגרייכט ביז צום בויך און ער האָט זיך געדאַרפט אַנבויגן אויף אַ לאַך טאָן צו איר, אָדער איר אַ דרוק צו טאָן די האַנט. אַ נאָמען האָט געהאַט צווישן די יונגע העברעאישע שרייבער איינער, וואָס האָט זיך אונטערגעשריבן א. ז'אק (זשאק) און ער האָט געהייסן זשערניאַנסקי. ער האָט נישט געשריבן קיין לידער און קיין דערציילונגען, נאָר אַרטיקלען און מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך קלויזנערן דעם בעסטן העברעאישן „סגנון" (סטיל) צווישן די מאָדערנע העברעאישע שרייבער אין אָדעס. ער איז געווען אַ ברונעט, כמעט ווי אַ ציגיינער, אָבער אַ זייער מילדער ברונעט איז ער געווען און די אויגן זיינען ביי אים נישט געווען קיין ברענענדיקע, נאָר גלעטנדיקע. ער האָט אויך געטראָגן גרויסע האָר, אָבער זיי זיינען געווען ביי אים זייער גלייך פאַר־קעמט און ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן באַלעבאַטיש און עלעגאַנט. ער איז געווען דער גרעסטער העברעאיסטישער קנאי אין אָדעס און ער האָט מיט קיין יידן נישט געוואָלט ריידן אַנדערש ווי נאָר העברעאיש. ער האָט אויס־געהערט, אַז מען האָט צו אים גערעדט רוסיש, אָדער יידיש, אָבער געענט־פערט האָט ער אויף העברעאיש. מען האָט געזאָגט, אַז אפילו צו גויים רעדט ער העברעאיש און מען האָט וועגן דעם דערציילט אָן אַ שיעור וויצן. מען האָט דערציילט, אַז ער איז איינמאָל געגאַנגען צו זיינעם אַ פריינד, אַ באַ־קאַנטן ציוניסט, און ער איז אָנגעקומען פונקט, ווען דאָרט איז געווען אַן „אָביסק" (פּאָלציייאישער הויז־געזוך) און אַזוי ווי ער האָט אָנגעקלונגען, איז אים אַנטקעגן געקומען אַ זשאַנדאַר, אָבער זשאַק האָט זיך געמאַכט נישט

וויסנדיק און אים געזאָגט „שאַלאָם״ (שלום) און דער זשאַנדאַר האָט אים באַלד געענטפערט צום גראַם „פּאַידיאָם!״ (קום). די אַנדערע יונגע זיינען געווען ווייניקער באַקאַנט און די מערסטע פון זיי זיינען אין גאַנצן פאַרשוואונדן פון דער אַרענע, כּמעט קיין גאָר באַדייטנדיק פּלאַץ אין דער העברעאישער ליטעראַטור און אין דער פּובליציסטיק פאַרנעמט אויך נישט גרינבלאַט און אוודאי נישט זשאַק. מען האָט גערעדט מיט אַ געוויסער באַגייסטערונג וועגן אליעזר שטיינמאַן, כאָטש די קריטיק האָט געהאַלטן אין איין רייסן שטיקער פון אים און זי האָט געזאָגט, אַז ער האַלט זיך ביי די ברעגעס פון נאָמבערגן און גניעסינען; אָבער שטיינמאַן איז שוין דעמאָלט נישט געווען אין אָדעס, ער איז שוין געהאַט אוועק ערגעץ און יאַנקל איז שוין צום צווייטן מאָל אָנגעקומען אויף זיינע הייסע שפּורן. צו די סענסאַציעס צווישן די יונגע האָבן געהערט חיים גרינבערג און שלום שוואַרץ, וואָס זיינען ביידע געווען העברעאיסטן, אָבער נישט קיין העברעאישע שרייבער. חיים גרינבערג איז געווען אַ רעדנער, וואָס האָט שטענדיק גערעדט רוסיש און אַמאָל אויך העברעאיש מיט דער ספרדישער הברה, געשריבן האָט ער זייער זעלטן, צום מערסטן אין רוסישן ציוניסטישן זשורנאַל „ראַזסוויעט״. שלום שוואַרץ איז געווען אַ סטודענט און ער האָט געשריבן אי רוסיש, אי יידיש און מען האָט געזאָגט, אַז ער קען גוט העברעאיש. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון „גוט מאָרגן״, פון דער איינציקער יידישער צייטונג אין אָדעס. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון דער יידישער ציוניסטישער קאָפּיקע ביבליאָטעק, וואָס ד״ר י. ב. סאַפּיר האָט אַרויסגעגעבן אין אָדעס. חיים גרינבערג איז געווען אַ זייער אימפּאָזאַנטער. ער איז געווען עפּעס העכער ווי מיטלמעסיק און ער האָט געהאַט ברענענדיקע אויגן און אַ קאָפּ פּעך שוואַרצע האָר, וועלכע ער איז געגאַנגען פאַרקעמט מיט אַ גלייכן שרונט אין דער מיט. יאַנקל האָט אַמאָל געזען אַ רומענישן אָרקעסטער אין קיליע, האָט דער „פּרימאַש״ (ערשטער פידלער) אויסגעזען פּונקט ווי גרינבערג. די מיידלעך פּלעגן זיך פאַרקוקן אויף אים, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנגען און ביי לעקציעס האָט ער געהאַט אַ סך אַ גרעסערע ווייבערישע, ווי מענערישע אוידיטאָריע. ער האָט גערעדט מיט אַ וויבּרירנדיקער שטימע און ער האָט די „ריש״ אויסגעשפּילט ווי אויף אַ סטרונע. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז דער בעסטער ציוניסטישער רעדנער אין גאַנץ דרום רוסלאַנד נאָך זשאַבאָטינסקין. מען פּלעג אים שוין אָפט אַרויספאָדערן אין דער פּראָווינץ אַריין אויף לעקציעס. שלום שוואַרץ איז געווען אַ קליינינקער, אַ בויגזאַמער און אַ רירעוודיקער, ער האָט געהאַט אַביסל אַ הייזעריקלעך, אָבער זייער ווייך קול און ער האָט גערעדט היימיש און האַרציק און ער פּלעג נישט בלייבן אויפן פּלאַץ, אַזוי ווי דער שאָטן פון אַ גייענדיקן מענטשן; איידער מען האָט זיך אומגעקוקט, איז ער שוין פאַרשוואונדן. אָנגעהויבן

ווערן פּאָפּולער האָט דעמאָלט אויך יוזי שעכטמאַן, וואָס איז געווען אַ דאַרער, שלאַנקער און צאַרטער יונגערמאַן און האָט געטראָגן אַ סטודענטישע אוניפאָרם און אַ היטל מיט אַ בלויען דעניק און האָט געהאַט ווייכע, גרינע אויגן. ער האָט זיך אויך געשניטן אויף רעדנער און מען האָט געזאָגט, אַז ער פּראָגרעסירט פון טאָג צו טאָג. צוריק מיט אַ צייט האָט ער נאָך געקראַקעט ווי אַ „וואָראָנע" און איצטער רעדט ער שוין אַזוי שיין, אַז ער וועט באַלד זיין דער צווייטער רעדנער נאָך חיים גרינבערג. ער האָט נישט געקענט קיין העברעאיש און אפילו יידיש האָט ער אויך נישט געקענט. ווען חיים גרינבערג האָט גערעדט רוסיש, האָט ער פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן אַ העברעאישן אויסדרוק און יוזי שעכטמאַן פלעג מאַכן אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו אַריינוואָרפן איין יידיש וואָרט.

די עלטערע שרייבער פלעגן זעלטן ווען פאַרבלאָנדזשען אין „יבנה". מען האָט דערמאָנט מיט בענקשאַפט, ווען א. ל. לעווינסקי איז געווען גבאי אין „יבנה" און ווען משה לייב ליליענבלום איז געווען אַן אָפטער רעדנער דאָרט. מען האָט נאָכגעמאַכט ווי אַזוי ליליענבלום האָט גערעדט אַ שלעכטן רוסיש און ער האָט אַרויסגעזאָגט שאַרפע און בייזע געדאַנקען. ער האָט געזאָגט, האָט מען דערציילט, „לוצשע מנאָי קופּליעננאַיאַ קאָזאַ וו'פּאַלעסטיניע, צעם טיסיאַצאַ יעוורעיעוו גאָוואָריאַט פּאָ דרעווניע יעווריייסקי וו'גאָלוסיע" (בעסער פאַר מיר איין געקויפטע ציג אין ארץ ישראל, איידער טויזנט יידן ריידן העברעאיש אין גלות) און מען האָט דערביי געגנוי נאָכגעמאַכט ווי ער רעדט ליטוויש און ער זאָגט אַ „צ" אָנשטאָט אַ „טש". מען האָט דערציילט וועגן אַ סקאַנדאַל מיט נחום סאָקאָלאָוו, וואָס האָט דווקא געוואָלט ריידן העברעאיש און די אַלע, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען, האָבן אים נישט געלאָזט און ער האָט טאַקע נישט גערעדט און ווי אַזוי לעווינסקי, וואָס איז געווען די גוטסקייט אַליין און האָט נישט געקענט זיך בייזערן, איז דעמאָלט אפשר צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן אַרויס פון די כלים און ער האָט געשריגן צום עולם מיט די ווערטער פון יהושע צו עכן בן כרמי — למה עכרתני? פאַרוואָס האָסטו אונז פאַרשמירט? פאַרוואָס זאָל בלייבן אַ פלעק אויף אונז, אַז ווען עס איז געקומען אַזאַ גרויסער גאַסט צו אונז, האָבן מיר אים נישט געלאָזט ריידן? אייניקע האָבן געזאָגט, אַז די פועלי ציון און ס'סאָוועצעס און דאָס ביסל בונדיסטן, וואָס זיינען דאָ אין אָדעס, האָבן נישט געלאָזט ריידן דעם רעדאַקטאָר פון „הצפירה". אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז די ציוניסטן, וואָס פאַרשטייען נישט קיין העברעאיש, האָבן אים נישט געלאָזט ריידן און אַז איבערהויפּט האָבן געשטערט די פרויען, ווייל די מענער פאַרשטייען דאָך אַביסל לשון קודש. אייניקע פרויען האָבן געקראָגן אַ היסטעריע, אַזוי האָבן זיי געשריגן... זייט ליליענבלום און לעווינסקי זיינען אַוועק, זיינען די עלטערע שרייבער מער נישט געקומען. משה קליינמאַן, וואָס איז געווען דער הויפּט־

מיטאַרבעטער פון „גוט מאָרגן" און ער האָט אַלע טאָג געשריבן אַ קליינעם פעליעטאָן אויף דעם פּלאַץ פון א. ל. לעווינסקי, איז געווען דער אָפּטער אריינגייער אין שול אַריין און ער איז אַ שטיק צייט אויך געווען גבאי. ער איז געווען אַ נידעריקער יונגערמאַן אַ שאַטענער, מיט גאָלדענע ברילן און מיט אויגן, וואָס האָבן האַלב געשמייכלט און האַלב געוויינט און דאָס גאַנצע פּנים האָט אויך ביי אים אויסגעזען אַזוי וויינענדיק־לאַכנדיק. ער האָט אָפּט געהאַלטן רעדעס, כאָטש קיין גוואַלדאָווּנע רעדנער איז ער נישט געווען, ער האָט גערעדט זאַכלעך, אָבער אָן ברען. ער האָט גערעדט יידיש און מען האָט געזאָגט, אַז ער איז שטומפּיק אויף רוסיש, ווייל ער איז אַ לאַנגע צייט געווען אין אויסלאַנד. זייער אָפּט פלעג זיך באַווייזן אין „יבנה" דער העברעאישער דערציילער און פּובליציסט יעקב ראַבינאָוויטש, וואָס איז שוין געווען אין ארץ ישראל און ער האָט זיך שוין אומגעקערט און ער האָט זיך ווידער געקליבן צו פאָרן אַהין. ער איז געווען אַ רירעוודיקער יידל, אַ בלינדער אויף אַן אויג און מיט אַ ביסטרע קוק פון זעעוודיקן אויג. ער האָט זיך געוואָלט מאַכן שמייכלענדיק, אָבער דאָס בייזקייט איז אים דאָך נישט פאַרשוואונדן. ער פלעג דעמלט שרייבן אַרטיקלען אין „הד הזמן", וועלכע יאַנקל האָט אָפּט געלייענט אין דער ביבליאָטעק פון דער „חברי מפיצי השכלה" און פון וועלכע ער האָט עפּעס געלערנט. ער האָט געשריבן וועגן וועלט־זאַכן. ער האָט געשריבן וועגן דעם מאָדנע עסטרייכישן שריפטשטעלער הערמאַן באַנג און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז ווי זיין נאָמען און ער דערוועקט אַ בענקשאַפט דורך זיינע העלדן, וואָס זיינען נישט קיין יידן און זיינען דאָך אומעטום פרעמד און פאַרשאָלטן, ער האָט געשריבן וועגן דעם איידעם פון קאַרל מאַרקס, דעם באַוואוסטן סאָציאַליסטישן פירער לאַפאַרג, וואָס איז אין עלטער פון זיבעציק יאָר באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין איינעם מיט זיין פרוי, די טאָכטער פון קאַרל מאַרקס, ווייל זיי האָבן שוין אַליין קיין כוח נישט געהאַט צו לעבן און פאַלן צו לאַסט האָבן זיי נישט געוואָלט. יעקב ראַבינאָוויטש האָט אַרומגערעדט וועגן דעם, צי זיי האָבן גוט געטאָן, אָדער נישט און ער האָט געבראַכט פונקט אַזויפיל אַרגומענטן פאַר, וויפל קעגן. יאַנקל גערענקט, ווי זשאַק האָט אָפּגעשטעלט דעם בלינד־אויגיקן שרייבער און ער האָט אים געזאָגט, אַז דאָס אַרטיקל וועגן זשאַקן לאַפאַרגן איז „לא כך פייגלדיק" און ביידע האָבן דערביי געזוכט אַ וואָרט אויף העברעאיש פאַר „פויגלדיק"... עס פלעג צו מאָל אַריינפאַלן אין „יבנה" י. ח. ראַווניצקי, וואָס איז געווען אַ העברעאישער פּובליציסט און קריטיקער, אָבער דעם שם האָט ער געהאַט ווי רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער און ווי אַ באַלעבאָס פון אַ בוכהאַנדלונג און איבערהויפּט ווי דער געשוואוירענער פריינד פון מענדעלע מוכר ספרים און חיים נחמן ביאַליק. די רויטלעכע באָרד פלעג אים אַראָפּפאַלן אויף דער ברוסט און מיט די גוטע אויגן האָט ער פאַרזאָרגט אַרומגעזוכט עמיצן. דאָס

האָט ער געזוכט דעם שמש, ווייל ער האָט מיט זיך געהאַלטן אַ שירעם אונטער דעם אָרעם און ער האָט זיך געשעמט און אים געוואָלט געבן דעם שמש צו באַהאַלטן. ער איז טאַקע נישט געווען קיין פרומער, אָבער שבת אין שול אַריין מיט אַ שירעם פּאַסט עפּעס נישט זיך אַרומצודרייען. און דער שמש מיט דעם געשטופּלטן פּנים און מיט דעם בלינדן אויג, וואָס האָט זיך כסדר אַרומגעדרייט צווישן דעם יונגן עולם און געבעטן, אַז מען זאָל נישט ריידן וועגן קיין „קראַמאָלע", ווייל פּאָליציי וועט פאַרמאַכן די שול (ס'איז געווען אין די צייטן, ווען גראַדאָנאַטשאַלניק איז געווען דער צורר היהודים און דער רעאַקציאָנער, טאָלמטאַשאָוו), איז באַלד צוגעלאָפן צו ראַווניצקין און גענומען ביי אים דעם שירעם צו באַהאַלטן. וועגן דעם שמש זיינען אַרומגע־גאַנגען אַ שיעור מעשהס. מען האָט געזאָגט, אַז ס'איז פאָרגעקומען אַ גע־שלעג צווישן ציוניסטן און בונדיסטן און ער האָט זיך אַריינגעמישט און מען האָט אים אויסגעשטאָכן אַן אויג. בונדיסטן זיינען געווען זייער ווייניק אין אָדעס און דאָס ביסל, וואָס איז געווען האָט געשטאַמט פון ליטע, אָדער פּוילן. מען האָט דערציילט וועגן זיי אַלערליי מעשהס. מען האָט דערציילט, אַז זיי האָבן איינמאָל געפּאַקט אין הויף פון „יבנה" אַז „עסעסאָוויעץ" און זיי האָבן אים אַריבערגעלייגט אויף אַ באַנק און געשמיסן און געשריגן: „נאַ דיר אַ טעריטאָריע, נאַ דיר אַ טעריטאָריע".

ביאַליק פלעג זיך זייער זעלטן באַווייזן אין „יבנה" און אַז ער האָט זיך באַוויזן, זיינען געוואָרן אַזעלכע אָוואַציעס, אַז ער האָט געזוכט אַ פּלאַץ וואו אַרומער צו אַנטלויפן. ער האָט שוין דעמלט קיין בערדל נישט געטראָגן, אַזוי ווי מען איז אים געווען געוואוינט צו זען אויף די בילדער, וואָס ציוניסטן האָבן פאַרקויפט און דאָס פּנים זיינס איז געווען קיילעכדיק און אַביסל פעטּ־לעך און ס'האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. די אויגן האָבן געהאַט אַ שאַרף פייערל, וואָס האָט אַ ברי געטאָן און — אפשר האָט זיך אַזוי אויס־געדאַכט, ווייל מען האָט געוואוסט, אַז ס'איז ביאַליק. אָבער, אַז מען האָט געקוקט נעענטער אויף זיינע אויגן, האָט מען געזען אַן אויסערגעוויינלעכן צער אין זיי. אין דעם גאַנג האָט מען מער ווי אין אַלץ דערקענט, אַז ער איז אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש, ער איז עפּעס ווי געלאָפן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַנטלויפט פאַר עמיצן און ער בלייבט דאָך שטיין. ער האָט געטראָגן אַ קאַטיקן קוטשמעלע און ער האָט עס אַ פּאָר מאָל אַראָפּגענומען און ס'האָט זיך שוין באַוויזן אַ היפּשע ליסינע, כאָטש ער איז דעמלט אַלט געווען נישט מער ווי אַ יאָר זעקס און דרייסיק. ס'האָט זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס איז טאַקע דער אמתער ביאַליק, וואָס האָט געשריבן אַזעלכע שירים, וועלכע זיינען דאַכט זיך ווי אַרויסגענומען פון ישעיהו און וואָס האָט אין יידיש געזאָגט אַזוי פּשוט און אָפן: „איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט". עס זיינען דאָך געקומען טויזנטער יונגלייט און מיטליעריקע און אפילו על־

טערע יידן פון דער פראווינץ אנצוקוקן ביאליקן און ווען זיי האבן אים שוין געזען, האט זיך געדאכט, אז ס'איז עפעס נישט ער, אז ער דארף זיין אנ־דעריש... יאנקל האט שוין דעמלט געהאט געלייענט כמעט אלע שירים ביא־ליקס און ער האט א סך געדענקט אויף אויסנווייניק און ער האט אין זיי גע־פילט דעם אמתן טעם. א סך האבן נאך דעמלט אויך געזאגט, אז יהודה לייב גארדאן איז דער גרעסטער העברעאישער פאעט און יאנקל האט גארדאנען אויך געלייענט א סך און אים איז געפעלן זיין שפראך און זיינע געדאנקען, אבער קיין ברי האבן זיי אים אין הארצן נישט געטאן. ער האט שוין באַ־שריבן די יידישע פרוי מיט אירע לײדן אין זיין בארימטער פאעמע „קוצו של יוד" און ער האט ארויסגערופן צו איר רחמנות און פארדרוס קעגן די פאנאטישע געזעצן, אבער יאנקל האט שוין דעמלט געפילט, אז דאס דאזיקע דארף מען נישט זאגן אין פערזן, מ'קען עס זאגן אין פראזע. געווען ביי אים לידער, וואס האבן געקלאגט אויף דעם גורל פון יידישן פאלק, ער האט גע־זאגט: „עדר, עדר לבדו, צאן אובדות הננו" (מיר זיינען טשערעדעס, טשע־רעדעס באזונדערע, פארלוירענע שאף זיינען מיר), אבער עס איז אין דעם נישט געווען אזא קראפט, ווי אין ביאליקס געשריי „אכן חציר היה העם, יבש היה כעץ", (אך, ווי א גראז איז געווארן דאס פאלק, טרוקן אזוי ווי א האלץ). ביאליק האט זיך שטארק געבייזערט אין די לידער אין זיינע און ער האט געשאלטן, אבער לייענענדיק ביאליקן האט זיך יאנקלען געדאכט, אז ער איז אין א פינצטערן וואלד, וואו עס באווייזט זיך אלעמאל א גרויסער בליץ, וואס שניידט דורך די גאנצע פינצטערניש. בעת ביים לייענען גאר־דאנען האט ער אפט געהאט דאס געפיל, אז ער איז אין א פינצטערן וואלד, אין וועלכן עס באווייזט זיך נישט דער קלענסטער שיין. איבערהויפט האט אים געמאכט פינצטער אין מוח יהודה לייב גארדאנס ליד „למי אני עמל" (פאר וועמען מי איך זיך?), אין וועלכן ער פרעגט זיך, צי ער איז נישט דער לעצטער פון די העברעאישע דיכטער. יאנקל האט אן א שיעור מאל איבער־געלייענט זיינע שורות ביז וואנען ער האט זיי געדענקט אויסנווייניק און ער האט זיי אפט געזאגט פאר זיך:

ובנינו? הדור הבא אחרינו?\
הם מנעוריהם יתנכרו לנו\
— למו פצעי לבי ידוו יזובו —\
הנם הולכים קדימה שנה, שנה\
מי יודע הגבול, עד מתי אנה?\
אולי עד מקום — משום לא ישובו.

(און אונזערע קינדער? און דער דור, וואס קומט נאך אונז? פון זייער

יוגנט אָן מאַכן זיי זיך פֿרעמד צו אונז — אויף זיי טוען מיר ווייי און עס
ריינען מיר די וואונדן פֿון מיין האַרץ — זיי גייען פֿאַראויס יאָר ביי יאָר,
ווער ווייסט די גרעניץ ביז וואַנען? אפשר ביז דעם פּלאַץ — פֿון וואַנען זיי
וועלן זיך שוין נישט אומקערן?)

ביי ביאַליקן זיינען אַזעלכע האָפֿנונגלאָזע שירים נישט געווען. די יוגנט
אין אָדעם האָט אויך נישט אויסגעזען, אַזוי ווי גאָרדאָן האָט זי געשילדערט,
כאָטש עס האָבן נישט געפֿעלט אַזעלכע אויך. אָט טאַקע זיין שוועסטערקינד
בעטיאַ, וועלכע ער האָט אַזוי זעלטן געזען, טאַקע, ווייל זי איז געווען אַן
אַסימילאַטאָרשע און זי איז דערפֿאַר געווען שטאַרק ברוגז אויף אים. זי איז
נישט געווען די איינציקע. יאַנקל אַליין האָט שוין געקענט אַ סך ווי זי.

אויך מנחם מענדל אוסישקין פֿלעג אָנמאַכן אַ רעש מיט זיין אריינקור־
מען אין „יבנה”. ער איז געווען דער פּאָפּולערסטער ציוניסטישער פֿירער אין
אָדעס און אַ סך האָבן פּשוט מורא געהאַט פֿאַר זיין דעך. ווען ער איז גע־
גאַנגען, האָט די ערד אונטער אים געציטערט. מען האָט דערציילט, אַז אפֿילו
פּאָליציילייט האָבן פֿאַר אים געציטערט. ער האָט פֿאַר קיינעם נישט מורא
געהאַט און ער האָט יעדן געזאָגט דעם אמת אין פּנים אריין. ער האָט גע־
זאָגט, אַז ביאַליק האָט אויפֿגעהערט שרייבן שירים אין די בליענדיקסטע
יאָרן, ווייל ער איז געוואָרן אַ סוחר. אַ סך האָבן געזאָגט, אַז עס איז אמת.
אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז ביאַליק האָט איבערגעלעבט אַ שווערן קריזיס און
די סטרונעס זיינען ביי אים איבערגעריסן. ער האָט זיך אויך געבייזערט,
וואָס ביאַליק האָט אויפֿגעהערט שרייבן נאַציאָנאַלע לידער און ער האָט אָנ־
געהויבן שרייבן עראָטישע לידער, אַזוי ווי אַלע מאָדערנע אייראָפּעאישע
פּאָעטן פֿון יענער צייט און ער האָט געזאָגט, אַז „דער דיכטער פֿון מתמיד
איז געכאַפּט געוואָרן מיט מאַרינקאַן” („מאַרינקאַ” איז די העלדין פֿון ביאַ־
ליקס רעאַליסטישער דערציילונג „הינטערן פּלויט”, וואָס באַשרייבט די ליבע
צווישן אַ יידיש ייִנגל און אַ שיקסל). מ. מ. אוסישקין איז אויך אַרויסגעטראָ־
טן קעגן מענדעלע מוכר ספרים, וואָס זאָל נישט געווען האָבן איבערגעריסן זיי־
נע באַציאונגען מיט אַ זון, וואָס האָט זיך געשמדט און ביאַליק, וואָס איז
אין אַ גרויסער מאָס געווען מענדעלעס אַ תּלמיד און ער האָט געהאַלטן, אַז
דער זיידע פֿון דער יידישער ליטעראַטור איז אויך דער באַשאַפֿער פֿון מאָ־
דערנעם העברעאישן נוסח, איז שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן אוסישקינען, כאָטש
דער גרויסער העברעאישער פּאָעט איז אַליין געווען אַ ציוניסט, בעת מענ־
דעלע האָט זיך באַצויגן זייער סקעפּטיש צום ציוניזם און צום העברעאיזם.
ווען מען האָט געפֿרעגט וואָס מענדעלע וויל, האָט מען געקנייטשט מיט די
פּלייצעס און מען האָט גערעדט מיט האַלבע ווערטער און מען האָט דאָך גע־
זאָגט, אַז ער וויל יידן זאָלן זיין יידן און זאָלן נישט ווערן אין גאַנצן אַנדערש.
זיי דאַרפֿן נאָר ווערן ריינער, טאַקטישער, האָבן בעסערע מאַנירן און זיי דאַר־

פן פאַרטרייבן פון זיך די תקיפים די רשעים די פּיאַווקעס די בלוט־זויגער, אָבער זיי דאַרפן זיך נישט אָפּזאָגן פון יידיש און זיי דאַרפן נישט אויפהערן לערנען לשון קודש. אַמאָל האָט ער געזאָגט, אַז יידיש איז די וואָכעדיקע קאַפּאָטע און לשון קודש די שבתדיקע און אַמאָל האָט ער געזאָגט, אַז יידיש און לשון קודש זיינען צוויי נאָזלעכער... ער האָט געהאַלטן, אַז אַזאַ גלות־פאָלק ווי יידן זיינען דאַרף האָבן צוויי שפּראַכן... ציוניסטן האָבן געזאָגט, אַז מענדעלע איז אַן אמתער גלות־ייד, דאָך האָבן אויך זיי נישט אָפּגעלייקנט זיין גרויסקייט סיי בכלל ווי אַ יידישער שרייבער, סיי ווי דער טאַטע פון מאָדערנעם העברעאישן סטיל. מענדעלעס חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער זיידע וויל די יידן אין גלות מאַכן פאַר אויס גלות־יידן. די דאָזיקע, וואָס האָבן געקענט אין די „דריבנינקע אותיות" האָבן וועגן אים שטענדיק געזאָגט מיט דעם וואָרט „חזקה על חבר שלא יוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן" (ס'איז זיכער וועגן אַ תלמיד חכם, אַז ער וועט פון אונטער זיין האַנט נישט אַרויסברענגען קיין זאַך, וואָס איז נישט פּערפעקט). עס זיינען אָבער אויך געווען הייסע אָנהענגער אוסישקינס, וואָס האָבן דערציילט, אַז מענדעלע פירט אַליין זיין אייניקל זונטיק אין קלויסטער אַריין, אָבער כמעט אַלע האָבן געשריגן, אַז דאָס איז אַ בילבול. יאַנקל האָט אַמאָל געהערט אין „יבנה" ווי בעת אַ קריג האָט איינער געשריגן: „עס איז געווען איינמאָל אָנצוקוקן מענדעלען און אוסישקינען און זיי ביידע הערן ריידן, בכדי זיך איבערצוצייגן, אַז מענדעלע איז אַ ייד מיט אַלע פּישטשעווקעס און אוסישקין איז אַ פּאָני! אַז ווייט איז צו דער יידישקייט, וואָס אוסישקין וויל זי ראַטעווען פון זיידנס הענט!" און אַן אַנדערער האָט געענטפערט מיט נאָך אַ גרעסערן געשריי: „אוסישקין וויל גאָר נישט אַז מיר זאָלן בלייבן גלות־יידן, ער וויל אונז טאַקע מאַכן פאַר אַזאַ פאָלק ווי די אַנדערע פעלקער און די פּאָנים זיינען"...

יאַנקל האָט דאָ געהערט די זעלביקע קריגערייען, וואָס אין דער ישיבה. דאָרט האָבן אויך סקווערער חסידים געזאָגט, אַז זייער רבי איז דער צדיק הדור און סאַדעגערער חסידים האָבן געזאָגט, אַז זייער רבי איז דער צדיק הדור... דאָקטאָראָוויטש איז זייער זעלטן געגאַנגען אין „יבנה", ער האָט געזאָגט, אַז דאָרטן פאַרלירן בטלנים דאָס בעסטע, וואָס דער מענטש פאַרמאָגט, די צייט, אויף פּוסטע וויכוחים. ער האָט שיעור נישט גערעדט אַזוי ווי דער מתנגד משה צבי סטאָלענער, וואָס פלעג זאָגן, אַז די חסידים זיינען זיך און אַנדערע מבטל פון תורה. יאַנקלען האָט געצויגן צו „יבנה". ער האָט זיך זייט שטענדיק אָן געפילט גוט צווישן אַ סך מענטשן, ער האָט ליב געהאַט מענטשלעכע רייד און אפילו דאָס מענטשלעכע ברומען, פון וועלכע ער האָט די ווערטער נישט געקענט אַרויסהערן. אין אַ דיסקוסיע מיט דאָקטאָראָוויטשן וועגן „יבנה" האָט יאַנקל אים געזאָגט, אַז וויפל מאָל ער האָט געלערנט „סיג לחכמה שתיקה" (אַ צוים צו דער חכמה איז דאָס שווייגן), האָט ער געפרעגט

וואָס איז די חכמה אַליין און קיינער האָט אים נישט געוואוסט צו ענטפערן. איצטער פילט ער, אַז דאָס לערנען איז דער וועג צום לעבן און זיין אין „יבנה" איז שוין דאָס לעבן אַליין... אים איז געווען גוט צו זיין צווישן מענטשן. ער האָט ליב געהאַט צו זיין שבת צו נאַכטס ביי שלייענען און דאָרט פאַרברענגען און הערן זינגען לידער און מיטזינגען און זיך באַטייליקן אין דיסקוסיעס און אויסהערן פליאַטקעס. יאָסיף פלעג אים פון צייט צו צייט פירן אין אַ שטוב פון צוויי פעטראָוועקער שוועסטער, סאָפיאַ און פּאָלינע וואַלנבערג, וואָס איינע איז געווען אַ קורסיסטקע און די צווייטע אַ מאָדיסטקע און ער האָט זיך אויך דאָרט געפילט גוט. כאָטש דאָרט האָט מען אַמאָל צווישן איינס און דעם צווייטן אַ רייד געטאָן וועגן אַנדערע זאַכן — וועגן סאָציאַליזם, וואָס, האָבן זיי געזאָגט, ווייסט נישט קיין חילוק צווישן יידן און קריסטן. אַהין איז געקומען איינער אַ בחור סאַשאַ, וואָס זיין טאַטע האָט געהאַט אַ גרויסע קראָם פון שיך און ער איז געווען אַ זייער רייכער. סאַשאַ האָט טאַקע געאַרבעט ביי זיין טאַטן און ער איז געווען אַ סאָציאַל רעוואָלוציאָנער. ער איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער, ברענענדיקער ברונעט, מיט אַ שוואַרצער שעוועליורע, ווי אַ לייבן גריווע. ער האָט געוואוסט, אַז זיינע אויגן „זיינען אַ געפאַר", ווי די מיידלעך האָבן געזאָגט און ער האָט היפּש בראַווירט מיט דעם. אין דער צייט פון דער רעוואָלוציע אין יאָר 1905 איז ער געווען איינער פון די בעסטע מאַסן־רעדנער צווישן די יונגע אין אָדעס. ער האָט גערעדט אַן אומגעהויער שיינעם רוסיש. ס'איז אים געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן און מען האָט פון אים טאַקע געקענט לערנען רוסיש אויך. ער האָט געהאַט צוויי שוועסטער, זיינען זיי אויך געווען הויכע און שלאַנקע ברענענדיקע ברונעטקעס מיט אויגן ווי פייערן און דערביי אויך מיט פאַרחלומטער צאַרטקייט. עס איז געווען אַ פרייד צו קוקן אויף זיי און צוזאַמען מיט דעם איז אויך געווען אַ שרעק צו קוקן אויף זיי. יאַנקל האָט מורא געהאַט, אַז מען קען פון קוקן אויף זיי פאַרלירן דעם זינען... ער האָט זיך דערמאָנט אַ גמרא, וואָס האָט דערציילט נאַקעט. וועגן רחב הזונה, אַז ווער עס רעדט אַרויס איר נאָמען, קריגט אַ פּאָלוציע (כל האומר רחב, רחב, מיד רואה קרי) און ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז רחב האָט געדאַרפט עפּעס אַזוי אויסזען ווי סאַשאַס צוויי שוועסטער. ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט זיי קיינמאָל נישט דערגרייכן, ער טאָר אַפילו נישט טראַכטן וועגן זיי. יעדע פון זיי איז אפשר אַנדערטהאַלבן מאָל אַזוי גרויס ווי ער און זיי זיינען עלטער פון אים. זיי זיינען סאָציאַליסטקעס, אָבער זיי זיינען רייכע און זיי וועלן חתונה האָבן מיט רייכע לייט און מיט מענטשן, וואָס האָבן אַ פּלאַץ אין לעבן און ווער איז ער? און זיי זיינען דווקא געווען היימישע און צוגעלאָזטע און אַז זיי האָבן גערעדט מיט אים, האָבן זיי אים אָנגענומען ביי דער האַנט און אַפילו אַ גלעט געטאָן ביי די האָר, וואָס זיינען ביי אים אויך געווען שוואַרצע און

קרויזנדיקע. ער פלעג פון זייער יעדן צוריר אַזש ציטערן און ער האָט דערנאָך איבער זיי נישט געקענט שלאָפן גאַנצע נעכט... ער האָט געפילט, אַז עפּעס איז נישט אַזוי גרינג צו ווערן אַ מאַן, אויב פרויען קענען אַזוי צונעמען די נעכט מיט דעם קאָפּ, מיט דעם האַרץ, מיט דער נשמה; ער פלעג דערנאָך גאַנצע טעג אַרומגיין ווי שיכור און נישט קענען לערנען. אין די עשרת הדברות זאָגט זיך „זאָלסט נישט גלוסטן דיין חברס ווייב", אָבער די דאָזיקע זיינען דאָך נישט קיינעמס ווייבער און דאָך זיינען זיי פאַר אים אַפילו קיין חלומות נישט... און ווי אַזוי מאַכט מען עס, אַז מען זאָל נישט גלוסטן? אָט איז שלייען אים זייער אַ גוטער חבר, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין שעמעוודיקער, וואָלט ער געקענט זיין ביי אים בייטאָג און ביינאַכט און פון דעסט וועגן האָט ער ביז צוריק מיט אַ צייט נישט אויפגעהערט צו גלוסטן צו זיין ווייב... איצטער גלוסט ער שוין נישט צו איר און נישט צו פאַניאַ שעכטמאַן, איצטער איז ער משוגע נאָך סאַשאַס בײדע שוועסטער און איבערהויפּט נאָך דער קלענערער, וואָס האָט פאַרחלומטערע אויגן ווי די עלטערע און איז אַביסל קינדישער און אפשר איז ער בפירוש משוגע נאָך דער עלטערער, וואָס איז גרעסער און האָט ברענענדיקערע אויגן.

און סאַשאַ האָט זיך דווקא דערנענטערט צו יאַנקלען, ער האָט געהערט זאָגן, אַז די „יעשיבאָטניקעס" (ישיבה בחורים) זיינען אינטערעסאַנטע מענטשן. ער האָט אים רעקאָמענדירט צו לייענען די רוסישע שרייבער גערצען און טשערנישעווסקי. די צוויי שוועסטער סאַשאַס האָבן יאַנקלען צוגעזאָגט צו געבן ביכער און זיי האָבן אים איינגעלאַדן צו זיך אַהיים אויף טיי און ער איז געגאַנגען מיט אַ ציטער און ער איז געזעסן נישט זיכער אין דעם שיינעם צימער מיטן ברענענדיקן אָפענעם קאַמין, וואו זיי האָבן אים אויפגענומען. דאָרט איז געלעגן אַזאַ גרויסער שיינער טעפּיך, וואָס ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געזען און אויף די ווענט זיינען געווען גרויסאַרטיקע בילדער. די מיידלעך האָבן פון דעם אָפענעם פייער געשיינט. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט די ווינטער נעכט ביי זיי אין דער היים. ווען מען האָט איינגעהייצט מיט „קאַמיש" און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס ער לעבט איצטער איבער, איז אַ חלום. די מיידלעך האָבן אים אויפגענומען מיט טיי און געבעקס און ער איז געזעסן ווי אויף שפּרונזשינעס. זיי האָבן אים געגעבן גערצענס בוך „ווער איז שולדיק?" און טשערניכאָווסקיס „וואָס זאָל מען טאָן?". די עלטערע האָט געזאָגט, אַז בײדע ביכער זיינען מיט פּראָגעצייכנס, אָבער די פּראָפּאַסער ענטפערן אויך, נישט נאָר זיי פרעגן... און זיי האָבן אים גוט איינגעהילט די ביכער. ביים באַגלייטן אים, האָבן זיי דערזען, אַז ער גייט מיט אַ דינעם איבערציער, כאָטש אין דרויסן איז שוין געווען אַ גוטער פראָסט. איינע האָט באַמערקט, אַז ער דאַרף מיסתמא האָבן שטאַרק הייס בלוט, אויב ער קען איצטער גיין מיט אַזאַ דינעם „פּאַרדעסיו". יאַנקל האָט זיך אַ טראַכט

געטאן, אז זיי זיינען טאקע סאציאליסטקעס, אבער אז עס זיינען דא ארימע, וויסן זיי פארט נישט, זיי קענען זיך נישט פארשטעלן, אז מען טראגט א דינעם איבערציער, ווייל מען האט נישט קיין גראבן...

יאנקל האט געדארפט מאכן גרויסע אנשטרענגונג, אז ער זאל קענען לייענען די צוויי ביכער און וויסן, וואס אין זיי איז געשריבן. ער האט די גאנצע צייט פון לייענען געפילט דעם ריח און די בליקן פון די צוויי גרעסטע „קראסאוויצעס", וואס ער האט אין זיין לעבן געזען; זייער אפט האט ער געלייענט די ווערטער און אויפן פלאץ פון די העלדינס, האט ער געזען וויעראן און מיליאן (אזוי האבן געהייסן די צוויי שוועסטער). דאך האט ער זיך פארט אריינגעלייענט אין די צוויי ביכער, וואס זיינען דעמלט געווען פון די באריממסטע אין דער רוסישער ליטעראטור. יאנקלען איז אויסגעקומען, אז גערצען איז עפעס ענלעך צו טאלסטאיען; אויך ער ווייזט אין זיין ראמאן, אז דאס שטאטישע לעבן מיט דער שטאטישער קולטור טויגן נישט, דאך איז עס פארט געווען אנדערש ווי טאלסטאי, וואס האט גערופן צוריק צו דער רעליגיע, כאטש אין אן אנדער פארם און צוריק אין דארף אריין, בעת גערצען האט געגעבן אנצוהערן, אז מען דארף בויען אן אנדער לעבן. דער הויפטהעלד פון גערצענס ראמאן, קרוציפערסקי, וואס האט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט האט פונקט אזוי וויניק געוואוסט, וואס צו טאן ווייטער, ווי יאנקל האט געוואוסט, וואס צו טאן נאך דעם, וואס ער האט געענדיקט די ישיבה; און קרוציפערסקי איז דאך געווען א סך עלטער פון אים. די ליבע קרוציפערסקים איז געווען א מאדנע. ער האט זיך פארליבט אין א נישט געזעצלעכער טאכטער פון א גענעראל, וואס די גענעראלשע האט דאך דערלויבט צו האלטן ביי זיך און זי האט איר דערפאר דערגאנגען די יארן און זי געהאלטן ווי א דינסט. דער אינטערעסאנטסטער טיפ אין יענעם ראמאן איז געווען פאר אונזער העלד בעלטאוו, וואס איז רייך און געלערנט און ווארפט מיט געלט און ער פארשפילט אין קארטן גרויסע סומעס און געפינט זיך נישט קיין פלאץ אין לעבן און ער זאגט, אז אים און אלע רייכע אי איז דאס לעבן נמאס. ווייל זיי טוען אלע גארנישט... כמעט ביי אלע רוסישע שרייבער, אויך ביי פושקינען, האט ער געטראפן רייכע, וואס זיינען נישט צופרידן. דער עיקר אין ראמאן איז פאר יאנקלען נישט געווען די מעשה, נאר די דיסקוסיעס וועגן דעם ווער עס איז שולדיק אין דעם, וואס דאס לעבן איז נישט גוט. דער ענטפער איז דא געווען קלארער ווי ביי טאלסטאיען, אז די רייכע זיינען שולדיק. און ווידער איז יאנקלען די גאנצע זאך פארגעקומען פרעמד. ער האט געלייענט וועגן מענטשן, וואס האבן געהאט פון אלצדינג צופיל און עס איז זיי דערפאר נישט געווען גוט. זיי האבן געהאט צופיל געלט און צופיל תענוג און צופיל בילדונג. ער איז געקומען פון א סביבה, וואס האט פון אלץ געהאט צו וויניק. ווען זיין טאטע וואלט געהאט א צענטל געלט וויפל בעל-

טאַוו האָט געהאַט. וואָלט אים שוין געווען גוט ווי די וועלט און ער וואָלט זיך נישט גענדאַרפט אַזוי פיל קריגן מיט דער מאַמען און ער וואָלט נישט גע־דאַרפט אוועקשיקן די צוויי שוועסטער זיינע קיין אַרגענטינע, אַז די מאַמע זיינע זאָל טאָג ווי נאַכט דאַרפן וויינען און דער טאַטע אַליין זאָל אויך וויינען שטילערהייט. מער פאַרכאַפּט האָט אונזער העלד דער אַנדערער ראָמאַן וואָס די שוועסטער האָבן אים געגעבן — „וואָס זאָל מען טאָן?" פון טשערנישעווסקין. דאָס איז געווען אַ ראָמאַן, וואָס האָט געלערנט וואָס מענטשן דאַרפן טאָן, בכדי ס׳זאָל זיי זיין בעסער. דאָ האָט זיך איינער פאַר דעם צווייטן מקריב געווען. דער סטודענט אין מעדיצין לאָפּוכאָוו, וואָס האָט געקענט ווערן אַ פּראָפעסאָר, איז זיך מקריב צוליב זיין שילערן וויערא פּאַוולאָוונא, וואָס דאַרף לעבן אין אַ פאַמיליע פון קאַרגע, גראָבע און פאַלשע מענטשן און ער פּאָרט מיט איר אַוועק און לעבט מיט איר אַ לאַנגע צייט ווי אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. זיי לעבן זיך פריי, אַזוי ווי מענטשן וועלן אַמאָל לעבן, זיי וואוינען אין באַזונדערע צימערן און איינער גייט צום אַנדערן נישט אַריין נישט אָנ־געקלאַפּט. און וויערא אָרדנט איין אַ וואַרשטאַט אויף סאָציאַליסטישע יסו־דות און אַלע אַרבעטער זיינען גלייך. און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז וויערא פילט נישט די אמתע ליבע צו לאָפּוכאָוון, די אמתע ליבע דערפילט זי ערשט צו זיין פריינד קירסאַנאָוו און לאָפּוכין איז זיך מקריב צום צווייטן מאָל, ער טרעט אָפּ זיין פריינד דעם וועג; ער מאַכט זיך, אַז ער באַגייט זעלבסטמאָרד און ער פאָרט אַוועק קיין אויסלאַנד און ער באַפרייט זיין פרוי. די גאַנצע מעשה האָט יאַנקלען אויסגעוויזן צו זיין אויסגעטראַכט, אָבער זי איז אים געפעלן. האָט דאָך ישעיה אויך אויסגעטראַכט, אַז אַ וואָלף וועט לעבן אין איינעם מיט אַ שעפעלע... און דער עיקר אין ווערק איז נישט די מעשה, נאָר די דיסקוסיעס; פון דעם דאָזיקן בוך האָט יאַנקל צום ערשטן מאָל זיך דער־וואוסט פּראַקטיש, וואָס די סאָציאַליסטן ווילן. דאָרט איז דערוויזן געוואָרן מיט חשבונות, אַז דער סאָציאַליסטישער שטייגער פון פּראָדוקציע איז בע־סער און ער ברענגט מער גליק ווי דער קאַפּיטאַליסטישער. אונזער העלד האָט גענומען חלומען ווי אַזוי זיינע באַקענטע וויערא און מיליאַ מאַכן אויך אַזאַ סאָציאַליסטישן וואַרשטאַט און ער איז דאָרט אויך און ער איז מיט דער פאַרחלומטער מיליאַ אין איינעם אַזוי ווי לאָפּוכאָוו מיט וויעראַן. אים האָט נישט געאַרט, אַז ס׳זאָל זיין אַזוי, אַבי אין איינעם... דאָקטאָראָוויטש האָט אים נישט איינמאָל אויפגעוועקט פון שלאָף און געזאָגט, אַז ער שרייט „וויע־ראַ" און „מיליאַ".

און טעג זיינען אַזוי געגאַנגען. ס׳איז שוין אַריין אין ווייסן ווינטער אַריין און די שיפן האָבן שוין אויפגעהערט צו גיין קיין קיליע און יאַנקל האָט זיך געפילט אָפּגעריסן און ווייט פון דער היים. מיט דער לעצטער שיף האָט נאָך די מאַמע געשיקט דעם זון אַ טאָרבעלע מיט קיכלעך. זי איז געווען

זיכער, אַז ער וועט עס האָבן אויף אַ חודש. אַלעמאָל ווען זי האָט אים גע־שיקט אַ טאָרבעלע קיכלעך, האָט זי אַזוי געמיינט. זי האָט נישט געוואוסט, אַז וויפל מאָל איר זון האָט באַקומען די קיכלעך, אַזויפיל מאָל זיינען צו אים גע־קומען הונגעריקע געסט און אַלע האָבן זיך צוגעכאַפּט צו זיי און אין אַ פּאָר טעג האָבן זיי נישט געסטייעט. אויך דאָקטאָראָוויטש האָט באַקומען פון זיין מאַמען פון צייט צו צייט טאָרבעלעך מיט קיכלעך און אויך זיי האָט מען פּאַרטיק געמאַכט מיט אַמאָל און דערנאָך פּלעגן אַוועקגיין וואָכן, וואָס זיי האָבן געטרונקען טיי מיט אַ פּיסנע שטיקל שוואַרץ ברויט, וועלכעס זיי האָבן זיס געמאַכט מיטן צוביים פון אַ שטיקל צוקער. קיין געלט האָט יאַנק־לען דער טאַטע נישט געשיקט. ער האָט געזאָגט, אַז אויף צו לערנען תורה קיין קעשענעוו האָט ער געשיקט, ער האָט די קליי פון זיך געצויגן און גע־שיקט, אָבער אויף צו לערנען רחמנא ליצלן מינות (אפּיקורסות) טאָר ער נישט שיקן, אַפילו ער זאָל וועלן. דאָך האָט די מאַמע פון צייט צו צייט אים געשיקט אין איינעם מיטן טאָרבעלע קיכלעך אויך אַ קערבל און זי האָט אים בסדר געהייסן אָנזאָגן, אַז ער זאָל זיין אַ ייד און ער זאָל אַלע טאָג כאָטש אָנמעסטן די תפילין און נישט אויסטאָן קיינמאָל דעם טלית קטן. ער האָט איר געשריבן, אַז זי זאָל קיין יסורים נישט האָבן און אַליין האָט ער שוין באַלד אָנגעהויבן פאַרגעסן, אַז עס זיינען פאַראַן תפילין אויף דער וועלט. כאָטש ווען ער האָט ערגעץ דערזען תפילין, האָט עס אים אַ צי־געטאָן און אַ סך מאָל איז ער געגאַנגען צו שלייענען, אויסגעזוכט אַ פּאָר תפילין און זיי אָנגעמאָסטן. ער האָט נישט געוואוסט, צי ער טוט דאָס צוליב טאַטע־מאַ־מע, אָדער טאָקע צוליב דעם, וואָס ער האָט נאָך מורא פאַר גאָט...

געלעבט האָט יאַנקל זייער אָרעם. חוץ ביי שלייענען האָט ער נאָך אַמאָל געגעסן אַ לעפל געקעכץ ביי אַלי אַדעסערס עלטערן. ער פלעג גיין צו זיי אויף דער מאַלדאַוואַנקע אפשר אַ שעה אַהין און אַ שעה צוריק אויף צו עסן אַ לעפל געקעכץ. זיי האָבן אים שטענדיק געבעטן, אַז ער זאָל קומען וואָס אָפטער. ביים אָנהייב איז זיי נישט געפעלן, וואָס ער האָט אויסגעטאָן די קאַ־פּאָטע און אָפּגעשניטן די פאות, אָבער דערנאָך האָט די פרוי געזאָגט, אַז אַ קינד איז אַ קינד און זי האָט אַ קרעכץ געטאָן פון טיפסטן האַרצן און זי האָט זיך דערמאָנט מיט טרערן, אַז זי האָט אויך קינדער אין דער פרעמד, וואָס זיינען עלנד, אַזוי ווי יתומים נעפּריטשקעם... קיין רייך עסן איז ביי זיי נישט געווען, מען האָט אים אָפּט געגעבן עסן אַזאַ מין, וואָס האָט געהייסן „פּיש־יויך" און איז געווען אָן פיש, אָבער ס'איז געווען וואַרעם און געשמאַק. צו קאַפּלאַנען אין דער „סטאָלאָוועקע" האָט ער זיך זייער זעלטן געקענט פאַרגי־נען צו גיין עסן און אין דער „ביליקער קיך" האָט דאָס עסן געשמעקט עפּעס אַזוי פּריקרע, אַז ער האָט דערנאָך געפילט ווי עס גרימט אים אַ פּאָר טעג אין בויך. עס איז שוין געווען בעסער צו עסן אַ טרוקענעם מאַלצייט אין שטוב

און פארטרונקען מיט א גלאז זיסער טיי. געלייענט און געלערנט האט ער א סך. ער האט געלייענט נישט נאר רוסיש, נאר אויך די נייע העברעאישע ליטעראטור. מיט דער הילף פון דאקטאראוויטשן האט ער דורכגעביסן אחד העמס דריי בענד „על פרשת דרכים", אין וועלכע ער האט זיך דערוואוסט א סך טיפע זאכן וועגן יידישע און מענטשלעכע ענינים. דער גאנצער וועג אחד העמס האט אים נישט גענומען. ער האט אנגעהויבן ווערן א ציוניסט און אים איז געפעלן געווען אזא ציוניזם ווי ביי הערצלען — אלע יידן אריבערנעמען קיין ארץ ישראל און דארט מאכן א יידישע מלוכה. לויט אחד העמן איז אויסגעקומען, אז מען דארף צוגרייטן נישט אזוי דאס לאנד, ווי דאס יידישע פאלק, די הערצער און די מוחות פון יידישן פאלק און דערנאך מאכן א „מרכז רוחני" (גייסטיקן צענטר) אין ארץ ישראל. אים איז אויסגעקומען, אז א גייסטיקער צענטר איז דארט סיי ווי שוין פאראן. דאוונען דאך אלע יידן מיטן פנים אהין און זיינען דאך דארט פאראן די הייליקע קברים און דער כותל המערבי... ער האט אויך נישט פארשטאנען קלאר אחד העמס יידישקייט, א יידישקייט פון בלויז שכל. אחד העם האט כסדר גערעדט וועגן „שלטון השכל" (די הערשאפט פון שכל) און ער האט געוואוסט, אז „רחמנא ליבא בעא" (די תורה דארף האבן הארץ). צווישן די חסידים, וואו ער איז געווען איידער ער איז אוועק פון דער ישיבה, האט מען גערעדט, אז דער עיקר איז דאס הארץ... אבער ער האט געלערנט א סך אנדערע זאכן ביי אחד העמן. ער האט געלערנט וואס אזוינס עס מיינט דאס הייליקע און וואס דאס וואכעדיקע און וואס עס מיינט א כוהן און וואס א נביא און וואס אזוינס עס מיינט אינערלעכע פרייהייט און וואס — דרויסנדיקע. עס איז פארט אויסגעקומען, אז די פרומע יידן זיינען מער פריי אינערלעך, ווי די פרייע יידן. ער האט ביי אים אויך געלערנט וואס אזוינס עס מיינט אסימילאציע און אז די אסימילאנטן זיינען נאכקרימער און קנעכט... ער האט זיך געווארפן אין א סך זייטן אריין און זיך געלאזט אויף א סך וועגן. אים איז נאך געפעלן די אלטע יידישקייט און עס האט אים געצויגן צום ציוניזם און דער סאציאליזם איז אים אויך געווען געפעלן; און עס איז אים געפעלן העברעאיש און רוסיש און כאטש אלע האבן געוואלט פארמיאוסן יידיש און עס גערופן זשארגאן, האט ער דאס דאזיקע לשון דאך ליב געהאט און ווען ער האט געלייענט ביי אחד העמן, אז מיר קענען נישט ליב האבן אונזער מוטער־שפראך, אזוי ווי אנדערע פעלקער האבן זי ליב, איז עס אים נישט געפעלן. ער האט שוין גערעדט אי רוסיש, אי העברעאיש, אבער אינערלעך פריי האט ער זיך געפילט, ווען ער האט גערעדט יידיש. ער האט געזוכט צו לייענען די אדעסער יידישע צייטונג „גוט מארגן" און ער האט אויך געלייענט די יידישע ביכער פון מענדעלע און שלום עליכם און ביאליקס יידישע לידער האט ער געלייענט און פרוגס. געגעסן האט ער וויניק, געשלאפן אויך וויניק און ער האט געפילט

ווי די כוחות ווערן אים אפגעשוואכט און ער דערטראגט קוים זיין לייכטן און בריענדיקן גוף, דאך האט ער כמעט קיינעם נישט מקנא געווען און ער האט זיך אלץ מער און מער פארטיפט אין לערנען און אין לייענען. משה לייב ליליענבלום איז געווארן דער גוטער מלאך, וואס האט אים כסדר באגלייט און אים גערודערט דאס בלוט. ער אליין איז געווען אזוי אנדערש ווי ליליענבלום. ער האט נישט אויפגעהערט צו פרעגן קשיות אויף גאט און זיין באליבטער שרייבער האט זיך נישט אויפגעהערט צו בייזערן אויף די מענטשן, וואס זיי זיינען שלעכט. ער איז אזוי ווי די נביאים, האט ער זיך געקלערט, די נביאים האבן דאך אויך כסדר טענהס צו די מענטשן, כאטש אמאל בייזערן זיך די נביאים אויך אויף גאט למאי ער לאזט דעם רשע איינשלינגען דעם צדיק. און ער האט זיך געפרעגט: דערמאנט ליליענבלום נישט גאט, ווייל ער גלויבט נישט אין אים? פון דעם דאזיקן געדאנק האבן זיך אים אונטערגעהאקט די פיס. אים האט זיך געדאכט, אז אין דעם מאמענט, ווען ער וועט זיך זאגן, אז ס'איז נישטא קיין גאט אויף דער וועלט, וועט ער איבערבייסן דעם לעצטן פאדים מיט די עלטערן און ער וועט ווערן א לעבעדיקער יתום... און דאך האט ער געפילט, אז פון דעם אלץ, וואס ער לערנט, לייענט, טראכט און פרעגט, פארלירט ער נישט, נאר ער געווינט און עס גייען אין אים אויף א סך ליכטיקייטן און אן א שיעור בענקענישן...

☆

קאפיטל דריי

אַ גזירה קעגן „עקסטערנעס” פירט דעם העלד צום ציוניזם און צו שרייבעריי.

אין סאַמע מיט ווינטער, ווען זאַווערוכעס האָבן זיך צעשפּילט איבער אָדעס, האָט זיך צעשטורעמט מיט טאָלסטאָיס נאָמען אין אַלע גרויסע און קליינע אָדעסער רוסישע צייטונגען, אויך די יידישע צייטונג „גוט מאָרגן”, איז פול געווען מיט דעם נאָמען פון דעם „אַפּאָסטאָל פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ”. אויף די בילדער, וואָס מען האָט געדרוקט אויף די ערשטע זייטן, האָט ער טאַקע אויסגעזען ווי אַן אַפּאָסטאָל. עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער פליט. אַזוי האָט מיסתמא אויסגעזען, האָט זיך יאַנקל געטראַכט, אליהו הנביא, ווען ער איז אַרויפגעפלויגן אין הימל אַריין. טאָלסטאָי איז אין סאַמע מיט ווינטער אַוועק פון זיין היים. ער האָט עס שוין אַ סך מאָל געוואָלט טאָן, האָבן די צייטונגען דערציילט, און די פרוי, וואָס איז געווען די הויפּט־שולדיקע אין זיין אַנטלויפן, האָט אים פאַרהאַלטן. די צייטונגען האָבן דערציילט וועגן דעם שלעכטן לעבן, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין ווייב און מיט די קינדער, וואָס האָבן געוואָלט לעבן ווי די גראַפן און זיי האָבן אים נישט פאַרשטאַנען און נישט געוואָלט זיין קיין אידעאַליסטן. מענער האָבן געהאַלטן מיט טאָלסטאָיען, פרויען האָבן זיך אַמאָל אָנגענומען פאַר דער פרוי טאָלסטאָי; די מערסטע פון די זשורנאַליסטן האָבן אויך געהאַלטן מיט טאָלסטאָיען, עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אַריינגעוואָרפן גוטע ווערטער פאַר דער פאַמיליע און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער האָט מיט זיך אַליין אויך געדאַרפט זיך גענוג ראַנגלען ביז וואַנען ער האָט באַהערשט זיין בלוט און ער האָט עס טאַקע נישט שטענדיק באַהערשט. מען האָט געשמועסט, אַז די מערסטע העלדן טאָלסטאָיס, וואָס האָבן זיך געראַנגלט מיט פרויען־טייוולאָנים און זיך נישט געקענט באַהערשן און די אַנדערע מענער, וואָס האָבן פאַראומגליקט פרויען, זיינען אַלע געווען טאָלסטאָי אַליין... אַפילו זיין אַ וועגעטאַריאַנער איז אים נישט שטענדיק געלונגען און ער פלעג זיך אַ סך מאָל אַריינכאַפּן אין קיך אַריין און כאַפּן דאָרט אַ שטיק פלייש, אָדער אַ שטיק פיש און נישט איינמאָל טאַקע רויערהייט... עס זיינען געווען אויך זשורנאַליסטן, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז זיין תורה וועגן נישט קעגן שטעלן זיך דעם שלעכטס איז אַ

פּאַלשע און אַז דאָס שלעכטס קען מען מיט קיין „שפּרוכן" נישט באַזיגן. אין דער רוסישער צייטונג, וואָס יאַנקל האָט געלייענט צום מערסטן, אין דער „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי" האָבן געשריבן אַלע טאָג דריי זשורנאַליסטן. „ניעזנאַקאָמיעץ" האָט דאָרט געשריבן לייכטע פעליעטאָנדלעך און אַמאָל אויך בייזע, שטעכיקע און גיפטיקע פּאַמפלעטן. לאַזענגרין (גערצאַ ווינאָגראַדסקי) האָט געשריבן לירישע פעליטאָנען, וואָס האָבן זיך געלייענט ווי לידער און אַמאָל אויך ווי פילאָזאָפישע אַפאָריזמען. „סיעדאָי" (וואָס איז געווען אַ פּסעוודאָנים פון אַ באַוואוסטן סאָציאַליסט, האָט מען געזאָגט) האָט געהאַט אַ רובריק. וואָס האָט געהייסן „דניעוונִיק זשורנאַליסטאַ" (דער טאָג־בוך פון אַ זשורנאַליסט) און ער האָט געשריבן שווערע און ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגן נאָענטע און ווייטערע געשעענישן. ער האָט אַרויסגעזאָגט טיפע געדאַנקען, אָבער מען האָט זיך געדאַרפט גוט אויסברעכן די ציין ביז וואַנען מען האָט זיי פאַרשטאַנען. דערצו איז נאָך דאָס רוסיש זיינס געווען אַ שווערס. יאַנקל האָט געדאַרפט זוכן אין ווערטערביכער ביים לייענען „סיעדאָיס" אַרטיקלען. ער האָט שוין דעמלט אָנגעהויבן לערנען לאַטיין און די לאַטיינישע ווערטער זיינען אים אויך צונוץ געקומען צו יענע אַרטיקלען. „סיעדאָי" האָט זייער ערנסט באַקעמפט טאָלסטאָיס וועלט־אַנשויונג און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער קאָנסערוואַטיוו און ער רופט צו אָפּגעלעבטע לעבנס־פאָרמען און כאָטש ער איז אַן אויפריכטיקער הומאַניטאַרער, שפּילט ער אויף דער האַנט די רעאַקציאָנערן. און יאַנקל האָט פאַרשטאַנען. אַז טאָלסטאָי האָט אין דער וועלט אַ סך מער קענער ווי אָנהענגער און אַז אַבסאָלוט אָנערקענט מען אים נאָר ווי אַ שרייבער אַ קינסטלער, אָבער נישט ווי אַ מאָראַליסט און אַ לערער. זאָל עס זיין, ווייל קונסט איז דאָ איינע און מאָראַלן און לערעס זיינען דאָ אַ סך פון דעם, וואָס ער האָט געהערט שמועסן וועגן קונסט און וואָס ער האָט געלייענט וועגן דעם דאָזיקן ענין, האָט ער געוואוסט, אַז די אויפפאַסונגען וועגן קונסט זיינען אויך דאָ אַ סך. אָט האָט טאָלסטאָי נישט געהאַלטן פון שעקספּירן, וועלכן אַ סך האַלטן פאַר דעם גרעסטן וואָרט קינסטלער אין דער וועלט. און מאַקס נאָרדוי האַלט נישט פון טאָלסטאָיען דעם קינסטלער און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ דעגענעראַט. טאָלסטאָי, וואָס האַלט פון נישט קעגנשטעלן זיך דעם שלעכטן, איז דאָך בייז געוואָרן און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַליין אַ דעגענעראַט. די וועלט איז אונזער העלד פריער נישט קלאָר געווען דורך דער פּריזמע פון דעם יידישן גלויבן, איצטער איז זי אים נאָך ווייניקער קלאָר געווען דורך דער פּריזמע פון דעם נייעם וויסן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן באַקומען; וואָס מער ער האָט געלערנט, אַלץ ווייניקער האָט ער געוואוסט און פאַרשטאַנען. אין דער יידישער צייטונג האָט איינער אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן וועגן טאָלסטאָיען און ער האָט אים פאַרגליכן צו שלמה המלך, וואָס האָט אין דער יוגנט אָנגעשריבן שיר השירים און ער האָט זיך

צעגאַסן מיט געזאַנג צו דער שיינקייט פון דער פרוי, האָט אין דער מיטליאַריקייט געשריבן „מישלי“ און האָט געלערנט די מענטשן צו זיין גוט און וואויל און אויף דער עלטער האָט ער אָנגעשריבן „קוהלת“ און ער האָט געזאָגט „הבל הבלים, הכל הבל“... פון ד״ר יוסף קלויזנערס היסטאָריע האָט יאַנקל געוואוסט, אַז שלמה המלך האָט נישט געשריבן קיין איינס פון די דריי ספרים, אָבער דער פאַרגלייך איז דאָך געווען אַ שיינער און ער האָט זיך זייער געפּאַסט צו טאָלסטאָיען, וואָס איז אַליין געווען אי אַ זינדער, אי אַ בעל תשובה. יאַנקל האָט געפּרואווט איבערדערציילן דעם געדאַנק פון פּעליעטאָן סיי ביי שלייענען, סיי אין סאַשאַס קרייז, האָט מען זיך אויף אים אַרויפגעכאַפּט ווי אויף איינעם, וואָס לעסטערט גאָט אַליין. איבערהויפּט האָבן אויף אים געשריגן די פרויען, וואָס האָבן געזאָגט, אַז טאָלסטאָי איז אַ הייליקער. יאַנקל האָט זיך געפרעגט, צי ווען יידן האָבן אַזאַ גרויסן שרייבער ווי טאָלסטאָי, צי וואָלטן די אַלע ווייבער און מיידלעך אויך געהאַלטן פון אים אַזוי? ער האָט געפילט, אַז די יידישע ווייבער און מיידלעך דינען צו אים, ווייל ער איז אַ גוי. זיי באַלעקן זיך פון קופּרינס מעשהס „ים־קראַנקייט“ און „יאַמאַ“, וואָס זיינען פול מיט זינד און זיי באַגייסטערן זיך פון דעם, וואָס טאָלסטאָי הייסט תשובה טאָן און ער בייזערט זיך אויף דער מוזיק, וואָס רופט אַרויס זינדיקע געדאַנקען, כאָטש זיין אייגענע ליטעראַטור, אַפילו די מאָראַלישע רופט אויך אַרויס זינדיקע געדאַנקען. דערווייל זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז מען האָט טאָלסטאָיען געטראָפן אין אַ סטאַנציע אַסטאַפּאָוואָ און מען פירט אים אַהיים און עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז אָנגעקומען די ידיעה, וועלכע אַלע האָבן דערוואַרטעט און פאַר וועלכער אַלע האָבן זיך געשראָקן, אַז ער איז געשטאָרבן... עס האָט זיך געדאַכט, אַז גאַנץ אָדעם האָט דעם אָטעם איינגעהאַלטן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די טראַמוויי׳ען האָבן אויפגעהערט קלינגען און די מילן און פאַבריקן האָבן אויפגעהערט פייפן און אַפילו די פערד האָבן אויפגעהערט הירזשען. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ווינט דערציילט דעם הימל, דער ערד און דעם שניי, אַז טאָלסטאָי איז געשטאָרבן און אַז דער הימל בויגט זיך אָן צו דער ערד און דערציילט עס איר. און פונקט ווי אַזוי עס איז ביים אָנהויב שטיל געוואָרן, פונקט אַזוי איז דערנאָך געוואָרן אַ רויש און מען האָט געהערט נאָר צוויי ווערטער — „טאָלסטאָי“ און „געשטאָרבן“. עס האָבן עס אַרויסגעשריגן צייטונג־פאַרקויפער און עס איז געווען ביי יעדן מענטשן אויף די ליפּן. „באָסיאַקעס“ (וואַגאַבונדן) אין די גאַסן האָבן גערעדט וועגן טאָלסטאָיען. די ביליקע פּראָסטיטוטקעס האָבן אין אָוונט זיך געקלאָגט, אַז צוליב טאָלסטאָיס טויט קריגן זיי נישט קיין געסט און זיי האָבן געשאָלטן דעם טאָלסטאָיען מיט טויטע קללות. גלחים נעפּריטשקעם און רבנים און שוחטים להבדיל האָבן וועגן אים גערעדט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אַלע האָבן דערוואַרט, אַז

טאָלסטאָי, וואָס איז שוין אַלט געווען צוויי און אַכציק יאָר און קיינער האָט אים אַנדערש נישט געקענט ווי מיט אַ ווייסער באָרד, וועט שוין קיינמאָל נישט שטאַרבן... מען האָט אויף שריט און טריט פאַרקויפט זיינע ביכער. פאַר קליין געלט האָט מען פאַרקויפט זיינע גרויסע און גראָבע ביכער. מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי אַלע אָוועקגעשענקט דעם פאָלק און ער האָט פאַר דעם שרייבן גאָרנישט געוואָלט און דערפאַר לייזט מען זיי אַזוי ביליק. מען האָט אין יענע טעג געקענט זען אין אָדעס, אַז רוסלאַנד איז אַ גרויס לאַנד, די רוסישע ליטעראַטור איז אַ גרויסע ליטעראַטור, טאָלסטאָי איז אַ גרויסער שרייבער און אַז די יידן העלפן אַלע דריי צו צו זייער גרויסקייט. אין „יבנה" זיינען שוין געווען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען אייפערזיכטיק אויף דעם, וואָס יידן מאַכן אַזוי גרויס די פרעמדע און עס האָט זיך געהערט זאָגן דעם פסוק פון שיר השירים „כרמי שלי לא שמרתי" (מיין וויינגאָרטן האָב איך נישט אָפּגעהיט). בחורים מיט גרויסע טשופּרינעס, קרומע נעז און פענסנע אויף זיי האָבן געשריגן: „ווען מענדעלע מוכר ספרים וואָלט חלילה געשטאָרבן, וואָלט מען אַזוי נישט גערוישט". אַנדערע האָבן געענטפערט: „מענדעלע איז פאָרט נישט אַזוי אוניווערסאַל. ער באַרירט נישט קיין פראַגן פון קיין ליבע און נישט קיין פראַגן וועגן זין פון לעבן, ער רעדט נאָר וועגן דעם ווי אַזוי יידן זיינען צווישן זיך און ווי אַזוי גויים זיינען צו יידן. זיין האָריזאָנט איז אַזאַ שמאָלער. ווען די יידישע שרייבער וועלן אַרויס פון געטאָ און זיי וועלן ווערן אוניווערסאַל, וועלן זיי אויך ווערן באַרימט אין דער ברייטער וועלט. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן דערציילט, אַז דער יונגער העברעאישער פּאָעט זלמן שניאור האָט געזאָגט, אַז „ביאַליק האָט אַזאַ שמאָל האָריזאָנטל". און מען האָט נביאות געזאָגט, אַז שניאור וועט מיט דער צייט אָנגענומען ווערן ביי די גויים, ווייל ער האָט אוניווערסאַלע מאָטיוון. אויך אין „יבנה" האָט מען אין אַ שבת אין דער פרי באַערט טאָלסטאָיס אָנדענק און ד"ר יוסף קלויזנער האָט אין אַ ווייכן און שטילן רוסיש גערעדט וועגן פאַרשטאָרבענעם, וואָס האָט אין זיך, האָט ער געזאָגט, געהאַט עפּעס פון די יידישע נביאים. ער איז געשטאַנען לעבן עמוד דער דערמלט יונגער געלערנטער מיט אַ קאַראַקוליענער לענגעכיקער קוטשמע און מיט אַ קאַטיקענעם פוטער; אַ קיילעכיק בערדל האָט אַרומגעצוימט זיין פּנים ווי אַ טרויעריקע ראַם און די אויגן האָבן ביי אים געקוקט שעמעוודיקע. מיידלעך האָבן געזאָגט „קאַקאָי אָן זשענסטווענני עטאָט יעווריסקי אוטשיאָנני" (וואָס פאַר אַ ווייבלעכער ער איז דער דאָזיקער יידישער געלערנטער!) און מענער האָבן זיך אָפּט אָנגעבויגן איינער צום אַנדערן און זיי האָבן געזאָגט: „ער ווייסט אַ סך דער דאָזיקער געלערנטער, אָבער ער איז נישט קיין קלוגער". יונגע שרייבער האָבן אויף אים געקוקט גיריק און זיי האָבן זיך געטראַכט, אַז ביי אים אין די הענט איז דער שליסל צום גן עדן. ער איז געווען רעדאַק־

טאָר פון העברעאישן חודש־זשורנאַל „השלוח" און ווען עמיצן איז געלונגען אָפּצודרוקן איין קליינעם שיר אין אָט דעם זשורנאַל, איז ער שוין פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַן אומשטערבלעכן. אַ מילדער אָפּזאָג און אַ צוזאָג, אַז עס קען זיין, בעסער ווערן, איז שוין אויך געווען אַ יש פאַר אַן אָנפאַנגער. יאַנקל האָט שוין אויך געהאַט אַן ענטפער פון „השלוח" אויף אַ פּאָסט־קאַרטל, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט: „שירך עודנו בוסר" (דיין שיר איז נאָך אַ גרינע פּרי) און דער „עודנו" (איז נאָך) האָט ביי אים אַרויסגערופן פרייד און דאָקטאָראָוויטש האָט אים נישט אויפגעהערט זאָגן „יש חזון למועד" — וועסט נאָך ווערן אַ גרויסער משורר... קלויזנער האָט געמאַכט טאַלסטאָיען פאַר אַ נביא און אייניקע האָבן געזאָגט, אַז קלויזנער איז משוגע אויף נביאות.

און דער ווינטער איז אַלץ געוואָרן שטאַרקער. די פרעסט און די זאַווערוכעס זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אַריין פון ים און זיי האָבן געבושעוועט. איינמאָל איז דאָקטאָראָוויטש געגאַנגען צו אַ לעקציע און ער איז צוריקגעקומען מיט „טויטע" אויערן. יאַנקל האָט באַמערקט, אַז זיי זיינען ביי אים מוראַדיק בלייך און דער בחור האָט דערציילט, אַז פריער האָט ער געפילט אַ שרעקלעכע קעלט אין די אויערן און דערנאָך האָט ער געפילט אַ שטעכעניש אין זיי און פּלוצים האָט ער זיי אין גאַנצן אויפגעהערט צו פילן און עס איז אים געוואָרן גוט. ביידע האָבן זיך חשבון געגעבן, אַז די אויערן זיינען אויף דעם פראָסט אָפּגעפרוירן געוואָרן און זיי האָבן זיך דערשראָקן און גענומען רייבן די פאַרפרוירענע איברים מיט שניי און מיט הייסע וואַסער. וואָס זיי האָבן געבעטן ביי דער באַלעבאָסטע. יאַנקל איז געווען נישט ווייניקער איבערגעשראָקן ווי דאָקטאָראָוויטש אַליין און ווען עס האָט אָנגעהויבן איבערגיין און דער בחור האָט ווידער דערפילט אַ ווייטיק און אַ שטעכעניש אין די אויערן, האָט ער זיך געפרייט נישט ווייניקער ווי דער בעל דבר אַליין און דאָס דאָזיקע האָט זיי ביידע אומגעהויער דערנעענטערט און זיי האָבן זיך געפילט ווי ברידער. אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען ביי דאָקטאָראָוויטשן אָנגעלאָפן ביידע אויערן און זיי זיינען געוואָרן דריי מאָל אַזוי גרויס ווי געווענלעך. דאָס דאָזיקע האָט יאַנקלען אויסגעזען מוראַדיק קאָמיש און ער האָט קינדיש געלאַכט. דאָקטאָראָוויטש האָט אויך געלאַכט, אָבער עס האָט אים פאַרדראָסן אויך, וואָס זיין חבר לאַכט און ער האָט אים געהאַלטן אין איין וואָרענען מיט דעם מוסר פון קרילאָווס אַ משל און שרייען „נאַ טשוזשאָי בעדיע ניע סמייסיאַ, גאָלובאָק" (אויף אַ פרעמדער צרה, לאַך נישט, טייבעלע!). און דאָס דאָזיקע ברוגזן זיך איז שוין געווען אין גאַנצן ווי פון אַ ברודער. אַזוי אינטים מיט אַ בחור האָט זיך אונזער העלד ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט געפילט. און דאָקטאָראָוויטש האָט געטראָפן: אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מיט יאַנקלען פּאַסירט דאָס זעלביקע. אים האָט אַ באַקענטער נאָך אין גאַס באַמערקט, אַז זיינע אויערן זיינען מוראַדיק ווייס און ער האָט

אים געהאָלפֿן זיי רייבן מיט שניי און ער איז שוין אַהיימגעקומען מיט פֿאַר־
טיק־געשוואָלענע אויערן. דאָקטאָראָוויטש האָט מער מיט טרויער ווי מיט
פֿרייד דערמאָנט, אַז ער האָט אים געוואָרנט ער זאָל נישט לאַכן אויף קיין
פֿרעמדער צרה... און ער האָט פֿון ערגעץ אַרויסגעשלעפּט אַ פֿאַרוואַלגערט
קיכל און אים געגעבן.

די „עקסטערנעס" (אַזוי האָט מען גערופֿן די דאָזיקע, וואָס האָבן גע־
לערנט דעם קורס פֿון גימנאַזיע אין דער היים און זיינען זיך דערנאָך גע־
גאַנגען עקזאַמענירן אין די גימנאַזיעס) זיינען פּלוצים אויפֿגערודערט גע־
וואָרן פֿון אַ נייעם געזעץ, וואָס דער בילדונג מיניסטער קאַסאָ האָט אַרויסגע־
געבן. לויט דעם דאָזיקן געזעץ האָט מען איינגעפֿירט אַ „פּראָצענט נאָרמע"
אויך פֿאַר יידישע עקסטערנעס. ביז דעמאָלט האָט עקזיסטירט אַזאַ „נומערוס
קלאַוזוס" נאָר פֿאַר יידישע גימנאַזיסטן. עס איז אויסגעקומען, אַז דאָס גאַנ־
צע לערנען וועט שוין זיין אומזיסט, מען וועט זיך שוין נישט קענען עקזאַ־
מענירן. אמת, אַז מען האָט געענדיקט די גימנאַזיע, האָט מען אַ יידן נישט
צוגעלאָזט אין אוניווערסיטעט אַריין, אָבער וועגן אַזוי ווייט האָט מען נישט
געדאַרפֿט באַלד קלערן. און אויב מען האָט שוין דערפֿון געטראַכט, האָט מען
געהאָפֿט, אַז מען וועט קענען אַוועקפֿאָרן קיין אויסלאַנד און דאָרט שטודירן,
אָבער דעם קורס פֿון גימנאַזיע קען מען דאָך נישט פֿאָרן שטודירן קיין אויס־
לאַנד. דער גערודער איז געווען אַ גרויסער. די מערסטע עקסטערנעס האָבן
געוואוינט אין איין געגענט אַרום דער גאַס „פּושקינסקאַיאַ", „יעווריעיסקאַיאַ"
א. א. וו. און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפֿריידן. איינער איז געקומען צום
צווייטן, ביז וואַנען עס האָבן זיך צונויפֿגענומען עטלעכע צענדליק יינגלעך
און מיידלעך אין איין שטוב אַריין. די באַלעבאָסטעס האָבן נישט געוואָלט
ליידן און זיי האָבן געשריגן, אַז זיי האָבן מורא פֿאַר פּאָליציי, אָבער עס האָט
זיי גאָרנישט געהאָלפֿן. מען איז זיך צונויפֿגעקומען און מען האָט גערעדט
אַלע אין איינעם און מען האָט גערוישט און געטומלט און זיך געווישט די
פֿאַרהויכטע גלעזלעך פֿון די ברילן און מען האָט געדרייט ציגאַרן טיטון און
גערויכערט און איינער האָט געבעטן דעם צווייטן אַ „צי". יאַנקל האָט ערשט
דעמאָלט געזען, אַז עס זיינען פֿאַראַן אַן אַ שיעור מיידלעך צווישן די עקס־
טערנעס און כמעט אַלע זיינען זיי טונקל־הויטיקע און זיי האָבן טרויעריקע
אויסזעענס און נאָך מער וויפֿל זיי זיינען טרויעריק, מאַכן זיי זיך אויסזען טרוי־
עריק. עס איז דעמאָלט געווען אין דער מאָדע זיך צו הילן אין טונקלען און
אויסזען איינזאַם און מעלאַנכאָליש, אַזוי ווי אין נאַדסאָנס לידער. סיי ביי
די יינגלעך, סיי ביי די מיידלעך פֿלעגן הענגען פּראָדוקציעס פֿון בילדער, וואָס
האָבן פֿאָרגעשטעלט איינזאַמע מיידלעך אויף די ווענט. ווען מען האָט גע־
זאָגט, אַז אַ מיידל זעט אויס מעלאַנכאָליש, איז דאָס געווען מער קאָמפּלי־
מענט ווי מען האָט איר געזאָגט, אַז זי זעט אויס שיין. פֿאַר אַ מיידל איז

גאר דעמלט נישט געווען קיין קאמפלימענט דאס ווארט „שיין", א קאמפלי־
מענט איז געווען „באלעזן" און „איינזאם"... נישט געווען קיין איין מיידל,
וואס האט דעמלט נישט געלייענט האמסונס „וויקטאריא" און אלע האבן זיי
געחלומט וועגן עפעס א ליבע, וואס מען זאל קיינמאל נישט דערגרייכן און
פאר וועלכער מען זאל שטארבן. עס האבן נישט געפעלט קיין מיידלעך, וואס
די יוגנט און די פרייד האבן אריבערגעשריגן אלע טרויעריקע מעשהס, לי־
דער און חלומות און זי האט ארויסגעצאפלט פון זייער יעדן ריר, אבער זיי
האבן זיך געשעמט מיט דעם און זיי האבן די געלעכטערס געשטיקט אין זיך.
עס זיינען שוין געווען אזעלכע מיידלעך, וואס האבן געלייענט ארציבאשעוון
און ווערביצקאיא און פארעלס „די געשלעכט פראגע" און זיי האבן דיסקו־
טירט אויף א קול וועגן זיי און זיי האבן אין קוהלתדיקן טאן פארלאנגט די
רעכט אויף פרייהייט און הפקרות, ווייל סיי ווי איז אלץ „סויעטא סויעט"
(הבל הבלים), אבער אין די קרייזן פון די עקסטערנעס איז זייער צאל נאך
געווען זייער קליין. די עקסטערנס האבן זיך אפגערעדט צו טרעפן זונטיק
אין דער פרי ביי דער שול „יבנה" און דארט מאכן א שטיקל מאניפעסטאציע
און אויסקלויבן א דעלעגאציע וואס זאל גיין צום „גראדאנאטשאלניק", אדער
גאר שיקן א טעלעגראמע צום בילדונג מיניסטער און ס'זיינען זיך זונטיק
אין דער פרי צונויפגעקומען אפשר צוויי טויזנט יינגלעך און מיידלעך. קיי־
נער האט נישט געוואוסט, אז עס זיינען דא אזויפיל עקסטערנעס אין אדעס.
און עס איז געווארן א דיסקוסיע וועגן דעם, וואס די דעלעגאציע זאל זאגן,
אדער וואס זי זאל שרייבן. אייניקע האבן געשריגן, אז דאס איז שתדלנות
און עס פאסט נישט פאר מאדערנע מענטשן, אז זיי זאלן אנבויגן די קעפ
און זיך בעטן. „קעמפן" — האבן א סאך געשריגן — „מען דארף קעמפן".
אבער קיינער האט נישט געזאגט ווי אזוי מען זאל קעמפן. אנדערע האבן גע־
זאגט, אז מען דארף נישט קעמפן און נישט בעטן, מען דארף עס גלאט אזוי
איבערלאזן און פארטיק. עס וועט שוין אויסגיין צו די קעשענעס. מען וועט
שוין דארפן באצאלן טייער אין די גימנאזיעס פאר דעם עקזאמען און דאס
איז עס! האבן אנדערע געפרעגט: „און וואס זאלן טאן די דאזיקע, וואס האבן
גארנישט אין די קעשענעס?" האט אן אנדערער געענטפערט, אז היינע האט
שוין לאנג געזאגט, אז די דאזיקע, וואס האבן גארנישט, דארפן זיך לאזן
באגראבן, ווייל נאר די דאזיקע, וואס פארמאגן עפעס האבן א רעכט צו לעבן.
אייניקע האבן גלאט אראפגעלאזט רעדעס, וואס האבן זיי געבורטשעט און
זיי האבן געזאגט: ווי לאנג האט מען איינגעלייגט וועלטן און מען האט דווקא
געוואלט, אז יידן זאלן שיקן די קינדער אין די שולן אריין? די משכילים
בראש מיט יצחק בער לעווינזאן האבן געשריבן צו מיניסטארן, אז מען זאל
בילדן די יידן. און ווען די יידן האבן שוין געפאלגט און זיי ווילן זיך שוין
בילדן, האט מען פארמאכט פאר זיי די טיר פאר דער נאז... זיי האבן אונז

אָפּגעגנאַרט! איינער האָט געזאָגט, אַז די יידן אין דער מידבר האָבן פּונקט אַזוי געשריגן צו משהן, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן, בעת אין רוסלאַנד האָט מען טאַקע אָפּגענאַרט... אייניקע האָבן געשריגן, אַז אַלע דאַרפן פאָרן קיין פּאַלעסטינע און דאָרט וועלן זיי קענען אי לערנען, אי אַרבעטן. אַנדערע האָבן שטילער אַביסל, אָבער זייער זיכער געזאָגט, אַז דווקא דאָ דאַרף מען אויסקעמפן אַ רעכט צו לערנען... עס האָט אַרויפגעדראַפּעט אַ רויטלעכער יונגערמאַן, אַ קליינער און אַ ריזעווודיקער און ער האָט געזאָגט, אַז מיר דאַרפן איבערלאָזן די גאַנצע בילדונג די גויים און מיר זאָלן זיך אומקערן צוריק אין בית מדרש אַריין און אין דער ישיבה און זיך זעצן לערנען די אייביקע ספרים און צוריק ווערן אַזוי ווי ביאַליקס „המתמיד" (ער האָט גערעדט רוסיש און ער האָט געזאָגט „גאַמאַסמיד") און זיך נישט רירן פון פּלאַץ, ווייל די גאַנצע קולטור ברענגט קיינעם נישט קיין גליק. דאָס דאַזיקע האָט שוין געזאָגט זשאַן זשאַק רוסאָ און טאָלסטאָי און גערצען... און אייניקע האָבן דעם רויטלעכן בחור אָפּלאָדירט. איין בחור האָט פון ערגעץ אַ זאָג געטאָן: „ווי לאַנג נאָך וועלן מיר לײַדן ווי יידן? לאָמיר זיך שמדן..." מער האָט מען נישט געדאַרפט! אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים און אים דווקא געוואָלט צערייסן אויף שטיקער. איין בחור, אַ הויכער, אַ שאַטענער, אַביסל אַ געשטופּלטער מיט גרויסע ברילן, וואָס האָבן אים פאַרשטעלט אויך די שטופּלען און וואָס האָט זיך כמעט אַליין געמאַכט פאַר „פּרעדסיעדאַטעלי" (פאָרזיצער) פון דעם אימפּראָוויזירטן מיטינג, האָט קוים באַהערשט דעם עולם און ער האָט געהייסן אָוועקפירן דעם בחור. וואָס ווייל ווערן אַ פאַררעטער, אַ רענעגאַט און אים בפירוש נישט טשעפּען, אָבער אָוועק־געפירט האָט מען אים דווקא אַ צעבלוטיקטן, מיט אַ צעריסענעם מאַנטל און אַ צעפּליקט היטל. און פון דער גאַנצער געשיכטע איז גאָרנישט געוואָרן, מען איז זיך צעגאַנגען מיט דעם מיט וואָס מען איז געקומען, ווייל פּאָליציי האָט צעטריבן און מען האָט אַפילו נישט געוואוסט, צי מען האָט יאָ אויסגעקליבן אַ דעלעגאַציע, אָדער נישט. יאַנקל איז פון דער פאַרזאַמלונג אָוועק מיט צוויי נעמען פון שרייבער וועגן וועלכע ער האָט שוין געהאַט געהערט, אָבער ער האָט זיי נישט געהאַט געלייענט: היינע און רוסאָ. און ער האָט באַשלאָסן צו נעמען זיי לייענען. ער איז אויך אָוועקגעגאַנגען מיט מאָדנע געדאַנקען אין קאָפּ. די יידישע יונגעלייט אין רוסלאַנד זיינען פאַר אים געווען טאַקע ווי מען וואָלט זיי אַרויסגעפירט פון מצרים און געלאָזט שטיין אין דער מידבר... און ער האָט אָנגעהויבן באַשליסן, אַז גערעכט זיינען די דאָזיקע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף פאָרן קיין פּאַלעסטינע. נאָר אין דער אייגענער היים וועלן זיי ווערן מענטשן. ער האָט געהאַט געלייענט אַ בראָשור פון משה שאַ־לים, וואָס די „ציוניסטישע קאָפּיקע ביבליאָטעק" האָט אַרויסגעגעבן וועגן די קיעווער סטודענטן די „בילוצעם", וואָס האָבן געזאָגט „בית יעקב לכו

ונלכה" (יעקבס הויז, לאמיר נעמען גיין) און דערפאר האבן זיי זיך גערופן מיט די ראשי תיבות „בילו". זיי זיינען געפארן קיין ארץ ישראל און וואס זיי זיינען דארט אויסגעשטאנען! די יידן אין מצרים זיינען נישט אזויפיל אויסגעשטאנען, אבער זיי זיינען נישט געווען אין דער פרעמד און מען האט נישט חוזק געמאכט פון זיי, אזוי ווי קאסא האט דא איצטער חוזק געמאכט.

און יאנקל האט אביסל אפגעשטעלט דאס לערנען דעם קורס פון גימ־נאזיע און ער האט מער געלייענט. ער האט טאקע גענומען לייענען רוסאן און הייגען. דאקטאראוויטש האט אים באזונדערס געהייסן לייענען רוסאס „ווי־דוי". ער האט געזאגט, אז טאלסטאי איז ענלעך צו אים, רוסא איז געווען דער ערשטער, וואס האט געזאגט, אז די ציוויליזאציע טויג נישט און אז דער פרימיטיווער מענטש האט געלעבט גליקלעכער. ער האט אויך דערציילט יאנקלען, אז ליליענבלום האט א ספר, וואס הייסט „חטאת נעורים", וואס עס איז ענלעך צו רוסאס „ווידוי", ווייל ביידע דערציילן אפן און אן פאר־באהאלטעניש זייערע איבערלעבונגען ווי בחורים און ווי מענער, און טאקע ווי מענטשן בכלל. האט שוין יאנקל געלייענט ליליענבלומען אין איינעם מיט רו־סאן און ער איז פון דעם העברעאישן שרייבער א סך מער פארכאפט געווארן ווי פון דעם פראנצויזישן, כאטש דער פראנצויזישער האט געשריבן אין א שענערן סטיל און ער האט ארויסגעזאגט א סך טיפערע געדאנקען. ער האט געלייענט רוסאס „עמיל" און „די נייע עלאיזע" און „דער סאציאלער קאנ־טראקט" און „בריוו וועגן אומגלייכקייט פון מענטשן". ליליענבלום איז אים געווען היימישער און עס האט זיך אים געדאכט, אז ער רעדט אויפריכטיקער ווי דער פראנצויז. אויך זיינע ליידן זיינען ביי אים געווען גרעסערע און רירנדיקערע. רוסא האט געליטן שטארק ביז צוואנציק יאר, דערנאך האט ער שוין געקראגן א דאמע, וואס האט אים פראטעזשירט און שפעטער האט ער שוין געקראגן א פרעמיע פון דער פראנצויזישער אקאדעמיע און ער האט שוין געלעבט רחבותדיק, סיי פריער ווי א גלח, סיי דערנאך, ווען ער איז שוין געווארן אוים גלח. ליליענבלום האט די אלע עטלעכע זעכציק יאר, וואס ער האט געלעבט, געליטן מוראדיק. ער האט געליטן פון דלות און פון רדיפות פון פאנאטיקער. פאר דעם, וואס ער האט פארלאנגט קליינע הנחות אין די צו הארבע געזעצן פון תלמוד האט מען אים געיאגט עד חרמה און מען האט אריינגעלייגט אין חרם אריין אי זיין ארימען שווער דעם קצב, אי זיין נאך ארימערן טאטן דעם באנדער. מען האט זיי ביידע אריינגעלייגט אין חרם אריין און דעם שווער האט מען געלאזט אויף דער גאס און מען האט אים נישט געוואלט פארדינגען קיין דירה. רוסא האט זיך צוויי מאל אנטוישט אין לעבן, איינמאל אין דער רעליגיע און איינמאל אין דער קולטור. ער האט קינדוויז געחלומט צו זיין כאטש איין טאג א גלח און דערנאך האט ער זיך אנטוישט אין דער רעליגיע און ווען די אקאדעמיע האט ארויסגעלאזט א

קאָנקורס, האָט ער דערפילט, אַז די קולטור האָט נישט געבראַכט קיין גליק דעם מענטשן און ער האָט וועגן דעם געשריבן און ער האָט פאַר דעם דאָזיקן געדענקען געקראָגן אַ פּרעמיע. ליליענבלום האָט זיך אַ סך מאָל אַנטוישט אין לעבן. ער איז קיין רב קיינמאָל נישט געוואָרן, אָבער ער איז געווען צונויפגעוואַקסן מיט דער אַלטער יידישקייט מער וויפל אַ גלח מיט דער קריסטלעכקייט און ער האָט זיך אַזוי ביטער אַנטוישט אין די איבעריקייטן פון דער יידישער רעליגיע, אַז ער איז געווען גרייט צו רייסן שטיקער פון איר און פון זיך אַליין. און דערנאָך, ווען ער איז געקומען קיין אָדעס און ער האָט געזען ווי פריי און הפקרותדיק די יידן לעבן דאָרט, האָט ער געזאָגט, אַז דער גייסט פון יידישן פאָלק האָט אַרומגעכאַפּט דער „גייסט פון שאַרלאַטאַניזם" און „די יידן ווערן אין גאַנצן אַ פאַרלוירענע כלי"... ער האָט דערפילט, אַז נישט קיין כפירה פעלט יידן, נאָר גלויבן, ווייל אָן גלייבן וועלן זיי אומקומען. די יידן פון זיין געבוירן שטעטל ווילקאָמיר האָבן אים געפּלאָגט און געפּייניקט און זיי האָבן זיין טאַטנס און זיין שווערס מישפּחה שיר נישט אומגעבראַכט און ער איז אויף זיי ווייט נישט געווען אַזוי ברוגז, ווי ער איז עס געווען אויף די יידן, וואָס האָבן געלעבט הפקרדיק אין אָדעס און וועלכע האָבן אים דאָך גאָרנישט געטאָן קיין שלעכטס. ער האָט פריער געשריבן געוואַלד קעגן דעם, וואָס מען דערציט די יידישע קינדער שלעכט און מען גיט איבער זייער גורל אין די הענט פון ווילדע מלמדים, מען האַלט די יידישע קינדער נישט אויף דער ערד, נאָר אין הימל, דערנאָך האָט ער גענומען ליאַרמען קעגן די יידישע גבירים, וואָס האָבן שוין אַלצדינג און עס אַרט זיי גאָרנישט און עס איז שוין ביי זיי בלויז הימל אָן ערד. ליליענבלום האָט אַזוי שטאַרק איבערגעלעבט זיין אַנטוישונג, אַז ער איז געווען גרייט צו פאַרברענען זיין בוך „חטאת נעורים" (יוגנט זינד). און ער האָט זיך אויסגעטראַכט אַ יידישקייט פון יושר און פון ערלעכער אַרבעט, וואָס האָט מיט עפּעס דערמאָנט אין רוסאָס „סאָציאַלן קאָנטראַקט", אָבער ער איז אויך דערביי נישט געבליבן. די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן האָבן אים אַנטוישט אין זיין דריטן גלויבן און ער האָט געזוכט אַ פערטן און ערשט דעמאָלט איז ער געקומען צום געדאַנק וועגן ארץ ישראל. רוסאָ האָט געהאַט פערזענלעכע ליידן אין אַ סך, אַ סך אַ קלענערער מאָס ווי ליליענבלום און אַלמענטשלעכע אַנטוישונגען האָט ער אויך געהאַט ווייניקער וויפל דער ייד. קיין נאַציאָנאַלע ליידן האָט דער פראַנצויז אין גאַנצן נישט פאַרזוכט און דער ייד האָט זיי געהאַט בערג גאַנצע. דער פראַנצויז האָט געשריבן ווייך, ער האָט כמעט דאָס קול נישט אויפגעהויבן און דער ייד האָט געשריגן הויך און טיף און מען האָט געפילט, אַז ער רייסט שטיקער פון זיך אַליין. ווען ליליענבלום האָט שוין געהאַט אַ ווייסע באָרד, האָט ער נאָך געאַרבעט ווי אַ שכר יום אין דער חברה קדישא פון אָדעס און ער האָט געדאַרפט אַמאָל זיצן אַ נאַכט אין אחד העמס ליגע „בני משה"

און דיסקוטירן, האָט ער גלייך פון דער דיסקוסיע געדאַרפט גיין צו זיין היי־ליקער אַרבעט פון — באַגראָבן יידן, ווי ער אַליין האָט געזאָגט איראָניש און טרויעריק. אין דער שאַרפער פּאָלעמיק, וואָס ליליענבלום האָט געפירט מיט אחד העמן, האָט יאַנקל געהאַלטן מיט דעם ערשטן. אים האָט מער איבער־צייגט דעם ערשטנס שטורמישקייט, ווי דעם צווייטנס רואיקייט. אחד העם האָט געהאַט אַן אַבסטראַקטע יידישקייט און ליליענבלום — הייסבלוטיקע יידן. ליליענבלום האָט געהאַט אַ מין אַרטיקל „פּינה מאַמענטן אין משה רבנוס לעבן", וואָס איז געווען אַן אומדירעקטער ענטפער אויף אחד העמס „משה". דער לעצטער האָט זיך עפּעס געשאַפן אַן אייגענעם משה, וואָס מען ווייסט נישט, צי ער האָט יאָ געלעבט, אָדער נישט און ער איז עפּעס געווען מער פּרעמדער ווי אייגענער, ליליענבלומס משה איז געווען אַן אייגענער, וואָס האָט אין איינעם געליטן מיט די אָרימע ברידער און ער איז געווען איינס מיט זיי. ליליענבלום האָט נישט געשריבן אַזוי שיין און אַזוי געשליפן ווי זיין קעגנער, אָבער ער האָט געשריבן מיט האַרץ און מיט נשמה און ס׳האָט זיך אים מער געגלויבט. אחד העם האָט אין זיין פּאָלעמיק פאַרטשעפּעט לי־ליענבלומען און ער האָט געגעבן אָנצוהערן, אַז ער קען נישט קיין פרעמדע שפּראַכן און ער איז נישט גענוג געלערנט און ליליענבלום האָט געשריבן, אַז ער איז נישט אַזוי געלערנט, ווייל ער איז אַן אָרימאַן און אַ זון פון אַן אָרימאַן. עס האָט געריסן ביים האַרצן, ליינענדיק דעם אָרימאַנס פאַרענטפערן זיך קעגן דעם גבירישן זון, אָבער דער אביון איז פאַרט אַרוים שענער און דערהויי־בענער. יאַנקלס העלד פון זיינע חלומות איז געוואָרן ליליענבלום און אים האָט שטאַרק וויי געטאָן, וואָס ער האָט אים קיינמאָל נישט געזען. ער איז געשטאָרבן מיט עפּעס מער ווי אַ האַלב יאָר, איידער ער איז געקומען קיין אָדעס. ער האָט ליב געהאַט צו הערן פון דאָקטאָראָוויטשן, וואָס האָט נאָכ־געמאַכט ווי אַזוי חיים טשערנאָוויץ איז געשטאַנען ביי ליליענבלומס פרישן קבר און ער האָט געקלאַפּט מיטן שטעקן און ער האָט געזאָגט „טוב שם משמן טוב" (בעסער אַ נאָמען פון גוטן בוימאייל).

און אויב קאַסאַס גזירה האָט געבראַכט דערצו, אַז אונזער העלד זאָל ווייניקער לערנען דעם קורס פון דער גימנאַזיע און ער זאָל מער לייענען, האָט ליליענבלום געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיך דערנעענטערן צום ציוי־ניזם און ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין דעם יוגנטלעכן ציוניסטישן „קרוי־זשאָק" (קרייז), וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „אם אין אני לי, מי לי" (אויב איך וועל נישט טאָן פאַר מיר, ווער וועט טאָן פאַר מיר?). געווען אין דעם קרייז נישט קיין גרויסע צאָל יינגלעך און מיידלעך, צום מערסטן זיינען עס געווען רוסיפיצירטע „אָדעסיטן". וואָס האָבן גערעדט אַ שלעכטן יידיש, אָדער גאָר קיין יידיש נישט און לשון קודש האָבן זיי ערשט אָנגעהויבן צו לערנען. אפילו דעם נאָמען פון זייער קרייז האָבן זיי געזאָגט שווער און די

ווערטער האָבן ביי זיי אין מויל געקלונגען ווי רוסישע. געווען אַ פּאָר פאָלקס־טימלעכע יידישע יונגעלייט אויך. איינער פון די פּאָפּולערסטע מיטגלידער אין קרייז איז געווען איינער אַ בחור מיכאל יאַכינסאָן, וואָס האָט זיך שוין געשניטן אויף אַ זשורנאַליסט און ער איז געווען פול אין אַלע רעדאַקציעס און ער האָט שוין געהאַט געשריבן קאָרעספּאָנדענציעס אין „ראַזסוויעט". ער האָט געטראָגן אַ סטודענטיש היטל און אַ לאַנגן מאַנטל און לאַנגע הויזן. ער איז געווען אַ קליינטשיקער און אַ דאַרער און ער פלעג זיך פאַרטשעפּען אין די לאַנגע הויזן און שיר נישט פאַלן איבער זיי. ער האָט שטענדיק געהאַט מיט זיך גאַנצע פּעק מיט רוסישע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס ער האָט צונויפגענומען אין די רעדאַקציעס. ער האָט אומעטום אָנגעשפּאַרט און ווען מען האָט אים פון ערגעץ אַרויסגעוואָרפן דורך דער טיר, איז ער אַריין דורך דער פענצטער. זיין אַרבעט איז געווען אין „אם אין אני לי, מי לי" צו ברענגען לעקטאָרן. ער האָט געבראַכט לעקטאָרן סיי אויף רוסיש, סיי אויף העברעאיש. חיים גרינבערג איז שוין דעמלט געווען אַ מיוחס, אָבער יאַכינסאָן פלעג אים ברענגען. מען האָט געזאָגט, אַז אפילו זשאַבאָטינסקין וואָלט ער געבראַכט, ווען ער וואָלט געווען אין אָדעס, אָבער ער איז דעמלט נישט געווען. ער האָט פון אויסלאַנד צוגעשיקט אַן אַרטיקל צו די „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי", אין וועלכן ער האָט באַוויינט דעם גורל פון די יידישע עקסטערנעס און ער האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען די יידישע „גלאַדיאַטאָרס" און זיי וועלן פעלן אין דער גאַנצער נאַציאָנאַלער יידישער אַרבעט און אין אַלע יידישע פּאַרטייען. ער האָט אין אַ פּאָר ווערטער אויסגעמאָלן דעם עקסטערן מיטן היטל מיט דעם דעניק מיט דעם שוואַרצן העמדל און מיט די פּענסנע אויף דער קרומער נאָז, האָט מען אים געזען אַ לעבעדיקן. יעדער איינער האָט זיך אַביסל דערקענט אין זשאַבאָטינסקיס שילדערונג. אַדאַנק יאַכינסאָנען זיינען געווען זייער אינטערעסאַנטע לעקציעס אין יענעם יוגנטלעכן קרייז און מיט דער הילף פון אַ נישט גרויסער, אָבער גוט געקליבענער ביבליאָטעק, וואָס דער „קרוזשאָק" האָט געהאַט און מיט דער הילף פון די לעקציעס האָט זיך יאַנקל באַקענט מיט דער געשיכטע פון ציוניזם און מיט זיינע אַלע שטרעמונגען און ער איז געוואָרן אַן אייגענער מענטש אין ציוניזם. די אַרבעט פון די „אם אין אני לי, מי לי" מיטגלידער איז געווען צו פאַרקויפן שקלים און ציוניסטישע בראָשורן אין יידיש, רוסיש און העברעאיש. יאַנקל האָט באַלד אויך אויף זיך גענומען די דאָזיקע אַרבעט און ער האָט אויף דעם אַ סך צייט פאַרלוירן און ער האָט זייער ווייניק דערגרייכט. ער איז געווען אַ שעמעוודיקער און נאָך איידער מען האָט אים אָפּגעזאָגט, איז ער שוין אויס געווען די צייט. דער זיכערסטער קונה זיינער איז געווען שלייען, אָבער שפּעטער האָט ער זיך דערוואוסט, אַז ער האָט ביי אים געקויפט בראָשורן, וואָס ער האָט שוין געהאַט, ווייל ער האָט אים נישט געוואָלט אָפּזאָגן. ער פלעג שבת

און זונטיק אַרומלויפֿן אַרום „יבנה" מיט דער פּושקע פֿון נאַציאָנאַל פֿאָנד און ווען עמיצער האָט אים אַריינגעוואָרפֿן אַ פּאָר קאָפּיקעס, איז ער געווען גליקלעך, אָבער דאָס דאָזיקע האָט אים אַזוי זעלטן פּאַסירט. ער האָט אָפֿט געטראָפֿן מיט די בראָשורן צו ציוניסטן און יענע האָבן אָן לאַנגע רייד ביי אים געקויפֿט, אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן שוין די בראָשורן און זיי קויפֿן, בכדי אים נישט צו אַנטוישן...

דער ציוניזם האָט יאַנקלען פֿאַרכאַפּט און ער איז געוואָרן אַזוי אַקטיוו, אַז מען האָט אים געמאַכט פֿאַר סעקרעטאַר פֿון קרייז, כאָטש ער האָט נאָך שווערלעך געשריבן רוסיש, הגם שוין כמעט אָן פֿעלער. אַ דאַנק זיין טעטיקייט אין קרייז איז ער איינגעלאַדן געוואָרן אין דעם קאָמיטעט פֿון דער „ציוניסטישער קאָפּיקע ביבליאָטעק" און ער האָט זיך אַ סך מאָל באַטייליקט אין זיצונגען אין הויז פֿון ד״ר י. ב. סאַפּיר. עס זיינען געקומען אַ סך ציוניסטישע גדולים צו די דאָזיקע זיצונגען, אָבער דער נערוו איז געווען סאַפּיר אַליין, וואָס איז געווען אַ ליבער, האַרציקער מענטש. ער האָט אַליין אָנגעשריבן אַ פּאָפּולער בוך אויף רוסיש א. נ. „סיאָניזם". וואָס האָט זוכה געווען צו באַקומען אַ פּרעמיע ווי די בעסטע פּאָפּולערע אַרבעט וועגן דער דאָזיקער באַוועגונג. ער איז געווען אַ מעדיקער, כמעט אַ הויכער, אַ העלער שאַטען, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן גרוי צו ווערן און ער האָט פֿאַרמאָגט אַ גוטן שמייכל. ער האָט יעדן נייעם באַקענטן אַרויפֿגעלייגט די גרויסע פֿעסטע האַנט אויף דער פּלייצע און ער איז מיט אים געוואָרן חבר. ער האָט געלערנט אין ווין, וואו ער איז געווען אַ מיטגליד אין דעם פֿאַריין „קדימה", דעם ערשטן ציוניסטישן סטודענטן קרייז אין דער וועלט, וואָס ד״ר נתן בירנבוים האָט געגרינדעט און ער האָט אַליין ליב געהאַט צו ריידן אַ היימישן יידיש און ער האָט געהאַלטן, אַז נאָר דורך יידיש קען מען געווינען די מאַסן פֿאַר דעם ציוניזם. די זיצונגען פֿלעגן זיך פֿירן צום מערסטן אויף רוסיש, אָבער ווען משה קליינמאַן און שלום שוואַרץ זיינען געקומען פֿון דער רעדאַקציע „גוט מאָרגן", האָבן זיי שוין געמאַכט, אַז מען זאָל ריידן יידיש. זיי האָבן צווישן זיך, האָבן זיי דערציילט, געהאַט אָן אָפּמאַך צו ריידן יידיש, ווייל עס פּאַסט נישט צו רעדאַקטירן און שרייבן אין יידיש און ניט ריידן אין דער דאָזיקער שפּראַך... ד״ר סאַפּיר האָט געזאָגט, אַז ווען אוסישקין הערט דאָס, וואָלט ער זיי דערהרגעט...

יאַנקל האָט זיך אַזויפֿיל אַריינגעטאָן אין ציוניזם, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן פֿאַרגעסן אין סאַשאַס שוועסטער, אין וועלכע ער איז געווען פֿאַרליבט. ער האָט זיי זייער זעלטן געזען און ער האָט געהערט, אַז די עלטערע איז אַ כלה געוואָרן פֿאַר אַ קריסט. דער דאָזיקער פֿאַקט האָט אים נאָך מער דערווייטערט פֿון זיי. עס האָט אים אויך דערווייטערט דער טרויער, וואָס

האָט אים געגאַגט ביי דער נשמה צוליב קאַסאַס גזירה אויף עקסטערנעס. ער האָט גאָרנישט געזען פאַר זיך פאַראויס. דאָקטאָראָוויטש האָט געלערנט געשמאַק און פלייסיק און ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיך עקזאַמענירן און אים האָט שוין נישט גענומען דאָס לערנען. מיט דעם ציוניזם האָט ער זיך ווי פאַרשיכורט. וואו עס איז ערגעץ געווען אַ שמחה, אָדער אַ לוויה אַפילו, וואוהין מען האָט דערלויבט צו קומען מיט דער נאַציאָנאַל פאַנד פושקע, האָט ער זיך אָנגעבאָטן. אָבער אינעווייניק אין האַרצן האָט אים געגאַגט אַ וואָרעם און ער האָט זיך נישט אויפגעהערט פרעגן: „וואָס וועל איך טאָן? וואָס וועט פון מיר ווערן?" ער האָט נישט געהאַט קיין חלומות וועגן געלט און נישט וועגן קיין הערשאַפט, אָבער — עפּעס האָט ער געוואָלט ווערן. אים האָט זיך געחלומט, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער מענטש, אפשר גאָר אַ גרויסער און סאַשאַס ביידע שוועסטער וועט באַנק טאָן, וואָס זיי האָבן נישט חתונה געהאַט מיט אים...

און דעמאָלט האָט יאַנקל זיך אַ נעם געטאָן צום שרייבן און ער האָט געשריבן אי רוסיש, אי העברעאיש, אי יידיש. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, איז געווען אַ מעשהלע אויף רוסיש. ער האָט אין דעם מעשהלע דערציילט ווי אַ פייגעלע איז פון קינדוויז אָן געווען געפאַנגען אין אַ שטייגל און האָט געזונגען פאַרדומפּן. איין מאָל האָט מען צו דעם געבראַכט אַ ניי פייגעלע פון דער פרייהייט. איז דאָס געווען זייער טרויעריק און ס'האָט נישט געוואָלט עסן. און אַז עס האָט געזונגען, איז עס געווען מיט אַ געוויין. האָט דאָס ערשטע פייגעלע געפרעגט ביים צווייטן: „פאַרוואָס ביזטו אַזוי מרה שחורהדיק?" האָט דאָס צווייטע פייגעלע געענטפערט: „איך בענק נאָך דער פרייהייט." האָט דאָס ערשטע געפרעגט: „וואָס איז עס אַזוינס פרייהייט?" האָט דאָס צווייטע געענטפערט: „ס'איז גוט צו זיין אויף דער פרייהייט. דו האָסט טאַקע נישט קיין זאָרגעס צו דער צייט, אַזוי ווי דאָ, דו דאַרפסט זוכן, אָבער עס איז גוט צו זוכן און מען איז גליקלעך, ווען מען געפינט. און ס'איז אַזוי גוט, ווען מען קען פריי אַרומפליען." האָט שוין דאָס ערשטע אויך געבענקט נאָך דער פרייהייט, וואָס ס'האָט קיינמאָל נישט פאַרזוכט. איין מאָל אין אַ טאָג האָט מען פאַרגעסן צו פאַרמאַכן דאָס שטייגל און ביידע פייגעלעך זיינען אַרויסגעפלויגן. און דאָס ערשטע פייגעלע האָט פאַרזוכט דעם זיסן און ביטערן טעם פון דער פרייהייט און ס'איז געווען גליקלעך. אָבער מען האָט דאָס ערשטע פייגעלע ווידער געפאַקט און פאַרשפּאַרט אין אַ שטייגל און איצטער האָט עס זיך שוין געפילט אומגליקלעך און ס'האָט פאַרשאָלטן דעם טאָג, ווען ס'האָט זיך דערוואוסט, וואָס אַזוינס פרייהייט איז און עס האָט געזאָגט: „בעסער שוין געווען נישט צו וויסן". יאַנקל האָט דאָס מעשהלע געשאָפן קעגן זיך אַליין און ער האָט עס דערציילט דאָקטאָראָוויטשן, אָבער ער האָט אים נישט אויסגעזאָגט, אַז ס'איז זיינס. ער האָט אויך אָנגעשריבן

א העברעאישן שיר, וואס האט געדארפט זיין אלעגאריש וועגן זיינע איבער־לעבענישן און וואס האט זיך אנגעהויבן מיט די ווערטער:

ראשי, ראשי עלי סחרחר,
לבי, לבי עלי כואב,
היה אביב ואיננו...

(דער קאפ, דער קאפ, ער דרייט זיך מיר, דאס הארץ דאס הארץ מיר טוט וויי — געווען איז פרילינג און ער איז נישטא).

און אויף יידיש האט ער אנגעשריבן א סקיצע, וואס האט געהייסן „דער נישט עלנדער" און האט באשריבן א יונגן עקסטערן, וואס האט געלעבט צווי־שן חברים און ער האט געלערנט און ער איז געווען מוטיק און מונטער און ווען מען האט אים גערעדט וועגן חתונה האבן, האט ער געלאכט און ער האט געזאגט, אז ער וועט קיינמאל נישט חתונה האבן. מען האט אים געזאגט, אז ער וועט זיין עלנד (אין בעסאראביע הייסט „עלנד" — איינזאם), האט ער געלאכט און ער האט געזאגט, אז אזוי לאנג עס וועלן זיין חברים און בי־כער, וועט ער קיינמאל נישט זיין עלנד. אבער ווען ס'איז געקומען די גזירה פון קאסאן, איז ער געווארן טרויעריק און ער האט אוועקגעלייגט אי די בי־כער פון לערנען, אי די ביכער פון לייענען. און ער איז א שטיק צייט געליגן אין בעט און ער האט געזאגט, שעמעוודיק צו א חבר, אז ער האט זיך גע־פילט אביסל עלנד. און ער האט אנגעשריבן א ליד, וואס האט זיך געענדיקט מיט די שורות:

איך וועל אין מידבר זיצן,
עס וועלן רעגנס גיסן,
עס וועט מיט דונערס שיסן,
מיך וועט קיינער שיצן,
עלנד וועל איך דערגיין...

און אין א פאר טעג ארום האט ער זיך געסמט...

די סקיצע האט פארנומען עטלעכע בלעטלעך און זי איז געווען די ער־שטע זאך יאנקלס, וואס מען האט געדרוקט אין א צייט ארום אין „גוט מאר־גן". ער האט נאך דערנאך געשריבן א סך אין רוסיש און אין העברעאיש, אבער זיין גורל האט ער שוין פארבונדן מיט יידיש.

אין לייענען, שרייבן און ארבעטן פארן ציוניזם האט יאנקל געמאכט פארגעסן זיינע ליידן און זיין פארלוירנקייט. ער פלעג אויך זייער אפט אריינ־קומען אין דער ישיבה אריין, וואס האט פונקציאנירט אויף העלפט, ווייל

דער רשע דער גראַדאָנאַטשאַלניק טאָלמאַטשאָוו האָט זיך געטשעפּעט צו איר און ער האָט געזאָגט אַז זי איז אַ נעסט פון „קראַמאָלע”. און אויך דאָרט האָבן בחורים מער געשריבן און געחלומט ווי געלערנט. ווער עס האָט זיך געקליבן צו ווערן אַ פּאָעט, ווער אַ דערציילער, ווער — אַ היס־טאָריקער און עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס וואַקסט אַ ריזיקער דור פון סאַמע שרייבער, אָן לייענער... דאָקטאָראָוויטשן איז עס נישט געפעלן און ער האָט אים געזאָגט מיט אחד העמס ווערטער „לא זו הדרך” (נישט דאָס איז דער וועג). אָבער יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ווען מען בלאָנדזשעט קומט מען אַמאָל אויך אַרויף אויף אַ וועג. בעסער צו גיין שלעכט, איידער אין גאַנצן נישט צו גיין. פון די ביכער אַליין קען מען זיך אויך נישט דערוויסן דעם אמת. ביאַליק זאָגט, אַז די שטערן האָבן אָפּגענאַרט און ער זעט, אַז די ביכער נאַרן אויך אַ סך מאָל אָפּ און עס קען זיין, אַז דאָס לעבן וועט נישט אָפּנאַרן.

☆

ק א פ י ט ל פ י ר

מענדעלע און דובנאָוו זאָגן אים „לא זו הדרך"

א באַגעגניש האָט צערודערט אונזער העלדס לעבן אויף א לאַנגער צייט און האָט ארויסגעפירט זיינע געדאַנקען אויף א נייער ליניע און האָט אים אין א גרויסער מאָס געמאַכט פאַר אַן אַנדערן, כאָטש ער איז דאָך געבליבן דער זעלביקער. דאָס איז געווען די ערשטע פּנים אל פּנימדיקע באַגעגניש זיינע מיט א בארימטן מענטשן. שרייבנדיק איצטער וועגן דעם, וואָס דעמאָלט איז געשען, פרישט זיך אויף דאָס גאַנצע בילד און עס בלייבט שטיין און וויל נישט אוועקגיין. און עס גלוסט זיך גאָרנישט, אז עס זאָל אוועקגיין, עס גלוסט זיך, אז עס זאָל בלייבן שטיין אזוי ווי די זון איז אמאָל געבליבן שטיין אין גבעון. די באַגעגניש איז געווען מיט דעם דאָזיקן, וואָס איז פאַרבליבן ווי דער „זיידע" פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור, דער טאַטע פון דעם מאָדערנעם העברעאישן סטיל און דער ערשטער גרויסער מאָלער פון אונזער גלות-לעבן.

יאַנקל האָט נאָך ביז דעמאָלט געהאַט זייער ווייניק געלייענט מענדעלע מוכר ספרים. ער האָט מאַקע מער ווי די „קליאַטשע" אין יידיש און אין העברעאיש נישט געלייענט. על איז אים נאָך אפילו רעכט נישט קלאָר געווען, ווען ער הייסט שלום יעקב אַבראַמאָוויטש און ווען — מענדעלע מוכר ספרים... דער ענין פּסעוודאָנים איז אים נישט קלאָר געווען אויך ביי שלום עליכמען. אויך ביי אים האָט ער נישט געוואוסט, ווען ער איז ראַבינאָוויטש און ווען שלום עליכם... ביי מענדעלען האָט ער שוין גאָרנישט געוואוסט, צי איז ער אַן אַלט-מאָדישער ייד, וואָס איז א פאַקטערעגער, א מוכר ספרימניק, צי איז ער א מאָדערנער ייד, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַן אַלטמאָדישן מוכר ספרימניק. אויך דאָס צופּאַסן די קליאַטשע צו דער כנסת ישראל איז אים אָנגעקומען גאַנץ שווערלעך. עס איז שוין געווען גרינגער צו צופּאַסן שולמית פון שיר השירים צו דער שכינה, איידער די קליאַטשע צו דער כנסת ישראל...

אָבער ווען יאַנקל האָט צופעליק געהערט אין דער ישיבה, אז מען דאַרף עפּעס צוטראָגן צום „זיידן". האָט ער גענומען קעמפן, אז ער זאָל גיין. בעלנים

זיינען געווען אַ סך און עס איז שיר נישט אַרויס אַ קריג. מען האָט שוין געזאָלט צוליב שלום וועגן שיקן דאָס פּעקל מיט אַ משרת. און אונזער העלד איז דאָך געגאַנגען. ער האָט געהאַט דעם זייער וואַגיקן מאָטיוו, אַז ער האָט דעם באַרימטן „זיידן" נאָך קיינמאָל נישט געזען. עס איז געווען ווינ־טער און מענדעלע, ווען עס איז שוין געגאַנגען דאָס פינף און זיבעציקסטע יאָר, האָט זיך שוין זייער זעלטן געוויזן אין גאַס. געזאָגט האָט מען אים, אַז צופיל זאָל ער דעם „זיידן" נישט „מאַראַטשען" (דולן), ווייל ער איז אַ זייער בייזער און ווען איינער קוקט אויף אים צו לאַנג. זאָגט ער:

— יונגערמאַן, קוק אָפּ דיין חלק און גיי אַוועק...

יאַנקל האָט אָפּגעטראַגן די זאַך און עס האָט געפעלט אַ קלייניקייט, אַז ער זאָל זיין חלום נישט פאַרווירקלעכן. עמיצער האָט ביי אים איבערגענומען דאָס פּעקל און ער האָט אים געפרעגט, צי ס'איז שוין. ער האָט זיך געכאַפּט און געזאָגט, אַז ער האָט אים עפּעס צו זאָגן אויך און מען האָט נישט באַ־מערקט, אַז ער איז רויט געוואָרן פון דעם ליגן. און עס האָט נישט געדויערט קיין סך און דער „זיידע" האָט זיך באַוויזן. ער האָט אויסגעזען גענוי אַזוי ווי אויף די בילדער, וואָס מען האָט אומעטום פאַרקויפט. ער האָט געהאַט אַ הויכן שטערן און קיילעכדיקע ווינקלען, דער קאָפּ איז אים געווען באַדעקט מיט ווייסע, אַביסל געקרויזטע האָר. קיין זכר נישט פון קיין ליסינע. און די האָר זיינען געווען ווי פון זילבער. דאָס גאַנצע פּנים איז געווען דורכגעריגצלט פון קנייטשן אין דער לענג און אין דער ברייט. גלייך יעדער יאָר וואָלט געלאָזט אַ קנייטש אויף זיין פּנים. איבער דער אויבערשטער ליפּ, הארט ביי די וואָנ־ציעס, האָט ער געהאַט צוויי קנייטשן, וואָס האָבן אויסגעדרוקט אי שכל, אי בייזקייט. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אַביסל אויף אַ זייט און ער האָט דורך די ברילן געזשמורעט די אויגן און געקוקט גלייך אויף דעם גאַסט מיט אַזאַ שאַרפקייט, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז נישט נאָר ער דרינגט אים דורך און ער זעט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין אים, נאָר ער צעפּאַלמעסט אים ממש. ס'האָט ביי יאַנקלען אָפּגענומען דאָס לשון און ער האָט אַ רגע גע־שוויגן אַ צעמישטער און געווים אויך אַ קאָמישער. דער זיידע האָט ווייטער געהאַלטן דעם קאָפּ אין אַ זייט און ער האָט אַ פרעג געטאָן:

— איז וואָס זשע ווילסטו יונגערמאַן?

האָט יאַנקל זיך עפּעס פאַרלוירן און אים איז אויסגעקומען, אַז מיט אַזאַ גרויסן מענטשן פּאַסט נישט צו ריידן „זשאַרגאָן" און ער האָט דעם „זיי־דן" געענטפערט אויף העברעאיש. האָט דער אַלטער מאַן נאָך מער פאַרזשמור־רעט די אויגן און האַלב איראָניש און האַלב בייז האָט ער געזאָגט:

— יונגערמאַן, מאַך זיך נישט נאַריש און רייד ווי אַ מענטש!

יאַנקלען איז אין גאַנצן פאַרנעפּלט געוואָרן אין מוח, דאָך האָט ער זיך

געגיבן חשבון, אז מענדעלע, וואָס מען זאָגט אויף אים, אַז ער איז דער גרעס־טער העברעאישער סטיליסט, האלט, אַז ווען מען רעדט העברעאיש, רעדט מען נישט ווי קיין מענטש... יאַנקל האָט געוואוסט, אַז ער איז נישט דער איינציקער, וואָס האלט נישט פון ריידן העברעאיש, ביז צוריק מיט אַ צייט האָט אחד העם, וואָס האָט פיינט געהאַט יידיש, נישט געוואָלט ריידן קיין העברעאיש. דער זיידע איז געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער ווי אַ סטרונע. יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געזען אַזאַ אויסגעצויגענעם יידן. אַביסל אונטער דעם איינפלוס פון דעם „או עברית, או רוסית", וואָס מען האָט אים געקלאַפּט אין קאָפּ אַריין און אַביסל פאַר צעטומלטקייט און אַדעסער געוואוינהייט האָט ער אָנגעהויבן צו ריידן אויף רוסיש. איז דער זיידע געוואָרן גאָר בייז, עס האָט זיך געדאַכט אַז אָט וועט ער נעמען דעם נישט געבעטענעם גאַסט און ער וועט אים אַריבערלייגן און אָנשמייסן. אָבער ער האָט דאָס חלילה נישט געטאָן, ער איז געבליבן מיטן שאַרפן שמייכעלע און ער האָט געזאָגט:

— דו ווילסט טאַקע נישט ריידן קיין יידיש, צי דו קענסט נישט? דאָס האָט דיך קלוגער אויסגעלערנט די דאָזיקע חכמה? גיי אַהיים און זיי מער קיין טיפּש נישט. און אַז דו ווילסט גאָר, בעט קלוגערן אין מיין נאָמען, אַז ער זאָל אויך נישט זיין קיין טיפּש...

און יאַנקל איז אַוועק פון „זיידן" ערגער ווי אַן אָפּגעשמיסענער. ער האָט וועגן זיין גרויסן דורכפאַל קיינעם נישט דערציילט. אינעווייניק אין זיך האָט ער איבערגעלעבט אַ שטאַרקע צעדרודערונג. ביז איצטער האָט ער אין די קרייזן צווישן וועלכע ער האָט זיך געדרייט נישט געטראָפן קיין איינעם, וואָס זאָל זיך געווען אַזוי אָנגענומען פאַר יידיש. אייניקע האָבן גערעדט די דאָזיקע שפּראַך מיט אים, ווען זיי האָבן געמוזט, אַנדערע האָבן פון צייט צו צייט אַריינגעוואָרפן יידישע ווערטלעך צוליב חכמות און ס'האָט אים נישט איינ־מאָל געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זיי קרומען זיך נאָך. משה קליינמאַן און שלום שוואַרץ האָבן גערעדט צווישן זיך יידיש, ווייל, ווי זיי האָבן אַליין גע־זאָגט, עס פּאַסט נישט פאַר רעדאַקטאָרס פון אַ יידישער צייטונג נישט צו ריידן קיין יידיש. מענדעלע איז געשטאַנען אַ געשטערעקטער, ווי גאָר נישט קיין גלות־ייד און ער האָט נישט געוואָלט ריידן נישט קיין העברעאיש און נישט קיין רוסיש, נאָר — יידיש. זיין „קליאַטשע", האָט זיך יאַנקל דער־מאָנט, האָט אויך געזאָגט, אַז בכדי צו קריגן עסן דאַרף מען זיך נישט פּוצן און שמירן און מאַכן קונצן. מען האָט אין אַדעס דערציילט אין יענער צייט לעגענדעס וועגן אויסשקינס ווילן. מען האָט אַרויסגעגיבן זיינע בילדער מיט דעם מאמר פון פּרק „אין לך דבר העומד בפני הרצון". און יאַנקל האָט גע־זען ביי מענדעלען אַן איסערגעוויינלעכן ווילן. ער האָט אים אַזוי אימפּאָנירט, אַז ער האָט שוין דערנאָך אַ היפּשע צייט נישט אויפגעהערט צו ריידן

יידיש. דאָקטאָראָוויטש וואָס האָט אַליין שטאַרק ליב געהאַט צו ריידן יידיש און וואָס האָט דאָך אַכטונג געגעבן אויף אים, אַז ער זאָל ריידן מער רוסיש, בכדי ער זאָל זיך אויסלערנען, האָט אים דעמלט געזאָגט, אַז ס'איז אים אָנגעקומען די „זשאַרגאָנישע מוזע" און ער האָט דערביי פּאָרט באַמערקט, אַז ווען ער וואָלט זיך געקליבן צו ווערן אַ שרייבער, וואָלט ער געשריבן נאָר אין „זשאַרגאָן". מענדעלע, האָט ער געזאָגט, איז גערעכט, דאָס יידישע פאָלק קען נישט קיין אַנדער שפּראַך, כאָטש דאָס „טאָלטאָטשנע" אָדעסער יידיש איז אַזוי מיאוס, אַז מען דאַרף זיך פאַרשטאָפּן די אויערן, ווען מען הערט עס... ס'איז אַזוי מיאוס, ווי דאָס מין יידישע טעאַטער, וואָס מען שפּילט אין אָדעס, אויף דער „באַלגאַראָווע" גאַס, נישט ווייט פון „טאָלטשאָק" (מאַרק פון אַלטוואַרג).

און יאַנקל האָט אי גענומען לייענען מענדעלע מוכר ספרימס ווערק, אי אָנגעהויבן גיין אין יידישן טעאַטער אַריין. מענדעלען האָט ער געלייענט פּאַוואָליע און מיט ישוב הדעת. ער האָט באַלד דערפילט, אַז ביי אים איז נישט גלאַט אַ מעשה, נאָר ס'איז שטענדיק דאָ עפּעס אַ געדאַנק. ווען ער זאָגט „נישט דאָס בין איך אויסן", איז ער געווים יאָ עפּעס אויסן. אין בעסאַראַביע האָט דעמלט נישט עקזיסטירט דאָס וואָרט „אויסן", אָבער אונזער העלד האָט עס באַלד פאַרשטאַנען. דער „נישט דאָס בין איך אויסן" האָט אים דערמאָנט אין „ויש לישב" פון מהרש"א. ווען דער רבי האָט אויפגעגעבן אַ לייענען פון אַ בלאַט גמרא מיט רשי, תוספות און מהרש"א און אין מהרש"א איז געווען אַ קשיא און אָנשטאָט אַן ענטפער איז געווען געזאָגט „ ויש לישב", (מ'קען פאַרענטפערן) האָט מען גענוג געדאַרפט שוויצן ביז וואַנען מען האָט געטראָפן, וואָס דער מהרש"א האָט געמיינט. און נאָך שווערער איז געווען דעמלט, ווען דער מהרש"א האָט געזאָגט „ויש לישב בדוחק" (מ'קען פאַרענטפערן מיט ענגשאַפט), מען האָט דעמלט געמוזט אויסטראַכטן אַ תירוץ, וואָס זאָל דאָך נישט אין גאַנצן טויגן. יאַנקל פלעג אין אַזאַ פאַל פונקט אויסטראַכטן אַ גוטן תירוץ און דער רבי פלעג שרייען, אַז ער טויג נישט, ווייל ער איז צו גוט... לייענענדיק מענדעלען האָט אונזער העלד זיך געפילט, ווי ווען ער האָט געלערנט גמרא און אַנדערע שווערע ספרים. ס'איז, דאַכט זיך, האָט ער זיך געזאָגט, פּראָסט זשאַרגאָן און מען דאַרף גוט פאַרשטיין. דאָקטאָראָוויטש האָט אים אויך געזאָגט, אַז מענדעלען דאַרף מען גוט פאַרשטיין. פלעג ער נעמען אַ בוך, זיך אַרויפלייגן אויפן בעטל מיטן פּנים אַראָפּ, אין די בלעטער אַריין און לייענען ביז וואַנען די פיס פלעגן איינשלאָפן און ער האָט זיך געמוזט אויפהייבן און אַרומלויפן און זיך רייבן און שטעכן. ביז ער האָט דערפילט די פיס און ער האָט זיך ווידער גענומען לייענען.

יאַנקל האָט נישט נאָר געלייענט, וואָס מענדעלע האָט געשריבן, נאָר אויך וואָס מען האָט וועגן אים געשריבן. אַזויפיל שרייבער האָבן אים אַזוי

באזונגען. ווען ער איז געווען אין פוילן, האט מען אויסגעשפאנט די פערד פון דעם פאעטאן און אים אויפגעהויבן און דוד פרישמאן, וואס איז געזעסן מיט אים האט געזאגט „און מיט אים בין איך אויך דערהויבן געווארן". און ווען מענדעלע האט גענומען שרייבן יידיש, דערציילט ער אליין, האט ער מורא געהאט, אז ער וועט זיך דערנידעריקן. ער האט נישט געוואלט, דערציילט ער, באשרייבן דעם לעבנסשטייגער פון אונזער פאלק אין דער הייליקער שפראך, ווייל דער גרעסטער טייל פון פאלק קען גאר נישט קיין העברעאיש. און די שרייבער, די בעלי לשון, האבן געקוקט אויף יידיש פון אויבן אראפ און מיט דער גרעסטער פאראכטונג און אים אליין האט געפייניקט דער געדאנק, אז שרייבנדיק יידיש וועט ער זיך דערנידעריקן. און דווקא ווייל ער האט געשריבן יידיש, איז ער אזוי דערהויבן געווארן. ער האט גובר געווען די פאלשע בושה און גענומען שרייבן יידיש, ווייל ער האט געוואלט זיין נוצלעך זיין פאלק. הייסט עס, אז ער האט די מעשהס זיינע געשריבן נישט ווי קיין סתם מעשהס, נאר בכדי נוצן צו ברענגען און ער האט כסדר געהאט עפעס א כוונה. יאנקל האט נישט פארשטאנען פארוואס ער האט נישט געשריבן גלייך און אפן זיינע געדאנקען און נישט פארשטעלט, אז מען זאל דארפן טרעפן און ער האט עס געפרעגט דאקטאראוויטשן און יענער האט געענטפערט, אז פון שטענדיק אן האט א מענטש ליב צו ריידן מיט א משל און מיט א מעשה. אפילו די תורה האט אויך ליב צו דערציילן מעשהס. יאנקל האט זיך טאקע דערמאנט, אז עס שטייט „דברה תורה כלשון בני אדם" (די תורה רעדט מיט דער שפראך פון מענטשן). דאקטאראוויטש האט געבראכט א ביישפיל פון דער מעשה מיט קין און הבל. די תורה האט דאך געקענט פשוט זאגן, אז ווען איין מענטש וועט דערמארדן דעם צווייטן, וועט יעדער טייטלען אויף אים, גלייך ער וואלט געהאט א צייכן אויף דעם שטערן, פון דעסט וועגן דערציילט זי א מעשה... יידן האבן באזונדער ליב משלים און זיי האבן ליב צו טרעפן, וואס מען מיינט. אז מען וועט ריידן צו אפן, וועלן זיי זיך נישט פאראינטערעסירן דערמיט. יאנקל האט זיך דערמאנט, אז ער אליין האט געלייענט „די קליאטשע" און ער האט זיך שטענדיק געגריבלט און געוואלט טרעפן דעם נמשל און ער האט א סך בלעטלעך געלייענט צו עטלעכע מאל. און ווען ער האט זיך פארטיפט, האט ער פארשטאנען, אז ס'איז טאקע בעסער אזוי, וואס מענדעלע רעדט אזוי פארשטעלט און ער זאגט און דערזאגט נישט. די „קליאטשע" איז אי א קליאטשע, אי דאס יידישע פאלק, אי נישט דאס גאנצע יידישע פאלק. די קבצנים פון „פישקע דער קרומער" זיינען קבצנים און אז מען וויל, זיינען זיי דאס גאנצע יידישע פאלק, מענדעלע נעמט אמאל ארויף אויף איין וואגן דאס גאנצע יידישע פאלק, וואס לעבט פון דער טארבע. ביים אנהייב האט זיך יאנקלען געדאכט, אז מען קען מענדעלעס ווערק אויסטייטשן ווי ראיות פאר דעם ציוניזם אויך.

אויב מען איז אין גלות אַזאַ קליאַטשע און מען איז אַזעלכע קבצנים און בעטלער, דאַרף מען דאָך האָבן אַן אייגן לאַנד. אָבער דערנאָך האָט ער דער־פילט, אַז דער שרייבער מיינט נישט דווקא, אַז ערשט אין ארץ ישראל וועט מען ווערן אויס קליאַטשעס און קבצנים, נאָר ער מיינט טאַקע, אַז מען זאָל אין גלות ווערן אַנדערש; ער וויל מען זאָל דאָ ווערן בעסער און ריינער און ערלעכער. ער וויל עס זאָלן נישט זיין קיין תקיפים ביי יידן און דער שלעכטער זאָל נישט איינשלינגען דעם גוטן. ער וויל דאָס אייגענע, וואָס ישעיה, עמוס און חבקוק... אים געפעלן נישט נאָר די בעטלער, נאָר אויך די סוחרים און די מעקלער געפעלן אים אוודאי נישט. אים געפעלט נישט, וואָס אַ „יידעלע" איז אויף דעם מאַרק, אַזוי ווי אַ פיש אין וואַסער און וואָס אַ ייד וועט זיך נישט נאָר פון שלאָף אויפכאַפּן, ווען ער וועט דערהערן דאָס וואָרט „געשעפט", נאָר אַפילו פון דער גסיסה וועט ער זיך אויפכאַפּן. אַפילו אַ שידוך איז דאָך ביי יידן געשעפט... אויף די שדכנים איז ער אַ סך מער ברוגז ווי אויף די סוחרים און קבצנים. אויף די קבצנים האָט ער רחמנות און די שדכנים האָט ער שרעקלעך פיינט און ער רופט זיי „נשמה מעקלער". ער רעדט נישט גאָר אָפן, אָבער ער איז אויך קעגן רבנים און גוטע יידן. ער רעדט קעגן „הימל קעלבלעך" און ער זאָגט, אַז ס'איז נישטאָ קיין איין קעלבל, וואָס זאָל זיין פון הימל. און וואָס מיינט ער דערמיט? ער מיינט דאָך געוויס דאָס דאָזיקע, וואָס חסידים האַלטן, אַז די רביים גרייכן ביז צום הימל... יאַנקל האָט גענומען קלערן, אַז אפשר מיינט ער גאָר משה רבנו... אָבער פון די גוטע זאַכן פון משה רבנו האַלט ער. נישטאָ קיין איין זאַך ביי אים קעגן גלויבן, ס'זיינען דאָ ביי אים ווערטער קעגן פאַלשקייט און קעגן כניאָקיש־קייט, אָבער נישט קעגן גלויבן. ער האַלט אַפילו נישט פון די משכילים, וואָס האַלטן, אַז פריער דאַרפן די יידן ווערן אַנדערש, זיי דאַרפן ווערן געבילדעט און דערנאָך וועט מען זיי לאָזן לעבן. ער זאָגט, אַז פריער דאַרף מען לאָזן לעבן און דערנאָך וועט מען ווערן געבילדעט, ווייל קיין טאַנץ גייט נישט פאַר קיין עסן און מען מוז זיך נישט אויסלערנען קונצן אויף צו מעגן עסן.

יאַנקלען איז געפעלן, וואָס מענדעלע רעדט פאַרשטעלט. דאָקטאָראָוויטש האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט ערגעץ געלייענט, אַז מענדעלעס ווערק זיינען ווי האַרטע ניס, אַז מען צעברעכט זיי, קריגט מען אַ זיסע יאָדער און ס'איז אים געפעלן, כאָטש פון די יאָדערס איז אַ סך מאָל אים געוואָרן ביטער. עס איז אַרויסגעקומען פון מענדעלעס ווערק, אַז ס'האַלט נישט גוט מיט די יידע־לעך. די יידישע הענדלערס גייען אַרום איינגעהויקערט און זיי זיינען אין הוילע צרות און ווען זיי קוקן אויף די מלבושים און שטיוול פון מענטשן, שאַצן זיי באַלד זיי אָפּ וויפל זיי האָבן ווערט... גלייך ער וואָלט אָפּגעמאָלן דעם אָדעסער „טאָלטשאָק" אין איינעם מיט אַלע יידן. מען שפּאַלט זיך דעם קאָפּ און מען מאַכט פּלענער און מען רוקט זיך צונויף אין ענגשאַפט, איין

קרעמל אין אנדערן, איין שטעלעכל אין אנדערן, איין שאפקעלע אין דער אנדערער. צוואנציק קרעמער שלאגן זיך איבער איין קונה. מענדעלע מאלט עס נאר אפ, אבער ס׳קומט שוין ארויס, אז עס דארף ווערן אנדערש. ווען ער שילדערט אלע בלאטעס פון גלופסק און ער קומט צו צו דער גרעסטער בלאַטע, וואו מען טרעפט לוזשעס פון געלער זאמד, ליסקעס פון פיש, דרויב פון פיסלעך, קעפלעך פון הינער און מען ווייסט שוין, אז ס׳איז פרייטיק. און ווען מען טרעפט שאלעכץ פון ציבעלעס און אייער און עקן פון הערינג און אויסגעהוילטע מארך־ביינער, ווייסט מען, אז ס׳איז שבת, א. א. וו. א. א. וו., ווען ער שילדערט דאס מיסט און ער זאגט, אז אין יעדן טאג פון דער וואך האט עס אן אנדער פנים, מיינט ער דאך, אז עס דארף אזוי נישט זיין און ער זאגט עס אזוי שיין און קלוג, אז ס׳איז א סך בעסער, וואס ס׳איז פארשטעלט.

יאנקלען איז אויסגעקומען, אז נישט ער לייענט מעשהס, נאר ער לייענט ספרים וועגן דעם היינטיקן יידישן לעבן. ווען ער האט געלייענט ווי מענדעלע שרייבט אין אלטן נוסח און ער זאגט: „אמר מענדעלע מוכר ספרים, זאגט מענדעלע מוכר ספרים, געלויבט איז דער בורא, וואס באשטימט דעם גאנג פון די גילגולים אין די הימלען אויבן און דעם גאנג פון אלע זיינע באשעפע־נישן אויף דער ערד אונטן", איז עס נישט קיין חוזק, נאר ס׳איז געשריבן, אזוי ווי מען דארף שרייבן פאר יידן... דער חוזק הויבט ערשט, ווען ער זאגט שפעטער, אז פונקט ווי עס קריכט נישט ארויס קיין גרעזעלע פון דער ערד, ביז וואנען א מלאך זאגט נישט צו דעם „וואקס, קריך ארויס", פונקט אזוי און נאך מער קומט נישט ארויס א מענטש, ביז וואנען א מלאך הייסט אים נישט וואקסן און ארויסקריכן. היינט שוין אוודאי, די פיינע מענטשעלעך, די שיינע יידעלעך... און שוין אוודאי די אביונים, דלפנים, זיי הייסט מען גע־ווים ארויסקריכן און גיין איבער די הייזער... אט דא איז שוין חוזק, אט דא זאגט ער, אז עס דארף זיין אנדערש...

א דאנק זיין קענטשאפט מיט שלום שווארץ האט יאנקל געקראגן א בי־לעט פון „גוט מארגן" אין יידישן טעאטער אריין און ער איז אהין געגאנגען איין מאל און צוויי מאל און ער האט געפילט, ווי דאס דאזיקע, וואס ער לייענט ביי מענדעלען, ווערט אים דארט פארשוועכט. מען האט געשפילט, דאכט זיך אים, אן אפערעטע, וואס האט געהייסן „די יידישע נשמה" און מען האט דעם עולם געגעבן א קליין ביסל געצוקערטע וואסער פון תורהלע און א סך, א סך געזאלצענע און געשמאלצענע ניבול פה. עס זיינען געווען עטלעכע שוישפילער, וואס זיינען אים געפעלן. זיי האבן פארמאגט ברען און חן. מיט אביסל געקינצלטער פרומקייט, אבער מיט עכטער דארפישער חנוודיקייט האט אן אקטריסע, וואס האט געהייסן וויערא זאסלאווסקי געזונגען א ליד וועגן דער תורהלע און האט דאס דאזיקע ווארט ארויסגערעדט מיט אן אדע־סער „ריש" און מיט א ממזרישן וואונק מיט אן אויג. ס׳איז עפעס געווען

אי שיין, אי נישט שיין... מישאַ פישזאָן און שמואל אירים האָבן געשפּילט צוויי זשורנאַליסטן און האָבן צום מערסטן גערעדט אַ שפּראַך פון דער אָדעסער מאָלדאַוואַנקע און זיי האָבן אַרויסגערופן דונערס פון ווילדן געלעכטער. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז מען וועט חלשן פאַר געלעכטער. פרויען און מענער האָבן נישט אויפגעהערט צו שרייען „אוי, מיינע זייטן, איך פאַל״. אייניקע האָבן פשוט געשריגן: „אוי, איך באַ... מיך!״ שמואל אירים האָט עס געמאַכט אַביסל שטילער און הייזעריקלעך־געצווימט, מישאַ פישזאָן האָט דאָס געמאַכט ברייט און אָפן און צעפויקט. ער איז געווען שיין דער דאָזיקער שוישפּילער און די פרויען האָבן אים נישט אויפגעהערט צו שעלטן מיט פאַרליבטע קללות. שטימעס האָבן זיי ביידע נישט געהאַט, טעמפּעראַמענט האָבן זיי ביידע געהאַט, אָבער פישזאָן האָט געהאַט אַן איבערפלוס פון טעמפּעראַמענט. אירים האָט געזונגען אַנגענעם, פישזאָן האָט געזונגען מאָדנע, עס האָט געקלונגען פרעמד און פאַלש. עס איז אויסגעקומען, אַז ער זינגט נישט אין איינעם מיט דער מוזיק; ער האָט אין מיטן זינגען גערעדט און געוואָרפן ווערטער אין עולם אַריין. דאָס דאָזיקע, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין זאַל, איז געווען ערגער ווי דאָס דאָזיקע, וואָס מען האָט געוויזן אויף דער בינע. און פון דעסט וועגן האָט עס יאַנקלען געצויגן צו גיין נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אין אָט דעם טעאַטער אַריין. עס האָט אים אָפּגעשטויסן און געצויגן, ער האָט עס פיינט און ליב געקראָגן צוזאַמען. ער האָט געזען אַ פּיעסע, וואָס האָט געהייסן „צוויי תנאים״ און איז געווען פון זעלביקן שניט. אויך אין יענער אָפּערעטע איז געווען אַ געמיש פון געצוקערטער רעליגיע־וואַסער און פעטן ניבול פּה און אויך אין יענער אָפּערעטע האָט וויעראַ זאַסלאַווסקי געהאַט דאַרפישן חן און אויסגעלאַסענע צניעות און פישזאָן און אירים האָבן אויסגעקומען די מיזינקע מיט חן און טעם און ניבול פּה... עס איז געווען נישט שיין און דאָך שיין... ער האָט זיך אַפילו איינמאָל אַריינגעגנבעט צו דער רעפּעטיציע צו זען ווי מען גרייט עס צו. יאַנקל האָט נישט איינמאָל גערעדט מיט דאָקטאָראָוויטשן וועגן דעם יידישן טעאַטער, האָט אים יענער געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ וואָס צו ריידן וועגן אים, ער איז אַ בן סורר ומורה. יאַנקל האָט אַפילו געפּרואווט ריידן מיט די חברים פון ציוניסטישן קרייז וועגן דעם, וואָס מען לאָזט שפּילן אַזאַ טעאַטער, האָט מען דאָרט אין גאַנצן געלאַכט פון אים און מען האָט געזאָגט, אַז דער קרייז קען זיך נישט אָפּגעבן מיט קיין „זשאַרגאָנסקע טעאַטער״, ער דאַרף פריער פאַר אַלץ אַרבעטן פאַר ארץ ישראל און פאַרשפּרייטן דעם ציוניסטישן געדאַנק. אים איז אויסגעקומען, אַז דער ציוניזם דאַרף טאָן אַלצדינג פאַר יידן. ציוניסטן דאַרפן גיין אין יידישן פאָלק אַריין, אַזוי ווי די „עסערן״ גייען אין רוסישן פאָלק אַריין. ציוניסטן דאַרפן לערנען די פשוטע יידן צו לעבן שענער און ערלעכער און קולטורעלער.

מענדעלע מוכר ספרים האָט אונזער העלד געלייענט וואָס אַמאָל מיט

מער געשמאַק. ער פּלעג ליגן אין בעט און זיין פּאַרטיפט און פּלוצים אויסשיסן מיט אַ געלעכטער, אַז די שטוב האָט אַזש געדונערט. איבערהויפּט האָט ער שטאַרק געלאַכט, ווען ער האָט געלייענט „מסעות בנימין השלישי". דאָקטאָראָוויטש האָט אים געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע ווערק איז אונטער דעם איינפלוס פון סערוואַנטעסעס „דאָן קיכאָט", וואָס איז איינס פון די גרעסטע ווערק אין דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור און ער האָט ביידע ווערק געלייענט כמעט אין איין צייט. דאָס שפּאַנישע ווערק האָט ער געדאַרפט איבערלייענען עטלעכע מאָל ביז וואַנען ער האָט עס איינגעביסן. דאָס יידישע ווערק איז אומגעקומען גרינגער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז סערוואַנטעס לאַכט אויס די נאַרישע ביכער פון זיין צייט און ער ווייזט, אַז ווען אַ מענטש טוט זיך אַריין אין זיי, ווערט ער אַן אָפּגעריסענער נאַר און ער ווייסט נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז. און פון דעסט וועגן האָט אים שוין דעמלט דאָן קיכאָט אויסגעוויזן נישט נאָר ווי אַ נאַר, ער האָט אים אויסגעוויזן אויך ווי אַ האַרציקער מענטש... און מענדעלע לאַכט אויס די אייגענע שמאָלקעפּלקייט און די קורצזיכטיקייט און אַלערליי אָבערגלויבנס און זאַבאָבאָנעס. סענדערל די יידענע האָט ביי אים אַרויסגערופן געלעכטער ביז טרערן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט געקענט אַ סך אַזעלכע סענדערס. ווינטער פלעגט ער זען אין קיליע און אין קעשענעוו אָן אַ שיעור יידן גייען אַרומגעהילט אין ווייבערשע שאַלן און אויסזען ווי יידענעס. אויך פישקע דער קרומער האָט ביי אים אַרויסגערופן געלעכטער, אָבער נאָך מער האָט ער ביי אים אַרויסגערופן מיטגעפיל. ער איז געווען דער איינציקער פאַרליבטער העלד אין מענדעלעם ווערק. זיין ליבע איז אַזאַ הילפלאָזע, אַזאַ רחמנותדיקע, אַז עס גלוסט זיך וויינען איבער איר. און ווען ער האָט שפּעטער געלייענט, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז ביי שלום עליכמן איז פאַראַן געלעכטער צווישן טרערן, האָט זיך געדאַכט, אַז דער ערשטער ביי וועמען עס איז דאָ אַזאַ געלעכטער, איז מענדעלע. אַלע האָבן געזאָגט, אַז דער „זיידע" איז אין זיינע ווערק אַ מוראדיק בייזער און ער איז נאָר אַ סאַטיריקער און קיין הומאָר איז ביי אים נישטאָ און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ביים זיידן איז דאָ אַ הומאָר, וואָס רירט ביז טרערן און אַז פישקע דער קרומער איז שוין אַזאַ טיפּ, וואָס מאַכט לאַכנדיק און רופט אַרויס געוויין און אַז מענדעלע האָט שטענדיק ליב די יידן און ער שטראָפט זיי, ווייל ער האָט זיי ליב. ווען ער זאָגט, אַז די כנסת ישראל איז מיאוס פון דרויסן, פאַרגעסט ער נישט באַלד צו זאָגן, אַז זי איז שיין אינעווייניק. ער זעט שטענדיק דעם „ווידעראַנאַנד" פון יידן, ער זעט דאָס שיינע אין איינעם מיט מיאוסן, די חוצפּה אין איינעם מיט דער שעמעוודיקייט, די אמונה אין איינעם מיט דער אַפּיקורסות, די עם הארצות אין איינעם מיט דער למדנות, זיין אכזריות אין איינעם מיט רחמנות... אין איין זאַך איז יאַנקל זיכער געווען: אַז דער „זיידע" האַלט נישט, אַז די יידן וועלן גיין

קיין ארץ ישראל. פאַר אים איז ארץ ישראל דאָרט וואו יידן וואוינען און ער וויל די יידן אויספּיינען און מאכן שענער און בעסער און ערלעכער אויף די פּלעצער. ער דערציילט, אז די מוזע האָט אים געצויגן, אז ער זאָל נאָכגיין נאָך איר אין וואַלד אריין אונטער אַ גרינעם בוים, וואו עס איז שטיל און רו־איק און זי האָט געשלאָסן, די מוזע, פאַר אים אַ בונד מיט די וואַלדביימער און מיט די פייגל אין הימל און דער ווידמונג אויף דער ערד און זי האָט אים געלערנט זייער לשון און יאַנקל האָט געפילט, אז ער וויל דאָס זעלביקע לער־נען די יידן פון גלופּסק אַ קאַבצאַנסק און פון אַלע שטעט או שטעטלעך, וואו זיי געפינען זיך. די יידן ווייסן טאַקע, אז דער וואָס רייסט איבער דאָס לער־נען און ער זאָגט ווי שיין ס'איז דער דאָזיקער בוים, אָדער דער דאָזיקער אַקער, קומט אים צו הרגענען, אָבער מענדעלע האָט פּאַוואָליע געלערנט צו איבעררייסן דאָס לערנען און זיך פאַרקוקן אויף דער נאַטור און זי ליב האָבן. געווען אין קרייז „אם אין אני לי, מי לי" אַ בחור, וואָס איז געווען דער הויפּט־פירער, ער איז געווען אַ. הויכער, אַ שוואַרצער מיט לאַכנדיקע אויגן און אומגעהויער לאַנגע פּיס און ער האָט געהייסן גאָלאָווצען און האָט זיך גערופן „דעסיאַטי גאָלאָוואַי". האָט ער טאַקע געזאָגט, אז מענדעלע איז אַ שונאי ציון, ווייל ער שילדערט די נאַטור פון גלות און נישט פון ארץ ישראל. אין „הד הזמן" האָט יאַנקל דעמלט געלייענט אַן אַרטיקל פון יעקב ראַבינאָ־וויטש וועגן אַ יידישן פּאָעט, וואָס ער האָט נאָך נישט געלייענט. דוד איינ־האָרן האָט ער געהייסן. דער העברעאישער שרייבער האָט זיך געבייזערט, וואָס דער „זשאַרגאָנישער משורר" באַזינגט די בעריאָזקעס פון דער ליטע אָנשטאָט צו באַזינגען די טענעביימער פון ארץ ישראל. ער האָט געזאָגט, אז די ביימער פון בבל און פון די אַנדערע גלותן זיינען נאָר געמאַכט געוואָרן אויף צו אויפ־הענגען די פידלען אויף זיי, נישט אויף צו זינגען וועגן זיי. דוד איינהאָרן זינגט וועגן דער ליטע, גלייך די יידן וואָלטן דאָרט שוין געבליבן אויף שטענ־דיק. האָט זיך יאַנקל געחידושט למאי מען האָט שוין לאַנג נישט געשריבן דאָס זעלביקע, וועגן מענדעלען, ער באַזינגט דאָך אויך דעם גלות... יאַנקל האָט טאַקע מיט גאָלאָווצענען גערעדט זייער אַ סך וועגן דעם. אז מען וואָלט געדאַרפט אָנהייבן גיין אין פאָלק אריין צווישן יידן און זיי לערנען צו לעבן פון אַרבעט, נישט פון האַנדל און נישט צו זיין אַזוי פאַנאַטיש און נישט אַזוי אַריינקריכן איינער דעם אַנדערן אין די געדערים און זיין יידן און דאָך מיט לייטן גלייך, אָבער דער עלטערער אידעען־חבר האָט זיך אויסגעלאַכט פון אים און ער האָט געזאָגט, אז אין גלות וועט דאָס דאָזיקע בשום אופן נישט קענען פאַרווירקלעכט ווערן און אַז נאָר אין ארץ ישראל וועלן יידן קע־נען ווערן מיט פעלקער גלייך און אויסגלייכן די פּלייצע אַזוי ווי מענדעלע וויל. גאָלאָווצען האָט געלאַכט פון יאַנקלען און ער האָט געזאָגט, אז דאָס איז פּשוט אַ משוגעת צו וועלן גיין אין יידישן פאָלק, אַזוי ווי די רוסישע „נאַ־

ראַדאָוויקעס". רוסן וועלן נאָך גלויבן אַ פרעמדן, אַפילו אַ יידן, וועלן זיי גלויבן, אָבער אַ גלות־ייד וועט קיינעם נישט גלויבן און ער וועט מורא האָבן, אַז ער וויל אים עפּעס אָפּנאַרן און ער האָט הינטערשטע געדאַנקען. גיין דערציילן אַ יידן, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפפירן, ער וועט באַלד פרעגן „מי שמך?" און ווער דאַרף דיך און ווער האָט געשיקט נאָך דיר? טאַקע מענדעלע אַליין וואָלט געקענט באַשרייבן ווי אַזוי אַ פּשוטער ייד וואָלט אויפגענומען אַ יידישן „נאַראָדאָוויק", וואָס וואָלט געקומען צו אים... יאַנקל האָט געקוקט מיט קינאה אויף זיין עלטערן חבר. ער האָט עס געהאַט אַזאַ געשליפן צינגל און ער האָט געקענט זאָגן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. יאַנקל האָט נישט געקענט ריידן גלאַטיק נישט רוסיש און נישט העברעאיש, אין ביידע שפּראַכן האָט ער זיך נאָך פאַרטשעפּעט און יידיש האָט ער אויך נישט געהאַט אַלע ווערטער, וואָס ער האָט געדאַרפט, סיידן צו ריידן אַזאַ מין סאָרט „יידיש" ווי מען רעדט אין אָדעס מיט דריי פערטל רוסישע ווערטער. און צו ריידן יידיש איז סיי ווי עפּעס אויסגעקומען נישט שיין... פאַר שלום שוואַרץ, וואָס איז שוין געווען אַ סטודענט האָט עס געפּאַסט, אָבער פאַר אים, וואָס ער איז ערשט אַרויס פון דער ישיבה, איז עס געווען נישט פּאַסיק. זיין פעטער נח האָט געזאָגט, אַז ווען מען האָט גאַנצע שיך, שעמט מען זיך נישט צו גיין מיט די צעריסענע... און ער האָט זיך ווייטער איינגעשפּאַנט אין ציוניסטישן יאָך און ער איז געגאַנגען פאַרקויפן בראַשורן פון דער „קאָפּיקע־ביבליאָטעק" און זאַמלען פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד, אָבער געפילט האָט ער, אַז אויב מענדעלע איז גערעכט, דאַרף מען האָבן אַנדערע בראָשורן און מען דאַרף עפּעס אַנדערש טאָן.

יאַנקל האָט אַ פּאָר נעכט געפּטרט און ער האָט געפּרוּווט אָנשרייבן, וואָס ביי אים איז געווען אויף דעם האַרצן. ער האָט עס געפּרוּווט שרייבן אויף רוסיש, ער האָט געפּרוּווט שרייבן אויף העברעאיש, און ס'איז נישט געגאַנגען, אַפילו אויף יידיש איז עס נישט געגאַנגען. ער האָט געהאַלטן אין איין שרייבן און מעקן. דאָקטאָראָוויטש האָט געמיינט, אַז ער שרייבט אַ שיר און עס גייט נישט און ער האָט אין שפּאַס געזאָגט צו אים: אל תעירו ואל תעוררו את האהבה עד שתחפץ (זאָלסט נישט וועקן און רופן די ליבע ביז וואַנען זי וועט נישט וועלן) שירים דאַרפן זיך אַליין שרייבן... און ער האָט דעם חבר זיינעם אַפילו נישט אויסגעזאָגט, וואָס ער האָט געטראַכט צו שרייבן און ער האָט די בלעטלעך צעריסן און ער איז דערנאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און ער האָט אַלץ געקלערט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט אַ לשון און ער וואָלט נישט געווען קיין ישיבה בחור מיט אַ שטומער צונג, וואָלט ער זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און ער וואָלט דערוויזן, אַז ווען מען גייט אין יידישן פאָלק אַריין אַזוי ווי מען גייט אין רוסישן, וואָלט מען עס אַפילו פאַר ארץ ישראל אויך געקענט גוט צוגרייטן.

אין יענער צייט האָט זיך אונזער העלד געטראָפן אין די הענט אַריין אַ בראָשור אין רוסישן, וואָס האָט געהייסן „וועלף אין שאָפענע פעלן". ער קען זיך בשום אופן נישט דערמאָנען, ווי אַזוי דער מחבר האָט געהייסן. אין יענער בראָשור האָט דער מחבר געזאָגט, אַז אחד העם און שמעון דובנאָוו זיינען „וועלף אין שאָפענע פעלן" און זיי ווילן פאַרפירן דאָס יידישע פאָלק און עס פאַרצוקן. זיי ריידן נאָר וועגן גייסט, בעת פריער דאַרף מען ראַטעווען דעם יידישן קערפּער און דער גייסט וועט שוין דערנאָך אַליין ווערן געזונט. יאַנקל האָט געוואוסט וועגן דובנאָוון, אַז ער שרייבט יידישע געשיכטע, אָבער אַז ער האָט געשאַפן אַ מין טעאָריע, וואָס איז ענלעך צו אחד העמס און זי הייסט „גייסטיקער נאַציאָנאַליזם" און וואָס זאָגט, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט שטענדיק געלעבט ווי אַ נאַציע, סיי אין ארץ ישראל, סיי אין אַלע גלות־לענדער, האָט ער נישט געוואוסט. און ער האָט זיך שוין פאַראינטערעסירט מיט דובנאָוון און גענומען לייענען זיינע ווערק און איבערהויפּט האָט ער גע־לייענט זיין רוסישן בוך „בריוו וועגן אַלטן און נייעם יידנטום". דער מחבר האָט דערוויזן, אַז יידן זיינען אַ נאַציע, זיי זיינען אפשר דער העכסטער טיפּ פון אַ נאַציע, ווייל זיי ווילן עס זיין. דער עיקר צו זיין אַ נאַציע איז נישט קיין אייגענע טעריטאָריע און נישט אפילו קיין איין שפּראַך, נאָר דאָס וועלן צו זיין אַ נאַציע און יידן ווילן עס זיין, אָבער ווי אַזוי דאָס צו טאָן, האָט דובנאָוו ווי־ניק גערעדט. ער האָט אַ סך גערעדט וועגן פאָלק, אָבער וועגן גיין אין פאָלק האָט ער נישט גערעדט... ווען עס וואָלט אין אָדעס געווען אַ קרייז פון גייס־טיקע נאַציאָנאַליסטן, וואָלט יאַנקל דעמלט אַהין אַריין, אָבער ציוניסטישע קרייזן זיינען געווען עטלעכע און קיין נאַציאָנאַליסטישע זיינען גאַרנישט גע־ווען, איז ער ווייטער געגאַנגען פאַרקויפן בראָשורן און זאַמלען פאַר דעם נאַ־ציאָנאַל פאָנד און גערעכט האָט זיך אים, אַז עס גייט אים נאָך מענדעלע פון איין זייט און דובנאָוו פון דער צווייטער זייט און זיי זאָגן אים מיט אחד העמס ווערטער „לא זו הדרך"... ער האָט געמיינט, אַז ווען ער וועט אַרויס פון דער ישיבה וועט ער אַרויף אויף דעם גלייכן וועג און ער וועט קריגן אַן ענטפער אויף די אַלע פראַגעס, וואָס האָבן אים שטענדיק געמוטשעט, צום סוף איז אים ביים אַרויסגיין פון דער ישיבה דער וועג געוואָרן נאָך מער פאַרפּלאָנטערט. נישט ער פאַרשטייט די גאַנצע וועלט און ער ווייסט נישט פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט באַשאַפן אַזויפיל שלעכטס און נישט ער פאַר־שטייט דאָס יידישע לעבן. עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז יידן זיינען אין גאַנצן קיין פאָלק נישט און זיי דאַרפן ווערן אויס יידן און די ציוניסטן אַליין האַלטן דאָך אויך, אַז יידן דאַרפן ערשט ווערן דאָס רעכטע פאָלק, דער־ווייל זיינען זיי עס נאָך נישט. נאָר מענדעלע און דובנאָוו זאָגן, אַז יידן זיי־נען אַ פאָלק, אָבער אין „יבנה" האָט מען כמעט קיינמאָל נישט געהערט ריידן וועגן דעם, וואָס די דאָזיקע צוויי זאָגן.

קאפיטל פינף

...און ער האָט שוין אַלץ פאַרזוכט.

היינריך היינעס און א בלאָנד מיידל האָט יאנקל געקראָגן אין איין דער זעלביקער צייט. פון דייטש־יידישן דיכטער האָט ער געהערט א סך מאָל ריידן; מען האָט נאָכגעזאָגט שאַרפע ווערטער פון אים און מ'האָט דערציילט ניסים וועגן זיינע לידער און ער האָט באַשלאָסן אים צו לייענען. פריער האָט ער אָנגעהויבן אויף רוסיש און דערנאָך טאַקע — אויף דייטש. ער האָט זייער ווייניק געהאַט געלערנט דייטש. אביסל האָט ער אַמאָל געלערנט ביי אהרן לערער אין אזא ביכל, וואָס יענער האָט גערופן „פיבעל" און אביסל האָט ער איצטער אָנגעהויבן לערנען צוליב דעם קורס פון דער גימנאזיע. ריידן האָט ער געהערט א סך מאָל די דאָזיקע שפּראַך. קיין קיליע פלעגן קומען דייטשן, קיין פּעטראָוועקע פלעגן זיי אויך קומען און אויפן וועג פון קיליע קיין פּעטראָוועקע האָט ער א סך מאָל געהערט ריידן דייטש; יידיש אַליין קער זיך דאָך אויך אביסל אָן מיט דעם דאָזיקן לשון. האָט ער גענומען היינעס א ביכל און גענומען לייענען. אז ער האָט נישט פאַרשטאַנען, האָט ער געקוקט אין א ווערטערבוך אריין מיט רוסיש און עס האָט אַמאָל געטראָפן, אַז ער האָט די רוסישע ווערטער אויך נישט פאַרשטאַנען. ער האָט געפונען ביי היינען א סך ווערטער, וואָס ער האָט געהערט פון די מלמדים און ער האָט זיי קיינמאָל נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, ווייל אין לעבן האָט ער זיי נישט געהערט. און אָט אזוי ווי דאָס לייענען איז אים אָנגעקומען שווערלעך, איז ער צוגעקאָכט געוואָרן צו זיין נייעם דיכטער און ער האָט זיינע ביכער נישט ארויסגעלאָזט פון דער האַנט. אים איז אין היינען אַלץ געפעלן, אויך דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען. יעדער זאַך האָט אין זיינע אויגן געהאַט דעם זיבעטן חן. און עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיך פּונקט דעמלט אָנגעהויבן פאַרליבן אין א מיידל, וואָס איז געווען בלאָנד און האָט געהאַט בלויע אויגן און זי האָט אויסגעזען, גלייך ווי זי איז ארויס פון צענדליקער לידער דעם דיכטערס. ער האָט געלייענט טרויעריקע און פריילעכע לידער, ערנסטע און שפּאַסיקע און אין אַלע האָט ער זי ארויסגעהערט און ארויסגעזען און ארויסגעפילט. האָט ער געלייענט א ליד וועגן

„בלויע פיאַלקעם פון אירע אייגעלעך", „רויטע רויזן פון אירע בעקעלעך" און „ווייסע ליליען פון אירע הענטעלעך", האָט עס דאָך געוויס געמיינט זי און ווען ער האָט געלייענט וועגן אויגן־זיסע, בלויע רעטעניש, האָט עס דאָך אַוודאי געמיינט זי. האָט ער געלייענט וועגן מיידלעך אָן הערצער, האָט עס זי געמיינט און האָט ער געלייענט וועגן מיידלעך מיט הערצער, האָט עס אַוודאי געמיינט זי. דאָס זיפצן און דאָס זינגען איז געווען וועגן איר און דאָס זינגען און דאָס פרייען זיך איז ווידער געווען וועגן איר. ער האָט זיך קוים צוגערירט אַמאָל צו אירע פינגער, אָבער אין די לידער האָט ער צוגעלייגט באַק צו באַק, אַז די טרערן זאָלן פליסן צוזאַמען און ער האָט צוגעלייגט האַרץ צו האַרץ, אַז די פלאַמען זאָלן ברענען צוזאַמען...

זי האָט געהייסן חנהלע און מען האָט זי אויך גערופן אַנושקאַ. זי איז געווען אַ מיטגליד אין קרייז „אם אין אני לי, מי לי". זי איז געווען פון אַ קליין שטעטל לעבן אָדעס, איר טאַטע איז געווען אַן אַפּטייקער און אַ ציוניסט. אין אָדעס האָט זי געלערנט אין אַ גימנאַזיע און ביים פאַנאַטיקער זשאַק האָט זי געלערנט העברעאיש. זי איז געווען אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעכצן, אַ בלאָנדע, אַ שלאַנקע און אַ בלוי־אויגיקע. זי איז באמת געווען אַ בלום מיט צעפּ און מיט אַ קליידל. זי איז געווען אַ ציוניסטקע פון געבוירן און דער טאַטע אירער האָט געוואָלט, אַז זי זאָל קענען העברעאיש. ער אַליין האָט געקענט זייער ווייניק די שפּראַך פון זיינע חלומות און ווען ער איז געקומען צו גאַסט און ער איז מיט דער טאָכטער געגאַנגען צו איר העברעאישן לערער, האָט ער זיך היפּש אָנגעמוטשעט ביז וואַנען ער האָט אים פאַרשטאַנען. זשאַק האָט גערעדט העברעאיש און איר טאַטע — רוסיש, אָדער יידיש. מיט יאַנקלען האָט זי זיך אָנגעהויבן באַפריינדן, בכדי צו קענען ריידן העברעאיש מיט איב. עס איז אים אויך אָנגעקומען שווערלעך דאָס ריידן, אָבער ער האָט זיך נאָך ווי עס איז נישט איז אַן עצה געגעבן, זי האָט נעבעך נישט געהאַט קיין סך מער ווערטער וויפל אַ קינד. פלעג זי טאַקע זייער אָפט איבערגיין פון העברעאיש צו רוסיש און אים בעטן, אַז ער זאָל נישט אויסזאָגן איר העברעאישן לערער, וואָס וועט זי דערהרגענען, ווען ער וועט דערהערן, אַז זי רעדט נישט קיין העברעאיש מיט איינעם, וואָס קען. יאַנקל האָט מיט חנהלען נישט נאָר געדאַרפט ריידן העברעאיש, נאָר ער האָט אויך פון צייט צו צייט געדאַרפט לייענען עפּעס מיט איר אין דער דאָזיקער שפּראַך. ער האָט געדאַרפט לייענען ביאַליקס נאַציאָנאַלע שירים, אָבער געלייענט האָט ער דווקא די ליבע־לידער, וועלכע האָבן נישט אַלע געפּאַסט צו זייער שטימונג און צו זייער קינדישקייט. זייער גוט האָבן זיי זיך ביידע געפילט, ווען זיי האָבן געלייענט ביאַליקס „הכניסיני תחת כנפיך" (נעם מיט אונטער דיינע פליגל), זיי האָבן זיך דעמאָלט געהאַלטן ביי די הענט און זיי זיינען גרייט געווען צו קניען איינער פאַרן אַנדערן און בעטן איינער צום אַנדערן. אָבער

ווען זיי האָבן געלייענט אזאַ שיר ווי „הה, עיניה!" (אַ, אירע אויגן), אין וועלכן עס האָט זיך גערעדט וועגן אַ לילית, וואָס האָט געכאַפּט, האָבן זיי זיך שוין נישט געפילט גוט; זי איז קיין לילית נישט געווען. זי איז געווען אַ לאָרעליי, אָבער נאָר מיט דער אויסערלעכער צאַרטקייט, נישט מיט דער אי־נערלעכער טייוולאָנישקייט. און ווען זיי האָבן נאָך געלייענט עפּעס אַ ליד פון ביאַליקן וועגן אַ ווינט, וואָס וועט אַריבער איבער איר לייב און עס מאַכן פוילן, איז זיי שוין גאָר פּוסט געוואָרן אויף דעם האַרצן. הייניע האָט זיך געווערטלט וועגן מיידלעך און געזאָגט, אַז זיי האָבן קיין הערצער נישט און ער האָט אַפילו געזונגען צו איינער, אַז זי האָט קיין זעלע נישט און ער איז גרייט זיין זעלע צו צעשניידן אויף צווייען און איר אַריינהויכן אַ העלפט, אָבער ס'איז אין דעם געווען אַ שפּאַס, פון וועלכן עס איז געוואָרן גוט אויף דעם האַרצן, בעת ביי ביאַליקן זיינען געווען לידער, וואָס האָבן געמאַכט פּוסט וויסט אויף דעם האַרצן (יאַנקל האָט נאָך דעמלט נישט געהאַט געלייענט באָדלערן און ער האָט נישט געוואוסט, אַז דאָס ווייזן דעם רייצנדיקן קערפּער דווקא ווי אַ פּגר, שטאַמט פון אים...) אַנושקאַ איז געווען די ערשטע, וואָס האָט יאַנקלען נישט גערופן „מעסיע" און נישט „קאָלעגע" און נישט „טאָ־וואַרישטש" און נישט יאַנקל, נאָר „יאַשאַ" און עס איז אים זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט אַפילו גוט געדענקט דעם זאָג, אַז פאַר דריי זאַכן זיינען די יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון בבל, ווייל זיי האָבן נישט געענדערט זייער קליידער, זייער שפּראַך און זייערע נעמען, דאָך איז אים געפעלן דער נייער נאָמען. ער האָט שוין סיי ווי געהאַט געענדערט די קליידער און דאָס גאַנצע אויסזען. ער איז געגאַנגען אַ שוואַרץ העמדל און ער האָט געטראָגן אַ קודלע און מען האָט שוין נישט דערקענט, אַז ער איז געווען אַ ישיבה בחור. ער האָט שוין די שפּראַך אויך געהאַט געביטן, ווייניקער פון אַלץ האָט ער גערעדט יידיש. אָבער אים איז נישט אַזוי געפעלן דער נאָמען „יאַשאַ" אַליין, ווי דער שטייגער ווי אַנושקאַ האָט עס אַרויסגעזאָגט. זי האָט מיט טויזנט חנען צונויפגעשנורעוועט אירע ליפּן און די שטימע אירע האָט געקלונגען גלייך ווי זי האָט געזונגען. די מיידלעך פלעגן דעמלט גיין לאַנגע קליידער, וואָס אונטן זיינען זיי געווען זייער שמאָל, זיי פלעגן שיר נישט פאַלן איבער די קליידער און זיי האָבן נישט געקענט פריי אַריבערשפּאַנען איבער אַ שוועל. די שמאָלקייט פון די קליידער האָט געמאַכט זייערע פיגורן זעלטן שלאַנק און אויסגעצויגן. אַנושקאַ האָט די ליפּן געהאַלטן פּונקט אַזוי צונויפגעשנורעוועט, ווי זי האָט געהאַלטן צונויפגעצויגן די פיס און ווען זי האָט אַ זאָג געטאָן „יאַשאַ", אָדער גאָר „יאַשענקאַ", איז ער געווען אויף דעם זיבעטן הימל.

זי איז געווען אַ רייכע און ער איז געגאַנגען זייער אָרים אָנגעטאָן. ער האָט געהאַט צוויי רוסישע העמדלעך, אַ האַלב ווינטערדיקן מאַנטל און ביים האַלז האָט ער געטראָגן אַ „קאַשנע" (קליינע שאַרף), וואָס שלייען האָט אים

געקויפט. ער האָט זיך געפילט זייער שלעכט מיט זיין אָרימקייט. אָבער איר האָט עס נישט געאַרט. זיי פלעגן זייער אָפט גיין „אין איינעם" אין רוסישן טעאַטער אַריין, האָט ער געדאַרפט שטיין שעהן גאַנצע און אַמאָל טאָקע מעת לעתן אין דער ריי ביי דער קאַסע ביז וואַנען ער האָט געקראָגן אַ בילעט אויף דער גאַלעריע און זי איז געגאַנגען אויף די בעסטע פלעצער. ביים אַרויסגיין האָבן זיי זיך געטראָפן אונטן און ער האָט זי אַהיימגעפירט. ער האָט דעמאָלט געזאָגט אַ חכמה, וואָס ער האָט זי דערנאָך שוין געהערט פון אַ סך. ער האָט געזאָגט, אַז אומעטום בעט מען, אַז גאָט זאָל אויפהויבן און אין טעאַטער בעט מען, אַז ער זאָל אַראָפּלאָזן...

אין יענער צייט איז געקומען אסתר רחל קאַמינסקאַ מיט אַ טרופּע קיין אָדעס און זי האָט געשפּילט אין אַ גאָר אַנדער גענגט, ווייט פון דער „מאַלדאַוואַנקע". זי האָט געשפּילט גאָרדינס פּיעסן און גאַנץ אָדעס איז געגאַנגען כּאַדאָראָם. די רוסישע צייטונגען האָבן געשריבן זייער אַ סך וועגן דער טרופּע און צום מערסטן וועגן דער קאַמינסקאַ אַליין. מען האָט זי פאַר־גליכן צו די גרעסטע אַקטריסעס אין דער וועלט. מען האָט געזאָגט, אַז זי קען אַזאַ שטילן ברום טאָן ווי לעאָנאַרע דוזע און אַזאַ שטאַרקן ברום טאָן ווי סאַראַ בערנאַר און זי איז אַזוי נאַיוו ווי די קאָמיסאַרזשעווסקאַיאַ. פון די פּיעסן גאָרדינס האָט מען געריסן שטיקער. מען האָט געזאָגט, אַז זיי האָבן אַ צורה ווי איבערגענוצעוועטע קליידער. יאַנקל און חנהלע זיינען ביידע גע־גאַנגען צו דער קאַמינסקאַ אין טעאַטער אַריין — ער אויבן און זי אונטן. די חברים זיינע האָבן אים געלערנט מיטצונעמען פּאַפּיר מיט אַ בלייער און פאַרשרייבן די „וופּיטשאַטליעניעס" (איינדרוקן) און ער האָט מיטגענומען און געשריבן. די קאַמינסקאַ ליגט אים נאָך ביז איצטער אין טעם. ער האָט זי צום ערשטן מאָל געזען אין „מירעלע אפרת". זי איז געווען אַ הויכע, אַ שלאַנ־קע, אַביסל אַ צו דאַרע. זי האָט אויסגעזען כּמעט אַזוי שיין ווי זיין באָבע דבורה און אויגן האָט זי געהאַט שענערע און שטאַרקערע. איר קול האָט געקלונגען אַביסל איינגעבראָכן, אָבער דאָך העל. זי האָט ווי גערעדט מיט אַ נוסח. זי האָט דערמאָנט אין די „פּירזאָגערנס", אָבער יענע האָבן געדאַרפט לאַנג שרייען ביז וואַנען זיי האָבן געמאַכט וויינענדיק און אַמאָל האָבן זיי געמאַכט לאַכנ־דיק אויך, בעת אסתר רחל האָט מיט דעם קלענסטן ריר מיטן קול געמאַכט וויינענדיק. ווען זי האָט נאָר געזאָגט „ה׳, באו מים עד נפש", האָט מען שוין געוויינט נאָך איידער זי האָט געזאָגט די יידישע איבערזעצונג. עס זיינען געווען מאָמענטן בעת אסתר רחלס שפּילן, ווען עס האָט דער גאַנצער אוידי־טאָריע אויסגעפעלט אָטעם. דער גאַנצער טעאַטער, וואָס האָט געהאַט עטלעכע שטאָק איז געווען איבערפולט און ער האָט אויסגעזען שוואַרץ. סיי מענער, סיי פרויען האָבן געטראָגן טונקלע און שטילע קאָלירן, זעלטן־ווען עס האָט געריסט אַ קלייד פון שרייענדיקע קאָלירן, דאָ און דאָרט האָבן שימערירט

שטיינער אויף ברוסטן, אויערן און פינגער. און מען האָט אין ערגעץ נישט געהערט קיין שאָרך. עס האָבן געוויינט מענער, פרויען. יעדער האָט געפילט, אַז ער, אָדער זי, האָט נישט איינמאָל אין לעבן געזינדיקט קעגן דער מאַמען און אַלע האָבן זיך דאָ אַראָפּגעוויינט פון הארצן. עס איז געווען אין טעאַטער עפּעס אַ מין שטימונג, וואָס איז ענלעך געווען צו דער שטימונג אין שול צו כל נדרי... אויך יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אָן אַ שיר זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען קעגן זיין מאַמען, ער האָט פאַרגעסן אַלע פאַרדרוסן, וואָס זי האָט אַמאָל אַרויסגערופן ביי אים און ער האָט נאָר געפילט, אַז ער איז שולדיק. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ בילד פון היינען וועגן זיין מאַמען, וואָס ער האָט געלייענט צוריק מיט אַ צייט און עס האָט אים איצטער נישט אויפגעהערט קלינגען אין די אויערן. דער דיכטער זאָגט, אַז ער איז נישט געוואוינט צו בויגן דעם קאָפּ און צו אַוועקנויגן זיין בליק, אפילו ווען ער וואָלט געדאַרפט דעם קעניג קוקן אין פּנים אריין, וואָלט ער די אויגן נישט אַראָפּגעבויגן, אָבער אַנדערש איז, ווען ער דערפילט די נאָענטקייט פון זיין מאַמען. יאַנקל האָט דורך אסתּר רחלס שפּילן דערפילט זיין מאַמעס נאָענטקייט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס זיצט זיין מאַמע אויבן און זי זאָגט: „גאָט, דאָס וואַסער איז שוין געקומען ביז אין האַלז אריין”. און זי זאָגט עס איבערהויפּט וועגן אים, וואָס ער האָט זי און דעם טאַטן איבערגעלאָזט... ווען דער פאָרהאַנג איז געפאַלן ביי יעדן שלוס פון אַן אַקט, איז אַ שטיק צייט געווען שטיל, ביז וואַנען דער עולם איז געקומען צו זיך און ער האָט אָנגעהויבן אַפּלאָדירן. צום שלוס פון דער פאָרשטעלונג איז דער עולם משוגע געוואָרן און ער איז פון דער הויט געשפּרונגען. מענער האָבן געוואָרפן די היטלעך איף דער בינע. מען האָט געזען לעבן דער שוישפּילערן צענדליקער סטודענטן־היטלען מיט גרינע, אָדער בלויע דעניקעס. אויך יאַנקל האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין היטל און דאָס דאָזיקע האָט אים געגיבן אַ מעגלעכקייט אַראָפּצוגיין אונטן און זען די גרויסע שוישפּילערן אביסל מער פון דער נאָענט. זי האָט געהאַט, אַזוי האָט זיך אים געדאַכט, אביסל גרינלעכע אויגן און עס האָבן אין זיי געגלאַנצט טרערן אין איינעם מיט אַ שמייכל. עס איז געוואָרן גוט פון דעם קוקן איר אין די אויגן אריין, זי האָט ווי געזאָגט מיט זיי: „אַלעמען איז מוחל געוואָרן”... אַנושקאַ איז אַרויסגעגאַנגען פון טעאַטער מיט פאַרוויינטע אויגן ווי די לאַמטערנס און זי האָט געזאָגט: „אַלע מאַמעס זיינען גוטע און אַלע קינדער זיינען שלעכטע”... יאַנקל האָט געשמייכלט און ער האָט געזאָגט: „די מאַמעס זיינען אַמאָל אויך געווען קינדער און די קינדער וועלן אַמאָל אויך ווערן מאַמעס”. אַנושקאַ האָט געענטפערט: „אוי בין איך אַ נאַר, וועגן דעם האָב איך גאָרנישט געטראַכט, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז מאַמעס ווערן געבוירן מאַמעס, און קינדער ווערן געבוירן קינדער”. זי האָט גערעדט מיט אַן אָנגעבראָכענער שטימע, אָבער די אויגן האָבן איר שוין געשמייכלט. זי האָט גערעדט רוסיש

און האָט זיך געהאַלטן אין איין אומקוקן, צי זשאַק גייט חלילה נישט. זי האָט נישט געוואוסט, אַז זשאַק וועט גאָר מאָרגן, ווען זי וועט אים דערציילן וועגן דער קאַמינסקאַס שפּילן, איר מאַכן אַ שטאַרקן פאַרוואורף פאַרוואָס זי איז געגאַנגען אין דעם „תיאטרון הז׳רגוני״ (זשאַרגאָנישן טעאַטער)...

יאַנקל האָט געגעסן ווייניקער מיט אַ פּאָר טרוקענע מאַלצייטן און ער איז געגאַנגען נאָך און נאָך אין קאַמינסקאַס טעאַטער. ער האָט געזען נאָך צוויי גאָרדינס פּיעסן — „די שבועה״ און „דער אומבאַקאַנטער״. אין דער לעצטער פּיעסע האָט די קאַמינסקאַ געשפּילט אַן עלטער מיידל מיט אַ הויקער; זי האָט געוואָלט שפּילן אַ ליבע און זי האָט געמוזט אָפּטרעטן דאָס פּלאַץ איר עלטערער שוועסטער. עס איז געווען שיין צו קוקן אויף איר און אַ מחיה זי צו הערן, אָבער עפּעס האָט זיך נישט געגלויבט, אַז זי זאָל טאַקע שפּילן די ליבע און וויינען צוליב דער ליבע. עס איז עפּעס געווען אַלציינס, ווי ווען די מאַמע וואָלט געשפּילט אַ ליבע... ווען זי איז געוואָרן אַ מאַמע, טאַקע צו איר שוועסטער, האָט איר בעסער געפּאַסט. אַנדערש איז געווען אין דער ערשטער פּיעסע, דאָרט האָט זי געשפּילט אַן עלטערע פרוי, אַן אָנגע־האָרעוועטע און איבערגעהאָרעוועטע און זי האָט געהאַלטן אין איין שטאַרבן און עס האָט זיך איר אַזוי שטאַרק געגלויבט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ פרוי, וואָס האַלט אין איין שטאַרבן... אין יענער פּיעסע האָט אים צום ערשטן מאָל גענומען אַן אַקטיאָר, וואָס האָט אומעטום געשפּילט די וויכטיקסטע ראָליען נאָך דער קאַמינסקאַ, אָבער אין ערגעץ איז ער נישט געווען אַזוי צוגעפּאַסט. ער האָט געהייסן יעקב ליבערט. ער איז געווען אַ הויכער, אַן אימפּאָזאַנטער, אָבער אַביסל צו פּראָסטלעכער. דער שטערן איז ביי אים געווען פון אַן איידעלען מענטשן, די נאָז איז געווען ווי פון אַן אָדלער, אָבער די ליפּן זיינען געווען גראָבע און ציין האָט ער אויך געהאַט אַרויסגעשטאַרטשעטע. אין דער „שבועה״ האָט ער געשפּילט אַ פּראָסטאַק און עס האָט איר אומגעהויער גע־פּאַסט. אויך אַ מיידל, וואָס האָט געהייסן עדלמאַן האָט אין יענער פּיעסע זיך אָנגעזען מיט איר נאַטירלעכקייט, איידלקייט און וואַרעמקייט. זי האָט אויך געשפּילט אַ פּראָסטע און זי האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ פּראָסטע, אָבער עס דאָך געשיינט פון איר. אין דער אָפּערעטע דאָרט ביי פּישזאָנען האָט יאַנקל נישט געזען קיין איין מיידל, וואָס זאָל אויסזען ווי אָט די עדלמאַן. דער קאָמיקער פון דער טרופּע האָט געהייסן ווייסמאַן, די ראָליען, וואָס ער האָט געשפּילט, האָבן אַליין אַרויסגערופן געלעכטער, אָבער דער אַקטיאָר, וואָס האָט זיי געשפּילט, האָט זיך געדרייט זייער שווער און ער האָט געווירקט נישט זייער סימפּאַטיש. און אויב דער עולם האָט דאָך אַרויסגעקוקט אויף זיינע אויפטריטן און ער האָט אים אויפגענומען מיט פרייד, איז עס געווען, ווייל ער האָט געזאָגט קאָמישע זאַכן. יאַנקל דערמאָנט זיך, אַז די קאַמינסקאַ האָט איינמאָל געשפּילט אַ פּיעסע פון אַן אַנדער מחבר — דוד פּינסקי האָט

ער געהייסן און די פיעסע האָט געהייסן „די מוטער". דער מאַן איז געווען א פיינערער ווי אין גאָרדינס פיעסן, די שפּראַך אַן איידלערע, אָבער די האַנד־לונג א סך א שוואַכערע און דער עולם האָט זיך נישט אויפגעהערט לאַנג־ווייליקן. אייניקע האָבן געזאָגט אָפן אויף א קול, אַז פּינסקי האָט געוואָלט נאָכמאַכן גאָרדינען און אויך שאַפן א צענטראַלע פרויען־העלדין, אָבער עס איז אים נישט געראָטן. אונזער העלד האָט באַמערקט, אַז דאָס פּראָבלעם אינטערעסירט נישט דעם עולם. קיינער גלויבט נישט, אַז א מאַמע קען אויך ליב האָבן. די ליידן פון מיִרעלע אפּרת האָט מען געטרונקען ווי גוטן וויין, אָבער די ליידן פון פּינסקיס „מוטער" זיינען אַלעמען געווען פרעמד. ווען דער עלטערער מאַן האָט זיך דערקלערט דער עלטערער פרוי אין ליבע, האָט זיך דעם עולם געגלוסט לאַכן, כאָטש די סצענע איז געווען זעלטן גוט געשפּילט. דער עולם האָט אַרויסגעוויזן א ווילדן עגאָיזם. אונזער העלד האָט זיך גע־קלערט, אַז ס'קומט אויס, אַז אַן אַלמנה דאַרף נאָכשטאַרבן דעם מאַן און אַז דעם מענטשנס לעבן ענדיקט זיך ביי פערציק יאָר. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס גייט אַן א קאַמף צווישן מחבר און פּובליקום. דער מחבר זאָגט, אַז דער מענטש איז שטענדיק באַרעכטיקט צו לעבן און דאָס פּובליקום זאָגט, אַז א פרוי, וואָס האָט קינדער, טאָר שוין מער נישט לעבן...

דאָס טעאַטער איז דערמאָלט געווען פול פון אויבן ביז אַראָפּ, אָבער די געוויינלעכע יום טובדיקייט האָט געפעלט, ווייל דאָס פּובליקום איז שווער איינגעזעסן אויף די פּלעצער, כאָטש די קאַמינסקאַ האָט מען אומ־געהויער ליב געהאַט... יאָסיף פעלדמאַן, וואָס איז געווען א היימישער אין טעאַטער און ער האָט זיך אַליין געשניטן אויף אַן אַקטיאָר, האָט יאַנק־לען געזאָגט דערמאָלט: „דו זעסט, אַז דעם עולם געפעלט נישט, ווייסט ער נישט פון קיין רעספּעקט און פון קיין ליבע און ער זיצט אפילו נישט איין". יאָסיף פלעגט שוין אַרונטערגיין הינטער די קוליסן און אַריינגיין צו דער קאַ־מינסקאַ און ער האָט אפילו גערעדט וועגן אַריינטרעטן אין דער טרופּע אַריין. איין מאָל האָט יאָסיף אויך יאַנקלען מיטגענומען אין דער קאַבינע פון דער באַרימטסטער יידישער אַקטריסע און יאַנקל האָט עפּעס געפילט דעם זעלביקן ציטער, ווי ביים באַגעגענען מענדעלע מוכר ספרים, אָבער פון דער נאָענט האָט אסתר רחל אים נישט געמאַכט קיין שטאַרקן איינדרוק, זי האָט אויסגע־זען ווי א זייער גוטע, מיט א סך מיטגעפיל, אָבער נישט ווי קיין גרויסער מענטש... ווען די טרופּע איז אַוועקגעפאָרן, איז געבליבן א פּוסט אָרט אין אָדעס! דאָרט אויף דער מאָלדאַוואַנקע האָט אין גאַנצן געפעלט דאָס ביסל יום טובדיקייט פון אַוועקגעפאָרענעם טעאַטער. אין קאַמיזם איז געווען א שייכות צווישן ביידע טעאַטערס, אין אַלעם איבעריקן — נישט. אין קאַמינסקאַס טעאַטער איז געווען דיסציפּלין סיי אויף דער בינע, סיי אין זאַל, אין פיש־זאָנס טעאַטער איז ביי ביידע געווען א צעפאָרנקייט און עס האָט געהערשט

א היימישקייט ווי אין א שענק. יאנקל האט געפילט נאך דעם אוועקפארן פון יענער טרופע אלציינס ווי ער האט אמאל געפילט אין קעשענעוו שבת צו נאכטס שפעט, נאך דעם, וואס מען האט שוין אויפגעגעסן דעם בארשט און שוין אויסגעזונגען אליהו הנביא אין איינעם מיט אלע ניגונים, וואס מען האט געקענט און מען האט שוין אויסדערציילט אלע בעל שמסקע מעשהס און מען האט זיך שוין געדארפט אומקערן צו דער וואכעדיקייט פון דער ישיבה. ער האט געדענקט געגוי, אז מיט דער שטארקסטער וואכעדיקייט האט אויף אים א ווי געטאן אין קעשענעוו, ווען ער פלעג צוקומען שבת צו נאכטס צו דער ישיבה און ער האט אנגעקלונגען און אין א פערטל שעה ארום איז ארויסגעקומען א ברוגזער דער משרת, וואס האט געקערט און ריין געמאכט און וואס זיין באָרד האט אויסגעזען פונקט ווי א בעזים און ער האט א סקריפ געטאן מיט דעם שליסל אין דעם לאך פון פארזשאווערטן שלאס. אט א יענער סקריפ האט אים געזונגען דאס וואכעדיקסטע ליד, וואס ער האט געהערט אין זיין ביז דעמלטדיקן לעבן...

און די וואכעדיקייט איז געקומען אין איינעם מיט א שווער, שווער לעבן. פון עסן צו זאט האט אונזער העלד נישט געוואוסט וואכן לאנג, ער פלעג זיך קענען אנעסן צו זאט און אפילו זיך איבערעסן איין מאל אין דער וואך ביי שלייענען, האט ער זיך אבער געשעמט. מען פלעג אים דריי מאל דארפן הייסן עסן, ביז וואנען ער האט עפעס גענומען, אים האט זיך געדאכט, אז מען ווייסט, אז ער איז הונגעריק... ער האט געפילט א שוואכקייט אין גאנצן קערפער און דער קאפ האט זיך אים געדרייט. ער פלעג אין מיטן לער־נען, אדער אין מיטן לייענען זיך א סך מאל מוזן אנידערלייגן. און וואס שוואכער ער איז געווארן, אלץ שטארקער האט צו אים געברענט די גלוס־טעניש צו אנושקאן. די ליבע צו דעם דאזיקן מיידל איז ביי אים געווען א זייער ריינע. ווען ער האט פריער זיך געפילט פארליבט אין שלייענס פרוי, אדער אין פאניא שעכטמאן, אדער אין סאשאס שוועסטער, האט ער געפילט אזא פראסטע גלוסטעניש צו זיי און אים האט זיך א סך מאל געחלומט, אז ער האט זיי און צווישן זיי געשעט אלצדינג און ער פלעג זיך אויפכאפן פון שלאף און זיך פילן אומריין און זינדיק און אים האט זיך געדאכט, אז ער וואלט געדארפט גיין אין מקווה אריין. מיט אנושקאן האט דאס אים נישט פאסירט. ער האט גאר געטראכט, אז ווען ער וואלט מיט איר חתונה געהאט, וואלט ער אזוי געלעבט אזוי ווי וויערא מיט איר מאן אין טשערנישעווסקיס „וואס זאל מען טאן?", אבער רואיק איז ער דאך א רגע נישט געווען און אים האט זיך געגלוסט וויינען, סיי ווען ער האט געבענקט נאך איר, סיי ווען ער האט זי געזען. היינע זאגט אין א ליד, אז ווען זיין מיידל זאגט אים, אז זי האט אים ליב, מוז ער ביטער וויינען, אים האט זיך געדאכט, אז ווען אנוש־קא וואלט אים געזאגט, אז זי האט אים ליב, וואלט ער געשטארבן פאר גע־

ווײַן און פֿאַר פֿרייד. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז יאַנקל האָט זיך גענומען לערנען און אַנשטאָט לאַטיינישע ווערטער פֿון אַ „יוקסטע" אַרויס, אָדער עפּעס אַ נודנע שטעל פֿון דער מיטלאַלטערלעכער געשיכטע, האָט ער נישט אויפֿגעהערט זאָגן היינעס אַ ליד, וואָס ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק און ער האָט עס ווי אונטערגעזונגען; דאָס ליד האָט איבערגעגעבן די אומגעדולדיקייט פֿון דערוואַרטונג. קומט זי, קומט זי נישט? די שעהן זיינען אַ פֿויל פֿאָלק... יאַנקלען האָט זיך געדאַכט אַז דאָס האָט דער דיכטער געזונגען זיין ליד וועגן אַנושקאַן...

און די שעהן זיינען טאַקע געווען אַ פֿויל פֿאָלק, ביז וואַנען עס איז געקומען די שעה, ווען ער האָט זיך געקענט זען מיט איר, איז אים דאָס האַרץ שיר נישט אַרויסגעפֿאַלן... דאָס לייענען איז קיין לייענען נישט געווען, דאָס לערנען איז אַוודאַי קיין לערנען נישט געווען און אויך פֿאַר דעם ציוניזם איז די אַרבעט נישט געגאַנגען. אַ הונגעריקער מיט אַ פֿיבערדיקן קערפּער איז ער זייער אָפֿט געליגן אין בעט מיט היינעס „בוך דער לידער" און געלייענט און געזען פֿאַר זיך אַנושקאַן. דאָקטאָראָוויטש האָט אים געזאָגט: „פֿאַרפֿאַלן! דער טייוול האָט דיך געפּאַקט, קיין לייט וועט פֿון דיר שוין קיינמאָל נישט ווערן."

עס פֿלעג צו זיי דעמלט אַריינקומען אָפֿט אַ בחור אַ שניידער, וואָס האָט זיך געשניטן אויף אַן אַקטיאָר. ער האָט געהייסן מאיר גרוזני און ער איז געקומען פֿון לעבן פּאָלטאַווע. ער איז געווען אַ סימפּאַטישער שאַטען מיט אַ געשטרעקטער מיטעלער פֿיגור און מיט ברענענדיקע אויגן. ער פֿלעג דעקלאַמירן די אַלע לידער, וואָס זיינען דעמלט געווען אין דער מאָדע: ביאַליקס „דאָס לעצטע וואָרט" און „אונטער די גרינינקע ביימעלעך", מאָריס ראָזנפֿעלדס „אויפֿן בוזעם פֿון ים", ש. פֿרוגס „זאַמד און שטערן" א. א. וו. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין געשפּילט טעאַטער אויך, סיי אויף רוסיש, סיי אויף יידיש. רוסיש האָט ער גערעדט מיט אַ סך גראַמאַטישע פֿעלער, אָבער אַז ער האָט גערעדט עפּעס פֿון אַ ראָליע, האָט ער עס געזאָגט ווי אַן אמתער רוס. ער האָט אַפֿילו יידיש אויך נישט געקענט אָנשרייבן קיין פּאָר ווערטער, דאָך האָט ער זיך געדרייט נאָר צווישן אינטעליגענטע מענטשן און דיסקוטירט ווי אַן אינטעליגענט און מען האָט אים ליב געהאַט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַריין אין טעאַטער, אין אַ יידישן, אָדער אַ רוסישן, אָבער ער האָט ווייטער געאַרבעט שניידעריי און האָט אין קיין שום טרופּע נישט געקענט אַריין. ער איז געווען פֿול אין דער גאַנצער שטאָט און ער האָט אַלצדינג געוואוסט און ער האָט געוואוסט פֿון אַלע שווערע הערצער און ער האָט דערציילט אָן אַ שיר מעשׂהס וועגן ליבעס און אומגליקן. עס איז געווען אַ פֿרייד צו הערן ווי אַזוי ער פּלאַפּלט, אָבער די לעצטע צייט האָט יאַנקל פֿאַרלוירן צו אים דעם אינטערעס און גרוזני האָט זיך אונטערגעשמייכלט ווי אַ

געניטער און עלטער מאַן און ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט צוליב אַ פּרוי נישט טרויעריק געוואָרן...

אין יענער צייט האָט יאַנקל צום ערשטן מאָל געזען ביאַליקן פון דער נאָענט. די אָדעסער ישיבה האָט נאָך אַלץ עפּעס יאָ און נישט פונקציאָנירט. דער גראַדאָנאַטשאַלניק טאָלמאַטשאָוו האָט זיך געהאַלטן אין איין טשעפּען צו איר. עס האָט געהייסן, אַז חיים טשערנאָוויץ וועט מוזן איבערלאָזן די ישיבה, ווייל ער געפעלט זייער שטאַרק נישט טאָלמאַטשאָוון. געזאָגט האָט מען, אַז אויף חיים טשערנאָוויצעס פּלאַץ וועט קומען איינער אַ רב, וואָס הייסט אהרן שמואל תמרת (טאַמאַרעס), וואָס שרייבט העברעאיש און ער חתמעט „אחד הרבנים המרגישים” און ער איז איינער פון די געציילטע רבנים, וואָס האַלטן פון ציוניזם. ער האָט שוין געהאַלטן ביים קומען, אָבער מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך אָפּגעקילט פון ציוניזם און ער וועט שוין נישט איבערנעמען די ישיבה, ווייל ער האָט געזען, אַז די בחורים פון דאָרטן גייען אין גוויישע העמדלעך. די ישיבה האָט זיך כסדר געשאָקלט. גראָד איז אונטערגעקומען פורים־צייט און מען האָט אין דער ישיבה געפּראַוועט אַ סעודה און כאָטש מען האָט נישט קיין סך געגעסן און נישט קיין סך גע־טרונקען, איז מען דאָך געווען זייער פריילעך. אייניקע פון די לערער האָבן געהאַלטן רעדעס, אביסל אין בגילופנדיקן טאָן און דאָך גאַנץ ערנסט. מען האָט אַרומגערעדט סיי דעם יום טוב, סיי די מגילה, וואָס איז איינער פון די שענסטע אָריענטאַלישע ראָמאַנען. ביאַליק האָט געזאָלט קומען מיט אַ גאַנצן סיורפּריז און ער איז געקומען מיט אַ האַלבן. ער האָט געדאַרפט ברענגען אַ העברעאישע איבערזעצונג פון אַ יידישן פאָלקסליד. די מערהייט פון די תלמי־דים האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון „זשאַרגאָן”, אָבער ביאַליקס אַן אי־בערזעצונג האָט סיי ווי געדאַרפט זיין אַ נעשעעניש. היינט נאָך אַן איבער־זעצונג פון אַ פאָלקסליד. העברעאיש איז נאָך דעמלט געווען אין די סאַמע וויקעלעך ווי אַ גערעדטע שפּראַך און אַ פאָלקסליד אין העברעאיש איז עפּעס געווען אַזאַ וואונדער ווי אַ „יונגער אַלטער”. ביאַליק אַליין האָט געהאַט אַ ריי לידער, וואָס ער האָט גערופן „משירי העם”, וואָס זיינען געווען פריי אי־בערגעדיכטעט פון יידיש און זיי האָבן געוואָלט האָבן אין העברעאיש די לע־בעדיקייט פון יידיש. דאָס לידל, וואָס ביאַליק האָט געבראַכט האָט זיך אויף יידיש געזונגען אַזוי:

האָב איך מיר אַ מיכלקע, אַ מיכלקע,
וואוינט ער אויף דער גרויסער גאַס,
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס איך דאַרף,
מאַכט ער מיר אַ פּייפעלע, אַ פּייפעלע,

דאָס פּייפעלע מאַכט אַזוי:
טרו, טרו טרו, טרו, טרו, טרו
דאָס פּייפעלע מאַכט אַזוי.

דערנאָך זיינען אין לידל געווען אויסגערעכנט עטלעכע כלים און צום לעצט זאָגט זיך:

מאַכט ער מיר אַ יידעלע, אַ יידעלע,
דאָס יידעלע מאַכט אַזוי:
רבונו של עולם, רבונו של עולם,
דאָס יידעלע מאַכט אַזוי...

דער אָנהייב איז אין ביאַליקס איבערזעצונג געגאַנגען גוט, כאָטש ער אַליין האָט מודה געווען, אַז עס פעלט נאַטירלעכקייט. אָט ווי ער האָט גע־זונגען אין העברעאיש:

יש לי חבר ומיכל שמו, ומיכל שמו,
חרוץ ואומן יד,
עושה לי בשבילי כלי וכלי...

אָבער ווען עס איז געקומען צו די דימינוניטיוון איז געווען אומעגלעך. אַ פידל און פייפל האָט מען געקענט זאָגן אויף העברעאיש, אָבער אַ „פידע־לע" און אַ „פייפעלע" האָט מען נישט געקענט זאָגן. און אַ „יידעלע" האָט מען אַוודאי נישט געקענט איבערזעצן. האָט מען געזונגען:

עושה לי יידעלע, יידעלע,
היידעלע עושה כך...

ביאַליק אַליין האָט גערעדט מער יידיש ווי העברעאיש. ער איז אַלעמאָל אַרויס פון די כלים און וואָס מער דאָס איז געשען, אַלץ מער האָט ער גע־רעדט יידיש. ער איז געווען פריילעכער ווי אַלע און אויך טרויעריקער פון אַלע. עס האָט אים פאַרדראָסן, וואָס עס גייט אים אַזוי שווער צו מיט דער אי־בערזעצונג. די געדאַנקען, האָט ער געזאָגט, קען מען די שווערסטע איבער־זעצן, אָבער די געזאַנגען קען מען נישט. יעדער שיר, וואָס מען זעצט איבער פון איין שפּראַך אין דער אַנדערער, פאַרלירט אויף דעם וועג, אַלייציינס, ווי שמעקנדיקער בוימאייל פאַרלירט, ווען מען גיסט אים איבער פון איין פלאַש אין דער אַנדערער... אָבער דאָס דאַזיקע האָט דאָך געזונגען איין פאָלק.

דאָס דאָזיקע איז דאָך אונזער ליד, פון דעסט וועגן קען מען עס נאָך אויף העברעאיש נישט זינגען... צום סוף איז געווען, אַז דער טרויער איז אַריבער און מען האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַן עכטן יידישן אופן זיך פרייען מיט דעם פורים און ס'איז דערגאַנגען צו אַ ריקוד אויך. פריער האָט מען גע־טאַנצט אַרום ביאַליקן און דערנאָך האָט מען אים אויך אַריינגעשלעפּט אין קאָן אַריין. זיין ליד „אַ פריילעכס" איז שוין דעמאָלט געווען אָנגעשריבן און אַ סך האָבן עס געקענט און עס האָט זיך אומגעהויער געפּאַסט צו יענעם טאַנץ, אָבער קיינער האָט עס נישט דערמאָנט. ער אַליין האָט געמעגט קומען מיט אַ זשאַרגאָניש ליד, אָבער חוץ אים האָט קיינער נישט געטאָרט דער־מאָנען „זשאַרגאָן". און דאָך, ווען יאַנקל דערמאָנט זיך אין יענעם ריקוד, דאַכט זיך אים, אַז מען האָט דאָרט געזונגען:

נישט גענאַשט פון עולם הזה,
עולם הבא אויך נאָך גאַנץ —
וואָס זשע פעלט אייך? — האַנט אויף אַקסל
און לאָז פלאַקערן אַ טאַנץ.

זאָלן שווינדלען פאַר די אויגן
פיס און פיאַטעס, הויך און שטאַרק,
פונקען זאָל פון שטיינער שפּריצן,
אָנצינדן זאָל זיך דער מאַרך.

וואו אַ טראָפּן גאַל פאַרבאָרגן,
וואו אַ וויי און וואו אַ וואונד,
אויסגעטאַנצט מוז דאָס היינט ווערן
ביז צום סוף און ביז צום גרונד.

ביאַליקס אויגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ברענענדיקע און שמייכלענ־דיקע טרערן האָבן געטאַנצט אין איינעם מיט די פיס און עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז זיי טאַנצן טאַקע אויס וואו אַ וויי און וואו אַ וואונד...

אַ לאַנגע צייט נאָך יענעם פורים האָט אונזער העלד געפילט אַ וואַרעמ־קייט פון יענער סעודה און פון יענעם טאַנצן. ער האָט אַמאָל געפילט עפּעס ענלעכס, ווען ער האָט געטאַנצט אין שטעטל האַנטשעשט פאַרן בוהושער רבין, אָבער יענע פרייד איז נישט געווען אַזוי שטאַרק ווי די איצטיקע, ווייל ביים רבין איז מען געוואוינט געווען צו טאַנצן. דאָרט איז מען געווען אין סאַמע מיטן לעבן און מען האָט געטאַנצט, בעת דאָ איז מען עפּעס געווען ווי ביי אַן אָפּגרונד... עס האָט זיך אַ סך פון די יונגעלייט אויסגעוויזן, אַז זיי גע־

פינען זיך ביים ברעג פון א גרויסן אָפּרים און זיי זיינען אין סכנה, סיי אַלס מענטשן און סיי אַלס יידן און אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז אין סכנה, ווייל עס זוכט אַ וועג און מ׳קען נישט וויסן, צי עס וועט טרעפן דעם דרך המלך, אָדער עס וועט חלילה טרעפן אין תהום אריין...

און אין אַ שטיקל צייט אַרום איז נאָך יענער שמחה געקומען אַן אַנ־דער שמחה, וואָס איז נישט געווען אַזוי דערהויבן ווי יענע, אָבער זי איז אויך געבליבן אויף לאַנג אין געמיט און אין זיכרון. די עקסטערנעס האָבן זיך אָנגעהויבן צעפאָרן אויף פסח אַהיים און אַ סך האָבן געהאַט „קאָנדיציעס״ (פּלעצער וואו צו זיין לערערס) אויף זומער. אייניקע זיינען געווען גרייט אַרומצופאָרן זוכן גימנאַזיעס וואו זיך צו עקזאַמענירן. האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן אַ „פּירושקאַ״ (סעודה) און זיך געזעגנען. מען האָט דאָך פאָרט עפּעס אין איינעם געליטן און געחלומט. צונויפגענומען האָט מען זיך אין אַ גרויס הויז, וואו דער „דוואָרניק״ איז געווען גוט אונטערגעקויפט און מען האָט גע־געסן הערינג און טאַראַנקעס און געטרונקען בראָנפן און געזונגען צום מערס־טן רוסישע לידער. איבערהויפּט האָט מען געזונגען דאָס פאַרצווייפלט־פריילעך שיכור ליד „דני נאַשעי זשיזני״ (די טעג פון אונזער לעבן), וואָס אַלע האָבן דעמלט געהערט אין רוסישער טעאַטער אין אַנדרייעווס פּיעסע מיט דעם זעלביקן נאָמען. די פּיעסע איז געגאַנגען כמעט אַ גאַנצן ווינטער און פון דעסט וועגן האָט מען געדאַרפט שטיין צוויי טעג דורכאַנאַנד אין דער ריי, ביז וואַנען מען האָט געקראָגן אַ בילעט. פון בראָנפן זיינען אייניקע געוואָרן מער ווי פריילעך און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געקושעריי און געזונגעריי און אַ געזעגנען זיך מיט געוויין. אייניקע עקסטערנעס האָבן גערעדט פונקט דער שיכורער און פילאָזאָפישער סטודענט פון יענער פּיעסע, דער ציניקער און הומאַניטאַריסט אָנופרי. יאַנקל האָט דעמלט דערפילט, אַז די מערסטע פון די עקסטערנעס זיינען נישט ציוניסטיש, נאָר סאָציאַליסטיש. די פּאָר ציוניס־טישע רעדעס האָבן זיך ווייניקער געפּאַסט צו יענער שטימונג ווי די סאָציאַ־ליסטישע. מען האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער און ווערטלעך. די ציו־ניסטן האָבן געזאָגט: „לאָמיר פריער האָבן אַן אייגענע היים און דערנאָך וועלן מיר ריידן פון סאָציאַליזם״. קעגן דעם סאָציאַליזם האָבן די ציוניסטן אויך נישט גערעדט. און וואָס מער שיכור מען איז געוואָרן, אַלץ מער האָט מען געמישט דאָס זינגען מיטן ריידן. די שטוב איז פול געווען מיט רויך און מיט פּאַרע. די דאָזיקע, וואָס האָבן געטראָגן ברילן — און זיי זיינען געווען אין דער גרויסער מערהייט — האָבן געהאַט אַן אַרבעט זיי אויסצוטאָן און צו האַלטן אין איין ווישן די גלעזער. מען האָט געזונגען דאָס לאַטיינישע סטו־דענטן־ליד „גאַודעאַמוס״ און עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין גע־קענט אַזוי גוט לאַטייניש, אַז זיי האָבן געפּרואווט אַליין מאַכן אייגענע סטראָ־פן. עס איז יעדן געווען אי טרויעריק, אי פריילעך. איינער אַ לאַנגער און

דאַרער בחור מיט בלויע אויגן און טונקלע רייפן ארום זיי האָט זיך אַ פּאָר מאָל ארויפגעכאַפּט אויף דעם טיש און ער האָט נישט אויפגעהערט שרייען, אַז דאָס לעבן איז שיין, אָבער מען פאַרפּאַסקודיעט עס און מיר דאַרפן אַלע אויסטרינקען דערפאַר, אַז מען זאָל נישט לאָזן פאַרפּאַסקודיען דאָס לעבן... מען האָט אים אָי אַפּלאָדירט, אָי אַראָפּגעשלעפּט פון טיש און יאַנקל האָט באַמערקט, אַז ער גייט פּונקט אַזעלכע אויסגעריבענע הויזן ווי ער און אַז וויפל מאָל ער שרייט, אַזוי פיל מאָל באַווייזן זיך אים טרערן אין די אויגן. וויפל מאָל עמיצער האָט געכאַפּט נאָך אַ גלעזל, האָט ער געטרונקען, אַז קאַ־סאָ זאָל האָבן המנס מפּלה, דערפאַר, ווייל ער האָט ארויסגעגיבן אַזאַ ביטערע גזירה קעגן אַזעלכע אומשולדיקע מענטשן, ווי די עקסטערנעס. און ווידער האָט מען געזונגען, אַז די טעג פון אונזער לעבן זיינען אַזוי שנעל ווי די כוואַליעס און וואָס אַ טאָג ווערט אַלץ קורצער דער וועג צום קבר און מען האָט געלאַכט און געוויינט אין איינעם...

עס איז שוין געווען פאַרטאָג, ווען עמיצער האָט אַ זאָג געטאָן, אַז עקס־טערנעס זיינען שוין ווי סטודענטן און דערפאַר דאַרף מען די „פּירושקאַ" פאַרענדיקן ביי „יאַסקען". עס איז געוואָרן אַ געשריי און אַ פּייפעריי פון איין זייט און אַ שטורמישער אַפּלויז פון דער אַנדערער זייט. און עס האָבן זיך אָנגעהויבן דיסקוסיעס, צי מען זאָל יאָ גיין, צי נישט. די קעגנער זיינען געווען די מינדערהייט און זיי האָבן געפילט באַלד, אַז זיי וועלן פאַרלירן. איז האָבן זיי געפּרואווט זיך ארויסדרייען און זיי האָבן געזאָגט, אַז ווער עס וויל, קען גיין און ווער עס וויל, קען נישט גיין. האָבן אָבער די אָנהענגער געשריגן, אַז אויב גיין, דאַרף מען אַלע אין איינעם און אויב נישט, זאָל קיינער נישט גיין. און אויב מען וועט גיין, וועט יעדער, וואָס וועט זיך פּרואוון ארויס־דרייען, דערקלערט ווערן ווי אַ פאַררעטער. יאַנקל האָט געוואוסט, וואָס עס מיינט „ביי יאַסקען". זייט ער איז געווען אין אָדעס, האָט ער דעם דאָזיקן נאָמען געהערט דערמאָנען מיט אַ פינטל מיטן אויג און מיט אַ באַזונדער מין פרייד. ער האָט געוואוסט, אַז ביי יאַסקען זיינען פאַראַן „פרייליכע מיידלעך" און אַז ס'איז דאָרט אויסגעלאַסן און אַז אַ סך זיינען שוין דאָרט קראַנק גע־וואָרן אויך... עס איז אים קאַלט און הייס געוואָרן נאָר פון דעם געדאַנק אַליין. קיין וואָרט האָט ער נישט געהאַט אין יענער נאַכט, ער איז געווען דער שטילס־טער. און האָט מיט האַרץ־קלאַפּעניש געוואַרט, וואָס עס וועט ווערן דערפון. די דיסקוסיע האָט געדויערט לאַנג און עס איז ענדלעך געבליבן, אַז אַלע דאַרפן גיין, קיינער טאָר זיך נישט אויסדרייען און ווער עס וועט זיך וועלן אויסדרייען, וועט דערקלערט ווערן ווי אַ פאַררעטער און קיינער וועט אים נישט גיבן די האַנט...

און מען איז געפאָרן אַ לאַנגן וועג מיט דעם טראַמוויי און דערנאָך האָט מען ערשט געדאַרפט גיין אַ היפּש שטיק וועג צופוס. עס איז שוין געווען

אָנהייב פרילינג און דער שניי האָט שוין אָנגעהויבן צעגיין און געגאַנגען איז מען כמעט אין פעלד און מען האָט שוין געזען אין די שווערצע פלעקן פון שניי שטיקלעך גרינס. אויך אויף די ביימער האָט מען שוין געזען אַביסל צוויט. ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט אַזאַ פעלד, וואָס אין אָדעם האָט מען עס קיינמאָל נישט געפילט. זיי זיינען געווען אַ גרויסע מחנה אַז זיי האָבן אויפגעוועקט די פייגעלעך, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן מיט אַן איבערגעשראָקן שמשעבעטשען. און אויך אין דעם גרויסן האָל, וואו זיי זיינען אריינגעקומען, האָבן זיי אָנגעמאַכט אַ רויש און אַ טומל און מיידלעך האָבן גענומען לויפן, אָבער נישט פאַר זיי, נאָר צו זיי.

עס איז דאָרט געווען אַזויפיל רויש און צוליב זייער אריינקומען איז דער רויש אויף אַזוי פיל פאַרגרעסערט געוואָרן, אַז יאַנקל האָט זיך לכתחילה גאָרנישט געקענט גיבן רעכנונג וואָס ער זעט און ער הערט. עס האָבן, דאַכט זיך, געשפילט קלעזמער און עס האָט, דאַכט זיך, געשפילט אַ גראַמאָפאָן און מען האָט, דאַכט זיך, אויך געזונגען. עס האָבן געזונגען מענער און עס האָבן געזונגען פרויען. און מען האָט געהערט געלעכטערס און קוויטשערייען סיי פון מענער און סיי פון פרויען. מען האָט געהערט ריידן רוסיש און מען האָט אויך געהערט ריידן יידיש — דאָס פּראָסטע אָדעסער יידיש מיט אָן אַ שיעור רוסישע ווערטער און מיט די שאַרפע „רישן".

ווען יאַנקל האָט זיך אַביסל צוגעוואוינט צום ווילדן זשום פון אַרום, האָט אים ערשט געגיבן אַ טיאָכקע אין האַרצן אריין, ווען ער האָט זיך דערמאָנט וואו ער איז. ער איז דאָך אין אַזאַ „רויטן פאָנאַר", וואָס זיין טאַטע פלעג דערמאָנען מיט אַ שפיי. אין קיליע האָט אַזאַ הויז געהאַט „לייזער זעקס", דער זון פון משה דראַגוליער, האָבן אים אַלע אריינגעלייגט אין חרם אריין און נישט געוואָלט ריידן מיט אים און אַפילו מיט זיין טאַטן האָבן זיי דערפאַר נישט געוואָלט ריידן. לייזער זעקס אַליין האָט זיך דערפון נישט געמאַכט קיין צימעס און ער האָט נישט אויפגעהערט לאַכן און ער איז געוואָרן גרעבער ווי לענגער. ער איז געווען אַזוי פול, אַזוי ווי אַ טראָגנדיקע יידענע. יאַנקל פלעג אים זען נאַקעטערהייט אין באָד. ער פלעג זאָגן, אַז דאָס פעטקייט קומט אים פון על חטא. ער האָט געלאַכט פון די אַלע יידן, וואָס האָבן נישט געוואָלט ריידן מיט אים און ער האָט געזאָגט, אַז זייערע קינדער ריידן מיט אים שוין פאַר די טאַטעס. אָבער דער טאַטע זיינער האָט זיך דערפון זייער שטאַרק געערגערט און ער איז וואָס אַמאָל געוואָרן מער איינגעדאַרט און ער האָט מער געהוסט. לייזער זעקסן האָט מען נישט געוואָלט אויפרופן צו דער תורה אַפילו, ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט נאָך זיין מאַמען און אַפילו דעם אַלטן טאַטן זיינעם האָט מען אויך נישט געוואָלט אויפרופן צו דער תורה... און אָט איז ער יאַנקל אין אַזאַ אַ הויז, אויך פון אַ יידן, וואָס הייסט נישט לייזער, נאָר יאָסקע און וועלכן מען וויל מיסתמא אויך נישט

אויפרופן צו דער תורה, אויב מען ווייסט ווער ער איז, ווייל אַז מען רופט אויף, דאַרף מען עפּעס מנדר זיין און עס שטייט אין דער תורה, אַז אַן „אתנן זונה” (אַ גאָב פון אַ זונה) טאָר מען נישט אָננעמען. אונזער העלד האָט דערפילט ווי עס גייען אים אַרום מוראשקעס איבערן לייב.

די מערסטע פון זיינע קאָלעגן האָבן זיך דאָרט געפילט היימיש און עס איז נישט שווער געווען צו דערקענען, אַז זיי זיינען אַהין געקומען נישט צום ערשטן מאָל. אייניקע פון זיי האָבן מיטגעזונגען דעם סענטימענטאַלן וואַלס „דאָס צעבראָכענע לעבן”, וואָס אַ גראַמאָפאָן האָט געשפילט. אַנדערע האָבן גענומען די מיידלעך **צום טאַנצן. דאָקטאָראָוויטש** האָט זיך געמאַכט האַריין און ער האָט זיך געוואָלט ווייזן, אַז ער איז אַ גרויסער, אָבער ער האָט אויסגעזען פונקט אַזוי ניונקעוואַטע ווי יאַנקל און דערצו איז ער נאָך געווען אַביסל אונטערן גלעזל און דאָס דאָזיקע האָט אים געמאַכט נאָך קלענער ווי ער איז געווען. די מיידלעך האָבן זיך געטשעפּעט צו אַלע עקסטערנעס, וואָס זיינען אַריינגעקומען און זיי גערופן צו זיך אין צימערן אַריין, אָבער מער ווי צו אַלע האָבן זיי זיך געטשעפּעט צו די צוויי, וואָס האָבן אויסגעזען קינדישער פון אַלע. וויפל מאָל אַ מיידל האָט איינעם פון זיי געשלעפּט, איז ער מוראַדיק רויט געוואָרן און ער האָט זיך אָוועקגעדרייט. די מיידלעך זיינען געווען פאַרשיידענע. אייניקע זיינען געווען גאָר צעלאָזן און זיי האָבן געטראָגן צעשפּרייטע האָר און די קערפּערס האַלב נאַקעט. די ברוסטן האָבן זיך ביי זיי כמעט אין גאַנצן אַרויסגעזען. יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַ פרוי אַזוי נאַקעט. זיי האָבן נישט אויפגעהערט צו ווינקען אויף רעכטס און אויף לינקס מיט די אויגן און זיי האָבן זיך אונטערגעזונגען און אונטערגעטאַנצט און פון צייט צו צייט גערעדט גראָבע רייד. אַנדערע האָבן זיך געהאַלטן גאָר באַשיידן. זיי האָבן געטראָגן פאַרפלאָכטענע צעפּ און טונקלע קליידער, וועלכע זיינען געווען גוט פאַרגאַרטלט און פאַרשפּיליעט. זיי האָבן געקוקט שטיל און טרויעריק. אייניקע פון זיי האָבן געטראָגן ברילן און זיי האָבן אויסגעזען פונקט אַזוי ווי אַ סך פון די עקסטערן־מיידלעך, וואָס מען האָט געזען אין „יבנה”. זיי האָבן אַפילו געפּרואווט אַ רייד טאָן וועגן ליטעראַטור... זיי האָבן נישט גלייך גערופן אין צימער אַריין, נאָר זיי האָבן איינגעלאַדן זיך צוזעצן און זיי האָבן גערעדט נישט אויף „דו”, נאָר אויף „איר” און ווען זיי האָבן שוין גערופן אין צימער אַריין, האָבן זיי ער אויך געמאַכט איידל און שיעור נישט מיט אַ קרעכץ און מיט אַ פרומען גלאָצן מיט די אויגן. זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז „אַ געזעץ פון דער נאַטור” און אַנדערש קען מען נישט...

– און אַלע מאָל זיינען אָנגעקומען נייע געסט. אייניקע זיינען אָנגעקומען מיט אַ געשריי און מיט אַ גערודער און מיט אַ געזאַנגעריי און די מיידלעך זיינען זיי אַנטקעגן געלאָפן און זיך געקושט מיט זיי און איינע האָט געזאָגט

צו דער אַנדערער, אַז דער מאַן אירער איז געקומען און ביז וואָס ווען, זיינען פאַרגעקומען אַזעלכע נאַקעטע סצענעס, אַז יאַנקל איז רויט געוואָרן פאַר בושה און עס האָט אים געפיבערט. ער האָט געפילט ווי דאָס לייב בריט אים און שטעכט אים. און די מוזיק און דער גראַמאָפאָן האָבן נישט אויפגעהערט שפילן לויט דער ריי. זיי האָבן געשפילט טרויעריקע וואַלסן, וואָס האָבן געריסן ביים האַרצן און האָבן ווי דערציילט, אַז דאָס לעבן איז עפעס אַזאַ מין זאַך, וואָס טאַנצט אַוועק, אַוועק און זיי האָבן געשפילט פּאָלקעס און מאַזורקעס, וואָס האָבן אָנגעווייעט מיט לייכטער פרייד. די לעצטע טענץ האָט מען אויסגעשפרונגען מיט פּליעסק פון די הענט און מיט הייזעריקע קוויטשערייען. עס איז שוין באַלד נישט געבליבן קיינער חוץ יאַנקלען און דאָקטאָראָוויטשן, וואָס האָט נישט געטאַנצט. ערגעץ אין אַ ווינקל גאָר איז געזעסן אַן אַלטיטשקער מיט גרויע וואָנציעס און מיט רויטע אויגן און אַ רויטע מויד מיט גראָבע ליפן האָט אים געהאַלטן אין איין שלעפן און שרייען אויף אַ קול: „קום, אַלטער, קום! איך האָב שוין געזען עלטערע פון דיר.״ אין מיטן טאַנצן זיינען אַ סך פּאָרלעך פאַרשוואונדן. אייניקע זיינען אַוועק אין די זייטיקע צימערן אַריין, אַנדערע האָבן זיך געלאָזט אַרויף איבער די טרעפּ. דער האָל איז געווען אַ גאָר הויכער און מען האָט פון אונטן אָנגעזען די אויבערשטע צימערן, וואוהין פּאָרלעך האָבן זיך אַריינגעשלייכט. אייניקע זיינען צוריקגעקומען פונקט אַזוי געאָרעמט, ווי זיי זיינען אַוועק און זיי האָבן זיך געהייסן אָפּגיבן מזל טוב; אַנדערע זיינען צוריקגעקומען באַזונדער. עס האָבן זיך געהערט שיכורע געזאַנגען מיט ווילדע קוויטשן און ס'האָט גענומען שמעקן נישט נאָר מיט ווײַן, נאָר אויך מיט אויסמייקעכץ. עס האָט יאַנקלען אָנגעהויבן עקלען פון דעם זיין דאָרט. ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט געדאַרפט זיך אַרומוואַשן און אַרומרייניקן און זיין עטלעכע טעג מחוץ למחנה נאָר פאַר דעם זיין דאָ... ער האָט זיך דערמאָנט, ווי דער קלוגער חבר פון זיין טאַטן, דער קיליער איציק זיידמאַן, האָט אַמאָל ביי אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל נישט ווערן קיין קרקפתא דלא מנח תפילין, ער זאָל נישט עסן קיין טריפות און אַ דריטע זאַך האָט ער ביי אים נישט געוואָלט זאָגן, ווייל ער איז נאָך צו יונג. ער האָט זיכער געמיינט, אַז ער זאָל נישט קומען אין אַזאַ הויז...

און כאָטש דער געדאַנק איז געווען אַזוי קלאָר, אַז ער דאַרף אַנטלויפן פון דאָרטן, האָט עס אים דאָך געהאַלטן ווי צוגעקאָוועט. ער האָט אַ פּאָר מאָל געזאָגט דאָקטאָראָוויטשן, אַז מען דאַרף אַוועקגיין פון דאַנען און דאָקטאָראָוויטש האָט אים אַ פּאָר מאָל געזאָגט דאָס זעלביקע און דאָך זיינען זיי נישט אַוועקגעגאַנגען, ווייל זיי האָבן נישט געקענט און וויפל מאָל זיי האָבן געזען אַ בחור אַוועקגיין מיט אַ מיידל, האָט יעדן פון זיי געגעבן אַ קלאַפּ אין האַרצן און אַ ציי... דאָקטאָראָוויטש האָט געזאָגט צו יאַנקלען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געגלויבט אין קיין כישוף און איצטער פילט ער, אַז עס איז פאַרט

פאַראַן אַזאַ זאַך ווי כישוף און אַז נישט אומזיסט שטייט אין דער תורה, אַז אַ כישוף־מאַכער דאַרף מען טויטן... און דערווייל האָבן זיי געזען ווי אויך אייניקע פון די עקסטערנעס זיינען שוין אויך אַוועק מיט מיידלעך אין די זייטיקע און אין די אויבערשטע צימערן! דאָס דאָזיקע האָט זיי ביידע נאָך מער צערייצט און דאָקטאָראָוויטש האָט זיך מודה געווען פאַר זיין יינגערן חבר, אַז ער ווייסט נישט, צי ער וועט דאָס אַריבערטראָגן. יאַנקל האָט זיך אים צוריק מודה געווען, אַז מיט אים איז אויך דאָס אייגענע... אַן עלטערער עקסטערן איז צוגעקומען צו זיי און ער האָט געזאָגט, אַז ער זעט שוין, אַז ער האָט צו טאָן מיט „נאָוואָבראַנצעס" און ער וועט מוזן נעמען אונטערפירעכץ ביי זיי. עס האָט געשמעקט מיט וויין און בראָנפן פון אים און מיט אַ מיאוסן ריח. ער האָט געלאַכט מיט צעשטשירעטע ציין און ער האָט גערעדט מוראדיק ציניש צו זיי. ער האָט זיי געהייסן איבערציילן וויפל געלט זיי האָבן און ער האָט געזאָגט, אַז אויב עפּעס וועט פעלן, וועט ער שוין געפינען אַ מיטל ווי צו דערלייגן דאָס, וואָס זיי פעלט. ער האָט נישט לאַנג געברייעט און ער האָט טאַקע באַלד ביידן איבערגעקערט די קעשענעס און אויסגעליידיקט און ער האָט געמאַכט אַ חשבון, אַז ביכדי זיי זאָלן אויך קענען געבן „נאַ טשאַי" (אויף טרינקגעלט) פעלט זיי צוויי גילדן און דאָס דאָזיקע קען מען קריגן און מען וועט עס קריגן, ווייל עס איז דאָך אַ גרויסע מיצווה... און ער איז אַוועק אַ וואַקלענדיקער און אַ לאַכנדיקער. ער האָט אַלע מאָל זיך געגיבן אַ שאָקל און אַ לאַך. און עס האָט נישט געדויערט קיין סך איז ער צוריקגעקומען מיט צוויי „פּערציקער", ביכדי זיי זאָלן האָבן אי „נאַ טשאַי", אי אויף דער „קאָנקע" (פערד־טראַמוויי). ער האָט ביידן געגיבן דאָס געלט און געוואָרנט מיט אַ פינגער און געזאָגט: „אָבער נישט אָפּנאַרן! מקיים זיין די מיצווה פּרו ורבו, כאַ־כאַ־כאַ..." ער האָט זיך פריער געלאָזט אַוועקגיין, אָבער ער האָט זיך באַלד מישב געווען און זיך אומגעקערט און ער האָט געזאָגט, אַז ער געדענקט נאָך אַ גמרא אויך און ער ווייסט, אַז „אין המיצווה נקראת אלא על מי שגומרה" (אַ מיצווה ווערט נישט אָנגערופן נאָר אויף דעם נאָמען פון דעם, וואָס ענדיקט זי) און ער וויל טאַקע אַליין נעמען אונטערפירעכץ... און ער האָט גענומען זוכן אַרום און אַרום. אַז מען דאַרף האָבן בלאָנדינקעס, האָט ער געזאָגט, איז זיכער. זיי זיינען דאָך ביידע ברונעטן און לויט דער טעאָריע פון קאָנטראַסטן קומט זיי בלאָנדינקעס. און כאָטש די מערסטע בלאָנדינקעס האָבן זיך געהאַלטן צעלאָזן און כמעט נאָר די ברונעטקעס האָבן זיך געהאַלטן שטיל און באַשיידן, האָט ער דאָך אויסגעזוכט צוויי רויטלעכע מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן ברילן און זיינען געווען פאַרגאַרטלט און פאַרשפּיליעט אַזוי ווי די עקסטערן־מיידלעך און ער האָט צו זיי געזאָגט: „אָבער פירט אייך אויף גוט, איר האָט דאָ אָרנטלעכע קינדער און אפשר טאַקע אַזעלכע, וואָס גייען צום ערשטן מאָל. אַז איר וועט זיין גוט און פיין, וועט אייך גאָט באַצאָלן און

זיי וועלן נאָך קומען אַ סך מאָל..." די מיידלעך האָבן זיך צעלאַכט מיט אַזעל־כע הפקרדיקע מינעס, וואָס זיי האָבן זיך גאָרנישט געפּאַסט צו זייער אוי־סערלעכקייט און זיי האָבן אַ שלעפּ געטאָן זייערע קרבנות, אַזוי ווי אַ רוח אַ מלמד...

יאַנקלען איז אויסגעקומען צו גיין אַרויף די שטיגן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דער וועג ציט זיך אייביק און ער איז מוראדיק שווער. דאָס מיידל האָט זיך אַרויפגעלייגט אויף אים מיט איר גאַנצער משא און זי האָט אים נאָך געזאָגט, אַז ווען עס איז נישט צום ערשטן מאָל, וואָלט זי זיך שוין נישט געלאָזט און ער וואָלט זי געמוזט אַרויפטראָגן. און אַלע מאָל איז זיי אַנטקעגן געקומען אַן אַנדער פּאָרל, אָדער אַ ייִנגל באַזונדער, אָדער אַ מיידל באַזונדער. און אַלע האָבן זיי געלאַכט אין די פּנימער אַריין. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז זיי מאַכן חוזק פון אים און ער האָט זיך שרעקלעך געשעמט. ער איז פּשוט פאַרברענט געוואָרן פאַר בושה. ער האָט זיך געפּרואווט אַליין אַביסל באַהערשן און זיך זאָגן, אַז אַלע טוען דאָך דאָ דאָס זעלביקע, דאָך האָט אים דאָס פּנים פּשוט געשרפהט, גלייך מען וואָלט עס געהאַלטן אויף דעם פייער... און די טרעפּ האָבן זיך נישט געענדיקט!

דער גהינום האָט זיך פאַר אים ערשט אָנגעהויבן אין דעם קליינעם צי־מער, וואוהין זי האָט אים אַריינגעפירט. זי האָט אָנגעצונדן אַ קליין לעמפּל, וואָס האָט נישט געהאַט מער שיין ווי אַ קאַנעצל און ער האָט געזען אַן איי־זערן בעטל, אַ בענקל מיט אַ שיסל און גרויסע שאָטנס אויף די ווענט. עס האָט געשמעקט מיט זייף און מיט נאָך עפּעס אַ שאַרפן ריח. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דאָס דאָזיקע צימער האָט זיך געעפנט נאָר צום אַריינגיין, צום אַרויסגיין וועט זיך עס שוין נישט עפענען. דאָרטן וועט ער שוין פאַר־בלייבן. דאָס מיידל האָט זיך ביים אָנהייב געהאַלטן זייער צערטלעך צו אים און אים גערופן „גאָלובטשיק" (טייבעלע) און זי האָט געזאָגט, אַז אויף אַזאַ גליק האָט זי זיך נישט גערעכנט, זי האָט שוין לאַנג נישט געהאַט קיין „נאָ־וואָבראַניעץ" און דאָס האַרץ גייט איר שוין אַליין אויך אויס. דערנאָך האָט זי זיך געהייסן באַצאָלן און ווען ער האָט שוין באַצאָלט, האָט זי געביטן דעם טאָן און זי האָט אים שוין גענומען איילן און אַרויסיאָגן די נשמה. זי האָט שוין גערעדט צו אים יידיש און זי האָט אים שוין גערופן „יאָלד" און זי האָט אַליין גענומען שלעפּן די קליידער פון אים. און זי האָט דערזען, אַז ער טראָגט אַ טלית קטן... ער אַליין האָט אויך נישט געדענקט, אַז ער טראָגט אים. ער איז מיט אים אָוועקגעפאָרן פון קיליע און וויפל מאָל ער האָט אים געוואָלט אַוועקלייגן און מער נישט אָנטאָן, האָט אים דאָס האַרץ נישט דערלאָזט. אים איז קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז ער וועט זיך באַווייזן מיט אים אין אַזאַ פּלאַץ און ער וועט זיין אַזוי אויף חוזק... זי האָט זיך גענומען קאַטשען פאַר געלעכטער און זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט שוין לאַנג אַזאַ „קאָמיטשעסקע"

זאַך נישט געזען... אָבער פּלוצים האָט זי זיך ווי דערשראָקן און זי האָט גע־נומען קושן די ציצית און זי האָט געזאָגט, אַז זי מאַכט נישט קיין חוזק פון קיין יידישקייט און זי האַלט, אַז וואָס צו גאָט איז צו גאָט און וואָס צו לייט איז צו לייט... זי אַליין איז, האָט זי געזאָגט, אַ פרומען יידנס אַ טאָכטער און ווען איר טאַטע וואָלט נישט געווען אַזוי שלעכט צו איר און איר חתן וואָלט איר נישט געווען אַפּגענאַרט, וואָלט זי נאָך איצטער אויך געווען אַ כשרע יידישע טאָכטער. יאַנקל האָט באַמערקט, אַז אין צימער זעט זי נישט אויס אַזוי איידל, ווי זי האָט אונטן אויסגעזען און אַז זי האָט אומגעהויער גראָבע ליפּן. זי האָט זיך געביטן אויס שרעק פאַר דעם, וואָס זי האָט חוזק געמאַכט פון די ציצית און זי איז צוריק געוואָרן צערטלעך צו אים און זי האָט אים גענומען גלעטן און זי האָט געפּרואווט זיך אונטערזינגען און אירע ליפּן האָבן אויסגעזען נאָך גראָבער און זי האָט זיי מוראַדיק צעשפּרייט, ווען זי האָט געצויגן די קלאַנגען. אים האָבן זיך אַריינגעשניטן אין זיכרון אַריין די ווער־טער. וואָס זי האָט געזונגען. אַז ער געדענקט זיי נאָך ביז היינט. זי האָט גזעונגען:

אַזוי ווי דער שענקער צאַפּט אָפּ דעם וואַאַן (וויין)
און דאָס אונטערשטע גיסט ער אַרוס (אַרויס)
אַזוי צאַפּסטו דו מערדער דאָס בלוט פון מיין האַרצן
און דו גיסט עס אין דרוסן (דרויסן) אַרוס...

זי האָט געזונגען זייער פּראָסט און זייער צעצויגן און אין די אויגן האָבן זיך ביי איר אונטער די ברילן באַוויזן טרערן. זי האָט אויסגעטאָן די ברילן און זיך גענומען צו אים לאַשטשען און אים האָט אַ געצויגן צו איר, אַ אַפּגעשטויסן. אים האָט זיך געגלוסט זיך אויסרייסן פון אירע אָרעמס, וואָס זיינען געווען אַ הייס, אַ קאַלט און אַנטלויפן נאָך מיט אַ שמע ישראל און ער איז דאָך נישט געלאָפן און ער איז געבליבן אַ מאַכטלאָזער לעבן איר און זי האָט אים נישט אויפגעהערט גלעטן און זי האָט אים געקושט מיט די גראָבע ליפּן און זי האָט אים נישט אויפגעהערט זאָגן, אַז ער זאָל נישט מורא האָבן און אַז זי וועט שטענדיק זיין גוט צו אים...

. . . .

...אויף דעם צווייטן טאָג זיינען ביידע אויפגעשטאַנען אומגעהויער שפּעט. נאָך איידער זיי האָבן געפּרעגט וויפל דער זייגער האַלט, האָבן זיי געפילט, אַז עס דאַרף שוין זיין נאָך האַלבן טאָג. דאָקטאָראָוויטש האָט באַלד געזאָגט, אַז זייט ער איז אין אָדעס איז ער נאָך קיינמאָל נישט אויפגעשטאַ־

נען אַזוי שפעט און אַז ער פילט זיך זייער שלעכט. עס גייט אים אַרויף עפעס סיי פון דרויסן, סיי פון אינעווייניק. עס גייט אים אַרויף דער בראַנפן, וואָס ער האָט געטרונקען און נאָך מער גייט אים אַרויף פון דער זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען. ביים אָנהייב האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ חלום און ער וואָלט זייער געוואָלט ס'זאָל זיין אַזוי, כאָטש ער האָט שוין גענוג געליטן אין זיין לעבן פון שמוציקע חלומות אויך, אָבער ליידער איז עס נישט קיין שמוציקער חלום, נאָר אַ שמוציקע ווירקלעכקייט... „איך פיל, האָט ער גע־קרעכצט, ווי עס קריכן מיר אַרום מוראַשקעס נישט נאָר איבער דעם לייב, נאָר אויך איבער דער נשמה..." יאַנקל האָט אים געפרעגט, צי דאָס איז גע־ווען ביי אים צום ערשטן מאָל און ער האָט זיך געשוואוירן, אַז יאָ. חברים האָבן אים שוין אַ סך מאָל געוואָלט פאַרשלעפן אַהין, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט און דאָס מאָל ווייסט ער נישט ווי אַזוי עס איז געשען... דאָס האָט דער בראַנפן אים אַזוי פאַרפירט. און ער האָט גערעדט און גערעדט... ער האָט געזאָגט, אַז אים דאַכט זיך, אַז מיט דעם ריידן מאַכט ער זיך גרינגער אויף דעם האַרצן און ער ווערט ריינער אַביסל אויך... ער וואָלט קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז ס'איז אַזוי מיאוס און אַזוי שמוציק... זיינער אַ חבר מיט וועלכן ער האָט פריער געוואוינט אין איין צימער, איז פאַראַיאָרן געגאַנגען צום ערשטן מאָל אַהין, איז ער צוריקגעקומען פאַרטאָג מיט אַ גאַנצער גדולה און ער האָט אַזש געשאַלט פאַר פרייד און ער האָט געשריגן: „עפנט טיר און טויער און שרייט הורא! טויזנט מאָל הורא! איך האָב דערקענט דאָס לעבן! איך האָב דערפילט די פרייד און דאָס זאַלץ פון לעבן! דאָס העכסטע גליק האָב איך דערפילט! נישט פאַראַן קיין גרעסער גליק אין לעבן ווי די ליבע!" און ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט אויך צוריקקומען פון דאָרט אַ באַ־פליגלטער מיט נייע חלומות און אַ גליקלעכער. צום סוף געדענקט ער אין גאַנצן נישט, וואָס נעכטן האָט מיט אים פאַסירט און איצטער פילט ער, אַז פאַסירט האָט מיט אים נישט קיין גליק, נאָר אַן אומגליק און ער פליט נישט אַרויף, נאָר ער זינקט אַראָפ... יאַנקל האָט גענוי געשפירט דאָס זעלביקע, וואָס זיין חבר און ער האָט געהאַט דאָס געפיל, אַז יענער רעדט שוין פאַר אים אַליין אויך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דורך זיין חברס מויל רעדט ער אַליין זיך אַראָפ פון האַרצן און ער רייניקט זיך דערמיט. אָבער זיין חבר האָט אַ סך גרינגער איבערגעביסן דעם גאַנצן קנופ ווי ער. דאָקטאָראָוויטש האָט גע־רעדט און געקרעכצט און געקרעכצט ביז וואַנען ער מיט אַמאָל אַראָפגע־טרייסלט פון זיך אַלץ און עס אָנגעהויבן פאַרגעסן און ער האָט זיך ווידער אַ נעם געטאָן לערנען מיט אַזאַ כוח, אַז די שטוב האָט זיך אַזש געהוידעט. יאַנקל האָט געפרוווט לייענען פאַרשיידענע ביכער און עס איז אים נישט געגאַנגען. ער האָט געבלאָנדזשעט מיט די אויגן איבער די אותיות, אָבער אין זייער תוך האָט ער נישט געקענט אַריינדרינגען. צו דער ציוניסטישער אָר־

בעט האָט ער מורא געהאַט צו גיין, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז אומ־ריין. דערביי האָט ער געוואוסט, אַז אין דעם „קרוזשאָק" וועט ער זיך טרעפן מיט אַנושקאַן און דערפאַר האָט ער זיך שוין גאָר געשראָקן. זי איז די ריינ־קייט אַליין און ער איז אַזוי אומריין... אַפילו צו דער לעקציע מיט דעם קליינעם גרינעם יינגל איז ער נישט געגאַנגען, כאָטש דער חודש האָט זיך באַלד געדאַרפט ענדיקן און ער האָט געדאַרפט קריגן די פינף רובל, אין וועל־כע ער האָט זיך אַזוי גענויטיקט. ער האָט געוואָלט גיין אין אַ באָד אַריין, אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען ער גייט אַרויף אויף דער ערשטער באַנק און פּאַרעט זיך לאַנג, לאַנג, אַזוי ווי אַמאָל אין קעשענעוו און דערנאָך גייט ער אַריין אין דער קאַלטער מיקווה, וואָלט ער כאָטש אויסערלעך זיך אַביסל באַ־פרייט פון דער אומריינקייט. די נשמה וואָלט טאַקע נאָך אַלץ געבליבן אומ־ריין, אָבער דער קערפּער וואָלט דאָך געוואָרן אַביסל ריינער. האָט ער נישט געהאַט מיט וואָס צו גיין אין באָד אַריין. ער האָט אַפילו נישט געהאַט אויף אַ טרוקענעם מאָלצייט. ער האָט דאָך פאַרזינדיקט די לעצטע עטלעכע גראָשן, וואָס ער האָט נאָך פאַרמאָגט. דער טאַטע האָט אים די לעצטע צייט געהאַלטן אין איין שרייבן, אַז ער זאָל גיין צו זיינעם אַ קרוב אין אָדעס, וואָס איז אַ זייער רייכער מאַן און ער וועט דאָרט קריגן אַן „אוראָק" פון העברעאיש. דער קרוב איז פון די „נייע" לייט און ער וויל זיין יינגל לערנען נישט אין חדר, אַזוי ווי אַ ייד, נאָר ער וויל אים לערנען העברעאיש. דער קרוב האָט געהייסן משה זשעלעזניאַק און זיין שווער האָט געהאַט די גרעסטע זייף־פאַבריק אין אָדעס. סירקים האָט דער שווער געהייסן און ער האָט געהאַט איין און איינ־ציקע טאָכטער. אַ גרינגע איז זי געווען און נישט קיין שיינע און דעם טאַטנס קרוב איז געווען אַ ברענענדיקער ברונעט מיט אויגן ווי פייערן און זייער אַ שיינער און אַ געזונטער. ער איז געווען כמעט דער איינציקער באַלעבאָס פון דער גרויסער זייף־פאַבריק. יאַנקל איז אפשר דריי מאָל געגאַנגען ביז וואַנען מען האָט אים צוגעלאָזט צו משה זשעלעזניאַק און ער האָט זיך דאָרט באַלד געפילט נישט גוט. די גרינגע קרובה האָט געקוקט אויף אים מיט אַזעלכע ברוגזע אויגן, גלייך ער וואָלט געקומען צונעמען ביי איר די ירושה פון איר טאַטן. ווען דער לעקציע האָט דער קרוב געזאָגט, אַז דערווייל קען ער אים זי נישט גיבן. ערשטנס האָט ער אַ לערער און ער קען אים נישט אָפּזאָגן מיר נישט, דיר נישט, ווייל מען האָט אים גוט רעקאָמענדירט און צווייטנס ווייסט ער נישט, צי יאַנקל קען גענוג העברעאיש. ער האָט טאַקע געענדיקט די ישיבה און מעג זיך דאָרט קענען וועגן אַ טעפּל מיט אַ לעפל, אָבער צו דעם העברעאיש פון מאַפּו, סמאָלענסקינען און גאָרדאָנען קומט עס נישט. גלייך דאָס יינגל, וואָס איז געווען אַזוי גרין ווי די מאַמע זיינע, וואָלט שוין גע־דאַרפט לערנען דאָס דערמאָנטע העברעאיש! יאַנקל האָט אַליין געזען, אַז ער לערנט ערשט קוים אַביסל „טראָף", כאָטש אין אַ מאָדערנער פאָרם. משה

זשעלעזניאַק האָט אים אַ פּאָר מאָל איינגעלאַדן צו מיטיק, אָבער ער האָט געפילט, אַז דאָס איז מער פאַר יוצא וועגן ווי פון גאַנצן האַרצן און ער האָט אויפגעהערט גיין צו אים. קיין אַנדער לעקציע האָט יאַנקל אויך נישט געקענט קריגן, כאָטש שלייען און יאָסיף פעלדמאַן האָבן ביידע נישט אויפגעהערט זוכן פאַר אים, איז אים אויסגעקומען גאָר צו אונטערהונגערן. און איצטער, ווען ער האָט פאַרזינדיקט די לעצטע קאָפּיקעס, איז אים טאַקע אויסגעקומען פשוט צו הונגערן. פאַרפאַסקודיעט האָט ער זיך אויך געפילט, פלעג ער זיך פשוט נישט אויפהויבן פון בעט. און עס האָט שוין איינמאָל געטראָפן, אַז ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן פון געלייגער, האָט זיך אים אַזוי געדרייט דער קאָפּ, אַז ער האָט זיך געמוזט צוריקלייגן.

דאָקטאָראָוויטש האָט זיך געשראָקן, ער האָט געמיינט, אַז יאַנקל איז עפּעס קראַנק און ער האָט שוין געוואָלט ברענגען אַ דאָקטער צו אים. דערווייל האָט זיך דאָס אייז אויף דעם דונאַי צעלאָזט און עס האָבן אָנגעהויבן קומען שיפן פון קיליע און די מאַמע האָט מיט דער ערשטער שיף געשיקט איר פאַרבלאָנדזשעטן זון קיכלעך און המנטאַשן און אַ פּאָר פלײדלעך אויך און ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל אָנגעגעסן צו זאַט מיט די זיסע זאַכן און ער האָט זיך דערפילט אַביסל שטאַרקער און ער האָט זיך אָנגעהויבן שטעלן אויף די פיס. פון דער היים האָט מען אים געשריבן, אַז ער זאָל למען השם קומען אויף פּסח אַהיים. מען האָט אים געשיקט אויף אַ בילעט און אין איין וועג האָט מען אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ער זאָל קומען מיט אַ פּאָר טעג פריער, בכדי ס'זאָל זיין צייט אים צו מאַכן אַ פּאָר נייע שטיוולעטן. דער געדאַנק וועגן פאָרן אַהיים און דאָרט זיין גאַנץ פּסח און העלפן פראַוועו דעם טאַטן דעם סדר, האָט אים געשראָקן און דאָך געפרייט; ער האָט דערפילט אין זיך אַ נייעם כוח, אָבער פון דער אַנדערער זייט האָט ער זיך געשראָקן פאַר דעם צוריקקומען, ער האָט מורא געהאַט, אַז דער מאַמעס אויגן, וואָס קוקן גלייך אין האַרצן אַריין, וועלן דערזען אַלץ, וואָס מיט אים האָט געטראָפן. אויפהייבן פון בעט האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקענט. עס האָט אים זיך נאָך אַלץ געדרייט דער קאָפּ, ווען ער האָט געפּרוּווט אַראָפּגיין.

אַראָפּגענומען פון בעט האָט אים אַנושקאַ. זי האָט דערהערט, אַז ער פילט זיך נישט גוט און זי איז געקומען צולויפן צו די צוויי בחורים אין דעם אָרימען צימער אַריין און זי האָט זיך געבייזערט, פאַרוואָס ער האָט באַלד נישט געשיקט נאָך איר. ער האָט דאָך דאָ קיינעם נישט און זי איז אים אַ קאָלעגין אין די אידעען און זי איז די איינציקע, וואָס קען אים זיין אַ מאַמע. אין איר קינדיש מיילעכל האָט דאָס וואָרט „מאַמע" געקלונגען באַזונדער חנוודיק און האַרציק און אים האָט זיך דערפון אַליין געגלוסט אי לאַכן, אי וויינען. זי האָט אים אָנגענומען מיט אירע הענטלעך ביי זיינע הענט, האָט אים פאַרגלייכט די געדיכטע ברעם און געקוקט אַזוי גוט אין די אויגן אַריין, אַז

עס האָט געקענט רירן אַ שטיין. אירע הענט און אירע בליקן האָבן אים נישט נאָר געגלעט, נאָר אויך געשטאָכן. ער האָט זיך ערשט איצטער דערפילט מוראדיק זינדיק און אים האָט זיך געגלוסט אויסשרייען צו איר, אַז זי זאָל זיך צו אים נישט צורירן, ווייל ער איז אומריין, אָבער די ווערטער זיינען אים געבליבן שטעקן אין האלז און אויף זייער פּלאַץ זיינען אים אַרויס טרערן אין די אויגן. און זי איז געוואָרן נאָך מער צערטלעך צו אים. זי איז געגאַנגען צו דער באַלעבאָסטע און האָט אים געבראַכט טיי מיט איינגעמאַכטס און ביידע האָבן זעלטן געשמעקט, ער האָט קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ טעם אין די ביידע זאַכן. זי האָט שוין אין איין וועג געגעבן דאָקטאָראָוויטשן אויך אַ גלאָז טיי מיט „וואַרעניע" און ער האָט איר געזאָגט מיט דעם רוסישן ווערטל „גיב, גאָט, גוטע געסט, וועלן מיר אויך הנאה האָבן". און ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זיך אים געגלוסט איר נאָכלויפן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז נישט ער האָט זי שמוציק געמאַכט, נאָר זי האָט אים ריינער געמאַכט. און עס איז אים געוואָרן אַזוי גוט ביים האַרצן, אַז ער האָט אַ שטיק צייט געוויינט אין קישן אַריין, אַז זיין קאָלעגע זאָל נישט זען. ער האָט נאָר שפּעטער געזען זיינע רויטע אויגן...

און דער פרילינג איז געוואָרן אַלץ פעסטער און זיכערער. די זון האָט שוין שפּאַצירט איבער דעם הימל נישט ווי אַ קראַנק קינד, נאָר ווי אַ געזונטע און דערוואַקסענע. עס איז געוואָרן וואַרעמער אין דרויסן און ווען יאַנקל איז נאָך אַ פּאָר טעג ליגן אַרויסגעגאַנגען, האָט ער דערפילט ווי די ערד לאָזט אַרויס אַ פּאַרע און ווי עס שמעקט שוין מיט בעז און מיט אַקאַציע. אויך די מענטשן האָבן אויסגעזען פרישער, זיי האָבן זיך וויינקער געהילט און זיי האָבן זיך געלאָזט אָפענער און פרייער. ביי די מיידלעך האָבן די גלאַנצנדיקע אויגן נאָך מער געגלאַנצט. פייגעלעך זיינען אַרומגעשפּרונגען פון צווייגל צו צווייגל און פון בוים צו בוים און זיי האָבן אַזוי זאַרגלאָז געפּלאַפּלט און געזונגען. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אין היינעס אַ ליד, אין וועלכן ער זאָגט, אַז ווען די נאַכטיגאַלן וואָלטן געוואוסט, ווי טרויעריק ער איז און קראַנק, וואָלטן זיי פאַר אים פריילעך געשאַלט אַ דערקוויקנדיק געזאַנג. ער האָט געזאָגט, אַז אפילו די שטערנדלעך וואָלטן אַראָפּגעגאַנגען פון דער הויך צו אים און זיי וואָלטן צו אים גערעדט טרייסט-ווערטער. די שטערנדלעך האָבן טאַקע אין די אָוונטן אויסגעזען ווי קליינע, גאָלדענע שיפלעך און דער הימל ווי אַן אומענדלעכער בלויער ים. עס האָט געשמעקט מיט ים אין אָדעם און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער שוואַרצער ים שיקט וואַרימע גרוסן אין שטאָט אַריין...

דאָקטאָראָוויטש האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן מיט זיין חבר וועגן אַנושקאַן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל קיין מזל נישט געהאַט. ער איז שוין אַמאָל געווען ערגער קראַנק, אָבער קיין מיידל איז צו אים קיינמאָל

נישט געקומען. ער איז אזא שעמעוודיקער, אז ער וואָלט גאָרנישט געקענט ווערן היימיש מיט א מיידל. ער האָט יאַנקלען מקנא געווען, דאָך האָט ער אים געוואָרנט, אַז ער זאָל צו שטאַרק נישט פאַרבינדן מיט איר, ווייל די פּרויען שניידן אָפּ די פליגל ביי די מענער. אַז ער וועט חתונה האָבן, וועט ער שוין נישט קענען לערנען און נישט לייענען און עס וועט זיך שוין ענ־דיקן דאָס שטרעבן און ער וועט דאַרפן זאָרגן פאַר פּרנסה פאַר דעם ווייב און באַלד פאַר קינדער... ער וועט מוזן ווערן אַ „אַביוואַטעלי" (באַלעבעסל) און ער וועט זיך מוזן עפענען אַ באַקאַליי (שפּייז) קראָם און ער וועט דאַרפן פאַרקויפן פאַר אַ קאָפּיקע הערינג און פאַר צוויי קאָפּיקעס מעליטש (מעל־צוקער)... אונטער דעם איינפלוס פון דאָקטאָראָוויטשעס רייד האָט יאַנקל דעמלט אָנגעשריבן אַ לידל, וואָס ער געדענקט ביז היינט. ער האָט געשריבן:

א ווינטעלע, א ווינטעלע
האָט פון ים געבלאָזן,
אין מיין הארצן דעם קראַנקן
א פרישן גייסט אריינגעלאָזן.
געשעפּטשעט האָט דאָס ווינטעלע:
ביים ים גייט א מיידעלע,
בלימעלעך, בלויענקע, שייניגקע
פלעכט פאַר דיר
דיין קליינינקע
און וואַרט אַז קומען זאָלסט צו איר;
אָך, דו ליבעם ווינטעלע, קער זיך אום צוריק,
זאָגט דעם שיינעם מיידעלע
זי זאָל נישט פלעכטן מיר קיין שטריק...

יאַנקל האָט דאָס לידל נישט געוויזן נישט אַנושקאַן און נישט דאָקטאָ־ראָוויטשן, אָבער ער איז דערמיט אוועקגעגאַנגען אין דער רעדאַקציע פון „גוט מאָרגן", האָט מען אים געהייסן קומען צו ב. שאַפּיר, ווייל ער איז דער רעדאַקטאָר איבער די „סטיכאָטוואָרעניעס". ער איז, האָט מען אים געזאָגט, דער ספּעציאַליסט אויף דער „זשאַרגאָנישער" פּאָעזיע, ווייל ער שרייבט אַליין לידער. יאַנקל האָט שוין געוואוסט וועגן ב. שאַפּיר, ער האָט געלייענט אין העברעאישן זשורנאַל „השלוח" זיינע דערציילונגען. געזאָגט האָט מען, אַז ער שרייבט יידיש און נישט קיין קלענערער פון ביאַליקן זעצט איבער. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען סופליאָר ביי הירשביינען אין דער טרופּע און איצטער האָט ער זיך אומגעקערט און מען האָט אים געגעבן אַביסל אַר־בעט אין דער רעדאַקציע און דאָס איבעריקע אַרבעט ער ביי פּאַפּיראָסן. ווען

ער איז פאַרנאַכט אַריינגעקומען, האָט טאַקע געשמעקט פון אים מיט טאַ־באַק. ער איז געווען אַ הויכער, אַ ברייט־פּלייצעדיקער און ער האָט געטראָגן אַ שוואַרצן קאַפּעליוש מיט גרויסע ראַנדן. יאַנקל האָט אים פריער געזען אויסגעדרייט מיט די אַקסלען. אַ קליין יידל איז געשטאַנען לעבן אים און ער האָט אים נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין דער פּלייצע אַריין און ער איז דערביי אונטערגעשפּרונגען און ער האָט אים געהאַלטן אין איין זאָגן: „אַ, אַ זייער גוטע דערציילונג „דער שטומער", ווען ביזטו געווען אַ שטומער? נאָר אַ שטומער וואָלט געקענט אַזוי דערציילן וועגן זיך, כאַ, כאַ, כאַ..." און ב. שאַפּיר האָט זיך אויסגעדרייט און געוויזן איין אויג אין גאַנצן אַ פאַר־קלעפּטס; דאָס צווייטע אויג איז געווען אַ העל בלוים און ס'האָט געקוקט גוט און מילד. ער האָט זיין גאַסט געפרעגט וואָס ער וויל און ווען יענער האָט אים געענטפערט אויף רוסיש, האָט ער געזאָגט, אַז אַ יונגערמאַן, וואָס שרייבט יידישע „סטיכאָטוואָרעניעס", מעג ריידן יידיש. אַליין האָט ער געמישט אַ סך רוסישע ווערטער אין ריידן. ער האָט זיך געהייסן ווייזן דאָס ליד און ער האָט עס טאַקע באַלד איבערגעלייענט און ער האָט געזאָגט אויפן אָרט, אַז עס קען נישט גיין.

— פאַרוואָס?

— ווייל עס האָט קיין „סמיסל" נישט.

יאַנקל האָט פאַרשעמטער זיך געזעגנט מיט דעם איין אויגיקן דיכטער און יענער האָט געקוקט אויף אים מיט גוטן און ער האָט געזאָגט:

— נישקשה, יונגערמאַן, מיר האָט מען אויך צוריקגעגעבן לידער, ווייל לידער טאָרן נישט זיין גלאַט אַזוי גראַם־שטראַם, זיי דאַרפן האָבן אַ „סמיסל".

און אונזער העלד איז אַוועק מיט אַ וואָרט, אויף וועלכן ער איז געווען מוראַדיק ברוגז. „סמיסל" איז געווען דאָס וואָרט. ער האָט שוין געהאַט גע־רעדט געלויפיק רוסיש און ער האָט שוין אַליין מיסתמא אַ סך מאָל גענוצט דאָס וואָרט „סמיסל", אָבער ווען ער האָט איצטער זיך געוואָלט איבערזעצן אין געדאַנק דאָס דאָזיקע וואָרט אויף עפּעס אַ היימישס, אויף אַזאַ, וואָס ער האָט געקענט פון קינדערוייז אָן, האָט ער עס נישט געקענט געפינען. ער האָט אין דער היים באַלד געפרעגט דאָקטאָראָוויטשן ווי אַזוי מען זאָגט „סמיסל" אויף זשאַרגאָן און יענער האָט געענטפערט, נאָך איידער ער האָט אַביסל אַ קלער געטאָן, אַז אַזאַ וואָרט איז נישטאָ אויף יידיש, ווייל אין זשאַרגאָן פעלן אַ סך ווערטער.

— ווי אַזוי זשע הייסט אויף העברעאיש?

— אויף העברעאיש? עס קען זיין טעם און עס קען זיין שכל...

זיי האָבן ביידע נישט געקענט געפינען דאָס וואָרט אויף יידיש און נישט אויף העברעאיש, כאָטש זיי האָבן ביידע געקענט די דאָזיקע ביידע שפּראַכן איידער זיי האָבן געקענט רוסיש. און יאַנקל האָט אַ לאַנגע צייט דאָך נישט

געקענט פארשטיין וואס אזוינס האט שאפיר געמיינט, אז עס פעלט זיין לידל. ער האט שוין דערנאך מיט דער הילף פון א ליטווישן בחור זיך דערוואוסט, אז „סמיכל" מיינט אויף יידיש „זין" און ער האט דאס דאזיקע ווארט געקענט פון קינדוויז אן, זיינע עלטערן האבן נישט איין מאל געזאגט, אז „ס'האט קיין זין נישט צו טאן, אדער זאגן אזוי און אזוי", אבער פארטייטשן איין ווארט אויף דעם צווייטן האט ער נישט געקענט. און ווען ער האט שוין געוואוסט, וואס ב. שאפיר האט געמיינט, האט ער ערשט נישט פארשטאנען פארוואס ער האט אזוי געזאגט, ווייל דווקא א זין האט דאס לידל געהאט, פארקערט: ס'איז שוין געווען צו שטארק מיט א קלארן זין. און אפשר האט טאקע שאפיר געמיינט, אז עס פעלט דער פאעטישער „סמיכל" און ער האט אליין נישט געפונען קיין ריכטיק ווארט, ווייל ער איז געווען אינטעלעקטואל זייער באגרעניצט. אזוי, צי אנדערש, אונזער העלד האט זיך געפילט ווי א דורכגעפאלענער. ער, וואס האט געקענט שרייבן שירים אין העברעאיש און ער האט שוין געפרואווט שרייבן אין רוסיש, זאל ליידן אזא בושה אין פשוט זשארגאן...

דאקטאראוויטש האט זיך אויך געקליבן צו פארן אהיים אויף פסח. מאיר גרוזני, וואס איז געווען דער אפטסטער אריינגייער צו די ביידע בחורים אין צימער אריין, האט זיך שוין גענומען פילן איינזאם. ער פלעג זייער אפט אויך בלייבן שלאפן מיט די צוויי עקסטערנעס און אפילו א בים האט ער דארט געכאפט, כאטש זיי האבן ביידע נישט געהאט. דאס שניידערישע פאך האט זיך אים נישט געגלוסט ארבעטן און פון דעקלאמאציעס האט ער גארנישט געקענט פארדינען. אהיימפארן אויף פסח האט ער נישט געקענט. עס איז געווען ווייט און עס האט געדארפט קאסטן טייער און ער האט זיך אויך נישט געשעמט אויסצוזאגן, אז זיין טאטע איז א ביטערער ארימאן און עס איז ביי זיי אין שטוב נישט אזא וואזשנע פסח און עס קען זיך מאכן, אז עס זאל פשוט פעלן א שטיקל מצה. און דאקטאראוויטשן איז איינגעפאלן צו איינריידן יאנקלען, אז ער זאל גרוזנין נעמען צו זיך אהיים אויף פסח. אזוי ווי ער האט אים דערציילט, אז זיינע עלטערן זיינען גרויסע מכנים אורחים און אזוי ווי אויף פסח קענען זיי זיך פשוט נישט באגיין אן אן אורח, איז גלייכער ער זאל קומען מיט א פארטיקן אורח. און יאנקל האט זיך געלאזט איבעררײדן און ער איז אהיימגעפארן אין איינעם מיט זיין אנגענעמענעם, אבער נישט זייער אינטעליגענטן חבר.

ווען יאנקל האט זיך נאר אריינגעזעצט אין דער שיף אריין, האט ער שוין דערפילט דעם ריח פון קיליע און עס איז אים געווארן אי פרייליך, אי טרויעריק. די קיליער יידן, וואס זיינען אויך געפארן אהיים אויף פסח, האבן אים באקוקט פון קאפ ביז אין די פיס און זיי האבן געזוכט די פאות און די קאפאטע און אייניקע האבן געזאגט אפן: „אזוי, אזוי, געפארן קיין אדעס א

מלאך און צוריקגעקומען א גלח...״ איייניקע האבן גערעדט פארשטעלטער, אבער אנצוהערן האט יעדער געגעבן, אז ער איז נישט דער דאזיקער, וואס זיי האבן דערוואַרטעט. א יידענע, וואס איז געפארן, האט אונטערגעקרעכצט און זי האט געזאגט: „די שוחטקע נעבעך האט שוין געמיינט, אז זי גייט שוין גלייך אין גן עדן״...

און די רייזע איז געווען די זעלביקע, וואס שטענדיק. עס האט געוואָרפן מיט דער שיף אין דער לענג און אין דער ברייט און א סך איז געווען נישט גוט און זיי האבן געזוכט פלעצער זיך צו באהאלטן. איייניקע האבן זיך נאך געשעמט דערמיט, וואס זיי איז נישט גוט. און עס האבן נישט געפעלט קיין לצים, וואס האבן נאכגעקרומט די אלע, וואס זיינען „געפארן קיין ריגע״ און זיי האבן פון זיי חוזק געמאכט, פונקט אזוי האט דא אלץ אויסגעזען, ווען יאנקל איז צום ערשטן מאל געפארן מיטן טאטן אין דער ישיבה אריין און זיי האבן זיך געמוזט אומקערן צוריק. וויפל יאר איז שוין דא אין דעם? ער האט נישט געקענט בארעכענען... אים האט זיך געדאכט, אז דער איינציקער ווינטער אין אדעס האט געדויערט אפשר א גאנצן יובל. וואס ער האט נישט איבערגעלעבט אין דעם דאזיקן ווינטער און איבערגעלערנט און איבערגע־לייענט! ער איז דאך שוין געווארן אין גאנצן אן אנדערער. אפילו די שפראך האט זיך ביי אים געביטן. ער רעדט דאך שוין נישט אזוי ווי ער האט גע־רעדט... און דאך, ווען ער האט זיך שטארק פארטראכט, האט זיך אים גע־דאכט, אז די צייט איז נאך נישט אריבער און אז ער איז נאך דאס קליינע יינגל פון דעמלט און ער פארט נאך אין איינעם מיטן טאטן קיין אדעס. אפילו די באנק, אויף וועלכער ער האט זיך איצטער געפרואווט לייגן שלאפן, איז געווען די זעלביקע, וואס דעמלט... עס איז אים אויסגעקומען, אז ער דארף גיין זיך שטעלן דאווענען מעריב צוזאמען מיטן טאטן, אבער ער האט זיך נישט געשטעלט דאווענען, ער האט שוין גאר פארגעסן, אז עס איז דא א דאווענען אויף דער וועלט... און די באקענטע יידן האבן אים דווקא נישט אויפגעהערט צו פרעגן, צי ער האט שוין געדאווענט...

די נאכט פון דער רייזע האט זיך געצויגן לאנג, לאנג, עס האט זיך גע־דאכט, אז זי וועט זיך שוין גארנישט ענדיקן. און זי האט זיך דאך געענדיקט. און די מאמע האט אים געווארט ביי דער שיף, כאטש זי איז אנגעקומען זעקס אזייגער פארטאג, ווען עס האט נאך נישט אנגעהויבן שאריען אויף טאג. דער טאטע האט געמוזט גיין אין שול אריין דאווענען, אבער די מאמע איז געקומען צום שיף. זי האט אויסגעזען עלטער, ווי צוריק מיט עטלעכע חדשים און איינגעקארטשעטער און דארער און דאס פנים איז איר געווען גרין. זי האט זיך שטארק ארומגעכאפט מיטן זון און אים באלד נאס געמאכט מיט די טרערן און זי האט געפרואווט ווייזן א פריילעכע מינע אויך, אבער דער שמייכל האט זיך צו איר נישט געקלעפט און ער האט איר נישט געפאסט,

נאָר די טרערן האָבן איר געפּאַסט... ווען יאַנקל האָט איר פאַרגעשטעלט גרוז־
נין, און ער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס האָט ער געבראַכט אַן אורח אויף פּסח,
האָט זי ווידער געפּרוּווט טאָן אַזאַ שמייכל, וואָס האָט איר נישט געפּאַסט
און זי האָט געזאָגט, אַז זיי האָבן שוין אַפילו אַן אורח, אָבער אין צווייען איז
שטאַרקער... יאַנקל האָט באַלד געפילט, אַז ער האָט געטאָן אַ פעלער, וואָס
ער האָט געבראַכט זיין חבר און ער איז געוואָרן זייער טרויעריק. אויך גרוזני
האָט זיך געפילט זייער שלעכט און ער איז געוואָרן בלייך און אויף דעם שיי־
נעם פּנים האָט זיך אים אויסגעגאָסן אַ מרה שחורה.

אַ פּאָר פון די פּאַסאַזשירן האָבן געדונגען בשותפות די עטלעכע דראָש־
קעס, וואָס זיינען געווען, אַנדערע האָבן געדונגען פּראָסטע וועגעלעך און זיי
זיינען אויף זיי אַרויפגעקראָכן אין איינעם מיט די קעסטלעך, רענצלעך, אָדער
זעק; די איבעריקע האָבן געדונגען שקצים, אַז זיי זאָלן זיי אָפּטראָגן די קעסט־
לעך. יאַנקל און מאיר זיינען געווען די איינציקע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן
אַליין גענומען זייערע פּעקלעך און זיך געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין. דער
וועג איז געווען אַ היפּשער און עס איז נאָך געווען טונקל. דער טאָג איז זיי
אַנטקעגן געקומען מיט קרעכצן פון טירן און טויערן, וואָס האָבן זיך שווער
געעפנט. געוואוינט האָבן טאַטע און מאַמע שוין אין אַן איינגענער שטוב, וואָס
זיי האָבן אָפּגעקויפט ביי דעם אַלטן דאַמסקע שניידער לעבעדינסקי. יאַנקל
האָט וועגן דעם געוואוסט פון פריער, דער טאַטע האָט אים וועגן דעם גע־
שריבן מיט אַ קרעכץ. טאַקע, האָט ער געשריבן, אַן אייגן ווינקל, אָבער ער
איז געוואָרן אַ גרעסער בעל חוב און ווער ווייסט, צי עס האָט געלוינט! די
מאַמע האָט אים אויפן וועג געזאָגט, אַז זי ווייסט נישט ווי גאָט צו דאַנקען,
וואָס זי האָט אַן אייגן ווינקל און זי דאַרף זיך שוין נישט ציען אַלע מאָל.
די אייגענע שטוב איז געווען איינגעבויגן אין דרייען און זי האָט געהאַט
פאַרנט הילצערנע סלופּעס, וואָס האָבן זי געמאַכט נאָך עלטער. זייער שטוב
איז געשטאַנען פּונקט אַנטקעגן דעם הויז, וואו עס איז אַמאָל געווען חיים
ערליכס חדר. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז די שטוב איז אַמאָל געווען הע־
כער. אַפילו די סלופּעס האָבן אים אַמאָל אויסגעזען שענער... ביז זיי זיינען
צוגעקומען אַהיים מיט די פּעקלעך, איז דער טאַטע אָנגעלאָפן אין איין אָטעם
פון דער שול און ער האָט זיך אויך אַזוי אַרומגעכאַפּט מיט דעם זון און נישט
געקענט וויינען און נישט געקענט שמייכלען און אויך ער האָט אַרויסגעוויזן
אַ נישט צופרידנקייט מיטן אורח, כאָטש ער האָט עס שטאַרק געוואָלט באַ־
האַלטן. אויך דער טאַטע איז פאַרעלטערט געוואָרן פאַר דער קורצער צייט.
קיין גרויע האָר זיינען אים נישט צוגעקומען אין דער באָרד אַריין, אָבער
קנייטשן אויפן פּנים זיינען אים צוגעקומען אַ סך. אין שטוב איז אויך גע־
ווען די באָבע. אין איזמאַיל האָט זי נישט געהאַט מיט וועמען צו זיין און
פאַרדינען האָט זי שוין נישט געקענט. זי איז שוין געווען אַן אַלט שוואַך

מענטש, זי האָט כמעט נישט געקענט אַראָפּגיין פון בעט און יאַנקל איז צו־געגאַנגען צו איר און זיך צעקושט מיר איר און דערפילט אויך אירע געזאַל־צענע טרערן. זי האָט אי געוויינט, אי זיך געפרייט און ביידע האָבן עפּעס יאָ און נישט געפּאַסט צו איר. זי האָט אים געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. זי איז גאָרנישט געווען די באָבע פון אַמאָל. זי האָט ערשט רעכט אָנגעפילט די שטוב מיט אַלטקייט. עס איז געווען זייער ריין אין שטוב, די מאַמע איז געווען די זעלביקע בריה, וואָס שטענדיק און עס האָט גע־שמעקט אין יעדן ווינקעלע, אָבער עס האָט אויך געשמעקט מיט אַלטקייט. דאָס ייִנגערע ברידערל האָט דערהערט, אַז ער איז שוין דאָ און ער האָט גע־נומען וויינען פאַרוואָס מען האָט אים נישט אויפגעוועקט, אַז ער זאָל גיין צו דער שיף; אָבער ער האָט נישט געוויינט לאַנג. ער האָט באַלד זיך געגעבן אַ וואָרף אַראָפּ פון בעט און ער איז גיך צו צום עלטערן ברודער מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ער האָט אים שיעור נישט איבערגעקערט. ער האָט נאָר געלאַכט און זיך געפרייט, ווען ער האָט זיך מיט אים געקושט, פון וויינען האָט ער אַפילו נישט געטראַכט. און ווען ער האָט געהערט, אַז דער ברודער האָט גע־בראַכט אַ „טאָוואַרישטש", האָט ער זיך גאָר דערפרייט מיט אים און דאָס אויסגעדרוקט אויף אַ קול און דערמיט פאַרטריבן אַביסל דאָס שווערע געפיל... עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַ יונג קינד האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ שטוב פון סאַמע אַלטע לייט און ער האָט דאָרט אָנגעאַרבעט אַן איבערקערעניש און ער האָט פאַריאָגט די מרה שחורה.

☆

קאפיטל זעקס

עס געשעט מיט אים ווי אין ראמאנען.

די טאטע־מאמע האָבן נישט געהאט קיין גרויס נחת פון יאנקלס אהיימ־קומען. זיין הילוך האָט זיי אַליין אויפגערעגט און די שטאָט האָט נישט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם. כאָטש א קורץ רעקל וואָלט ער אָנגעטאָן, האָט מען געזאָגט, ער גייט דאָך אין א העמדל מיט א גארטל, אזוי ווי א גוי. די שטאָט איז דערפון געגאַנגען אויף רעדלעך. היינט די „היטשקע", וואָס ער איז געגאַנגען! די מאמע האָט געקרעכצט: „פאות זיינען נישט שיין, אָבער א קודלע, אזוי ווי א שגץ איז שיין..." יאנקל האָט געמוזט גיין צום פאריק־מאַכער און זיך אביסל אַרומשערן די האָר. דאָס העמדל האָט מען אים אויך געוואָלט איבערבייטן, אָבער עס איז נישט געווען אויף וואָס. אויפנייען א קורץ רעקל איז שוין נישט געווען קיין צייט פאַר פסח און א פארטיק רעקל איז שווער געווען צו געפינען. געווען נאָר איין ייד, וואָס האָט פארקויפט פארטיקע קליידער, זיידל טאנדייטניק האָט ער געהייסן, האָט מען ביי אים איבערגעוואָרפן אַלע רעקלעך און געצויגן די ארבל אהין און די פאָלעס מיטן קאָלנער אהער און עס האָט זיך פאָרט נישט געפאסט. יאנקל האָט צוגעזאָגט צו גיין פסח אין שול אַריין מיט דער קאפאָטע מיט זיינער, וואָס איז געבליבן אין שטוב און האָט נאָך אויסגעזען ווי ניי, אָבער א גאַנצע וואָך האָט ער געמוזט גיין מיט דעם העמדל און מיט דעם גארטל. דער טאטע מיט דער מאמען האָבן אַליין גענוג געקרעכצט דערויף, האָט נאָך געדארפט צוקומען די באָבע אויך, וואָס האָט געוויינט מיט גרויסע טרערן אין אירע גרויסע אויגן און זי האָט געזאָגט, אַז ווייַ איז צו אירע אַלטע יאָר, וואָס זי האָט געדארפט דערלעבן און דווקא פון דעם אייניקל, וואָס האָט דאָס בעסטע קעפל. די באָבע איז מער געליגן ווי אַרומגעגאַנגען, אָבער ליגנדיק אין בעט איז זי אַרומגעפאָרן מיט די אויגן און זי האָט אים געזען און זי האָט זיך אומעטום געמישט. זי איז פריער, האָט מען יאנקלען דערציילט, געליגן אין א באַזונ־דער שלאָפצימער, האָט זי געשריגן, אַז ס'איז איר סקוטשנע און מען האָט איר געמוזט אַריינשטעלן דאָס בעט אין דעם צימער, וואו מען איז געזעסן א גאַנצן טאָג און מען האָט געגעסן. האָט זי אַלץ געזען און אומעטום זיך גע־

מישט. זי האָט געזען ווי די מאַמע האָט גענומען איבערקוקן דאָס ביסל זאַכן, וואָס יאַנקל האָט געבראַכט און ווען זי האָט איבערגעקליבן יעדער העמד און יעדער פּאָר גאַטקעס און שקאַרפּעטקעס און זי האָט געקרעכצט דערויף. וואָס זיי זיינען אַזוי צעריסן, האָט די באָבע אויך געהאָלפן קרעכצן און דאָס דאָזיקע האָט דער מאַמען פאַרדראָסן און זי האָט געזאָגט, אַז דערווייל פאַרריכט זיך נאָך, גאָט זיי דאַנק, אַלצדינג. האָט די באָבע געענטפערט, אַז די זאָקן קען זי נאָך אויך ברוך השם פאַרמערעזשען און יאַנקל האָט געזען, אַז קיין גרויסער שלום איז צווישן דער מאַמען מיט דער באָבען נישטאָ, עס איז ווי אין דער גמרא שטייט — כלה והחמותה... און ווען די מאַמע האָט גענומען זוכן נאָך אַ טלית קטן, וואָס איז פאַרפאַלן געוואָרן, האָט איר שוין נישט געאַרט, וואָס די באָבע האָט איר געהאָלפן אונטערקרעכצן. מאיר גרוזני, וואָס איז דערביי געווען, האָט זיך דערפילט אַזוי איבעריק, אַז ער איז אַוועק אין שטאָט אַריין, כאָטש ער האָט נאָך דאָרט קיינעם נישט געקענט. און די מאַמע האָט ווייטער געזוכט. דער טאַטע איז געזעסן אַ דערשלאָגענער און פלוצים האָט ער זיך צעלאַכט. ער האָט געלייענט אַ וויץ, האָט ער געזאָגט, אין אַפּריים קאַלענדאַר; ס'איז דאָרט געשטאַנען געשריבן, אַז אַ זון איז אַמאָל צוריקגעקומען אַהיים פונקט אַזאַ גוי, ווי יאַנקל. האָט מען גענומען זוכן ביי אים אין קעסטל און מען האָט נישט געפונען נישט דאָס תפילין־זעקל, נישט דעם סידור, נישט דעם טלית קטן, האָט די מאַמע אַ זאָג געטאָן: „אוי, אַ וויטיק איז מיר, מען דאַרף אַ קוק טאָן, צי ער איז נאָך געמלעט...” דער טאַטע האָט אַזוי געלאַכט, אַז ער האָט נישט געקענט דערציילן. ער איז געווען זיכער, אַז דעם דאָזיקן וויץ האָט געמאַכט ליניעצקי, וואָס האָט אָנגעשריבן „דאָס פּוילישע יינגל” און ער האָט אים געשאָלטן מיט טויטע קללות און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ ממזר בן הנדהניק... די מאַמע און די באָבע האָבן מיטגעלאַכט, אַז זיי האָבן געקוויטשעט און עס איז נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז זיי גרימט. דער טאַטע האָט אין איין וועגס געפּרוּווט דעם זון ביי דער באָרד, צי ער גאָלט זיך נאָך נישט און ער האָט דערציילט אַ צווייטן וויץ, וואָס ער האָט געלייענט אין קאַלענדאַר וועגן דעם, וואָס אַ טאַטע האָט אַ טאַפּ געטאָן אַ זון, וואָס גאָלט זיך ביי דער באָרד און דער זון האָט אַ לאַך געטאָן, האָט דער פאָטער געזאָגט: „דו לאַכסט און מיך שטעכט”. און דער טאַטע האָט פאַרטייטש, וואָס עס מיינט און ער האָט געזאָגט, אַז אַ געגאָלטע באָרד שטעכט און חוץ דעם האָט דעם פרומען טאַטן געשטאָכן ביים האַרצן... און ווידער האָבן אַלע דריי געלאַכט און מען האָט געזען, אַז עס שטעכט זיי אַלע דריי. דער טאַטע, וואָס איז שטענדיק געווען אַ שטילער, האָט זיך איצטער צערעדט און ער האָט שוין געמאַכט אַ פאַרוואורף פאַר וואָס דער זון האָט אים געבראַכט אַן אורח, וואָס איז אַ פּשוטער גוי, נישט קיין אַפּיקורס, נאָר טאַקע פּשוט אַ גוי, ער קען אַפילו קיין עברי נישט. „פון

דער ישיבה, האָט ער געזאָגט. האָסטו מיר נישט געבראַכט קיין אורח, אַז איך זאָל הנאה האָבן פון אַן איידלען יונגנמאַן, וואָס זאָל קענען זינגען אַ ניגון און זאָגן אַ פּשטל און פון אָדעם האָסטו מיר געבראַכט אַ בחור, וואָס וועט אַפילו נישט קענען נאָכזאָגן די הגדה, די פיר קשיות אַפילו וואָלט ער דאָך נישט געקענט פרעגן..." די מאַמע האָט אים פאַרטאַקעוועט און די באָבע נאָך איר און דער מאַמע האָט עס באַלד פאַרדראָסן און זי האָט געזאָגט, אַז די באָבע וואָלט בעסער געדאַרפט קוקן אויף אירע קינדער, נוח, איר זון, איז עלטער און ער איז נישט בעסער.... אין איין וועג האָט זי שוין באַמערקט, אַז יאַנקל זעט אויס, אַז אַ שענערן לייגט מען אַריין אין דער ערד אַריין און אַז מען דאַרף זיך ווייניקער טשעפּען צו אים. דער טאַטע האָט שוין אויך געזאָגט, אַז פון דער תורה אין קעשענעוו איז ער קיינמאָל נישט געוואָרן אַזוי גרין און געל ווי ער איז געוואָרן פון „דעם פאַסקודסטווא אין אָדעס", כאָטש עס שטייט געשריבן „התורה מתשת כוחו של אדם" (די תורה מאַכט שוואַך דעם כוח פון מענטשן). זייט דעמלט האָט מען זיך אויפגעהערט טשעפּען צו יאַנקלען און עס האָט געהערשט אין שטוב אַ שטילע און אָנגעצויגענע באַציאונג. די איינציקע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט ריידן איז געווען די באָבע. זי האָט שטענדיק נאָכגעקוקט יאַנקלען און ווען זי האָט געזען, אַז ער מאַכט צו בקיצור מיט דאַווענען, האָט זי אים באַלד געזאָגט, אַז גאָט וועט אים שטראָפן און ווען זי האָט באַמערקט, אַז ער האָט גאָר קיין תפילין נישט געלייגט, האָט זי געמאַכט אַ רעש. זי איז גאָרנישט געווען די גוטע באָבע פון אַמאָל, די אויגן זיינען ביי איר געוואָרן אַנדערע. און יאַנקל פלעג זיך פאַרטראַכטן און אַרויס פון די כלים און זיך צעשרייען אויף דער גוטער באָבע דבורה און איר זאָגן, אַז זי זאָל זיך נישט מישן וואו מען דאַרף נישט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז צוריק מיט יאָרן, ווען ער פלעג קומען צו הערשל שוחט און ער האָט געהערט ווי די קינדער שרייען אויף זייער באָבע, אַז זי זאָל זיך נישט מישן וואו מען דאַרף נישט, האָט ער זיך געקלערט, אַז ער וואָלט אויף זיין באָבען קיינמאָל נישט געקענט שרייען... נישט אומזיסט האָט מען אין פּרק געזאָגט „אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו" (זאָלסט נישט מישפּטן דיין חבר ביז וואַנען דו וועסט נישט קומען אויף זיין פּלאַץ). דער באָבעס ריידן האָט אים פון דעסט וועגן נאָך געמאַכט ווייניקער שווער אויף דעם האַרצן, ווי דאָס שווייגן פון טאַטע־מאַמע. דאָס דאָזיקע שווייגן איז געווען מוראדיק פיינלעך און אים האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז אָט וועט עמיצער אַרויסזעצן מיט אַ געשריי און מיט אַ שטורעם...

יאַנקל האָט זיך נישט געפילט גוט אין שטוב, גרוזני האָט זיך אוודאי און אוודאי נישט געפילט גוט און ביידע האָבן זיך געלאָזט שפּאַצירן און זיי האָבן גיך געקראָגן פאַרשיידענערליי באַקענטשאַפטן. עס איז געווען אין שטעטל אַן אַקושאָרקע, וואָס איז געווען אַן אינטעליגענטקע און מען האָט

ביי איר אין שטוב גערעדט וועגן ליטעראַטור און פֿאַרגעלייענט פֿאַרשיידענע זאַכן אויף רוסיש און „ראַזביריייעט״ (אַנאַליזירט) און זי האָט באַלד די צוויי אָדעסער געסט איינגעלאַדן און גרוזני האָט דאָרט באַלד געמאַכט דערפֿאָלג מיט זיינע דעקלאַמאַציעס. עס איז געווען אַן „אַפּטיעקאַרסקי מאַגאַזין״ (דראָגעריע), וואָס אַ מיידל האָט געהאַלטן און וואו יינגלעך און מיידלעך זיינען זיך צונויפגעקומען און זיי האָבן געשמועסט און אין איין וועג זיך אָפּגערעדט צו גיין שפּאַצירן צו דער „גאָרקע״ (בערגל) לעבן טייך. פֿרילינג איז געווען און די ביימער האָבן זיך צעבליט. אַלע קיליער גאַסן זיינען געווען פֿול מיט אַקאַציע ביימער, וואָס זיינען אַלע געווען פֿול מיט בליט און עס האָט געשמעקט, אַז די לונגען האָבן זיך אַליין צעגומען. עס האָט אויך געשמעקט מיט בעז און מיידלעך האָבן געזונגען לידלעך וועגן „שטיקלעך בעז״ און וועגן ליבע. יאַנקל האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, אַז אין קיליע איז פֿאַראַן אַזאַ יוגנט, וואָס לייענט ליטעראַטור און האַלט זיך פֿריי. יינגלעך מיט מיידלעך זיינען געגאַנגען שפּאַצירן צום „בערגל״ און זיי האָבן דאָרט אונטערגעפֿלירטעוועט נישט נאָר מיט די אויגן, נאָר אויך מיט די הענט. מען האָט זיך געהאַלטן ביי די אָרעמס און ווען מען האָט געדאַרפֿט אַרויפֿלויפֿן, אָדער אַראָפּלויפֿן, האָט מען זיך אָנגענומען שטאַרקער און געדרוקט. עס זיינען געווען מיידלעך, וואָס האָבן נישט געוואָלט ליידן און זיי האָבן פּראָטעסטירט שטיל, אָדער טאַקע אויף אַ קול. אַנדערע האָבן זיך געלאָזט אַזוי ווי קועלעך און זיי האָבן זיך אַליין געדרוקט. עס איז געגאַנגען מיט זיי אָפּט שפּאַצירן אַ בחור, וואָס האָט געהאַט אַ זייער קלוגן טאַטן מיט אַ שם פֿון אַן אפּיקורס, האָט ער דערציילט, אַז זיין טאַטע האָט אים געלערנט נישט צו טשעפּען זיך צו מיאוסע מיידלעך, ווייל ווען מען גיט אַ ריר אַ מיאוס מיידל, ווייסט באַלד די גאַנצע שטאָט... אויפֿן בערגל אַליין האָט מען גערעדט וועגן ליטעראַטור און צווישן די מיידלעך זיינען געווען מער ווי צווישן די יינגלעך אַזעלכע, וואָס האָבן געלייענט אַ סך. עס איז דעמלט געווען אין דער מאָדע צו לייענען פּאָרעלס „די געשלעכט־פֿראַגע״ און דיסקוטירן וועגן דעם און מען האָט דיסקוטירט אָפֿן און מען האָט זיך נישט געשעמט צו דערמאָנען פֿריי אַזעלכע ווערטער, ווי אָנאַניזם, פּאָלוציע א. א. וו. קליינע מיידעלעך מיט פֿרומע פּנימלעך האָבן זיך געהיצט און דיסקוטירט, גלייך זיי וואָלטן אַלץ שוין געוואוסט... מען האָט אויך גערעדט וועגן שטעלן אַ ספּעקטאַקל. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף שפּילן אויף רוסיש, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף שפּילן אויף יידיש, ווייל די יידענעס פֿון קיליע פֿאַרשטייען נאָך נישט רוסיש. אַ מיידל האָט געזאָגט, אַז די יידישע ספּעקטאַקלען מאַכן צו פּראָסטע בחורים און מוידן, וואָס זיינען נישט „אָבראַזאָוועט״ (געבילדעט) און די פֿאָרשטעלונגען זיינען נישט „קולטורנע״. מען האָט אָנגערופֿן דעם נאָמען פֿון אַ בחור סאָסקין, וואָס זיין טאַטע איז אַ וואַטן־מאַכער און ער איז

אַליין אַ וואַטן־מאַכער און ער איז דער „גלאַוונע" מאַכער פון די „ליוביטעך עס" (דילעטאַנטן). אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז סאַסקין האָט אַ סך טאַלאַנט, כאָטש ער איז נישט געבילדעט. עס איז פריער מיט אַ צייט געקומען אַ טרופּע קיין קיליע, איז דאָרט דער קאָמיקער געווען ערגער ווי סאַסקין, כאָטש יענער איז אַ „פּראָפעסיאָנאַלינע". מען קען זיין אַ טאַלאַנט, כאָטש מען איז נישט געבילדעט, גאָרקי איז אויך נישט געבילדעט און פון דעסט וועגן איז ער אַזאַ גרויסער טאַלאַנט. גרוזנין האָט פאַרשמעקט דער געדאַנק וועגן מאַכן אַ ספּעקטאַקל אין קיליע און ער זאָל שפּילן די הויפּטראָליע. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי עס זיינען דאָ קאָרעספּאָנדענטן פון די בלעטער אין קיליע. ער איז געווען זיכער, אַז אַזוי ווי ער וועט אָפּשפּילן, וועט ער באַלד מאַכן אַ פורור און מען וועט שרייבן, אַז מען האָט אַנטדעקט אין קליינעם שטעטל קיליע אַ גרויסן טאַלאַנט...

און דערווייל איז אָנגעקומען פּסח און מען האָט געדאַרפט גיין אין שול אריין און פּראַווען דעם סדר. יאַנקל האָט געוואָלט גיין אין בית מדרש אריין, האָט ער מורא געהאַט אַז מען וועט זיך דאָרט טשעפּען צו אים און מען וועט אים פאַרשיטן מיט שטעכווערטלעך. צו די „נושאים" אין שול אריין האָט ער עפּעס נישט געוואָלט גיין, ער האָט געוואוסט, אַז דער טאַטע וועט זיך פילן שלעכט און די פּראָסטע יידן וועלן אויף אים קוקן קרום. אָנגעטאָן שטאַרק יום טובדיק איז ער נישט געווען און זיין חבר, וואָס איז געווען אַ שניידער און ער האָט געקענט בעסער טראָגן פון אים אַן אָנצוג, איז אויך געגאַנגען מיט אַן אָפּגעריבענעם קאָסטיום, וואָס האָט אים נישט צוגעגעבן קיין יום טובדיקן אויסזען. און אונזער העלד האָט דאָך באַשלאָסן צו גיין אין איינעם מיט זיין אורח צום טאַטן אין שול אריין און די בעל מלאכות האָבן אים אויפגענומען מיט ברייטע שלום עליכמס און מיט לאַכנדיקע אויגן און זיי האָבן דעם חבר שוין אויך דערלאַנגט וואַרעמע הענט. אהרן לערער האָט אים גאָר געמאַכט אַ וואָרע אין ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט שוין ווערן אַ דאָקטער. ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין געשליפן קעפּל און דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט געענדיקט ביי אהרן לערער, האָט נאָך אויך עפּעס ווערט. און דער דאָזיקער היימישער און פריינטלעכער טאָן האָט זיך שוין אריבערגעטראָגן צו אַלע. וועלוול שוסטער, וואָס האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַ משכיל, האָט געזאָגט, אַז אַן אַפּיקורס דאַרף מען אויך קענען זיין. אַ גראָבער יונג קען קיין אַפּיקורס נישט זיין. אָט איז וואָלף קאָנסטאַנטינאָווסקי טאַקע אַ שיינער ייד ביי די „טשערקעסן", ער איז איינער פון די גרעסטע שקצים אין שטאָט, אָבער ער קען קוים זיין אַ חסיד שוטה. ווען ער וואָלט געדאַרפט ווערן אַן אַפּיקורס, וואָלט ער געקענט אַ מכה... אויך טימעלע דער וואַסערפירער, וואָס האָט אָנגעהויבן ווערן גרוי און ער האָט דורך דעם אויסגעזען נאָך מער גוט, האָט זיך צוגעלאָזט צו אים און ער האָט געזאָגט, אַז אויב ער איז נישט געוואָרן קיין

רב, וועט ער ווערן א דאָקטער, אַ גרויסער מענטש וועט ער געוויס ווערן, אַזאַ געפיל האָט ער. און ער האָט שוין אין איין וועגס געבעטן, אַז ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער מענטש, זאָל ער אין אים, אין דעם אָרימען טימעלע נישט פאַרגעסן. נאָר דער פרומער און פאַנאַטישער שכנא שוסטער האָט זיך געהאַלטן ברוגז צו יאַנקלען און ער האָט אים געפרעגט וואו עס זיינען די פאות זיינע און ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט אים נאָך מער אַריינגעזאָגט, אָבער ער איז פאָרט נישט גאָטס סטראַפטשע. נאָר אַ שוסטער און דערצו זאָגט די וועלט, אַז ווען מען האָט קינדער אין די וויגן דאַרף מען לאָזן לייט צופרידן... מען האָט יאַנקלען אַפילו אויפגערופן צו דער תורה אויך, כאָטש צוליב יום טוב זיינען די עליות געווען פאַרקויפט. מען האָט אַפילו דעם חבר זיינעם אויך געוואָלט אויפרופן, אָבער דער טאַטע האָט מורא געהאַט פאַר אַ בושה מיט די ברכות און ער האָט געהייסן נישט אויפרופן. און מאיר גרוזני איז דווקא געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט אַלע יידן אין שול. ער האָט געקענט מיט יעדן איינעם ווערן גוט. די שניידערס פון דער שול האָט ער גלאַט גענומען דערמיט, וואָס ער האָט זי אויסגעזאָגט, אַז ער איז אַ שניידערס אַ זון. זיי איז געפעלן, וואָס אַ שניידערס אַ זון איז חבר מיט דעם געלערנטן זון פון זייער שוחט, וואָס האָט שוין געענדיקט אויף רב און ער גייט איצטער לערנען אויף דאָקטאָר. אין שטאָט האָט מען וועגן יאַנקלען נישט נאָר גערעדט צום שלעכטן, נאָר אויך צו גוטן, מען האָט דערציילט ניסים וועגן זיין רוסיש ריידן און מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט אין איין האַלב יאָר אויסגעלערנט מער וויפל אַן אַנדערער וואָלט אויסגעלערנט אין אַ פאָר יאָר און כאָטש די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי איז מוחל אַזאַ נחת, האָט זי זיך פון דעסט וועגן צוגעהערט און זי האָט אַפילו אַמאָל געזאָגט מיט שיינענדיקע טרערן אין די אויגן, אַז ער האָט דעם זיידנס קעפעלע אויף זיך און אַז איר טאַטע האָט געזאָגט, אַז אַ דאָקטער קען אויך האָבן יענע וועלט... יאַנקל האָט זיך ערשט איצטער געגעבן חשבון ווי אַלע ליידן און פרייען זיין מאַמעס דרייען זיך אַרום דעם חלק אויף יענער וועלט, וואָס זי דאַרף קריגן ווי אַ מאַמע. ברוגזערהייט פלעג דער זון דערפילן בייננאַכט ווי די מאַמע שטייט איבער אים, און דעקט אים גוט איין מיט דער קאָלדרע און הויבט אויף די יאַרמעלקע פון דער ערד און רוקט זי אים גוט אַראָפ איבערן קאָפ און אַמאָל זאָגט זי נאָך עפעס אַ שפרוך און שפייט אויס דריי מאָל. נישט איין מאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפט אין מיטן דער נאַכט און נישט געקענט שלאָפן. די אָנגעצויגנקייט מיט די עלטערן האָט אים געמאַכט אומרואיק און גערויבט דעם שלאָף; וויפל מאָל ער האָט נישט געקענט שלאָפן, איז זי אויך נישט געשלאָפן. ווען זי פלעג צוקומען צו אים, האָט ער שטאַרק פאַרמאַכט די אויגן און זיך געמאַכט שלאָפנדיק, אָבער זי האָט געפילט, אַז ער שלאָפט נישט און זי

האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן: „וואָס איז דיר, זונעניו? פאַרוואָס שלאָפסטו נישט?"

דער סדר איז אַריבער גאַנץ פריילעך. מאיר גרוזני האָט טאַקע זייער ווייניק געקענט אין דער הגדה און ער האָט קוים אָפּגעפּאַנפּעט דעם קידוש, קיין ניגונים האָט ער אויך נישט געקענט, דערפאַר האָט יאַנקל זיך אָנגע־שטרענגט און ער האָט געזונגען די הגדה מיט אַלע פּיטשעווקעס, אַז מען איז זיך צונויפגעלאָפן ביי די פענצטער אַזוי ווי אין די גוטע יאָרן פון אַמאָל. יאַנקל האָט זיך אויך אָנגעשטרענגט צו דערמאָנען מעשׂים פון מדרש וועגן פּסח און משלים פון דובנער מגיד און ער האָט זיי דערציילט און די מאַמע און די באָבע האָבן גאָר אָנגעקוואָלן. געגאַנגען אָנגעטאָן די קאַפּאָטע, נישט דאָס העמדל און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז ווען ער האָט נאָך שטיקלעך פּאות, וואָלט זי געגלויבט, אַז דאָס איז א י ר יאַנקעלע פון אַמאָל. אַן אורח האָבן זיי אויך געהאַט אַ וואַזשנעם. ער איז געווען אַ ליטוואַק מיט אַ גאַנצער באָרד, אָבער שוין אָן פּאות. ער האָט געזאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַ משׂכּיל און אַז ער איז דאָך אַ חוקר אלהים. ער האָט געפּאָרשט און אויסגע־פונען, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט... דעם טאַטן זיינען די דאָזיקע רייד נישט גע־פעלן געוואָרן, ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט פאָרשן. עס שטייט בפירוש אין דער תּורה. די עשׂרת הדיברות הויבן זיך אָן מיט „אני ה' אלהיך" (איך בין גאָט דיין גאָט) די תּורה הייבט זיך אָן מיט דעם, אַז גאָט האָט באַ־שאַפן די וועלט. און חוץ דעם זעט יעדער איינער, וואָס וויל נאָר זען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. עס זיינען דאָ הימל און שטערן און אַן ערד איז דאָ און אַ לבנה און בעלי חיימס און מענטשן... ווער נאָך וואָלט געקענט באַוויזן אַזאַ וואונדער, אַז די טייכן זאָלן אַלע גיין צום ים און דער ים זאָל נישט פול ווערן און זיינע וואַסערן זאָלן זיך נישט אויסמישן מיט די וואַסערן פון די טייכן? אין בעסאַראַביע אַליין זעט מען עס דאָך. דער דניעסטער לויפט צו פּרוט, דער פּרוט לויפט צום דונאַי און דער דונאַי לויפט צום שוואַר־צן ים; און פון דעסט וועגן, ווען מען קומט הינטער ווילקאָווו, איז דער דונאַי — דונאַי און דער ים — ים און די וואַסערן גיסן זיך נישט צונויף. אַפילו אַן איי איז דאָך גאָטס אַ וואונדער. ליגט אַ ווייסלעכל און אַ געלעכל און ביי־דע זיינען לויז און זיי גיסן זיך נישט צונויף, מעגסט ווי שאָקלען מיטן איי... דער ליטוואַק האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט דאָס אַלעס און אַז ער איז אַ חוקר אלהים נישט חלילה פאַר זיך, נאָר פאַר אַנדערע. ער ווייסט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט און ער זעט אים און ער פילט אים, אָבער ער לערנט און פאָרשט, ווייל עס שטייט געשריבן „ודע מה שתשיב לאפּי־קורס" (זאָלסט וויסן, וואָס צו ענטפערן אַן אפּיקורס). די וועלט איז היינט פול מיט זינדיקע, רחמנא ליצלן, מיט שעפּעלעך, וואָס ווערן פאַרבלאָנדזשעט און מען דאַרף זיך אונטערגאַרטלען אויף צו קענען זיי אַרויספירן צוריק אויף

דער דרך הישר. יאַנקל האָט גוט באַמערקט, אַז בשעת ער האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט, האָט ער געגעבן אַ ווינק צו דעם טאַטן און צו דער מאַמען אויף אים. און דערמיט האָט ער טאַקע אָפּגעקויפט די מאַמע, וואָס האָט דערנאָך געזאָגט דעם טאַטן, אַז ווען ער קוקט מער אריין אין זיינע ביכלעך אריין, וואָלט ער אפשר אים נישט געלאָזט אראָפּגליטשען זיך... זי האָט אויך געהאָפט, אַז דער ליטוועק דער אורח וועט איר זון אַרויפירן צוריק אויף דעם דרך הישר און זי האָט דערפאַר אים געקעכלט און געקאָרמעט אויף אַזוי פיל, אַז דער טאַטע איז אַזש אייפערזיכטיק געוואָרן. ער האָט שטילערהייט געזאָגט, אַז ווען עס קומט אַ ליטוועק, פאַרלירט די מאַמע דעם קאָפּ. דער אורח האָט זיך באַרימט, אַז ער איז אויסגעוועזן די גאַנצע וועלט און אומעטום וואו ער האָט געטראָפן אפיקורסים, האָט ער זיי אריינגעזאָגט שאַרפע רייד און אייניקע האָט ער טאַקע אַרויפגעפירט צוריק אויף דעם גלייכן וועג. יאַנקל אַליין האָט אים אויך אָנגעהויבן קוקן אין מויל אריין און ער האָט געמיינט, אַז אַלץ, וואָס ער זאָגט איז תורת לאַקשן. דער אורח האָט דערציילט, אַז ער איז אַ חבר מיט אַלע גרעסטע רבנים און גאונים פון ליטע און פוילן און פון דער גאַנצער וועלט. און מיט די גרעסטע משכילים איז ער אויך אַ היימישער. מיט דעם רעדאַקטאָר פון דער „הצפירה" נחום סאָקאָלאָוו איז ער דער גרעסטער ידיד, ער איז מיט אים ממש נפש אחת. און אפילו מיט מענדעלען און ביאַליקן אין אָדעס איז ער גאָר „צוגיפגעטראָגן". דאָס דאָזיקע וואָרט האָט יאַנקל נישט קלאָר פאַרשטאַנען, ווייל אין בעסאַראַבער יידיש מיינט „אויפגעטראָגן" — ברוגז. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז אויף ליטוויש יידיש מיינט עס חבר, אָבער ער האָט אויך שוין פאַרשטאַנען, אַז זייער אורח איז אַ פּשוטער ליגנער און אַז ער גייט צו דעם דאָזיקן טיפּ, וואָס שלום עליכם רופט „אַ ליגנער פון היינט", וואָס איז אייגנטלעך נישט קיין ליגנער, נאָר אַ באַרימער. יאַנקל האָט זיך ערשט שפּעטער איבערצייגט, אַז דער אורח זייערער איז אַ צבועק, ווען יענער האָט צו אים געזאָגט, אַז ער האַלט פון „עם חסיד תתחסד" — מיט יעדן דאַרף מען ריידן אויף זיין שפּראַך; אָבער ער דאַרף נישט אַראָפּ פון דעם וועג, אויף וועלכן ער האָט אָנגעהויבן גיין. און דרך אגב האָט ער אים געפרעגט, צי צווישן די משכילים פון שטעטל וואָלט ער אים נישט געקענט מאַכן אַ פּאָר קערבלעך, ווייל צווישן די פאַנאַטיקער קען ער ווייניק וואָס אויפטאָן, זיי האַלטן נישט פון אים, ער איז צופיל משכיל פאַר זיי... יאַנקל האָט דאָס דאָזיקע נישט געוואָלט דערציילן טאַטע־מאַמע, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט זיי מיט דעם צופיל אַנטוישן, איבערהויפּט האָט ער מורא געהאַט צו אַנטוישן די מאַמע, דער טאַטע האָט שוין אָנגעהויבן דערקענען, אַז ער איז אַ פאַלשער מענטש... אָבער די סדרים זיינען דאָך געווען פריילעכע. דער ליטוועק האָט געזונגען אַ נייעם „אחד מי יודע", אַזוי ווי אַ מאַרש, וועלכן יאַנקל האָט באַלד נאָכגעזונגען און די גאַנ־

צע גאס האט אויך נאכגעזונגען. און גרוזני האט זיך שוין אויך איינגעשטעלט און געזונגען א מין חד גדיא, וואס האט געהאט מער יידישע, ווי לשון קודשדיקע ווערטער און וועלכן ער האט געקענט פון טעאטער; די מאמע און די באבע האבן גאר געלעקט די פינגער דערפון...

ביים צווייטן סדר איז געווען א זייער שיינע נאכט. עס איז געווען זעלטן לויטער. דער הימל איז געווען אזוי בלוי, אז ער איז אזש געווען דורכזיכטיק און די לבנה איז געווען אין דער סאמע מיט, אזוי ווי אן אמתע נאכט־מלכה און קליינע שטערנדלעך האבן זי באגלייט ביי די זייטן, אזוי ווי קליינע פאזשלעך. עס האט געשמעקט מיט צוויט פוןביימער און מיט פרישקייט פון טייך, ווען מען האט געעפנט די טיר צו „אליהוס כוס". און די גאס איז פול געווען מיט שפאצירנדיקע. יאנקל און גרוזני האבן געמאכט בקיצור די צווייטע טייל פון דער הגדה און זיי זיינען ארויסגעגאנגען צו אייניקע פון די יונגעלייט און מיידלעך, וואס זיי האבן שפאצירט אין גאס. יאנקל האט זיך נישט גערעכנט מיט דעם, וואס ער גייט מיט דער קאפאטע. דער טאטע האט געקוקט זייער טרויעריק אויף זיין אוועקגיין און ער האט זיך דערמאנט אין די ווערטער פון מאיר שאלאנט אין שלום עליכמס פיעסע „צעזייט און צעשפרייט", וואס יאסיף פעלדמאן האט געוואלט אויפפירן מיט אים אין איינעם אין פעטראווקע. דארט זעט דער טאטע, ווי די קינדער אנטלויפן פון אים און ער זאגט, אז ער זעט אוים ווי א קוואקע, וואס איז אויסגעזעסן קאטשקעלעך. די קוואקע קוואקעט און די קאטשקעלעך שווימען. יאנקלען איז געווארן ביטער אויפן הארצן פאר זיינע טאטע־מאמע און ער האט געלאזט זיין חבר שפאצירן מיטן יונגווארג און ער האט זיך אומגעקערט צו די עלטערן, וואס האבן זיך מיט אים זייער דערפרייט. די באבע האט אפילו געזאגט: „ווען פרייט זיך אן ארימאן? ווען ער פארלירט און געפינט". דער טאטע האט מיט א טרער געזאגט, אז אומקערן זיך דארף מען מיטן גאנצן הארצן...

די מאמע האט זיך געשטארקט און זי האט געוואלט טאן אלצדינג צו ווייזן דער וועלט, אז זי איז נאך א מאמע און איר זון איז נאך א זון. זי האט אויף שבת חול המועד געמאכט אזא מין „ווייין און ניס" לכבוד דעם גאסט און זי האט איינגעלאדן נישט נאר קרובים, נאר אויך סתם פריינד און באקאנטע און מען האט געשיקט „מיט דעם גאסט" ווייין און ניס און קעזלעך. עס איז געווען א גאנצע שמחה, אבער דער חבר האט זיך עפעס געפלאנטערט און זיך נישט ארייגעפאסט אין דער געזעלשאפט, כאטש ער איז געווען ליב צו אלע און ער האט געקענט ריידן מיט מענטשן. אייניקע פון די געסט האבן געזאגט, אפן, אז יאנקל האט בעסער ליב דאס נייע לערנען, ווי ער האט ליב געהאט דאס לערנען פון דער קעשענעווער ישיבה, א סימן: פון קעשענעוו האט ער זיך נישט געבראכט קיין חבר און פון אדעס יא... אייניקע האבן געפרעגט דעם גאסט ווען ער וועט שוין ווערן דאקטער און אנדערע

האָבן אים אויך געפרעגט, צי ווען ער וועט זיין א דאָקטער, וועט ער שרייבן א רעצעפּט אום שבת, אָדער נישט. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער איז א רב אויך, וועט ער שוין וויסן, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט... עס איז געווען א שיינע שמחה, אָבער מיט א היפּש ביסל שטעכווערטלעך. די מאַמע האָט דערנאָך געזאָגט, אַז אַלע האָבן שטיל געגעבן אָנצוהערן, אַז ביים שוחט איז פאַרבייגעגאַנגען א שוואַרצע קאַץ... יאַנקל האָט געפילט די ליידן פון די עלטערן און ער האָט זיך די גאַנצע צייט פון פּסח געהאַלטן נעענטער צו זיי און ער האָט זייער אָפט געלאָזט דעם חבר גיין אַליין פאַרברענגען און ער איז געבליבן מיט זיי אין שטוב און ער איז געגאַנגען אין שול אַריין מיט זיי און ער האָט פאַרבראַכט אין איינעם מיט זיי. ווען די באַלעבאַטים פון דעם שולעכל האָבן זיך שביעי של פּסח פאַרנאַכט צונויפגענומען ביים טאַטן אין שטוב, איז יאַנקל געזעסן אין איינעם מיט אַלע יידן און ער האָט געטרונקען וויין און געגעסן נים און געזונגען ניגונים. מען האָט איינעם נאָך דעמלט אויך גערופן „יאַנקלס ניגון" און ער האָט אים געמוזט זינגען א סך מאָל. און ער האָט געטאַנצט אין איינעם מיט אַלע יידן און ער האָט זיך געווערטלט מיט איינציקע יידן. איבערהויפּט האָט ער זיך געחכמהט מיט יאָקל שוסטער און ער האָט אים נישט אויפגעהערט צו פרעגן, צי ער טרינקט טאַקע, צי ער טרייבט קאַטאָוועס. ער האָט דאָס דאָזיקע געפרעגט, ווייל עס איז דאָ א ווערטל „יאָקל טרייבט קאַטאָוועס". יאָקל האָט געלאַכט, אָבער עס האָט אים, א פּנים, שטאַרק פאַרדראָסן און ער האָט דערנאָך געפרעגט דעם טאַטן פאַרוואָס זיין זון טשעפּעט זיך צו אים. „איך בין צו אים. האָט ער געזאָגט, אדרבא ואדרבא און איך זאָג אים גאָרנישט וועגן דעם, וואָס מענטשן ריידן אויף אים און ער טשעפּעט זיך צו מיר". ער האָט אַזש געהאַט טרערן אין די אויגן. יאַנקל האָט זיך געמוזט שווערן, אַז ער האָט גאָרנישט געמיינט און אַז ער האָט געוואָלט נאָר מאַכן פריילעך לכבוד יום טוב און ער האָט געמוזט טרינקען מיטן געוועזענעם שוסטער לחיים און זיך איבערבעטן ביי די הענט, אַזוי ווי מיט א קליין קינד. יאַנקל איז געגאַנגען אין איינעם מיט אַלע יידן אין שול אַריין און ער האָט אין איינעם מיט זיי געגאַסן וויין אין גאַס און ער האָט געטאַנצט איבערן וויין און געזונגען „המעביר בניו" און זיך געפרייט מיט דעם, וואָס דעם זיבעטן טאָג פּסח האָט גאָט אַריבערגעפירט די יידן איבער דעם ים. פון אַלע זייטן האָט מען געקוקט, וואָס דעם שוחטס זון איז געוואָרן אַן אַנדערער און אייניקע האָבן שוין אפילו געזאָגט, אַז ער איז צוריק געוואָרן א פרומער....

דאָס איז געווען דער לעצטער פּסח, וואָס אונזער העלד האָט פאַרבראַכט אין איינעם מיט זיינע עלטערן אַזוי ווי אַן אייגענער. עס איז שוין געווען א סך פרעמדקייט אין זיין פרייען זיך און מען האָט געפילט, אַז עס איז געמאַכט, אָבער סיי ער און סיי די עלטערן האָבן געוואָלט גלויבן, אַז זיין האַרץ

איז גאַנץ מיט גאָט און מיט אַלע יידן און אַז ער איז נישט אַוועק אויף קיין פּרעמדן וועג און אַז ער איז אין גאַנצן נאָך זייערער. עס איז געווען אַ לעצטער אויפטויך פון אַ שיין, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַרלאָשן ווערן אין אים, אָדער ווי ער האָט שוין דעמלט געזאָגט, אַ שוואַנען ליד... באַלד נאָך פּסח איז מאיר גרוזני אַוועק צוריק קיין אָדעס, ער איז אַפילו קיין איין טאָג נישט געבליבן, ווייל ער האָט זיך נישט געפילט גוט. ער האָט געזאָגט יאַנקלען, אַז זיי האָבן ביידע געמאַכט אַ טעות מיט זיין קומען און אַז די עלטערן זיינע זיינען אויך נישט שולדיק. ער איז פּאָרט נישט זייער גאַסט און ער האָט זיי פּאָרט זייער גאַסט קיינמאָל נישט געבראַכט פון דער ישיבה. מאיר גרוזני האָט זיך אויסער זייער שטוב דווקא געפילט גוט אין קיליע און ער האָט אָנגעהויבן פּאַרפּירן אַ ראָמאַן מיט אַ שיין מיידל און ער האָט אויך געהאַט אַ פּערספּעקטיוו צו מאַכן אַ ספּעקטאַקל, אָבער אַזוי ווי צוליב ספירה האָט מען ביז נאָך שבועות נישט געטאָרט שפּילן קיין טעאַטער, האָט ער אַזוי לאַנג נישט געוואָלט וואַרטן, ווייל ס'איז אים געווען אומבאַקוועם. בלייבן ביי יאַנקלס עלטערן האָט ער זיך נישט געפילט באַרעכטיקט און זיך איבערציען ערגעץ אַנדערש האָט אויך נישט געפּאַסט. איז ער אַוועקגעפאָרן און ער איז געווען ברוגז אויף זיך אַליין און ער האָט געלאָזט אין זיין חבר אַ זייער מאָדנע טרויער צוליב דעם, וואָס די וועלט איז נישט אַזוי ווי זי האָט געדאַרפט זיין.

דער פרילינג האָט זיך אַלץ מער און מער צעבליט און ער האָט אָנגעהויבן קומען מיט אַלערליי פרוכטן, ווי גרינגע און ראָזעווע אַגרעסן, רויטע וויינפּערלעך, ווי קליינע פּינטלעך פון בלוט און דערנאָך האָבן אויך אָנגעהויבן קומען ראָזעווע, דורכזיכטיקע קאַרשן און רויט־שוואַרצע וויינשל. דאָס בערגל לעבן טייך און די שטילערע גאַסן זיינען פול געווען מיט שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך און יאַנקל האָט זיך שוין אויך גענומען צוטוליען צו אַ מיידל. אַ קיילעכדיקע איז זי געווען און אַ ווייסינקע ווי אַ פּאָמפּעשקע און זי האָט געהאַט אומשולדיקע בלויע קינדישע אייגעלעך, אַזוי ווי קאָרנבלימלעך. זי איז טאַקע געווען זיינעם אַ ווייטן קרובס אַ טעכטערל. זי האָט געהייסן האָדל, אָבער מען האָט זי שוין גערופן אָדעלאַ. דער דיין האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז צוליב דעם, וואָס מען גיט זיך גוייִשע נעמען און מען רעדט רוסיש, קומען אומגליקן אויף דער וועלט. דאָך האָבן די מיידלעך אין שטעטל נישט געוואָלט ריידן קיין יידיש, סיידן אויף אַ שפּאַס און זיי האָבן זיך נישט געוואָלט רופן מיט קיין יידישע נעמען. זי איז געווען נישט קיין קלוגע און האָדל האָט זי דאָך נישט געוואָלט ליידן, אַז מען זאָל זי רופן. זי איז געווען אַ זייער שיינינקע, אָבער יאַנקלען איז נישט אַרויס אַנושקאַ פון קאָפּ. ער האָט נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך איר און פון דעסט וועגן האָט אים דאָך געצויגן צו גיין שפּאַצירן מיט אָדעלאַן. ער האָט נישט נאָר געוואָלט גיין

מיט איר אַליין שפּאַצירן אין טונקלע גאַסן, נאָר ער האָט געוואָלט אויך זיין מיט איר אין געזעלשאַפט, כאָטש וואָס צו ריידן מיט איר האָט ער נישט גע־האַט. ער האָט דעמלט נישט אויפגעהערט צו שעפּטשען דאָס באַרימטע ליד היינעס וועגן דעם, וואָס אַ יינגל האָט ליב אַ מיידל און דאָס מיידל האָט אַן אַנדערן אויסגעקליבן און דער אַנדערער האָט ליב אַן אַנדערע און האָט זיך מיט יענער פאַרקנסט. דאָס מיידל האָט פאַר ערגערניש חתונה פאַר דעם ערשטן בעסטן מאַן, וואָס האָט זיך איר געטראָפן אין וועג... יאַנקל האָט גע־פילט, אַז אַנושקאַ וועט ערגעץ דאָרט אַ כלה ווערן און אים וועט זי אַזוי ווי אין ליד צעברעכן דאָס האַרץ אויף צוויי... ער האָט שפּאַצירט מיט אַדעלאַן און אויף די ליפּן האָט אים שטענדיק געשוועבט דער נאָמען אַנושקאַ און ער האָט אים געטאַנצט אין האַרצן. ער איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן גע־וואָרן אַקטיוו צו אַ מיידל, ער האָט זי געגלעט און ער האָט זי פריער גע־קושט ביי די הענט און דערנאָך האָט ער אויך צונויפגעגאָסן זיינע ליפּן מיט אירע און ער האָט זי געהאַלטן ביי די ברוסטן, וואָס זיינען געווען ווי האַרטע עפּעלעך. זי האָט זיך אים געלאָזט אַזוי נאָכגיביק און אירע אויגן פלעגן ווערן פול מיט טרערן און דאָך פול מיט שיין און פרייד. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָט זי ליב, כאָטש ער האָט נאָך אַלץ ליב געהאַט אַנושקאַן... און אפשר האָט ער זי שוין אויך ליב געהאַט. ער האָט געפילט, אַז נאָך דעם, וואָס ער קושט זי, טאָר ער נישט שווייגן און ער האָט איר אַ סך מאָל געזאָגט, אַז ער האָט זי ליב און זי האָט זיך דערמיט געפרייט און זי האָט דאָך געוויינט. זי האָט נישט געלייענט היינען און זי האָט נישט געוואוסט, אַז ער האָט געזאָגט „און ווען דו זאָגסט איך האָב דיך ליב, מוז איך ביטער וויינען“, דאָך האָט זי געוויינט פון זיינע ווערטער און זי האָט געזאָגט, אַז קיינמאָל האָט קיין יינגל זי נאָך אַזוי נישט געקושט. ער האָט זי אַ פּאָר מאָל גערופן „אַנושקאַ“ פאַרטראַכטערהייט און זי איז געווען צו יונג, אַז זי זאָל זיך עפּעס אָנשטויסן. זי האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט אומגליק און מיט טרויער. זי האָט גע־האַט איין און איינציקן ברודער, איז ער געשטאָרבן נישט לאַנג פון טובער־קולאָז, די מאַמע אירע איז געווען קראַנק אויף אַ ראַק און אַלע האָבן גע־וואוסט, אַז זי וועט שוין לאַנג נישט לעבן. זי איז געווען זייער נערוועז די מאַמע און האָט שטענדיק געשריגן און זיך געבייזערט. זיי זיינען געווען צוויי שוועסטער, איז די עלטערע שוין געווען אַ כלה און מען האָט זיך געאיילט מיט דער חתונה, מען האָט שוין געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל דערלעבן אַ נחת כאָטש אין איין קינד. האָט זיך די עלטערע שוועסטער אויפגעפירט ווי אַ כלה און די גאַנצע לאַסט פון דער שטוב איז געפאַלן אויף דער קלענערער. דער טאַטע איז אַליין אויך געווען קראַנק און מען האָט געוואוסט, אַז אויך ער וועט שוין לאַנג נישט לעבן. ער איז אַמאָל געווען רייך און איצטער איז ער געווען געפאַלן און ער האָט נישט געקענט האַלטן קיין דינסט אין שטוב.

אדעלאַ האָט געטאָן אַלע שווערע אַרבעטן און זי האָט געדאַרפט אַרומגיין אַרום דער קראַנקער נערוועזער מאַמע און אַריינכאַפּן פון איר אַלע קללות... און דאָך האָט זי געשיינט, ווען זי איז פאַרנאַכט אַרויסגעקומען אין גאַס אַריין און זי האָט באמת אויסגעזען ווי אַ בלימל און פון יעדן קוש יאַנקלס און פון יעדן גלעט האָט זי זיך צעבליט נאָך מער. און ער האָט זיך געפילט זייער געערגערט פון דעם, וואָס ער נאַרט זי אָפּ אויף העלפט, און וואָס ווײַנקיסטנס אַ העלפט פון זײַנע גלעטן און קושן זײַנען נישט פאַר איר...

אַ גאַנצן טאָג איז אונזער העלד געלעגן אין שטוב און ער האָט געלייענט. ער האָט געליגן ביכער ביי אַלע באַקענטע און ער האָט זיך אַבאָנירט אין דער איינציקער שטאָט־ביבליאָטעק, וואָס איז געווען און ער האָט געלייענט אָן איבערקלייב. ער האָט געלייענט די ביילאַגעס פון דעם זשורנאַל „ניוואָ“ פון אַ סך מאָדערנע רוסישע שריפטשטעלער און ער האָט געלייענט אַלטע ראָמאַ־נען, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן זייער זין און ווערט. ער האָט אויך געלייענט ראָמאַנען, וואָס זײַנען געווען איבערזעצט פון פראַנצויזיש און דייטש. זייער אַ סך ביכער האָט ער געלייענט נאָר צוליב דער מעשה אַליין און ער האָט געפיבערט צו וויסן מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן און ער האָט אַ סך מאָל געכאַפּט לייענען דעם סוף פאַר דער מיט, אַנדערע ביכער האָט געלייענט פאַ־וואָליע צוליב די געדאַנקען, וואָס ער האָט געפונען אין זיי און צוליב די בילדער און געפילן. אין שטאָט זײַנען געווען עטלעכע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס זײַנען נישט געווען סתם אַנגעלייענט, נאָר זיי האָבן געהאַט אַ פאַר־שטענדעניש פאַר ליטעראַטור און זיי האָבן אים געקענט דערקלערן דעם זין פון געוויסע ווערק, וואָס ער האָט געלייענט. עס איז געווען אַ יונגער רוסי־שער בחור, וואָס האָט געלערנט אין פּעטערבורג און ער האָט זיך געקליבן צו ווערן אַן אַקטיאָר און ער האָט געקענט זייער גוט ליטעראַטור, האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט יאַנקלען, ווײַל ער האָט געקענט פאַר אַ קליין ייִנגעלע מיט גרויסע פאות און ער האָט אים געהאָלפן לייענען טשעכאָוו און גאָרקין און ער האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דער ערשטער באַשרייבט די רוסישע מענטשן, וואָס גייען אַוועק און דער צווייטער באַשרייבט די רו־סישע מאַנטשן, וואָס קומען אויף. ער איז נישט געווען קיין סאָציאַליסט יענער בחור, אָבער ווען ער האָט דערקלערט ליטעראַטור, האָט ער דאָך געמוזט ריידן וועגן דעם, אַז אַלטע קלאַסן קומען אום אין רוסלאַנד און נייע קלאַסן קומען אויף. ער האָט געהערט, אַז יאַנקל האָט שוין באַלד געקענט זײַן אַ רב און ער האָט זיך גענומען לערנען רוסיש און ער וויל אַפילו ווערן אַ רוסישער שריי־בער און ער האָט אים געוואָלט העלפן, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז אַלע רו־סישע ייִדן קענען ווערן גוטע רוסישע מענטשן. יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער האַלט דאָך, אַז ייִדן וועלן בלײַבן ייִדן און רוסן וועלן בלײַבן רוסן, איז ער געוואָרן ברוגז און ער האָט זיך שוין דערנאָך ווייניקער אָפּגעגעבן מיט

אים און ווען ער האָט אים פון צייט צו צייט דאָך געזען, האָט ער אים נישט אויפגעהערט צו זאָגן, אַז ער האָפט, אַז ער וועט זיך אָפּלאָזן פון דעם יידישן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם... יאַנקל אַליין האָט אים שוין נישט געזוכט מער צו זען, כאָטש ער האָט פון אים אַ סך געלערנט צו פאַרשטיין ליטעראַטור און ס'איז אים געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן ווי אַזוי ער רעדט רוסיש; ער האָט זיך באַהאַלטן ביים טאַטן אין שטוב און ער איז אַריינגעקראָכן אין די ביכער אַריין אַזוי ווי אַ וואָרעם און ער האָט געלייענט. ער האָט אין משך פון אַ פּאָר וואָכן איבערגעלייענט בערג מיט ביכער. ער פלעג איבערלייענען צוויי און דריי ביכער אַ טאָג. דער טאַטע האָט אים נישט איין מאָל באַמערקט, אַז פון די מעשה ביכלעך, וואָס ער לייענט, וועט גאָרנישט אַרויסקומען און קעראָסין קאָסט געלט; בעסער וואָלט ער עפּעס גענומען לייענען, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ער האָט ווייטער געלייענט.

אין יענער צייט האָט יאַנקל אָנגעהויבן צו רויכערן. ער האָט פאַר זיך נישט געזען קיין מאָרגן, ער האָט זיך געפילט ווי אַ פאַרלוירענער ערגעץ אין אַ מיט, אָן אַן אָנהייב און אָן אַ סוף און עס האָט אים גענאָגט ביים האַרצן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די מאַמע קוקט אויף אים ווי אויף אַן אומגליק און דער טאַטע קוקט אויך אַזוי. די באָבע האָט אָפן געזאָגט, אַז זי ווייסט נישט, וואָס פון אים וועט ווערן, האָט אים שטענדיק גענאָגט ביים האַרצן און ער האָט אָנגעהויבן רויכערן. ער האָט געקויפט ביליקן טאַבאַק און ביליק ציגאַר־פּאַפּיר און ער האָט געראויכערט. אַ פּאַרטיקער פּאַפּיראָס אפילו פון דריי קאָפּיקעס אַ צענדליק איז ביי אים געווען אַ חלום, פון זעקס קאָפּיקעס אַ צענדליק האָט ער אפילו נישט געחלומט. פון צייט צו צייט האָט ער גענומען ביים פאָטער טאַבאַק פון ציגאַר־פּאַפּיר און דער פאָטער האָט זיך געמאַכט נישט ווויסנדיק. ער פלעג רויכערן אויך שבת. ער פלעג זיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל אין הויף, אָדער גאָר אין בית הכסא און דאָרט רויכערן. נישט אויף צו להכעיס האָט ער עס געטאָן, נאָר עס האָט אים גענאָגט און ער האָט שוין אַנדערש נישט געקענט. די מאַמע האָט געהאַט אַן אומגעהויערן חוש הריח און זי האָט נישט אויפגעהערט זאָגן, אַז זי פילט דעם ריח פון ברענענדיקן טיטון... דעם טאַטן האָט זיך נישט געגלויבט, אַז ער רויכערט, ער האָט נישט געוואָלט גלויבן, אָבער אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן ריידן, אַז ער רויכערט. ער איז אין אַ פרייטיק צו נאַכטס געווען ערגעץ צו גאַסט מיט אַ גרופּע יינגלעך און מיידלעך און דאָרט האָבן אייניקע גערויכערט, האָט ער אויך גערויכערט, איז געקומען איין יינגל דערציילן זיין מאַמען. ער פלעג אַמאָל אַריינקומען אויפן נייעם מאַרק אין דער אָפּטיילונג פון דער אַפּטייק, וואו עס האָט געאַרבעט אַ בחור, וואָס האָט געהייסן ניוניע בראָדסקי און מיט וועלכן ער איז געווען אַ חבר פון קינדווייז אָן, כאָטש יענער איז געווען אַ סך עלטער פון אים, האָט מען געזאָגט, אַז ער גייט אהין רוי־

כערן אום שבת. דער טאַטע האָט געליטן חרפות און בושות אין שטאָט און אַפילו דער פעטער נוח איז געקומען זאָגן, אַז מען רעדט צו שטאַרק וועגן זיין גוישקייט. עס איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די מאַמע האָט זיך צוגע־הערט צו זיין מויל, צי עס שמעקט מיט טאַבאַק. זי האָט דערפילט דעם ריח, אָבער זי האָט זיך געמאַכט, אַז זי פילט נישט. זי האָט אויף אים געקוקט טרויעריק און מיט פאַרדרוס, אָבער געזאָגט האָט זי, אַז ס'איז אַ בילבול... צווישן פיר אויגן האָט זי אים שפּעטער געזאָגט, אַז כאָטש ס'איז אמת, אַבי מען זאָגט און זי האָט אים אויך אַ שעפּטשע געטאָן, אַז ער וועט זיי ברענגען אויפן פייער — ער פאַרגעסט, אַז דער טאַטע איז אַ שוחט און ער לעבט פון קהל און קיליע איז דערוויייל נאָך אַ פרומע שטאָט... ער האָט זיך געפילט שולדיק און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און ער האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל געוואָלט גיין און אַריינוואַרפן זיך אין טייך אַריין און ער האָט זיך פאַרשיכורט מיט די ביכער און ער האָט זיך געשעמט צו ווייזן אין גאַס, ער האָט אַפילו מיט אַדעלאַן אויך זיך נישט געטראָפן.

עס האָבן שוין געפעלט נאָר אַ פּאָר וואָכן צו שבועות, ווען דער טאַטע האָט באַקומען אַ בריוו פון דעם קאַהולער רב, אַז מען דאַרף דאָרט אין שטעטל אַ לערער פון יידיש און פון רוסיש און ער האָט געהערט זאָגן, אַז זיין זון קען ב"ה ביידע. ס'איז פריער געווען אַזאַ לערער, אָבער ער איז געווען אַ צו שטאַרקער אפיקורס און ער איז געווען אַ מסית ומדיח און ער האָט זיך געגרייט אַראָפּצופירן זיינע תלמידים און דאָס גאַנצע שטעטל פון דרך הישר. דער רב האָט אויסגעדרוקט זיין האָפענונג, אַז אברהם שוחטס זון וועט נישט זוכן צו פאַרשפּרייטן קיין אפיקורסות ר"ל און ער וועט נאָר אין זינען האָבן פּרנסה, וואָס ער קען דאָרט, ווי אַ בחור, באַקומען בפה מלא. קאַהול איז גע־ווען אַ הונדערט ווייאָרסט פון קיליע און דער טאַטע האָט זיך גאָר דערפרייט, וואָס מען האָט זיין זון אַהין גערופן. ער איז געגאַנגען אָפּגעריסן און אָפּ־געשליסן און דער טאַטע איז געווען אַ בעל חוב איבער די אויערן. ער האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויסגעצאָלט פון מאַמציעס חתונה און פון דעם, וואָס ער האָט אָוועקגעשיקט די מיידלעך קיין אַרגענטינע און איצטער האָט ער זיך פאַרשולדיקט אויף דער דירה. ער האָט אויך נישט געוואָלט אויסגיבן קיין געלט אויף אַ קורצן „קוצעווייטיק" פאַרן זון, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער וועט דערמיט באַגיין אַ גרויסע זינד, וואָס ער וועט אים קויפן אַ קורץ רעקל, אָבער ער האָט דאָך געוואָלט, אַז ער זאָל גיין אָנגעטאָן ווי אַ מענטש. אים איז אויך געפעלן, אַז ער זאָל לערנען מיט קינדער, ווייל אַז ער וועט דאַרפן זיין אַ לערער, וועט ער זיך אַליין האַלטן ווי אַ מענטש. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז ער זאָל אויך נעמען פּראַווען דאָרט גויישע שטיק און רוי־כערן אום שבת און ער האָט צענדליקער מאָל פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים

געבן דאָס וואָרט און די האַנט, אַז ער וועט זיך דאָרט אויפפירן ווי אַ מענטש און ווי אַ ייד און ער וועט נישט רויכערן אום שבת. און נאָך דעם, וואָס ער האָט אים דאָס אַלצדינג צוגעזאָגט, האָט ער אָוועקגעשריבן אַ בריוו צום רב, אַז ער זאָל אים אַרויסשיקן אויף הוצאות און ס'איז אָנגעקומען גאַנצע צען רובל. יאַנקל האָט געהאַט נישט נאָר אויף דער רייזע, נאָר אויך אויף אַ טו־זשורקע פאַר דריי רובל, וואָס מאיר יונה שניידער האָט אים געמאַכט אויף גיך. דער דאָזיקער שניידער איז געווען אַ טויבער און ער האָט שטענדיק גע־שמייכלט, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז מען רעדט צו אים און ער הערט נישט. ער האָט געהאַט אַ גרויסע האַלב טונקעלע באָרד און אַ צאַרט ווייך פּנים ווי אַ פרוי. אויך אַ קול האָט ער געהאַט פון אַ פרוי. ער איז געווען אַ ציוניסט, כאָטש ער איז געווען אַ פרומער ייד. אין קיליע האָט מען געוואוסט, אַז יע־דער ציוניסט מוז זיין אַן אַפּיקורס, אַלי חיים דער דיין האָט אַמאָל געזאָגט, אַז איידער צו גיבן אויף ציוניזם, איז בעסער צו גיבן אויף אַ תיפלה (קלויס־טער) און פון דעסט וועגן זיינען די צוויי הייסטע ציוניסטן אין שטעטל גע־ווען פרומע יידן, איינער איז געווען טאַקע דער דערמאָנטער שניידער און דער צווייטער — אַ ייד, וואָס האָט געהאַט אַ „גאַלאַנטעריינע" קראָם און ער האָט געהייסן גדליה באַראַנאָווסקי. אויך דער קרעמער האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד און אַ צאַרט ווייבעריש פּנים מיט אַ דין ווייבעריש קול. ביידע זיינען נישט געווען קיין גרויסע לומדים און ביידע האָבן ליב געהאַט צו וואַרפן מיט פּסוקים און דער הויפּט־אַרגומענט איז בייביידן געווען, וואָס מיר זאָגן דריי מאָל אין טאָג אין דאַווענען „ותחזינה עינינו בשובך לציון" (אונזערע אויגן זאָלן זען, ווי דו קערסט זיך אום קיין ציון). מאיר יונה האָט געהאַלטן פון יאַנקלען, ווייל ער איז געווען אַ ציוניסט און ער האָט דערפאַר זיך גע־איילט אים צו מאַכן די טוזשורקע, כאָטש ער האָט געהאַט אַ סך „ספּעש־קעס". ער האָט אָוועקגעלייגט אַנדערע אַרבעט און ער האָט זיך גענומען צו יאַנקלס רעקל, ווייל ער האַלט פון ציון. דער טאַטע האָט געלאַכט פון דעם שניידער און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז טאַקע אַ יגיע כפּימניק, אָבער ער איז אַן עם הארץ און ער קען נישט וויסן, וואָס מען מען און וואָס מען טאָר נישט...

דאָס אָוועקפאָרן איז פאַר יאַנקלען געווען אַ גרויסע פרייד. ער האָט געוואוסט, אַז ער נעמט אַראָפּ אַ שווערן יאָך פון טאַטע־מאַמעס האַלז און ער האָט זיך געפילט גוט, וואָס ער וועט ווערן אַ „סאַמאָסטאָיאַטעלני" (זעלבסטשטענדיקער) און ער וועט נישט דאַרפן בעטן ביי דער ברוגזער מאַ־מע אַ פּאָר קאָפּיקעס אויף אַ פּעקל טיטון און ער וועט נישט מוזן דאַווענען לענגער אַביסל, ווייל די באָבע קוקט. אָבער טרויעריק איז אים אויך געווען פון דעם אָוועקפאָרן. ער האָט שוין געבענקט נאָך אָדעלאַן, כאָטש ער האָט, דאַכט זיך, נאָר נישט זי געמיינט, נאָר — אַנושקאַן. ער האָט שוין אַביסל זי

אויך געמיינט און ס'איז אים געווען גוט ביז געווייַן צו אַרומגיין מיט איר, אַמאָל אויפֿן „בערגל" און אַמאָל לעבן איר טאַטנס שטוב אין אַ ליידיקן הויף. ווען אַדעלאַ האָט געהערט, אַז ער פֿאָרט אַוועק, האָט זי שוין אָנגעהויבן וויינען, זי האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו אים, אַז איר האָט זיך געדאַכט, אַז אָן אים וועט זי שוין נישט קענען לעבן. אַ גאַנצן טאָג האָט זי שווער געהאָרעוועט אין שטוב און ס'איז איר געווען וויסט און פֿינצטער און טרויעריק. איר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זעט דעם געשטאָרבענעם ברודער פֿאַר די אויגן און זי האָט געזען ווי די מאַמע שטאַרבט. וויפֿל מאָל זי איז געבליבן אַליין מיט דער מאַמען, האָט זי זיך געשראָקן, אַז זי שטאַרבט שוין. און דער טאַטע אירער האָט אויך אויסגעזען, אַז אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין און איר איינציקער חלום און גליק איז געווען דאָס אַרויסגיין פֿאַרנאַכט און זיך טרעפֿן מיט אים אין דער פֿינצטער און זיך קושן און זען — די ליכטיקע שייַן און האָפֿן און גלויבן. די לעצטע צייַט איז איר צוגעקומען אַ נייַ אומגליק: מען האָט איר גערעדט אַ שידוך. פֿון אַ דאָרף האָט מען איר גערעדט אַ בחור און ער איז איר נישט געפֿעלן. דער טאַטע אַליין האָט מודה געווען, אַז זי איז ווערט אַ בעסערן חתן. זי איז דאָך אַזאַ שיין מיידל, זי איז אפֿשר דאָס שענסטע מיידל אין קיליע, אָבער וואָס זאָל ער טאָן, אַז גאָט האָט אים געשטראָפֿט און ער האָט נישט אויף קיין נדן? די בעסערע בחורים ווילן נדן...

זי האָט געוואוסט, אַז יאַנקל קען נישט ווערן איר חתן און ער קען איצטער נישט ריידן וועגן חתונה האָבן, ווייַל ער ווייסט נישט וואו ער איז אין דער וועלט, אָבער איר איז גוט מיט אים אַזוי אויך. ער איז אַזאַ איידלער און יענער פֿון דאָרף איז אַזאַ פּראָסטער. עס שמעקט פֿון אים מיט פֿעל און ער רעדט אַ רוסיש ווי אַ שגץ... זי וואָלט אפֿילו גרינגער געוואָרן אַ כלה פֿאַר אים, ווען יאַנקל וואָלט געבליבן, זי וואָלט סיי ווי אַרויסגעקומען צו אים, כאָטש זיי וואָלטן זיך געדאַרפֿט מער באַהאַלטן. די מאַמע האַלט אין איין ריידן איבער איר, אַז זי זאָל אַ כלה ווערן, זי זאָגט איר: „איך ווייס, אַז דייַן חתונה וועל איך שוין נישט דערלעבן, לאָמיך כאָטש דערלעבן דייַנע תנאים, לאָמיך זען דייַן חתן, וועט מיר גרינגער זייַן צו פֿאַרמאַכן די אויגן"... און זי האָט געוויינט, אַדעלאַ, גלייַך זי וואָלט געווען די קראַנקע מאַמע אירע און יאַנקל האָט אויך געוויינט. עס האָט אים געשניטן בייַם האַרצן און ער האָט איר מיט גאָרנישט געקענט העלפֿן. ער האָט זיך נישט אויפֿגעהערט פֿרעגן פֿאַרוואָס דאָס לעבן איז געמאַכט אַזוי שלעכט, אַז איין מענטש זאָל דעם צווייטן נישט קענען העלפֿן...

און יאַנקל איז אַוועקגעפֿאָרן מיט אַ צעריסן האַרץ. טאַטע און מאַמע און דער ברודער לייבעלע זייַנען געווען בייַ דער שיף און דאָס געזעגנען זיך איז געווען אַ סך וויינִיקער טרויעריק, ווי דאָס באַגעגנען זיך בייַם אָנקומען פֿון אַדעס. און אויך אַדעלאַ איז געווען בייַם שיף. זי האָט זיך געדרייט אַרום און אַרום

און געבלאָנדזשעט אומרואיק מיט די בליקן און איז סוף כל סוף צוגעקומען צו זיי. זי האָט דערציילט אַ מעשה, אַז זי האָט געבראַכט אַ בריוו, וואָס דער טאַטע אירער דאַרף איבערשיקן קיין איזמאַיל, זי האָט גאָרנישט געוואוסט, האָט זי געזאָגט, אַז יאַנקל פאָרט... די מאַמע האָט זיך ביי איר נאָכגעפרעגט, וואָס איר מאַמע טוט און זי האָט געפונען אַ געלעגנהייט צו לאָזן אַ טרער, נאָך דעם, וואָס זי האָט געענטפערט, אַז זייער נישט גוט. און אַז זי האָט שוין אָנגעהויבן וויינען, האָט זי שוין געוויינט און די מאַמע האָט איר אונטערגעהאָלפן. יאַנקל האָט געפילט, אַז די מאַמע וויינט נישט אויף אַדעלאַס צרות, נאָר אויף דעם, וואָס ער פאָרט אַוועק און אַדעלאַ אַליין וויינט אויך נישט וועגן דעם, וואָס די מאַמע אירע איז קראַנק, נאָר וואָס ער פאָרט אַוועק... אַמאָל פלעג ער מורא האָבן צו זאָגן אַ ליגן און ער איז געווען זיכער, אַז גאָט וועט שטאַרק שטראָפן פאַר זאָגן אַ ליגן און איצטער זעט ער, אַז צום מערסטן זאָגן די מענטשן ליגן און דעם אמת זאָגן זיי אַזוי זעלטן. און ערשט קען מען נישט וויסן, וואָס ס'איז מער ליגן — דער אמת, צי דער ליגן... אַדעלאַ האָט געהאַלטן אין איין זאָגן ליגן, זי איז נישט געקומען צוליב קיין בריוו און זי האָט נישט געוויינט צוליב איר מאַמע און פון דעסט וועגן איז זי געווען בלויז אמת, זי האָט איצטער געהאַט איין געפיל, וואָס איז געווען דער איינציקער אמת פון איר לעבן, אָבער זי האָט אים געמוזט באַהאַלטן. יאַנקל האָט זיך געקושט מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען און מיט דעם ברודערל און ער האָט געפילט דעם געזאַלצענעם טעם פון טרערן ביים טאַטן און ביי דער מאַמען און דאָס צאַפּלענדיקע געפיל פון ברודערל; אַדעלאַן האָט ער קוים געגעבן די האַנט. צוריק מיט אַ יאָר וואָלט ער איר די האַנט אויך נישט געגיבן, מען טאָר זיך דאָך נישט צורירן צו אַ פרעמדער „נקבה"... דער טאַטע האָט נאָך איצטער אַוועקגעקוקט אַ פאַרשעמטער אין דער זייט אַריין, בכדי ער זאָל נישט זען אין גאַנצן, ווי זיין זון גיט די האַנט אַ פרעמד מיידל. און ווען יאַנקל האָט געקושט דעם טאַטן מיט דער מאַמען מיט דעם ברודערל, האָט ער אַ היפש ביסל געטראַכט צו אַדעלאַן און אַפילו אין דעם ריח פון טאַטנס פאַררויכערטע ליפּן האָט ער געפילט דעם ריח פון אירע ליפּן. איצטער שוין נאָר פון אירע ליפּן, אין אַנושקאַן האָט ער שוין אָנגעהויבן פאַרגעסן. אַנושקאַ האָט דאָך נישט געליטן אַזויפיל וויפל אַדעלאַ. יענע איז דאָך געווען הוילע גליק און די דאָזיקע איז געווען נעבעך הוילע אומגליק און פון דעסט וועגן האָט געצאַפּלט פון איר מיט אַזויפיל האָפנונג און מיט אַזויפיל פרייד. און ווען די שיף איז אַוועקגעגאַנגען, האָט יאַנקל דערפילט, אַז מיט אים פאַסירט צום ערשטן מאָל עפעס אַזוינס, וואָס עס געשעט אין ראָמאַנען. ווען ער אָלט נישט געווען קיין... ייד, וואָלט ער איצטער געכאַפּט אַדעלאַן און זי באַפרייט פון אַלע צרות און פון חתן דעם דאָרפס בחור און ער וואָלט אַוועק מיט איר...

קאפיטל זיבן

ווי אין א ראמאן און אין א מעלאדראמע

איזמאיל איז יאנקל דורכגעלאפן. א נאכטמאל האט ער געגעסן ביי דער מומע ליבע און איבערגענעכטיקט און געפארן ווייטער. די שטאט איז ווי גע־ווארן א האלבע פאר אים. דער פעטער אלי מיט דער גאנצער מישפחה איז שוין געווען אין אמעריקע און די מומע ליבע איז שוין געווען אן אלמנה. דער ביזער פעטער האט שוין נישט געזאגט קיין קאפיטל ישעיה. און די אלטע שווענגערן דער מומעס מיט דעם הויקער איז שוין אויך געווען אן אנדער מענטש. זי איז פאר די פאר יאר פארעלטערט געווארן אזוי שטארק, אז עס איז שוין שווער געווען זי צו דערקענען. זי האט שוין קיין שמייכל נישט גע־קענט טאן. אין מארק האט זי שוין קיין כוח נישט געהאט צו זיצן, פארדי־נען האט זי שוין נישט געקענט העלפן, האט מען זי געהאלטן ווי אן איבערי־קע און זי האט זיך אליין געפילט ווי א הונט. זי האט געזאגט יאנקלען: „אז א מענטש קען שוין נישט פארדינען, טויג ער נישט. דאס עסן, וואס מען ווארפט מיר צו אזוי ווי א הונט, ווארגט מיך. און איך בין נאך א נארישע יידענע און איך האב מורא אויסצושטרעקן די האנט צו זיך אליין. איך וואלט געקענט מאכן איין מאל „כיק” מיט א מעסער און עס וואלט געווען אויס, אבער איך האב נאך מורא פאר גאט, כאטש מען זאגט, אז דו האסט שוין פאר אים קיין מורא נישט...” יאנקל האט זיך דערמאנט ווי אזוי די דאזיקע הויקערדיקע אלטע איז אמאל געווען געהויכט און געקרוינט אין דער דאזי־קער שטוב, וואו מען האט איר פשוט אפגעבלאזן דאס פלאץ און ס'איז אים געווארן קאלט. ער האט געפילט, אז מיט דער באבע מיט זיינער קומט פאר די זעלביקע זאך. אמאל איז זי געווען די געהויבענע באבע דבורה, וואס האט געקענט קויפן א מתנה און היינט ווארפט מען זיך מיט איר און ווער עס גלויבט אין גאט, באליידיקט זי... ער האט זיך דערמאנט, ווי אזוי אסתר רחל קאמינסקא שפילט מירעלע אפרת און אים האט זיך געדאכט, אז סיי זיין מומעס הויקערדיקע שווענגערן, סיי זיין שיינע באבע דבורה זאגן מיט אזא טיפן קרעכץ ווי יענע אקטריסע: „אוי, באו מים עד נפש”... די יונגע אדעלא לעבט איבער א טראגעדיע און די אלטע מארק־זיצערן לעבט איבער א טרא־

געדיע... דאָס לעבן הייבט זיך אָן מיט אַ טראַגעדיע און עס ענדיקט זיך מיט אַ טראַגעדיע און — וואָס איז אין דער מיט?

אַ טרויעריקער איז ער אַוועק פון איזמאַיל און ער איז אַזוי דורכגעלאָפן איבער אַ שטאָט, וואָס האָט געהייסן באָלגראַד און אין וועלכער ער איז קיינמאָל נישט געווען, כאָטש דאָרט האָבן געוואוינט אייניקע קרובים זיינע און די לעצטע צייט האָט דאָרט געוואוינט דעם פעטער אליס עלטסטער זון בערל, וואָס האָט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר חתונה געהאַט און ער האָט שוין געהאַט צוויי קליינע מיידעלעך מיט טונקלע קעפּעלעך, וואָס זיינען אַרומגעקראָכן און אַרומגעלאָפן און געוויינט און גערעדט און פול געמאַכט די שטוב. די שטאָט באָלגראַד איז פול געווע מיט בולגאַרן און מיט יידן און צווישן די ביידע האָט געהערשט אַן אידיליע, די יידישע גבירים האָבן זיך געהאַלטן גוט מיט די בולגאַרישע גבירים און די יידישע אָרימעלייט האָבן זיך פאַרהאַלטן גוט מיט די בולגאַרישע אָרימעלייט. די בולגאַרן האָבן געהאַט אַ שם פון נאַראָנים, מען האָט זיי אַזש גערופן „לעמער" און זיי האָבן זיך ליב געהאַט צו חכמהנען און זיי האָבן איבערהויפּט ליב געהאַט צו פרעגן רעטענישן. זיי פלעגן אָפּשטעלן אַ יידן און זיי פלעגן אים זאָגן: „דו ביזט דאָך אַ „טשיפּוטין" (ייד), ביזטו דאָך אַ קלוגער מאַן, זאָג זשע מיר, וואָס איז דער חילוק צווישן...?" צום מערסטן זיינען זייערע רעטענישן געווען צווייִדייטיקע, אָדער גאָר סתם שמוציק־פּאָרנאָגראַפישע. די באָלגראַדער יידן האָבן נאָכגעטאָן די שכנים זייערע און זיי האָבן די זאַכן גענומען לייכט און מיט אַ פּראָסטן שמייכל. אויך יאַנקלס שוועסטערקינד בערל איז געוואָרן אַ באָלגראַדער און ער האָט נישט געקרעכצט און נישט געוויינט אויף גלות־השכינה און ער האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען און לאַכן און מאַכן חכמהס מיטן ווייב. ער פלעג זי אַלעמאָל צורופן, גלייך ער וואָלט זי געדאַרפט נויטיק האָבן און ער האָט איר געזאָגט אַ פּראָסט וואָרט, אָדער געפרעגט אַ נאַריש רעטעניש, וואָס ער האָט אָקאָרשט געהערט פון אַ בולגאַר. יאַנקלען איז גרינגער געוואָרן אויפן הארצן ביים שוועסטערקינד אין שטוב, נאָך דעם, וואָס ביי דער מומע ליבע איז אים געוואָרן אַזוי שווער. נישט פאַר יעדן, האָט ער זיך געזאָגט, איז דאָס לעבן אַ טראַגעדיע. זיין שוועסטערקינד האָט געהאַנדלט מיט תבואה און אַלעמאָל איז צו אים געקומען אַן אַנדער בולגאַר מיט אַ פורל. די בולגאַרן זיינען געווען זייער באַריידעוודיק און ווען בערל האָט זיי נאָך געזאָגט, אַז יאַנקל איז שיעור נישט געוואָרן קיין ראַבין, האָבן זיי שוין גאָר גערעדט מיט אים און זיי האָבן געוואָלט וויסן ביי אים דעם חילוק צווישן יידישן און גויישן גאָט. איין בולגאַר האָט דערציילט, אַז ביי זיי אין דאָרף איז געווען אַ פּאַסטוך, איז ער געווען אַ זייער פּראָסטער בחור און וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געקענט. ער פלעג זיצן אויף דער לאָנקע און פּאַשען די שאָף און זינגען אַ ליד און די גאַנצע וועלט איז געווען זיינע — דער

הימל און די ערד און דער טייך. ער האָט געקענט נעמען און אויפשפּרייטן זיין „קאַפּראַנקע" (לייבל) איבערן טייך און אים אַריבערגיין, אַזוי ווי מען גייט אַריבער אַ לאַנקע. אין קלויסטער אַריין איז ער נישט געגאַנגען און קיין תּפילות האָט ער נישט געקענט. אַז ער האָט געדאַרפט, האָט ער געבעטן גאָט מיט אייגענע ווערטער. איינמאָל האָט דער גלח זיך דערוואוסט וועגן אים און ער איז געגאַנגען צו אים און אים גענומען לערנען „אונזער פאָטער" און די אַנדערע תּפילות. ער האָט געהאַט אַ שווערן קאָפּ און ער האָט זיי נישט גרינג געכאַפּט, אָבער ער האָט זיי דאָך אויסגעלערנט, איז דעמאָלט גע־וואָרן דער הימל נישט זיינער און נישט די ערד און נישט דער טייך. ער האָט געדאַרפט אַריבערגיין דעם טייך, האָט ער, ווי שטענדיק, אויפגעשפּרייט די קאַפּרינקע, אָבער אַנשטאָט צו זאָגן די אייגענע געבעטן, האָט ער געזאָגט דעם גלחס און ער איז דערטרונקען געוואָרן. ער האָט געשריגן און גערופן און קיינער האָט אים נישט געהערט און ער איז אַראָפּ צום גרונט. און דער בול־גאַר האָט ביים פאַרענדיקן די מעשה צוגעגיבן, אַז אַ מענטש דאַרף בעטן גאָט מיט זיינע אייגענע ווערטער, נישט מיט קיין פרעמדע. און גיין דאַרף ער אויך מיט אַן אייגענעם וועג, נישט קיין פרעמדן, ווייל דער גלח איז אַ טייוול מיט צעפּ... יאַנקל האָט געקלערט, אַז די יידישע מעשהס זיינען צום מערסטן פאַרקערטע. אַפילו די חסידישע מעשהס. וואָס ווילן שוין דערוויזן, אַז דער עיקר איז די אויפריכטיקייט, ווייזן אויך, אַז די מופתים באַווייזט דער רבי. נאָר איין מעשה האָט ער געהערט וועגן דעם, אַז אַ יידישער דאָרפס־יינג, אויך אַ פּאַסטוך, האָט מיט אַן אייגענעם פייף אויפגעטאָן מער ווי אַלע יידן מיט די תּפילות...

מיט אַ לייכטערן געמיט ווי פון איזמאַיל איז יאַנקל אַוועקגעפאָרן פון באַלגראַד. ער איז געזעסן אויף דעם פורל און ס'האָט אים געטרייסלט און ער האָט געקוקט אויף די גלייכע בעסאַראַבישע סטעפּעס. צווישן וועלכע עס זיי־נען געלאָפן מיט אַ פריילעך געזאַנג זשומענדיקע ריטשקעס און אים האָט אויסגעזען זייער שיין די וועלט. דער וועג האָט זיך געדרייט קרום־קיילעכ־דיק און מען האָט קיינמאָל נישט געקענט זען, וואָס עס קומט מיט אַ שפּאַן ווייטער. פון ביידע זייטן וועג זיינען געשטאַנען ביימער. צום מערסטן זיינען געווען ווערבעס און טאָפּאָלן, די ווערבעס זיינען געווען צעשויבערטע און זיי האָבן געוואָרפן די צווייגן אין דער ברייט און אַראָפּ און זיי האָבן עפּעס אי געוויינט, אי געזונגען. די טאָפּאָליען האָבן אויפגעהויבן די צווייגן אַרויף, אַרויף און זיי האָבן זיי צונויפגעדרוקט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען הענט, וואָס פאַרשטעלן אַ פּנים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די טאָפּאָליען וויינען נישט און זינגען נישט, נאָר זיי בעטן צום אויבן. עס האָבן אַרומ־געשפּרונגען קריליקלעך און האָזן אין פעלד. וויפל מאָל עס האָט זיך באַוויזן אַ האָזל, האָט דער בעל עגלה אויסגעדרייט דעם וואָגן, ווייל ער האָט מורא

געהאַט פאַר דעם שלימזל, וואָס די שרעקעוודיקע חיהלעך ברענגען. די פייגעלעך האָבן אָנגעפילט די לופט מיט אַ געפּלאַפּל און די גרינע זאַנגען פון די פעלדער האָבן, דאַכט זיך, אויך געפּלאַפּלט. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואָלט געדאַרפט אַראָפּ פון וואָגן און בלייבן אין פעלד, אַזוי ווי דער בעל שם איז אַמאָל געבליבן אין די בערג. ער וועט שוין דאָ געפינען וואָס צו עסן און וואו צו רוען, ער וועט עסן דאָס זעלביקע, וואָס די פייגל און די קריליקלעך און די האָזן עסן און שלאָפן וועט ער אין אָפענעם פעלד. און אָט מיט די נאַרישע געדאַנקען איז ער אָנגעקומען אין שטעטל אַריין. ביים סאַמע אָנקומען האָט ער נאָך געזען צוויי הויכע טאָפּאָליעס, וואָס האָבן געהאַט קעפּ, ווי טעפּ. דאָס שטעטל האָט נישט אויסגעזען אַנדערש ווי באַלגראַד, די גאַסן זיינען נאָר געווען אַביסל שמעלער. בלאָטיק זיינען ביידע געווען אַלציינס. קיין בולגאַרן זיינען נישט געווען אין קאַהול, צום מערסטן זיינען געווען מאָלדאַוואַנעס. ער האָט זייער שפּראַך נישט פאַרשטאַנען, כאָטש ער האָט פון קינדוויַיז אָן געהערט מאָלדאַוואַנעס ריידן. זייער זינגען איז אים פון שטענדיק אָן געווען געפעלן, עס האָט זיך געצויגן און געדריידלט אַזוי ווי דאָס געזאַנג פון שול. ווען ער האָט געהערט מאָלדאַוואַנעס זינגען, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער הערט בענטשן „גשם", אָדער „טל" אין שול, אָדער ער הערט זינגען „כי הנה כחומר"...

צוגעפאָרן איז יאַנקל צום רב, וואָס ער איז געווען אַ יונגער מענטש. ער איז געווען אַ קעשענעווער שוחטס אַן איידעם און יאַנקל האָט אים אַ סך מאָל געזען, ווען ער האָט געלערנט אין דער ישיבה. עס איז אים נמאס געוואָרן צו זיצן און עסן קעסט אין קעשענעוו און ער איז געוואָרן רב אין קליינעם שטעטל, כאָטש דאָס ווייב האָט עס נישט געוואָלט. דאָס ווייב איז געווען גרויסשטאָטיש, זי האָט געטראָגן אַ פּאַרוק, אָבער זי האָט זיך די האָר נישט אָפּגעשוירן און זי האָט צונויפגעדרייט אירע האָר אין איינעם מיט די האָר פון שייטל און ס'האָט אין גאַנצן אויסגעזען גלייך זי טראָגט אייגענע האָר. זי האָט געחלומט וועגן אַן אַנדער לעבן, זי האָט אַפילו, האָט זי געזאָגט, געקענט ריידן „פּראַווילנאַ" (ריכטיק) רוסיש. דער רב איז געווען צופרידן מיטן שטעטל; בעסער, האָט ער געזאָגט, ווי צו עסן קעסט און גאָרנישט טאָן. דאָ קומט מען פאָרט פרעגן אַ שאלה ביי אים אויף אַ פּופּיק און אויף אַ טאָפּ מיט אַ לעפל און אַמאָל אויף נאָך עפּעס... ווען ער האָט געזאָגט „אויף נאָך עפּעס", האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און די יונגע רביצין איז רויט געוואָרן. געדונגען האָט דער רב פאַר יאַנקלען אַ קוואַרטירע ביי אַ יידן אַ קירזשנער, וואָס איז אויך געווען אַ קעשענעווער. ער האָט געהערט, אַז עס קומט אַ לערער, האָט ער געבעטן, אַז מען זאָל אים טאָן אַ טובה און אים נאַרייען דעם דאָזיקן לערער, ווייל פון קירזשנעריי אַליין איז נישטאָ קיין חלה אויף קיין המוציא.

דער קירזשנער איז געווען א רויט יידל מיט לאנגע פאות און מיט א קורץ רעקל. ער האט אויסגעזען ווי א יינגל, וועלכן מען האט צוגעקלעפט א בערדל. דאס ווייב האט געטראגן א גרויסן פארוק און עס האט זיך געדאכט, אז זי טראגט א קוטשמע. זיי האבן אפגעטראטן דעם יונגען לערער א גרויס צימער ווי א וואלד און זיי האבן אים געהייסן אריינלייגן אהין די זאכן זיי־נע, אבער ער האט כמעט נישט געהאט וואס צו אריינלייגן. ער האט געהאט אביסל וועש, אן אלטע פאר שטיוולעטן און די עטלעכע ביכער, פון וועלכע ער האט אליין געלערנט דעם קורס פון גימנאזיע. דער רב האט זיך שוין גע־האט באדונגען און ער האט געגיבן צוועלף קערבלעך א חודש פאר קעסט און קוואַרטיר. די קירזשנערקע האט געזאגט, אז דאס איז אומזיסט, אבער זי ווייסט, אז ער איז אליין אן ארים יינגל, וואס דארף לערנען און זי וויל אים נישט באַרייסן. דער קירזשנער האט שוין געוואוסט וויפל קינדער עס וועלן קומען צו אים אהיים לערנען און צו וויפל ער וועט דארפן אהיימגיין און ער האט געמאכט א חשבון, אז ער וועט פארדינען אפשר דרייסיק קערבלעך א חודש. חוץ קעסט און קוואַרטיר האט אים שוין נישט אויף וואס אוועקצוגיין. אויף רויכערן דארט אפשר א האלבן רובל און אמאל אויף א פאסטמארקע פאר א בריוו אהיים און ער האט דערוויזן, אז ער וועט ווערן א גאנצער גביר אין עטלעכע חדשים. ער וועט אפשפארן געלט. אט איז ער אליין שוין עלטער פון אים קיין עין הרע און ער איז א בעל מלאכה און ער האט א ווייב מיט א קינד און דאס צווייטע גרייט זיך שוין אויך צו קומען און ער ארבעט שווער און ביטער און ער פארקויפט נישט נאר קוטשמעס און היטלען, נאר ער האנדלט צו מיט פעלעכלעך אויך. ער מאכט יידישע היטלען אויך פאר ליע־ווע, ווייל עס איז דארט נישטא קיין יידישער קירזשנער און פון דעסט וועגן פארדינט ער נישט קיין דרייסיק קערבלעך א חודש און ווייניקער אויך נישט. ווען ער וואלט פארדינט דרייסיק קערבלעך א חודש, וואלט ער שוין היינט געווען א גביר, ווייל דאס ווייב זיינס האט גאלדענע הענט און זי איז די גרעסטע בריה, וואס ער האט געזען און זי טוט אלצדינג אליין. פון קאכן און באקן איז אפגערעדט, אבער נייען קען זי אויך אלצדינג. נאר וואס זי גייט אים נישט קיין רעקל און קיין קאפאטע אויף שבת, דאס איבעריקע נייט זי אליין און אז זי וואשט אוים אן אויבערשט העמד, שיינט עס.

יאנקל האט זיך באלד דערוואוסט, אז ער וועט האבן מערער לשון קודשדיקע „אורקן”, ווי רוסישע, ווייל די מערסטע קינדער גייען אין „שקאלע” אריין און בײ אים וועלן זיי לערנען העברעאיש, ווייל זיי זיינען, האט דער באלעבאס זיינער אים געזאגט, אלע ציוניסטן און גרויסע גויים. קיין שבת איז ביי זיי קיין שבת נישט און קיין יידישקייט איז קיין יידישקייט נישט. אין קעשענעוו ווייסט מען, האט ער ווייטער געזאגט, אז א ציוניסט און משומד זיינען אלצייגנס און אין קאהול זיינען די שענסטע באלעבאטים

ציוניסטן. דער גבאי פון דער שול אַפילו איז אַ ציוניסט. דער רב האָט דאָ מורא פאַר די ציוניסטן און ער זאָגט קעגן זיי נישט קיין איין וואָרט. אַ סברא, אַז ליעווע איז אין דעם שולדיק. ליעווע און קאַהול זיינען ווי אַ שטוב מיט אַן אַלקער. אין ליעווע איז דאָ דער טייך, דער פּרוט, און אין קאַהול איז קיין טייך נישט, פאַרט מען קיין קאַהול צוליב אַ גט און אַמאָל פאָרט מען אַהין פּשוט זיך באָדן אום זומער. און צוליב געשעפט פאָרט מען אויך אַהין. מען פירט אַהין תבואה און האָלץ פאַר פּאַראָמען, וואָס מען שיקט אַוועק און ליעווע איז נישט ווייט פון דער גרעניץ אויך. פון יענער זייט ליעווע איז פאַראַן אַ רומעניש שטעטל, פירט מען דאָרט קאָנטראַבאַנדע. און ליעווע איז גוייש נאָך פון אַמאָל. עס איז דאָרט אַמאָל געווען אַ מעשה מיט אַ רבין, וואָס האָט זיך שיעור נישט געשמדט. אַ גרויסער רבי איז ער געווען, דעם ריזשינערס אַ זון, אַ קליניקייט! מען זאָגט, אַז ער האָט געוואָלט ברייגען משיחן פאַר דער צייט און ער איז ניכשל געוואָרן. דער קירזשנער איז געווען זיכער, אַז יאַנקל האָט געהערט וועגן דעם דאָזיקן רבין. און יאַנקל האָט טאַקע אַמאָל געהערט, אָבער ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין קלאָר. דער טאַטע האָט דערמאָנט דעם ליעווער רבין, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליינער און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען נאָך נישט פאַרשטיין, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, ווייל ער איז נאָך זייער אַ קליינער. אין קעשענעוו האָט ער געהערט באַלד ביים אָנקומען ריידן ביי אלי קיליער אין שטוב וועגן ליעווער און ער האָט נישט גוט פאַרשטאַנען. עס האָט גערעדט ר׳ נחמן האַלפּערן, וואָס איז געווען דער עלטסטער פון די בוהושער חסידים און ער האָט גערעדט אַזוי שטיל און אַזוי טיף, אַז ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס יענער מיינט. ווען ער האָט אַמאָל געפרעגט ביי זיידלען פון דעם ארץ ישראל געלט, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט דעם ליעווער רבין, האָט יענער אים געזאָגט, אַז ווען ער וועט עלטער ווערן און ער וועט פאָרן קיין בוהוש, וועלן אים דאָרט די אַלטע יושבים דערציילן. פון דעם קירזשנערס ווערטער האָט ער זיך איצטער דערוואוסט, אַז דער רבי האָט אום יום כיפור צו כל נידרי אָנגעכאַפּט אַ לייכטער אין שול און דערנאָך איז ער אַנטלאָפן אין איינעם מיט אַ פּריץ און מיט זיין טאָכטער און ער האָט זיך שוין געוואָלט שמדן און עס איז געקומען אַ גרויסער צאָרן אויף די יידן. און דעם ריזשינערס אַלע זין האָבן תפילה געטאָן און גאָט ברוך הוא האָט אים צוריק אַרויפגעפירט אויף דעם ריכטיקן וועג. אין ליעווע, האָט דער קירזשנער ווייטער דערציילט, זיינען דעמלט אַ סך יידן געוואָרן אַפּיקורסים און ווען דער רבי האָט זיך אומגעקערט, האָבן זיי זיך שוין נישט אומגעקערט צוריק. און חוץ דעם זיינען אין ליעווע שפּעטער מיט יאָרן געווען העברעאישע לערער באַוואוסטע ציוניסטן און איינער אַ גרויסער „סופר" זייערער, וואָס האָט געהייסן יהודה שטיינבערג און ער האָט דאָרט געמאַכט אַ סך יידן פאַר ציוניסטן און די קאַהולער האָבן זיך שוין

אנגעגנומען פון די ליעווער. די מעשה פון רבין, וואס איז געוואָרן אַן אפי־קורס איז פאר יאנקלען געווען א טרייסט. אויב ביי אזא גרויסן רבין, ווי דער ריזשינער, האט געקענט א זון ווערן א משכיל, האט דאך ביי א שוחט אוודאי געקענט ווערן. ער האט זיך געטרייסט מיט די ווערטער פון תנך: „אם בארזים נפלה שלהבת", אויב אין די טענענביימער האט געקענט אריינפאלן א פלאם, היינט נאך אין די דערנער. און די מעשה וועגן דעם, אז יהודה שטיינבערג איז געווען לערער אין אזא שטעטל ווי ליעווע, איז געווען פאר אים א האפ־נונג. ער האט געוואוסט וועגן יהודה שטיינבערג, ער האט געוואוסט, אז ער איז געשטאָרבן יונגערהייט און מען האט פאר זיין מישפחה געמאכט א גרויסן אָוונט אין אָדעס, אין וועלכן עס האבן זיך באטייליקט די גרעסטע שרייבער און עס איז געקומען אזא גרויסער עולם, אז מען האט געדאַרפט ברייגען פאליציי.

מיט א גרויסער האפנונג אין הארצן האט יאנקל אנגעהויבן לערנען מיט די קינדער, וואס זיינען געקומען צו אים און מיט די קינדער, צו וועלכע ער איז געגאנגען. ער האט אויך געהאט עטלעכע גרעסערע מיידלעך, מיט וועלכע ער האט געלערנט העברעאיש. זיי האבן אלע גערעדט רוסיש מיט אים און זיי האבן זיך געפעסטעט און גערעדט וועגן ליטעראטור און וועגן ליבע און זיי האבן זיך געקלאָגט, אז העברעאיש איז אזוי שווער. זיי וואלטן אזוי גע־וואלט קענען „די שפראך פון די פעטער", אָבער זי גייט אזוי שווער אריין אין קאפ אריין. עס איז דא אין קאהול א יינגל, וואס האט געלערנט אין דער יפוער העברעאישער גימנאזיע, דערציילט ער, אז דארט ריידן אלע העברע־איש, אפילו די דאזיקע, וואס האבן נישט געלערנט. עס זיינען שוין דא בעל מלאכות און וועשנעס, וואס ריידן העברעאיש. זיי גלויבט זיך עס נישט...

אין שטאט איז געווען נאך א העברעאישער לערער, מיט וועלכן דער רב האט זיך צעקריגט. יענער איז געווען אן עלטערער און ער איז זיך געקו־מען אויסטענהן מיט יאנקלען פארוואס ער איז אים געקומען משיג גבול זיין, ער האט א ווייב מיט א קינד און ער האט שוין זיך געקליבן זיי אראפ־צוברייינגען אהער און זיך דא צו באזעצן. דער נייער לערער האט געענטפערט, אז ער האט דאס גארנישט געוואוסט און אז אים האט אראפגעבראכט דער רב אליין, ער האט דאך נישט געקענט מיינען, אז א רב וועט עובר זיין אויף השגת גבול. דער אלטער לערער האט געענטפערט, אז א יונגער משכיל דארף ווייסן ווער די רבנים זיינען, זיי זיינען פלייצערמייז, וואס שוועבן ארום אין דער פינצטערניש און זיי האבן מורא פאר אביסל ליכט און אויף אים איז ער ברוגז, ווייל ער איז נישט קיין פאנאטיקער, כאטש ער איז א בעסערער ייד פון אים. יאנקלען איז פון דער גאנצער געשיכטע געווען זייער פיינלעך. דער לערער האט זיך געקלאָגט, אז ער האט ביי אים צוגענומען די בעסטע לעק־ציעס און אז ער וועט שוין באלד זיין על כיכר לחם אין איינעם מיט זיין

ווייב און מיט זיין קינד... אונזער העלד האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן דערפילט, אַז ער האָט אַזוי שלעכט געטאָן אַ מענטשן און ער איז געווען גרייט צו אַנטלויפן פון שטעטל, אָבער דער רב האָט אים נישט געלאָזט און עס האָט זיך אַריינגעמישט איינער אַ בחור אַ געהילפס־פּראָוויזאָר, וואָס האָט געאַרבעט אין דער קאַהולער אַפּטייק און ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט וואָס צו אַנטלויפן, ווייל דער פריערדיקער לערער וועט שוין צוריק סיי ווי נישט קריגן די לעקציעס. די באַלעבאַטים זיינען אויף אים ברוגז, ווייל ער האָט זיך געמישט וואוהין מען דאַרף נישט. ער האָט זיך געמישט צווישן די גבאָים אין שול און ער האָט געוואָלט אַרויסשטויסן דעם רב, ווייל ער איז נישט קיין ציוניסט, ער האָט עפּעס געהאַט אַ פּלאַן צו ברענגען אַ ציוניסטישן רב. די יידן אין שטעטל זיינען טאַקע אַ סך ציוניסטן, אָבער פאַר אַ רב האָבן זיי דרך ארץ. דער דאָזיקער געהילפס־פּראָוויזאָר האָט געהייסן מאָני און ער איז געווען אַ הינקענדיקער. און כאָטש מען האָט געזאָגט „כל מום רע", יעדער, וואָס האָט אַ פעלער, איז שלעכט, איז ער געווען די גוטסקייט אַליין. צו אים אין אַפּטייק פלעג מען זיך אָפט צונויפקומען און דיסקוטירן און לייענען אַ צייטונג און ריידן וועגן פּאָליטיק און וועגן ציוניזם און ווען מען האָט געפּלאַנט אַ ספּעקטאַקל, צוליב עפּעס אַ וואוילטעטיקן צוועק, אָדער צוליב דער יידיש־רוסישער ביבליאָטעק פון דער שטאָט, האָט מען וועגן דעם זיך צוזאַמענגערעדט ביי מאָנין. הינטער דער אַפּטייק איז געווען אַ קליין צימער, אין וועלכן עס זיינען געשטאַנען אַ סך פלעשלעך און באַנקעלעך און עס זיינען געליגן אַ סך אַלטע זשורנאַלן און צייטונגען און אויך אָן אַ שיעור רוסישע ביכער; און ווען מאָני איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט קונים, האָט מען אונטערגעוואַרט אין צימער און דאָרט עפּעס געלייענט, אָדער גאָר געכאַפּט אַ דרימל, ווייל דאָרט איז געשטאַנען אַ בעטל אויך. אָט אָ דער מאָני, וואָס איז געווען שוואַרץ ווי אַ ציגיינער און די אויגן האָבן ביי אים אַזוי גוט געשמייכלט, אַז עס האָט זיך אַזש געדאַכט, אַז זיי וויינען, איז באַלד געוואָרן יאַנקל בעסטער חבר און ער האָט אים נישט געלאָזט אַוועקפאָרן פון קאַהול און ער האָט אים געזוכט צושאַרן נאָך און נאָך אַ לעקציע און ער האָט אים באַקענט מיט אַ גאַנצער גרופּע יונגע מענטשן, וואָס זיינען שטילערהייט געווען דער ציוניסטישער „קרוזשאָק", ווייל אָפיציעל איז נישט געווען דערלויבט צו האָבן קיין ציוניסטישן קרייז. מען האָט אַפילו נישט געטאָרט פאַרקויפן שקלים און פאַר האָבן אַ שקל האָט מען געדאַרפט אַרעמטירן, אָבער מען איז געווען יד אחת מיט פּאָליציי און מען האָט פאַרקויפט. אין „קרוזשאָק" זיינען געווען מער יינגלעך ווי מיידלעך, ווייל די יינגלעך זיינען אַוועקגעפאָרן לערנען קיין אָדעס, קעשענעוו, אָדער כאָטש איזמאַיל און די דאָזיקע יינגלעך, וואָס זיינען נישט אַוועקגעפאָרן, זיינען געווען צו פּראָסט פאַר יענע מיידלעך. איז יאַנקל געווען גאָר אַן אָנגעלייגטער מיט־

גליד און צו אים האָבן געקלעפּט אויף אַמאָל עטלעכע מיידלעך, מיט וועל־כע ער פלעג זיך אַרומפירן גאַנצע נעכט. די מיידלעך האָבן אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט וואָס צו טאָן, פלעגן זיי שלאָפן בייטאָג און אין די נעכט זיינען זיי געווען וואַך. אין אָוונט האָט מען געקענט זיצן אין אַ שטוב און טרינקען אַ גלאָז טיי מיט איינגעמאַכטס און שמועסן און פאַרציען אַ לידל. ווען עס איז געוואָרן שפּעט, האָט מען גענומען קלאַפּן אין די ווענט, אַז מען זאָל זיין שטיל, ווייל מען וויל שלאָפן, האָט מען שוין געמוזט אַרויסגיין אין הויף אַריין און זיך אַנידערזעצן אונטער אַ בוים, אָבער אויך דאָרט האָט מען לאַנג נישט געקענט זיצן. ווי שטיל מען האָט נישט גערעדט, האָט מען דאָך גע־שריגן פון די צימערן, אַז מען לאָזט נישט שלאָפן. איז אויסגעקומען אַוועק־צוגיין פּשוט אין מאַרק אַריין. קיין בולוואַר, אָדער אַ גאָרטן איז נישט גע־ווען. אַמאָל איז מען פּשוט אַוועק אין פעלד אַריין, וואָס איז נישט געווען ווייט, אָבער די מיידלעך האָבן דאָרט מורא געהאַט צו זיין, זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר יעדן שאָרך. האָט מען געוואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ און מען האָט דערשטיקט אין זיך דאָס ביסל יוגנט פרייד און דאָס געזאַנג און דאָס וואָרט אפילו.

געווען דריי שוועסטער אין שטעטל, ראָזנפעלד האָבן זיי געהייסן, איי־נע האָט האָט שוין גענדאַרפט זיין גאָר אין די יאָרן, זי האָט שוין געהאַט אַ זויערלעך אויסזען און זי פלעג אַלע מאָל ווערן נערוועז. מען האָט דערקענט, אַז זי האָט גענדאַרפט זיין אַ שיינע, אָבער איצטער איז זי עס שוין נישט געווען. די אַנדערע צוויי זיינען געווען אַ סך יינגער, ווייל אין דער מיט איז צווישן זיי געווען יינגלעך. די דאָזיקע מיידלעך זיינען געווען די טעכטער פון אַ געוועזענעם גביר, וואָס האָט געהאַלטן אין פאַלן. ער האָט נאָך געפירט גרויסע געשעפטן, אָבער מען האָט געוואוסט, אַז אין אַ שיינעם טאָג וועט מען צונעמען ביי אים אַלצדינג און ער וועט דאַרפן אַנטלויפן. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ למדן און אַ משכיל און ער האָט אַמאָל ליב געהאַט צו ריידן מיט מענטשן, אָבער דעמאָלט איז ער שוין אַרומגעגאַנגען פאַרמוטשט און צעטראָגן און ער האָט קיינעם נישט געזען. די לצים פון שטעטל האָבן געזאָגט, אַז ער זעט שוין זיך אַליין אויך נישט, כאָטש ער רעדט צו זיך אַליין. ער האָט געהאַט איבערגעקערטע אויגן מיט וועלכע ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן און ער האָט גאָרנישט געזען. די פרוי זיינע, האָט מען געזאָגט, איז געווען אַמאָל אַ „קראַסאַוויצע" און קיינער האָט זיך נישט אַזוי געפּוצט אין קאַהאָל וויפל זי און זי האָט ליב געהאַט צו פּראַווען שמחות. אָבער זי האָט שוין אויך אויסגעזען וויסט און פינצטער און זי איז שוין געגאַנגען אָנ־געטאָן ווי אַ שלעפּערן. זיי האָבן נאָך אַלץ געוואוינט אין אַ גרויסער שטוב, אָבער עס האָט שוין דאָרט אַלץ געווייַנט, כאָטש מען האָט נאָך געהאַלטן צוויי דינסטן. די מיידלעך האָבן אַלע דריי געפילט, אַז עס רוקט זיך אויף

זייער היים א קאַטאַסטראָפע און זיי זיינען ארומגעגאַנגען איבערגעשראָקן, אָבער די יינגערע צוויי מיידלעך האָבן זיך דאָך נישט געקענט באַהערשן און זיי האָבן געשפּרודלט מיט פרייד, די עלטערע שוועסטער האָט דאָס נישט געקענט ליידן און זי האָט זיי נישט געלאָזט א לאַך טאָן, ווי עס באַדאַרף צו זיין. די פּאָר יינגלעך האָבן אויף די יינגערע שוועסטער מער געקוקט ווי אויף דער עלטערער און אפשר האָבן זיי זיך אַמאָל אויך דערלויבט א דרוק צו טאָן איינער די האַנט, פלעג דאָס דאָזיקע ארויסרופן שיעור נישט היס־טערישע אַטאַקעס ביי דער עלטערער שוועסטער. און דאָך פלעג דער „קרוי־זשאַק" צום מערסטן זיך צונויפנעמען ביי די דאָזיקע שוועסטער, ווייל זיי האָבן געהאַט א גרויסן הויף מיט א גאָרטן און מען האָט דאָרט געקענט זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט און ריידן און אפילו זינגען און קיינער זאָל נישט הערן. אין יענעם „קרוזשאָק" האָט מען גערעדט נישט נאָר וועגן ביכער פון דער רוסישער ליטעראַטור און וועגן פּאָרעלס „די געשלעכט־פראַגע", נאָר מען האָט אויך גערעדט וועגן הערצלס ביכער „יודענשטאַט" און „אַלטנייי־לאַנד" און וועגן פינסקערס „אויטאָעמאַנציפּאַציע" און צוליב דעם, וואָס מאַקס נאָרדוי איז געווען אַזא באַרימטער ציוניסט, האָט מען שוין דיסקור־טירט וועגן זיינע ביכער „פּאַראַדאָקסן", „קאַנווענציאָנעלע ליגנס" און „דע־גענעראַטן". עס איז דעמאָלט נישט לאַנג דערשינען ביאַליקס שירים אין וו. זשאַבאָטינסקיס רוסישער איבערזעצונג און מען האָט די לידער גע־לייענט און דיסקוטירט און געוואָלט אַריינטייטשן אין זיי זאַכן, וואָס זיי האָבן נישט געמיינט. זייער א סך מאָל האָט מען איבערגעלייענט דאָס האַר־ציקע און פּעסימיסטישע לידל „הכניסיני תחת כנפיך". מען האָט אויך אין דעם דאָזיקן לירישן לידל געוואָלט אַריינטייטשן עפּעס א סימבאָל און אַן אַלעגאָריע, כאָטש עס איז געווען אַזוי פּשוט קלאָר, אַז ס'איז א האַרציק גע־בעט־געזאַנג פון א יינגל צו א מיידל. איבערהויפּט האָט ביי דעם דאָזיקן לידל געקרעכצט די עלטערע שוועסטער. פאַר איר זיינען די שורהס „די שטערן האָבן אָפּגענאַרט, ס'איז געווען א חלום, אָבער אויך ער איז אַוועק", נישט געווען נאָר ווערטער... פאַר די אַנדערע האָבן די שטערן נישט אָפּגענאַרט. מען האָט זיי אַנגעזען די קליינע שטערנדלעך אין די טויזנטער דורך די צווייגן און די בלעטער פון די ביימער און זיי האָבן צוגעזאָגט אַזעלכע חלומות, וואָס וועלן נישט אַוועק...

יאַנקל האָט געלערנט העברעאיש מיט די צוויי יינגערע שוועסטער און ווען עס איז געקומען ענדע חודש, האָט מען אים נישט באַצאָלט. ס'איז נישט געווען די איינציקע לעקציע, פאַר וועלכער מען האָט נישט באַצאָלט, אָבער ערגעץ אַנדערש האָט ער זיך נישט געשעמט... עס האָט אים נישט געאַרט, וואָס מען צאָלט אים נישט, ער האָט זיך אָבער געשעמט צו קוקן די מיידלעך אין די אויגן אַריין, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז זיי שעמען זיך פאַר אים. ער

האָט אַזש געוואַלט אויפהערן קומען צום „אוראָק" און זאָגן, אַז ער איז קראַנק, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז ס'איז נישט אמת... געזאָגט האָט מען דעמלט, אַז דער טאַטע פון די מיידלעך האָט זיך ארייגגע־וואָרפן אין ברונעם אריין און מען האָט אים קוים ארויסגעשלעפּט. קיינער האָט נישט געוואוסט, צי ס'איז אמת, אָבער אויסגעזען האָט דער אַלטער זייער דערשלאָגן, ער האָט געהאַט אויגן פון אַ מת. ער איז אין עטלעכע טעג געוואָרן ווייס. יאַנקל האָט דעמלט צום ערשטן מאָל געזען אַזוי פון דער נאָענט אַן אָפּ־געקומענעם נגיד און ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז אָפּגעקומענקייט איז אַ סך מער טראַגעדיע ווי די אָרימקייט און אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק איז אַן אָפּגעקומענער גביר און דאָס דאָזיקע האָט אים פעסטער געמאַכט אין זיין ציוניזם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וואַקלען זייט ער האָט געלייענט מענדעלען און דובנאָוון.

אַ פרייד האָט אַרומגעכאַפּט אונזער העלד. ער האָט אָפּגענומען אַ גרוס, אַז יאָסיף פרידמאַן איז אין בעלגראַד און האָט דאָרט אַזאַ שטיקל שול ווי ער פון רוסיש און פון העברעאיש. ער האָט דעם דאָזיקן בחור נישט געזען זייט ער איז געפאָרן אין דער ישיבה אריין, בשעת ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט ווערן דאָקטער. אין דער ישיבה האָט ער אים פאַרגעסן, אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן ווערן אַנדערש, האָט ער אויפגעטויכט אין זיין זכרון און אים האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז ער האָט אַ חלק אין דעם, וואָס ער איז געוואָרן אַן אַנדערער. אין פּעטראָוווקע איז ער אַמאָל געקומען איבער זיי־נע הייסע שפּורן, וואו ער איז געווען לערער בשותפות מיט יאָסיף פעלדמאַן און מער האָט ער אים שוין נישט געזען, כאָטש ער האָט געהערט פון אים. ער האָט געהערט, אַז ער איז געווען אַלע מאָל אַ לערער אין אַן אַנדער שטעטל און ער האָט זיך אַלץ געקליבן צו פאָרן קיין אָדעס. יאַנקל איז געווען ייִנגער און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער דאַרף פאָרן זיך זען מיט דעם מאָדנע חבר פון זיין קינדהייט, וועלכן ער האָט געזען איין מאָל אין זיין לעבן. ער האָט אויס־געקליבן צו פאָרן אויף שבועות. צוויי טאָג לערנט מען נישט, ערב יום טוב קען מען אויך נישט לערנען און פאַר אַ גויט קען מען אויך אַ טאָג נאָך שבו־עות נישט לערנען, וועט ער פאַרברענגען דריי טעג מיט זיין חבר. האָט ער זיך געמאַכט אַ ניי זיידן העמדל, וואָס איינע פון די ייִנגערע שוועסטער האָט אים אויסגענייט מיט קווייטן און ער האָט אָנגעטאָן די טוזשורקע און מיט־גענומען דעם אָפּגעריבענעם אויבערציער פאַר דעם פאַל, ווען עס וועט זיין קיל אין וועג און ער איז געפאָרן קיין בעלגראַד. דער חבר האָט אים שוין גע־וואַרט אין מיטן מאַרק, וואו דאָס פורל האָט זיך צום ערשטן מאָל אָפּגע־שטעלט. ער האָט אים באַלד דערקענט, כאָטש אין דער מיט צווישן זיי זיי־נען שוין כמעט געשטאַנען זעקס יאָר. יאָסיף האָט געהאַט די זעלביקע גרויסע, בלויע, אויסגעסטאַרטשעטע אויגן וואָס אַמאָל און ער האָט געטראָגן פענסנע.

ער האָט אויך, ווי ער, געטראָגן אַ זיידן העמדל אָן אויסגענייטס ביים קאָלנער און ביי די זוימען און אַ גאַרטל פון קאָטעסן און ער האָט געטראָגן נישט קיין הוט, נאָר אַ היטל מיט אַ גלינצעריקן דאַשעק. ער איז געווען לייכט אַזוי ווי אַ פייגעלע. אַ דאַרער און אַ שמאָל־פלייציקער איז ער געווען און ווען ער איז געגאַנגען, האָט ער זיך אונטערגעטענצלט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט ער אין גאַנצן אַוועקפליען. ער האָט אויסגעזען זייער טרויעריק, כאָטש ער האָט כסדר געשמייכלט. אויך דער שמייכל איז געווען אַ טרויעריקער, אָבער עס איז גוט געוואָרן ביים האַרצן פון אים. די צוויי כמעט אומבאַקאַנטע חברים האָבן זיך אַרומגענומען און גאָרנישט מענעריש צעקושט און זיי האָבן זיך כמעט צעוויינט. זיי האָבן זיך ביידע באַהערשט און זיי האָבן געשיקט די טרערן אויף אַריין, זיי האָבן געוויינט אינעווייניק.

גלייך פון דער פור האָט יאָסיף מיטגענומען זיין גאַסט צו גאַסט אין אַ פרעמדער שטוב אַריין. אַ גרויסע שטוב איז עס געווען און פאָרנט איז געווען אַ שילד מיט גרויסע אותיות, אַז ס'איז דאָרט אַ פאָטאָגראַפיע. עס איז יאַנקלען אויסגעקומען מאָדנע אַריינצוגיין אין יענעם הויז אַריין. פון קינדווייז אָן איז פאַר אים אַ פאָטאָגראַפיע פאָרגעקומען עפעס ווי אַן אָפיציעל הויז, אַזוי ווי פאָליציי, אָדער ווי אַ געריכט... אין דער שטוב האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אַלטע, קרענקלעכע, פאַרגרינטע מאַמע און אַ גאַנצע כאָפטע מיט מיידלעך. אַלע מיידלעך זיינען געווען יונג און שיין און נאָר איינע איז געווען אַן עלטערע און נישט קיין שיינע, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן זייער וואַזשנע און עס האָט זיך געגלוסט קוקן אויף איר, כאָטש זי איז געווען נישט שיין, זי האָט געהאַט אין זיך אַ באַזונדער איידלקייט. די ייִנגערע מיידלעך האָבן זיך געהאַלטן פריי און זיי האָבן אויסגעזען ווי פאַמפעשקעס, וועלכע מען קען אויפעסן. יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ פשוט באַגער צו פרויען, ווי צו יענע מיידלעך. ער האָט צו זיי געגלוסט אַלציינס ווי ער האָט געגלוסט צו די פרישע פאָדפאָליקעס, וואָס זיין מאַמע האָט געבאַקן, בעת ער איז געווען זייער הונגעריק. אים האָט זיך פשוט געגלוסט אַרויפצופאַלן אויף זיי און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ווילן עס אויך און אַז זיי קוקן אויף אים מיט די זעלביקע הונגעריקע אויגן מיט וועלכע ער קוקט אויף זיי. ער האָט זיך דערמאָנט אין אַ וויץ וועגן דעם פאַרוואָס די „דייטשן” גייען מיט קנייטשן אין די קאַפעליושן. (די פרומע יידן פלעגן גיין מיט גלייכע, אויפגעשטעלטע קאַפעליושן) איציק זיידמאַן האָט אים דערציילט יענעם וויץ. ער האָט דערציילט, אַז ווען גאָט האָט געגעבן די עשרת הדברות, האָבן די דייטשן מסכים געווען צום „לא תגנוב”, צום „לא תרצח” א. א. וו. אָבער ווען עס איז געקומען צום „לא תנאף”, האָט דער דייטש געגעבן אַ קלאַפ אין קאַפעליוש אַריין און ער האָט געזאָגט: „אָבער, מיין גאָט, אַז ער וויל און זי וויל, פאַרוואָס זאָל מען נישט טאָרן?” און פון יענעם קלאַפ איז ביי די דייטשן

געבליבן אויף שטענדיק אַ קנייטש אין קאַפּעליוש. יאַנקל האָט געפילט, אַז די מיידלעך. וואָס דרייען זיך אַרום אין שטוב, ווילן אַלע דאָס זעלביקע, וואָס ער און ער האָט דערפילט, אַז דאָס לעבן איז שטענדיק אַ ליגן...

פאַרוואָס יאָסיף האָט אים מיטגענומען אין יענער שטוב אַריין, האָט זיך אונזער העלד באַלד דערוואוסט. די עלטערע שוועסטער איז געווען אַ „קור־סיסטקע", וואָס האָט געלערנט אין מאָסקווע און זי איז געווען אַ שטיק צייט צו גאַסט אין דער היים און זי איז פּונקט אין יענעם טאָג אַוועקגעפאָרן צוריק קיין מאָסקווע אויף אַ לאַנגער צייט און אפשר אויף שטענדיק. זי איז געווען אַ זייער אינטעליגענטע עלטערע מיידל און אַ שטילע סאָציאַל רעוואָלוציאָ־נערקע. יאָסיף האָט זיך פאַר אַ קורצער צייט שטאַרק באַפריינדעט מיט איר און ער איז געוואָרן אַן אייגענער בײַ זיי אין שטוב. ער פלעג די גאַנצע פריייצייט זיינע זיצן דאָרט און שמועסן מיט דער עלטערער שוועסטער, וואָס איז געווען, ווי ער האָט געזאָגט, אַ קוואַל, וואָס שעפּט זיך נישט אויס. זי האָט געקענט ליטעראַטור און פילאָזאָפיע און פּאָליטיק. יאָסיף איז דאָרט געבליבן דעם גאַנצן טאָג און יאַנקל האָט זיך ביים אָנהייב געפילט זייער נישט באַ־קוועם, אָבער עס האָט באַלד אַ וויי געטאָן מיט אַזאַ היימישקייט אויף אים, אַז ער האָט זיך געפילט נאָך בעסער ווי אין דער היים. צו מיטיק איז ער דאָרט דאָך נישט געבליבן, כאָטש מען האָט אים שטאַרק געבעטן, אַז ער זאָל בלייבן. ער איז צוגעגאַנגען צו מיטיק צו זיין שוועסטערקינד, וואו מען האָט אים אויפגענומען מיט פּויק און מיט טאַץ און מיט אַ ברוגז פאַרוואָס ער איז נישט צוגעפאָרן צו זיי. נאָר צו „עפּעס אַ פרעמדן רוח". זיין שוועסטערקינד האָט דערביי געלאַכט אַזוי אויפריכטיק און פּשוט אַזוי ווי אַ בולגאַר און ער האָט געזאָגט, אַז עס קען זיין, ווען ער קומט צו זיי גלאַט צו גאַסט, וואָלט דאָס ווייב זיינס געווען אַביסל ברוגז און זי וואָלט געזאָגט, אַז זיינע קרובים זיי־נען געקומען דערקוטשען, אָבער ווייל ער איז צוגעפאָרן ערגעץ אַנדערש, פּילט זי זיך געטראָפן. אַזוי זיינען מענטשן. ער האָט געמוזט צוזאָגן צו קומען שבועות אויף ביינעלעך. בעל־ל האָט געוואָלט, אַז ער זאָל גיין מיט אים אין שול אַריין און דערלאַנגען יענעם מפטיר, אָבער ווען ער האָט געהערט, אַז ער האָט נישט קיין אַנדער הילוך אויסער דעם רוסישן העמדל מיטן גאַרטל, האָט ער אים שוין מוחל געווען.

און יאַנקל איז שוין געזעסן אין דער שטוב פון דער פאָטאָגראַפיע מיט די שיינע, געזונטע מוידן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דער צוג איז דורכגעגאַנגען ביי דער סטאַנציע „טראַיאַנאָוו וואַל", וואָס האָט זיך געפּונען זעקס ווירסט פון באַלגראַד, שפּעט ביינאַכט, איז מען געזעסן ביז אין צוג אַריין. יאַנקל האָט שוין אין דער פרעמדער שטוב געטרונקען טיי און געגעסן וועטשערע. יאָסיף האָט נישט אויפגעהערט דיסקוטירן מיט דער עלטערער שוועסטער וועגן ליטעראַטור און וועגן דער יידישער פראַגע. די „קורסיסט־

קע" האָט געהאַלטן, אַז די יידן דאַרפן זיך אַלע אסימילירן און העלפן בויען אַן אַנדער רוסלאַנד, אַ נייס, יאָסיף האָט געזאָגט, אַז יידן דאַרפן זיך בויען אַן אייגן לאַנד. די ייִנגערע מיידלעך האָבן געזאָגט, אַז דער גאַנצער שמועס איז פאַר זיי צו „סעריאָזנע" און זיי וואָלטן בעסער געוואָלט טאַנצן און זינ־גען. דאָס געזעגנען איז געווען אַ מוראַדיק רירנדיקס. אַלע זיינען אַראָפּגע־פאָרן צו דער סטאַנציע מיט אַ דראָשקע. יאַנקל האָט געמוזט מיטפאָרן, כאָטש עס איז געווען שרעקלעך ענג. מען האָט אים נישט אָפּגעלאָזט. צוויי מיידלעך האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף אים און זיי האָבן שוין ביידע זיך אָפּגענומען זייערס אויף דעם וועג... די אַלטע, קראַנקע מאַמע האָט געהאַלטן אין איין וויינען אויף דעם וועג. זי האָט אַלעמאָל געזאָגט צו דער טאָכטער: „לאָמיך דיך אָנקוקן, ווייל איך ווייס, אַז איך וועל דיך שוין מער נישט זען און דו קוק מיך אויך אָן, ווייל דו וועסט מיך שוין אויך נישט זען, מיר דאַרפן זיך נישט אָפּנאַרן..." און זי האָט געוויינט און די עלטערע טאָכטער האָט שטיל גע־וויינט און די ייִנגערע מיידלעך האָבן זיך גאָר צעכליפּעט. אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע זיינען זיי מיט אַ האַלבע שעה פאַר דעם צוגס אָנקומען; דער בעל עגלה האָט געהאַלטן, אַז מיט קיין וועג שפּילט מען זיך נישט. עס קען עפּעס פּלאַצן אין וועג, אָדער ווער ווייסט נאָך דאָרט און דער „פּאָיעזד" איז נישט קיין „איזוואָזטשיק", ער וואַרט נישט... די האַלבע שעה האָט זיך געצויגן אפשר אַן אייביקייט. מען האָט גערעדט און געשוויגן און ווידער גערעדט. די יונגע מיידלעך האָבן אַ געלאַכט, אַ געוויינט. דער וואָקזאַל איז פול געווען מיט פּאַסאַזשירן, צום מערסטן בולגאַרן, וואָס זיינען געליגן אויף דער ערד און געשלאָפן און געכראָפּעט. דער בעל עגלה האָט געזאָגט, אַז אייניקע פון זיי וואַרטן שוין דאָ פון פאַרטאָג. זיי קומען מיט אַכצן שעה פריער און אַמאָל טאָקע מיט אַ גאַנצן מעת לעת. און דער צוג איז אָנגעקומען מיט אימפּעט און מיט שטורעם און מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן אָנגעצונדן די גאַנצע פינצטערע נאַכט פון אַרום. און נאָך איידער ער האָט זיך רעכט אויס־געאָטעמט און אָפּגערוט און אויסגעפייפט, איז ער שוין ווייטער געלאָפן. ער האָט אָנגעאַרבעט אַזאַ בהלה מיט זיין אָנקומען, אַז דער גאַנצער אַרום און אַרום האָט אויסגעזען ווי משוגעים הויז. און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ער האָט איינגעשלונגען דעם גאַנצן וואָקזאַל מיט אַלע מענטשן און ער איז אַוועק. ס'איז אַפילו רעכט נישט געווען קיין צייט צו געזעגנען זיך. עס איז אויסגעקומען גלייך ווי קיינער איז נישט אַוועקגעפאָרן, ווייל עס איז נישט געווען קיין צייט. דאָס צוריקפאָרן איז געווען גאָר אַ טרויעריקס. יאָסיף האָט געזאָגט, אַז דער צוג איז אָנגעקומען ווי אַ חיה, וואָס כאַפּט אויס און די אַלטע האָט זיך באַנייס צעוויינט און די מיידלעך האָבן אַזוי געשוויגן, אַז עס איז געווען ערגער ווי געוויינט.

יאָסיף האָט געאַוינט אין אַזאַ מין צימער ווי יאַנקל, אָבער עס איז גע־

ווען פולער. עס זיינען דאָרט געווען אביסל מער זאכן, א סך מער ביכער און אויף די ווענט זיינען געווען א סך בילדער פון רוסישע שרייבער. א בעטל איז געווען נאָר איינס און עס איז גאָר קיין פראַגע נישט געווען, אז זיי וועלן די דריי נעכט שלאָפן אין איינעם, כאָטש זיי זיינען זיך געווען אזוי פרעמד און זיי האָבן מער ווי איין מאָל נישט גערעדט קינדוויינז. זיי זיינען סיי ווי זייער ווייניק געשלאָפן. דעם ערשטן אָוונט איז יאָסיף געווען זייער אומרואיק, ער האָט פריער נישט געקענט איינזיצן און אפילו שטיין אויף א פלאַץ און דער־נאָך האָט ער נישט געקענט איינלינגן. די שפּעטערדיקע נעכט האָבן זיי אויך גערעדט ביז אין ווייסן טאָג אריין. עס איז נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז יאָסיף איז געווען פארליבט אין דעם נישט שיינעם, עלטערן מיידל, וואָס איז אוועקגעפאָרן. ער האָט זיך פאַר זיין נייעם חבר מודה געווען, אַז ער איז משוגע געוואָרן נאָך איר. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט א שוואַכקייט נישט צו „שיינעם ווייב", נאָר צו „שיינעם גייסט". ער האָט גערעדט רוסיש און די דאָזיקע ווערטער האָט ער געזאָגט אויף דייטש. ער איז דערצויגן געוואָרן אין א דייטשער קאָלאָניע און ער האָט זיך אריינגעלעבט אין דער דייטשער שפּראַך און אין איר ליטעראטור און ווען ער האָט געהערט, אז יאַנקל לייענט היינען אין אָריגינאַל און ער איז משוגע נאָך אים, איז ער געווען אויף דעם זיבעטן הימל. היינע איז אויך געווען זיין ליבלינג. ער האָט מיט זיין ווייגענדיקן שמייכל געזאָגט, אַז ער האָט, פּונקט ווי היינע „ציינווייטיק אין הארצן". ער האָט געהאַט א סך יידישע ביכער אין שטוב און ער האָט געזאָגט, אַז כאָטש ער איז א הייסער העברעאיסט, האָט ער שטאַרק ליב די יידישע ליטעראַטור, איבערהויפּט די נייע. ער איז נאָך פּרצן משוגע, פּונקט ווי נאָך היינען, כאָטש ער באַזינגט צו שטאַרק די חסידים. ער, יאָסיף, קען אַנדערע חסידים ווי פּרץ האָט באַשריבן און ער האָט א סך געליטן פון זיי... ער האָט זייער א סך גע־לייענט דוד איינהאָרן און ער האָט זיינע צאַרטע לידער געקענט אויסנווייניק. ער האָט געהאַט אויף דעם טיש איינהאָרנס „שטילע געזאַנגען" און ער האָט זיי געגעבן יאַנקלען צו לייענען און ער האָט געזאָגט, אַז פאַר אים זיינען די דאָזיקע לידער אַלציינס ווי דער „צאינה וראינה" פאַר זיין מאַמען. ער האָט געעפנט דאָס ביכל און גענומען לייענען:

און אַז דו וועסט אוועקגיין, תהילים וועל איך זאָגן,
פאַר דעם אַלטן ספר וועל איך זיך באַקלאָגן,
דאָרט, וואו אַזויפיל טרערן רינען,
וועט אויך מיין טרער אַן אָרט געפינען...

און ער האָט זיך צעוויינט און ער האָט געוויינט לאַנג, לאַנג און ער איז דערמיט געוואָרן אַזוי נאָענט יאַנקלען. ער האָט געוויינט נישט ווייל עס

איז אוועקגעפאָרן עפּעס אַ שיין מיידעלע, נאָר ווייל עס איז אוועקגעפאָרן אַ פרוי, וואָס זעט אויס ווי זיין מאַמע און וואָס רייצט שוין גאָרנישט. נאָר זי איז אינטעליגענט און מ׳קען מיט איר פירן אינטערעסאַנטע שמועסן. ער האָט יאַנקלען דערמיט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ העכערן מענטשן, אַ מענטשן, וואָס דער גוף איז ביי אים נישט אַזוי וויכטיק, ווי די נשמה...

דוד איינהאָרן איז שוין דערנאָך געווען די גאַנצע צייט אין דער מיט צווישן זיי און זיי האָבן אים שוין אריינגעמישט אין אַלע זייערע שמועסן. זיי האָבן אין איינעם געלייענט זיינע שטילע און צאַרטע געזאַנגען און כאָטש יאָסיף האָט אַ סך פון זיי שוין געקענט אויסנווייניק האָט ער דאָך נישט אויפגעהערט זיך קווייקן מיט זיי. פאַר יאַנקלען זיינען זיי געווען גאָר אַ דערהויבונג און ער האָט געפילט ווי ער ווערט דורך די דאָזיקע לידער ווידער באַהעפט מיט יידיש. זיי האָבן געלייענט די פרומע לידער און יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז צוריק אין דער ישיבה און ער לערנט דעם „חובת הלבבות" צוזאַמען מיט דער גאַנצער כת חסידים. די ליבע־לידער זיינען געווען גלייך זיינע און ער האָט זיי געוואָלט איינאָטעמען אין זיך, אַזוי ווי מען אָטעמט איין דעם געשמאַקן ריח פון בלומען. ביידע האָבן געלייענט מיט אַ נוסח פון אַ תפילה:

פאַרשכורט פון דער נאַכט און ווייענדע פאַרפומען,
בין איך ביים שוועל פון טיר געשטאַנען און געוואַרט...
מיט מיר צוזאַמען האָט די גאַנצע וועלט געגאַרט
און אויסגעקוקט מיט טויזנט שטערן אויף דיין קומען...

וויפל מאָל האָבן זיי ביידע שוין נישט געפילט דאָס זעלביקע! די פרומע לידער האָבן זיי גערייצט אַלציינס ווי די ליבע־לידער. עס האָט זיך זיי געגלוסט וויינען, ווען זיי האָבן געלייענט וועגן דעם לעצטן בעל תפילה, וואָס איז געשטאָרבן און וועגן די פענצטער אין שול, וואָס זיינען פאַרשלאָגן און אַן אייביקער טרויער ליגט אויף די נאַקעטע ווענט. די שכינה ווערט אין דעם דאָזיקן ליד ווי אַ פרוי, וואָס שטייט אַן עלנדע אויף די טרעפּלעך פון אָרון.

איר קאָפּ איז געבויגן אין טרויער,
און שוואַרץ ווי די נאַכט איז איר קלייד
און ס׳דוכט אירע ליפּן זיי מורמלען
אַ שטילעס, אַ לעצטעס געבעט
און ס׳הערט זיך אַ שטים פון פּרוכת:
צו שפּעט, מיין געטרייע, צו שפּעט...

יאַנקלען איז פאָרגעקומען מאָדנע, וואָס אַ מאָדערנער דיכטער שרייבט

אַזוי אַ פֿרום, כאָטש די לידער אַליין האָבן אים באַגייסטערט, יאָסיף האָט שוין פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס מאָדערנע דיכטער שרייבן אַזוי. ער האָט געזאָגט זיין יינגערן חבר, אַז די דיכטער בענקען נאָך דעם גאַנצן יידישן לעבן און נאָך די גאַנצע יידישע מענטשן. „מיר אַליין, האָט ער געזאָגט, בענקען נאָך אויך, דאָס הארץ צאַפּלט דאָך אונז, ווען מיר דערמאָנען זיך". און ער האָט אים דערקלערט מיט אַן אַרטיקל פֿון אחד העם, אַז נאָך יעדער גייסטיקער רעוואָלוציע מוז מען בענקען נאָך דעם. וואָס די רעוואָלוציע האָט צעשטערט... ער האָט אָנגעוויזן, אַז ביי ביאַליקן איז אויך דאָ אַזאַ סאָרט בענקשאַפֿט. אויך ביי אים איז פֿאַראַן אַזאַ באַגעגעניש מיט דער שכינה, וואָס טראָגט ביי אים נישט קיין שוואַרץ קלייד, נאָר זי האָט פֿליגל און זי קלאַפּט מיט אירע לעצטע פֿליגל... יאָסיף האָט פּרצס „חסידיש" דערקלערט מיט דער זעלביקער בענקשאַפֿט. און זיי האָבן ביידע זיך פֿאַרלייענט מיט פּרצס חסי־דישע מעשהס און זיי האָבן פּשוט געזיפּט זייער העלקייט, אַזוי ווי מען זיפּט אַ פֿרישן טרונק, ווען מען איז שטאַרק דורשטיק. און אין איין וועג האָבן זיי איבערגעלייענט פּרצס „וואָס איז אַזוינס נשמה?" און כאָטש זיי האָבן עס שוין ביידע געהאַט געלייענט, האָבן זיי דערפֿילט אַ נייקייט אין דעם. יאַנקל האָט נישט געוואוסט ווער עס איז זיין נשמה, צי אַנושקאַ, צי אַדעלאַ און פֿאַר יאָסיפֿן איז די נשמה געווען די נישט־שיינע, אַלטע קור־סיסטקע מיט דער שיינער נשמה, וואָס איז אַוועקגעפֿאָרן קיין מאָסקווע. די לויטערקייט פֿון עכטער פּאָעזיע און די העלקייט פֿון ליבע האָבן געשיינט אין יענעם אָרימען בחורסקע צימער אין די דריי טעג, וואָס זיי זיינען געווען אין איינעם. יאָסיף האָט נישט איין מאָל געזאָגט יאַנקלען, וועלכן ער האָט גערופֿן „יאַקאָוו", אַז די פּאָעזיע ברענגט די שכינה און אין די טעג, וואָס ער איז געווען ביי אים, האָט ביי אים אין צימער גערוט די שכינה... און ווען דער וואָגן האָט אַוועקגעפֿירט יאַנקלען צו זיין עלנדקייט קיין קאַהול און ער האָט געלאָזט יאָסיפֿן ביי זיין עלנדקייט אין באַלגראַד, האָט יאַנקל געזען, ווי יאָ־סיף האָט זיך צעוויינט פּונקט אַזוי ווי ער האָט געוויינט. ווען זיין חברטע איז אַוועק מיטן צוג. זיי האָבן גאָרנישט גערעדט וועגן קיין פֿריינטשאַפֿט, זיי האָבן זיך נישט געגעבן קיין ווערטער און קיין הענט און האָבן נישט גע־שלאָסן קיין בונד און זיך נישט געמאַכט קיין קאָמפּלימענטן, דאָך האָט יאַנקל ערשט איצטער דערפֿילט, אַז ער האָט געקראָגן אויף שטענדיק אַ חבר... יאָסיף האָט אים געפֿרעגט, צי ער האָט נישט זיינען שריפֿטן מיט זיך. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט זיין אַ שרייבער און ער האָט אים געגעבן מוט צו שרייבן. און ווען יאַנקל האָט אים געפֿרעגט אַ שעמעוודיקער פֿאַרוואָס ער מיינט אַזוי, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט אַזאַ פֿאַרגעפֿיל. ער אַליין, יאָסיף, האָט נישט געשריבן, כאָטש אַלץ אין אים איז געווען פּאָעזיע און ריטם. ער איז, האָט ער געזאָגט אויף זיך, אַ פּאָעט אַ לייענער.

און אין קאַהול איז געוואָרן אַלץ וואַכנדיקער און וואַכנדיקער. דער קירזשנער, ביי וועמען ער האָט געוואוינט, האָט זיך אַרויסגעצויגן צוריק קיין קעשענעוו, ווייל ער האָט דאָ קיין פּרנסה נישט געהאַט, האָט יאַנקל זיך געמוזט איבערציען אויף אַ נייער קוואַרטיר, וואו עס האָט געוואוינט אַ לערערן פון רוסיש, אַ קליין מיידעלע, וואָס איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן. זי איז געווען אַזוי קליין און דאַר, אַז מען האָט זי גערופן „דאָס פּערטל עוף״ און זי איז געווען גרין און געל. זי האָט באַלד דערפילט אַ שוואַכקייט צום העברעאישן לערער און ער האָט צו איר געפילט אַ מוראדיקע שנאה. אין אָדעם האָט מען שוין דעמלט געהאַט נאָכגעזאָגט זלמן שניאורס וואָרט, אַז „שנאת חנם איז אַ מיאוס מיידל״ און יאַנקל האָט דערפילט, אַז דער דיכטער איז גערעכט. חיים גרינבערג האָט אַמאָל דערציילט אין „יבנה״ אין אַן ענגן קרייז, אַז דער העברעאישער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי איז דורכגעפאָרן אָדעם און ער האָט דערציילט, אַז אין איידלסבערג, וואו ער האָט געלערנט, איז געווען אַ מוראדיק מיאוסע סטודענטקע און אַלע האָבן זי פיינט געהאַט און אַפילו דער אַלטער פּראָפעסאָר האָט זי פיינט געהאַט. איין מאָל האָט ער זי עפּעס געפרעגט און זי האָט נישט געוואוסט צו ענטפערן. האָט ער זי אָנגערופן „מכשפה״. דער דיכטער האָט דאָס דערציילט מיט אַ ווילדער הנאה און אַלע זיינען אויפגעבראַכט געוואָרן און זיי האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער פרייט זיך אַזוי, האָט ער געענטפערט, אַז „אַ פרוי טאָר נישט זיין אַזוי מיאוס״... מאָראַליש איז ער געווען זייער נישט גערעכט, אָבער יאַנקל האָט דערפילט, אַז אין דער נאַטור איז דער מענטש נישט מאָראַליש. ער האָט פּשוט נישט געקענט פאַרטראָגן די קליינע לערערקע און ווען זי האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אים, פלעג ער זיך באַלד אויפהייבן און אַנטלויפן. אַ סך מאָל זעענדיק זי, פלעג ער נעמען דעקלאַמירן אויף אַ קול נאַדסאָנס שורות „בעדנאַיאַ דעוויצאַ, אָנאַ ניע כאָראָשאַ״ (דאָס אָרימע מיידל, זי איז נישט שיין). דאָס גרינע מיידל פלעג ווערן רויט, אַזוי ווי אַ צוויק... צוליב איר אַליין האָט ער געוואָלט אַנטלויפן פון קאַהול. אין דעם אייגענעם הויף, וואו ער האָט געוואוינט, האָט אויך געוואוינט אַ יונג פּאָר פאָלק, וואָס ער איז געווען אַ זייער רייכער און זי אַ זייער שיינע. ער האָט אויסגעזען אַ סך עלטער פון איר און נאָך מער האָט ער אויסגעזען פריצייטיק פאַרעלטערט. ער האָט געהאַט אַ פליך אויף דעם קאָפּ און ער האָט שטענדיק אויסגעזען שרעקלעך מיד. זי האָט דווקא שטענדיק אויסגעזען לעבעדיק און מונטער און פריש. זי האָט געהאַט גאָלדענע האָר און בלויע אויגן און איז געווען אַ קיילעכדיקע, אַזוי ווי אַ פּעסל. זי האָט זיך שטענדיק אונטערגעזונגען יידישע לידלעך און יאַנקלס באַלעבאָסטע האָט געזאָגט אויף איר, אַז זי איז אַ נאַריש קעלבל און עס גייט איר צו גוט. דאָס איינציקע, וואָס איר פעלט איז אַ קינד און — אפשר אַ קדחת... זי איז געווען זייער ענלעך צו אַדעלאַן און יאַנקל האָט זיך

אָפּט פּאַרקוקט אויף איר און ס'איז אים אָנגעקומען אי אַ פרייד, אי אַ טרויער. ער וואָלט זייער געוואָלט וויסן, וואָס מיט אדעלאַן איז געוואָרן און צי זי איז שוין אַ כלה, אָדער נישט, אָבער ער האָט זיך געשעמט צו פרעגן וועגן דעם ביים טאַטן אין אַ בריוו. צוליב דעם ווייבל דער שכנה, וואָס האָט געהייסן בליומע, האָט זיך אונזער העלד נישט אַרויסגעצויגן פון דער קוואַר־טיר, וואו די מיאוסע לערערקע האָט אים דערקוטשעט.

אין שטעטל זיינען געווען אַ סך אַנטיסעמיטן. איבערהויפּט זיינען גע־וואָרן אַ סך, ווען עס איז געקומען דער זומער און די גימנאַזיסטן זיינען אַהיימגעקומען פון די וואַקאַציעס. די גימנאַזיסטלעך האָבן גערעדט די שרעקלעכסטע זאַכן וועגן יידן, זיי האָבן געזאָגט, אַז יידן טרינקען קינדיש בלוט אויף פּסח. יאַנקל פלעג פאַרבינדן מיט זיי דיסקוסיעס און אין שטאָט האָט מען געהאַט צו אים טענהס דערפאַר, די באַלעבאַטים האָבן געהאַלטן, אַז בעסער איז זיך נישט אָנצוהייבן מיט זיי. יאַנקל האָט אָבער געזאָגט, אַז ער קען נישט הערן רואיק אַזעלכע באַליידיקונגען. איבערהויפּט פלעגן די קליינע אַנטיסעמיטלעך אויסלאָזן דאָס גאַנצע האַרץ צו דעם גימנאַזיסט, וואָס איז געקומען פון ארץ ישראל, ווען זיי האָבן אים באַגעגנט, האָבן זיי גענומען דעקלאַמירן לערמאָנטאָווס שיר „דאָס צווייגל פון פּאַלעסטינע". זיי פלעגן זאָגן מיט אַ יידישן אַקצענט „סקאַזשי מניע, וויעטקאַ פּאַלעסטיני, גדיע טי ראָסלאַ..." (זאָג מיר, צווייגל פון פּאַלעסטינע, וואו ביזטו געוואַקסן...). עס זיינען געווען צווישן די גימנאַזיסטן אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די יידן און זיי האָבן זיך געקריגט צווישן זיך אין גאַס, בעת דעם שפּאַציר. האָט זיך שוין יאַנקל אויך אַריינגעמישט. די באַלעבאַטים האָבן אים אָנגעהויבן וואָרענען, אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן, וועלן זיי אים אַרויסשיקן. אַ פּאָר לעקציעס האָט ער באַלד פאַרלוירן דערפאַר, ווייל ער האָט גערעדט וואָס מען דאַרף נישט. און ער האָט קוים געהאַט מיט וואָס דורכצולעבן. דער לע־רער דער קאָנקורענט האָט דערפילט, אַז ס'איז געקומען זיינע זיבן גוטע יאָר און ער האָט אָנגעהויבן גיין אויף יאַנקלס לעקציעס און ער האָט זיי ביי אים צוגענומען איינס ווי איינס. ער איז געבליבן נאָר ביי די דאָזיקע, וואָס צאָלן שלעכט. עס איז אונזער העלד נמאס געוואָרן דאָס לעבן און ער האָט גענומען טראַכטן פון אַהיימפאָרן. און אויב ער האָט זיך דאָך געהאַלטן, איז עס געווען נאָר צוליב דעם, וואָס עס האָט אים געצויגן צו דער שכנה בליומע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין שאַרן און שמייכלען צו אים. עפּעם האָט אים גע־קלאַפּט דאָס האַרץ, ווען ער האָט זי געזען און דאָס בלוט האָט אים געזאָטן און ער האָט געשפּירט, אַז זי פילט צו אים דאָס אייגענע.

איין מאָל האָט מען געדאַרפט קאָלעכן די וועגט ביי יאַנקלס באַלע־באָסטע און ער האָט זיך געדאַרפט אַרומדרייען דעם גאַנצן טאָג און ער האָט נישט געקענט אַריינקומען אין זיין צימער אַריין. מיטיק האָט מען געגעסן

אין הויף. נאָך מיטיק האָט יאַנקל זיך געפילט זייער מיד און ער האָט זיך נישט געהאַט וואו צוצולייגן. האָט ער געבעטן ביי בליומען, אַז זי זאָל אים דערלויבן זיך צולייגן ביי איר און זי האָט אים באַלד דערלויבט און — ס'איז געשען אַלצדינג נאָך איידער ער האָט זיך געהאַט צייט אומקוקן. בליומע האָט געוואוינט אַליין אין עטלעכע צימערן און זי האָט געהאַט אַ צימער מיט אַ גאַנצן פּאַר געסט. איינע פון אירע שוועגערנס פלעג אָפט ביי איר בלייבן נעכטיקן. אָט דאָס געלעגער האָט זי געגעבן יאַנקלען און זי האָט נישט אָפּגעטראָטן פון אים. ער ווייסט נישט ווי אַזוי, אָבער זיי האָבן זיך באַלד צונויפגעקלעפּט און זיי האָבן זיך אַ לאַנגע צייט נישט אָפּגעטיילט איינס פון אַנדערן. זי האָט דערנאָך געזאָגט אַן איבערגעשראָקענע: וואָס פאַר אַ משוגעים מיר זיינען, עס האָט דאָך עמיצער געקענט אַריינקומען. מען האָט נאָך דעמלט אין קאַהול נישט געוואוסט, אַז מען דאַרף אָנקלאַפּן, ווען מען איז אַריינגעקומען צו יענעם אין שטוב אַריין... און יאַנקל פלעג שוין דערנאָך גיין זיך צולייגן ביי בליומען אין שטוב אויך, ווען מען האָט נישט געקאַלעכט ביי אים אין צימער. ער פלעג נישט קענען לערנען און לייענען, ער האָט קוים אָפּגעגעבן די עטלעכע לעקציעס און ער איז באַלד געלאָפן אהיים און גלייך צו בליומען. די באַלעבאָסטע זיינע האָט גוט באַמערקט, וואָס דאָרט האָט זיך געטאָן און די קליינע לערערן האָט געקוקט מיט צעריסענע אויגן אויף זיי ביידע און זיי זיינען געווען ביידע ווי משוגעים און זיי האָבן זיך גאָרנישט גערעכנט. בליומע האָט געזאָגט, אַז איר אַרט נישט, זי וועט גיין איבער די הייזער, אַבי ס'זאָל זיין אַזאַ לעבן ווי ס'איז איצטער... זי האָט אויסדערציילט פאַר יאַנקלען איר ביטער האַרץ. זי איז פון אַ זייער אָרימער פאַמיליע און דער מאַן האָט זיך פאַרליבט אין איר און ער האָט זי גענומען, אַזוי ווי זי איז געשטאַנען און געגאַנגען אָן נדן און אויסשטייער אפילו, ער האָט איר אַלץ געמאַכט. זי האָט אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט, אָבער די מאַמע האָט זי געצוואונגען חתונה האָבן. נאָך דער חתונה האָט זי אים נאָך מער פיינט געהאַט ווי פריער. קיין קינדער קען ער נישט האָבן און ער איז אין גאַנצן נישט קיין מאַן. ער מוטשעט זי גאַנצע נעכט און — גאָרנישט. אונזער העלד האָט אפילו נאָך רעכט נישט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט, אָבער זי האָט אים געזאָגט זייער קלאָר, אַז די נעכט זיינען ביי זיי אַ גהינום זייט זיי האָבן חתונה געהאַט און דערפאַר זעט דער מאַן אירער אַזוי „שיין” אויס. ער אַנטלויפט אין גאַנצן פון דער שטוב און ער ווייזט זיך נישט אַ גאַנצן טאָג, ווייל ער שעמט זיך איר צו קוקן אין די אויגן אַריין. אין גאַס גייט ער אויך אַרום דערשלאָגן און אַ סך מאָל האָט זי פשוט מורא, אַז ער וועט באַגיין זעלבסטמאָרד, אָבער ער באַגייט נישט און ער לעבט נישט און ער רעדט אפילו נישט קיינמאָל וועגן דעם. וואָס זייער לעבן איז נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין.

אַ שטיק צייט האָט בליומע געהאַלטן אין איין ריידן וועגן דעם. אַז זי

וועט אנטלויפן מיט יאנקלען וואו די אויגן וועלן איר טראגן און זי האט געזאגט, אז זי איז נאך קיינמאל אזוי גליקלעך נישט געווען. דערנאך האט זי גענומען בייטן אירע רייד און זי האט געזאגט, אז זי האט מורא זי וועט ווערן שוואנגער און עס וואלט בעסער געווען ער זאל אוועקפארן, ווייל זי ווייסט נישט, וואס דער מאן וועט זיך טראכטן און וואס מ׳וועט ריידן אין שטאט. זי איז זיכער, אז די שכנה אירע בארעדט זי שוין. יאנקלען האט זיך נישט געגלוסט אפטיילן פון איר, כאטש ער האט זיך געפילט ערגער ווי א גנב און ווען ער האט אמאל דערזען פון דער ווייטנס איר מאן, האט מיט אים גענומען ווארפן ווי אין א קדחת, אבער ווייל זי האט אים געזאגט, אז זי וויל ער זאל אוועקפארן, איז ער געווען גרייט איר צו פאלגן. ער איז געווען גרייט איר צו פאלגן אין אלץ און ער האט געוויינט און זיך געפרייט, ווען ער איז געווען לעבן איר און ער האט איר געקושט די פיס. ער האט קיינמאל נישט געהערט, אז מען זאל קושן א פרוי די פיס, אבער פון זיך אליין האט ער עס געטאן. זי האט אים געזאגט, אז קיינמאל איז צו איר נאך א מאן נישט געווען אזוי גוט ווי ער איז און זי האט זיך באלד צוריקגעכאפט און זי האט געזאגט, אז איר מאן איז קיינמאל נישט געווען אזוי גוט צו איר... זי האט אליין נישט געוואוסט, וואס צו טאן, אט האט זי אים געהייסן אוועקפארן און אט האט זי אים געהייסן בלייבן. זי האט אלעמאל געוויינט פאר אים און זי האט געזאגט, אז זי ווייס זי איז א זינדיקע און אזוי ווי ער האט געלערנט א סך יידישקייט, האט זי געוואלט ער זאל איר זאגן, וואס עס קומט פאר אזא זינד אויף יענער וועלט און צי מען ברענט און בראט דערפאר אין גהינום. יאנקל האט זיך שוין אויפגעהערט שרעקן פאר גהינום, דאך האט ער זיך געפילט אי גוט, אי שלעכט. ער האט שוין אנגעהויבן קלערן, אז א מענטש קען נישט קיין גוטס אן קיין שלעכטס. ער האט זיך געגעבן חשבון, אז אלע פריידן, וואס זיינען אים ביז איצטער געקומען, האבן באלד געבראכט אויך טרויער. עס זיינען געווען טעג, ווען ער האט געוואלט זיך אראפריידן פון הארצן און עמיצן דערציילן וועגן דעם, וואס מיט אים קומט פאר, אבער ער האט נישט דערציילט. ער האט זיך אי געשעמט, אי ער האט נישט געוואלט באריידן בליומען. אפילו דעם שטילן גוטן מאנין האט ער אויך גארנישט געוואלט דערציילן. דערצו האבן די יינגלעך אלע גערעדט מיאוס וועגן בליומען און וועגן איר מאן. אפילו מאני האט זיך אמאל ארויסגעכאפט וועגן איר מיט א שלעכט ווארט, האט ער שוין גאר געשוויגן. ער איז געווען זיכער, אז זי איז נישט שולדיק, עס איז שולדיק דאס גאנצע לעבן, וואס איז עפעס נישט אזוי ווי עס דארף זיין... אין חומש שטייט טאקע געשריבן, אז גאט האט באשאפן די וועלט און זי איז אים געפעלן, אבער אים האט זיך פון שטענדיק אן געדאכט, אז די וועלט איז נישט גוט און דער מענטש טאר נישט שטענדיק זיין פארכאפט פון זינד, וואס רייצן אים. עס שטייט טאקע „לפתח חטאת

רובע״, ביי דער טיר הויערט די זינד, אָבער פאַרוואָס איז עס אַזוי און פאַרוואָס זאָל עס זיין אַזוי? אים האָט זיך שוין געלייגט בעסער אויפן שכל דאָס דאָזיקע, וואָס בודא האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז אַ טעות. גאָט האָט געמיינט, אַז ס׳איז דאָ גליק און מענטשן זוכן און ס׳איז נישטאָ...

עס איז געשען עפּעס, וואָס האָט געפירט דערצו, אַז יאַנקל זאָל אוועקפאָרן. די קליינע לערערן האָט זיך געסמט און די באַלעבאָסטע האָט אָפן געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זי האָט זיך פאַרליבט אין העברעאישן לערער און זי האָט געזען, וואָס עס קומט פאַר צווישן אים און בליומען, וואָס די גאַנצע וועלט מיט מענער איז איר נישט געגוג... מען האָט די לערערן קוים אָפּגעראַטעוועט און יאַנקל איז נישט אוועקגעפאָרן, נאָר אַנטלאָפן פון קאַהול. ער האָט קוים צונויפגעשלעפּט אויף הוצאות און ער האָט אַפילו נישט אָפּגענומען דאָס גאַנצע זועש פון דער וועשניע. ער האָט געפילט, ווי די זינד און די שרעק לויפן אים נאָך. ער האָט מורא געהאַט, אַז מען זאָל נישט אַריינשרייבן צו זיין טאַטן, ווי פיין ער האָט זיך אויפגעפירט אין קאַהול און אַז ער איז דאָרט געוואָרן דער אמתער תוך דער אשת אישניק... ער האָט פאַרנדיק אויף דעם פויערישן פורל געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן דעם, וואָס ער וועט דערציילן אין דער היים. דאָס פורל האָט געטרייסלט און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער איז געווען נאָך גאָר קליין, האָט ער שוין באַהאַלטן דעם אמת און אים מורא געהאַט צו דערציילן און זייט דעמלט — וויפל ליגנס האָט ער שוין נישט דערציילט אין זיין לעבן. די טאָפּאָליען, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ברעג פון גאַנצן וועג, וואָס האָט געפירט קיין באַלגראַד, האָבן געצויגן זיך אַרויף און ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז זיי בויגן אוועק די קעפּ פון אים.

צום גליק האָט ער נאָך געטראָפן יאָסיף פרידמאַן אין באַלגראַד, כאָטש ער האָט זיך שוין אויך געהאַט וויי־יק לעקציעס. פאַר אים האָט יאַנקל אויסדערציילט דאָס גאַנצע האַרץ זיינס און יענער האָט אים געהערט ווי אַן עלטערער ברודער און ער האָט אים די טרערן אָפּגעווישט. יאָסיף האָט זיך גערויטלט הערנדיק די גאַנצע געשיכטע און ער האָט געזאָגט זיין יינגערן חבר, אַז מיט אים האָט נאָך קיינמאָל גאָרנישט פּאַסירט און אַז ער איז נאָך ריין ווי אַ קינד פון אַ יאָר (ער האָט אים געלערנט העברעאיש און ער האָט געזאָגט: „טהור אני כילד בן יומו״...), אָבער ער פאַרשטייט עס און ער ווייסט, אַז דאָס גאַנצע „אַביוואַטעלסקי״ (בירגערלעך) לעבן איז פאַלש און די גאַנצע חתונה אָן ליבע איז אַ קאָנווענציאָנעלער ליגן. יאַנקל איז געווען עטלעכע טעג אין באַלגראַד און ער איז כמעט די גאַנצע צייט נישט אַרויסגעגאַנגען פון זיין חברס צימער און ער האָט נישט אויפגעהערט צו לייענען דוד איינהאָרנס לידער און אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זיינען אַלע געשריבן וועגן אים. ער פלעג אין חלום שעפּטשען אייניקע פון זיי, ער פלעג פון דרימל זאָגן:

אָט הער איך דיינע טריט.
אָט דוכט מיר, דיינס אַ האַנט
באַרירט מיין טרער און גלעט
און מאַכט דאָס אויג מיר צו:
איך הער דיין צאַרטע שטים,
זי זינגט, זי קושט, זי רעדט —
און טיף און טיף אין מיר
וואַקסט אויס אַ שטיל געבעט...

אים פלעג זיך שטענדיק דאַכטן, אַז אָט וועט בליומע עפענען די טיר און זי וועט אַריינקומען און דאָס האַרץ האָט אים שוין אַזוי געקלאַפּט אויף דעם חשבון, אַז ס'איז אים שיעור נישט אַרויסגעפאַלן. ער האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם, וואָס זי האָט אים געזאָגט, אַז זי איז שוואַנגער און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט שוין אַ קינד. און אויך וועגן דעם האָט ער געטראָפן אַ ליד ביי איינהאָרנען. ער האָט געשריבן:

אָ, גרויסער גאָט,
איך בעט דיך אַזוי ווינציק.
ווי קליין עס איז נישט מיין באַגער:
אַ קבר גיב מיר נאָר,
וואו איך זאָל רואיק ליגן
און פאַלן זאָל אויף אים
מיין אייגנס קינד אַ טרער...

אָבער די דאָזיקע האָפנונג איז באַלד אויסגערונען ביי אים. אַזוי ווי ער איז נאָר אָנגעקומען קיין קיליע, האָט ער דערהאַלטן אַ בריוו פון מאָנין, אַז בליומע האָט געמאַכט אַן אַבאָרט און זי איז שיעור נישט געשטאָרבן און אין שטאָט הערט מען נישט אויף ריידן. דער טאַטע האָט אַפילו געעפנט די בריוו און געפּרואווט לייענען, אָבער ער איז געווען אויף רוסיש און מיט קליינע אותיות און ער האָט אים אַוועקגעלייגט. צוזאַמען מיט דעם אויסגערונענעם חלום וועגן קינד, איז אויך אויסגערונען דער חלום וועגן בליומען אַליין. יאַנקל האָט זי אָנגעהויבן פאַרגעסן און ער האָט געטראַכט מיט רחמנות וועגן אַדעלאַן, וואָס די עלטערע שוועסטער אירע האָט שוין חתונה געהאַט און זי איז שוין געווען אַ כלה פאַר דעם דאַרפסיונג און זי האָט שוין גיך געדאַרפט חתונה האָבן אין דאָרף אַריין.

קאפיטל אכט

די לעצטע שווערע געראנגלענישן מיט דער אלטער יידישער וועלט.

וועגן קאהול האט יאנקל פאר זיינע עלטערן מער געשוויגן ווי גערעדט. ער האט געזאגט, אז דער ריב האט נאך אים געשיקט, ווייל ער איז ברוגז געווען אויף דעם פריערדיקן לערער און ער האט ביי אים צוגענומען א סך „אוראקן", אבער מען האט אים נישט געצאלט און דערנאך האט יענער צוריק באקומען די „אוראקן". עס איז געווען אמת, אבער נישט דער גאנצער אמת. זיין טאטע אליין האט אים געזאגט א סך מאל, אז „א קלוגער ווייסט וואס ער רעדט און א נאר רעדט, וואס ער ווייסט", האט ער נישט געטאן ווי א נאר און ער האט נישט גערעדט אלץ, וואס ער האט געוואוסט. טאטע און מאמע האבן אים געקוקט אין מויל אריין און זיי האבן אים יא און נישט געגלויבט און זיי האבן אים גענומען זוכן אין קיליע אליין א פאר „אוראקן". אייניקע מאמעס האבן אים שוין יא געוואלט גיבן די קינדער, אבער זיי האבן זיך עפעס נישט געגלויבט, אז ער קען שוין טאקע רוסיש, ער האט דאך נאר וואס געטראגן פאות...

דאס לעבן איז ווידער אוועק אנגעצויגן. יעדע באגעגניש מיט די עלטערן איז געווען עפעס ווי מיט שונאים. און נישט אזוי ער זיי האט באטראכט פאר שונאים, ווי אים האט זיך געדאכט, אז זיי קוקן אויף אים ווי אויף א שונא... און גרוי איז אויך געווען דאס לעבן. ער האט זיך כמעט מיט קיינעם נישט באגעגנט, אויסער מיט לוי קאמאראווסקי, דעם וועשער, וואס האט געלייענט יידיש און ער האט זיך פלוצים גענומען לערנען העברעאיש און ער האט דווקא געוואלט ריידן העברעאיש מיט יאנקלען. אדעלא איז געווען אין טרויער נאך דער מוטער און א כלה איז זי אויך געווען און זי האט זיך זייער זעלטן געוויזן אין גאס. געווען א גרופע „ליוביטיעלעם" (דילעטאנטן) אין קיליע, וואס האט זיך געקליבן צו שטעלן א ספעקטאקל. לוי קאמאראווסקי איז אויך געווען אין דער גרופע און עס זיינען נאך געווען עטלעכע מיידלעך און יינגלעך בעל מלאכות. דער וואטנמאכער סאסקין איז געווען צווישן זיי און עס איז געווען א פאבריקמאכער איינער, וואס האט געהייסן איצקאוויטש און ער האט געקענט שפילן אויף א פידל און אויף א גיטארע. ער איז גע־

ווען א קיליער, א קיילעכדיקער יתום, אָבער ער איז א לאנגע צייט נישט גע־ווען אין דער היים און ער האָט זיך דעמלט אומגעקערט א גאנצער אויפ־געקלערטער און מען האָט געזאָגט, אז ער פירט איבער א האַלבע שטאָט. די דאָזיקע גרופּע האָט געוואָלט אריינשלעפּן יאַנקלען אין קאָן אריין און ער האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו באַגעגנען מיט זיי, אָבער די מאַמע האָט אויפ־געהויבן אַזאַ יללה, אז ער וויל חוזק מאַכן פון יידן און דעם טאַטן ברעכן פון ברויט, אז ער האָט זיך דערשראָקן און ער האָט צוגעזאָגט, אז קיין ספּעק־טאַקל וועט ער מיט זיי נישט שפּילן. אָבער באַגעגנט האָט זיך יאַנקל ווייטער מיט דער גרופּע און ער האָט זיך באַטייליקט אין די „טשיטקעס", וואָס זיי האָבן דורכגעפירט און אין די דיסקוסיעס. זי האָבן זיך צעטיילט און ציוניס־טן און סאָציאַליסטן. לוי קאָמאַראָווסקי איז געווען מיט די ציוניסטן און איצקאָוויטש — מיט די סאָציאַליסטן. אין שטאָט איז דעמלט געווען א נייער העברעאישער לערער — אהרקע האַפּמאַן האָט ער געהייסן. ער איז געווען מאַטיע דעם מלמדס זון און ער האָט געקענט דיקדוק אזוי ווי זיין טאַטע. ער איז געווען א פּאָר יאָר אין ארץ ישראל און ער איז צוריקגעקומען און האָט גערעדט העברעאיש מיט דער ספּרדישער הברה און ער האָט געעפנט א קלאַס און גענומען לערנען „דאָס אמתע העברעאיש, אזוי ווי מען רעדט עס אין פּאַלעסטינע". די חסידים האָבן געברענט מיט פייער אויף אים און זיי האָבן געזאָגט, אז ער מאַכט אַלע קינדער פּאַר אַפּיקורסים. ער איז געגאַנגען אין שול אַריין נאָר איין מאָל אין פיר וואָכן, צו שבת מברכים. די דאָזיקע, וואָס זיינען געווען ציוניסטן, פלעגן זיך צונויפקומען ביי אהרקען אין שטוב און זיי האָבן דאָרט דיסקוטירט און געקראָגן שקלים צום פאַרקויפן. די צוויי פרומע ציוניסטן מיט די גאַנצע בערד, גדליה באַראַנאָווסקי און מאיר יונה דער שניידער פלעגן אויך אַמאָל אריינקומען צו אהרקען און גיבן מוט די יונגע ציוניסטן און זיי נישט אויפגעהערט צו זאָגן מוסר און זיי וואָרענען, אז זיי זאָלן אָפּהיטן יידישקייט, ווייל ציוניזם אָן יידישקייט און אָן תורה מיינט גאָרנישט. אהרקע האָט זיי געלאָזט אויסריידן, אָבער ווען זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט, אז ציוניזם קער זיך גאָרנישט אָן מיט קיין פרומקייט, א סימן: הערצל איז אויך נישט געווען קיין פרומער און מאַקס נאָרדוי איז גאָר אַן אַפּיקורס. ווען מען האָט דאָס דאָזיקע דערציילט דעם שניידער מאיר יונה, האָט ער געזאָגט, אז ער גלויבט עס נישט, ווייל הערצל איז געגאַנגען כמעט א גאַנצע באָרד און מאַקס נאָרדוי גייט אויך אזוי...

יאַנקלען איז ביי אהרקען גיך געוואָרן נמאס, מען האָט דאָרט גערעדט העברעאיש און אזוי ווי די מערסטע האָבן כמעט גאָרנישט געקענט, האָט מען כסדר געדאַרפט זוכן די פּשוטסטע ווערטער און מען האָט נישט געקענט פירן קיין אינטערעסאַנטע שמועסן. איז ער בעסער געזעסן אין דער היים און ער האָט געלייענט רוסישע ביכער, וואָס ער האָט גענומען אין דער ביב־

ליאַטעק. ער האָט די ביכער ממש געשלונגען, דער ביבליאָטעקאַר האָט איב נישט אויפגעהערט פרעגן, ווען ער באַוויזט זיי אויסצוליינען. דער טאַטע האָט אים אַלעמאָל געפרעגט, צי זיינע ספרים לערנען ווי אַזוי מורא צו האָבן פאַר גאָט ברוך הוא און ווי אַזוי צו גיין אויף דעם גוטן וועג. די באָבע פלעג אויך קוקן אויף אים מיט איבערגעשראָקענע אויגן און אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז זי זאָגט אים מיט זיי, אַז ער נעמט ביי איר צו די גאַנצע עולם הבאַ...

אין שטוב זיינען דעמלט פאָרגעקומען מוראדיקע קריגערייען. ווען מען האָט די באָבע געדאַרפט ברענגען קיין קיליע, האָט די מאַמע באַלד געזאָגט, אַז דאָס איז אויף איר קאָפּ און אַז זי האָט נישט קיין כוח צו אַרבעטן אויף איר און אַז ווען זי האָט פאַרדינט און געהאַט און געקענט שענקען מתנות, האָט זי זיי אוועקגעגיבן די אַנדערע קינדער. און עס האָט נישט געהאָלפן, מען האָט זי געבראַכט צו איר אין שטוב אַריין. געהייסן האָט עס, אַז זי וועט אַ האַלב יאָר זיין ביים טאַטן און דאָס צווייטע האַלבע יאָר וועט זי זיין ביים פעטער נוח, אָבער ווען עס איז געקומען דאָס צווייטע האַלבע יאָר, האָט די מומע חווה בשום אופן זי נישט געוואָלט נעמען צו זיך. זי האָט געהאַט אַ תירוץ, אַז זי האָט דריי קליינע קינדער און זי קען נישט האַלטן קיין אַלט מענטש ביי זיך. זי איז גרייט צו באַצאָלן, פון דעם ביסן אָפּרייסן, אַבי באַצאָלן, אָבער האַלטן ביי זיך קען זי נישט. אַריינגיבן די באָבע ערגעץ אַנדערש אויף קעסט האָט זיך דער טאַטע געשעמט, זיינען פאָרגעקומען די אמתע קריגערייען. די באָבע האָט געדאַרפט הערן ווי מען וואַרפט זיך מיט איר און זי האָט נישט איין מאָל געזאָגט שטילערהייט: „ביז ווען נאָך איז דער שיעור, רבונו של עולם? וויפל דאַרף עס אַ מענטש לעבן?" יאַנקל האָט רחמנות געהאַט אויף דער מאַמען אויך, ער האָט געזען, ווי זי ליידט מורא־דיק. זי האָט זיך איינגערעדט, אַז מען האַלט זי פאַר דער נידעריקסטער פון דער גאַנצער משפחה און מען וואַרפט אַרויף אויף איר דעם גאַנצן יאָך. זי איז נישט געווען גערעכט און דאָך גערעכט, עס איז אויסגעקומען, אַז די מומע חווה איז די פריצה. דער פעטער נוח איז געווען גרייט צו גיבן צו שטייער, אָדער טאַקע אין גאַנצן באַצאָלן פאַר אַ דינסט, אָבער דאָ איז שוין נישט געגאַנגען אין קיין אַרבעט און נישט אין קיין געלט, נאָר אין אַמביציע. עס איז אויסגעקומען, אַז די מומע חווה וויל נישט האָבן די שוויגער ביי זיך און זי פירט אויס... די מאַמע פלעג פאַר ערגערניש אַלע מאָל קראַנק ווערן. זי האָט געהאַט שרעקלעכע קאַפּווייטיקן און מיגרענען. עס פלעג זיך איר דאַכטן, אַז איר שאַקלט זיך אַן אויג און זי האָט מורא געהאַט, אַז אָט וועט עס אַרויספאַלן. זי פלעג שרייען געוואַלד, אַז דאָס אויג פאַלט איר אַרויס. מען פלעג זיך איבערשרעקן און ברענגען דעם דאָקטער און דער גוּ־טער נעמיראָווסקי האָט נישט אויפגעהערט שמייכלען און ער האָט געזאָגט,

אז עס איז נערוון און ער האָט געהאַלטן אין איין פרעגן דער מאַמען פּאַרוואָס זי איז אַזוי נערוועז, צי האָט זי נישט אַמאָל מורא, אַז אירע שיפן וועלן איר אונטערגיין. דער טאַטע האָט געענטפערט, אַז זי האָט זיך אַריינגעשלאָגן עפּעס אַזאַ זאַך אין קאָפּ אַריין, וואָס עסט זי און אַלעמען אויף... עס איז נישט פריילעך געווען צו זיין אין שטוב און עס איז נישט געווען קיין מיטל. גלייך אַ פינצטערער גורל וואָלט זיך אַריינגעכאַפּט אין הויז אַריין. יאַנקל האָט אַ פּאָר מאָל איבערגערעדט מיטן טאַטן וועגן דעם, צי מען וואָלט נישט געקענט אַריינגיבן די באַבע ערגעץ אויף קעסט, ווייל ער האָט מורא פאַר דער מאַמען. דער טאַטע האָט געענטפערט, אַז ער האָט אַליין אויך מורא, אָבער פון דער אַנדערער זייט שעמט ער זיך. נוח איז פּאַרט נישט קיין שוחט... די שטאָט וועט זאָגן, אַז דער שוחט איז נישט מקיים קיין כיבוד אם...

די מאַמע האָט זיך אַזוי לאַנג געערגערט ביז וואַנען זי האָט זיך אויפגעהויבן און זי איז אין גאַנצן אַוועקגעפאָרן. זי איז שוין געהאַט עטלעכע מאָל אַוועקגעפאָרן צו מאַמציען און איצטער האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט פאָרן קיין קרעמענטשוג, וואו זי האָט רייכע קרובים פון איר טאַטנס צד און זיי וועלן איר געוויס העלפן. וויפל דער טאַטע האָט נישט גערעדט איבער איר, האָט נישט געהאָלפן, זי האָט אירס אויסגעפירט אַזוי ווי שטענדיק, ווען זי האָט זיך עפּעס אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ אַריין. עס איז איר נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען דאָס פאָרן, זי האָט זיך געדאַרפט גרייטן אין וועג אַריין מיט קליידער און מיט הוצאות. זי האָט אויך געהאַט אַ „דיעלאָ" (פּראָצעס). עס איז געווען זומער און מען פלעג פרייטיק צו נאַכטס אַראָפּלאָזן דאָס עסן פון שבת אין דער פרי אין ברונעם אַריין, אַז ס'זאָל האַלטן פריש, האָט מען דאָס איין מאָל אַרויסגעגנבעט. די מאַמע איז געווען זיכער, אַז דאָס האָט אַרויסגעגנבעט דער שכן סטיאָפּקע, וואָס איז געווען אַ פאַריקמאַכער, אַ פעלדשער, אַ גנב. און זי האָט זיך צעקריגט מיט אים און האָט אים אָנגערופן גנב. איז געגאַנגען סטיאָפּקע און האָט די מאַמע אָנגעקלאָגט אין געריכט. איז אַט צוליב דעם דאָזיקן פּראָצעס האָט די מאַמע נישט געקענט אַוועקפאָרן. אָבער עס האָט נישט געדויערט לאַנג און די „דיעלאָ" איז פאַרגעקומען און די מאַמע איז באַפרייט געוואָרן. עס האָט דעמלט אין אַ קליין פינצטער צימערל געוואוינט דעם פעטער פּראַימס עלטסטער זון, וואָס האָט אויך געהייסן יאַנקל. די גאַנצע פאַמיליע דעם דאָזיקן פעטערס איז שוין דעמלט געווען אין אַרגענטינע און איין יאַנקל איז געבליבן. ער איז געווען אַ רויטער און אַביסל אַ הינקענדיקער און אַ טויבלעכער אויך. דער איינציקער האָט ער זיך אַזאַ אַרויסגעכאַפּט, האָט מען געהאַלטן, אַז אַרגענטינע איז נישט פאַר אים. ער האָט געהאַנדלט מיט די זעלביקע זאַכן, וואָס דער פעטער פּראַים און ס'איז אים שטענדיק געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. ער האָט אַלעמאָל איינגעהאַנדלט אַ שלעכטע סחורה און ער האָט אַלעמאָל דערלייגט דעם קאָפּ.

איז אַט דער יאַנקל האָט געזאָגט עדות, אַז ער האָט אַליין געזען ווי סטיאָפּקע האָט אַרויסגעגנבעט דאָס שבתדיקע עסן. דער ריכטער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, אַז ער איז אַ קרוב און ער האָט אים געהייסן שווערן, אַז ער האָט אַליין געזען און ער האָט די מאַמע באַפרייט. סטיאָפּקע האָט געזאָגט, אַז ער האָט צו דער מאַמען גאָרנישט אָבער מיט דעם רויטן יאַנקל וועט ער זיך אָפּרעכענען, ווייל ער האָט געשוואוירן פאַלש. יאַנקל דער רויטער האָט נישט אויפגעהערט צו פרעגן דעם טאַטן, צי גאָט וועט אים נישט שטראָפן פאַר דעם שווערן פאַלש... אין אַ שעה אַרום האָט סטיאָפּקע געכאַפּט אַ כוסה אין איינעם מיטן רויטן און זיי האָבן זיך איבערגעבעטן און דאָס עסן האָט ער דערנאָך ווידער צוגעגנבעט און מען האָט געמוזט זוכן אַ ניי פּלאַץ דערפאַר. די מאַמע איז נאָך יענער „דיעלאָ" גיך אַוועקגעפאָרן קיין קרעמענטשוג, כאָטש דער טאַטע האָט דאָס נישט געוואָלט ליידן. אין שטוב איז געווען אַ דינסט, אָבער דאָס עסן איז נישט געווען קיין עסן און דאָס לעבן איז קיין לעבן נישט געווען. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז די מאַמע האָט צוגענומען די שיין פון דער שטוב. דאָס ערשטע מאָל האָט יאַנקל געהערט ווי דער טאַטע מאַכט אַ קאָמפּלימענט דער מאַמען, זאָל זיין אַפילו הינטער די אויגן...

און אַז ס'איז שוין באַשערט געווען איין פּראָצעס, האָט באַלד געדאַרפט קומען אַ צווייטער. אין איזמאַיל איז דעמאָלט אַרויסגעגאַנגען אַ טעגלעכע רוסישע צייטונג, וואָס האָט זיך גערופן „פּרידונאַיסקי קראַי", האָט יאַנקל אָנגעהויבן שרייבן אַהין קאָרעספּאָנדענצן פון קיליע און מען האָט זיי געדרוקט. ער האָט אונטערגעשריבן „יאַשאַ" און אין שטאָט האָט מען נישט אויפגעהערט זיך בויערן דעם קאָפּ ווער דער דאָזיקער „יאַשאַ" איז. מען האָט אויסגערעכנט אַלע יאַשאַס פון שטאָט, אָבער אויף יאַנקלען איז קיינעם נישט איינגעפאַלן. ער האָט געשריבן וועגן דעם, וואָס מען האַלט נישט ריין די שטאָט און וועגן דעם, וואָס עס איז נישטאָ קיין בולוואַר און וועגן דעם, וואָס אין דער ביבליאָטעק זיינען קיין נייע ביכער נישטאָ און וועגן דעם, וואָס מען שעלט זיך מיאוס אין די גאַסן. דער פּריסטאַוו האָט געטריבן די „כלאָפּעס" פון דער אויבערשטער גאַס און זיי געשאָלטן אין דער מאַמען אַריין, ווייל זיי שעלטן זיך אין דער מאַמען אַריין און קיינער האָט נישט געוואוסט ווער עס שרייבט. האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, אַז אַ מיידל פון אַ רייכן קאַצאַפּ האָט זיך געסמט. די גאַנצע שטאָט האָט געוואוסט, אַז ס'איז געווען דערפאַר ווייל איר פאָטער האָט זי מיטגענומען קיין אָדעס און ער האָט זי דאָרט פאַרשעמט; ער איז איר געגאַנגען עפּעס קויפן אין אַ גרויס געשעפט און זי דאָרט שטאַרק אָנגעשאָלטן פאַר די מענטשן אין די אויגן און זי איז פאַר בושה און פאַר ווייטיק באַגאַנגען זעלבסטמאָרד; יאַנקל האָט געמיינט, אַז אַלץ, וואָס מען ווייסט, קען מען שרייבן און ער האָט אָנגעשריבן אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם. איז געגאַנגען דער פאָטער פון מיידל און זיך נאָכ־

געפּרעגט ביי דער רעדאַקציע ווער עס האָט געשריבן די קאָרעספּאָנדענץ און ער האָט יאַנקלען איינגעקלאָגט און די גאַנצע שטאָט האָט שוין געוואוסט ווער עס איז דער „יאשא". דער טאַטע האָט זיך איבערגעשראָקן וועגן דעם פּראָצעס און אַזוי ווי דער אַרויסגיבער פון דער רוסישער צייטונג איז געווען אַ באַרימטער אַדוואָקאַט, איז דער טאַטע געווען זיכער, אַז ער וועט יאַנקלען העלפן און ער האָט אים אַריינגעשיקט קיין איזמאַיל. דער אַרויסגיבער פון דער צייטונג האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט נישט האָבן קיין באַשטעטיקונג פון קיין דאָקטער, קען ער גאָרנישט מאַכן, ווייל דער טאַטע פון מיידל שרייבט, אַז ער האָט באַשטעטיקונג פון דאָקטער, אַז זי איז געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. יאַנקל געדענקט ווי היינט, ווי ער האָט דעם באַרימטן אַדוואָקאַט געטראָפן אין „אַקרוזנשאַי סוד" (קרייז־געריכט) און ער איז אין איין וועג בייגעווען אַ „דיעלאָ". אויף דער באַשולדיקונג־באַנק איז געזעסן אַן אַלטער פויער אַן איבערגעשראָקענער. ער איז געגאַנגען אין וועג און ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ פרעמדן „באַשטאַן" און צוגעגנבעט אַ גאַנצע אוגערקע. דער באַלעבאָס, אַ מאָלדאַוואַנישער פּריץ, האָט מורא געהאַט פאַר גרעסערע גנבים און ער האָט געוואָלט דעם אַלטן אָנלערנען און ער האָט אים איינגעקלאָגט. דער פּראָקוראָר האָט געהאַלטן אַ לאַנגע רעדע און ער האָט שיעור נישט דערוויזן, אַז דעם „פאַרברעכער" קומט טויט־שטראָף. ער האָט געדונערט: „נישט קיין יינגעלע איז ער, נאָר אַן אַלטער מאַן, ער ווייסט שוין גאַנץ גוט, אַז מען טאָר נישט גנבענען! און נישט קיין ברויט אויף צו שטילן דעם הונגער האָט ער געגנבעט, נאָר אַ נאַש אַן אוגערקע..." יאַנקל האָט זיך צוגעהערט און ער האָט זיינע אויערן נישט געגלויבט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ פינצטערער שפּאַס און ער האָט געפילט, אַז דאָס בלוט קומט אים אין קאָפּ אַריין. אים האָט זיך געגלוסט זאָגן, אַז מען דאַרף דעם פּראָקוראָר זעצן אויף דער באַשולדיקונג־באַנק. און ער האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט געפרעגט דעם פּאַרזיצער, צי ער מעג נעמען אַ וואָרט. דער פּאַרזיצער האָט אים געענטפערט בייז, אַז קיין וואָרט קען ער אים נישט גיבן, אָבער אַרעסטירן קען ער אים יאָ. און אַ דינער האָט אים באַלד אַרויסגעפירט. דאָך איז ער פון איזמאַיל נישט אוועקגעפאָרן מיט גאָרנישט. ער האָט אין „פרידונאַיסקי קראַי" אָפּגעדרוקט זיין מעשהלע וועגן די צוויי פּייגעלעך, וואָס ער האָט אָנגעשריבן דעמלט, ווען דער בילדונגס־מיניסטער קאַסאָ האָט אַרויסגעגעבן זיין גזירה קעגן די יידישע עקסטערנעס און ער האָט אויך אָפּגעדרוקט אַ מין אַרטיקעלע וועגן הערצלען, וואָס ער האָט גערופן „אַ קעניג אָן אַ טראָן". ער האָט אונטער ביידע זאַכן אונטערגעשריבן דעם פולן נאָמען און אין קיליע האָט מען נישט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם, אַז ער וואַקסט אַ רוסישער „פּיסאַטעלי" (שריפטשטעלער). מען האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ דערפאַר, ווייל ער האָט געלערנט אין דער ישיבה...

עס האט פון דעסט וועגן נישט געהאלטן ווייט, אז פאר דער קארעספאנ־דענץ וועגן מיידל זאל ער גיין אין טיורמע אריין. צוויי דאקטוירים האבן געזאגט, אז זיי ווייסן דורכאויס, אז דאס מיידל איז באגאנגען זעלבסטמארד, אבער אנהייבן מיט די געריכטן ווילן זיי נישט. און דער טאטע פון מיידל האט זיך פארמאסטן אויף נישט מער און נישט ווייניקער ווי פינף הונדערט רובל. יאנקל האט אינעווייניק אין זיך געשריגן גוואלד. ער האט זיך געפרעגט: אויב דעם פאטער גייט אין דעם כבוד פון זיין טאכטער, טא וואס זשע וועט אים העלפן דאס געלט? זאל ער פארלאנגען, אז ער זאל צוריקציען די ווערטער און זיך אנטשולדיקן. יאנקלען האט זיך געדאכט, אז פאר דעם מאנען געלט, וואלט מען דעם קריסט געדארפט איינזעצן אין טיורמע. דער טאטע האט זיך מער געשראקן פאר דעם זיצן אין תפיסה ווי דער זון אליין און ער האט זיך מיט דעם גוי פארגלייכט פאר א פינף און צוואנציקער. צוליב פינף און צוואנציק רובל האט ער אונטערגעשריבן ביים נאטאריוס, אז ער האט קיין שום טענהס נישט צום קארעספאנדענט און דער כבוד פון דער טאכטער איז שוין געווען געראטעוועט... יאנקל האט ווידעראמאל דערפילט, אז עס איז נישטא קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט און ער האט זיך געגעבן חשבון, אז א זשורנאליסט טאר דעם אמת נישט אויסזאגן. די גאנצע איבערלעבונג האט אים צעטומלט און צעחושט און ער האט שיעור דעם גאנצן קאפ נישט פארלוירן. ער האט זיך, ער געדענקט אליין נישט ווי אזוי, א כאפ געטאן צום ביטערן טראפן און דאס דאזיקע האט אים געפירט צו חברן זיך מיט אייניקע רייכע פוסט און פאסטניקעס, פאר וועלכע ער איז געווארן גאר אנגעלייגט צוליב דעם, וואס ער קען שרייבן אין א רוסיש בלאט און יענע האבן אים איינגעלאדן אין דעם קלוב, וואס האט זיך גערופן „קלוב בלאגאראדנאווא סאבראניא" (דער קלוב פון ערנווירדיקן צונויפקום) און וואו מען האט געשפילט אין קארטן און אין ביליארד און געטרונקען וויין. ער האט נישט געשפילט די אלע שפילן, אבער ווען מען האט אים מכבד געווען מיט וויין, האט ער זיך נישט אפגעזאגט; ער האט צום ערשטן מאל אין זיין לעבן דערפילט ווי וויין לעשט דעם ווייטיק פון הארצן, אזוי ווי וואסער לעשט פייער. און ווייטיקן האט ער געהאט א סך. עס האט אים ווי געטאן ביים הארצן פון אנושקאן און פון אדעלאן און פון בליומען און פון בליומעס אבארט און פון דעם, וואס מען האט אים געוואלט פארשיקן אין טיורמע פאר זאגן דעם אמת און דער טאטע האט געדארפט לייען געלט אויף פראצענט און אים אויסקויפן און טאקע פון זיין גאנצן לעבן, וואס האט קיין ציל נישט. ער האט געוואוסט, אז דער טאטע קוקט איצטער אויף אים, ווי אויף אן אומגליק און ער אליין האט שוין אויך אזוי אנגעהויבן קוקן אויף זיך. דער חלום וועגן קענען ווערן א רוסישער שרייבער איז געווען אזוי ווייט. אין איזמאיל האט אים דער רעדאקטאר שטארק געלויבט און ער האט געזאגט,

אז ער האָט אַ שיינעם רוסישן סטיל און ער גלויבט זיך גאָרנישט, אַז אַ לי־
ליער יידיש יינגל זאָל אַזוי קענען שרייבן רוסיש. און ווען ער האָט נאָך
דערציילט דעם רעדאַקטאָר, אַז ער איז אַ געוועזענער ישיבה בחור און אַז ביז
צוריק מיט אַ צייט האָט ער גאָרנישט געקענט קיין רוסיש, איז יענער גאָר
געווען אַנטציקט און ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט אָבער פון לאַנג, אַז
תלמודיסטן האָבן גוטע קעפּ, אָבער ווען ער האָט אים געפרעגט, צי ער האָט
אַ פּלאַץ פאַר אים אין זיין בלאַט, האָט ער געזאָגט: „ס'איז צו פרי”... רעד־
דאַקטאָר איז געווען אַ זשורנאַליסט, וואָס האָט זיך גערופן מיכאַיל נעדאַלין
און מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ ייד, אייניקע האָבן געזאָגט,
אַז ער איז אַ געשמדטער ייד. ער פלעג אַלע טאָג אָנשרייבן אַ קליינעם פעליע־
טאָן, וועלכן ער האָט אונטערגעשריבן מיט דעם נאָמען „איגלאַ” (די נאָדל)
און יאַנקל האָט דערקענט, אַז ער מאַכט נאָך דעם פעליעטאָניסט „ניעזנאַקאָ־
מיעץ” (דער אומבאַקאַנטער), וואָס האָט געשריבן אַלע טאָג אין „אָדעסקיאַ
נאָוואָסטי”. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואָלט געשריבן אויב נישט
שענער פון אים, איז מיט מער האַרץ. ער האָט געפילט, אַז ער שרייבט די
פעליעטאָנען נאָר מיט דער פעדער און מיט מלאכה און ער האָט אים מקנא
געווען, וואָס ער האָט אַזאַ פּלאַץ. זיין חלום איז געווען צו שרייבן אין אַ
בלאַט אַלע טאָג און שרייבן דעם אמת... בדאַי זיצן אין תפיסה און זאָגן
דעם אמת... עס האָבן ביי אונזער העלד אין האַרצן געברענט האָפנונגען אין
איינעם מיט פאַרדרוסן און אַבי ער האָט נאָר געהאַט, האָט ער געלאָשן דאָס
ברענעניץ מיט ווין. ער איז געוואָרן אַ שטיקל שיכור און ער האָט זיך גע־
שראָקן פאַר דעם וואָס ס'האָט אים אַזוי שטאַרק געצויגן צום ביטערן טראָפּן;
ער האָט געלייענט ביי ר' יהודה הלוי און ביים אבן עזרא שירים וועגן ווין
און דערפון האָט ער אַרויסגענומען, אַז גרויסע מענטשן האָבן אויך געטרונ־
קען, אָבער יענע האָבן געטרונקען צוליב פרייד מער ווי אויס ווייטיק...

און צוליב דעם טרינקען האָט זיך אונזער העלד דערפילט פרייער. ווען
ער איז געווען אונטער דעם גלעזל, האָט ער זיך דערלויבט צו ריידן זאַכן,
וואָס ניכטערהייט וואָלט ער זיי נישט געזאָגט. ער האָט דעם טאַטן געזאָגט,
אַז אין דער יוגנט האָט שלמה המלך אַליין זיך געפרייט מיט ווין און מיט
ווייבער און ער האָט געזונגען שיר השירים צו אַ מיידל. דער טאַטע האָט אָבער
אויסגעשפּיגן, ווען ער האָט געהערט זאָגן, אַז שולמית מיינט אַ פשוט מיידל און
נישט די כנסת ישראל. מיט איציק זיידמאַן האָט ער פאַרפירט אַ דיסקוסיע
וועגן דעם, צי די וועלט איז אַ קדמון, אָדער גאָט האָט זי באַשאַפן און ער
האָט געזאָגט, אַז זי איז געוויס אַ קדמון, ווייל ווען גאָט וואָלט זי באַשאַפן,
וואָלט ער זי נישט געמאַכט אַזוי שלעכט. איציק זיידמאַן האָט אַזש געציי־
טערט, ער האָט אָנגעוויזן, אַז אין דער תורה שטייט בפירוש געשריבן, אַז
גאָט האָט באַשאַפן די וועלט און אַז זי איז אים געפעלן געוואָרן. ער האָט

זיך אונטערגעהוסט און אונטערגעלאַכט און ער האָט געזאָגט: „גאָט ברוך הוא איז די וועלט געפעלן געוואָרן און נאָר אברהם שוחטס תנאָ ברא איז די וועלט פּלוצים נישט געפעלן; און ווייסטו פאַרוואָס זי איז אים נישט געפעלן? ווייל ער איז אַ טיפּש". יאַנקלען האָט זיך פאַרגלוסט מאַכן אַ חכמה און זאָגן, אַז ווען די מענטשן זיינען געווען אויף אַ נידעריקער מדרגה, האָבן זיי געגלויבט אין אַ סך געטער; דער גלויבן אין איין גאָט איז אַ העכערע מדרגה און דאָס גאָרנישט גלויבן אין גאָט איז די העכסטע מדרגה... ער האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט, כאָטש ער אַליין האָט נאָך גאָרנישט באַשלאָסן ביי זיך, אַז ס'איז טאַקע נישטאָ קיין גאָט. איציק זיידמאַן האָט זיך גענומען פאַרשטאָפּן די אויערן און שרייען געוואַלד. ס'איז געווען אַ גליק, וואָס דער טאַטע איז נישט געווען דערביי... ער האָט זיך באַלד בארויִקט און ער האָט געקוקט אויף אים מיט קלוגעטשקע אויגן און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף דעם טאַטן און מער אַזעלכע נאַרישקייטן נישט פּלאַפּלען, ווייל ער וועט אים אומגליקלעך מאַכן. יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וועט אויס רחמנות נישט דערציילן דעם טאַטן און ער האָט אויף אים געקוקט מיט דאַנקבאַרע אויגן. איציק האָט זיך שוין אַזוי באַהערשט, אַז ביים אוועקגיין, האָט ער געגיבן אַ ממזרישן קוק אויף אים און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל היינט דאַווענען מיט מער כוונה און ער זאָל תשובה טאָן און ביי „אָשמנו" זאָל ער זיך גיבן אַזאַ קלאַפּ אין האַרצן, אַז עס זאָל אים שיעור נישט ארויס...

יאַנקל האָט זיך צוליב דער דאָזיקער הייסער דיסקוסיע נישט געענדערט און ער האָט ווייטער געהוליעט און געווילדעוועט, כאָטש פאַר וויכוחים האָט ער זיך שוין געהיט. דער טאַטע האָט אויף זיין שטייגער שטילערהייט געקרעכצט און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז מקנא דער מאַמען, וואָס זי איז נישטאָ אין דער היים און זי זעט נישט דעם נחת... יאַנקל פלעג זיך באַגעגנען נישט נאָר מיט יידן, נאָר אויך מיט קריסטן, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אינטעליגענטע און באַוואוסטזיניקע און סאָצאַליסטיש געשטימטע. נאַטירלעך איז מען געגאַנגען נישט נאָר מיט יונגעלייט אַליין, עס האָבן קיין מיידלעך אויך נישט געפעלט און אין שטאָט האָט מען שוין פאַרויסגעזאָגט, אַז דעם שוחטס זון וועט זיך נאָך שמדן אויך...

יאַנקל פלעג מיט זיינע חברים און חברטעס גיין צום ברעג און דאָרט ארומלויפן צווישן די ווערבע-ביימער און זיך שיפן אויף שיפלעך. יידן איז געווען פאַרבאָטן צו שיפן זיך מיט שיפלעך אויפן דונאַי, ווייל פון יענער זייט טייך איז געווען אויסלאַנד. אָבער מען פלעג שוין דאָרט אונטערקויפן פּאָליציי און זי האָט יאָקאָס אוועקגעקוקט, ווען יידן האָבן זיך געשיפט. דאָס דאָזיקע פאַרברענגעניש איז געווען די גרעסטע פרייד פאַר אונזער העלד. ער האָט ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט געפילט קיין באַרירונג מיט דער נאַטור

אויף אזא דירעקטן אופן. ער פלעג דערשפירן דעם ריח פון טייך און די פרישקייט פון ווינט, ווען ער האט זיך אריינגעזעצט אין שיפל אריין, אז אים האט זיך געדאכט, אז גאט אליין קושט אים. אין טייך זיינען געוועזן געוויקסן, וועלכע זיי האבן געפרואווט ארויסרייסן און זיי זיינען דערביי שיעור נישט אריינגעפאלן. עס פלעג זיך אמאל טרעפן, אז עמיצער איז טאקע אריינגעפאלן און דאס ארויסשלעפן אים האט פארשאפט פונקט אזא שארפע פרייד, ווי די געפאר פון דערטרינקען ווערן. די מיידלעך האבן עס דעמלט געקוויטשעט! עס האט נישט איינמאל פאסירט, אז ער אליין איז אריינגעפאלן און סיי די שרעק, סיי די קעלט זיינען פאר אים געוועזן צוקער זיס. ער האט זיך דערמאנט, וואס די מאמע האט אים דערציילט וועגן זיין זיידן, אז ער איז געפארן מיט א שיפל פון ווילקאוו קיין קיליע פונקט ערב יום טוב און ער האט געדארפט אנקומען א רגע איידער עס וועט ווערן אוונט. ערב יום טוב דארף מען זיך טובלען, אזא דין איז פאראן אין שולחן ערוך און פאר דעם זיידן איז דער שולחן ערוך געוועזן דער גאנצער עיקר. האט מען אים אויפן וועג געמוזט אראפלאזן מיט א שטריק, אז ער זאל זיך טובלען. ער איז שיעור נישט דערטרונקען געווארן, אבער געטובלט האט ער זיך; א קלייניקייט טבילה בחג! ווי אנדערש זיין אייניקל האט זיך איצטער געשיפט אויף דעם זעלביקן טייך. אויך ער האט זיך אריינגעלאזן אין וואסער אריין, אבער נישט צוליב א הייליק געפיל און צוליב א געבאט פון אויבן, נאר צוליב א דראנג צו לעבן, דאך האט ער געפילט, אז זיין דראנג איז נישט וויניקער בארעכטיקט ווי דעם זיידנס הייליק געפיל...

איין מאל אין א שבת בייטאג איז יאנקל אוועק צום טייך אין איינעם מיט א גאנצער גרופע יוגנט, יידן און נישט־יידן, און זיך דארט צעהוליעט מיט דעם גאנצן אימפעט. דער יונגער עולם האט דארט אזא זינג געטאן, אז דער טייך האט אפגעקלונגען אויף ווייט, ווייט. די שיפלעך מיט די רודערס האבן דעם גאנצן טייך געוויגט. עס האט זיך געדאכט, אז פון דעם רודערן אליין וועט ווערן א שטורעם. אייניקע פון די בחורים און מיידלעך זיינען אריינגעפאלן אין טייך אריין און זיי האבן זיך דערמיט געפרייט. יאנקל איז אויך אריינגעפאלן אין וואסער אריין און וויפל ער האט זיך דערנאך נישט געטרוקנט, האט פון אים אלץ גערונען. דעם גארטל פון העמדל האט ער פארלוירן און די האר זיינען אים צעשויבערט געווארן, ער האט אויסגעזען ווי א ווילדער און עס האט איז; אים אלץ געזונגען. פארנאכט איז די גאנצע גרופע אהיימגעגאנגען. יינגלעך מיט מיידלעך זיינען געגאנגען ארומגענומען און זיי האבן זיך נאך אונטערגעזונגען, ווי האלב שיכורע. יאנקל איז געגאנגען זיך האלטנדיק ביי די הענט מיט א שיקסל א גימנאזיסטקע, וואס מען האט זי גערופן מאשוטקא. זי איז געווען א גלחס א טאכטער, א רויטלעכע, מיט אביסל קלייען און מיט א רוחישן שמייכל און נאך א רוחישערן בליק. זי איז

געווען אַ קליינינקע און אַ רירעוודיקע און זי האָט זיך אונטערגעטענצלט ביים גיין און אַז זי האָט געדאַרפט, האָט זי געגעבן אַ שפּרונג אַזוי ווי אַ הייש־ריק. און פּלוצים איז אָנגעקומען דער דיין אלי חיים. דער זעלביקער דיין, ביי וועלכן יאַנקל האָט אַמאָל געלערנט תורה. ער איז שוין געווען העכער העלפט גרוי, אָבער דער רויטער קאָליר איז געווען שטאַרקער פון דעם גרויען און ער האָט נאָך אַלץ אויסגעזען ווי אַ רויטער ייד. יאַנקלען האָט פון דער באַגעגניש נעגיבן אַ קלאַפּ אין האַרצן, אָבער ער האָט געהאַט דאָס געפיל אַז דעם דיין האָט פון דער באַגעגניש געגיבן נאָך אַ שטאַרקערער קלאַפּ אין האַרצן. ביידע האָבן זיך פאַרלוירן און ביידע האָבן געוואָלט אַוועקנעמען די בליקן און זיי האָבן עס ביידע נישט געטאָן און זיי האָבן זיך ביידע קעגנזייטיק געשטאָכן און געברענט מיט די בליקן... יאַנקל האָט געוואָלט אַוועק־כאַפּן די האַנט פון מאַשוטקאַן, אָבער זי האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט איר הענטל אין זיינער און נישט געלאָזט, זי האָט אים געהאַלטן ווי מיט אַ רינג. זיי האָבן זיך אַלע דריי אָנגעקוקט אַ היפּשע צייט, יאַנקלען האָט זיך גע־דאַכט, אַז ס'איז אַן אייביקייט. מאַשוטקאַ האָט אַזוי געקוקט אויף דעם אַלטן דיין, אַז אים האָט געדאַרפט קאַלט ווערן. צוויי וועלטן זיינען געשטאַנען איינע קעגן דער אַנדערער, אַזוי ווי צוויי הענער און ס'איז צו קיין געשלעג נישט געקומען... צי האָט אלי חיים דערציילט וועגן יענער באַגעגניש דעם טאַטן? יאַנקל האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז יאָ. דער טאַטע האָט אַ לאַנגע צייט נאָך דעם געשוויגן צום זון און געקוקט זייער טרויעריק. דער זון אַליין איז אויך טרויעריק געוואָרן פון יענער באַגעגניש. זי איז פאַר אים עפּעס געווען די אינערלעך טראַגישסטע אין זיין לעבן. ער האָט זי יאָרנלאַנג נישט געקענט פאַרגעסן און ווען ער איז שוין געווען אַ לייענער פאַר עקסלאַנס פון פּאָעזיע בכלל און פון דער יידישער בפרט, האָט ער געפילט אַז ער האָט אין יענעם שבת פאַרנאַכט איבערגעלעבט די באַלאַדע פון די צוויי וועלטן אויף דער יידישער גאַס. ער האָט זיך אַ היפּשע צייט נאָך דעם געפילט דערדריקט און ער האָט זיך געפרעגט, צי איז ער באַרעכטיקט צו פירן אַזאַ לעבן אין דער שטאָט וואו זיין טאַטע לעבט און ער איז שוחט. און ער האָט זיך צו־ריקגעצויגן פון דער גרופּע, וואָס האָט אויסגעשטורעמט אויף דעם נאַטיר־לעכסטן אופן איר יוגנט און ער האָט מקריב געווען זיינע אַלע גלוסטעגישן און די ווילד־חנוודיקע מאַשוטקאַ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן צוקלעפּן צו אים. ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אין שטוב ביים טאַטן און ער האָט ווידער גענומען לייענען ביכער און אים איז איינגעפאַלן צו שרייבן אַ דראַמע. „דער מער־דער" האָט ער זיין דראַמע גערופן און געשריבן האָט ער זי דווקא אויף יידיש, כאָטש אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען שוין גענוג רוסיש און ער האָט שוין געקענט אָנהייבן אומגיין אויך מיט העברעאיש. די דראַמע האָט גע־דאַרפט אָפּשפּיגלען זיין איבערלעבעניש אין קאַהול און ער האָט געמאַכט,

אז די קליינע לערערן זאָל טאַקע שטאַרבן פון איר זעלבסטמאָרד אַקט. דער העלד האָט זיך דערנאָך געפּלאָגט און געפּייניקט און ער האָט זיך געפרעגט, צי ער איז נישט קיין מערדער, דערמיט, וואָס ער האָט נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט דער נישט שיינער פרוי. דער הויפּט־העלד האָט זיך נישט אויפגעהערט צו שטעלן די פראַגע, צי איז ליבע נאָר אַ ווילדער נאַטור־אינס־טינקט, צי דאַרף ליבע אויך זיין הומאַניטאַריסטיש? מעג אַ מענטש זיך נישט רעכנען ווי נאָר מיט זיינע אייגענע געפילן אין דער ליבע, צי ער דאַרף זיך רעכ־נען אויך מיטן צד שכנגד? און איין וועג האָט זיך דער העלד פון יענער קינ־דישער דראַמע געפּייניקט אויך וועגן זיין באַציאונג צו זיינע עלטערן און ער האָט זיך נישט אויפגעהערט פרעגן, צי מעג ער זיך גיין זיין וועג, גאָרנישט אומקוקנדיק זיך אויף די עלטערן. ער האָט שוין געהאַט געלייענט ניצשען און אים האָט זיך שוין געהאַט געפּלאָנטערט, אַז ער ווערט אַן אויבער מענטש, וואָס מעג אַלץ, אָבער פאַר זיינע עלטערן האָט אים ווי געטאָן און אַ סך נעכט האָט אונזער העלד פאַרלוירן ביים שרייבן זיין דראַמע און נישט איין מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז דער פאָטער האָט זיך אויפגעכאַפּט נאָך האַלבער נאַכט און ער האָט געפרעגט דעם זון, צי ער רעכנט אָפּ חצות, אָדער ער שרייבט אַ מוסר ספר... דער זון האָט געענטפערט, אַז ער וויל זיך דערגרונ־טעווען צו דעם פאַרוואָס גאָט האָט באַשאַפן אַ יצר הרע, איז קיין יצר טוב אַליין אים נישט נענגוג געווען? דער טאַטע האָט אים פאַרשלאָפענערהייט גע־ענטפערט, אַז ער קען דאָך פרעגן דעם יצר הרע מיט וועלכן ער איז דאָך אַ גרויסער גוטער ברודער... יאַנקל האָט זיך אין אַזאַ פאַל נישט איינמאָל גע־פרעגט פון וואַנען עס נעמען זיך צום פאָטער אַזעלכע שאַרפע געדאַנקען, אַז פון דער נאַטור איז ער נישט קיין שטאַרק שאַרפער; און ער האָט זיך אַליין געענטפערט, אַז פון זיין האַלז אַרויס רעדט אַ דור דורותדיק לעבן, וואָס פאַרטיידיקט זיך מיט אַלע כוחות; ער האָט די גבורה פון דורות חכמה. און יאַנקל האָט דערפילט, אַז דער טאַטע זיינער איז העכער פון אים. דער טאַטע שטייט אויף דער וואַך פאַר אַ גלויבן און ער וואָס טוט? ער לעבט אויף זיין רוקן און עסט פון זיין פּראַצע און ער צעשטערט דאָס דאָזיקע, וואָס זיידעס און עלטער־זיידעס האָבן געבויעט און דער טאַטע וויל אָפּהיטן. וואו איז זיין אידעאַל? וואָס בויעט ער? ער האָט דעמלט געהאַט געלייענט טורגעניעוון און ער האָט געפיבערט אין איינעם מיט זיינע יונגען מענטשן, וואָס האָבן געפירט אַ קאַמף קעגן די אַלטע, אָבער ווען ער האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס אַזוינס די דאָזיקע באַריידעוודיקע העלדן קעמפן, האָט ער גאָרנישט געקענט צונויפנעמען. נישט רודין, נישט לאַווערעצקי און שוין אוודאי נישט באַזאַראָוו האָבן אים איבערצייגט אין עפּעס. דער איינציקער העלד, וואָס האָט אים געגעבן איז געווען דער בולגאַר אינסאַראָוו פון דעם ראָמאַן „נאַקאַנוניע” (ערב), וועלכער רעדט וועגן איין ציל פאַר דעם גאַנצן

בולגאַרישן פאָלק, פון דעם אָרימסטן פּויער, ביז דעם העכסטן אינטעליגענט. ער האָט געחלומט וועגן אַ יידישן אינסאַראָוו, וואָס זאָל פאַראייניקן אַלע יידן אין איין אידעאַל און ער האָט נישט געוואוסט, צי איז דער יידישער אינסאַראָוו — הערצל, אָדער מענדעלע מוכר ספרים... געזען האָט ער מיט טרויער, אַז ביי יידן זיינען אפילו קיין רודינס און קיין לאַווּרעצקיס און קיין באַזאַראָווס אויך נישטאָ. און אַז זיי זיינען דאָ, זיינען זיי עפּעס ווי נישט קיין יידן, נאָר רוסן. ער אַליין איז דאָך שוין אַזאַ פרעמדער פאַר יידן, אַז ער וואָלט זיך נישט געקענט דערנענטערן צו די פּשוטע יידישע מאַסן, ווייל זיי וואָלטן אים נישט געוואָלט הערן. ער וואָלט אפילו נישט געקענט גיין אין יידישן פאָלק אַריין, בעת אין רוסישן פאָלק אַריין וואָלט ער געקענט גיין... ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז טורגעניעווס העלדן ריידן וועגן אַזאַ פילאָזאָפיע, וואָס ער קען נישט. כאָטש ער איז זי בכוח צו פאַרשטיין און ער האָט גענו־מען חלומען וועגן לערנען העגעלן און קאַנטן, אָבער ער האָט נישט געוואוסט וואו זיי צו קריגן און וואו ווארומער אַריינצוקריכן אין זיי... טורגעניעווס העלדן האָבן אויך אָפּט אָנגעווייעט מיט פּוסטקייט, דאָך פלעגן זיי זיצן דורך די נעכט און אין די אויגן האָט געברענט באַגייסטערונג און זיי האָבן גע־האַט פלאַמענדיקע באַקן און קלאַפּנדיקע הערצער און זיי האָבן גערעדט וועגן גאָט, אמת, דער צוקונפט פון דער מענטשהייט, פּאָעזיע און ווען זיי האָבן זיך אויפגעהויבן פאַרטאָג, האָבן זיי זיך געפילט גערירט און פריי און מיד און ניכטער און דאָך פאַרטרוימט און אפילו די שטערן זיינען זיי געווען נעענטער און פאַרשטענדלעכער; און אים זיינען געווען ווייט אי דער הימל, אי די ערד...

און אונזער העלד איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. ער האָט געוואָלט זוכן זיך אַליין און גאָט און דאָס יידישע פאָלק און ער האָט גאָרנישט געפו־נען. דאָס זיכערסטע, וואָס האָט פאַר אים געשוועבט איז געווען די גלוס־טונג פון אַ יינגל צו אַ מיידל און פון מיידל צו יינגל און די פּאָעזיע, וואָס באַשיינט עס און מאַכט, אַז עס זאָל נישט זיין בהמיש... ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ווערט ער נישט צוריק אַ ייד אַזאַ ווי ער איז געווען. ער וועט זיך אַליין אַביסל אָפּנאַרן דערמיט. ווייל ער גלויבט נישט אין גאַנצן אין דעם? נו, איז וואָס? אין דעם לעבן, וואָס ער פירט איצטער, גלויבט ער דען יאָ? אַריינגיין אין מיטן העלן טאָג אין שטוב אַריין פון אַן אשת איש און דערמיט דערפירן אַן אומגליקלעך מיידל ביז זעלבסטמאָרד, איז שוין דער ריכטיקער וועג? פון זייט ער געדענקט זיך, איז אים פריער אויסגעקומען צו באַהאַלטן דעם אמת און דערנאָך צו זאָגן אומצייליקע מאָל ליגן. איז פאַר־וואָס זשע שרעקט ער זיך פאַר דעם. וואָס ער וועט אַביסל אָפּנאַרן זיך אַליין דערמיט, וואָס ער וועט צוריק אָנטאָן די קאַפּאָטע און זיך פאַרלאָזן פּאות און דורך דעם באַפרייען די נאָענטע פון ליידן? די עלטערן וועלן אויפהערן

לײדן און זײ װעלן טאַקע זײן גליקלעך אויך און ער װעט מיסתּמא נישט זײן מער אומגליקלעך װי ער איז איצט! ביכער װעט ער אויך דעמלט קענען לײענען און טראַכטן װעט ער אַװדאי מעגן. נאָר גאָט זעט דאָך, װאָס אין האַרצן טוט זיך, דער מענטש זעט דאָך נאָר די אויגן. ער לעבט דאָך איצטער אַזאַ לעבן, װאָס ער איז נישט זיכער, אַז ס'איז גוט, װעט ער לעבן אַן אַנדער לעבן, װאָס ער װעט אין דעם אויך נישט זיכער זײן, אַז ס'איז גוט, ער װעט אָבער דערפאַר נישט פאַרשאַפן אַזױפיל יסורים טאַטע־מאַמע... און ער האָט זיך גענומען קלערן, אַז װען דבורה פּינחס שוחטס װאָלט נישט געװען חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערן, װאָלט ער זיך אפשר נישט געביטן. איצטער געדענקט ער שױן כמעט נישט אין איר. ער װײסט שױן אַלײן נישט װעמען ער געדענקט מערער, צי אַנושקאַן, צי אַדעלאַן, צי בליומען, צי גאָר מאַשוטקאַן, אָבער דעמלט האָט עס אים שטאַרק װײ געטאָן און ער איז ברוגז געװאָרן אויף דעם גאַנצן לעבן, װאָס ער האָט געלעבט... אין קאַהאָל האָט ער געהערט זאָגן, אַז ר' בער ליעװער, דעם ריזשינערס זון, װאָס האָט זיך אויפגעהױבן אום יום כיפור און איז אַװעק פון אַן עדה יידן און איז אַנטלאָפן, איז געװען פאַרליבט אין אַ מײדל און דער טאַטע זײנער און די ברידער זײנע האָבן אים זי נישט געלאָזט נעמען און דערפאַר איז ער אַװעק אויף אַן אַנדער װעג און ער האָט זיך עפּעס נישט געגלױבט, אַז אַ מעשה מיט אַ מײדל זאָל קענען אויפרודערן אַ װעלט; און אָט פילט ער אַלײן, אַז אין זײן אַנטלױפן פון טאַטע־מאַמע איז שולדיק אַ מײדל, װאָס איצטער האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט זי נישט שטאַרק ליב געהאַט... די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אים גערױבט דעם גאַנצן שלאָף און די מאַמע איז נישט געװען אין דער הײם, אַז זי זאָל צוקומען, אים צודעקן מיט דער קאָלדרע און אים אַראָפּרוקן די יאַר־מעלקע איבער דעם קאָפּ און אים באַרויִקן און אײנשלעפן. ער האָט גע־פּרואװט אַלײן זוכן די יאַרמעלקע און ער האָט זיך געװאָלט אײנרײדן, אַז װען ער װאָלט זי געפונען און ער װאָלט זיך צוגעדעקט מיט איר און ער װאָלט אין אײן װעגס געלײענט קריאת שמע, װאָלט ער יאָ אײנגעשלאָפן. קײנער אין שטוב האָט נישט געפילט, אַז ער שלאָפט נישט און קײנער האָט אפילו נישט געפילט, װען ער האָט עפּעס געכאַפּט אויף זיך און ער איז אַרױסגעגאַנגען אין דער סוף זומערדיקער נאַכט. װאָס האָט שױן אָנגעהױבן קילער װערן און ער האָט געצײלט די שטערן. אַלע אַרום זײנען געשלאָפן. נישט געשלאָפן זײנען די װעכטער, װאָס האָבן מאָנאָטאָן געקלאַפּט מיט זײער־רע קלאַפּערס און די „גאָראָדאָװאָיעס", װאָס האָבן אָפּט געפײַפט און צע־שניטן די שטילקײט פון דער נאַכט מיט זײער פײַפן, װײל זײ האָבן מורא געהאַט און זײ האָבן געװאָלט װיסן, צי די אַנדערע שלאָפן אויך נישט.

אַ ציוניסטישער רעדנער איז דעמלט געקומען אין שטאָט אַרײַן. ער האָט גערעדט האַלב יידיש און האַלב רוסיש און ער האָט געמאַכט אַ שלעכטן אײנ־

דרוק מיט דעם, וואָס ער איז ביים אָנהייב אַליין געשטאַנען ביי דער טיר און גוט אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל נישט אַריין אָן אַ בילעט און ווען עמיצער איז אַריינגעגאַנגען, האָט ער אַרויסגעוואָרפן און ווען עס איז געווען אַ יונ־גער בחור, האָט ער זיך אַפילו געוואָרפן שלאָגן. קיין אָרימקייט איז פאַר אים נישט געווען קיין תירוץ, אַז דו האָסט נישט אויף קיין בילעט, האָט ער גע־שריגן, דאַרפסטו נישט הערן... ער האָט גערעדט שאַרף און מיט פּיסקעס און מיט קלוגע ביישפּילן און ער האָט געזאָגט מוסר דער יוגנט פאַרוואָס זי גייט אַרום פּוסט און פּאַס און ער האָט גערעדט מיט דעם גאַנצן כוח קעגן אַסימי־לאַציע און עס האָט זיך געפילט, אַז ס'איז אַן אויסגעחזרטע רעדע, וואָס פּאַסט זיך נישט קיין קיליע, וואו עס איז געווען אַ סך מער ליידיקערייַ און גלייכגילטיקייט, ווי אַסימילאַציע. און אַ טראַגיקאָמישע מעשה האָט דעמלט פּאַסירט אין שטאָט צוליב דעם בעל דרשן. אַ ייִנגעלע איז איינגעשלאָפן אין שול בעת דער רעדע און די עלטערן האָבן געמיינט, אַז דאָס קינד שלאָפט אין שטוב און זיי זיינען זיך רואיק אַהיימגעגאַנגען. שפּעט ביינאַכט האָט זיך דאָס קינד אויפגעכאַפּט און זיך דערשראָקן און גענומען קלאַפּן אין שויב אַריין. יאַנקל האָט זיך גראָד דעמלט אַרומגעדרייט אַ שלאָפלאָזער און ער האָט דערהערט קלאַפּן אין שול. ער האָט זיך ביים אָנהייב דערשראָקן. ס'איז געווען אין דער גרויסער שול, וואָס האָט נישט געהאַט קיין מזוזות און ער האָט פון קינדוויַיז אָן געהערט זאָגן, אַז דאָרט דאַווענען די מתים ביינאַכט. דער פּאָליציימאַן, וואָס אים איז אויסגעקומען צו שטיין לעבן דער דאָזיקער שול, האָט מורא געהאַט דאָרט צו שטיין און ער האָט זיך געבעטן, אַז מען זאָל אים שטעלן ערגעץ אַנדערש און ער האָט נישט איינמאָל געפרעגט דעם דיין, צי מען טאָר נישט אָנקלאַפּן קיין „באָזשינקעס" (מזוזות) ביי דער גרויסער שול, אַז די מתים זאָלן אהין נישט קענען אַריינקומען... און ווען ס'האָט דעמלט אָנגעהויבן קלאַפּן אין אַ פענצטער, האָט זיך דער ערשטער טאָקע דערשראָקן דער „גאָראָדאָוואָי" און ער האָט אָנגעהויבן פייפן און לויפן. יאַנקל האָט זיך ביים אָנהייב אויך דערשראָקן און ער האָט אַ קלער געטאָן, אַז אפשר קלאַפּן אויף אָן אמת די מתים, אָבער ער האָט זיך באַלד באַהערשט. ער איז שוין דעמלט געווען היפּש ראַציאָנאַליסטיש געשטימט און ער איז שוין געווען זיכער, אַז קיין לעבן נאָך דעם טויט איז נישטאָ און ער איז צו־געגאַנגען צו דער שול. אָבער די פענצטער זיינען געווען הויך און זיי האָבן געהאַט אייזערנע קראַטעס און ער האָט בשום אופן נישט געקענט וויסן ווער עס איז. כאָטש ער איז געווען זיכער, אַז ער הערט אַ לעבעדיקן מענטשן שרייען. דער פּאָליציימאַן האָט מיט זיין פייפן אויפגעוועקט אַ האַלבע שטאָט. מען האָט אָנגעהויבן שרייען „וואו איז דער שמש?" ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געהאַט דעם שליסל פון דער שול. האָט ער גראָד גע־וואוינט הינטער דער באָד אין איינעם מיט אַלע קבצנים, איז געוואָרן אַ

געלויף... עטלעכע מענטשן מיט אמאָל זיינען געלאָפן נאָך דעם שמש און מען האָט אים געבראַכט אַן איבערגעשראָקענעם און אַ פאַרשלאָפענעם. און ווען ער איז שוין געווען, האָט ער ערשט מורא געהאַט אַריינצוגיין אין שול אַריין און עס איז געוואָרן אַ דינגעניש, איינער האָט געזאָגט צום אַנדערן: „גיי דו!" אַלע זיינען געווען העלדן און אַלע האָבן מורא געהאַט.. ווייבער האָבן געשריגן „מתים, גייט אין אייער רו אַריין!" און עס איז געבליבן, אַז מען דאַרף ברענגען דעם דיין, אָבער ביז מ'האָט אים מיט מי געבראַכט, איז יאַנקל אַריין אין שול אַריין און פון דאָרט אַרויסגעבראַכט אַ וויינענדיק יינגעלע פון אַ יאָר זיבן. די עלטערן זיינען געשלאָפן און זיי זיינען געווען זיכער, אַז דאָס קינד זייערס שלאָפט אויך. דער דיין איז שוין אָנגעקומען נאָך אַלעמען און אין שטאָט האָט מען נישט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם, וואָס דעם שוחטס זון איז אַריין אין שול און ער האָט נישט מורא געהאַט. מען האָט באַלד געזאָגט, אַז ער איז אַריין נישט אַזוי ווייל ער איז אַ העלד, נאָר ווייל ער איז אַ גרויסער אפיקורס. און דער טאַטע האָט געהאַט גענוג ערגערניש דערפון און ער האָט אים געזאָגט מיט וויינענדיקע אויגן:

— אַז דו גלויבסט נישט, דאַרפסטו עס אַרויסווייזן, דו קענסט עס נישט באַהאַלטן אין דיר?

עס איז אויסגעקומען, אַז אַ גוטע זאַך טאָר ער אויך נישט טאָן... די עלטערן פון קינד האָבן נישט נאָר אים נישט געזאָגט קיין דאַנק, וואָס ער איז אַריינגעגאַנגען, האָט אַרויסגעראַטעוועט זייער קינד, נאָר זיי האָבן געקוקט ברוגז אויף אים און דער פאָטער האָט אים טאַקע געזאָגט אין עטלעכע טעג אַרום, אַז ער האָט געטאָן אַ פעלער, די מתים האָבן געקענט ברוגז ווערן און אָפּטאָן אַ רישעות דעם קינד. ער האָט געדאַרפט וואַרטן ביז וואַנען דער דיין וועט קומען און אָפּזאָגן די תפילה און הייסן די מתים גיין אין זייער רו אַריין... יאַנקל האָט דעמלט געפילט, אַז ער טאָר אויף אַן אמת נישט בלייבן אין שטעטל. מען טאָר נישט זיין איין מענטש אַן אַנדערער צווישן הונדערטער, וואָס קוקן אויף דיר ווי אויף אַ משוגענעם, אָדער ווי אויף אַ פאַרברעכער. יידענעס האָבן שוין געזאָגט, אַז מען דאַרף אים פאַרשטיינערן, אָדער באַטש אַרויסשיקן. קינדער האָבן אים שוין אָנגעהויבן נאָכלויפן אין די גאַסן. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ צו להכעיסניק אַ ליטוועק. זיין זיידע לייב ליטוועק האָט אויך נישט געגלויבט, אַז אין שול אַריין קומען מתים ביינאַכט. און מען האָט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט משונה געענג. מען האָט דערציילט, אַז אין קיליע פלעג מען קיינעם נישט אויפרופן צו דער תוכחה. דער שמש פלעג מאַכן די צווייטע ברכה פאַר דער תוכחה און בלייבן שטיין און הערן אַן איבערגעשראָקענער. האָט איין מאָל דער זיידע דערהערט, אַז מען לייענט די תוכחה אָן קיינעם נישט האָט ער גענומען שרייען: „וואָס? מען לייענט די תורה אָן אַ ברכה?" און ער איז אַרויפגעלאָפן אויף גיך און ער האָט

נעמאַכט אַ ברכה... און מעכל זעלצער, וואָס איז געווען דער הייסטער חסיד האָט געזאָגט, אַז ער האָט טאַקע נישט מוציא שנתו געווען און ער איז נאָך אין יענעם יאָר געשטאָרבן... דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישט אמת, ער איז געשטאָרבן מיט צוויי יאָר שפּעטער... יאַנקל האָט געוואָלט אַנטלויפן פון קיליע, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין מוט און דערצו האָט די מאַמע געדאַרפט אָנקומען פון קרעמענטשוג. אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס וואָלט געווען אַ שפּיי אין פּנים אריין פאַר איר, ווען ער וואַרט נישט ביז אין איר קומען.

און די מאַמע איז אָנגעקומען פּונקט, ווען ער האָט געלייענט דאָסטאָ־יעווסקים ווערק. ער האָט זיי געלייענט בייסנדיק און קריצנדיק מיט די ציין. זיי האָבן אים פאַרכאַפּט, אי עס איז אים זיי אָנגעקומען שווער צו לייענען. ער האָט געפילט, אַז ער טאָר זיי נישט לערנען גלאַט ווי מען לייענט אַ מעשה און ער האָט געוואָלט אַריינזיפּן אין זיך יעדעס וואָרט און ער האָט פון יעדן וואָרט געזוכט אַרויסצוקוועטשן דעם געדאַנק און אַ סך מאָל האָט ער אַרויס־געקוועטשט אַזעלכע כוונות, וואָס זיינען אפשר גאָר דאָרט נישט געווען. ער האָט געדאַרפט פּשוט בייסן די געדאַנקען אַלציינס ווי ער וואָלט געלערנט אַ פּילפּול ספר. און ער האָט געקריצט מיט די ציין ווענן די איבערלעבענישן. ער איז געווען אויפגעבראַכט אויף די שולדיקע און געווייטיקט מיט די אומשולדיקע און ער האָט דאָך נישט געוואוסט, צי זיינען די גערעכטע מאָרדן, וואָס די הויפּט־העלדן באַגייען, טאַקע גערעכטע. ער איז געווען זיכער, אַז עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס זיינען נישט ווערט צו לעבן אויף דער וועלט, אָבער וועגן דעם, אַז מען מעג זיי דערהרגענען, איז ער נישט געווען זיכער. ער האָט נישט געוואוסט פאַרוואָס מעג אַ מעראַר־גרופּע יאָ אָנפאַלן אויף דעם צאַר, אָדער אויף עפּעס אַ מיניסטער אַ בוליגאַן און ראַסקאָלניקאָוו האָט נישט געטאָרט דערהרגענען דאָרט אַן אַלטע פּריצה, וואָס ליגט אויף איר געלט אַזוי ווי אַ מויז אויף רענדלעך, בעת אַנדערע קומען אום פאַר נויט און פאַר הונגער, אָבער ער האָט געפילט, אַז אַ יחיד אין אייגענעם נאָמען טאָר נישט הרגענען. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז לויט דאָסטאָיעווסקין וואָלטן אפשר די אָרימע גויים געמעגט אויסהרגענען אַלע יידן... און ווען זיין מאַמע איז פּלוצים אָנגעקומען פון קרעמענטשוג אַ מידע און אַ דערשלאָגענע, האָט ער אַליין אָנגעהויבן פילן דאָסטאָיעווסקי־שטימונגען. די מאַמע האָט זיך נישט געקענט זאַט אָנדערציילן פון די גור אריהם גבירישאַפט, אָבער קיין געלט האָבן זיי איר פאָרט נישט געוואָלט גיבן, כאָטש זי האָט זיי פּונקט אויסגערעכנט ווי אַזוי זי קער זיך אָן מיט זיי. ביים אָנהייב האָט מען זי אין גאַנצן נישט געוואָלט אַריינלאָזן און זי האָט זיך געגנוג אָנגעמוטשעט און אָנגעקריגט מיט די דינער און טאַקע זיך גענוג אָנגעוויינט אויך ביז וואַנען מען האָט זי אַריינגעלאָזט; און ערשט דערנאָך האָט זי כמעט גאָרנישט גע־

קענט פּועלן ביי זיי. רייך זיינען זיי, האָט זי געזאָגט, אַז חיים יאַנקל קיציס אין איינעם מיט שלום לעוונטאַן און אַלע אַנדערע קיליער גבירים זעען אויס ווי קבצנים קעגן זיי. אָבער קיין געלט האָבן זיי נישט געוואָלט גיבן. אַפילו צו קיין מיטיק האָבן זיי זי נישט איינגעלאַדן, כאָטש זי האָט זיך אויסגערעכנט אייגענע גלידשוועסטערקינדער מיט דעם אַלטן גור אריה. די אַלטע האָט איר דאָרט געשענקט עטלעכע קליידער. וואָס זי דאַרף זיי אויף כפּרות און זי האָט זיך אָפּגעריסן די קישקעס מיט זיי ביי די „פּערעסיאַדקעס" פֿון איין באַן אין דער אַנדערער. זיי האָבן איר קוים באַצאָלט די הוצאות און אפשר דאָרט נאָך געגעבן אַ פינף און צוואַנציקער. עס האָט נישט געהאָלפן איר ליגן־זאָגן, אַז זי האָט אַ טאָכטער חתונה צו מאַכן. איין זון האָט דער אַלטער, זאָל אויף אים אין גאַנצן ברענען די הויט, ער האָט אַפילו קיין יידיש וואָרט מיט איר נישט געוואָלט אויסריידן... און זי האָט עס דרך אגב באַמאָלן זייער רייכקייט. עס איז אויסגעקומען, אַז אין די מעשהס וועגן די אוצרות און וועגן די קעניגלעכע פּאַלאַצן איז נישטאָ אַזויפיל גאָלד וויפל זי האָט דאָרט געזען אין קרעמענטשוג. און פון דעסט וועגן, האָט זי אַליין געזען נאָענטע קרובים זייערע אין קרעמענטשוג גופא, וואָס זיי שטאַרבן פאַר הונגער און זייערע קינדער גייען אויס פאַר אַ ביסל מילך. אַ פרעמדן אָרימאַן לאָזט מען נאָך אַמאָל אריין, אָבער אַן אייגענעם יאָגט מען אַזוי ווי אַ הונט... יאַנקלען האָט זיך שוין גאָר געגלוסט צו ווערן אַ ראַסקאָלניקאָוו און פאָרן קיין קרעמענטשוג. די מאַמע איז געווען האָפערדיק פון גאַנצן וועג, אין וועלכן זי האָט זיך אָנגעזען ניסים און זייער דערשלאָגן פון די גבירים. און אין איין וועג האָט זי שוין געשאָטן פּעך און שוועבל אויף אַלע נגידים און זי האָט געזאָגט, אַז די קיליער זיינען נישט בעסער. זי האָט אויסגערעכנט עטלעכע קרובים פון חיים יאַנקל קיציס, וואָס זיינען גאָר אייגענע זיינע, זיי הייסן אַפילו קיציס, כאָטש מען רופט זיי דאָרט מיט פאַרשיידענע צונעמען און ער וויל זיי נישט העלפן זיי זאָלן אַפילו אויסגיין און זיי דאַרפן אָנקומען צו קיצבה און מען מוז זיי גיבן מעות חיטין אויף פסח און אויף הייצונג פאַר ווינטער. די מאַמע אַליין אין יענעם מאָמענט געווען גרייט אָפּצוהאַקן די קעפּ פון די גבירים פון דער גאַנצער וועלט, הגם זי האָט קיינמאָל נישט געלייענט דאָסטאָיעווסקין. ווען יאַנקל האָט איר געזאָגט, אַז זי רעדט פּונקט ווי דאָסטאָיעווסקי, האָט זי אויף אים אויסגעשטעלט מויל און אויערן און זי האָט געפרעגט ווער ס'איז דער משוגענער און פאַרוואָס ער זאָגט נישט כאָטש להבדיל...

די מאַמע איז אָנגעקומען פּונקט ווען די ימים נוראים האָבן זיך דערנעענטערט. באַלד נאָך איר אָנקומען איז מען געגאַנגען צו די ערשטע סליחות. דער טאַטע איז געווען זיכער, אַז דער זון וועט מיט אים נישט מיטגיין, און ער האָט אים אַפילו נישט געפּרוּווט וועקן, אָבער די מאַמע האָט געהאַלטן,

אז מען דארף אים דאך א וועק טאן, דער שמש וועקט אויך אין אלע שטיבער, אפילו אין די דאזיקע, וואס ער ווייסט זיכער, אז זיי גייען נישט. די באבע האט גאר גענומען שרייען, אז מען מאכט אים אליין פאר א גוי. צו דער דערשטוינונג פון אלע איז ער אליין אויפגעשטאנען און ער האט נאך אויפגעוועקט זיין קליין ברודערל און ער האט אים געזאגט, אז ער אין זיינע יארן איז שוין געגאנגען צו סליחות. אין שול איז געווען קיל, יידן האבן געזאגט, אז דער ווינטער הייבט זיך שוין אן באוויזן. אנדערע האבן געזאגט, אז די לופט האט זיך אפגעקילט פון שופר בלאזן. די שול איז שוואך געווען באלויכטן. דער גבאי האט געהייסן זשאלעווען קעראסין און נישט אנצינדן דעם גרויסן הענג-לאמפ; עס וועט זיין גענוג, האט ער געזאגט, מיט די קליינע לאמפן. די טונקלקייט האט פארגרעסערט דעם טרויער, וואס האט ארומשפאצירט מיט לאנגע שאטנס אויף די ווענט און מיט פינצטערקייט אויף די פנימער. די הארעפאשנע יידן האבן אויסגעזען מוראדיק פארפינצטערט און זעלטן ווען איינער פון זיי האט א שמייכל געטאן. עס האט לאנג נישט געדויערט און דער חזן האט א וויין געטאן „אשרי יושבי ביתיך". די יידן האבן אלע מיטגעקרעכצט. יאנקל האט צום ערשטן מאל זיך אריינגעטראכט אין דעם זין פון די סליחות. אזעלכע געבעטן פון ארימע און דערנידעריקטע זיינען זיי געווען. מענטשן האבן גערעדט צו גאט און אים געזאגט: „מיר זיינען גארנישט, דו ביזט אלץ! דיינע איז די נשמה, דיינער איז דער גוף, האב רחמנות אויף דיין באשאף..." גאט איז גרויס און דער מענטש איז זינדיק און ער שטייט דער מענטש און בעט זיך, אז גאט זאל אים מוחל זיין און ער זאל דערהערן זיין קול און ער זאל פארנעמען זיין געבעט. אויף וואס ער בעט נישט דער מענטש? ער בעט אויף פרנסה און אויך געזונט און גאט זאל אים נישט פארלאזן אויף דער עלטער און ער זאל אים ענטפערן צוליב אזויפיל און אזויפיל קדושים און גרויסע לייט. די אלע יידן, וואס האבן געזאגט דאס אלץ, האבן צום מערסטן נישט פארשטאנען, וואס זיי זאגן, אבער זיי האבן דאך געגעבן דעם ריכטיקן קרעכץ וואו מען דארף און עס האט געמאכט דעם איינדרוק, אז זיי ווייסן דאך, וואס זיי זאגן... יאנקלען האט זיך געדאכט, אז די יידן בעטן נאך א סך מער וויפל עס שטייט אין די סליחות, טאקע, ווייל זיי פארשטייען נישט, וואס זיי זאגן. זיי בעטן גאט, אז ער זאל זיי אפהיטן פון פאגראמען און די גויים זאלן נישט חוזק מאכן פון זיי אויף די מארקן, וואוהין זיי פארן האנדלען מיט דער סחורה. וואס זיי ארבעטן אליין אויס און אז די יידישע נגידים זאלן אויך נישט צופיל באלעבאטעווען איבער זיי. ער איז געשטאנען נישט לעבן טאטן, נאר העט אונטן, לעבן דער טיר. די גאנצע צייט האט ער געהאלטן פארמאכט די אויגן און ער האט גארנישט געזאגט אויף קיין קול און די פאר יידן, וואס זיינען געשטאנען לעבן אים, האבן געמיינט נישט אנדערש, אז ער שלאפט... לעבן אים איז געשטאנען א

ייד, וואָס האָט געהייסן שמעיה. ער איז געווען אַ הויכער ייד מיט אַ גערדיכ־טער קאַלטענעוואַטער באָרד און מיט אַ ביטערן שמייכל. ער האָט געהאַט אַ הייזעריקע שטימע און זייער נישט קיין אָנגענעמע און ער האָט ליב געהאַט צו יעדן זיך מישן און אים אַריינזאָגן אין דער זיבעטער ריפּ. ער איז אַמאָל געווען אַ ליוועראַנט, אָבער די לעצטע יאָרן איז ער געווען קראַנק און ער האָט געלעבט פון קהל. מען האָט געזאָגט, אַז ער וועט לאַנג נישט לעבן און ער האָט אַזוי שוין געלעבט יאָרן און יאָרן. ער האָט געזאָגט, אַז ער טוט דאָס אויף צו להכעיס דעם דאָקטער. אַט אַ דער שמעיה האָט אַ זאָג געטאָן יאַנק־לען ביי ענדע סליחות: „האָסט זיך גוט אויסגעשלאָפן...” דעם שוחטס זון האָט אויף אים אַ קוק געטאָן פון דער זייט און אַזוי ביטער געשמייכלט אַזוי ווי ער. און יאַנקלען איז איינגעפאַלן דאָס דאָזיקע צו באַשרייבן און ער האָט אָנגעשריבן אַ סענטימענטאַלע סקיצע, וואָס ער האָט גערופן „סליחות” און ער האָט זי באַלד אַוועקגעשיקט קיין אָדעס צום „גוט מאָרגן”. אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ צייטונג און די סקיצע איז געווען אָפּגעדרוקט. שמעיה איז דאָרט געווען אָנגערופן ביים נאָמען און יאַנקל האָט געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. די ציוניסטן גדליה באַראַנאָווסקי און מאיר יונה דער שניידער האָבן שטאַרק געגלייבט די זאַך און זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אמת ציוניסטישע זאַך און אַז יידן דאַרפן אָנהייבן פאַרשטיין, וואָס זיי זאָגן אין די תפילות, אָבער שמעיה האָט געזאָגט, אַז ער וועט פּאַקן יאַנקלען ווען ער אים ברעכן די ביינער. ער האָט שוין אַמאָל געפּאַקט אַן אַנדער שוחטס אַ זון קריכן צו אַ שיקסע און ער האָט אים געבראָכן די ביינער און איצטער וועט ער טאָן דאָס אייגענע מיט יאַנקלען. דער טאַטע האָט אים קוים איבערגעבעטן מיט אַביסל בראַנפן און אַ שטיקל לעקעך. אין שטאָט האָט מען זיך אָנגעהויבן היטן פאַר דעם שוחטס זון, מען האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט באַשרייבן. מיידלעך פלעגן אים זאָגן, אַז מיט אים איז אַ געפאַר צו ריידן, ווייל ער קען נאָך באַשרייבן. ווען ער איז אַרויס אין מאַרק אַריין, זיינען אייניקע יידן אַנטלאָפן, זיי האָבן געזאָגט, אַז ער גייט שוין „באַשרייבן אין די גאַזעטן”. און אין מאַרק איז געווען וואָס צו באַשרייבן. עס זיינען דאָרט געשטאַנען אפשר צוויי צענדליק יידן מיט שניטקראָם אויף קליינע שטעלעכלעך און זיי האָבן געריסן די קונים ביי די פּאָלעס. זיי האָבן קאָנקורירט מיט די קרעמער, ביי וועלכע זיי האָבן אַליין געקויפט. די קרע־מער האָבן געזאָגט, אַז די סחורה, וואָס זיי צאָלן זיי פּופצן קאָפּיקעס אַן אַרשין, לייזן זיי פערצן און אפילו דרייצן... זיי שלאָגן זיך אַרום זייערס ביי דער מאָס. זיי געבן מיט אַ פערטל אַרשין ווייניקער. און די גויים לויפן פון דעסט וועגן כאַפּן מציאות... און די גנבים אַליין האָבן אויסגעזען, אַז שע־נערע לייגט מען אין דער ערד אַריין. און נישט איין מאָל פלעגן גויים צו־ריקקומען מיט אַזאַ ליאַרעם, אַז די פאַרקויפער האָבן געמוזט אוים זיין די

צייט... עס איז שווער געווען צו וויסן אויף וועמען ס'איז מער רחמנות, אויף די באַגנבעטע, צי אויף די גנבים... יאַנקלען האָט זיך שטאַרק געגלוסט באַשרייבן דעם גאַנצן מאַרק, אָבער ער האָט שוין מורא געהאַט.

ערב יום כיפור איז אין שטעטל געווען אַ געשיכטע מיט קערות. די ציוניסטן האָבן געוואָלט אַנידערשטעלן אין אַלע פיר שולן קערות אויך פאַר דעם נאַציאָנאַל פאָנד און מען האָט נישט דערלויבט. אין שניידערישן שולעכל האָט מען יאָ דערלויבט, ווייל צווישן די דאַמסקע שניידער זיינען גראָד געווען אַ סך ציוניסטן און ווייל מאיר יונה איז דאָרט געווען איינער פון די חשובסטע „פּריכאָזשאַנעס" (אַזוי האָט מען גערופן די באַלעבאַטים) און ער האָט געזאָגט, אַז אויב מען וועט אים נישט דערלויבן צו שטעלן אַ שיסל פאַר קרן קימת, וועט ער אַוועק פון שולעכל. ביי די חברה נושאים האָט מען אויך זיך נישט קיין סך געדונגען, ווייל עס זיינען דאָרט געווען עטלעכע ציוניסטישע שרייער און ס'איז פּלוצים אַרויסגעשפּרונגען איינער אַ יוחנן סטאָליער, אַ יונגערמאַן מיט אַ געדיכט שוואַרץ בערדל, וואָס האָט גערעדט ליטוויש און ער האָט געשריגן, אַז ס'וואָלט געווען אַ בושה, אַז מען זאָל לאָזן גיבן אויף אַלע שוואַרציאָרן און אויף ארץ ישראל, אויף דעם אייגענעם לאַנד נישט. אין דער גרויסער שול איז געווען אַ קריגעריי און עס זיינען דאָרט געווען אַ פּאָר יידן, וואָס האָבן פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל יאָ דערלויבן, האָט זיך דער פּאַנאַטיקער פּינחס שוחט געשוואוירן, אַז ער וועט נישט צוגיין צום עמוד, אויב מען וועט שטעלן אַ קערה פאַרן ציוניזם. אין בית מדרש איז שוין געווען זיכער, אַז מען וועט נישט דערלויבן, מען האָט אפילו נישט געפּרואווט ריידן דערפון, אָבער גדליה באַראַנאָווסקי, וואָס איז געווען איינער פון די חשובסטע „פּריכאָזשאַנעס", האָט קיינעם נישט געפרעגט און ער האָט געבראַכט אַ צעטל, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן מיט גרויסע אותיות „קרן קימת לישראל, ארץ ישראל" און ער אליין האָט אַריינגעלייגט פינף קערבלעך אין דעם. איז געוואָרן אַ טומל, איינער אַ ייד האָט אַריינגעלייגט אַ רובל, און די אַנדערע האָבן גענומען שרייען געוואַלד. האָט זיך אַריינגעמישט דער דיין אַליין און ער האָט גענומען קוויטשען, אַז די ציוניסטן זיינען ערגער פון משומדים און אַז עס איז גלייכער צו גיבן אויף אַ תיפלה, איידער אויף ציון. גדליה באַראַנאָווסקי האָט אים נישט געשוויגן און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וואָלט זיך געדאַרפט שעמען אַזוי צו ריידן אויף יידן און נאָך ערב יום כיפור. און ס'איז געוואָרן אַ געוואַלד, אַז מען באַליידיקט דעם דיין, אַ ייד האָט געשריגן, אַז „הרב שמחל על כבודו, כבודו אינו מחול"... (ווען אַ רב איז מוחל אויף זיין כבוד, איז זיין כבוד נישט פאַרציייעט) און עס זיינען געפלויגן ווערטער. יאַנקל האָט די גאַנצע מעשה באַשריבן אין אַ קליינעם פעליעטאָן אין „גוט מאָרגן". די צייטונג איז געווען אַ ציוניסטישע און זי האָט געהאַט אַ האַס אויף די רבנים, וואָס האָבן באַקעמפט דעם ציוניזם און

זי האָט געלאָזט אַריינשרייבן קענען זיי, וואָס מען האָט געוואָלט. דער פעליע־טאָן האָט געהייסן „אַ דיין, וואָס קאַטאַרי" און איז געווען דער ערשטער פאַמ־פלעט, וואָס אונזער העלד האָט אָנגעשריבן. ער האָט געטשעפּעט אַפילו דאָס אויסזען פון דיין און עס האָט זיך געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין הדרת פנים און אַז ער איז דיין, נישט, ווייל די שטאָט האָט אים געוואָלט, נאָר ווייל ער איז אַליין אַריינגעקראָכן אויף זיין טאַטנס פּלאַץ, נישט האָבנדיק אַפילו קיין הורמנאַ אויף רבנות... די שטאָט איז געגאַנגען כאָדראָם מיט דעם דאָזיקן פעליעטאָן, די צייטונג, וואָס איז אַריינגעקומען אין עטלעכע עק־זעמפּליאַרן אין שטעטל אַריין, האָט מען שיעור נישט צעריסן. זי איז איבער־געגאַנגען אין עטלעכע הענט. מען האָט געזאָגט, אַז ס'איז צו שאַרף געשריבן געוואָרן און עס האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף דעם בחור אַרויסשיקן, ווייל ער קען נאָך נעמען באַשרייבן די גאַנצע שטאָט. ער קען שרייבן, אַז יענער נעמט צופיל פּראָצענט און אַז אַנדערער נעמט צו־פיל דירה־געלט און ווער ווייסט, וואָס נאָך ער וועט דאָרט אַריינשרייבן. אַפילו די קענגער פון דיין האָבן געשריגן געוואַלד. איציק זיידמאַן איז גע־קומען צום טאַטן און ער האָט גערעדט צו אים, אַז יאַנקל זאָל הערן און ער האָט אַפילו געזאָגט, אַז ער רעדט צו דער שנור און ער מיינט די שוויגער. „דו ווייסט גוט, האָט ער געזאָגט, ווי איך האָב ליב אלי חיימען, אָבער ער איז דאָך פאָרט אַן עלטערער ייד און ער איז מרא דאתרא ביי אונז. מיר האָבן דאָך נישט קיין אַנדערן. און חוץ דעם האָט דאָך יאַנקל געלערנט ביי אים און עס שטייט דאָך געשריבן, אַז ווער עס לערנט פון זיין חבר אַפילו איין אות, איז אַלציינס ווי ער וואָלט אים געבוירן. קומט דאָך אויס, אַז אלי חיים איז יאַנקלס טאַטע און — איז דאָס אַ כיבוד אָב? מעג מען אַזוי? עס איז דאָך שלעכט פאַר גאָט און מיאוס פאַר מענטשן!" און איציק זיידמאַן איז נישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט גענעבן דעם טאַטן מיטן זון אין איינעם אַזאַ גאָב. יאַנקל האָט זיך דערפילט מוראדיק שלעכט און ס'האָט אים געבריט און געשטאָכן אין אַלע איברים. ער האָט געפילט, אַז וואו ער שטייט און וואו ער גייט, ברענט מען אים מיט די בליקן און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט דעם פּסוק „וישא יעקב את רגליו" און מיט וויניקער געלט ווי אַמאָל און מיט נישט קיין סך גרעסער פּעקל איז ער אַוועק קיין אָדעס נאָך פאַר סוכות...

✡

קאפיטל ניין

דעם ייִדנס נישט פאַרענדיקטער יום טוב און אַ פּראָלאָג

קיין סך האָט זיך אָדעם נישט געענדערט פאַר דער צייט, וואָס אונזער העלד האָט זי נישט געזען. די זעלביקע שטאָט, די זעלביקע מענטשן, דער זעלביקער פּאָרט, דער זעלביקער „טאָלטשאָק" און די זעלביקע ריחות. יאַנקל האָט זיך נישט געאײַלט צו גיין אויף אַ באַשטימט פּלאַץ פון דער שיף אַראָפּ און ער האָט אויסגעקוקט אַביסל דעם „פּערעסיפּ" (אַזוי האָט מען גערופן דעם פּאָרט). ער האָט נאָך ביז דעמלט נישט געוואוסט, אַז דער אָדעסער פּאָרט איז אַזאַ גרויסער און אַז עס שטייען אין אים אַזויפיל שיפן פון פאַרשיידענע לענדער. מען האָט דאָרט געהערט ריידן גריכיש און טערקיש און רומעניש און גרוזיניש און אַרמעניש און עס האָט געשמעקט מיט בוימל און אַלערליי געוויכערטע און געזאַלצענע הערינג און פיש און מיט שאָקאָלאַד און כאַלוואַ. עס זײַנען אַרומגעגאַנגען „באָסיאַקעס" (וואַגאַבונדן), וואָס זײַנען שוין פון גאַנץ פרי געווען שיכור, אָדער זיי האָבן געזוכט אַ טרונק. אַנדערע זײַנען געזעסן אויף דער ערד און זיי האָבן זיך ממש געוויעט אין מיסט. איינער האָט אויסגעשטרעקט צו יאַנקלען די האַנט און ער האָט בײַ אים געבעטן אויף אַביסל בראָנפן, ער איז, האָט ער געזאָגט, אַ געוועזענער סטודענט און ער האָט אַ „וואָלטשי בילעט" (אַ וואָלפישן בילעט. אַזוי האָט מען גערופן דאָס דאָזיקע צעטל, וואָס פּאָליטישע „פאַרברעכער" האָבן באַקומען פון דער פּאָליציי אויף נישט צו טאָרן זײַן אויף איין פּלאַץ מער ווי אַ קורץ שטיקל צייט). יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט און יענער האָט געקוקט אויף אים פאַרדעכטיקט און ער האָט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט אָפּנאַרן איינעם, וואָס האָט געקעמפט פאַר דער פרייהייט און ער לײַדט די קאָנסעקווענצן. דער וואַגאַבונד האָט זיך געשלאָגן אין האַרצן אַריין און אין די אויגן האָבן זיך אים באַוויזן טרערן. יאַנקל האָט דערקענט, אַז ער איז שיכור, דאָך האָט ער זיך געשעמט אים אָפּצוזאָגן און ער האָט אַרויסגענומען דרײַ קאָפּיקעס און אים געגעבן. עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט און אונזער העלד איז אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַ גאַנצער מחנה „באָסיאַקעס". ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער האָט נישט, ער האָט עטלעכע קאָפּיקעס און ער איז ערשט הײַנט אָנגע-

קומען קיין אָדעס, האָבן אים די וואַגאַבונדן געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך נישט זאָרגן, זאָל ער צעטיילן אויף בראָנפן אַלץ, וואָס ער האָט און דערנאָך וועט ער גיין מיט זיי אין איינעם. עס האָט זיך באַלד געיאַווועט אַ מין פרוי, אַ צעשויבערטע, מיט אַ שיכור אויסזען און מיט אַ צעדראַפּעט פּנים און וואַקלענדיק זיך האָט זי געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מורא האָבן, זי אַליין וועט אים אויך ליב האָבן אומזיסט, זי האָט אַ פּלאַץ און זי האָט אַ „ראָגאָזשקע". עס איז געוואָרן אַ געלעכטער און אונזער העלד האָט זיך פאַרשעמט און ער האָט זיך קוים אַרויסגעדרייט פון זיי. אַ פּאָליציימאַן אין דער אוניפאָרם פון אַ מאַטראָס האָט זיך באַלד באַוויזן לעבן רעדל און ער האָט געהייסן זיך צעגיין. די באָסיאַקעס האָבן אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט שטופן די מאָרדע וואו מען דאַרף נישט, ווייל ער האָט צו טאָן מיט די אמתע „מאַקסימאָווסקע" (געמיינט גאָרקישע) באָסיאַקעס. דאָס מיידל האָט ממזריש געפינטלט אויך צו אים און אים גערופן, אַז ער זאָל גיין מיט איר, ווייל זי איז אָן אָנהענגערין פון פרייער ליבע. יאַנקל האָט זיך געחידושט, וואָס זי רעדט אַזאַ אינטעליגענטישן רוסיש און ער איז געווען זיכער, אַז זי איז אַ געוועזענע גימנאַזיסטקע. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער זי אָוועקגערופן אין אַ זייט אַריין און ער וואָלט איר אָוועקגעגעבן וויפל ער האָט און ער וואָלט זי געבעטן, אַז זי זאָל אים דערציילן איר ביאָגראַפיע.

פון פאָרט האָט זיך אונזער העלד געלאָזט ביז צו דער פּראָכאָראָווסקי גאַס, וואו עס האָט זיך געפונען דער גרויסער „טאָלטשאָק" מיט אַלערליי אַלטע זאַכן. עס האָט דאָרט געשמעקט מיט שימל און מיט זויערס. עס איז אים שווער געווען דורכצושניידן די גאַס. מען האָט אים אָפּגעשטעלט ביי יעדער קרעמל און ביי יעדער שטעל אין דרויסן און מען האָט געפרעגט, צי ער פאַרקויפט דאָס פּעקל. מען האָט אים פּשוט געריסן דאָס פּעקל פון די הענט. מען האָט צו אים גערעדט אי רוסיש, אי יידיש און מען האָט ביי אים געזוכט צו קויפן אַלציינס ווי אים צו פאַרקויפן. ער איז געגאַנגען צו אַלי אָדעסערס עלטערן. ער האָט נישט געהאַט קיין איין רעכטן און זיכערן אַדרעס און ער האָט נישט געוואוסט וואו ער וועט קענען איבערנעכטיקן די נאַכט. גיין צו ראובן בערן, האָט ער געוואוסט, אַז עס וועט אים אויסטראָגן טייער. האָט ער באַשלאָסן צו לאָזן דאָס פּעקל ביי זיין געוועזענעם חברס עלטערן און דאָרט אָנזאָגן, אַז אויב ער וועט נישט האָבן וואו, וועט ער קומען נעכטיקן, אָבער ער איז כמעט זיכער, אַז ער וועט געפינען וואו צו שלאָפן. ער איז שוין געווען אַזוי ווייט פון דער קעשענעווער ישיבה און דאָך איז ער געגאַנגען צו אַ ישיבה בחורס עלטערן; אויפן וועג האָט ער זיך געקויפט אַ שטיקל ראַכאַט און ער האָט פאַרטרונקען מיט קוואָס און ער האָט זיך געשטילט דעם הונגער און ער האָט באַשלאָסן, אַז אין ערגסטן פאַל וועט ער איבערקומען דעם טאָג מיט נאָך אַ שטיקל ראַכאַט און אַז עס וועט זיין גוי־

טיק, וועט ער איבערשלאָפן די נאַכט אויף אַ בולוואַר ערגעץ, אָדער ער וועט זיך גלאַט אַרומדרייען. אין דער היים האָט ער געהאַט דער מאַמעס געלייגער מיט אַ ווייכן איבערבעט פון אמתן גענזענעם פּוך און ער האָט דאָרט אויך נישט געקענט שלאָפן און ער האָט זיך אָפּט אַרומגעדרייט אַ גאַנצע נאַכט. ביי אלי אָדעסערס עלטערן האָט מען אים אויפגענומען מיט אמתער קבצני־שער וואַרימקייט און עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. ער האָט געמוזט עסן אָנבייסן אַ „זראַזע" (ראָסל) מיט קאַרטאָפליעס. מען האָט אים אַזוי פון גאַנצן האַרצן גערופן עסן, אַז ער האָט נישט געקענט אָפּזאָגן און ער האָט געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט קומען נעכטיקן. אלי אַליין איז אויף יום טוב נישט אַהיימגעקומען, ווייל עס טראָגט נישט. אָבער עפּעס עסן וועט זיך שטענדיק געפינען. מען האָט גערעדט אַזוי אויפריכטיק מיט אים, אַז ער האָט זיך גע־פילט היימישער ווי ביי זיך אין דער היים און ער האָט נישט אויפגעהערט זאָגן דאָס רוסישע ווערטל „מיר ניע ביעז דאָבריך ליודיעי" (די וועלט איז נישט אָן גוטע מענטשן) און ער איז אַוועק זוכן די באַקאַנטע מיט דעם ווערטל אויף די ליפּן און מיט דעם טרייסטנדיקן געדאַנק, אַז פאַר די אייגענע על־טערן איז ער אַ טראַגעדיע, אָבער פאַר פרעמדע איז ער אפשר אַ וואָוילער בחור.

געטראָפן האָט ער זיין שוועסטערקינד בעטיאַ אין איינעם מיט איר יינגערער שוועסטער ציפּע, וואָס איז אויך געווען אין אָדעס, אָבער נישט אויף צו לערנען, נאָר צו פאַרדינען. זי האָט געאַרבעט ווי אַ פאַרקויפערן אין אַ הוט־געשעפט און פון איר גרויסן פאַרדינסט האָט זי נאָך געדאַרפט שיקן אַהיים, ווייל ס'איז אין שטוב געבליבן אָן עלטער מיידל פון איר, וועלכע מען האָט געדאַרפט חתונה מאַכן. ציפּע און בעטיאַ האָבן ביידע געוואוינט אין איין צימער און עס האָט זיך דערקענט, אַז זיי זיינען ביידע קיין גרויסע גבירנטעס נישט, אָבער בעת פון בעטיאַן האָט געווייעט מיט אומעט און פאַר־זאָרגטקייט און וועלט־שמערץ און ברוגזקייט אויף דער גאַנצער וועלט, האָט פון ציפּען געווייעט מיט זאָרגלאָזער קינדישקייט און מיט אַ זעלטענער מיידל־שער פרייד. זי איז געווען אַ רויטלעכע און האָט געהאַט אַ קאָפּ האָר מיט ברענענדיקן גאָלד און גרויסע, אויסגעסטאַרטשעטע אויגן, לאַכנדיק־וויינענ־דיקע און פולע מיט פייער. זי האָט געהאַט די זעלביקע גראָבע און זאַפטיקע ליפּן, וואָס די גאַנצע מישפּחה פון טאַטנס צד האָט געהאַט און יאַנקל האָט זיך אין איר פאַרליבט לייכט און צופרידן ביים ערשטן קוק און ער האָט זיך באַלד שוין צעקושט מיט איר, נישט נאָר ווי מיט אַ שוועסטערקינד. בעטיאַ האָט עס באַלד באַמערקט און זי האָט האַלב אין שפּאַס און האַלב אין ערנסט געזאָגט: „העי, העי, נישט אַזוי מיט אַמאָל, איך ווער באַלד אייפערזיכ־טיק"... ציפּע אַליין האָט דערפילט, אַז די קושן זיינען נישט נאָר פון אַ שוועסטערקינד און זי האָט נישט געמאַכט קיין טראַגעדיע דערפון. יאָסיף

פעלדמאַן איז געווען אין אָדעס. ער האָט זומער ערגעץ געהאַט אַ קאָנדיציע אין אַ שטעטל און ער האָט אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר רובל און איצטער לערנט ער ווייטער. דאָס דאָזיקע האָבן יאַנקלען דערציילט אי ציפּע, אי בעטיאַ. זיי האָבן אים אויך דערציילט, אַז ער האָט שוין כמעט אַ כלה און דער כמעט כלהס מאַמע האָט אַ קליינע אכסניה און קיין עסן פעלט דאָרט נישט און קיין פּלאַץ וואו צו שלאָפן אויך נישט. דאָך זוכט ער אַ קאָלעגע צו אַ צימער און ער וועט זיך גאָר מחייה זיין מיט יאַנקלס קומען. און איידער וואָס ווען האָט ציפּע שוין געפירט יאָסיפן אונטער דער האַנט צו יאָסיף פעלדמאַן אוןביידע פריינט האָבן זיך אַזוי דערפרייט, גלייך זיי וואָלטן געווען ברידער. יאָסיף האָט געלייענט יאַנקלס „סליחות" און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וואַקסט אַ פּיסאַטעלי" (שריפטשטעלער) און אַז ער האָט שוין אַ סך מאָל איבער־

יעקב באָטאָשאַנסקי און יוסף פעלדמאַן
(פאָטאָגראַפירט אין יאָר 1912 אין אָדעס)

געלעבט דאָס זעלביקע... יאָסיף איז שוין געווען גרייט צו דינגען אַ צימער אין איינעם מיט זיין חבר און ווען יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט נישט מער ווי קוים צו באַצאָלן פאַר איין חודש און ער האָט פאַר זיך נישט קיין שום פּערספּעקטיוון, האָט ער געזאָגט, אַז ער האָט נישט ליב צו זאָרגן. מען קען נאָך אין אָדעס געפינען אַ פּאָר לעקציעס און אַז נישט, איז „נאַפּלעוואַטי", פּאָרט מען אין פּראָווינץ. איין לעקציע האָט יאַנקל טאַקע באַלד געקראָגן, די

זעלביקע, וואָס ער האָט שוין אַמאָל געהאַט אויף דער רעקאָמענדאַציע פון פעטער נוח. דאָס גרינגע יינגל איז נאָך געווען גרינגער ווי פריער און דער טאַטע זיינער האָט זיך גאָר דערפרייט מיט דעם אַמאָליקן לערער פון זיין זון און ער האָט אים געזאָגט, אַז ווען ער קומט אַריין צו אים אין שטוב, פילט ער זיך עפּעס רואיקער און ער ווייסט, אַז ער איז נאָך אַ ייד און אַז עס זיינען נאָך דאָ יידן אויף גאָטס וועלט... יאַנקל האָט זיך געקלערט, אַז ווען זיינע טאַטע־מאַמע וואָלטן געהערט די ווערטער פון דעם דאָזיקן יידן, וואָלטן זיי זיך געפרעגט, צי ער איז נישט משוגע. די מאַמע פון דעם גרינעם יינגל איז אַלץ געווען אַזוי צעשויבערט ווי אַמאָל, אָבער זי האָט שוין געהאַט אַ סך מער גרויע האָר און די צעשויבערטקייט האָט איר נאָך ווייניקער געפּאַסט און זי האָט אַלץ אַזוי גערעדט ווי אַמאָל און געפּלאַפּלט און געזאָגט, אַז זי האָפט, אַז דער לערער, וואָס איז שוין איצטער עלטער, איז שוין אַביסל קליגער און ער האָט מער עקספּעריענץ...

קיין באַשטימטע אויפגאַבע האָט זיך אונזער העלד נישט געשטעלט. ער האָט נישט געוואָלט לערנען ווייטער דעם קורס פון דער גימנאַזיע, אָבער ער האָט נישט געלערנט און ער האָט נישט קיין סך געלייענט. ער איז דערפאַר זייער פיל אַרומגעגאַנגען און געקוקט. די אַמאָליקע סקיצע זיינע, די ערשטע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן „דער נישט עלנדער" און אין וועלכער ער האָט באַשריבן אַן עקסטערן, וואָס באַגייט זעלבסטמאָרד צוליב דעם, וואָס עס איז אַרויס קאַסאָס גזירה קעגן יידישע עקסטערנעס, האָט ער אַריינגעטראָגן אין „גוט מאָרגן" און מען האָט זי דאָרט אָפּגעדרוקט אויף אַ זייער שיין פּלאַץ. מען האָט זי געדרוקט אונטער דעם שטריך, וואָס מען האָט אין אָדעס גערופן „פּאָדוואַל" (קעלער), וואו מען האָט געדרוקט זאַכן פון באַוואוסטע שריפטשטעלער. אונזער העלד פלעג זיך אויסווייזן, אַז די דאָזיקע, וואָס מען דרוקט זאַכן אונטער דעם שטריך, זיינען עפּעס אויסערגעוויינלעכע העלדן און די גאַנצע וועלט קוקט אויף זיי מיט באַגייסטערונג. און אָט האָט מען אָפּגעדרוקט זיינע אַ זאַך אונטער דעם שטריך און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אים און אַפילו צווישן אייגענע חברים, צווישן עקסטערנעס, רעדט קיינער נישט פון דער דאָזיקער זאַך, וואָס באַשרייבט דאָך זייער לעבן און זייער טראַגעדיע. ער איז דער זעלביקער, וואָס נעכטן און ער האָט פאַר אַ גאַנצן טאָג נישט מער ווי טיי מיט ברויט און ערשט נישט קיין זיסע טיי. אין אָדעס איז דעמלט אַרומגעגאַנגען אַ לידל „לאָמיר טרינקען טיי, טיי". ער האָט דאָס לידל נישט געדאַרפט זינגען, זיין גאַנץ לעבן איז געווען טיי מיט ברויט... ער האָט געקלערט, אַז אפשר האָט זיין סקיצע נישט געמאַכט קיין איינדרוק, ווייל זי איז געדרוקט אין דער יידישער צייטונג; אין אָדעס לייענט מען נישט קיין „זשאַרגאָן". ער האָט אַזויפיל מאָל געהערט ריידן וועגן אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט אין די רוסישע

צייטונגען און וועגן קיין אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט אין דער איינציקער ייִדישער צייטונג האָט ער קיינמאָל נישט געהערט ריידן. און ער האָט אָנגעהויבן חלומען וועגן דרוקן זיך אין די רוסישע צייטונגען. נערוועז איז ער געווען, קיין געדולד אויסצוטראַכטן און אויסצובויען לענגערע זאַכן האָט ער נישט געהאַט, איז אים איינגעפאַלן צו שרייבן רוסישע לידער. ער האָט זיי געשריבן אין די צענדליקער און געשיקט אין אַלע רעדאַקציעס. זיי זיינען צום מערסטן געווען געשריבן אונטער דעם איינפלוס פון נאַדסאָנען און עס האָט זיך אין זיי נאָר גערעדט וועגן דעם פּאָעט און זיינע ליידן און וועגן די איבערגעריסענע סטרונעס פון זיין האַרצן. אים אַליין זיינען גאָר נישט שטאַרק געפעלן געווען דעמלט נאַדסאָנס לידער, וואָס זיינען געווען צו קלאָגעוודיק, אים זיינען בעסער געווען געפעלן די לידער פון נעקראַסאָוו, אין וועלכע עס האָט זיך געהערט דאָס געוויין און די פרייד פון די רוסישע פּויערים, אָדער גאָר פּושקין, אין וועמענס לידער ס'האָט זיך געהערט דער ברייטער קלאַנג פון דעם גרויסן רוסלאַנד, וואָס ער האָט אַזוי ווייניק געקענט און די טריט פון בלאָנדזשנדיקן אינטעליגענט, וואָס זוכט און געפינט נישט; אָבער האָט ער געקענט שרייבן ווי נעקראַסאָוו, אָדער ווי פּושקין? וועגן וועמען און וועגן וואָס? האָט ער געזאָגט באַשרייבן די ליידן און פריידן פון די רוסן, וועלכע ער האָט אַזוי ווייניק געקענט און וועלכע זיינען אים געווען אַזוי פרעמד? און וועגן ייִדן שרייבן אויף רוסיש איז אים אויסגעקומען פריקרע, עס וואָלט אים אויסגעקומען גלייך ער וואָלט זיך געדאַרפט נאָכקרימען ייִדן.

ער האָט דעמלט אָנגעהויבן לייענען יושקעוויטשן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער באַשרייבט פּונקט אַזוי ווי די אָדעסער ייִדן ריידן, אָבער עס איז אים נישט געווען צום האַרצן. מער צום האַרצן איז אים געווען פרוגס לידער, אָבער אין זיי איז דאָך אויך געווען דער זעלביקער קרעכץ, וואָס אין נאַדסאָנס לידער. אַמאָל איז אין זיי אויך געווען דער זעלביקער קרעכץ, וואָס ביי נעקראַסאָוון, אָבער נאָר דער קרעכץ. ביים רוסישן דיכטער איז דאָך געווען אַזויפיל פרייד און אַזויפיל פריי געזאַנג. פרוג האָט אָנגעהויבן אַ רוסיש ליד מיט די ווערטער „צוויי זאַכן האָט מיר געגעבן דער גורל: דער דורשט נאָך פרייהייט און די דאָליע פון אַ קנעכט” און נעקראַסאָוו האָט געזונגען וועגן דריי שווערע גורלס. וואָס דאָס מזל האָט געגעבן: חתונה האָבן מיט אַ שקלאַף, זיין די מוטער פון אַ קינד אַ שקלאַף און זיין ביז אין טויט אַ שקלאַפין פון אַ שקלאַף. אפילו דאָס פאַרשקלאַפטקייט איז געווען פאַר אים ברייטער און נאָרמאַלער אין דער רוסישער, ווי אין דער רוסיש־ייִדישער פּאָעזיע.

ער האָט פאַר די לידער, וואָס ער האָט געשריבן אין רוסיש נישט געהאַט קיין שום האָריזאָנט און ער האָט געפילט, אַז מער ווי נאָכגעמאַכטקייט איז אין זיי נישטאָ. אין די גרויסע צייטונגען האָט מען קיין איינס פון די לידער נישט געדרוקט, אין עטלעכע קליינע זשורנאַלן, וואָס האָבן געוואַקסן פון היינט

אויף מאָרגן, זײַנען דערשינען אַ פּאָר לידער זײַנע, וואָס האָבן אים דעמלט אויסגעוויזן לעילא ולעילא און ער האָט שוין אַפּילו געגומעט חלומען, אַז ער וועט ווערן אַ גרויסער רוסישער פּאָעט...

דאָס לעבן פון אונזער העלד איז דעמלט געווען גענוג ביטער, אַז ער זאָל זיך נישט טרייסטן מיט חלומות. אַ לעפל געקעכץ האָט ער אַמאָל אין אַ יובל געגעסן ביי שלייענען, אָדער ביי אַלי אָדעסערס עלטערן. ער וואָלט געקענט אין ביידע הייזער עסן אָפטער, אָבער ער האָט זיך געשעמט. ער פלעג פון צייט צו צייט עסן אַביסל געקעכץ ביים קרומען רעסטאָראַטאָר קאַפּלאַן, וואָס איז אַלץ געוואָרן אי גרויער, אי שוואַרצער. זעלטן ווען ער האָט געהאַט צו באַצאָלן מזומן, אָבער קאַפּלאַן האָט געהאַט אַ טבע צו געטרויען, איבערהויפּט האָט ער געטרויעט די דאָזיקע, וואָס האָבן גערעדט העברעאיש. ער פלעג דערביי אונטערקרעכצן און זאָגן, אַז ווען ער וואָלט געהאַט, וואָס מען איז אים שולדיק, וואָלט ער געווען נישט קיין גביר, אָבער נישט קיין בעל חוב. ער האָט צומאָל באַמערקט איראָניש, אַז ער אַליין רעדט אויך נישט שלעכט העברעאיש, פון דעסט וועגן וויל מען אים שוין נישט געטרויען. ביז וואַנען יאַנקל האָט נישט באַצאָלט אַ פריערדיקן חוב, איז ער נישט געקומען מאַכן קיין נייעם, האָט ער טאַקע זעלטן געגעסן געקעכץ. אויסער זײַנע חלומות וועגן פּאָעזיע, האָט ער געקראָגן אַ חלום וועגן ליבע. אין זײַן אייגענעם שוועסטערקינד ציפּע האָט ער זיך פאַרליבט. נישט אַזוי הילפלאָז ווי אין דבורה פּינחס שוחטס, נישט אַזוי נאַיוו ווי אין אַנושקאַ. עס איז געווען לייכט און זינגעוודיק. עס האָט געזונגען אין אים צו איר און ער איז געווען זיכער, אַז אויך אין איר צו אים. ס'איז געווען אַ געמיטלעכע קוזינען־לעבן אָן גרויסע פּרעטענזיעס און אָן גרויסע האָפענונגען. ס'איז געווען אַ שפּיל אין ליבע, וואָס האָט געגלעט ביים האַרצן און ווען עס איז אַמאָל געקומען אַ טרער. האָט זי נישט געבריט שטאַרק... יאַנקל פלעג טראַכטן, אַז היינע האָט ביי זײַן קוזינע געהאַט מער אומגליק, דערפאַר האָט ער אויך געהאַט מער גליק. היינעס קוזינע האָט דעם דיכטער נישט ליב געהאַט און אין אים אַרויסגערופן די שענסטע ליבעס־געזאַנגען... נישט געליבט צו ווערן איז אַמאָל מער מזל, ווי יאָ געליבט צו ווערן... ווען מען ווערט נישט געליבט, ווערט מען אַ גאָט. ווען מען ווערט געליבט, בלייבט מען אַ מענטש.

אין דער ציוניסטישער שול „יבנה" האָט זיך דעמלט אָנגעהויבן קהלן. עס איז געשטאַנען אויף דער טאָג־אָרדנונג די פראַגע וועגן דעם אין וואָס פאַר אַ שפּראַך די לימודים זאָלן געפירט ווערן אין די שולן פון דער „חברה מפיצי השכלה". ביז דעמלט איז די שפּראַך געווען רוסיש, האָבן די ציוניסטן אָנגעהויבן פאַרלאַנגען העברעאיש. מען האָט געקענט דענקען, אַז דער קאַמף וועט פאָרקומען נאָר צווישן די צוויי דערמאָנטע שפּראַכן, איז אָבער אונטערגעקומען אַ צד, וואָס האָט פאַרלאַנגט יידיש. עס איז שוין געווען ווער

עס זאָל זיך אָננעמען די קריוודע פון דעם „זשאַרגאָן“, וועלכן מען האָט אין בעסטן פאַל גערופן „ראַזגאָוואָרני יעווריעיסקי יאַזיק“ (די גערעדטע יידישע שפּראַך) און האָט עמיצער חלילה געפּרואווט זאָגן און אָנרופן העברעאיש — „דרעווניע יעווריעיסקי יאַזיק“ (די אַלטע יידישע שפּראַך) האָט מען פּראָטעסטירט. דעם קאַמף פאַר יידיש האָט געפירט אַ גרופּע סאָציאַליסטן פון פאַרשיידענע ריכטונגען. געווען אין יענער גרופּע אי סיימאָווצעס, אי עסעסאָווצעס, אי בונדיסטן. דער אָנפירער פון דער יידישיסטישער גרופּע איז געווען אַ לערער, וואָס האָט זיך גערופן אברהם מערעזשין. ער איז געווען לערער פון אַן אָדעסער יידישן יתומים הויז און אויך אין אַ שול פון דער מפיצי השכלה. אין יתומים הויז האָט ער איינגעפירט דעם לימוד פון יידיש. ער האָט געפירט אַ קאַמף אי קעגן די אַסימילאַטאָרן און רוסיפיקאַטאָרס פון די „פּראָסוויעשטשענצעס“ (מפיצי השכלהניקעס) אי קעגן דעם פאַנאַטיזם פון די העברעאיסטן. די ציוניסטן האָבן געהאַט אַ קאָלאָסאַלע שווערע אַרטילעריע. דער הויפּט־רעדנער זייערער איז געווען וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, וואָס איז זייט אַ צייט געווען פאַרשוואונדן פון די אָדעסער טריבונעס. ער איז אַמאָל געווען דער באַליבסטער רעדנער אין דער אָדעסער רוסישער „ליטעראַרישער געזעלשאַפט“, וואָס מען האָט גערופן פאַרקירצט „ליטעראַטורקאַ“ און וואָס די מערסטע פון אירע צוהערער זיינען געווען יידן, אָבער ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו האַלטן לעקציעס וועגן ליטעראַטור און ער האָט דעם גאַנצן ענטוזיאַזם זיינעם אָפּגעגעבן דעם ציוניזם און איבערהויפּט דעם העברעאיזם. ער האָט צוריק מיט אַ פּאָר יאָר אַליין ערשט געהאַט אויסגעלערנט העברעאיש און ער איז געווען, ווי מען האָט עס געזאָגט, „משוגע אויף העברעאיזם“. יאַנקל האָט דעמלט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געהערט ריידן זשאַבאָטינסקין. ער האָט נאָך ביז דעמלט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהערט אַזאַ רעדנער. ער האָט באמת געהאַט אַ פענאָמענאַלע רעדנערקראַפט. אין גאַס האָט ער אויסגעזען צו זיין קליין, אויף דער טריבונע פלעגט ער אויסוואַקסן. ער איז נישט געווען קיין שיינער. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע הויט, אַן אויסגעשטאַרטשעטע גאָמבע און אויסגעשטאַרטשעטע שטשאָקעס. ער האָט אויסגעזען ווי אַ נישט שיינער ציגיינער, אָבער אַז ער האָט גערעדט, איז ער געוואָרן שיין. ער איז געוואָרן אָנגעצונדן און ווי באַלויכטן פון אַן אינעווייניקסטן פייער. די אויגן האָבן ביי אים אויסגעזען ווי שטורקאַצן, אָדער ווי לאַמטערנס. ער איז דעמלט געווען אַ יונגערמאַן פון קוים עפּעס איבער דרייסיק און ער האָט גערעדט מיט דער היציקייט פון נאָך אַ יינגערן, אָבער אויך מיט דער חכמה פון אַ זקן. אין אָדעס האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט אַ מוראַדיק הייסן קאָפּ און ווען ער רעדט, ברענט ביי אים דער קאָפּ אַזוי שטאַרק, אַז מען וואָלט געקענט אויף אים אָפּבאַקן פּירעשקעס. ער האָט אויסגעזען בעת דעם ריידן אי ווי עפּעס אַ מענטש פון יענער וועלט, אַ

נביא, און דאָך אַן אַקטיאָר, וואָס וואַרפֿט מיט ספּעציעלע זשעסטן און שפּילט אי קאָמעדיע, אי טראַגעדיע. עס האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין קאַמפּיין אויך מ. מ. אוסישקין און ח. נ. ביאַליק, אָבער פֿאָרויס איז געגאַנגען איין זשאַבאָטינסקי, וואָס האָט געזונגען אויף די העכסטע טענער וועגן דעם, אַז יידן דאַרפֿן קענען די אייגענע שפּראַך און אַז די אייגענע שפּראַך איז נאָר העברעאיש און אַז נאָר אויף העברעאיש קען דער ייד אויסדריקן זיינע שטאַרקסטע געפֿילן און אַפֿילו אין יידיש זיינע אַלע געפֿילס-ווערטער העברעאישע. די שטאַרקסטע קוילן האָט זשאַבאָטינסקי געפֿייערט אין די אַסימילאַטאָרס און רוסיפֿיקאַטאָרס אַריין, אָבער ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין קוילן אויך אין די יידישיסטן אַריין, וועלכע ער האָט גערופֿן „גוייִשיסטן”.

ווערליק דעם גרויסן טומל, וואָס די ציוניסטן האָבן אויפֿגעהויבן, האָט מען געקענט מיינען, אַז זיי זיינען זיכער אין ניצחון. מען האָט אָבער באַלד געקענט דערקענען, אַז די מפיצי השכלה איז אַן אַלטע פֿעסטונג פֿון די אַסימיליאַטאָרס און אַז די ציוניסטן וועט גרינג נישט אָנקומען זי איינצונעמען. די ציוניסטן האָבן דערפֿילט, אַז זיי וועלן קיין ניצחון נשט אָפּהאַלטן און זיי האָבן געשלאָסן אַ בלאָק מיט די רוסיפֿיקאַטאָרס און זיי זיינען איינגעגאַנגען אויף געוויסע הנחות מיט זיי. די אַלטע אַסימיליאַטאָרס האָבן זיך זייער שטאַרק געשראָקן פֿאַר דער לעבעדיקער יידישער שפּראַך און זיי זיינען בעסער איינגעגאַנגען אויף העברעאיש, ווייל זיי זיינען געווען זיכער, אַז אין אָדעס וועט העברעאיש מער ווי אַ לימוד נישט בלייבן. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז נישט אַלע אַלטע „פּראָסוויעשטשענצעס” זיינען געווען אייניק. עס זיינען געווען אָנגעזעענע מיטגלידער פֿון דער אָדעסער חברה מפיצי השכלה, וואָס זיינען דווקא געווען אָנהענגער פֿון יידיש. צווישן זיי איז נישט געווען קיין קלענערער ווי מנשה מאַרגאָלים, וואָס איז שוין דעמלט געווען אַ זיבעציק-יעריקער מאַן. ער איז געווען, אויב יאַנקל האָט קיין טעות נישט, איינער פֿון די אָנגעזעענסטע אַדוואָקאַטן אין אָדעס און פֿון די אָנגעזעענסטע יידישע וואָרט-זאָגער מיט וועלכע מען האָט זיך גערעכנט אויך אויף דער נישט יידישער גאַס. מנשה מאַרגאָלים איז געווען אַ נאָענטער פֿריינד פֿון מענדעלע מוכר ספֿרים און דער זיידע האָט אים געווידמעט איינס פֿון זיינע וויכטיקסטע ווערק. מיט מנשה מאַרגאָלים איז דעמלט געשען אַ פֿענאָמען: ער האָט אויף דער עלטער אָנגעהויבן שרייבן יידיש. ער האָט געשריבן אַ ריי האַרציקע יידישע קינדער-לידער און ער האָט זיי פֿאַרעפֿנטלעכט אין דער נייער אָדעסער יידישער צייטונג „דער ייד”, וואָס משה טייטש איז געווען איר רעדאַקטאָר. די דאָזיקע צייטונג איז געווען פֿאַר יידיש אין די שולן און מנשה מאַרגאָלים האָט דורך זיין פֿאַרעפֿנטלעכן לידער אין יענער צייטונג אויסגעדרוקט זיין סאָלידאַריטעט מיט איר.

די צייטונג „דער ייד” האָט זיך איר געשיכטע. די דאָזיקע צייטונג איז

ביים אָנהייב דערשינען אונטער דעם נאָמען „שלום עליכם". האָט שלום עליכם געמאַכט אַ טאַראַראַם און מען האָט מיט שווערער מי געפּועלט, אַז די צייטונג זאָל בייטן איר נאָמען און דערפאַר האָט ער צוגעזאָגט מיטצואַר־בעטן אין איר אַ שטיק צייט אומזיסט, ווייל זי איז געווען זייער אָרים. די ריכטונג פון „גוט מאָרגן" אין שלום עליכמען געווען מער צום האַרצן און ער האָט אַ שטיק צייט טאַקע מיטגעאַרבעט אין יענער צייטונג. צום דערשיינען פון „גוט מאָרגן" האָט ער אָנגעשריבן אַן אייגנאַרטיקן פעליעטאָן, ווי אַזוי די צייטונג־פאַרקויפער שרייען „גוט מאָרגן" און די יידן ענטפערן זיי „גוט מאָרגן, גוט יאָר", ווייל זיי מיינען, אַז זיי באַגריסן דאָס זיי אַזוי און זיי חי־דושן דערויף; דער גרויסער הומאָריסט האָט געהאַלטן, אַז אַ בלאַט זאָל טראָגן זיין נאָמען איז אַ פּחיתות הכבוד און ער איז בדאי גרייט געווען מיט־צואַרבעטן אין אַ צייטונג, וואָס איז נישט לויט זיין גייסט, אבי ס'זאָל נישט זיין קיין בלאַט מיט דעם נאָמען שלום עליכם...

צווישן „גוט מאָרגן" און „ייד" איז פאָרגעקומען אַ גרויסער קאַמף ספּעציעל טאַקע וועגן דער שפּראַך־פראַגע. עס איז געווען דעמלט אין אָדעס אַ רו־סיש וואָכנבלאַט, וואָס האָט געהייסן „יעווריי" (ס'איז געווען אויב יאַנקל האָט קיין טעות נישט פון אַ סיימיסטישער ריכטונג), האָט דאָס דאָזיקע וואָכנבלאַט אויך געשטיצט די ריכטונג, וואָס מערעזשין האָט אָנגעפירט, איז דער „גוט מאָרגן" אָנגעפאַלן אויף ביידע. אונזער העלד געדענקט אַ פעליע־טאָן, וואָס האָט געהייסן „צוויי יידן". דער מחבר האָט דערציילט, אַז זיין זיידע האָט אים געזאָגט, אַז אין אָדעס זיינען נישטאָ קיין יידן, עס זיינען דאָרט דאָ סאַמע גויים. צום סוף איז ער געקומען קיין אָדעס און ער האָט דאָרט געטראָפן גאַנצע צוויי יידן, וואָס איינער רעדט אויף יידיש און דער אַנ־דערער — אויף רוסיש. אָבער, אַז ער האָט זיך צוגעקוקט צו די ביידע יידן, האָט ער באַלד געזען, אַז ס'איז ווי צו זייער יידישקייט... פון העברעאיסטישן צד האָט מען די יידישיסטן געוואָלט פאַרשרייען פאַר גויים. געווען אַ יונגער העברעאיסט ברוך קרופּניק, קלויזנערס אַ תלמיד מובהק, איז ער אַרויס אין „גוט מאָרגן" מיט אַ סעריע אַרטיקלען אונטערן נאָמען „יידישיזם, אָדער גויישיזם" און ער האָט די סעריע אַרטיקלען פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז די יידישיסטן זיינען גויישיסטן און זיי ווילן אַפּשמדן דאָס יידישע פאָלק... יאַנקל איז געווען אין ציוניסטישן און העברעאיסטישן לאַגער, אָבער ער האָט זיך פון דעסט וועגן געחידושט פאַרוואָס מען קומט נישט צו אַ פּשרה און מען מאַכט נישט, אַז מען זאָל לערנען אַלע דריי שפּראַכן. די לאַנדס־שפּראַך מוז מען לערנען, העברעאיש דאַרף אַ יידיש קינד לערנען און יידיש איז דאָך פאָרט אַזאַ פאַקטאָר, וואָס מען קען נישט פאַרלייקענען. איז מען דערפאַר אויף יאַנקלען געווען להשמיד ולהרוג ולאבד... מען קען דערלאָזן יידיש אין דער פּראָפּאַגאַנדע, אין דער צייטונג, אין טעאַטער אפילו, אין בוך,

כּאָטש שוין ווייניקער, אָבער נישט אין שול. פאַר קיין פאַל נישט אין שול...
איי מענדעלע זאָגט, אַז ביידע שפּראַכן זיינען אַזוי ווי צוויי נאַזלעכער, וואָס מען דאַרף ביידע צום אָטעמען? זאָגט ער... יאַנקלען האָט דערפאַר שטאַרק פאַראינטערעסירט דאָס דאָזיקע, וואָס מערעזשין האָט גערעדט, כאָטש ער איז נישט געווען אַזאַ גרויסער רעדנער ווי זשאַבאָטינסקי און נישט אַזאַ גרויסער מענטש ווי ביאַליק, אָדער אוסישקין. מערעזשין האָט גערעדט אי רוסיש אי יידיש און ער האָט פאַרמאָגט אַ רייצנדיקן שמייכל און אַ ווייכן טאָן, וואָס האָט געצוואונגען, אַז קעגנער זאָלן זיך אויך צוהערן צו אים. ער האָט זיך נישט גע־ריכט צו זיגן, ער האָט געוואָלט אויפקלערן. ער האָט אָפן געזאָגט, אַז וויפל ער וועט געווינען אָנהענגער, וועט ער זיין צופרידן. ער האָט גערעדט נישט ווי אַ גרויסער מענטש, נאָר ווי אַ היימישער און ער האָט געוועקט צו היימיש־קייט, צו זיך אַליין האָט ער געוועקט.

די ציוניסטן האָבן זיך נישט געפילט שטאַרק זיכער מיט דעם זיג און זיי האָבן געמוזט, ווי שוין געזאָגט, מאַכן אַ בלאָק מיט די רוסיפיקאַטאָרס און זיי זיינען מיט זיי איינגעגאַנגען אויף אַ פּשרה. דאָך האָבן די העברעאיסטן נישט אויפגעהערט צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע און זיי האָבן שוין מער געקעמפט קעגן די יידישיסטן, ווי קעגן די רוסיפיקאַטאָרס. געווען צווישן די העברע־איסטן אַ זייער קלוגער ייד מיט אַ ווייסן קאָפּ פון אַ פילאָזאָף און מיט אַ לאַכנדיקן פּנים. ער האָט געהייסן פראַנקפעלד און ער איז געווען אחד העמס אַ תּלמיד מובהק. ער האָט דערציילט, אַז אחד העם האָט זיך אים געמישט אַפילו אין פּערזענלעכן לעבן אַריין. ווען ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין שאַך־שפּיל אַריין און ער פלעג ביינאַכט אַהיימקומען שפּעט, האָט אים דער העב־רעאישער פילאָזאָף געמאַכט סקאַנדאַלן. פראַנקפעלד איז דעמאָלט געווען פּרע־זידענט פון די „חובבי שפת עבר”, וואו מען האָט געהאַלטן גאַנץ אינטערע־סאַנטע לעקציעס, כאָטש אַביסל שווערלעכע צום פאַרשטיין, ווייל ס׳איז גע־ווען אי שווער צו ריידן, אי שווער צו הערן. ער איז געווען אַ פאַרברענטער העברעאיסט, אָבער ער האָט ליב געהאַט צו ריידן יידיש; ווען ער האָט גע־רעדט יידיש, האָט ער געשמייכלט. ווען ער האָט גערעדט העברעאיש, איז ער געווען ערנסט. האָט ער געזאָגט, אַז פון דעם, וואָס די ציוניסטן, די עקסטרעמע נאַציאָנאַליסטן, האָבן זיך פאַרייניקט מיט די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרס, די רוסיפיקאַטאָרס, האָט ער מורא, אַז עס וועט פון אָט דעם שידוך געבוירן ווערן אַ ממזר אַ יידישיסט... זשאַבאָטינסקי האָט זיינע פייערדיקע רעדעס וויטער געהאַלטן קעגן „זשאַרגאָן” און עס זיינען געווען מאָמענטן, ווען דער גרייז־גרויער מנשה מאַרגאַלים פלעג שרייען, אַז מען זאָל אים נישט לאָזן ריידן, אָדער מען זאָל כאָטש אַרויסגיין, ווייל מען באַטייליקט זיך אין אַ קעגנערי־שער מאַניפעסטאַציע... די פּאָלעמיק האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אין דער רוסישער פּרעסע פון אָדעס. אין די העברעאישע צייטונגען „הד הזמן” און

„הצפירה" זיינען געווען געדרוקט ברייטע באריכטן וועגן די פארזאמלונגען. די קארעספאנדענטן פון די צוויי דערמאנטע בלעטער זיינען געווען מנחם ריבאלאוו און הירש לייב גארדאן. ביידע זיינען געווען גאר יונגע מענטשן און ביידע האבן זיך געקליבן צו ווערן העברעאישע דיכטער. מנחם ריבאלאוו האט שוין געהאט פארעפנטלעכט אין „השילוח" א שיר, וואס איז געווען זייער עראטיש און מען האט אים פאראויסגעזאגט א גרויסע צוקונפט. ער איז געווען א מיטלגעוויקסיקער בחור מיט א סך פרישטשעס אויף דעם געזיכט און די אנפאנגער האבן געזאגט, אז די עראטיק ליגט אים אויף דעם פנים. הירש לייב גארדאן איז געווען א בויגזאמער בחור ווי א טראשטש און ער האט שטענדיק געשמייכלט. די דאזיקע צוויי קארעספאנדענטן פלעגן אפט שטיין אין צוויי פארשיידענע ווינקלען פון דער שול „יבנה" און זיי פלעגן האלטן ביידע צייטונגען מיט ביידנס קארעספאנדענצן און יעדער האט געוואלט דערוויזן, אז זיינע איז געשריבן אין א בעסערער שפראך. די הויפט־זאך איז געווען דאס לשון. דער סוף איז, נאטירלעך, געווען, אז דער בלאק האט געזיגט און די יידישיסטן האבן געקראגן ווייניקער ווי א פערטל פון די שטימען. דער קאמף האט צו די ברייטע מאסן נישט געגרייכט. מערעזשין האט דערקלערט, אז ער האלט, אז זיין גרופע האט אפגעהאלטן א גרויסן זיג. די ציוניסטן האבן זיך נישט שטארק געפילט גוט מיט זייערע שותפים און ביאליק פלעג נישט איין מאל זיך פארקנייטשן, ווען אן אלטער אסימיליאטאר, וואס האט אים גערופן חיים נאכמאנאוויטש, מיינענדיק, אז זיין טאטע האט געהייסן נחמן, האט אים גענומען אונטערן ארעם. יאנקלס העברעאיזם האט זיך דעמלט א וואקל געטאן. ער האט נישט פארשטאנען פארוואס מען טאר נישט דערלאזן, אז א יידיש קינד זאל לערנען כאטש אביסל יידיש און ער האט נישט פארשטאנען פארוואס דער זיידע פון דער יידישער ליטעראטור האט זיך מיט קיין ווארט נישט אפגערופן און ער האט נישט פארטיידיקט די יידישע שפראך. ער האט עטלעכע מאל געהערט זאגן ביאליקס געשוואוירענעם גוטן ברודער י. ח. ראווניצקי, אז דער דאזיקער ייד, וואס רעדט נאך יידיש איז א ייד און דער דאזיקער, וואס רעדט שוין נישט קיין יידיש איז א האלבער ייד און פון דעסט וועגן האט אויך ראווניצקי ארומגעשמייעט קעגן זשארגאן. איינער פון די העברעאיסטישע רעדנער, וואס האט גערעדט א הערלעכן רוסיש, האט געהייסן טריוואקס, ער האט גערעדט אזא רוסישן און נישט אדעסער רוסיש, אז די אדעסער יידן האבן אים שווער פארשטאנען. האט ער אין איינער פון זיינע רעדעס געזאגט זייער היציק: „איך האב שוין נישט געלערנט אין חדר, אבער איך פיל, אז מיר דארפן זיך אומקערן אין אלטן חדר אריין." דער עולם האט געשטורעמט פאר באגייסטערונג און יאנקל האט זיך געפרעגט: „פארוואס זשע שיפעט אזוי דער זעלביקער רעדנער קעגן „זשארגאן"? אין חדר לערנט מען דאך אויף יידיש". אונזער העלד איז

אַרויס אַ צערודערטער פון יענעם שפּראַכן־קאַמף, וואָס האָט געפירט צו אַ שידוך צווישן רוסיש און העברעאיש און האָט נישט אַריינגעלאָזט די יידישע שפּראַך אין אַ גרויסער צאָל יידישע שולן. אים האָט גראָד דעמלט אָנגעהויבן אַלץ מער און מער געפעלן יידיש. ער האָט איבערגעלייענט צוויי בענד ליטעראַטור קריטיק פון בעל מחשבות און ש. ניגער און ער האָט געפילט, אַז מען הויבט אָן שרייבן אין יידיש אַלציינס ווי אין רוסיש. און מען פאַרטייטשט שוין דעם מיין פון יידישער ליטעראַטור, אַלציינס ווי מען פאַרטייטשט דעם מיין פון אַלטע העברעאישע ספרים און ווי מען פאַרטייטשט דעם מיין פון ליטעראַרישע ווערק אין אַנדערע שפּראַכן. און ער האָט געגנומען לייענען די יידישע פרעסע פון פוילן און ער האָט דאָרט געטראָפן דוד פרישמאַנס פעליעטאָנען, וואָס זיינען געווען נישט ווייניקער שיין ווי זיינע פעליעטאָנען אין העברעאיש און ער האָט געטראָפן הילל ציימלינס פעליעטאָנען, וואָס האָבן געברענט אַ וועלט און האָבן געפירט ביז אין די עולמות העליונים. יאַנקל איז דעמלט נישט געוואָרן קיין יידישיסט, אָבער אַזאַ פאַנאַטישער העברעאיסט ווי ער איז פריער געווען, איז ער שוין נישט געווען. און ווען ער האָט אַרום און אַרום געטראָפן יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן געבראָכן די צונג אויף העברעאיש מיט דער ספרדישער הברה און זיי האָבן אין זייער גאַנצן שמועסן באַנוצט קוים אַ נאָר צענדליק ווערטער, ווייל זיי האָבן מער נישט געקענט און זיי האָבן זייער אָפּט געזאָגט אַ „ג" אַנשטאָט אַ „ה", זיינען זיי אים געוואָרן אַלץ פרעמדער און ער האָט זיך געפרעגט. צי זיינען די דאָזיקע, וואָס זינגען „גאַטיקוואַ" (התקווה) טאַקע די ריכטיקע יידן...

דער קאַמפּיין איז גיך אַריבער און מען האָט אים אָנגעהויבן פאַרגעסן. אין אָדעם האָט זיך באַוויזן אַ יונגער העברעאישער שרייבער, וואָס האָט געהייסן דר. ש. אייזנשטאַט; ער האָט געהאַט אַ ווייך זיידן אויסזען און ער האָט אַריינגעבראַכט אַ פרידלעכע געמיטלעכקייט צווישן דער יוגנט, וואָס האָט געקוואָקעט צו ווערן העברעאישע שרייבער. ער איז געווען אי אַ העברעאיסט, אי אַ יידישיסט. ער האָט זיך באַטייליקט ווי אַ דעלעגאַט אין דער טשערנאָוויצער שפּראַך קאָנפערענץ און ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין „תרבות". ער האָט געשריבן אי העברעאיש, אי יידיש. ער האָט דערציילט ניסים וועגן דעם, אַז אין פּעטערבורג ווייזן זיך לעצטנס יונגעלייט, וואָס ריידן אַ גלענצענדיקן ליטעראַרישן יידיש. ער האָט דאָס דאָזיקע דערציילט דווקא אין העברעאיש און ער איז געווען מאָדנע צו הערן ווי מען רעדט אויף העברעאיש מיט באַוואונדערונג וועגן דעם, וואָס יונגעלייט ריידן שיין און ליטעראַריש יידיש! דער דאָזיקער דר. ש. אייזנשטאַט האָט גענומען אַרויסגעבן אַ זשורנאַל, וואָס האָט געהייסן „שחרית" און דאָרט האָבן זיך געדרוקט צום מערסטן די גאָר יונגע, וועלכע האָבן נישט געקענט צוקומען צו דעם „השילוח". די דאָזיקע, וואָס זייערע ווערק זיינען נישט אַריין אין „שחרית", האָבן

דעם גאַנצן זשורנאַל געמאַכט צו קליין געלט. .און ער איז טאַקע געווען קינדיש. דר. ש. אייזנשטאַט האָט זיך אויך געדרוקט אין „גוט מאָרגן" און ער האָט דאָרט געשריבן אַנדערש ווי די אַנדערע, זיין שפּראַך האָט נישט געהאַט אויף זיך דעם שטויב פון דער גאַס, ווי עס האָט געוויינלעך געהאַט די שפּראַך פון די מערסטע אַרטיקלען, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין „גוט מאָרגן". דר. אייזנשטאַט איז געווען אַ האַלבער יידישיסט און דערפאַר האָט ער אויף אונזער העלד געמאַכט אַן אינטימערן איינדרוק ווי א. מערעזשין, וואָס איז געווען העלדישער, אָבער עקסטרעמער אין זיין יידישיזם און פרעמדער. ער האָט אין אָדעם נישט געפונען קיין פּלאַץ פאַר זיך און ער איז אוועק קיין וואַרשע. אַ שטיק צייט האָט זיך יאַנקל ווידער געגעבן אַ כאַפּ צו צום לערנען דעם קורס פון דער גימנאַזיע און דאָס לערנען האָט זיך אַ רוק געטאָן פאָראויס. ער האָט אָנגעהויבן קלערן, אַז צום זומער וועט ער זיך שוין קענען נעמען קלערן וועגן עקזאַמענירן זיך. די מערסטע עקסטערנעס האָבן זיך דאָך עקזאַמענירט, עס איז נאָר אויסגעגאַנגען צו דער קעשענע. מען האָט געדאַרפט געבן אַביסל כּאַבאַר, אַז מע זאָל קענען צוקומען צום פּסוק. עס זיינען געווען גימנאַזיעס, וואו מען האָט גענומען געלט און מען האָט ערשט דערנאָך „געסרעזשעט" (דורכגעוואָרפן), ווייל מען איז אַ ייד. דעם בעסטן שם האָט דעמלט געהאַט אַ גימנאַזיע, וואָס איז געווען אַ קאַמענעץ פּאָדאָלסק, מען האָט דאָרט אי גענומען, אי וויניק, אי נישט „געסרעזשעט", אויב מען האָט געקענט. דאָס לערנען איז געגאַנגען גוט און דאָס שוועסטערקינד ציפּע איז געווען אַ גוטע חברטע און די צוקונפט האָט געשמייכלט. יאַנקל איז געוואָרן אַן אָפּטער גייער אין טעאַטער. ער האָט געקראָגן פאַרבינדונגען מיט פאַרשיידענע ציי־טונגען און ער האָט אַ סך מאָל באַקומען אומזיסטע בילעטן אין די טעאַטערס אריין און אַז ער האָט נישט געקראָגן, האָט ער זיך געקענט אַנידערשטעלן אויף שעהן לאַנג אין דער ריי און וואַרטן בכדי צו קויפן צוויי בילעטן פאַר זיך און פאַר ציפּען אויף דער סאַמע גאַלעריע. דער בילעטן פאַרקויף האָט זיך אָנגעהויבן אַרום אַכט אַזייגער אין דער פרי, אָדער נאָך שפּעטער, אָבער אין דער ריי האָט מען זיך געדאַרפט שטעלן פיר אַזייגער פאַרטאָג און אַמאָל נאָך פריער. אייניקע פלעגן זיך בייטן מיטן שטיין. איז אַ בחור אָפּגעשטאַנען עטלעכע שעה, איז דערנאָך געקומען אַ מיידל אים פאַרבייטן, אָדער פאַרקערט, אַמאָל פלעגן זיך בייטן יינגלעך מיט יינגלעך און מיידלעך מיט מיידלעך. עס זיינען אָפּט געשטאַנען אין „אָטשערעד" אויך אַלטע לייט. זען אַ פאָרשטעלונג איז ביי צענדליקער טויזנטער געווען אַזאַ חלום, אַז מען איז גרייט געווען זיך מוסר נפש זיין דערפאַר. אייניקע פלעגן שיעור נישט דערפרוירן ווערן, שטייענדיק אין דער ריי. עס זיינען דעמלט קיין אָדעס געקומען אויך אויסלענדישע טרופּעס, מען האָט געשפּילט אויף פראַנצויזיש און אויף דייטש. די קריטיקער האָבן אַלע געשריבן שטרענג און זעלטן ווען פאַר צען שלעכטע

ווערטער איז געקומען איין וואָרט אַ גוטס. יאַנקלען האָט אָנגעהויבן ציען צו שרייבן וועגן טעאַטער און דווקא וועגן יידיש. ער האָט געוואָלט רייסן שטי־קער פון די ספּעקטאַקלען, וואָס ער האָט דאָן געזען אין פּישאָנס טעאַ־טער. זיי זיינען געווען צופאָרענע, כאַאָטישע און ווילדע, אָבער ערגעץ עפּעס אַ חן האָט נישט געפעלט. און איינמאָל האָט דער רעדאַקטאָר אָפּגעדרוקט זיינע אַ שאַרפע רעצענזיע, וואָס האָט נאָר אָנגעוויזן אויף דעם שלעכטן און מיט גאָרנישט אָנגעדייטעט אויף דעם ביסל גוטן, וואָס איז דאָרט געווען און פון טעאַטער האָט מען געשיקט זאָגן, אַז מען וועט מער נישט גיבן קיין אַנאָנסן. דער באַלעבאָס פון „גוט מאָרגן" איז געווען אַ יונגער מאַן, וואָס האָט געהייסן חלפן און וואָס האָט געהאַט אַ זעלטן שיינע פרוי. חלפן פלעג אָפט בלייבן שפּעטער אין רעדאַקציע און ער פלעג בעטן איינעם פון די יינגלעך, וואָס האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט, אַז ער זאָל אָפּפירן זיין פרוי אַהיים און דאָס דאָזיקע יינגל אויף וועמען דער גורל איז געפאַלן, איז געווען אַ גליק־לעכער. פרוי חלפן פלעג דווקא וועלן, אַז מען זאָל זי נעמען אונטער דעם אָרעם און זי פלעג זיך אַזוי אָנשפּאַרן, אַז זי האָט מיט דער וואַרעמקייט פון איר קערפּער ווי אַריינגעזונגען אַ ליד. און עס איז גלאַט געווען שיין צו גיין מיט אַזאַ פרוי. מען איז דערהויבן געוואָרן ביי די מענער, וואָס האָבן אויף דעם גליקלעכן באַגלייטער געקוקט מיט אַזאַ קנאה, אַז ס'איז אַזש גוט גע־וואָרן אויף דעם הארצן. ווען יאַנקל האָט דעמלט אָנגעשריבן די בייזע רע־צענזיע, האָט חלפן געפרעגט ווער עס האָט דאָס געטאָן און ווען ער האָט זיך דערוואוסט ווער, האָט ער געשריגן צום מחבר, אַז זיין פוס זאָל דאָרט מער זיך נישט געפינען. חלפנס ווייב, וועלכע איז גראָד דעמלט געווען אין רעדאַק־ציע, האָט זיך געפּרואווט אָננעמען פאַר דעם באַליידיקטן, האָט צו איר דער מאַן אַ געשריי געטאָן „מאַלטשאַטי" (שווייגן!) און דערמיט האָט זיך עס געענדיקט. יאַנקל איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דעם גן עדן. ער האָט פון דעסט וועגן לחלוטין נישט געטראַכט, אַז ער האָט געמאַכט אַ פעלער און ער האָט אַריבערגעצווינגן דאָס שטריקל, נאָר ער האָט געקלערט, אַז ס'איז נישטאָ קיין פרייהייט צו שרייבן דעם אמת, ווייל די וועלט איז אַ פאַלשע. דאָך האָט דאָס לעבן ווייטער אויסגעזען שיין און זים און עס האָט זיך גע־גלוסט, אַז דאָס לעבן זאָל זיך אַזוי אייביק ציען. אָדעם האָט געגעבן טויזנטער מעגלעכקייטן צו לערנען, לייענען, גיין אין טעאַטער אַריין און זען די וועלט.

דער ווינטער האָט זיך גענומען רוקן טיפער און טיפער. עס זיינען גע קומען שנייען און פרעסט און זאַווערוכעס און וואָס מער זיי זיינען געקומען, אַלץ זיסער איז געוואָרן די שטוב, אין וועלכער עס איז שטענדיק געווען וואַ רעם; גאָר זים איז די שטוב געווען אין אָוונט, ווען מען איז ערגעץ געווען צו גאַסט און מען איז געזעסן אַרום אַ טיש, אָדער גאָר אַרום אַ ברענענדיקן קאַמין און מען האָט געזונגען אַ ליד און דיסקוטירט פאַרשיידענע פראַגן און

דערדציילט מעשהם און געלייענט דערציילונגען, אָדער לידער. עס האָט זיך נישט איין מאָל גערדאכט, אז עס איז נאָר געווענדט פון דעם, וואָס מען דיס־קוטירט און ווי אזוי מען וועט באשליסן, אזוי וועט עס זיין.

אין יענעם ווינטער האָט יאנקל געזען נאָך א יידישן שרייבער, וואָס ער האָט אמאָל געהאט א גרויסן נאָמען און דעמלט האָט ער שוין אָנגעהויבן צו ווערן פארגעסן. יצחק יואל ליניעצקי, דער מחבר פון „פוילישן יינגל" און פון א „וואָרעם אין כריין" איז עס געווען. עד האָט זיך דעמלט געדרוקט פון צייט צו צייט אין „גוט מאָרגן". צום מערסטן האָט ער געדרוקט לידער. געזאָגט האָט מען, אז די לידער טויגן נישט, אָבער מען דרוקט זיי אויס רחמנות און אויס דרך ארץ. איין ליד האָט געהייסן „בענקשאפט נאָך רעליגיע" און ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט אָט א די שורות:

גיט מיר די לירע, וואו איז זי וואו?
איך וויל אויף איר שפילן די אלטע מעלאָדיע...

און עס איז געווען אזוי מאָדנע צו לייענען א בענקשאפט נאָך רעליגיע פון דעם דאָזיקן, וואָס האָט געשעמט ווי איינער פון די גרעסטע אפיקורסים און וואָס פרומע יידן האָבן אויסגעשפיגן, ווען זיי האָבן געהערט זיין נאָמען. עס האָט זיך דאן באוויזן א פעליעטאָן אין „גוט מאָרגן" פון דעם אלטן העברעאישן שריפטשטעלער אלימלך וועקסלער, וואָס האָט דערציילט, אז ער איז געווען אין שול און ער האָט געהערט ווי ישעיהו האָט געזאָגט מוסר דעם עולם פון דער הפטרה ארוים און קיינער האָט נישט געהערט. י. י. ליניעצקי איז ארוים מיט אן ענטפער, אז ער האָט צוריק מיט א צייט אליין געזען, ווי דער זעלביקער שרייבער איז געזעסן מיט א גרופע ווייבער און ער האָט אפגע־שפאָט פון יידישקייט. עס איז אויסגעקומען, אז דער מחבר פון „פוילישן יינגל" נעמט זיך אָן פאַר יידישקייט. יאנקל האָט א פאָר מאָל געזען יצחק יואל ליניעצקי און ער האָט אים נישט געמאכט קיין סימפאטישן איינדרוק. כאָטש ער האָט געוואָלט קוקן מיט באגייסטערטע אויגן אויף דעם דאָזיקן שרייבער, וואָס איז ביז נישט לאנג געווען א לעגענדע, אי צום גוטן, אי צום שלעכטן. ער איז געגאנגען געפוצט און ער האָט זיך געהאלטן פעסט, אָבער די אויגן זיינען געווען ביי אים רויטע און ער האָט געמאכט אן איינדרוק פון א דרויסנדיק ריינעם און אינעווייניק אומריינעם. ער האָט אלעמאָל גערעדט וועגן מענדעלען און ער האָט געשיפּעט קעגן דעם, וואָס מען רופט אים זיידע און ער האָט געזאָגט, אז עס איז א נארישער שפיל און אז ער וועט נאָך אפשפעטן פון דעם גרויסן ליגן, וואָס הייסט מענדעלע מוכר ספרים, ער וועט נאָך דער־ווייזן, אז זיין יידיש איז קיין יידיש נישט, עס איז געצאצקעט און מיט פלי־טערלעך, נישט אזוי ווי דאָס פאָלק רעדט עס. און העברעאיש, האָט ער גע־שריגן, קען ער אויך נישט, כאָטש מען שרייט, אז ער האָט געשאפן דעם נייעם העברעאישן סיגנון (סטיל). מען רעדט וועגן אים, האָט אים גערונען אי פון

מויל אי פון די אויגן, גלייך ער וואָלט געווען דער ערשטער, וואָס האָט געשריבן זשאַרגאָן און העברעאיש... גראָד האָט מען דעמאָלט זיך גענומען גרייטן צו פייערן מענדעלע מוכר ספרימס פינף און זיבעציק יעריקן יובילײ און וואָס מער מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַלץ בייזער איז ליניעצקי געוואָרן און ער איז געווען אַזאַ איינזאַמער, אַז עס איז געווען אַ רחמנות אויף אים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז חוץ זיין שאָטן האָט ער קיינעם נישט לעבן זיך, בעת מענדעלע האָט געהאַט לעבן זיך אַפילו די דאָזיקע, וואָס זיינען קעגן אים.

דער ווינטער איז געוואָרן נאָך בייזער ווי ליניעצקי. יאַנקל האָט זייער אָפט נישט דערעסן און אויף דער גאַס האָט ער אויך געכאַפּט אַ ציטער אין זיין דינעם פּאַלטאַכל און מיט זיינע אויסגעריבענע קאַלאָשן. ער האָט אָנגעהויבן ליידן פון קאַפּווייטיק און נאָך מער פון קאָפּדרייעניש. ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַ דאָקטער, וואָס האָט ביי אים קיין געלט נישט גענומען און יענער האָט אים גוט באַטראַכט און ער האָט אים געהייסן אַהיימפאָרן צו דער מאַמען און זיך הייסן גיבן אַ סך עסן און איבערהויפּט אַ סך מילך און פּוטער און סמעטענע. אָבער אונזער העלד האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק און ער האָט ווייטער געפירט זיין אָרים לעבן און זיך אָנגעשטרענגט צו לערנען און צו לייענען און אָנצויאָגן דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט אין דער ישיבה און וואָס מער ער האָט געלערנט, אַלץ ווייניקער האָט ער פאַרשטאַנען. דאָס פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס, וואָס האָט אים געמוטשעט פון קינדווייז אָן, איז אים קלאָרער נישט געוואָרן. ער האָט אין העברעאיש געטראָפן אַ סך אַרטיקלען, וואָס האָבן באַרירט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם און ער האָט אויך געטראָפן העברעאישע ביכער, וואָס ריידן וועגן דעם. ספּעציעל האָט אים פאַראינטערעסירט הילל ציימלינס ווערק וועגן גוטס און שלעכטס און ער איז אַלץ געווען ווי איינער. וואָס טרינקט און טרינקט און ער בלייבט דאָך דורשטיק. אים איז קלאָר געוואָרן איין זאַך: אויב עס איז פאַראַן אַ פּערזענלעכער גאָט, וואָס האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער נישט געדאַרפט מאַכן אי גוטס, אי שלעכטס, נאָר ער האָט געדאַרפט מאַכן נאָר גוטס אַליין. דער ענטפער, וואָס ער האָט אומעטום געפונען אין די רעליגיעזע ספרים, אַז גאָט האָט אוממיסטן געמאַכט אַ יצר הרע, בכדי דער מענטש זאָל אים באַזיגן און דערפאַר קריגן מער שכר, האָט אים נישט באַפרידיקט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס דער מענטש זאָל שטענדיק מוזן פירן אַ מלחמה. ער האָט וואָס ווייטער, אַלץ מער אָנגעהויבן דענקען, אַז ס'איז נישטאָ קיין באַזונדער שלעכטס, נאָר גוטס און שלעכטס זיינען ביידע איינס און דאָס זעלביקע, וואָס איז אַמאָל גוט, קען אַן אַנדער מאָל זיין שלעכט און פאַרקערט. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם ביישפּיל פון אַ קאַלטן טרונק, וואָס דער רבי לייב פון דער ישיבה האָט געגעבן. איינעם דערקוויקט אַזאַ טרונק און ער גיט אים מוט און אַ צווייטן — דערהרגעט ער... קאַלט וואַסער קען איינעם

ראַטעווען און אַ צוווייטן דערהרגענען. ליבע קען זיין אַ גליק און זי קען זיין אַן אומגליק. די העברעאישע פילאָזאָפיע האָט אים געפירט צום שורש און ער האָט געכאַפּט אַ לייען אויף דייטש פּלאַטאָס „דיאַלאָגן” און משה מענדל־סאָנס „פעדאָן” און ער איז צוגעקומען צו שפּינאָזאָס „טעאָלאָגיש־פּאָליטישן טראַקטאַט”. ער האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ, ווען ער האָט געלייענט און ער האָט דאָס בוך נישט אוועקגעלייגט. ער איז געווען ברוגז אויף דער יידישקייט, וואָס איז לויט אָט דעם בוך, איין געדיכטער ליגן און ער איז גע־ווען ברוגז אויף שפּינאָזאָן. ער האָט שוין געהאַט געטראַכט די פּרייסטע גע־דאַנקען, אָבער ווען ער האָט געלייענט ביי שפּינאָזאָן, אַז גאָט קען זיך נישט באַווייזן, אַז דאָס שטיין אויף דעם באַרג סיני איז אַ ליגן און אַז די יידן זיי־נען געגעבן געוואָרן שלעכטע געזעצן און אַזעלכע דינים, וואָס לאָזן נישט לע־בן, האָט ער זיך געפילט מוראדיק אַנטוישט און ער האָט געוואָלט וויינען. ער האָט געפילט, אַז שפּינאָזאָ האָט נישט נאָר פיינט יידישקייט, נאָר אויך יידן האָט ער פיינט. און ער איז פון אים באַווירקט געוואָרן און ער האָט עפּעס ווי אָנגעהויבן פיינט האָבן אי יידן, אי יידישקייט, אָבער שפּינאָזאָן אַליין האָט ער אויך אָנגעהויבן פיינט צו האָבן, כאָטש ער איז אים פאַרגעקומען אַזאַ שטי־לער, עלנדער און אומגליקלעכער; ער טשעפּעט קיינעם נישט און קערט דאָך איבער וועלטן גאַנצע און כאָטש ער רעדט וועגן אַ גייסטיקער ליבע צו גאָט, רופט ער דאָך אַרויס אַ האַס צום יידישן גאָט און צום יידישן פאָלק. יאַנקל האָט שוין געוואוסט, אַז שפּינאָזאָ איז איינער פון די גרעסטע דענקער, וואָס די מענטשהייט האָט פאַרמאָגט, אָבער ווען ער האָט געוואָלט דערפילן דאָס גליק, וואָס זיין דענקען האָט געבראַכט די יידן, האָט ער דאָס נישט געקענט...

נישט גאָר היימיש איז אונזער העלד געווען אין ציוניסטישן קרייז „אם אין אני לי, מי לי” דאָך איז ער אהין געגאַנגען פון צייט צו צייט און מ'האָט אים דאָרט געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם. עס זיינען דאָרט פאַרגעקומען לעק־ציעס אויף ציוניסטישע טעמעס, וואָס האָבן אים יאָ און נישט אינטערעסירט. דער ציוניזם איז דעמלט געשטאַנען אויף אַ טויטן פּונקט. די דאָזיקע, וואָס ער האָט איבערגעצייגט, זיינען געווען גרייט, אָבער ער האָט זיי נישט געהאַט וואוהין צו רופן. האָט מען געזאַמלט קליין געלט און מען האָט געפּרואווט טאָן קולטור־אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען אין לערנען העברעאיש און אין ריידן וועגן ציוניזם און אַמאָל אויך וועגן ביאַליקן. אָדער אחד העמן. ליליענבלו־מען, וואָס איז געווען אונזער העלדס העלד, האָט מען כמעט נישט דערמאָנט.

דער סעקרעטאַר פון „אם אין אני לי, מי לי” האָט געמאָלדן, אַז פון אויסלאַנד איז געקומען די באַוואוסטע ציוניסטישע טוערין סאָפיאַ זוועניגאָ־ראָדסקאַיאַ, זי איז קראַנק, אָבער זי וועט האַלטן אַ רעפעראַט ליגנדיק אין בעט און די אַקטיווע מיטגלידער קענען גיין הערן. יאַנקל איז אויך געגאַנגען. ער איז אָנגעקומען אין אָוונט, ווען דאָס צימער, וואו די רעדנערין איז גע־

ליגן, איז שוין געווען איבערפולט און מען איז שוין געשטאַנען אין קאָרידאָר. עס איז געווען אַ רירנדיק בילד. אין אַ בעט מיט אַ ווייסן איבערציַ אַזוי ווי שניי איז געליגן אַ סקעלעט פון אַ פרוי מיט אַ גרין טונקל פּנים, וואָס איז געווען אַ קינדיש, אַ אַלט. ס'איז געווען שיין דאָס פּנים, אָבער עס האָט אויסגעדרוקט אַזויפיל ווייטיק, אַז ס'איז געווען שווער צו קוקן אויף דעם. און אויגן האָט דאָס פּנים געהאַט, זיינען זיי געווען גרויס און שוואַרץ און קײַלעכדיק און ברענענדיק און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי פאַרנעמען מער וויפל דאָס גאַנצע פּנים. די אויגן האָבן גערעדט און געלאַכט און געוויינט און געמאָנט און געוואָלט געבן. יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל ביז דעמלט נישט געזען אַזעלכע אויגן. און מען האָט באַלד דערציילט די ביאָגראַפיע פון דער דאָזיקער פרוי. איר מאַן איז געווען אַן אַנגעזעענער דאָקטער ערגעץ לעבן באַרקאָוו. ער איז נישט געווען קיין גרויסער אַנהענגער פון ציוניזם און נישט קיין קעגנער. ער האָט אָבער געוואָלט, אַז זיין פרוי זאָל זיין אַ באַלעבאָסטע, אַ מאַמע און זי האָט געוואָלט זיין אַ טוערין און אַ רעדנערין. זי איז אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד צו אַ קאָנגרעס און האָט געלאָזט אין דער היים אַ קליין קינד פון אַ פּאָר יאָר און אין איר אָפּוועזנהייט האָט דאָס קינד איבערגעקערט אויף זיך אַ זידיקן סאַמאָוואַר און איז געשטאָרבן. עס האָט געקענט פּאַסירן אויך אין איר אַנוועזנהייט, אָבער דער מאַן האָט די גאַנצע שולד געוואָרפן אויף איר און ער האָט מער נישט געוואָלט מיט איר לעבן. זי איז אַוועק פון דעם קאָנגרעס קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואו עס איז געזעסן אַ ציוניסטישער פאָרשטייער און געוואָלט אויסווירקן אַ טשאַרטער. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט אָפּהאַלטן אַ דיפּלאָמאַטישן זיג. אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָט זי זיך אָנגעטראָפן מיט יידישע פרויען־הענדלער און זי האָט גענומען פירן מיט זיי אַ קאַמף. זי האָט עטלעכע קרבנות אַרויסגעריסן פון זייערע נעגל. זי האָט גענומען גרינדן אַן אינטערנאַציאָנאַלע פרויען־אָרגאַניזאַציע צו קעמפן קעגן פרויען־האַנדל. די שאַבשאָוויטשעס האָבן באַשלאָסן זי אָפּצורוימען און מען האָט זי געפּאַקט ערגעץ הינטער דער שטאָט און אַזוי צעקלאַפּט, אַז זי איז געוואָרן אַן אינוואַליד. עס איז אין איר געבליבן דער טעמפּעראַמענט, די היסטעריע און די אויגן, קיין קערפּער האָט זי שוין כמעט גאָרנישט געהאַט. אַלע אָנגעזעענע ציוניסטן פון אָדעס זיינען זי געקומען זען. אפילו אוסישקין איז זי געקומען זען, כאָטש זי האָט מיט אים נישט געהאַט קיין גוט לעבן און זי האָט זיך שטענדיק געקריגט. זי האָט געזאָגט, אַז „אוסישקין קען נישט לאָגיש דענקען". און ער האָט געזאָגט, אַז זי איז „אַ טרוימערין אָן דעם קלענסטן פּראַקטישן חוש."

מען האָט געדאַרפט חברים, וואָס זאָלן זיצן מיט סאָפיאַ זוועניגאָראָדסקאַיאַ אַ גאַנצן טאָג, ווייל מען האָט זי מורא געהאַט צו לאָזן אַליין. יאַנקל האָט נישט געהאַט קיין פּאָסטן און ער האָט געהאַט גענוג צייט און ער איז

געזעסן שעהן לאַנג אין משך פון עטלעכע טעג לעבן דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פרוי. זי האָט נאָך לחלוטין נישט פאַרגעסן, אַז זי איז אַ פרוי, כאָטש דער טויט האָט שוין אויף איר געלויערט. זי פלעג יאַנקלען ווייזן אירע בילדער פון צוריק מיט אַ יאָר און צוויי. זי איז אויף יענע בילדער געווען זעלטן שיין און זי האָט געהאַט אַ העלדיש אויסזען. זי האָט געהאַט בילדער, אין וועלכע זי איז געווען געקליידט ווי אַ קורטיזאַנקע און איז געפאָרן רייטנדיק. זי האָט זיך באַרימט, אַז זי האָט געקענט באַהערשן דאָס ווילדסטע אַראַבישע פערד. זי האָט נישט אויפגעהערט פרעגן, צי עמיצער וואָלט זיך געגלויבט, אַז זי איז די זעלביקע פון דעם בילד — אַ העלדין און אַ צעבראָכענער טשערעפּ... זי האָט גערעדט אַ זעלטן שיינעם רוסיש און האָט ליב געהאַט ציטירן פון ליטעראַטור. זי האָט געזען גרויסע וויזיעס, איינע פאַנטאַסטישער פון דער צווייטער, אַלע זיינען זיי געווען וועגן ארץ ישראל און וועגן אַ יידיש לעבן דאָרט, אַ יידיש לעבן, וואָס זאָל זיין ענלעך צום לעבן פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט. זי האָט אַביסל דעקלאַמירט און אַביסל געזונגען ביים ריידן און עס איז געווען שיין זי צו הערן, כאָטש אָפט האָט זיך גערדאַכט, אַז אַ קינד פּלאַפּלט, אָדער אַ גרויסער מענטש רעדט פון היץ... זי האָט געליטן מוראדיקע ווייטיקן און איר פנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי די לופט אין בית השמשות, האָט אומגעהויער געציטערט. אַלע פערטל שעה פלעג זי זיך מאַכן אַן אינזשעקציע און יאַנקל האָט געדאַרפט אַרויסגיין אין קאָרידאָר אַריין. אַליין האָט זי זיך געמאַכט די אינזשעקציעס און זי פלעג בעת מעשה מוראדיק וויינען. איר יאָמערן האָט פשוט געשניטן ביים הארצן. זי האָט פון דעסט וועגן אַליין נישט געוואוסט, אַז זי יאָמערט בעת דעם מאַכן די איינשפריצונג. יאַנקל האָט זי געפרעגט, צי עס טוט איר וויי, האָט זי געענטפערט, אַז ניין, האָט ער זי געפרעגט פאַרוואָס זשע וויינט זי; האָט זי געקוקט מיט די גרויסע אויגן און געענטפערט, אַז זי וויינט נישט... זי האָט געזאָגט, אַז זי פאָרט איצטער צום מאַן, וועט ער זיך וועלן איבערבעטן מיט איר, וועט זי לעבן, אַנישט וועט זי שטאַרבן. זי האָט אָפט גערעדט וועגן יידיש און זי האָט געזאָגט, אַז כאָטש זי קען נישט גענוג די דאָזיקע שפּראַך, האָט זי זי ליב, אָבער זי פילט, אַז זי דאַרף אוועקגיין. מען האָט אַמאָל, האָט זי געזאָגט, אַן אַלטע באָבע, מען האָט זי שטאַרק ליב, אָבער זי האָט שוין קיין כוח נישט צו לעבן און אויס ליבע צו איר וויל מען, אַז זי זאָל שטאַרבן. זי האָט, ווי זשאַבאָטינסקי, געזאָגט, אַז די צאַרטסטע ווערטער אין יידיש שטאַמען פון העברעאיש. „נעבעך" איז פאַר איר געווען אַ העברעאיש וואָרט. יאַנקל האָט איר געפּרואווט זאָגן, אַז יידיש איז נישט אַזאַ אַלטע באָבע, זאָל זי אַ פאָר טאָן אין די בעסאַראַבישע שטעטלעך, וועט זי זען, וואָס פאַר אַ געזונטע מויד יידיש איז, אָבער זי האָט זיך געהאַלטן ביי אירס און האָט געוואָרפן מיט דעם גאַנצן קערפּער און געציטערט און געזאָגט: „אַן אַלטע באַ־

בע, וואָס דאַרף שטאַרבן...״ יאַנקלען האָט ווי געטאָן פון איר ריידן, אָבער עס איז געווען אַזוי אויפריכטיק, אַז ס׳האָט זיך איר געגלוסט צו הערן און הערן. אָפט האָבן זיך אין אירע גרויסע אויגן באַוויזן טרערן און אירע ווערטער האָבן אויך געציטערט ווי טרערן. איינמאָל האָט זי יאַנקלען אָנגענומען ביי דער האַנט און ער האָט געפילט ווי אַלץ אין איר איז קאָנוואולסיע און זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל נישט ברוגז זיין, וואָס זי וועט אים פרעגן, ווייל זי קוקט אויף אים ווי אויף אַן אייגענעם ברודער און ווי אויף אַן אידען־קאָלעגע. זאָל ער איר זאָגן אויפריכטיק: צי קען זי נאָך געפעלן אַ מאַן. אונזער העלד איז געוואָרן זייער צעדרודערט און זי האָט געפילט זיין צעמישונג און זי האָט אים געזאָגט, אַז זי מיינט עס נישט אַנטקעגן אים, זי מיינט עס אַנטקעגן איר מאַן. ער האָט אַ היפשע צייט איר נישט געקענט ענטפערן, דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז זי האָט די שענסטע אויגן פון אַלע פרויען, וואָס ער האָט ביז איצטער געזען. זי האָט אַ נערוועזע געזאָגט: „אויגן, אויגן... אַ פרוי דאַרף אַ שיינעם קערפּער...״ און זי האָט דערציילט, אַז זי איז אַמאָל געווען אין דייטשלאַנד אויף אַ ציוניסטישן באַל, איז זי דאָרט אַרומגעגאַנגען מיט אירער אַ חברטע, אַ קורסיסטקע, אַ זייער געלערנטע און אינטעליגענטע און אַ זייער שיינע. האָט אַ פריינד זיי דאָרט פאַרגעשטעלט ביידע פאַר איינעם אַ באַוואוסטן ציוניסטישן פירער, האָט ער געזאָגט וועגן דער חברטע „שיינער גייסט״ און וועגן איר האָט ער געזאָגט „שיין ווייב״, איז זי רויט געוואָרן און זי האָט זיך געשעמט און אפילו געפילט באַליידיקט, היינט וואָלט זי אוועקגעגעבן אַ האַלב לעבן, אַז זי זאָל הערן דאָס דאָזיקע וואָרט וועגן זיך... שיין ווייב... אַ גרויסע זאַך... דער הויפּט־דראַנג פון לעבן...

סאָפיא זוועניגאָראָדסקאַיאַ האָט געדאַרפט אוועקפאָרן און עמיצער האָט זי געדאַרפט באַגלייטן אין באַן. די ערשטע צייט האָט מען גערעדט, אַז עס זאָל זיין יאַנקל און ער האָט שוין געחלומט וועגן דער רייזע, אָבער דערנאָך איז אונטערגעקומען אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט זיך אָנגעבאָטן צו באַגלייטן זי נאָר פאַר די הוצאות. יאַנקלען האָט באַנק געטאָן און ווען די קראַנקע פרוי איז אוועקגעפאָרן, איז ער לאַנג געווען צעדרודערט און זי האָט אים געפעלט וואו ער איז געגאַנגען און געשטאַנען; ער האָט אומעטום געזען אירע גרויסע אויגן, וואָס האָבן אים געשניטן, געשטאָכן, געברענט און געגלעט און ער האָט אומעטום געהערט איר געיאָמער בעת זי האָט זיך געמאַכט די איינשפּריצונגען. ער האָט נישט אויפגעהערט טראַכטן וועגן דעם, וואָס זי האָט אים געפרעגט, צי זי קען נאָך געפעלן אַ מאַן און ער האָט אַלץ געוואָלט פאַרשטיין, צי האָט זי טאַקע געמיינט איר אייגענעם מאַן דערמיט... אין אַ קורץ שטיקל צייט אַרום איז געווען אַ קליינער נעקראָלאָג אין דער רוסיש־ציוניסטישער צייטונג „ראַזסוויעט״, אַז סאָפיא זוועניגאָראָדסקאַיאַ איז געשטאָרבן. עס האָט זיך געזאָגט וועגן איר, אַז זי איז געווען אַ פאַנטאַסטישע טרוימערין

און — נישט מער... ס׳איז עפּעס געווען ווייניק פּאַר אַ מענטשן, וואָס איז ערשט געווען לעבעדיק. יאַנקל האָט דעמלט דערפילט, אַז שטאַרבן איז אַ טראַגעדיע. ביאַליקס שיר „אחרי מותי" (נאָך מיין טויט) האָט אים נישט אויפגעהערט קלינגען אין די אויערן, איבערהויפּט האָבן אים געקלונגען די ווערטער: „היה איש וראו ואיננו עוד" — געווען אַ מענטש און זעט — נישטאָ מער... עפּעס אַזוי גאַרנישט געוואָרן פון אַזויפיל פאַנטאַזיע און פון אַזעלכע אויגן...

און דערווייל האָט מען אָנגעהויבן פייערן אין אַדעם מענדעלעס פינף און זיבעציק יעריקן יובילײ. אין די העברעאיסטישע קרייזן האָט מען דעם דאָזיקן יום טוב יאָ און נישט געפייערט. אַזאַ העפט ווי דער „השילוח" האָט אַרויסגעגעבן צוליב אחד העמן, האָט ער צוליב מענדעלען נישט אַרויסגעגעבן, אָבער אין דער חברה „חובבי שפת עבר" האָט מען דאָך געהאַלטן רעפעראַטן וועגן מענדעלען. אין ציוניסטישן יוגנט קרייז „אם אין אני לי, מי לי" האָט מען אויך געהאַלטן רעפעראַטן. ביאַליק האָט אויף דעם יובילײ פון „זיידן" געטאַנצט אין גאַנצן ווי אַן אייגענער. ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל „יוצרי הנוסח" (די באַשאַפער פון נוסח), וואָס האָט דערנאָך געהייסן אויף יידיש „מענדעלעס נוסח", האָט דאָס מער באַזונגען דעם זיידן, ווי ער האָט אין זיין ליד „המורה" (לערער) באַזונגען אחד העמן. זשאַבאָטינסקין האָט מען אין ערגעץ נישט געזען אויף קיין מענדעלע-פייערונג. אויך קלויזנערן און אוסישקינען האָט מען נישט געזען. אוסישקין איז געווען אש להבה אויף דעם זיידן. געהייסן האָט עס, אַז ס׳איז דערפאַר, ווייל ער האָט נישט איבערגעריסן די באַציאונגען מיט זיין געשמדטן זון, אָבער אַ גרויסן חלק האָט אין דעם אויך געהאַט דער „זשאַרגאָניזם" זיינער. אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן פילן דעם יובילײ פון דעם עלטסטן יידישן שרייבער. אויך אין דער רוסישער פרעסע זיינען דערשינען אייניקע אַרטיקלען וועגן אים. צוויי גרויסע פייערונגען האָבן געמאַכט אַ רושם — אַ באַנקעט און אַ יום טוב אין יידישן טעאַטער. דער באַנקעט איז געווען ערגעץ אין אַ גרויסן זאַל. יאַנקלען איז געלונגען צו זיין איינער פון די „ראַספּאַריאַדיטעליעס" (אָרדנונג-האַלטער) און ער האָט אַ פּאָר רעדעס געקענט הערן. דעם גרעסטן איינדרוק האָט געמאַכט דער רוסיש-יידישער דיכטער ש. פרוג, וואָס איז שוין דעמלט געווען גרויליק און ער האָט אויסגעזען מיד. ער האָט גערעדט יידיש און ער האָט דערמיט אַליין געוואונען דעם עולם. ער האָט געזאָגט, אַז די אַלע, וואָס שרייבן היינט „זשאַרגאָן", פאָרן שוין אויף אַן אויסגעשלאָגענעם וועג, אָבער ווען מענדעלע האָט זיך באַוויזן, איז נאָך קיין זכר פון קיין וועג נישט געווען און ער האָט מיט זיין קליאַטשע דורכגעשלאָגן אַ וועג און ער האָט געענדיקט: „און אַט אַ דאָס, זיידעניו, וועלן מיר דיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן". אַ רושם האָט אויך

געמאַכט דער אַלטער יידישער אַקטיאָר אברהם פישזאָן, וואָס האָט גערעדט טעאַטראַליש און ער האָט געזאָגט, אַז אויב אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם זיידן, וועט ער ריידן וועגן דער באָבען, ווייל ווען נישט זי, וואָלט דער זיידע נישט געקענט אָנשרייבן די אַלע ווערק. ווען זי וואָלט געוווען פאַרפלעקט זיי־נע פאַפּירן מיט טינט און זיי צעריסן, וואָלט פון זיידנס ווערק גאָרנישט גע־בליבן. יאַנקלען האָט זיך אין משך פון זיין לעבן געדאַכט, אַז ער הערט אַ סך מאָל איבערחזרן די צוויי רעדעס, וואָס ש. פרוג און א. פישזאָן האָבן דעמלט געהאַלטן און אַז אַלע יידישע באַנקעטן, וואָס ער האָט אין זיין לעבן ביייגעוואוינט, שטאַמען פון יענעם באַנקעט.

די צווייטע פייערונג איז פאָרגעקומען טאַקע אין א. פישזאָנס טעאַטער. אָבער ווי אַנדערש ער האָט דעמלט אויסגעזען פון דעם, ווי ער האָט אויסגעזען אַלע טאָג ר׳איז געווען אויסגעפּוצטער און ס׳זיינען אין אים געווען אַנדערע מענטשן און ס׳האָט געהערשט אַ וואַרימקייט. אַ דיסציפּלין. עטלעכע שוישפּי־לער האָבן געזונגען און דער עולם האָט איינגעלייגט וועלטן און נישט אויפגע־הערט שרייען „בים״. דער אַלטער פישזאָן, וואָס האָט שוין דעמלט זייער זעלטן געשפּילט, האָט געזונגען אַ ליד וועגן דרייערליי יידן און וואָס האָט זיך גע־ענדיקט מיט די ווערטער „דאָס איז אַ ייד, אַן אמתער ייד״. ער האָט זינ־גענדיק זיך אַריבערגעבויגן צו דער לאָזשע. וואו מענדעלע איז געזעסן און ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם זיידן. דער עולם האָט זיך אויפגעהויבן און ער האָט געשטורעמט פאַר אָוואַציעס. וויערא זאַסלאַווסקי האָט געזונגען זיסלעכע רע־ליגיעז־נאַציאָנאַליסטישע לידער. וואָס האָבן זיך נישט געפּאַסט צו יענעם אָוונט, אָבער זי האָט זיי געזונגען געצוימט און זי האָט געהאַט דעם שבתדיקן חן, וואָס עס פלעג אום שבת האָבן יעדע יידענע. מען האָט איר אַ סך מאָל ביסירט און זי האָט געזאָגט, אַז צוליב דעם זיידעניו וועט זי זינגען אפילו ביז אין ווייסן טאָג אַריין און זי האָט דערמיט אַרויסגערופן שטורמישע אָוואַ־ציעס. אין דער צייט פון די פּויזעס האָבן יונגע חברה אַלעמאָל אָוואַציאָנירט אַן אַנדער יידישן שרייבער. מען האָט דערקענט מרדכי ספּעקטאָר — אַ גע־פּאַקט יידל מיט לאַכנדיקע אויגן, וואָס האָט זיך אָנגעשטרענגט צו האַלטן וואַזשנע און האָט דאָך אויסגעזען נאָר ווי אַ פאָלקס־מענטש און מען האָט פריער ביי אים אַליין געפרעגט, צי ער איז דער מחבר פון „יידישן מוזשיק״ און דערנאָך האָט מען אים געמאַכט אַן אָוואַציע. ער האָט זיך גאָרנישט גע־קענט אָפּוואונדערן דערפון, וואָס אין אַדעס זיינען אויך דאָ יונגעלייט, וואָס האָבן געלייענט די עטלעכע קאַפּיטלען פון זיין אָנגעהויבענעם ראָמאַן „דער בעל שם טוב״. ווען יאַנקל האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט אים נישט געענדיקט, האָט ער געענטפערט, אַז אויב עס געפינען זיך לייענער, וואָס ווילן טאַקע וויסן דעם סוף, וועט ער אים נאָך ענדיקן... צום שלום איז די גאַנצע יוגנט צו צו דעם יוביליאַר און זי האָט אַ געשריי געטאָן: „זיידע,

לערן אונז!" מענדלע האט זיך אויפגעהויבן און ער איז געווען אויסגעשטרעקט ווי א סטרונע, די שארפע אויגן האבן ביי אים געשמייכלט און ער האט גע־זאגט: „אז איר וועט מיך פאלגן, וועל איך אייך לערנען!" עמיצער האט א גע־שריי געטאן: „נעשה ונשמע!" און אלע זיינען דערפון באגייסטערט געווארן און זיי האבן נאכגעשריגן. דער זיידע האט אנגעהויבן ריידן און ער האט בא־וויזן צו זאגן, אז ס'איז נישט ריכטיק, מען דארף פריער הערן און דערנאך פאלגן. דערווייל איז צוגעקומען דער „אקאלאדאטשניק" (דיסטריקט פאלי־ציסט), וואס האט געהאלטן וואך און ער האט גענומען שרייען מיט א מיאו־סער, הייזעריקער און דרינגדזשנדיקער שטימע „ניעקאקיך דעמאנסטראציאי!" (קיין שום דעמאנסטראציעס נישט) „ניע דאפוסקאיעטסיא!" (ס'איז נישט דערלויבט!). די יונגע חברה איז גרייט געווען זיך א לאז טאן צום „אקאלא־דאטשניק", אבער מענדעלע, וואס האט קענטיק, נישט ליב געהאט צו טאן מיט פאליציי, איז אוועקגעגאנגען. עס קען זיין, אז ווען מען קויפט אונטער דעם פאליציימאן מיט דעם מוראדיק גראבן בויך, וואלט ער דעם זיידן יא דערלויבט צו ריידן. ביי אלע יונגעלייט איז פארבליבן א פארדרוס און עס האט זיך געדאכט, אז מען האט ביי זיי צוגערובט א גרויסע אנטפלעקונג... דאך איז פארבליבן א שיין אין דער נשמה! עס האט יאנקלען דערמאנט אין שיין, וואס דער בוהושער רבי האט אמאל געבראכט. די נישט געהאלטענע רעדע פון זיידן האט קיינמאל נישט אויפגעהערט צו וועקן די פאנטאזיע. יאנקל האט זיך דערמאנט א מעשה וועגן בעל שם, וואס חסידים האבן דער־ציילט. א ייד, האבן זיי דערציילט, איז אמאל נאכגעלאפן דעם בעל שם און אים געוואלט גיבן שלום און דער בעל שם איז געפארן מיטן וואגן. דער ייד האט שוין געהאט דעריאגט דעם וואגן און ער האט שוין געשטרעקט די האנט, אבער אין לעצטן מאמענט האט דער רבי געהייסן אלעקסען גיכער טרייבן די פערד און דער ייד איז געבליבן מיט דער אויסגעשטרעקטער האנט. האבן די חסידים געפרעגט דעם רבין פארוואס ער האט עס געטאן, האט ער געענט־פערט: ציט א יידן צום רבין, צום ניצוץ ציט, צום גוטן, גרויסן און דערהוי־בענעם, גיט ער אפ שלום, האט ער זיך געשטילט דעם דורשט, האט ער אבער נישט געגעבן קיין שלום, וועט ער בענקען און עס וועט אים ציען און ציען... פון מענדעלעס נישט געהאלטענער רעדע איז געבליבן אזא נישט געשטילטע בענקשאפט און א שטיק אייביקער יום טוב אין דער נשמה. עס קען זיין, אז ער וואלט אנגעוויזן דעם וועג, וואס א יונגער ייד דארף זיך אויסקלויבן...

עס איז דערנאך געווארן וואכעדיק און א שטיק יום טובדיקייט איז דאך געבליבן. יאסיף פעלדמאן איז ערגעץ אוועקגעפארן אויף א קאנדיציע און יאנקל איז געבליבן אליין. א סך עקסטערנעס זיינען זיך צעפארן און אים איז שווער געווען צו קריגן א קאלעגע צו א צימער. אין רעסטאראן ביים קרומען קאפלאן איז געווארן שיטערער. יאנקל האט אוועקגענומען די האנט פון האר־

צן און ער איז געגאַנגען אָפטער עסן אויף באַרג אין דעם דאַזיקן רעסטאָראַן און אַזוי ווי דאָרט איז געווען צו פאַרדינגען אַ האַלב צימער, האָט ער זיך אַהין אַריינגעצויגן און זיך באַדינגען אין איינעם מיט קעסט, האָפּנדיק, אַז ער וועט באַקומען נייע לעקציעס. ער האָט זיי אָבער נישט באַקומען און ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן. ער האָט זיך איצטער געפילט זאַטער־הייט ערגער ווי פריער הונגעריקערהייט. ער האָט פאַר ערגערניש נישט גע־קענט לערנען און ער איז אַרומגעגאַנגען גאַנצע טעג איבער דער שטאָט און איז אַהיימגעקומען שפּעט ביינאַכט. ער איז אַפילו נישט געקומען עסן. און ווען די באַלעבאַטים האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט געקומען עסן, האָט ער דערציילט, אַז ער איז איינגעלאַדן. ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געפילט דעם טעם פון זיין שולדיק און נישט האָבן קיין שום אויסזיכטן צו קענען באַצאָלן. ער האָט געהאַט אַזעלכע פינצטערע געדאַנקען אין מוח, אַז ער האָט גענומען טראַכטן וועגן זעלבסטמאָרד. און די צייט איז געגאַנגען און דער חוב האָט געוואַקסן. ער פלעג אַ סך מאָל אַוועקגיין צו די שוועסטערקינדער בעטיאַ און ציפּע און זיצן ביי זיי און נישט אויסזאָגן, אַז ער האָט אַפילו קיין גלאָז טיי אין מויל נישט געהאַט און ער האָט קינדיש און זיס געפלירטעוועט מיט ציפּען און זיך פאַרגעסן אין אַלעמען. ער האָט ציפּען געקושט בעטיאַן אין די אויגן און זי האָט די ערשטע צייט דאָס אויפ־גענומען מיט אַ שמייכל, אַזוי ווי אַן עלטערע שוועסטער און דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן ווערן נערוועז דערפון און זי האָט גענומען שרייען, אַז ליבע טאָר נישט זיין אַזוי פראָסט, זי דאַרף זיין מיט מער גייסט. יאַנקל מיט ציפּען פלעגן פון אַזאַ מוסר זיך פאַרשעמען אַזוי ווי קליינע קינדער און אַראָפּלאָזן די קעפּ און שווייגן.

די באַלעבאַטים פון אונזער העלד האָבן געפּאַקט דעם אַדרעס פון זיין טאַטן און זיי האָבן אים אַוועקגעשיקט אַ בריוו וועגן זיין זונס לאַגע. זיי האָבן, ווייזט אויס, געגנוי אויסגערעכנט וויפל זיי וועט קומען ביז עס וועט אָנקומען ענטפער און דער טאַטע האָט צוגעשיקט די דאָזיקע סומע אין איינעם מיט דער סומע, וואָס עס איז נויטיק צוריק צו קומען און האָט אים געשריבן, אַז ער זאָל באַלד אַהיימקומען, ווייל שפּעטער וועט ער זיין נאָך מער שולדיק. פאַר יאַנקלען איז דאָס געווען אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַריין, אַ דערלייזונג און ער האָט גענומען זיין נישט גרויס פּעקל, און ער האָט זיך אַ טרויעריקער גע־זעגנט מיט אַדעס און מיט ציפּען און ער האָט ביידע צוגעזאָגט אייביקע ליבע און ער איז געפאָרן אַהיים. די שיפן זיינען שוין דעמלט נישט געגאַנגען, ווייל דער טייך איז שוין געווען געפרוירן און ער האָט געדאַרפט פאָרן אַרום און אַרום. אים איז אויסגעקומען דורכצופאָרן נישט ווייט פון זיין שוועסטערס היים פּעטראָווקע און אים האָט זיך זייער שטאַרק געגלוסט דאָרטן אַראָפּצו־

גיין, אָבער ער האָט געיאָגט אַהיים צו די עלטערן, וואו ער האָט זיך געפילט פון שטענדיק אַן בעסער און ערגער ווי אומעטום...

און דעמלט האָט פּאַסירט מיט אונזער העלד אַ געשעעניש, וואָס האָט אים אַ האַלב לעבן גערודערט. ער האָט דערנאָך יענע געשעעניש גערופן „דער פּראַלאַג". קיין קיליע האָט מען געמוזט פאָרן דורך באַלגראַד. מען איז אָנגעקומען קיין טראַיאַנאָוו וואָל מיט דער באַן, פון דאָרט איז מען געפאָרן קיין באַלגראַד מיט אַ דראָשקע און ערשט דערנאָך האָט מען גדונגען אַ וואָגן קיין קיליע. דער צוג איז אָנגעקומען אויף דער סטאַנציע איינס אַזייגער ביינאַכט. ביז מען איז אָנגעקומען אין שטעטל אריין איז שוין געווען נאָך צוויי. געווען איז אין שטעטל איין מין האָטעל. אָנגעקומען זיינען אַ סך פּאַסאַזשירן און עס איז געווען זייער ענג, עס איז קיין פּלאַץ נישט געווען. מען איז געגאַנגען שלאָפן צו זיבן און אַכט מענטשן אין אַ קליין צימערל; מען איז געשלאָפן צו צוויי אין אַ קליין בעטל. און דערצו איז נאָך געווען אַ פרוי אין דער מיט. איין פרוי. אַ נישט קיין מיאוסע יונגע פרוי. זי איז געווען אַ קיליער שנור, געשטאַמט האָט זי אַליין פון קעשענעוו און זי האָט גערעדט רוסיש און זיך געהאַלטן ווי אַן אינטעליגענטקע. יאַנקל האָט זי קיינמאָל נישט געזען, אָבער איר מאַן האָט ער געקענט. אַ פּלאַכע יונגערמאַן, אָבער אַ רייכער שניטקרעמער. זיי זיינען שוין געווען חתונה געהאַט אריבער צוויי יאָר און זיי האָבן קיין קינדער נישט געהאַט. געזאָגט האָט מען, אַז ער איז שולדיק. ווען אַ פּאָרל האָט אין קיליע נישט געהאַט קיין קינדער, האָט די גאַנצע שטאָט געוואוסט ווער עס איז שולדיק. מען האָט די פרוי געמוזט לייגן אַליין אין אַ צימער. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ שוועסטערקינד אין באַלגראַד און ער וועט גיין צו אים שלאָפן און ער איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער ער האָט דאָרט שוין געטראָפן פאַרהאַקט טיר און טויער און ווען ער האָט געפּרוּווט צוקומען צום טויער האָט אַ הונט אויפגעהויבן אַ מוראדיק בילן. ער איז צוריקגעגאַנגען אין דער אַכסניה אריין און דער באַלעבאָס האָט נישט געוואוסט וואָס צו טאָן. דאָס איינציקע פּלאַץ איז געווען אין צימער פון דער איינציקער פרוי. דער באַלעבאָס האָט געזאָגט, אַז ער וועט אַנידערשטעלן אַ שפּאַניער ווענטל, אויב זי וועט דערלויבן. זי האָט דערלויבט. פינצטער איז באַלד געוואָרן אומעטום און עס האָט זיך באַלד געדאַכט, אַז גאָט אַליין שלאָפט. און די פרוי האָט גאָר גיך אַ ציטערנדיקע מיט אַ הייסן אָטעם זיך צוגעשלייכט צו יאַנקלס בעט און אים גערופן צו זיך. די נאַכט איז געווען אי מוראדיק לאַנג, אי מוראדיק קורץ און ביידע האָבן זיי זיך געשראָקן פאַר דעם טאָג און אַרויסגעקוקט אויף אים. זיי זיינען געווען צוויי פרעמדע מענטשן. זיי האָבן אין צוג אפשר דריי מאָל געביטן פראַזן צווישן זיך און דאָ איז שוין פאָרגעקומען צווישן זיי דאָס אינטימסטע, וואָס עס קאָן זיין צווישן מאַן און ווייב. זי האָט אים אריינגעשעפּטשעט אין אויער אריין, אַז אין די אריבער צוויי יאָר זייט זי האָט חתונה

געהאט, איז זי מיט איר אייגענעם מאן נישט געווען אזוי אינטים, ווי זי איז געווען מיט אים, דעם פרעמדן יינגל. וואס דער גורל האט זי צונויפגעפירט מיט אים; זי האט שטילערהייט געוויינט און געלאכט און געבעטן, אז ער זאל זי נישט אומגליקלעך מאכן און שווייגן. זי האט אים געזאגט, אז זי פילט א שרעקלעך געפיל, וואס מאכט זי גליקלעך. זי איז זיכער, אז זי איז שוואנגער געווארן און זי וועט ווערן א מאמע און זי האט געוויינט און זיך געפרייט און ער האט איר געקושט די פיס. זי האט אים געבעטן, אז ער זאל קיינמאל נישט קוקן אין איר זייט אריין, ווען ער וועט זי זען אין קיליע און אויב ער וועט הערן, אז זי האט א קינד, זאל ער דאס איר אין גאנצן אוועקשיינקען. אז ער וועט נאר א קוק טאן אויף איר, וועט זי זיך פארלירן און וועט רויט ווערן און פארלירן דאס גלייכגעוויכט און ווען ער וועט לויפן קוקן אויף איר קינד, וועט זי גאר משוגע ווערן. אז דער מאן וועט פארדעכטיקן, אז דאס קינד איז נישט זיינס, האט זי נישט מורא. ער איז זיכער, אז ער קען האבן א קינד און ער וועט אנדערש נישט וועלן קלערן. און אויב ער וועט אפילו איר וועלן עפעס זאגן, וועט זי אים ענטפערן, אז ער האט זי די גאנצע צייט נישט אויפגעהערט מוטשען און איר זאגן, אז זי קען נישט האבן קיין קינד, טאר ער איצטער גארנישט זאגן. זי האט געוויזן, אז זי קען... זי האט גערעדט אזוי, גלייך זי וואלט שוין געהאט א קינד... און יאנקלען האט דאס הארץ געקלאפט ווי מיט האמערס. ער האט זיך גענומען דערמאנען, אז אפשר האט ער שוין אין האנטשעשט אויך א קינד... ווען ס'האט אנגעהויבן שאריען אויף טאג, האט זי געדאנקט גאט, וואס די נאכט פון גן עדן און גהינום איז שוין אוועק.

דער טאג איז געווען דערנאך א פראסטיקער און א העלער, דער בעל עגלה האט אלעמען געגעבן גרויסע פעלצן און עס איז געווען זייער אנגענעמען צו פארן. זיי איז ביידע אויסגעקומען צו פארן אין איין וואגן. זי איז געזעסן אויבנאן און ער איז געזעסן אנטקעגן. זי איז געווען שטארק איינגעהילט, די האר אירע האט ער נישט געקענט זען, אבער דאס פנים האט ער געזען גוט. ס'איז געווען יונג און לויטער און שיין. זי האט געהאט העלע אויגן און א פארדרייט נעזל, די ליפלעך זיינען געווען אוימגעהויער דין און אין ביידע בעקלעך האט זי געהאט חן־גריבלעך, וואס האבן געקראגן נאך מער חן, ווען זי האט געשמייכלט. זי איז געווען זייער פארטראכט, אבער זי האט פון צייט צו צייט דאך א שמייכל געטאן. די חן־גריבלעך האבן נישט אויפגעהערט רופן און רייצן און ווען ער האט געקלערט וועגן דעם , וואס עס איז ביינאכט פארגעקומען צווישן אים און איר, האט ער זיך אליין מקנא געווען און ער האט געקלערט, אז ער טוט אן עוולה מיט דעם, וואס ער לאזט זי אוועק ווי א פרעמדע, ער דארף זי נעמען ארגעץ און אוועק. אין וועג האט מען זיך צוויי מאל אפגעשטעלט און געקארמעט די פערד און די פאסאזשירן האבן אויך

עפּעס געגעסן. די מענער האָבן געטרונקען וויין אין די קרעטשמעס; יאַנקלען האָט זיך געגלוסט אַביסל וויין, אַז דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען, אָבער ער האָט נישט געהאַט פּאַרוואָס צו קויפן. ער האָט געגעסן זיין דאַר שטיקל ברויט מיט דעם וואורשט, וואָס די גוטע ציפּע האָט אים מיטגעגיבן. פּאַסאַזשירן האָבן זיך ארומשפּאַצירט און אַ פּאָר מאָל זיינען זיי ביידע פאַרבלאָנדזשעט הינטער אַ שטיבל אין דאָרף אויפן שניי. דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער זינגט אַ ליד. ער האָט געוואָלט, אַז דאָס לעבן זאָל אזוי אייביק בלייבן דאָ אין דאָרף הינטערן שטיבל אויף דעם שניי און ער האָט געקראָגן שפּראַך. ער האָט געזאָגט, אַז ערשט איצטער וואָלט ער זי אויפגעגעסן. זי האָט זיך אַביסל געפּעסטעט און אַביסל איז זי געווען איבערגעשראָקן. זי האָט אים געפרעגט פאַר וועמען ער האַלט זי און ער האָט נישט געוואוסט וואָס איר צו ענטפערן. ער האָט נישט געוואוסט, אַז די דאָזיקע פראַגע וועט מען אים נאָך אַ סך מאָל אין לעבן שטעלן און ער וועט קיינמאָל נישט וויסן צו ענטפערן און דער בעסטער ענטפער וועט זיין אַ קוש. זי האָט געבעטן, אַז ער זאָל פון איר נישט טראַכטן קיין שלעכטס און ער זאָל פון איר דאָך טראַכטן. און אפשר איז בעסער, אַז ער זאָל גאָרנישט טראַכטן און אויב ער וועט זיך דערוויסן, אַז זי האָט געהאַט אַ קינד, זאָל ער קלערן, אַז ער איז אַ רייכער און ער האָט אוועקגעשענקט עפּעס אַן אָרימאַן...

ס'איז שוין געווען אָנהויב אָוונט, ווען די פור איז אריינגעפאָרן קיין קיליע. זי האָט געוואוינט נאָענט און דער בעל עגלה האָט זי פריער אראָפּגעלאָזט. דער מאַן האָט שוין געוואַרט אויף איר און ער האָט זי אראָפּגענומען, אזוי ווי מען נעמט אראָפּ אַן אייגן פּעקל. זי איז געווען פאַרטראַכט און האָט געקוקט ווייט און יאַנקל האָט געפילט, אַז זי קוקט דאָך אויף אים. דער מאַן האָט זי געדאַרפט שיעור נישט אויפוועקן. זי האָט אַ רגע געקלערט, צי זי זאָל זיך געזעגנען ביי דער האַנט מיט איר סוד און זי האָט אים ענדלעך אויסגעשטרעקט אַ וואַרעם פּוכקע הענטל, וואָס זי האָט ארויסגעשלעפּט פון אַ מופטע. אים איז דאָס חיות אויסגעגאַנגען איר אַ קוש צו טאָן אין דער האַנט און ער האָט עס נישט געטאָן. ווען דער בעל עגלה איז שוין געשטאַנען לעבן זיין טאַטנס איינגעבויגן שטיבל און דער טאַטע מיט דער מאַמען מיט דעם ברודערל זיינען שוין געשטאַנען אין דרויסן, איז ער נאָך געווען פאַרטראַכט. ער האָט אַלץ געטראַכט פון דעם, וואָס ער האָט קינדווייז אַזוי מורא געהאַט צו זאָגן אַ ליגן און צום סוף זעט ער גאָר, אַז דאָס לעבן איז בלויז אַ ליגן...

ק א פּ י ט ל צ ע ן

ווי אַזוי געפינט מען דעם וועג צום לעבן?

און ווידער איז די באַגעגניש מיט טאַטע־מאַמע געווען אַ פּיינלעכע. דער העלד אונזערער האָט זיך געפילט ווי אַ דורכגעפאַלענער און די עלטערן זייַנען קעגן אים געשטאַנען ווי טרויעריקע זיגער. ער האָט שוין געוואוסט, אַז די זיגער מישפּט מען נישט, מען מישפּט און מען פאַראורטיילט די דורכגעפאַלענע... ער איז געווען דער שוואַכער און זיי — קלוימערשט די שטאַרקע. ער האָט אָן זיי נישט געקענט לעבן און לעבן זיי איז אים אויך געווען שווער צו לעבן. אָן זיי איז איז געווען אַן אוממעגלעכקייט און מיט זיי — אַ טראַגעדיע. ־שטומערהייט האָבן זיי איםביידע געזאָגט: „דו זעסט דאָך, אַז דו קענסט נישט פאַרדינען אויף צו מוטשען זיך, טאָ פאַרוואָס זשע לויפסטו?" ווער ס'האָט עס באַלד געזאָגט, אויפן קול, איז געווען די באָבע. זי האָט געזאָגט: „ער איז שוין דאָ דער גרויסער פאַרדינער!" און זי האָט גלייך געכאַפּט אַן אָפּשניט פון דער מאַמען, וואָס האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל זיך ווייניקער מישן, ווייל זי קען נישט צוקוקן ווי אַזוי איר זון זעט נעבעך אויס...

און דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס עס איז נישט געווען וועגן וואָס צו ריידן, ביידע צדדים זייַנען געווען כמעט שטום. טאַטע און מאַמע אַליין האָבן שוין אויך געפילט, אַז ער איז אַריינגעקראָכן אין אַזאַ גורל פון וועלכן ער קען נישט אַרויסקריכן. זיי האָבן שוין אַליין אויך נישט געגלויבט, אַז ער וואָלט געקענט צוריקקערן. ער אַליין האָט שוין דעמלט געהאַט געלייענט שלום אַשם „יצא וחזר" (וואָס האָט שפּעטער געהייסן אויף יידיש „מיטן שטראָם"), די צוויי־אַקטיקע דראַמע, וואָס שילדערט איינעם, וואָס איז אַוועק פון דער אַלטער יידישקייט און קערט זיך אום צוריק, אָבער יענער האָט אַ ווייב מיט קינדער, ער האָט נישט געהאַט מער ווי עלטערן. ווען ער וואָלט געווען חתונה געהאַט און שוין געהאַט אַ פּאָר קינדער, וואָלט ער אויך געווען פאַרטשעפּעט. און ווידער האָט ער געקלערט, אַז די גאַנצע טראַגעדיע זייַנע שטאַמט דערפון, וואָס דבורה פּינחס שוחטס האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדערן. ווען ער האָט חתונה פאַר דבורהן, וואָלט ער מיסתמא נישט געהאַט די אַלע איבערלעבענישן מיט די פאַרשיידענע פרויען, וואָס ברענגען אים אַזאַ

שווערן טרויער. ער האָט דאָך איבערגעלעבט זאַכן וועגן וועלכע די עלטערן האָבן קיין אנונג נישט געהאַט. ער האָט דאָך זיי נישט געקענט דערציילן, אַז אויף דעם נייעם מאַרק דרייט זיך אַרום אַ ווייבל, וואָס האָט אַן אַנדערן מאַן און זי וועט מיסתמא באַלד באַקומען פּאָסטעווקעס און אין אַ צייט אַרום וועט זי גאָר זיין אויף דער צייט און נאָך שפּעטער וועט וויינען זיינס אַ קינד, וואָס וועט געהערן צו אַן אַנדערן. ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרואווט ריידן פאַר־שטעלט מיט דעם טאַטן וועגן דעם, צי ר'האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין גלוט־טעגישן צו פרעמדע פרויען און דער טאַטע האָט זיך ווי געשעמט צו קוקן אויף אים און ער האָט געהאַלטן די אויגן אויף אַראָפּ און ער האָט געזאָגט, אַז יע־דער מענטש און אוודאי יעדער ייד האָט ניסיונות. ווער עס איז אַ גרעסערער ייד, האָט גרעסערע נסיונות. עס שטייט דאָך געשריבן „כל הגדול מחברו, יצרו גדול ממנו" (ווער עס איז גרעסער פון זיין חבר, איז דער יצר הרע זיי־נער אויך גרעסער). גרויסע יידן זיינען נישט איין מאָל רחמנא ליצלן אַראָפּ־געפירט געוואָרן פון דעם גלייכן וועג. ס'איז אַלץ דאָך דעם שטנס אַרבעט. עס וואָלט שוין מיסתמא לאַנג משיח געקומען, ווען נישט די נסיונות. די סיטרא אחרא לאָזט זיך נישט... אַ סך מאָל איז עס נישט קיין פרוי, נאָר דער שטן. יאַנקל האָט שוין געהאַט געלייענט פּרצס „מאַניש" און ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז ס'איז אַן אומגעהויער עכט געזאַנג. די פרומע יידן האָבן אין דעם גאַנצן געראַנגל פון בלוט פאַר דעם, וואָס הייסט זינדיקע ליבע, געזען נאָר די אַרבעט פון שטן. אַ פרומער ייד וואָלט אין דער גאַנצער פּאַסירונג אין באַלג־ראַד, וואָס האָט אים גערויבט די רו, געזען נאָר די אַרבעט פון אשמדאי פאַר זיין קיום... דער טאַטע האָט געוואוסט צו דערציילן, אַז אַן אַנדער שוחט האָט געהאַט אויסצושטיין אַ שווערן ניסיון און ער האָט זיך דאָך מיט גאָט ברוך הואס הילף געראַטעוועט. מען דערציילט וועגן ניסיונות פון גאָר גרויסע. מיטן ליעווער רבי איז דאָך געווען אַזאַ ניסיון. ער האָט געוואָלט ברענגען משיחן און דער אשמדאי האָט זיך דערשראָקן. דער רבי האָט אַמאָל אַריינגעקוקט אין אַ ספר אַריין, אין וועלכן דער מחבר האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געקענט ברענגען משיחן, אָבער ער האָט מורא איינצושטעלן זיך, האָט ער באַלד געגעבן אַ וואָרף אַוועק דאָס ספרל און ער האָט געזאָגט: „אַז מען קען, שטעלט מען זיך איין!" און ער האָט זיך איינגעשטעלט. דער אשמדאי האָט זיך דער־שראָקן, אַז ער וועט אים פאַרטיליקן און ער האָט זיך פאַרמאָסטן קעגן אים און ער האָט אים געוואָלט פאַרפירן מיט אַ נקבה... און ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסע מילחמה. ביידע האָבן נישט מנצח געווען, אָבער ווען ער איז נישט דעם ריזשינערס זון און ער האָט נישט אַזויפיל זכות אבות, וואָלט ער זיך שוין לאַנג געבראָטן אין גיהנום... עס האָט נאָך געפעלט, האָט זיך יאַנקל גע־טראַכט, ער זאָל זאָגן, אַז ער וואָלט געפלויגן אויף אַ בעזים אין גהינום אַריין, ביכדי עס זאָל זיין פונקט ווי ביי פּרצן אין „מאַניש"... מיט דער מאַמען

האָט ער שוין גאָרנישט געקענט ריידן וועגן אַזעלכע זאַכן. זי האָט זיך אַזש דערשראָקן, ווען זי האָט געהערט זיין שאלה, צי זי איז בייגעשטאַנען ניסירנות. זי איז אַ יידישע טאָכטער און זי האָט באַגערט דעם חתן, וואָס דער טאַטע האָט איר געגעבן. אים האָט זי אויסגענייט פריער אַ תפילין־זעקל און דערנאָך אַ טלית־זעקל און זי האָט געחלומט וועגן אירע קינדער, וואָס זי וועט האָבן און זי וועט זיי מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים. פון דעסט וועגן האָט ער געפילט, אַז ער האָט געירשנט אַ געוויסע אומרואיקייט אירע. זי וואָלט שטענדיק אַרומגעפאָרן. און זי איז טאַקע אַ סך אַרומגעפאָרן. זי איז אַלעמאָל געפאָרן צו דער אויסגעגעבענער טאָכטער, כאָטש זי האָט דאָרט נישט געלעבט גוט מיטן איידעם. און זי איז שוין געפאָרן קיין קרעמענטשוג און זי האָט איצטער גערעדט וועגן פאָרן צו איר ברודער אַביגדור, וואָס וואוינט ערגעץ אין טערקיי, אין אַ קאָלאָניע אין אַנאַטאָליע. זי האָט געזאָגט, אַז ייִנגלוויַיז איז טאַקע אַביגדור געווען אַ שאָלטיק, אָבער איצטער איז ער שוין אַ ייד אין די יאָרן און ער איז מיסתמא אַזאַ ייד, ווי אַלע. זי האָט געזאָגט, אַז זי וויל פאָרן, ווייל זי האָפט, אַז ער וועט איר העלפן מיט געלט, כאָטש ער שרייבט, אַז ער האָט נישט. דאָס שרייבט ער אַזוי. אַז זי וועט זיין אויף דעם פּלאַץ, וועט ער אַנדערש ריידן. זי האָט טאַקע גערעדט וועגן געלט און אויך וועגן דעם, אַז זי וויל אים זען, ער איז דאָך פאָרט אַ ברודער און זי האָט אים שוין נישט געזען באַלד דרייסיק יאָר, אָבער דער זון איז געווען זיכער, אַז די מאַמע האָט געוואָלט פאָרן, ווייל דאָס בלוט איז ביי איר אומרואיק און זי וויל זען די וועלט. זי האָט זיך געקלאָגט, אַז זי איז עלנד. די צוויי שוועסטער זעט זי קיינמאָל נישט, כאָטש זיי וואוינען אַזוי נאָענט און דער עלטערער ברודער איז אין אַרגענטינע, גאָט ווייסט, צי זי וועט אים שוין אַמאָל זען. די קלענערע טאָכטער שיפרה האָט זיך נישט געקענט איינלעבן אין אַרגענטינע און די עלטערע טאָכטער מרים האָט געשריבן, אַז זי קען פון איר נישט אויסהאַלטן און אויב מען וועט זי נישט צונעמען, וועט זי זיך דאָס לעבן נעמען. מרים איז שוין געווען אַ כלה פאַר יאַנקל וויינבערג און זי האָט שוין געדאַרפט חתונה האָבן, אָבער שיפרה האָט זי נישט געלאָזט לעבן. מען האָט זי געמוזט אַהיימברענגען. האָט מען געדאַרפט אויף הוצאות און מען האָט שוין געדאַרפט נעמען קלערן וועגן נדן. האָט די מאַמע געזאָגט, אַז זי וועט ברענגען פון אַביגדורן אויף נדן. דער טאַטע האָט געשמייכלט טרויעריק און ער האָט געזאָגט: „אַזוי ווי פון קרעמענטשוג". די מאַמע האָט געענטפערט בייז, אַז אין קרעמענטשוג איז אַ גליד־געשוועסטערקינד און אַביגדור איז אַן אייגענער ברודער. און יאַנקל איז געווען זיכער, אַז דאָס אַלץ איז אַן אויסרייד. זי וויל פאָרן, ווייל עס טראָגט זי. ער וואָלט אויך געקענט בלייבן אין קיליע און לערנען און ער וואָלט שוין מיסתמא געווען געהאַלטן אַ סך ווייטער מיטן לערנען, ער וואָלט שוין געווען דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן קורס פון דער גימנאַזיע,

אָבער ס'איז זיך אים נישט געזעסן אויף קיין פּלאַץ. ער איז פון דער ישיבה אויך אוועק, ווייל ס'איז זיך אים נישט געזעסן אויף אַ פּלאַץ און ער איז געלאָפן נאָך דעם בוהושער רבין קיין האַנטשעשט.

מער שטומערהייט ווי ריידנדיקערהייט האָט זיך יאַנקל געקריגט מיט די עלטערן. מיט דער מאַמען איז נאָך אַמאָל געקומען צו אַ טענה אויף אַ קול, מיט דעם טאַטן איז פאָרגעקומען אַ סך אַ טיפערער מחלוקת, אָבער אין גאַנצן אַ שטומער. און ס'איז אים געווען פיינלעך דאָס זיין אין שטוב. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גייט אויף הייסע קוילן און ער זיצט אויף ברענענדיקע קוילן און ער עסט גליענדיקע קוילן. ווען ער איז געווען אין קעשענעוו, איז ער געווען זיכער, אַז קיין געשמאַקער עסן ווי זיין מאַמעס איז נישטאָ אויף דער וועלט און איצטער האָט אים דאָס עסן געבריט. די מאַמע האָט עס גע־פילט און זי האָט אים נישט אויפגעהערט פרעגן פאַרוואָס ער איז אַזוי מרה שחורהדיק און פאַרוואָס ער עסט נישט און פאַרוואָס ער שלאָפט נישט. זי האָט געוואוסט, אַז ער שלאָפט נישט. זי פלעג עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט אַראָפּגיין צו אים און אים גוט איינדעקן און אים אַראָפּרוקן די יאַרמעלקע. ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער שלאָפט, אָבער זי האָט גוט געזען, אַז ער שלאָפט נישט. און ווען ער האָט נישט געקענט איינליגן און ער האָט זיך שטילערהייט אָנגעטאָן און ער איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין, איז זי אים אָפּט נאָכ־געגאַנגען און ער האָט זיך געמאַכט, אַז ער זעט זי נישט און זי האָט זיך גע־מאַכט, אַז זי זעט אים נישט... דער טאַטע האָט אויך געפילט זיין אומרואי־קייט, אָבער ווייט נישט אַזוי ווי די מאַמע. זיי האָבן געפּרואווט שיקן אַ שדכן צו אים און דווקא וועגן שיינע מיידלעך און אַפילו רייכע. עס האָבן זיך געפונען רייכע מאַטעס, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז ער וועט חתונה האָבן, וועט אים דאָס משוגעת אַרויס פון קאָפּ און ער וועט ווערן אַ סוחר גלייך ווי אַלע און אפשר נאָך אַ בעסערער. ער איז דאָך פאַרט אַ געלערנטער אי אין יידיש, אי שוין אין וועלט־זאַכן און ער האָט אַ „קעפּעלע"... די מאַמע איז אויך געווען זיכער, אַז נאָר אַ שידוך וועט אים אויסהיילן פון אַלצדינג. אָבער ער האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן דערפון און זיי האָבן ביידע געקנייטשט מיט די פּלייצעס און נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז מיט אים.

ער האָט געפּרואווט לערנען. ער האָט געמאַכט אַ גרויסע אָנשטרענגונג צו לערנען, אָבער עס איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ער האָט גע־פילט אַ צערודערונג אין מוח, אין האַרץ און אין בלוט. געווען אַ רוסישער לערער אין שטאָט, אַ סטודענט, וואָס איז געווען אַ פּועלי ציוניסט, האָט ער מיט אים געוואָלט לערנען אומזיסט, אָבער עס איז אים נישט געגאַנגען. וועגן פּועלי ציוניזם האָט ער יאָ גערעדט מיט אים. דער געדאַנק וועגן פאַראייניקן ציוניזם מיט סאָציאַליזם איז אים געווען געפעלן, אָבער די סאָציאַליסטישע באַגרינדונג פון ציוניזם איז אים אויסגעקומען איבעריק און שווער. ער האָט

געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם סאָציאַליזם אויך נישט באַגרינדן.... סאָציאַ־ליסטיש. עס איז געגנוג דער הומאַניטאַרער מאָטיוו פאַר ביידע... דער לערער, דער סטודענט, איז געווען אַן אַקערמאַנער, ער האָט געהייסן ליס, גערופן האָט ער זיך ראַפאַעל סאַלאַמאַנאָוויטש. דער פאָטער זיינער איז געווען אַ פעלד־שער און ער איז געווען אַן אייביקער סטודענט. ער איז שוין געהאַט געווען אין פאַלעסטינע אויך און ער האָט דאָרט שווער געאַרבעט, אָבער ער האָט זיך נישט געקענט צוגעוואוינען נישט צום קלימאַט און נישט צום רעזשים. ער איז געווען אַ יידישיסט, אַזוי ווי אַלע רוסישע פועלי ציון אין יענער צייט. זיין יידישיזם האָט ער באַגרינדעט היסטאָריש מאַטעריאַליסטיש, יידיש איז די לעבעדיקע שפּראַך פון דער מערהייט פון יידישן פאָלק. אויב אַזוי, האָט אים יאַנקל געפרעגט, פאַרוואָס זשע מוז ער דווקא וועלן ציון און נישט קיין אַנדער טעריטאָריע? האָט ער געענטפערט מיט אַ זייער שווערער טעאָריע, אין וועלכער ער האָט דערוויזן, אַז ארץ ישראל איז בעסער נישט צוליב היסטאָ־רישע טעמים, נאָר צוליב דעם, וואָס זי איז די פאַסיקסטע טעריטאָריע. עס איז געווען שווער צו פאַרשטיין, אָבער אינטערעסאַנט צו הערן און צו דיסקו־טירן. אין שטאָט האָט דער לערער ליס געהאַט אַ שם פון אַ סאָציאַליסט אַ ימח שמוניק און די עלטערן יאַנקלס האָבן געהאַט יסורים, וואָס זייער זון האָט זיך נישט געפונען קיין בעסערן חבר. מען האָט פאַרן לערער אביסל דרך ארץ געהאַט, ווייל ער האָט נישט געקענט ריידן קיין יידיש, כאָטש ער איז געווען אַזאַ הייסער יידישיסט. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז גאָרנישט, עס זיינען פאַראַן העברעאיסטן, וואָס קענען אויך נישט קיין העברעאיש!

אויסער די דיסקוסיעס מיט ליסן, וואָס יאַנקל האָט געפירט, האָט ער געפּרואווט שרייבן. ער האָט געוואָלט נעמען באַשרייבן זיינע אייגענע אי־בערלעבענישן און ס'איז נישט געגאַנגען. ער האָט געוואָלט שרייבן ליטע־ראַריש, אָבער זיין נייגונג איז געווען צו שרייבן פשוט, האָט ער נישט גע־וואוסט ווי אַזוי צו טאָן. ער האָט זיך אויך לאַנג געראַנגלט מיט דער דעה וועגן דעם אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך ער זאָל שרייבן. ליס האָט אים באַ־וואויזן, אַז ער זאָל שרייבן יידיש. ער האָט אים אָפן געזאָגט, אַז ער קען נאָך נישט געגנוג רוסיש אויף צו קענען שאַפן אין דער דאָזיקער שפּראַך. זיינע אַלע געפילן קומען צום אויסדרוק אויף יידיש און אביסל אויך אויף דעם אַלטן העברעאיש. דער מבין אויף זיין שרייבן איז געווען דער וועשער לוי קאַמאַ־ראָווסקי, וואָס האָט געהאַט געלייענט אַלץ, וואָס איז אין יענער צייט דער־שינען אויף יידיש. ער האָט אליין אויסגעשריבן אַלע ביכער. אים האָט זיך אויך געדאַכט, אַז יאַנקל שרייבט צו ווייניק ליטעראַריש. און ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז גאָר דאָ אין קיליע נאָך איינער, וואָס שרייבט יידיש. באָרטניקער האָט ער געהייסן. ער איז געווען ערגעץ פון וואָלין און ער האָט געאַרבעט אין שטעטל טאַקע אין קאַמאַראָווסקיס וועשעריי. ער איז געווען אין

אַדעס און פון דאָרטן האָט מען אים געבראַכט קיין קיליע ווי אַ פּאַכמאַן. ער איז געווען אַן אַרבעטער מיט דעם אויסזען פון אַ קרענקלעכן אינטעליגענט. ער איז געווען אַ בלאָנדער, אַ צאַרטער און ער האָט שטענדיק געהאַט דעם גלאַנץ פון טרערן אין די אויגן און פייכטע הענט. צומאָל האָבן אים די אויגן גע־גלאַנצט מיט אַ פייערל, וואָס האָט געשראָקן. ער איז געווען לונגען־קראַנק און ווי יעדער לונגען־קראַנקער האָט ער געהאַט אַ מוראדיק רייכע פאַנטאַזיע און ער האָט געחלומט גרויסע חלומות וועגן זיך. ער האָט געשריבן טרויעריקע לי־דער און זייער פאַנטאַסטישע. אין די מערסטע פון זיינע לידער זיינען געווען מלאכים און פעגס. די בלומען זיינען געווען ביי אים לעבעדיקע באַשעפענישן און זיי האָבן געוויינט אַרום דיכטער. ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געלייענט יאַנקלס עפּעס אַ זאַך, האָט ער געזאָגט, אַז די דאַזיקע, וואָס קענען נישט פליען אין די הימלען, לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד. האָט שוין יאַנקל אים געענטפערט, אַז אפשר איז פאַרקערט, אפשר קריכן אין די הימלען אַריין די דאַזיקע, וואָס קענען נישט גיין אויף דער ערד... און ס'האָט אים באַלד באַנק געטאָן, ווייל ער האָט געזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ קראַנקן מענטשן. זייט דעמלט האָט זיך שוין אָפּט געטראָפן, אַז באַרטניקער האָט יאַנקלס שריפטן אַראָפּגעריסן און יאַנקל האָט באַרטניקערס שריפטן געלויבט, אָבער דאָס דאָ־זיקע איז דעם קראַנקן אַרבעטער אויך נישט געפעלן. ער האָט געזאָגט צו אים: „איר זיינט נישט אויפריכטיק מיט מיר..."

באַרטניקער האָט געהאַט אַרום זיך אַ גרופּע פאַרערער. אַרבעטער זיינען זיי געווען און זיי זיינען געקומען צו אים אין אָרימען צימער אַריין. מיידלעך זיינען אויך געקומען צו אים. מען האָט געלייענט און דיסקוטירט און אויך געזונגען לידער. אייניקע האָבן געשפּילט אויף גיטאַרעס און מאַנדאָלינעס, אַנ־דערע האָבן דעקלאַמירט. וויפל מאָל באַרטניקער האָט אָנגעשריבן אַ ניי ליד, האָט ער דאָס פאַרגעלייענט. יאַנקל געדענקט, אַז דער פאַבריקמאַכער איצקאָ־וויטש האָט אומגעהויער געהאַלטן פון באַרטניקערן, ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געשוירן קיין מאַן מיט אַזעלכע זיידענע האָר. ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט ער אים אַלע טאָג געקעמט...

און דער קראַנקער דיכטער איז דערווייל אַלע טאָג געוואָרן ערגער. עס האָט אים געשאַדט די קעלט און די אַרבעט האָט אים אויך געשאַדט. ער האָט זיך געקליבן אוועקצופאָרן און ער האָט נישט געוואוסט וואוהין און ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס. זיין ביכל לידער האָט ער גערופן „בלומען בליען, בלומען וועלקן" און ער האָט געהאַט אַ מין דראַמע, וואָס האָט אויך געטראָגן דעם זעלביקן נאָמען. ער האָט אַליין דערציילט, אַז ער האָט געשיקט לידער אין אַלע יידישע רעדאַקציעס און מען האָט אים אין ערגעץ נישט געוואָלט דרוקן און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די רעדאַקטאָרן פאַר־שטייען נישט די נייע פּאָעזיע און ווייל זיי זיינען ציניקער. אין דער דראַמע

אין זיינער איז פֿאַרגעקומען ווי אַ יונגער דיכטער, וואָס איז זייער קראַנק, טראָגט זיך אַרום מיט אַ ביכל לידער, וואָס הייסט „בלומען בליען, בלומען וועלקן" און ער שלאָגט אָן מיט דעם אין אַלע טירן און קיינער ענטפֿערט אים נישט. ער ווערט נאָך ערגער קראַנק פֿאַר ערגערניש און ער שטאַרבט. נאָך זיין טויט פֿאַלט זיין העפֿט לידער אַריין צו אַ שרייבער און יענער אַנטדעקט אין אים אַ גרויסן טאַלאַנט און ער מאַכט אַ רעש און מען דרוקט אָפּ זיינע לידער, אָבער דער דיכטער אַליין איז טויט און ער פֿילט פֿרייד אויף יענער וועלט, וואו דאָס לעבן הערט נישט אויף...

און ס'האָט פּאַסירט אַ מאָדנע זאַך: לוי קאַמאַראָווסקי וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַנדערע פּרעטענזיעס, ווי צו זיין אַ גוטער לייענער, האָט אָנגעהויבן שרייבן קריטיק. אַ גרינגלעך אויסזען האָט ער זייט שטענדיק געהאַט, איז ער געוואָרן נאָך גרינגער. ס'איז אים אָנגעקומען אַ „בייזער גייסט", ווי ער אַליין האָט געזאָגט. און די מערסטע קריטיק האָט ער געשריבן וועגן באַרטניקערס לידער, וועלכע ער האָט געמאַכט צו אַש און פּאָרעך. ער האָט געזאָגט, אַז באַרטניקער זעט נישט די אמתע וועלט און ער זעט נישט דאָס אמתע לעבן. ער זעט נאָר מלאכים און פֿעעס און בלומען. ער שרייבט, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ בלינדער. און לוי קאַמאַראָווסקי האָט זיין קריטיק קודם כל געלייענט דעם דיכטער אַליין און יענער פֿלעג ווערן נאָך געלער, ווי ער איז געווען און ער האָט געהערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט: „נאָך, נאָך..." גוטע פֿריינט האָבן געמוסרט לוין און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער דערהרגעט אים, ער זאָל אויפֿהערן שרייבן, אָדער כאָטש אויפֿהערן לייענען און ער האָט ווייטער געשריבן וועגן יעדן ליד אָן אַרטיקל און ער האָט עס געלייענט דעם קראַנקן אַרבעטער און מען האָט געקענט זען, אַז יענער האָט אַ געוויסע הנאה פֿון דער קריטיק. עס טוט אים וויי און ער האָט אַ פֿאַרגעניגן און דאָס געזונט זיינס רוקט זיך אַראָפּ, אַראָפּ...

אין אַ צייט אַרום איז באַרטניקער אַוועקגעפֿאָרן פֿון קיליע און לוי קאַמאַראָווסקי האָט אויפֿגעהערט שרייבן. און ס'האָט לאַנג נישט געדויערט, איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז ער איז געשטאָרבן. זיינע לידער האָט יאַנקל קיינמאָל נישט געזען אין ערגעץ געדרוקט. ער ווייסט אַפֿילו נישט ביי וועמען זיינע צוויי העפֿטן זיינען געבליבן. געזאָגט האָט מען, אַז די לידער און די דראַמע זיינען געבליבן ביי אַ שוועסטער. פֿון די לידער אַליין איז יאַנקלען גאָרנישט געבליבן אין געמיט אויסער מלאכים, בלומען, טרערן און געזאַנג. פֿון באַרטניקערן אַליין איז אים פֿאַרבליבן אין געמיט אַ צאַרט פּנים, פֿאַרחלומטע אויגן, זיידענע האָר און זיידענע פֿינגער. וואָס זיינען געווען צעשפּאָלטן פֿון דער סאָדע און אַ זעלטענע פֿאַנטאַסטישקייט. דער קראַנקער אַרבעטער האָט ממש געשוועבט אין הימל און זיך געחברט מיט מלאכים.

יאַנקל האָט געמאַכט אַ שטאַרקע אָנשטרענגונג איבער זיך און גענומען

לערנען און זיך ערנסט גרייטן צו די עקזאַמענעס, ווינציקסטנס פאַר פיר קלאַסן, כאָטש אייניקע לימודים און ספּעציעל רוסיש האָט ער שוין געקענט פאַר אַ סך מער. און דערווייל האָט די גרופּע באַקאַנטע און פריינט פון אונזער העלד גענומען ריידן וועגן אַ ספּעקטאַקל. אין דער מאָדע איז דעמלט געווען אין פאַרשיידענע טיילן פון רוסלאַנד צו שפּילן איבסענען און דער עולם האָט פאַר־טראַכט, נישט מער און נישט ווייניקער ווי צו שפּילן „די גייסטער", וואָס יאַנקל האָט באַלד איבערגעזעצט פון רוסיש. די דילעטאַנטן האָבן זיך גע־מוטשעט מיט דער שפּראַך. די צוויי מיידלעך, וואָס האָבן זיך באַטייליקט, האָבן געשריגן געוואַלד און זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין "זשאַר־גאָן", נאָר דייטש. עטלעכע מאָל האָט מען אָוועקגעלייגט דאָס רעפּעטירן און מען האָט זיך אומגעקערט. דער וואַטנמאַכער סאָסקין האָט נאָך אַלץ געהאַט דעם שם פון בעסטן „ליוביטעלי". אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז אויב ער וועט נישט שפּילן, וועט קיינער נישט וועלן קומען אין טעאַטער אַריין. און אים צו באַוועגן, אַז ער זאָל שפּילן דעם סטאָליער איז אָנגעקומען זייער שווער. אפילו דאָס דאָזיקע, וואָס יאַנקל איז שיעור נישט געוואָרן קיין רב און ער האָט זיך געקליבן ווערן אי אַ דאָקטער, אי אַ שרייבער, האָט אויף אים געהאַט אַ קליינע ווירקונג. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געזען קיין נאַרוועגער און ער קען שפּילן אַ יידישן קאָמיקער, אָבער נישט עפּעס אַ גויישן סטאָליער, וואָס איז מער אינטריגאַנט ווי קאָמיקער. ער האָט ליב, אַז דער עולם זאָל אים ליב האָבן און דאָ וועט אים דער עולם פיינט האָבן. ער האָט געזאָגט, אַז די פּיעסע וועט אין גאַנצן נישט אויסנעמען און מען וועט אַלע באַוואַרפן מיט פאַרשטונקענע אייער. ער האָט אַזוי גערעדט, אַז ער האָט אַלע איבערגעשראָקן און מען האָט שוין געהאַט אוועקגעלייגט די פּיעסע און מען האָט זי שוין גע־האַט באַשלאָסן זי נישט צו שפּילן. האָט פּלוצים אָנגעטראָגן דער גוטער יאָר פון ערגעץ וואָלאָדיאַ ליטווין, וואָס איז שוין געווען אַ פּראָוויזאָר און ער האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט, אַז כאָטש ער איז אַ קאַרגן טאַטנס אַ זון, איז ער דאָך אַליין אַ זייער מילדער און ער האַלט זיך זייער פּראָסט מיט אַלעמען און ער האָט נישט געלאָזט, אַז מען זאָל די פּיעסע אָוועקלייגן. ער האָט יאָ געפּועלט ביים וואַטנמאַכער דעם קאָמיקער, אַז ער זאָל שפּילן. וואָלאָדיאַ האָט אפילו געזאָגט, אַז אויף רוסיש וואָלט געווען בעסער צו שפּילן די פּיעסע, ווייל עס וואָלטן געווען מער מענטשן, וואָס וואָלטן זי פאַרשטאַנען, אָבער אַז מען רעפּעטירט זי שוין אויף „זשאַרגאָן", איז פאַרפאַלן. פאַר דעם פּאַסטאָר האָט מען געדאַרפט צופּאַסן אַ קאָסטיום, פאַר פרוי אַלווינג האָט מען אויך גע־דאַרפט אויפנייען אַ קלייד, אָבער מען האָט געשפּילט. יאַנקל האָט געשפּילט אָסוואַלדן. עס איז אין שטעטל געווען אַ יונגער מאָלער, האָט ער גרימירט און אַלע זיינען געגאַנגען זייער פּאַסיק געקליידט און זיי האָבן אויסגעזען זייער שיין. אָבער די פּיעסע האָט דעם עולם אָנגעהויבן לאַנגווייליקן און זי

זי האָט גענודיעט ביז אין סוף. דער עולם האָט זיך געהאַלטן אומרואיק און ס'איז געווען זייער שווער צו שפּילן. עס איז אויסגעקומען גלייך ווי מען וואָלט גערעדט צו די ווענט. עס זיינען געווען אפשר צען מענטשן אין גאַנצן זאַל, וואָס האָבן זיך צוגעהערט. אויך די עטלעכע רוסן, וואָס זיינען געווען אין זאַל, האָבן זיך שטאַרק צוגעהערט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די פאַרשטעלונג ציט זיך אין דער אייביקייט אַריין... צו די שלוסן פון די אַקטן האָט מען קוים אַ קלאַפּ געטאָן פאַר יוצא וועגן. און ווען די פּיעסע האָט זיך געענדיקט אין יאַנקל האָט געשעפּטשעט „מאַמע, גיב מיר זון", האָט ער געהערט ווי אַ יידענע האָט געזאָגט: „מען וואָלט אים שוין געמעגט גיבן אַ גוטע קרענק"... מען האָט כמעט גאָרנישט אַפּלאָדירט צום שלוס און די דילעטאַנטן זיינען נישט אַרויסגעגאַנגען זיך פאַרנייגן. וואָלאָדיאַ האָט געזוכט צו טרייסטן די ליבהאָבער און ער האָט זיי געזאָגט, אַז דער עולם פאַרשטייט נישט, אָבער יעדער פון זיי האָט זיך געפילט באַפּאַנפּעט און ערגער פון אַלע האָט זיך געפילט אונזער העלד, ער האָט געוואוסט, אַז דער דורכפאַל איז זיינער. ער איז עס געווען דער גרויסער חכם, וואָס האָט געהייסן אין קיליע שפּילן איבסענען. די סביבה איז געווען אַ פרעמדע פאַר זיי און דאָס גאַנצע פּראָבלעם אוודאי פרעמד. נישט די פראַגע וועגן ירושה־קראַנקייט האָט עמיצן אינטערעסירט און נישט זיי האָבן געוואָלט הערן וועגן דעם, אַז דאָס גאַנצע חתונה לעבן טויג נישט. די מאַמעס האָבן אַלע געהאַפּט חתונה צו מאַכן די טעכטער און די טעכטער אַליין האָבן אויך נישט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש ווי וועגן חתונה האָבן... ערשט נאָך דעם דורכפאַל האָט יאַנקל זיך געגעבן חשבון, אַז מען האָט פּשוט געדאַרפט זיין אַן אידיאָט צו שפּילן אַזאַ פּיעסע אין קיליע. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט צוריק מיט אַ צייט געלייענט אין אַ ראָמאַן, ווי איינער האָט געזאָגט, אַז פלייש איז אַ זייער געזונט עסן, וואָס קרעפּטיקט שטאַרק, אָבער ווען איינער וועט נעמען אַ צוויי חדשימדיק קינד און וועט דעם גיבן צו עסן פלייש, וועט ער עס דערהרגענען... יאַנקל איז יענע נאַכט קיין רגע נישט געשלאָפן און די מאַמע, וואָס האָט זייער נישט געוואָלט, אַז ער זאָל שפּילן טעאַטער, האָט נישט אויפגעהערט וואַכן איבער אים און ווען זי האָט געכאַפּט זיין אָפּענעם בליק, האָט זי אים געפרעגט, צי זיין שפּילן איז געפעלן. זי האָט פון דעסט וועגן געוואָלט, אַז איר זונס שפּילן זאָל אויסנעמען...

דער דורכפאַל איז געווען אַ פענאָמענאַלער. מען האָט אין שטעטל געזאָגט, אַז עס זיינען שוין געווען מיאוסע ספּעקטאַקלען אין קיליע, אָבער אַזאַ חולי חלשות איז נאָך קיינמאָל נישט געווען... און די גאַנצע שולד איז געפאַלן אויף דעם שוחטס זון, וואָס איז אי אַ ליטוועק, אי אַן אַפּיקורס, אי אַ שמדניק, אי אַ צולהכעיסניק. ער האָט עס אומיסטן אויסגעקליבן אַזאַ מין סאָרט פּאַסקודסטווע, אַז עס זאָל שלאָגן צו דער גאַל... עס איז דערגאַנגען ביז צום טאַטן

און צו דער מאַמען אויך. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט איבערהויפּט געדאַרפט רחמנות האָבן אויף אים און נישט שפּילן. מאַלע האָט מען פאַרלאָזט די ישיבה און מען וויל לערנען אויף דאָקטער, דאַרף מען שוין אויסדינען אַלע עבודה זרות אין דער וועלט? אָבער אַז שוין יאָ שפּילן, האָט מען דאָך ביז איצטער געשפּילט יידישע זאַכן, וואָס דער עולם האָט פון זיי געלעקט די פינגער, כאָטש מען האָט אין זיי אויך מיסתמא חוזק געמאַכט פון יידן... מען זאָגט דאָך, אַז דאָס איז געווען עפּעס אַזאַ מיאוסקייט, וואָס האָט קיין נאָמען נישט. מען האָט עפּעס געוויזן ווי אַ ברודער האָט געוואָלט וואוינען מיט אַ שוועסטער און מיט אַ מאַמען און אַ מאַן האָט געוואוינט מיט דער דינסט. עס איז גלאַט פּאַסקודסטווע, וואָס עס קומט פאָר ביי די גויים, אָבער אַפילו ביי די ערגסטע יידן קומט עס, גאָט זיי דאַנק, נישט פאָר... יאַנקל האָט נישט געפונען קיין ווערטער זיך צו פאַרענטפערן און ער האָט געקוקט טרויעריק מיט די אויגן אַראָפּ און ער האָט געשוויגן. די מאַמע האָט גערעדט נאָך שאַרפערע רייד, אָבער זי האָט באַמערקט, אַז איר זון ווערט אַלע מאָל מער געל און גרין און דאַר, האָט זי אָנגעהויבן שוויגן און זי האָט שוין גענומען ריידן וועגן דעם, אַז ס'איז אפשר אַ געטוענע זאַך. אָט ווי זי האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון בוהושער רבין, האָט זי געהייסן שרייבן צו אים אַ קוויטל... יאַנקל האָט זיך אַ היפּשע צייט געשעמט צו ווייזן אין גאַס און ער האָט זיך פאַרשפּאַרט אין צימער און ער האָט געפּרואווט לייענען און לערנען, אָבער ס'איז אים נישט געקראָכן אין קאָפּ אַריין. ער האָט זיך געפילט איבעריק און ער איז געווען ברוגז אויף טאַטע און מאַמע, וואָס האָבן אים געבראַכט אויף דער וועלט און אויף זיך אַליין, וואָס ער איז אַזאַ שלים־מזל און עס גייט אים אַלץ מיט דער פוטער אַראָפּ. ער האָט געהערט וועגן בחורים, וואָס זיינען אוועק אין איין צייט מיט אים פון דער ישיבה און זיי האָבן שוין געענדיקט די גימנאַזיע און ער קריכט און טוט אַלעמאָל אָפּ אַן ערגער נאַרישקייט. און דערווייל האָט ער געהערט, אַז דאָס ווייבל, וואָס איז געקומען מיט אים אין איינעם פון באָלגראַד איז שוואַנגער. מען האָט עס דערציילט ווי אַ נס. אַריבער צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז זי נישט פאַרגאַנגען אין טראָגן און איצטער האָט איר גאָט געהאָלפן. מען האָט געזאָגט, אַז ס'איז געווענדט פון איר, דערנאָך האָט מען געזאָגט, אַז עס איז געווענדט פון אים און איצטער האָט גאָט געהאָלפן. דערוואוסט האָט מען עס זיך באַלד פון דער טוקערן, זי האָט שוין געפירט אַ חשבון און זי האָט באַלד געוואוסט וואָס פאַר אַ ווייבל איז פאַרגאַנגען אין טראָגן אַריין. אין דער גאַנצער שטאָט זיינען נישט געווען מער ווי צוויי יידישע ווייבלעך, וואָס זיינען נישט געגאַנגען אין מיקווה אַריין. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז דער רבי האָט געהאָלפן, אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז אַ ציגיינערטע האָט געגעבן אַזאַ מין גראָז. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז אַ קעשענעווער גרויסער דאָקטער האָט איר געגעבן די ריכטיקע רפואה. יאַנקל איז דערפון אַרומגעגאַנגען אַ צעקאָכטער און דאָס חיות איז

אים אויסגעגאַנגען אַ קוק צו טאָן אויף דער פרוי, וואָס וועט ווערן מאַמע פון זיין קינד און ער האָט געדענקט, וואָס ער האָט איר צוגעזאָגט און ער האָט זיך געהאַלטן ווייט פון איר און מער ווי שטאַרק פון וויטנס האָט ער זי נישט געזען.

אין סאַמע מיט שטאָט איז געוואָרן אַ „רויטער פּאַנאַר". טאַקע דער זעלביקער לייזער זעקס האָט עס געמאַכט. זיין טאַטע איז געשטאָרבן און ער האָט געזאָגט, אַז די יידן האָבן אים פּאַרטריבן אויף יענער וועלט און ער האָט דערפאַר געדונגען אַ שענק פונקט אַנטקעגן פּינחס שוחט און ער האָט דאָרט געמאַכט אַ פריילעך הייזל. עס איז געוואָרן אַ געוואַלד און אַ געטומל, מען האָט געפּרואווט מיט גוטן און מיט בייזן און עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער רב האָט דעם תכשיט געשיקט רופן, האָט ער געזאָגט, אַז דער רב ווייסט דאָך שוין, ווי אַזוי מען הערט אים. ער האָט געזאָגט צום רב, אַז ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָס פאַר אַ קינדער פון טאַטעס עס קומען צו אים און וואָס פאַר אַ שיינע יידן עס קומען צו אים, וואָלט ער אים נישט געזאָגט קיין מוסר. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט דער איינציקער אין שטאָט. עס איז שוין זייט לאַנג דאָ אַ יידענע אַן אַלמנה צו וועלכער עס גייען אַלע אַלמנס... דער רב האָט געוואוסט, אַז ער מיינט אַ יידענע, וואָס הייסט יהודית און וואָס זיצט שטענדיק אויף דער פּריזבע מיט אַ קרבן מינחה סידור און מיט אַ טייטש חומש און עס קומען צו איר אַלמנס און גרושס און יעדער האָט עס געוואוסט און מען האָט געמאַכט אַ שוויג, כאָטש עס זיינען געווען אויך אַנדערע אַל־מנות, אויף וועלכע מען האָט גערעדט. „יהודית, האָט לייזער זעקס געשריגן, האָט נישט קיין קינדער און איך בין אַ טאַטע פון עטלעכע קינדער און איך דאַרף פרנסה!" וואָס דער רב האָט אים נישט געזאָגט, אַז ס'איז אַ חילול השם און ער וואָלט כאָטש געדאַרפט אַרויסציען זיך אַרום דער שטאָט מחוץ למחנה, האָט ער נישט געהערט. ער האָט געזאָגט, אַז אויב אַזוי, דאַרף זיך יהודית אויך אַרויסציען. עס איז געקומען צו סקאַנדאַלן. טאַטעס זיינען נישט איינמאָל געגאַנגען זוכן די זינדלעך אין יענעם פריילעכן שטובל און די שטאָט איז געגאַנגען כאַדאַראַם. יונגע יאַטן זיינען געשפּרונגען איבער דעם פּלויט. עס האָט זיך אויך געמאַכט, אַז קריסטלעכע טאַטעס זיינען געלאָפן זוכן זייע־רע טעכטער דאָרטן און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי וועלן אויסקוילען אַלע יידן, אויב זיי וועלן זיי דאָרט געפינען. געווען איינע אַ גוישע בעטלערן אין שטאָט, וואָס האָט געהאַט צוויי שיינע טעכטער, וועלכע זיינען פון תמיד אָן געווען נאַסנפּרויען, איז זי איין מאָל אין אַ פאַרנאַכט געלאָפן איבער דער גאַנצער גאַס און האָט געמאַכט אַ ליאַרעם און געשריגן „מאָיאַ דאָטשקאַ או זעקסאַ" (מיין טאָכטער איז ביי זעקסן!). זי איז אויך געלאָפן צו די שולן מיט דעם זעלביקן געוואַלד און עס האָבן זיך שוין אַרומגעקליבן אַרום איר עטלעכע שטענדיקע כוליגאַנעס און זיי זיינען גרייט געווען צו גיין זעצן שויבן ביי יידן.

א בחור איז אריינגעגאנגען צו לייזער זעקס און ער האט אים געזאגט, אז ער וועט ברענגען אן אומגליק אויף דער גאנצער שטאט מיט יידן און דער מנובל האט זיך דערשראקן און ער האט אוועקגעשיקט דאס שיקסל דורך א הינטער־שטער טיר און זי איז באלד געלאפן צו איר מוטער און זי האט געזאגט, אז זי איז געגאנגען שפאצירן און זי האט גאר אוסגעטראכט אזא בילבול אויף איר... ערשט נאך יענעם סקאנדאל האט מען געפועלט פאר א היפשער אפור־תיקא ביים מיאוסן נפש, אז ער זאל זיך ארויסציען ארויס דער שטאט. די יידישע יונגעלייט האבן אים אויך געדארפט צוזאגן, אז זיי וועלן קומען צו אים, בכדי ער זאל זיך ארויסציען. און זיי האבן געהאלטן ווארט. עס איז ארויס דער שטאט באלד געווארן א פלאץ, וואו די מערסטע חדר־קאלעגן פון אונזער העלד זיינען געפארן פארברענגען. די עטלעכע דראשקארעס האבן גע־פירט די יאטן צו די שמחות און האבן ביי זיי באקומען א מנה יפה און זיי האבן ערשט דערנאך דערציילט די עלטערן פון די זינדלעך און זיי האבן בא־זונדער עפעס באקומען דערפאר... עס איז באלד נישט געבליבן קיין בחור, וואס זאל נישט געווען אמאל ארויספארן צו לייזערן. מען האט געזאגט, אז ער האט געבראכט „סחורה" אזש פון קעשענעוו איינס און איינס. די שאנד־הייזער פון קעשענעוו האט מען גערופן „ביי די קינדער", האט מען געזאגט, אז לייזער זעקס האט געבראכט א טראנספארט אזש פון „די קינדער". די עלטערן האבן זיך געפילט מוראדיק שלעכט און נאך ערגער האבן זיך גע־פילט די מיידלעך פון שטעטל. זיי האבן געזאגט, אז עס ווערט זיי מיאוס צו גיין שפאצירן מיט די יינגלעך און איניקע האבן גערעדט וועגן א באיקאט אויף די בחורים... יאנקל האט זיך באהערשט מיט אלע כוחות נישט צו לאזן זיך פארשלעפן אין יענעם מקום אריין. ער האט געוואוסט. אז ווען ער וועט זיך לאזן איבעררייידן, וועט ווערן דער גרויסער סקאנדאל. מען האט געזאגט, אז קינדער פון אנדערע כלי קודש זיינען שוין דארט געווען, אבער ער האט געוואוסט, אז די שטאט קוקט ארויס אויף דעם גרויסן סקאנדאל פון זיין גיין. עס זיינען געווען עטלעכע יידענעס רכילותניצעס, וואס האבן ארויסגעקוקט מיט טויזנט אויגן אויף דער בשורה, אז דער ישיבה בחור, וואס האט שוין געפסקנט שאלות זאל אהין גיין און ווען זיי האבן זיך נישט געקענט דער־ווארטן, האבן זיי עס אליין אויסגעטראכט. פון זיך אליין איז ווי פון אונטער דער ערד ארויס א קלאנג, אז ער אליין איז דארט געווען און ער האט נאך

רעכט אים נישט צו גלויבן, אָבער ער שווערט זיי, אַז ס'איז אַ בילבול, מען האָט דאָס אויסגעטראַכט אויף אים... ער איז גרייט זיי דאָס צו שווערן ביי אַ ספר תורה און ביי שוואַרצע ליכט. ער האָט דאָס געזאָגט מיט אַזאַ קראַפט, אַז די עלטערן האָבן זיך איבערצייגט און ס'איז זיי געוואָרן גרינגער אויף די נשמות און זיי האָבן אויסגעלאָזט זייערע הערצער צו די רכילותניקעס. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו שווערן פאַר אַ ספר תורה פאַר זיין זון און זאָל עמיצער וואַגן צו שווערן פאַר אַ ספר תורה, אַז ער האָט אים דאָרט אליין געזען; און די מאַמע האָט פשוט געשאָלטן מיט טויטע קללות אויף די בילבולימניצעס און זי האָט זיי געזאָגט, אַז איר טאַטע האָט איר שטענדיק געלערנט, אַז החושד בכשרים, לוקה בגופו און די אַלע, וואָס האָבן אויסגעטראַכט אַ בילבול, אויף איר קינד, וועלן געשלאָגן ווערן מיט מכות, אַזוי ווי פּרעה דער מלך פון מצרים... און יאַנקל האָט זיך בשעת מעשה געקלערט, אַז וועגן דעם, אַז ער האָט געלעבט מיט אַן אשת איש, וואָס עס איז אַ סך ערגער, ווייסט קיינער נישט און קיינער שרייט נישט, כאָטש זי גייט האָבן אַ קינד פון אים. און ער האָט זיך ווידער געזאָגט, אַז דאָס לעבן איז איין געדיכטער ליגן און אַ זייער טרויעריקער דערצו... ער האָט דעמאָלט געהאַט געלייענט א. ווייטערס „דער שטומער" און אים איז פאַרגעקומען, אַז ער וואָלט געדאַרפט נאָכטאָן דעם „שטומען" און צוריקפאָרן קיין קעשענעוו, אַריינגיין ערגעץ אין אַ בית מדרש און זיך פאַרלאָזן אַ באָרד און זיך אַנידערזעצן איבער אַ גמרא און אייביק שווייגן. ער האָט געקענט אין קעשענעוו איינעם אַ שווייגער, וועלכן מען האָט גערופן „דער שותק". מען האָט געזאָגט, אַז ער קומט אַרויס פון אַ גאָר רייכער און מיוחסדיקער פאַמיליע, אָבער ער האָט ערגעץ איבערגעלייענט אין אַ ספר, אַז ס'איז אָנגעצייכנט פון פריער, וויפל אַ מענטש דאַרף אויסריידן ווערטער אין זיין לעבן און ווען ער ענדיקט די צאָל ווערטער, שטאַרבט ער. האָט ער נישט געוואָלט ריידן, בכדי נישט צו שטאַרבן. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן שמוציק און ער האָט כסדר געריסן שטיקער פון זיין באָרד, וואָס איז געווען אין גאַנצן אויסגעפליקט אונטער דעם מויל. ער איז אַרומגעגאַנגען הונגעריק און עס זיינען געווען מענטשן, וואָס פלעגן אים מוטשען און זאָגן, אַז אויב ער וועט אַרויסריידן אַ וואָרט, וועלן זיי אים געבן עסן און ער פלעג ליידן הונגער און שווייגן. מען האָט אים גערייצט מיט געשמאַק עסן און ער האָט געקוקט און די סליונקעס האָבן אים גערונען איבער דעם מויל און ריידן האָט דאָך נישט געוואָלט. יאַנקלען איז פאַרגעקומען, אַז ער דאַרף ווערן אַזאַ שותק ווי יענער. און פון דעסט וועגן האָט ער זיך נאָך יענער מעשה מיטן בילבול נישט געפילט שלעכט, עפּעס איז אים גרינגער געוואָרן אויף דעם האַרצן פון דעם. וואָס ער האָט איינמאָל געליטן נישט פאַר אַן אמת, נאָר פאַר אַ בילבול... עס איז אים אויף אַזויפיל געוואָרן לייכטער אויף דעם האַרצן, אַז ער האָט זיך געקענט נעמען צום לער־

נען און ס'איז אים איצטער גרינג אָנגעקומען. דער קאָפּ איז אים געווען אַזוי לויטער, ווי אין דעם ערשטן יאָר, ווען ער איז אָנגעקומען אין דער ישיבה אריין. די שבלדיקע לימודים זיינען אים גאָר לייכט אָנגעקומען און אויך די „גודנע" אָביעקטן, וואָס מען האָט געדאַרפט פּשוט אויסלערנען אויף אויסנ־ווייניק, זיינען אים אויך נישט געגאַנגען שווער. ער האָט אין זיך געפילט אַ נייעם שטראָם פון כוח און גבורה, אַז אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען ביז אין די עקזאַמענעם פאַרטיק ווערן מיט אַלע אַכט קלאַסן. ער קען אויסלערנען אַ קלאַס אין צוויי חדשים. ער האָט זיך געפילט אַזוי באַפרייט פון אַ שווערן יאָך, אַז ער איז אַפילו פון צייט צו צייט געגאַנגען שבת מיט דעם טאַטן אין שול אַריין און ער האָט געדאַוונט אויף אַ קול און ער האָט געזונגען און יידן האָבן געזאָגט, אַז ווען ער וויל, קען ער...

און אין שטעטל האָט מען אין אים אויף אַ שטיק צייט פאַרגעסן. עס איז געוואָרן אַ רעש מיט אַ מיידל. עס האָט געטראָפן מיט דער טאָכטער פון דער „קאַבאַטשעכע", וואָס האָט פאַרקויפט זאַלבן קעגן פּרישטשעס און פאַר אַ לויטער פּנים. זי איז געווען אַ זייער שיין מיידל, אַ הויכע און אַ גע־שטרעקטע איז געווען און זי האָט געהאַט אַ שלאַנקן בייגזאַמען קערפּער. זי איז געווען אַ בלאָנדע, זי האָט געהאַט אַ לאַנגן צאָפּ ביז אין דער ערד, כאָטש זי איז געווען אַ הויכע; זי האָט געהאַט אַ לויטער פּנים, גלייך עס וואָלט גע־ווען פון ראָזעווע רויזן־בלעטער און העלע אויגן און דינע און דאָך זאַפטיקע ליפּן. זי איז געווען דורך און דורך ווייב. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז זי איז דאָס שענסטע מיידל פון שטאָט און אַ געוויסער אמת איז אין דעם געווען. עס זיינען געווען מער חנוודיקע מיידלעך ווי זי, אָבער קיין מיידלעך מיט פּערפעקטערע שטריכן ווי זי האָט געהאַט, זיינען נישט געווען. זי איז עפּעס נישט געזונט געוואָרן און זי איז געגאַנגען זיך קורירן צו אַ רוסישן דאָקטער, וואָס האָט זיך זייט אַ קורצער צייט באַזעצט אין שטעטל און דער דאָקטער האָט זיך באַלד פאַרליבט אין איר און זי איז געגאַנגען מיט אים וואָוינען. מען האָט געזאָגט, אַז דער דאָקטער האָט אין אַן אַנדער שטאָט אַ ווייב און אַז ער איז אַ זייער רייכער און ער האָט געשלאָסן מיט איר אַ קאָנטראַקט און ער באַצאָלט איר אַ גרויס פאַרמעגן. די שטאָט האָט זיך געוויגט. געזאָגט האָט מען, אַז דער דיין האָט געשיקט רופן די אַלטע קאַבאַטשעכע און איר געוואָרנט, אַז איר טאָכטער קען חלילה ברענגען אַן אומגליק אויף דער שטאָט. און מען האָט דערציילט, אַז די אַלטע האָט זיך פריער דערשראָקן און דערנאָך האָט זי געזאָגט, אַז עס אַרט זי נישט ס'זאָל קומען אַ מגפה אויף דער שטאָט, ווייל ווען זי איז געבליבן אַ יונגע אלמנה און זי איז געשטאָרבן פאַר הונגער אין איינעם מיט אירע קליינע קינדער, האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויף איר. מען האָט געזאָגט, אַז מען וועט גיין צו דער אַלטער און מען וועט איר אויסזעצן די שויבן, אָבער מען האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם דאָקטער און

מען האָט גאָרנישט געטאָן. אויף צו להכעיס האָט נאָך דער דאָקטער געקראָגן א גוטן שם און מען איז געגאַנגען צו אים אַן א שיעור, כאָטש ער האָט זיך באַ־זעצט זייער ווייט, כמעט אין סאַמע עק שטעטל, צום טייך צו. געווען ביים סאַמע עק שטעטל אויפן וועג צום פאַרט און צום שפּאַציר־בערגל א גרויסער שלאָס, וואָס ער איז געווען דער שענסטער אין קיליע און ער האָט געהאַט א פּרעכטיקן גאָרטן פון בלומען און פּרוכט־ביימער. דער גאָרטן האָט געהערט צו א גרויסן פּריץ, וואָס האָט געהייסן גיליס. מען האָט געזאָגט, אַז ער וואוינט אין איינעם מיט די קינדער אין בוקאַרעשט. דער אַלטער איז קיינ־מאָל נישט געקומען קיין קיליע, די זין זיינען יאָ געקומען פון צייט צו צייט. זיי זיינען געגאַנגען זייער מאָדנע אָנגעטאָן. זיי האָבן געטראָגן לאַנגע שטיוול און א סך מאָל געלע קורטקעס פון לעדער. אָדער פון פּליוש. זיי האָבן אויך געטראָגן גרויסע שווארצע בערד און זיי זיינען געווען טוינקלהויטיקע, אַזוי ווי ציגיינערס. זיי זיינען געווען זייער חנוודיקע און די מיידלעך פלעגן קוקן זייער אומרואיק אויף זיי. פון צייט צו צייט פלעגן קומען אויך איינינקע טעכטער פון גיליסן, וואָס זיינען אויך געגאַנגען אָנגעטאָן מאָדנע און זיינען געפאָרן רייטנדיק אויף פערד און האָבן געטראָגן קאָסטיומען פון קורטיזאַנקעס. זיי זיינען געווען די איינציקע מיידלעך, וואָס פלעגן אַזוי גיין אָנגעטאָן אין קי־ליע. זיי פלעגן אַרומפאָרן ווי די צירק־רייטערנס און זיי האָבן געשמיסן מיט די בייטשן און אַפילו מיטליעריקע יידן פלעגן זיי נאָכקוקן מיט צערייצט־קייט. דעם גאָרטן האָט מען אַלע טאָג באַשפּריצט זומער־צייט און קינד און קייט און יונג און אַלט פלעג זיך אָפּשטעלן לעבן די אייזערנע שטאַכעטן און באַקוקן דעם מאָדנע גאָרטן, אין וועלכן עס זיינען געשטאַנען אַלערליי פיגורן און פיגורלעך, וואָס עס האָט געשפּריצט וואַסער פון די מיילער און אַנדערע טיילן קערפּער. אין יענעם שלאָס האָט זיך באַזעצט דער דאָקטער און דער אָרימער קאַבאַטשעבעס טאָכטער איז געוואָרן די באַלעבאָסטע פון דעם רייכס־טן מויער פון שטאָט, וואוהין קיינער האָט נישט געוואַגט אַריינצוגיין. די ערשטע צייט האָט זיך דאָס שיינע מיידל באַהאַלטן און קיינער האָט זי נישט געזען, אָבער אין א שטיק צייט אַרום האָט מען אָנגעהויבן דערציילן, אַז מען זעט זי אין וואַרט־צימער פון דאָקטערס קאַבינעט און זי רעדט נאָר רוסיש, כאָטש זי קען נישט גוט און זי האַלט זיך ווי א גרויסע מאַדאַם. דער דאָקטער האָט שוין געהאַלטן צו איר א רוסישן לערער און זי האָט אָנגעהויבןריידן רו־סיש ווי אַן אינטעליגענטקע. זי האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אויך ביים פענצ־טער און כאָטש עס איז נאָך געווען ווינטער, פלעג זי א סך מאָל עפנען א פענצטער און אַרויסקוקן, ווען זי האָט געזען, אַז מען גייט שפּאַצירן לעבן איר שטוב. זי האָט געוואָלט ווייזן יעדן איינעם, אַז זי האָט נישט מורא און זי שעמט זיך נישט פאַר קיינעם. זי האָט עס פאַרנומען יאַנקלס פּלאַץ אין שטעטל און אַנשטאָט צו פּליאַטקעווען וועגן אים, האָט מען געפּליאַטקעוועט וועגן איר.

זי אַליין האָט אַ פּאָר מאָל אָפּגעשטעלט יאַנקלען, ווען ער איז פאַרבייגעגאַנ־גען לעבן איר פענצטער און זי האָט גערעדט צו אים רוסיש און זי האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז שווער צו לעבן אין אַ פאַנאַטיש שטעטל און אַז זי ווייסט, וואָס ער איז זיך אויסגעשטאַנען און אַז זי פילט אים איצטער מיט. ער איז זיך ווייטער געגאַנגען אַן איינזאַמער, און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס איר צו זאָגן... מאָדנע איז אים אויסגעקומען די גאַנצע זאַך — ער איז אַזאַ סענ־סאַציע, ווי זי... זי איז עס, ווייל זי איז אַ שיין מיידל און ער וואָס איז?...

ס'איז שוין געווען נאָך פורים און דער טייך האָט זיך שוין גענומען רירן. די ביימער האָבן זיך שוין אויך אָנגעהויבן שפּאַלטן און אַרויסלאָזן צווייט. דער שניי אויף דער ערד האָט זיך אָנגעהויבן צעגיין און ער האָט פאַרלוירן זיין ווייסקייט און ער האָט אויסגעזען ווי אַ ווייס פּנים, וואָס מען האָט עס אויסגעשמירט. מען האָט געוואוסט, אַז אין גיכן וועלן שוין קומען שיפן און זיי וועלן שאַפן קאָנטאַקט מיט אָדעס און זיי וועלן ברייינגען אומרואיקייט און בענקשאַפט. פון רעני איז אָנגעקומען אַ בריוול פון דעם טאַטנס פּלימעניצע לאה, וואָס האָט דאָרט געוואוינט אין איינעם מיט איר מאַן און מיט אירע צוויי קינדערלעך, אַז מען זוכט אין שטעטל אַ לערער, וואָס זאָל קענען אי רו־סיש, אי יידיש און זי מיינט, אַז יאַנקל דאַרף קומען אַהין. עטלעכע באַלע־באַטים וועלן אים מאַכן אַ שולע און ער וועט האָבן שיין פּרנסה. יאַנקל האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט און ער האָט מיט ציטער געענטפערט, אַז ער וועט קו־מען באַלד נאָך פּסח. ער האָט דערפילט, אַז דער פּסח קומט פאַר אים מיט אַ פרייד. ער איז אַזש געגאַנגען מיטן טאַטן אין שול אַריין שוין דעם ערשטן אויפדערנאַכט יום טוב און ער איז געזעסן ביים סדר אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע יאָרן און ער האָט געזונגען די גאַנצע הגדה און דערציילט פשטלעך און משלים פון דובנער מגיד און ער האָט זיך נישט אויפגעהערט קושן מיטן ברו־דערל, נאָך וועלכן ער האָט שוין באַצייטנס געבענקט. נאָך איידער ער איז אוועקגעפאָרן. ער האָט זיין ברודערל אומגעהויער ליב געהאַט. ער האָט אין אים געזען און געפילט טויזנט טעמים און ער האָט אים מקנא געווען מיט זיין פשוטקייט. מען האָט אים געלאָזט לערנען רוסיש און מען האָט אים נישט צו שטאַרק געשטאָפּט מיט קיין תורה און ער איז נישט געווען שטאַרק פרום און עס האָט קיינעם נישט געאַרט. ווען יאַנקל האָט געטראָגן אַ טיכל אום שבת, איז די שטאָט געגאַנגען כאָדאָראָם און ווען דער ברודער האָט זיך גע־טראָגן מיט קעשענעס נים אום שבת, האָט זיך קיינער נישט אומגעקוקט אויף דעם און ס'איז געווען נאַטירלעך. דאָס דאָזיקע, וואָס פריער זיין שוועסטער מרים און דערנאָך ער האָבן געדאַרפט נעמען מיט שטורעם, איז זיין ברודערל אָנגעקומען גרינג. ס'איז געווען ווי פרוג האָט געזאָגט וועגן מענדעלען: ער האָט געדאַרפט דורכשלאָגן דעם שליאַך און די אַנדערע זיינען שוין געפאָרן לייכט...

ערב פסח האָט יאַנקל באַקומען אַ בריוו פון זײַן גוטן פעטער מאיר, וועלכן ער האָט שוין אַ סך יאָרן נישט געזען. ער האָט צו אים געשריבן ווי צו אַ פּלימעניק און ווי צו אַ גלײַכן מענטשן און ווי צו אַ, האָט ער געשריבן, געבילדעטן מענטשן. זײַן עלטסטער זון סיאָמע האָט געדאַרפט אַ חתן ווערן פון ווילקאָוו. ער האָט פאַר קיינעם נישט מורא געהאַט און ער האָט אים גע־רופן סיאָמע, נישט שלמה ווי דער טאַטע האָט אים גערופן. דעם שידוך האָט גערעדט אַ שדכן און נאָך פּסח וועלן זיך חתן־כלה אָנקוקן אין קיליע טאַקע, ווײַל ער הערן אַ מיינונג פון אים. זאָל ער אַרײַנפאָרן קיין ווילקאָוו, זאָל עס הייסן, אַז ער פאָרט צו גאַסט צו זיידל שוחט. ער איז דאָך עפּעס אַ קרוב און דאָרט וועט ער זיך שוין באַקענען און ער וועט זען וואָס פאַר אַ משפּחה די כלה האָט און צי זי איז אַ שיינע און אַ קלוגע. יאַנקל האָט זיך געפילט נישט גוט מיט דער מיסיע, וואָס דער פעטער האָט אים אויפגעגעבן, עס איז אים אויסגעקומען, אַז ער דאַרף ווערן אַ מין שדכן, אָבער צוליב דעם גוטן פעטער מאיר איז ער געווען גרייט צו טאָן אַלצדינג. ער האָט געדענקט ווי אַזוי ער איז אַמאָל געקומען צו זיי אַהיים און ער האָט אין דער שטרענגער אַטמאָספער אַרײַנגעבראַכט אַ מילדקייט און אַ פרייד, כאָטש אים אַליין איז דעמאָלט גע־גאַנגען אַזוי שלעכט. ער האָט געוואוסט, אַז אויך איצטער גייט אים נישט גוט און ער האָפט אויף אַ פרייד פון די קינדער און ספּעציעל פון זון, וואָס וועט חתונה האָבן, נעמען נדן און מאַכן אפשר בשותפות אַ געשעפט מיטן טאַטן; ער האָט געשריבן אָפן, אַז אפשר וועט ער אויפגעבויעט ווערן דורך דעם זון. און יאַנקל איז דעם ערשטן טאָג חול המועד אַרײַנגעפאָרן קיין ווילקאָוו.

דאָס שטעטל האָט אויסגעזען פונקט אַזוי ווי אַמאָל, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געפאָרן מיטן טאַטן קיין אָדעס אויף צו פאָרן קיין קעשענעוו אין דער ישיבה אַרײַן. געווען אין גאַנצן אַ יאָר זיבן־אַכט אין דעם, אָבער געדאַכט האָט זיך אים, אַז עס איז שוין אַ גאַנצע אייביקייט. וואָס ער האָט נישט איבערגעלעבט זײַט דעמאָלט! און דאָס שטעטל איז נאָך געווען אַזאַ מקום ווי אַמאָל. עס איז געשטאַנען אין וואַסער און צווישן ביימער און מען האָט געדאַרפט גיין איבער בריקן און קלאַטקעס און ס'האָט אויסגעזען שיין. עס האָט געשמעקט מיט געזאַלצענע פיש. עס איז דעמאָלט געווען דער ברען פון סעזאָן אין פיש־פאַנג און ספּעציעל אין פאַנג פון די הערינג, וואָס האָבן גע־הייסן „דונאַיער" און אויך „ווילקאָווער". מען האָט זיי געהאַלטן פאַר די בעסטע הערינג אין דער גאַנצער וועלט. מען פלעג קומען פון מאָסקווע און פּעטערבורג אויסצוקויפן די דאָזיקע הערינג. כאָטש מען האָט זיי גערופן „ווילקאָווער" האָט מען זיי געכאַפּט אויך אין קיליע און ביי דער גאַנצער לענג פון בעסאַראַבישן דונאַיער אָרעם. געזאָגט האָט מען, אַז אין קיליע זײַנען זיי נאָך בעסער ווי אין ווילקאָוו און מען האָט עס דערקלערט מיט אַ שכל. די

הערינג קומען פון שווארצן ים, וואו זיי זיינען זייער מאָגער און אַזוי ווי זיי גיבן אַ קום אריין אין דער זיסער וואסער פון דונאַי, ווערן זיי באַלד פעט, דערנאָך, אַז זיי שווימען ווייטער און געוואוינען זיך צו צום וואסער, פאַלן זיי אָפּ. האָט מען געזאָגט, אַז אין ווילקאָוו זיינען די הערינג נאָך צו פעט און אין איזמאַיל זיינען זיי שוין צו מאָגער, בעת אין קיליע זיינען זיי צום בעסטן. געווען אין אַקערמאַן אַ הערינג, וואָס מען האָט אים גערופן „בוץ" און ער האָט אויסגעזען פונקט ווי דער ווילקאָווער הערינג. אין אַקערמאַן איז פאַראַן אַ געזאַלצענער לימאַן, האָט מען געזאָגט, אַז מען רופט יענעם הערינג „בוץ", ווייל ער איז אַ טיפּש, אַ בוץ — אַנשטאָט צו גיין אין דער זיסער וואסער פון דונאַי, לויפט ער צו די געזאַלצענע וואסערן פון לימאַן. אין קיליע האָט מען שוין אויך געהאט געכאפּט הערינג און עס זיינען שוין אויך געווען פרעמדע סוחרים, וואָס האָבן זיי געזאַלצן און מאַרינירט, אָבער אין קיליע האָט זיך דאָס אַזוי נישט געפילט ווי אין גאַר קליינעם ווילקאָוו. דאָרט האָט דאָס גאַנ־צע שטעטל געשמעקט מיט הערינג. ווען יאַנקל איז אָנגעקומען אין שטעטל אריין, האָט ער געזען ווי עס קומען צו צום ברעג שיפלעך, וואָס זיינען פול מיט הערינג, וועלכע שימערירן אויף דער זון, אַזוי ווי זילבער. אייניקע האָבן נאָך זיך געצאַפּלט מיט אַ לעצטן ביסל לעבן. די ליפּאָוואַנעס מיט די גרויסע בערד האָבן צו די הערינגס גערעדט ווי צו מענטשן און זיי גערופן „דיעט־טאָשקי" (קינדערלעך). עס זיינען שוין באַלד געשטאַנען מבינים, וואָס האָבן געמאָסטן די גרויס און האָבן סאָרטירט די זילבערנע הערינג, וועלכע מען האָט גענדאַרפט אוועקפירן ווייט, ווייט. מען האָט געזאָגט, אַז מען פאַרקויפט זיי צום צאַר אַליין אין שלאָס אריין.

צוגעפאָרן איז אונזער העלד צום ווילקאָווער שוחט, וואָס האָט שוין אויס־געזען עלטער און ער האָט שוין געהאט אַ סך גרויע האָר אין דער באָרד. יאַנקל האָט זיך געקלערט, אַז ווען דער טאַטע וואָלט עס געזען, וואָלט ער אים שטאַרק מקנא געווען. דער שוחט האָט שוין געוואוסט וועגן וואָס זיין גאַסט איז געקומען און ער האָט געלאַכט מיט זיינע יונגע און ברענענדיקע אויגן און ער האָט געזאָגט, אַז אַ בחור אַ שדכן האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען, עס איז דאָך עפּעס ווי מען זאָל שיקן דעם קאָטער נאָך סמעטענע. און ער האָט שוין געפרעגט זיין גאַסט, צי ער דאַרף ערשט דאַווענען, אָדער ער איז געקומען אַ געדאַווענטער, ווייל ער האָט געהערט זאָגן, אַז ער שטייט אין גאַנצן אויף אַ געדאַווענטער. אין שולעכל האָט מען שוין געהאט אָפּגעדאַווענט און אַזוי ווי קיין תפילין האָט מען נישט געדאַרפט לייגן, האָט יאַנקל גענומען אַ סידורל און אָפּגעברומט אַביסל און פאַרשפּאַרט דער שוחטקע אַן ערגערניש. זי האָט אים מיט אַ רואיק האַרץ געגיבן צו עסן פרישטיק און זי האָט געוויזן, אַז זי קען מיט אירע פּסחדיקע ברעמזלעך נישט פאַרשעמט ווערן אויך פאַר זיין מאַמעס געבעקס. און יאַנקל האָט זיך באַלד געזען מיט דעם אַלטן

משה טשיטשילניצקי און מיט זיין חדר־חבר מאיר פאליקאוו. וואס האט אויך געוואוינט אין ווילקאוו. משה טשיטשילניצקי איז שוין געווען ווייס ווי א טויב און די אלטיטשקע זיינע איז שוין געווען טויבלעך. זי האט נישט דער־הערט, וואס די קונים האבן געבעטן און ער האט איר אלע מאל געמוזט צו־העלפן און ער האט נישט געהאט רעכט קיין צייט צו ריידן מיט זיין גאסט. די קונים האבן זיך אויף צו להכעיס א לאז געטאן און האבן געהאלטן אין איין קויפן, ווער פאר א קאפיקע, ווער פאר צוויי און ווער אויך — פאר א האלבער קאפיקע. ס'איז, האט דער אלטער געזאגט, א גרויסע כמארע און א קליינער רעגן, ביי איין איינציקע זאכן פארדינט מען אין גאנצן גארנישט, אבער מען מוז זיי האלטן, ווייל די אנדערע קרעמער האלטן זיי אויך, אבער ער האט זיך דאך באפרייט פון די קונים. ער איז געווארן ווי יינגער צוליב דעם גאסט און ער האט זיך געהאלטן אין איין חכמהנען מיט אים און אים נישט אויפגעהערט פרעגן ווי אמאל: „האט א קאץ א פופעק?" יאנקל האט געענטפערט לאכנדיק: „מיין מאמע איז א בריה, ביי איר האט א קאץ נישט קיין פופעק..." ער האט געקוקט אויף יאנקלס הולך און ער האט געזאגט מיט א גוטן שמייכל, אז ער האט זיך גערעכט, אז ער וועט זיין א רב, אבער אים איז נישט באשערט גע־ווען צו האבן פאר א רב איינעם, וואס ער האט אים געשלעפט ביים סטאן. מער האט ער דערפון נישט גערעדט, ער האט געזאגט, אז ער איז נישט גאטס סטראפטשע און ער האלט, אז גאט ברוך הוא קען אליין זיין שטעטל באשטיין. ער האט בעסער גערעדט וועגן אנדערע זאכן און איבערהויפט וועגן דעם ווי שווער עס איז, ווען מען קומט אויף דער עלטער. נישט אומזיסט בעט דער ייד „אל תשליכנו לעת זיקנה" — אין דער יוגנט מיינט מען, אז מען איז אליין א קנאקער, אבער אז מען קומט אויף דער עלטער, דעמלט קען מען זיך אן גאטס הילף נישט א ריר טאן. ער ווייסט נישט ווי צו דאנקען גאט און טאקע דעם שדכן, וואס ער האט אים ארייננגעגעבן א געדאנק חתונה צו האבן אויף די עלטערע יארן. ווען ער האט חלילה נישט די אלטיטשקע און דאס שטיקל שטוב, וואלט ער דאך געווען אומגליקלעך. זי איז שוין טאקע א האל־בער מענטש די יידענע זיינע, אבער זי וואשט נאך אלץ אוים א פארל וועש און א זאק פארמערעזשעט זי נאך און אז ער גייט אין שול אריין, זעט ער נאט ברוך הוא אוים ווי אלע יידן. און פסח צייט זיינען אין ווילקאוו דא הערינג, וואס האבן אלע טעמים און זומערצייט זיינען דא דיניעס מיט ארבו־זעם מיט אלדאס גוטס. און גרינס אויף שבועות פעלט נישט און הושענות אויף הושענה דבא פעלט אוודאי נישט. גאנץ ווילקאוו איז דאך פול מיט הושענה־ביימער און א סוכה ברוך השם איז דא א שיינע. אין גאנץ ווילקאוו זיינען דא אפשר צען סוכות, האט ער ברוך השם איינע פון זיי און צו אים קומט מען עסן און בענטשן אתרוג אין סוכה אריין. און פסח, האט ער ממזריש א ווינק געטאן מיט אן אויג, איז מען א מלך... עס שטעכט אביסל דא און

דאָרט און אַז מען רעדט מיט אַ מענטשן הויבט מען גראַד אָן אונטערצו־דרימלען, אָבער וואָס זאָל מען טאָן? פון די קינדער און פון די אייניקלעך הערט ער גאָט זיי דאַנק פון דער ווייטנס. ער הערט... קיין בריוולעך שרייבן זיי נישט, שרייבט ער אויך נישט. דער זון מיט אַ סך אייניקלעך זיינען אין אַרגענטינע און די איבריקע אייניקלעך זיינען אין קיליע. ער וואָלט זיי אוודאי געשריבן אַ בריוול, אָבער אַז זיי שרייבן נישט. צו אַ חתונה פון אַן אייניקל האָט ער נאָך ברוך השם געשיקט אַ קערבל דרשה געשאַנק. אַמאָל מאַכט זיך, אַז אים דאַכט זיך ער זעט אַלע קינדער און אַלע אייניקלעך. זיי זיינען אַלע אַרום אים און ער רופט זיי אַלע אָן ביי די נעמען און ער שמייכלט צו די גאָר קליינע מיט די ליפּן און ער קושט זיי און ער וויינט און ער לאַכט און ער כאַפּט זיך אויף און ער זעט, אַז ס'איז אַ חלום, ס'איז קיינער נישטאָ, חוץ דער אַלטיטשקער, וואָס קרעכצט זיך אונטער... גאָט זיי דאַנק, וואָס זי קרעכצט נאָך, ווען זי וואָלט חלילה נישט געקרעכצט, וואָלט געווען ערגער! און די קאַץ ליגט ערגעץ דאָרט אויך און זי סקריפּעט מיט דעם בויך... דער אַלטער האָט אַזוי גערעדט און גערעדט און ער האָט אי געוויינט, אי געלאַכט און ער האָט זיך ווי געגעבן אַ כאַפּ אויף פון אַ זיסן חלום און ער האָט מיט אַ געלעכטער געגעבן אַ זאָג: „האָט אַ קאַץ אַ פּופּעק" און ר'האָט זיך דערמאָנט, ווי אַזוי ער פלעג נעמען אַביסל בראָנפן מיטן טאַטן. אַ גאַנץ יאָר זיבן און פופציקער און אויף ראש השנה — ניינציקער. נאָר פּסח האָט דער טאַטע נישט געוואָלט נע־מען קיין ביסל בראָנפן, ווייל ער איז אַ שמירהניק. ערשט דעם לעצטן טאָג פּסח האָט ער געלאָזט נעמען אַביסל בראָנפן. ער איז נישט אַזאַ שמירהניק און ער נעמט אַביסל בראָנפן אויך די ערשטע טעג, ער האָט נאָך אַביסל פון פּאַראַיאָרן. און יאַנקל האָט געמוזט נעמען מיט אים אַביסל בראָנפן, וואָס איז געווען זיס־ביטערלעך און געשמאַק און עס האָט געהאַט דעם ריח פון פלוימען. דער אַלטיטשקער האָט געטרונקען לחיים ביי דער האַנט און די קנאַ־ביקע דלאָניע האָט אים געציטערט. ער האָט געגומען ווינטשן און ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער און ער האָט זיך פאַבליסנעט פון בראָנפן און ער האָט אַ שטאַרקערן דרוק געטאָן די האַנט און ער האָט געזאָגט: „גאָט זאָל העלפן, אַז מיר זאָלן זיך נאָך זען, יאַנקל, ווייל, אַז מען זעט זיך, איז גוט... צו וואָס דען לעבט מען אויף גאָטס וועלט, אַז נישט אויף צו זען זיך אַמאָל? מען זעט זיך און מען דערמאָנט זיך..." דער אַלטער האָט מיט אַמאָל געגעבן אַ קער איבער דאָס גלעזל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קליין שעפּל און האָט געהאַט אַן אויפשריפט „כשר לפסח" און ער האָט געזאָגט: „איי, איי יאַנקל זאָג מיר נאָר — האָט אַ קאַץ אַ פּופּעק? און אַ מענטש וואָס האָט?" און ער האָט זיך צעוויינט און ער האָט זיך געשוואוירן, אַז ער וויינט נאָר ווייל עס איז אים גוט. ער האָט זיך געכאַפּט קושן, גלייך ווי ער וואָלט געווען שיכור און ער האָט געזאָגט, אַז ווען די אַלטיטשקע איז אים אַביסל ייִנגער, וואָלט

ער יאנקלען נישט אוועקגעלאזט פון מיטיק, אבער זי איז שוין אלט און עס ציטערן איר שוין נעבעך די הענט און אז זי וועט דערהערן ס'איז דא א גאסט צום עסן, וועט זי גאר פארציטערט ווערן. זי האט אלעמאל אים גערופן אין קרעמל אריין און זי האט מוראדיק געשריגן. „אזוי, האט ער געזאגט שרייט זי, גלייך איך וואלט געווען דער טויבער...”

מיט מאיר פאליקאוו איז אויך געווען די באגעגניש א הארציקע. יאנקל האט מיט מאירן געלערנט צוויי זמן ביי דניאלן אין חדר און ער איז דארט געווען פון זיינע בעסטע חברים. מאיר איז געבליבן גאר קליינערהייט א יתום נאך זיין מאמען, וואס איז געווען די טאכטער פון א רייכן קיליער יידן, וועלכער האט געהאט א גרויסן שענק מיט די בעסטע וויינען און ער האט געהייסן פישל שבתים. ער האט געהאט אן אייגענע דירה, וואס האט פארנעמען א האלבן קווארטאל פון ביידע זייטן און א גרויסן מויער. ער האט געמאכט אין שטעטל דעם ערשטן מויער פון צוויי שטאק. די מאמע פלעג זאגן, אז די שיכורים באצאלן... פישל שבתים איז געווען א ייד מיט א ווייסער לאנגער בארד און כאטש ער איז געווען שטארק רייך, פלעג ער טיילן לעקעכלעך די יינגלעך, וואס זיינען צו אים געקומען קויפן ווייך. ער האט שטארק געוואלט אז מען זאל ביי אים קויפן. ווען מאירס מאמע איז געשטארבן, איז דער זון געבליבן ביי זיין זיידן, ווייל דער טאטע זיינער איז אוועקגעפארן קיין ווילקאוו זוכן פרנסה. ער איז געווען פון א רייכער משפחה, דער טאטע זיינער, וואס האט געהייסן אלי פאליקאוו, אבער אים איז נישט געגאנגען גוט. ווען דאס ווייב איז אים געשטארבן, איז ער געווארן יינגערהייט גרוי און אלט און ער האט געלאזט עטלעכע קליינע קינדער ביים שווער און אליין איז ער אוועקגעפארן קיין ווילקאוו און ער האט זיי דערנאך אלע ארויסגענומען אהין. און דארטן איז שוין מאיר פארבליבן. ער האט דארט געהאנדלט אין איינעם מיטן פאטער. ער האט געוואלט לערנען, פריער תורה, דערנאך וועלט-זאכן, אבער ער האט נישט געקענט. יאנקל האט זיך מיט אים גערעדט לעבן וואסער און זיי האבן זיך פריער ביידע צעקושט און אויסגעוויינט און דערנאך ערשט האבן זיי זיך ארומגעקוקט. זיי האבן זיך שוין נישט געהאט געזען אריבער צען יאר, זיי זיינען פון קינדער געווארן יונגעלייט. יאנקל האט געדענקט, אז ער האט געהאט אויף דער נאז קלייען, וואס האבן אויסגעזען פונקט ווי א „למד” מיט א „זיין” און ער פלעג אים זאגן, אז ער איז כמעט א למד וניק... ער פלעג נעמען די שארף פון האלז און זיך מאכן א מין צאפ און שרייען „איך בין א קיטייעץ” (בינעזער) און מען האט אים שוין גערופן „קיטייעץ”. עס האט זיך אים געגלוסט, האט ער געזאגט, אויך איצטער זיך אזוי ארומבינדן מיט יענער שארף און ארומלויפן. מאיר איז געווען א סך פעסימיסטישער ווי דער אלטער משה. אים איז דאס שטעטל געווען קליין און דאס לעבן ענג. אזא גרויס וואסער, האט ער געזאגט, איז דא פאראן און עס גייט אוועק ווייט,

וויים, אָבער דו בלייבסט דאָ פּאַרשפּאַרט און קענסט זיך נישט רירן. וואָלסט עפּעס געוואָלט קענען און וויסן און זען און הערן, אָבער מען קען נישט און מען טאָר נישט. דער טאַטע ווערט וואָס אַמאָל עלטער און שוואַכער און די קינדער וואַקסן אונטער. דער טאַטע האָט אויך קינדער פון דער צווייטער פרוי, וואָס זיינען דאָך אויך ברידערלעך און שוועסטערלעך... עס גלוסט זיך לייענען; פון לערנען טראַכט ער שוין נישט, אָבער אויף צו לייענען איז אויך נישטאָ קיין צייט. ער לייענט רוסיש, יידיש, אָבער מען לאָזט נישט. דער טאַטע לאָזט נישט די שוועסטער און די ברידער לאָזן נישט, די קאַצאַפּעס לאָזן נישט און די פּיש מיט די הערינג לאָזן נישט און... ער האָט דאָס געזאָגט גאָר שטיל... די שטיפמאַמע לאָזט אויך נישט. זי איז אַ פרוי ווי אַלע, אָבער אים און זיינע עלטערע ברידערלעך און דער עלטערער שוועסטערל איז זי אַ שטיפמאַמע. זי וואָלט אפשר געוואָלט זיין אַנדערש, אָבער זי קען נישט... דער טאַטע ליידט דערפון מער ווי פון אַלע. ער שטייט אין דער מיט. צום ערגסטן איז שטענדיק דעם דאָזיקן, וואָס איז אין דער מיט. ווען צוויי שלאָגן זיך, כאַפּט יעדער קלעפּ נאָר פון איינעם, אָבער ווען איינער שטייט אין דער מיט, כאַפּט ער קלעפּ פון ביידע און דאָס איז זיין טאַטע. ער האָט צווייערליי קינדער און אַ ווייב, וואָס איז צו אייניקע אַ מאַמע און צו די אַנדערע אַ שטיפמאַמע און צו אים האָבן אַלע טענות. דריי שלאָגן זיך און ער איז דער פּערטער. און וואָס זאָל ער טאָן, וואָס ער ווערט שוין גרעסער און ער האָט שוין אַנדערע חלומות? אַוועקגיין שיכורן אין אַ שענק אין איינעם מיט די ליפּאָוואַנעס? זיי שיכורן און זינגען פון גאַנץ פרי אָן. עס האָט זיך טאַקע דערטראָגן אַ געזאַנג וואָס האָט געמאַכט ציטערן די לופט און וואָס האָט געוויינט נישט נאָר מיט פרייד, נאָר אויך מיט שרעק... מאיר האָט געשמייכלט: מיט די ליפּאָוואַנישע שיקסעס קען מען אויך פאַרברענגען, זיי האָבן ליב יידישע מענער, וואָס וואַרפן זיך נישט באַלד שלאָגן, אָבער זייערע טאַטעס און די ברידער און סתם שקצים קוקן נאָך און מ'קען אַמאָל כאַפּן מיט אַ מעסער אויך. און דערצו זיינען זיי נישט אינטערעסאַנט. ס'איז נישטאָ וואָס צו ריידן מיט זיי, ווייל זיי זיינען ווי בהמהלעך... „ווי איך בין דיר מקנא, האָט מאיר געגעסן זיין גאַסט מיט די אויגן, ווי איך בין דיר מקנא מיט דעם אינטערעסאַנטן לעבן, וואָס דו פירסט..." יאַנקל האָט זיך נישט געגלויבט, אַז עס זאָל זיין אַ מענטש, וואָס זאָל אים מקנא זיין. און ווען ער האָט געפּרוּאווט דערציילן זיין חבר וועגן זיינע טראַגעדיעס, האָט ער געזאָגט: „דאָס איז דאָך שיין, דאָס איז דאָך דערהויבן, דאָס איז דאָך אָן אײדעען קאַמף צווישן צוויי וועלטן, דו העלפסט דאָך, אַז אַ נייע וועלט זאָל געבוירן ווערן." אונזער העלד האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט זיין איינזאַמען חבר נישט געוואָלט אַנטוישן און ער האָט געשוויגן מיט אַן אָנגעשטרענגטן שמייכל. מאיר האָט אים נישט געוואָלט אָפּלאָזן פון זיך. ער

האָט זיך מיט שווערער מי אַרויסגעריסן פון אים צו גיין דערפילן זיין מיסיע און ער האָט זיך געקלערט, ווי מאָדנע די וועלט איז! דער אַלטער משה האַלט שוין ביים סוף און ער וואָלט נאָך געוואָלט לעבן און לעבן, כאָטש ער האָט קיין כוח נישט און ער איז גרייט צו דאַנקען גאָט פאַר יעדן אויגנבליק, וואָס ער שענקט אים און פאַר יעדער באַגעגניש מיט אַ מענטשן. און דער יינגער מאיר האַלט ערשט ביים אָנהייב לעבן און ער האָט כוח צו לעבן און ער געפינט נישט קיין וועג צו עפּעס אַן אָנהאַלט און ער געפינט אין גאַרנישט קיין זין און ער איז נישט צופרידן און איז יעדן מקנא און ער איז גרייט זיך אַפילו אין וואַסער זיך אַריינוואַרפן. זאָל עס זיין, אַז דער מענטש פאַרשטייט דאָס לעבן ערשט אויף דער עלטער? איז דאָך אָבער „קוהלת" אַ געדערדעריי פון אַן אַלטן מאַן און ער זאָגט „הבל הבלים הכל הבל"...

די מיסיע זיינע האָט יאַנקל גרינג דורכגעפירט. די כלה איז נישט געווען קיין גאָר שיינע, אָבער אויך נישט קיין מיאוסע. זי איז געווען אַ הויכע אַ שלאַנקע, אַ געשטרעקטע בלאָנדינקע מיט אַ סימפּאַטישן שמייכל און זי האָט געקענט ריידן מיט אַ מענטשן אי אויף יידיש, אי אויף רוסיש און זי איז געווען אַ קלוגע. זי האָט פאַרשטאַנען וועגן וואָס יאַנקל איז געקומען און זי האָט עס אים געגעבן אָנצוהערן מיט אַ סך טאַקט און זי האָט שוין גאָר מיט אַ ממזרישן שמייכל געזאָגט, אַז זי איז זיכער, אַז ער וועט איר אָנשרייבן אַ גוטן אורטייל... אים איז די גאַנצע זאַך געווען פריקרע און דאָך האָט ער זיך געפילט שטאָלץ דערמיט, וואָס איינמאָל אין זיין לעבן האָט ער אויך אַ גרויסע דעה און זיינס אַ וואָרט האָט געדאַרפט דעצידירן... בכדי צו ווייזן דעם פרעמדן קלוגן מיידל, אַז ער איז נישט געקומען צוליב דעם ענין פון שידוך, האָט ער זיך מער ביי איר אין שטוב נישט געוויזן און ער האָט געקראָגן די געהעריקע אינפאָרמאַציע וועגן איר פאַמיליע פון אַנדערע און ער האָט זיך נאָך געדרייט מיט זיינע צוויי אַלטע פריינט משה און מאיר וואָס איינער האָט שוין נישט געהאַט קיין כוח און ער האָט דאָך ליב געהאַט דאָס לעבן מיט סכנות נפשות און דער צווייטער, וואָס האָט געהאַט דעם פולן כוח, האָט געבלאָנדזשעט. פונקט ווי ער, און געזוכט דעם ריכטיקן וועג און נישט געפונען. אים האָט זיך געגלוסט אָנצושרייבן עפּעס אַ ליד, אָדער אַ טיראַדע וועגן דעם ווי אַזוי מען געפינט דעם וועג צום לעבן, אָבער געשריבן האָט ער אַ בריוו צום פעטער מאיר און דווקא אויף לשון קודש און ער האָט אויסגערעכנט די מעלות און חסרונות פון דער כלה און זיין בריוו האָט געהאָלפן. אויף די צווייטע טעג פּסח איז קיין קיליע געקומען צו גאַסט דעם פעטער מאירס זון סיאָמע, וואָס איז געווען אַ הויכער און געשטרעקטער און האָט געהאַט חן־גריבלעך אַזוי ווי דעם פעטער אַלים צווייטער זון ניסל און וואָס האָט גערעדט פונקט ווי ער אָבער ער איז דערצו געווען אַ גרויסער מנגן און ער האָט געקענט נאָכזינגען אַלע זאַכן פון דעם יונגן חזן סוויעט, וואָס האָט

דעמלט גערעדאוונט אין אקערמאן און ער איז געווען אן אויפגייענדיקער שטערן אין חזנות. דאוונען איז סיאמע געגאנגען מיטן טאטן אין שול אריין און ער האט געזאגט א מפטיר, אז די שול און די שטאט האבן ביידע געקלונגען און דער טאטע האט געזאגט יאנקלען: „ אט איז ער אויך נישט קיין גרויסער חסיד און ער טראגט נישט קיין פאות און נישט אפילו קיין בארד, אבער ער איז דאך נישט קיין צולהכעיסניק און ער ווערט א חתן, אזוי ווי גאט האט געבאטן און ער בלייבט א ייד און ער איז א מענטש...״ די כלה איז אויך געקומען קיין קיליע און זי איז איינגעשטאנען ביי אירע קרובים און אנגעקוקט האבן זיך חתן־כלה אום יום טוב און א „האנט־שלאג״ האט מען געמאכט נאך יום טוב און אירע עלטערן זיינען אריינגעקומען מיט א „לאדקע״. דער פעטער מאיר האט נישט געקענט אריינקומען און זיין פלאץ האט פארנומען דער טאטע און דאס פלאץ פון דער מומע העניע האט פארנומען די מאמע. ביידע זיינען זיי געווען גליקלעך און זיי האבן געוויינט און זיי זיינען געווען זיכער, אז דער פעטער מאיר און די מומע העניע האבן אויך געוויינט פונקט אין יענעם מאמענט. ס׳איז געווען א גרויסע פרייד, וואס איז פארשטערט געווארן. אין די צייטונגען האט מען גענומען שטארק ריידן וועגן א בלוט־בילבול אין קיעוו. שווארץ־מאהניקעס האבן אויסגעטראכט, אז א ייד מענדל ביילים האט דערהרגעט א קריסטלעך קינד יושטשינסקי, אבער מ׳האט זיך געטרייסט, אז גאט וועט העלפן. יאנקלען האט געווארפן ווי אין א קדחת. אזא בילבול זאל מען אויסטראכטן צוליב אזא שיינעם יום טוב! און ער האט זיך צוגעקוקט ווי זיין שוועסטערקינד, וואס איז אים געווען אי אייגן, אי פרעמד זיצט האפעררדיק און ער שיינט און ער איז צופרידן און ער האט געקלערט, אז נישט אלע מענטשן געפינען נישט דעם וועג צום לעבן.

קאפיטל עלף

ער דערבוטירט ווי אַ רעדנער, מאַכט דעם אמתן דעבוט ווי אַ שרייבער און קריגט אַ נייעם חלום.

ווען מען פאָרט אַפּ דריי שעה ארויף מיטן דונאַי פון קיליע, קומט מען אָן קיין איזמאַיל און ווען מען פאָרט דערנאָך אַפּ נאָך פינף שעה, קומט מען אָן קיין רעני — אַ שטעטל, וואָס איז נאָך קלענער פון קיליע און האָט געהאַט אַ שם, אַז ס'איז נאָך גויישער פון איזמאַיל. רעני האָט אויך געהאַט אַ שם דערמיט וואָס עס געפינט זיך אַ שעה פאָרן פון דער גרויסער רומענישער שטאָט גאַלאַץ. געפינען געפינט זיך דאָס שטעטל נישט ביים סאַמע ברעג, נאָר אַ האַלבע שעה פאָרן מיט אַ פורל. פריער פאָרט מען באַרג ארויף און דערנאָך פאָרט מען באַרג אראָפּ. יאַנקל האָט דעם נאָמען פון דעם דאָזיקן שטעטל געהערט פון קינדווייז אָן — דאָרט האָט געוואוינט דער פעטער לייזער, דער שטאָלץ פון דער משפחה, וואָס איז שוין דאַן געווען אויף דעם עולם האמת, כאָטש ער איז געווען יינגער פון דער באָבע דבורה. ער האָט געהאַט אַ סך צרות און ער איז אוועק פאַר דער צייט, האָט מען געזאָגט, צו קאַרגע אַכציק יאָר. ער האָט געליטן אויף די אויגן און דערפון איז ער אוועק אויף יענער וועלט. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז „הרבה שלוחים למקום". גאָט האָט אַ סך וועגן ווי אַזוי צו ברייגנען דעם סוף. דורך די אויגן קען ער אויך ברייגנען דעם סוף... יאַנקל האָט געזען דעם פעטער לייזער אין אָדעם ווען ער האָט שוין קוים געזען די שיין. ער האָט לחלוטין נישט גערעדט וועגן דעם, וואָס זיין פלימעניק איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, כאָטש ער איז מיסתמא געווען דער פרומסטער אין דער משפחה. און ווען אַ פאַנאַטישער יונגערמאַן, וואָס האָט דעם פעטער באַגלייט, האָט דווקא געוואָלט זיך טשעפּען צו אים פאַר זיין אַפּיקורסות, האָט אים דער עלטער־פעטער געזאָגט „סייג לחכמה שתיקה" (אַ צוים צו דער חכמה איז דאָס שווייגן) און ער איז זייער צופרידן געווען, ווען דער פלימעניק האָט בייסנדיק געזאָגט, אַז דער ייד באַניגנט זיך נישט מיט דעם „סייג", ער וויל די חכמה אַליין. מער האָט ער אים שוין פון דעמלט אָן נישט געזען. ווען דער טאַטע האָט געשריבן צום פעטער אלי אַ בריוו קיין אַמעריקע, אַז דער פעטער איז שוין נישטאָ, האָט ער אים אָנגעהויבן מיט די ווערטער „נפלה עטרת ראשינו" (ס'איז געפאַלן די קרוין פון אונזער קאָפּ). פאָרנדיק אין שטעטל אַריין האָט זיך אונזער העלד נישט אויפגעהערט צו

דאַכטן, אַז דער עלטער־פעטער גייט אים אַנטקעגן און ער שמייכלט צו אים מיט די טונקלע ברילן און ער זאָגט אים „טוב שם משמן טוב". נישטאָ קיין בעסערס און קיין שענערס פון גוטן נאָמען.

צוגעפאָרן איז אונזער העלד צו זיין שוועסטערקינד לאה, וועלכע האָט דאָרט געוואוינט אין איינעם מיט איר מאַן משה, וואָס האָט געקענט זיין אַ סטאָליאַר און נישט געוואָלט און נישט געקענט זיין קיין סוחר און געוואָלט. ער האָט דאָרט פאַרדינט וואַסער אויף קאַשע און ער האָט באַלד באַ דער באַגעגניש געזאָגט, אַז עס פעלן אים שטענדיק ניינציק קאָפּיקעס צום קערבל. ער האָט גאָרנישט געלייקנט אַז ער האָט אַראָפגעבראַכט יאַנקלען, ווייל ער וויל אים האָבן אַלס קעסטקינד. ער האָט גענוג געהאָרעוועט, ביז וואַנען ער האָט אים צונויפגעשטעלט אַ חדר. משה און לאה האָבן געהאַט צוויי מיידעלעך, איינס פון אַ יאָר אַכט און דאָס צווייטע פון אַ יאָר פיר. דאָס ערשטע איז געווען שיין ווי גאָלד און ס'האָט געהאַט ברענענדיקע אייגלעך, וואָס האָבן ממש געשרפהט און דאָס צווייטע איז געווען אַ געל נישט שיין מיידעלע מיט אויסגעלאָשענע אייגלעך און מיט אַ סך קלייען אויף דעם פנים. עס האָט געהאַט חן פון נישט שיינקייט נעבעך... יאַנקל האָט געקוקט ווי פון איין טאַטע־מאַמע זיינען אַרויסגעקומען אַזעלכע צוויי פאַרשיידנאַרטיקע שוועסטערלעך און די עלטערן האָבן פאַרשטאַנען זיין קוק. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז מען ווייסט נאָך נישט ווער עס וועט זיין מער גליקלעך און די מאַמע האָט געזאָגט, אַז די קלענערע וועט אַמאָל אויך מחייה זיין אַ מאַן. די מיאוסע פאַרזיצן אויך נישט. מזל שטעקט נישט אין שיינקייט, נאָר ס'איז ביי גאָט... יאַנקל האָט געהאַט נאָך אַ שוועסטערקינד אין רעני. דעם פעטער פראַימס עלטערער זון יאַנקל האָט חתונה געהאַט קיין רעני און ער האָט זיך שוין דאָרט געמוטשעט מיט אַ ווייב, וואָס איז געווען אַ טאָכטער פון אַ מלמד און האָט זיך שוין געגרייט צו האָבן אַ קינד. דאָס צווייטע שוועסטערקינד האָט געהאַט טענהס פאַרוואָס ער איז נישט צוגעפאָרן צו אים. ער האָט נעבעך אויך געדאַרפט אַ קעסטקינד צו דער פרנסה. פון זיינע רייד האָט מען דערקענט אַז עס זיינען נאָך דאָ אַ סך יידן אין שטעטל, וואָס עס פעלן זיי קעסטקינדער צו דער פרנסה.

און אונזער העלד איז באַלד אַריין אין יאָך אַריין. ער האָט ביי־טאָג געלערנט רוסיש און העברעאיש מיט אַ גרויסער צאָל קינדער און אין דער פרי האָט ער געדאַרפט לערנען רוסיש מיט אַ קלענערער צאָל קינדער, ווייל די מערסטע יידישע קינדער זיינען געגאַנגען אין „שקאָלע" אַריין און זיי האָבן שוין געשריבן אום שבת אויך. באַדונגען האָט ער זיך מיט יעדן טאַטן באַזונדער. נישט אַלע האָבן געצאָלט גלייך. די רייכערע האָבן געצאָלט מערער און די אָרימערע — ווייניקער. ער האָט געדאַרפט לערנען אַביסל דאַוונען און די הפטורה און אַ קדיש. ער האָט געדאַרפט לערנען אַלץ אין איינעם און מען האָט אין אים געהאַנדלט אַ גרויסע מציאה. פון דעסט וועגן האָט אים זיין שוועסטער־

קינד געזאָגט באַלד, אַז אויב מען וועט אים באַצאָלן דריי פּערטל פון דעם, וואָס מען זאָגט צו, וועט ער מעגן דאַנקען גאָט... ער האָט נאָך געמוזט אָנ־נעמען עטלעכע לעקציעס אַהיים און דער טאָג איז אים געווען היפּש פאַרנו־מען. ער האָט זיך געדאַרפט גוט אָנשטרענגען צו קענען לייענען און לערנען אַ פּאָר שעה אין טאָג. ביידע שוועסטערקינדער האָבן אים אויך צוגענומען צייט. זיי האָבן אויך געוואָלט וויסן, אַז זיי האָבן אַ שוועסטערקינד אין שטאָט. די קינדער זיינען געווען היפּש צעלאָזענע און ער האָט זיי שווער געקענט באַ־הערשן. ווי אַזוי דער רבי האָט באַהערשט די שלעכטע קינדער, האָט ער גע־וואוסט — דורך קלעפּ. האָט ער אָבער נישט געוואָלט שלאָגן. און אָן קלעפּ האָט ער נישט געקענט באַהערשן. ער האָט זיך פון צייט צו צייט געמוזט אי־בערבעטן און דערלאַנגען אַ סטוסאַק און אַ קניפּ. ער האָט איבערהויפּט שווער געפונען אַ וועג צו די קינדער. עס האָט אָנגעהויבן ווערן זומער און מען האָט שוין געזען באָרוועסע קינדער אין גאַס, האָט זיך געמאַכט אַז צו אים אין קלאַס איז אויך געקומען אַ יינגעלע באָרוועס, האָבן אַלע קינדער געמאַכט אַ געוואַלד. האָט דער יונגער לערער געפרעגט ביים קינד, פאַרוואָס ער גייט באָרוועס, האָט ער געענטפערט, אַ פאַרשעמטער, אַז ער האָט נעבעך נישט מער ווי נאָר איין פּאָר שיכלעך און מען האָט זיי געגעבן פאַרריכטן און די מאַמע האָט אים געהייסן גיין אין חדר אַריין באָרוועס, ווייל אין דער היים קען זי פון אים נישט אויסהאַלטן. די קינדער האָבן שטאַרק געלאַכט, האָט דער נישט פּראַקטישער לערער געזוכט די זאַך צו פאַרגיטיקן און ער האָט געזאָגט די יאַטן, אַז זיי זאָלן נישט לאַכן, ווייל עס איז זייער שיין פון אים, וואָס כאָטש ער האָט נישט קיין שיך, איז ער געקומען אין שול אַריין. אויף מאָרגן זיינען אַלע קינדער געקומען אין שול אַריין באָרוועס און ער האָט געהאַט אַ שווערע אַרבעט און ער האָט געזען, אַז ער וועט מיט די קינדער האָבן אַ שווערן קאַמף... איין קינד האָט גאָר געזאָגט אין דער היים, אַז דער לערער האָט געהייסן אַלע קינדער קומען באָרוועס און די מאַמע איז געקומען מיט אַ גאַנצער טענה... ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז ביי קינדער דאַרף מען זיך היטן מיט אַ וואָרט און מען טאָר נישט איבערלאָזן קיין שום ענין, וואָס איז נישט אין גאַנצן קלאָר. מאָראַליש וואָלט אַ קינד, וואָס האָט נישט קיין שיכלעך, געמעגט קומען אין שול אַריין, אָבער דערלאָזן צו דעם טאָר מען דאָך נישט! די פּראַקטיק און די מאָראַל גייען נישט שטענדיק האַנט ביי האַנט.

עס האָט ביי יאַנקלען אין קלאַס אין אַ טאָג אויסגעוואַקסן אַן אַנדער לערער מיט אַ שוואַרץ בערדל אַ ווייסער מאַנישקע און גאָלדענע ברילן; ער האָט געהאַט אַ טענה למאי ער איז אים געקומען משיג גבול זיין, ער איז שוין דאָ אַריבער אַ זמן. יאַנקל האָט זיך געפילט שלעכט און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, אַז ער האָט נישט געוואוסט און יענער איז געוואָרן

אליץ אגרעסיווער און ער האט געסטראשעט מיט מסירה. ווען ער האט דאס דאזיקע געטאן, איז אונזער העלד געווארן גרינגער. ער האט געקראגן לשון און ער האט געזאגט, אז א מסור מעג מען משיג גבול זיין, האט יענער אנגע־הויבן שרייען און ליארמען. דאס שוועסטערקינד האט דערהערט, אז מען קריגט זיך אין קלאס. וואס איז געווען לעבן אים, האט ער מורא געהאט, אז ער וועט פארלירן דאס קעסטקינד, און ער איז זיך געקומען אננעמען. די קינ־דער האבן דערציילט אין דער היים, אז דער לערער האט זיך געקריגט מיט נאך א לערער און די עלטערן זיינען ווידער געקומען מיט טענהם פארוואס מען קריגט זיך די קינדער אין די אויגן און מען לערנט זיי אויס שלעכטע זיטן. עס איז נישט גרינג אנגעקומען דאס זיין אומאפהענגיק און פארדינען דאס ברויט!

דאך איז דאס לעבן נישט געווען טרויעריק אין רעני. אונזער העלד האט דארט באלד געקראגן חברים. עס איז דארט געווען א ציוניסטישער קרייז פון יוגנט און פון אלטע בחורים. מען האט זיך געוויצלט און געזאגט, אז אין קרייז אין פאראן יינגערע און עלטערע יוגנט. יאנקל איז געווען א חשובער גאסט אין „קרייז", וואס האט נישט געהאט קיין באשטימטן לאקאל אויס מורא פאר פאליציי און ער איז זיך צונויפגעקומען אין א פענסיאן, וואו עס האבן געוואוינט די עטלעכע בחורים, וואס זיינען צום מערסטן געווען פרעמדע. קיין געוואלדיקע זאכן האט דער „קרוזשאק" נישט געטאן. ער האט אויס־געשריבן די רוסיש־ציוניסטישע ציימונג „ראזסוועט" און פון צייט צו צייט דיסקוטירט וועגן אן ארטיקל. עס האבן אויך א פלירטעווע געטאן יינגלעך מיט מיידלעך און עס זיינען געווען אייניקע מיידלעך, וואס זיינען שוין גע־ווען גאר באוואוסטזיניק און זיי האבן געזאגט אז ציוניסטישע יונגעלייט וואלטן נישט געטארט חתונה האבן פאר נדן און נאר פאר ליבע... די יונגע־לייט אפילו, די עלטערע, האבן נאר געזוכט נדן. ווען די בחורים זיינען גע־ווען אן די מיידלעך, האבן זיי גערעדט ניבול פה און אונזער העלד האט זיך געוויטלט. אויסגעטיילט צווישן דער גרופע האט זיך א מיטליעריקער מאן מיט א געל בערדל און א שיטער אויסזען. ער האט געהייסן כוטאראן און ער איז געווען אן אפטייקער. ער האט אליין געשטאמט ערגעץ פון לעבן זשיטאמיר און ער איז געווען א ציוניסט א משכיל. ער האט געקענט העברעאיש און ער האט אויסגעשריבן די „הצפירה" און ער האט שטענדיק גערעדט וועגן די אר־טיקלען, וואס ער האט דארט געלייענט און ער האט געשריגן געוואלד, אז די דאזיקע, וואס לערנען נישט קיין העברעאיש, קענען נישט ווערן קיין ציו־ניסטן... ער האט געהאט דריי טעכטער, וואס זיינען אלע דריי געווען ענלעך צווישן זיך ווי צוויי טראפן וואסער און זיי זיינען אלע געווען אין גאנצן דער פאטער. זיי זיינען אויך געווען אזוי העל־בלאנד ווי ער און זיי האבן געהאט אזעלכע הויכע שטערנס ווי ער און אזעלכע וואסערדיקע אויגן ווי ער, נאר

וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין בערדלעך. זיי זיינען געווען אין גאַנצן דעם פּאַטערס. עס האָט זיך אַזש געגלוסט צו פרעגן, וואָס עס האָט די מאַמע אין זיי... צו כוטאָראַנען האָט יאַנקל אָנגעהויבן אַריינקומען אַפּטער אין אַפּטייק אַריין. ער האָט געוואָלט לייענען די „הצפירה", אָבער דער אַפּטייקער האָט נאָר געוואָלט שמועסן און ווען עס זיינען געקומען אַפּטע קונים, איז עס געווען זיין שאַנס צו קענען איבערלייענען די עטלעכע בלעטער, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט אַ מאָל. כוטאָראַן איז געווען אַ פאַרגלויבטער אין שרייבער, זיי זיינען פאַר אים געווען איבערמענטשן. צו שמעון בערנפעלד איז ער געווען גרייט צו דינען ווי צו אַ גאָט און דערפאַר האָט ער נישט געגלויבט, אַז זיינער אַ באַקאַנטער זאָל קענען זיין אַ שרייבער און ווען יאַנקל האָט אים געוויזן אייניקע זאַכן, האָט ער נאָך איידער ער האָט זיי אַביסל געלייענט, געזאָגט, אַז מען וועט זיי נישט דרוקן, ווייל „נישט אַזוי ווערט מען אַ שרייבער. אַ שרייבער איז דאָך אַ מענטש, וואָס... וואָס..." און ווען יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט שוין געדרוקט אייניקע זאַכן, האָט ער געקוקט אויף אים און עס האָט זיך אים נישט געגלויבט...

צווישן די דאָזיקע, וואָס זיינען גאָר גיך געוואָרן פון די נאָענטסטע חברים פון אונזער העלד זיינען געווען אַ ייד און אַ רומענער. דער ייד האָט געהייסן יאַשאַ סין מייער און ער איז געווען אַ בחור אין יאַנקלס יאָרן, וואָס האָט געהאַט געענדיקט אַ רוסישע קרייז־שול און ער האָט אויך געקענט אַביסל יידיש און העברעאיש. ער האָט געלערנט פאָטאָגראַפיע און ער האָט זיך געקליבן אויך צו ווערן אַן עקסטערן און ער האָט אויך געקוואַקעט אויף אַ רוסישן שרייבער און ער האָט געשיקט רוסישע לידער און דערציילונגען אין אַלערליי צייטונגען און זשורנאַלן און מען האָט זיי אין ערגעץ נישט געדרוקט און ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ נערוועזער, כאָטש פון דער נאַטור איז ער געווען אַ פריילעכער און ער האָט פאַרמאָגט הומאָר. זיינע שוואַכקייטן זיינען געווען דער צייטונגס־פאַרקויפער און דער בריוו־טרעגער, אים האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט ברייגנען זיי אים די גוטע בשורה, וואָס האָט נישט געוואָלט קומען. ער איז געווען אַ בזיגעוודיקער יאָט מיט ביינער און ער האָט געהאַט אַ האַרציקן שמייכל און ער איז פול געווען מיט לעבנספרייד, אָבער דער דראַנג געדרוקט צו ווערן, האָט אויפגעפרעסן זיין שמייכל אין איינעם מיט זיין פרייד אַזוי ווי אַ וואָרעם. דער מאָלדאַוואַן האָט געהייסן אַפאַנאַסי פּאַפּעסקו. זיין פּאָטער האָט געהאַט דאָס רייכסטע לעדער־געשעפט אין שטעטל און ער איז שוין עטלעכע מאָל אויסגעקליבן געוואָרן פאַר „פּרימאַר" (בירגער מייסטער). אַפאַנאַסי האָט זיך צום מערסטן געהאַלטן צווישן יידן און ער האָט זיך אַלע מאָל פאַרליבט אין אַן אַנדער יידיש מיידל. די מאַמע זיינע וואָס האָט נאָר גערעדט מאָלדאַוואַניש און האָט נישט געוואָלט ריידן קיין רוסיש, פלעג זאָגן: „טאַי דאַט דראַקולוי, אַפאַנאַסי" (דער טייוול האָט דיך גע־

כאפט, אפאנאסי). ער איז געווען א מיטלוויקסיקער, א טונקלער שאטען, א געפאקטער, מיט גוטע אויגן און ער איז אין גאנצן געווען בלויז נשמה. ער איז שטענדיק געווען גרייט זיך אויף עפעס אוועקצושענקען און מקריב צו זיין זיך. ער איז געווען גרייט צו גיין פאר עפעס, אדער כאטש פאר עמיצן אין פייער אריין, אדער אין וואסער אריין, ער האט נאר נישט געוואוסט פאר וואס, צי פאר וועמען. עס איז אים געווען צו גוט ביים טאטן ביי זיינעם, וואס האט אים געלאזט גארנישט טאן און האבן אלדאס גוטס און ער וואלט געוואלט, אז ס'זאל אים אמאל זיין שלעכט. ער האט מקנא געווען די דאזיקע, וואס זיינען פארשיקט געווארן קיין סיביר, האט ער געזאגט, נישט נאר דערפאר, וואס זיי האבן אן אידעאל, נאר אויך און איבערהויפט דערפאר ווייל זיי לײדן. אפאנאסי פאפעסקו איז געווען דער בעסטער גוטער ברודער מיט יאשא סין מייער. זיי האבן ביידע אין איינעם געלייענט גאנצע טעג. זיי האבן זיך אויפגעצויגן אויף דער פאדלאגע ערגעץ אין א צימער, אדער גאר אין פעלד און זיי האבן געלייענט. זיי האבן אין איינעם געלייענט רענאנען און וואלטערן און זיי האבן זיך אויסגעלערנט צו זיין אפיקורסים און ראציאנאליסטן און די הערצער זייערע האבן דווקא געבענקט נאך עפעס א סענטימענטאלן אידעאליזם. אפאנאסי האט שטארק מקנא געווען זיין יידישן חבר, וואס ער האט א ציוניסטישן קרייז, כאטש מען האט דארט נישט אויפגעטאן קיין געוואלדיקע זאכן. ווען ער וואלט געהאט אזא אידעאל, האט ער געזאגט, ווי דער ציוניזם, וואלט ער שוין לאנג געגאנגען אין פייער אריין און אין וואסער אריין און ער וואלט שוין געווען אין סיביר, אדער גאר אין פאלעסטינע און ער וואלט געקעמפט. ער איז געווען גרייט צו ווערן א מיטגליד אין ציוניסטישן קרייז, אבער מען האט אים נישט אריינגענומען, מען האט אים נאר דערלויבט פון צייט צו צייט זיך צו באטייליקן אין א דיסקוסיע. ער האט נישט פארשטאנען פארוואס מ'קען אים נישט אריינעמען פאר קיין מיטגליד. ער האט געזאגט, אז ער וויל ווערן א ייד. די אנפירער פון קרייז האבן געזאגט. אז אויב ער וויל ווערן א ייד מוז ער גיין צום רב און ער דארף זיך מל'ע זיין, האט ער געזאגט, אז ער איז א וואלטעריאנער און ער וויל נישט ווערן קיין רעליגיעזער ייד, נאר א נאציאנאלער, ער וויל גאר נישט האבן צו טאן מיט קיין רב, פונקט ווי ער וויל נישט האבן צו טאן מיט קיין גלח. איז ווי אזוי זשע ווערט מען עס א נאציאנאלער ייד? ביי וועמען דארף מען דאס בעטן דערלויבעניש צו ווערן? קיינער האט נישט געוואוסט ווי אזוי צו ענטפערן אויף אזא פראגע. אפאנאסי האט זיך נישט געלאזט און ער האט אוועקגעשיקט א לאנגן בריוו אין אדעסער פאלעסטינע־קאמיטעט און ער האט דארט געבעטן מען זאל אים דערלויבן צו ווערן א נאציאנאלער ייד און א מיטגליד אין ציוניסטישן „קרוזשאק”. עס איז אים אנגעקומען א לאנגער ענטפער. מען האט אים געשריבן, אז דער ציוניזם איז נישט קיין רעליגיעזע באוועגונג און

אז א וואָלטעריאַנער קען פונקט אזוי גוט זיין א ציוניסט ווי א פרומער ייד, אָבער ווי אזוי צו מאכן א קריסט פאר נאציאָנאלן יידן ווייסן זיי נישט. מיט דער אָנגעהעריקייט צו דער נאציע ווערט מען דאָך געבוירן. ווען יידן וועלן האָבן אַן אייגן לאַנד, וועט דאָרט דער רעזשים זיין א זייער ליבעראַלער און יעדער, וואָס וועט דאָס וועלן אויפריכטיק, וועט קענען ווערן א מיטגליד פון דער יידישער נאציע. די זאַך איז געבליבן הענגען און אפאנאסי האָט זיך געהאַלטן פאר א נאַציאָנאלן יידן נישט לויטן געבורט, נאָר לויט דער איבערצייגונג און אין דעם קרייז, וואָס האָט סיי ווי נישט געהאַט קיין רעגיסטער פון מיטגלידער, איז ער געווען א האַלבער מיטגליד. אפאנאסי האָט זיך באַלד צוגעקלעפּט צו יאַנקלען, ווייל ער האָט זיך שוין זייט לאַנג, האָט ער געזאָגט, געוואָלט באַפריינדן מיט איינעם, וואָס קען גוט די אַלטע יידישע קולטור און ווייל ער האָט טאַקע געהאַט צו אים א פּערזענלעכע סימפּאַטיע. יאַנקל איז געוואָרן דער דריטער צווישן אפאנאסין און יאשאַן און ווען ער האָט נאָר צייט געהאַט, האָט ער מיט זיי דיסקוטירט און געלייענט און ער האָט זיי דערציילט וועגן דער נייער העברעאישער פּאָעזיע און ער האָט שפּאַצירט מיט זיי אַרויס דער שטאָט און ער האָט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן פאַרבראַכט שעהן לאַנג פון א שטיק פרילינג און א גאַנצן זומער אין פעלד און ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דעם אויסזען פון די מילדע בעסאַראַבער פעלדער און דעם ריח פון זייער שוואַרצער ערד און פון זייער ווייץ און קאָרן און פּאַפּשויעס (מאַיס) און פון אַלערליי פרוכטן און ער האָט פון דער נאָענט געהערט מאָלדאַוואַנישע לידער פון „טשובאַנעס" (פּאַסטוכער), וואָס האָבן געשפּילט טרויעריקע, נאָגנדיקע און האַרצרייסנדיקע „דאָינעס" אויף הילצערנע פייפלעך און פון פעלד־אַרבעטער, וואָס האָבן געאַקערט און געזייעט מיט טרויעריקע און פריילעכע געזאַנגען און זייערע קלאַנגען האָבן זיך געגאָסן אין איינעם מיט זייער שוויים. ער האָט דעמאָלט דערפילט, אז ער קען דעם דאָזיקן ריח און די דאָזיקע קלאַנגען שוין זייט לאַנג און זיי זיינען אים נאָענטע און אייגענע, אָבער זיי זיינען אים דאָך געווען נישט דערגרייכבאַרע, אזוי ווי א זיידע און א באָבע וועגן וועלכע מ'האָט געהערט, אָבער נישט געקענט זען. און ערשט דעמאָלט האָט ער אין די פעלדער לעבן רעני דערזען די אייגענע. ער פלעג צו מאָל האַלטן אין מיטן א דיסקוסיע מיט אפאנאסין וועגן וואָלטערן און זיך אזוי פאַרקוקן אויף די פעלדער און די סעדער, אז ער האָט נישט געהערט, וואָס זיין גוטער חבר רעדט און אפילו נישט, וואָס ער אַליין רעדט. ער פלעג קוקן אויף די פעלדער און זען דאָס גאַנצע לאַנד בעסאַראַביע. עס איז געווען נאָר א רוסישע גובערניע, אָבער אים איז אויסגעקומען, אז עס איז א באַזונדער לאַנד מיט א באַזונדער אויסזען, מיט א באַזונדערן ריח, מיט א באַזונדערן ניגון און אפילו מיט א באַזונדער ייִדיש... ער האָט זיך דערמאָנט צענדלי־

קער מעשהם וועגן דעם צוזאמענלעבן פון יידן מיט אלערליי קריסטן־מאלדא־וואנעס, כאכאלן (אוקראינער) און ליפאוועגער (רוסן), בולגארן, טערקן און גאגאוזן. טרויעריקע מעשהם מיט בלוט און טרערן זיינען געווען גאר א סך. פרייליכע מעשהם מיט פרייד האבן אויך נישט געפעלט. ער האט זיך דער־מאנט מעשהם, וואס יידן האבן דערציילט און מעשהם, וואס נישט־יידן האבן דערציילט. אין די מאלדאוואנישע מעשהם איז דער טייוול געווען אזא אפ־טער גאסט און ער איז צום מערסטן געווען שולדיק אין די אלע שלעכטסן, וואס עס זיינען פארגעקומען. לויט דעם טאטן און אנדערע פרומע יידן איז די זינד קעגן גאט און די זינד מיט פרויען געווען די ארבעט פון אשמדאי און לויט די מעשהם פון די מאלדאוואנעס איז דער „דראקו" (טייוול) געווען שולדיק אין די בלוט־פארגיסעניש, וואס זיינען אזוי אפט פארגעקומען. איי־ניקע מעשהם האבן דערציילט וועגן פארשאלטענע שטיקער ערד, וואס אויף זיי קומען פאר די ערגסטע אומגליקן. אויף די פארשאלטענע שטיקער ערד ווערן מענטשן ווילד און גייען זיי נאר אראפ פון די שטיקער ערד, ווערן זיי צוריק מילד ווי שעפעלעך. יאנקל האט זיך דערמאנט, אז וועגן בעל שם האט מען דערציילט אזא מעשה. דער אנטרייבער זיינער, אלעקסע, האט אים אמאל געוואלט דערהרגענען און דער בעל שם האט אים געזאגט, אז ער זאל דאס טאן, אבער אביסל ווייטער, זאל ער אפפארן נאך א שטיקל וועג. און ווען דער וואגן איז נאר געווען אביסל ווייטער, האט אלעקס געגומען זיך צלמען און בעטן ביים בעל שם ער זאל אים מוחל זיין, ווייל ער ווייסט נישט, וואס מיט אים איז געשען. דער רבי האט געלאכט און ער האט געזאגט, אז ער איז נישט שולדיק, דאס איז דאס פלאץ אזא פארשאלטנס געווען... יאנקל האט נישט געוואוסט, צי חסידים האבן דערציילט א מאלדאוואנישע מעשה, צי מאלדאוואנעס האבן דערציילט א חסידישע מעשה, פונקט ווי ער האט נישט געוואוסט, ווי אזוי איז די דאזיקע דאינע געווארן א טייל פון די יידי־שע נוסחאות אין אלע שולן פון דער וועלט, אויך אויסער בעסאראביע. און ער האט דעמלט אנגעשריבן א סך בעסאראבישע מעשהם, וואס ער האט גע־הערט פון יידן און נישט־יידן און אין די מעשהלעך זיינען געווען אריינגע־פלאכטן לידלעך. ער האט אין די מעשהלעך און אין די לידלעך א סך מאל גערופן „בעסאראביע מאמע" און ער האט זיי זיך געשעמט צו ווייזן זיינע חברים, וואס זיינען אלע געווען ציוניסטן, אזוי ווי ער. ער האט געדענקט ווי יעקב ראבינאוויטש האט זיך געבייזערט אויף דוד אײנהארן למאי ער באַ־זינגט ליטע מיט די בעריאזקעס און דא קומט ער, א ציוניסט, און ער רופט בעסאראביע מאמע און ער זינגט און דערציילט וועגן איר ערד און וועגן אירע גערטנער און סעדער און וועגן אירע מעשהם און לידער און ער רופט זי אן מאמע... דער מאלדאוואן אפאנאסי פאפעסקו וויל ווערן א ייד און ער זאגט, אז ער איז א ציוניסט און דא קומט ער, א שוחטס א זון, און ער האלט

שוין בעסאַראַביע פאַר דער מאַמען... ער האָט געפילט, אַז עפעס איז טאַקע מיט אים אַזוינס, וואָס פירט אים אַראָפּ פון די וועגן און שלעפּט אים, אַז ער זאָל בלאָנדזשען.

און דער ביילים־פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן אַלץ מער און מער גרייטן. יאַנקל איז אָפט געלאָפן צו דער שיף קויפן רוסישע צייטונגען פון אָדעס און ער האָט געזען ווי אַ סך קריסטלעכע בחורים פון רעני זוכן די אַנטיסעמיטישע צייטונגען און זיי ריידן מיט דעם באַלעבאָס פון קיאָסק אויף דער שיף און זיי ווילן אים איבערצייגן, אַז ביילים איז שולדיק. און דאָס זיינען געווען בחורים, וואָס האָבן געהאַט צענדליקער יידישע פריינט און האָבן געלערנט אין איינעם מיט יידן און געלעבט מיט זיי טיר ביי טיר...

עס האָט זיך צו די דריי חברים געוואָלט צוקלעפּן אַ פערטער. ער האָט געהייסן וואָלערי אַבראַמאָוויטש. ער איז געווען אַ היימישער בחור, וואָס האָט גערעדט אַ גוטן יידיש און יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען ס'האָט זיך גענומען צו אים אַזאַ נאָמען ווי „וואָלערי". ער האָט געשריבן אויף רוסיש פּאָעזיע אין פּראָזע. ער איז געווען אַ געזונטער, אַ קרעפּטיקער, אַן עלטערער פון אונזערע דריי חברים, אַ בלאָנדין מיט אַ מעלאַנכאָליש פּנים און אויף דעם „פּריוואַז" איז ער געווען אַ פּראַקטישער סוחר און ער האָט פאַרדינט אַ סך געלט. אָט דערפאַר אַליין האָבן די דריי חברים אים נישט געוואָלט אַריינגעמען אין זייער ענגן קרייז; אין דער פּאָעזיע וואָס ער האָט געשריבן, איז ער געווען פּאַטעטיש, עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער שרייט דורך אַ פייפל. ער האָט שוין געהאַט געדרוקט איין זאַך — אַ בריוו. אַן אָדעסער רעדאַקציע פון אַ קליינער סענסאַציאָנעלער צייטונג האָט זיך געווענדעט צו די לייענער, וואָס ווילן באַגיין זעלבסטמאָרד, אַז זיי זאָלן אַריינשרייבן פאַר וואָס זיי ווילן עס טאָן, האָט ער אויך אַריינגעשריבן אַ בריוו און אים געחתמעט וואָלערי אַ־טש. יאַנקל האָט אַ צייט אויפגעהערט שרייבן זיינע בעסאַראַבישע מעשהס און לידלעך און ער האָט גענומען שרייבן אַזאַ פּאָעזיע אין פּראָזע, ווי וואָלערי האָט געשריבן און ער האָט ווידער געפילט, אַז ער בלאָנדזשעט. אַ מענטש, האָט ער זיך געקלערט, דאַרף האָבן אַ וועג און אַ שרייבער דאַרף נאָך מער האָבן אַ וועג. ער האָט זיך דערמלט פאַרלייענט מיט שלום עליכמען און מיט פּרצן און ער האָט געפילט, אַז דער ערשטער האָט באַלד געפונען אַ וועג און דער צווייטער זוכט און מקנא געווען האָט ער דאָך דעם צווייטן. פּרצן האָט ער אַמאָל אַביסל נאָכגעמאַכט, שלום עליכמען — קיינמאָל נישט. ער האָט געפילט, אַז ווען מען מאַכט נאָך שלום עליכמען, דערקענט מען באַלד און מען כאַפּט ביי דער האַנט. אים איז שלום עליכם געווען ליב, אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אַז ווען מען שרייבט אַ ז ו י ווי שלום עליכם, קרימט מען זיך נאָך.

און די מין שול יאַנקלס האָט זיך געשלעפּט. ער האָט דאָרט אויך גע־

בלאַנדזשעט. ער האָט נישט געוואוסט, וואָס ער דאַרף לערנען מיט די קינדער. ער האָט געפילט, אַז מיט דעם לערנען „זה ספר, זה שולחן, זה מחברת" (דאָס איז אַ בוך, דאָס איז אַ טיש, דאָס איז אַ העפט) וואַרעמט ער נישט אָן די קינדער און ווען ער פרעגט „מה זה? מה זאת? (וואָס איז דאָס?) ענטפערן די קינדער, אָבער נישט מיט קיין גרויסן אינטערעס. דאָס חומש אין חדר האָט שוין מער אינטערעסירט די קינדער. ס'זיינען אין חומש געווען מעשהס וועגן וועלט און מענטש און ייד און גוטס און שלעכטס, וואָס ער האָט ווי אַ קינד געשלונגען; און די עלטערן זיינען אַלעמאָל געקומען מיט אַן אַנדער טענה. די העברעאיסטישע טאַטעס (עס זיינען אַזעלכע אויך געווען אַ פּאָר) האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן קענען ריידן העברעאיש, די פּשוטערע טאַטעס האָבן געוואָלט, אַז די קינדער זאָלן קענען דאַווענען און זיי זאָלן טאַקע זיין פרום אויך. „מיר, האָבן זיי געטענהט, היטן נישט אָפּ קיין יידישקייט, ווייל די פינצטערע פּרנסה נעמט ביי אונז צו די גאַנצע צייט און זי לאָזט נישט, אָבער די קינדער ווילן מיר, אַז זיי זאָלן ווּיסן פון אַלץ און זיי זאָלן ווּיסן, אַז שבת דאַרף זיין שבת, כאָטש זייערע עלטערן זיינען בעוונותינו הרבים גויים..." עס איז זעלטן געווען אַ טאָג, אַז עס זאָל נישט זיין איין טאַטע אַרויס און דער אַנדערער אַריין און איינער זאָל נישט זאָגן דאָס פאַרקערטע פון צווייטן. אַנדערע האָבן גאָר פאַרלאַנגט, אַז דער לערער זאָל לערנען מיט די קינדער, אַז זיי דאַרפן פאָלגן די עלטערן און נישט אַרומלויפן אין די גאַסן און נישט האָבן קיין שלעכטע חברים. די שול האָט אונזער העלד געגעבן זייער ווייניק פרייד און זי האָט אים געוויזן זיין הילפלאָזיקייט. ער האָט געפילט, אַז מען וואָלט אפשר געקענט לערנען אַזוי מיט די קינדער, אַז עס זאָל זיי פאַרכאַפּן און זיי זאָלן זיך נישט נאָר אויסלערנען אַ געוויסן סכום קענטעניש, אָדער גאָר ווערטער, נאָר זיי זאָלן דערצויגן ווערן אין אַ באַשטימטן גייסט, אָבער ער האָט נישט געוואוסט ווי אַזוי דאָס צו טאָן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר נישט נעמען און ווערן סתם אַ לערער, נאָר מען דאַרף זיך גוט צוגרייטן צו זיין אַ לערער און מען דאַרף גוט קענען דעם גייסט פון די קינדער. ער האָט געזען, אַז ווען ער דערציילט די קינדער עפּעס אַ מעשהלע, ווערן זיי גאָר אויפגעלעבט און די אייגלעך הויבן זיי אָן ברענען, אָבער ער האָט נישט געוואוסט וואָס פאַר אַ מעשהס ער זאָל זיי דערציילן און אין וואָס פאַר אַ שפּראַך. אין העברעאיש האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, אין רוסיש האָבן זיי יאָ אַביסל פאַרשטאַנען, אין יידיש האָבן זיי צום מערסטן פאַרשטאַנען, אָבער די עלטערן איז נישט געפעלן, אַז מען זאָל זיי גלאַט אַזוי דערציילן אַ מעשה אין „זשאַרגאָן". וואָס זיי קענען סיי ווי סיי, אין שול דאַרף מען אויסלערנען אַ שפּראַך. און ווען ער האָט געפרעגט, צי די רוסישע קינדער קענען נישט קיין רוסיש, ווען זיי קומען אין שול אַריין, האָט מען אים געענטפערט, אַז ער רעדט ווי אַ צו להכעיסניק און אַז יידן

זיינען אַנדערש. אויף קיין רוסישע קינדער מאַכט מען נישט קיין פּאָגראָמען אויך... דער תירוץ האָט זיך, דאַכט זיך, נישט געקלעפּט, אָבער עפּעס איז אין אים געווען אַ געדאַנק, פּונקט ווי עס איז געווען אַ געדאַנק אין דעם ענטפער, וואָס אַ תנאי האָט געגעבן אַ גוי, וועלכער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס די קינדער ווערן נישט געבוירן געמל'עט, אויב מען דאַרף זיי מל'ע זיין. דער תנאי האָט געענטפערט: הלמאי ווערן נישט געבוירן די קינדער מיט קיין אָפּגעשניטענע נאָפּלען פון די מאַמעס? ער איז געווען זיכער אַז מען דאַרף טאַקע עפּעס לערנען מיט די יידישע קינדער אַנדערש, ווי מען לערנט מיט גויישע, אָבער ווי אַזוי האָט ער נישט געוואוסט. דער אַלטער מלמד, וואָס האָט דאָך אויך נישט געלערנט קיין פּעדאַגאָגיק, האָט געוואוסט וואָס צו לערנען און אַפילו ווי אַזוי צו לערנען האָט ער געוואוסט; אַז מען האָט נישט געוואָלט לערנען, האָט ער דערלאַנגט מיט דער האַנט און מיט אַ שטעקן. ער ווייסט נישט וואָס צו לערנען און ער ווייסט נישט ווי אַזוי צו מאַכן, אַז די קינדער זאָלן וועלן לערנען און עס זאָל זיי אַריין אין קאָפּ אַריין. דער עם הארץ משה הערש מיט דער לאַנגער באָרד האָט געקענט און ער קען נישט. יענער איז געווען פון עמיצן און פאַר עמיצן, ער איז געווען אַ טייל פון אַ לעבן, וואָס האָט זיך געצויגן זייט דורות. ער איז נישט געווען מיט קיינעם און פאַר קיינעם. ער האָט אונטערגעהאַקט די פלאַנצן, ווי עס הייסט אויף גמרא לשון, אָדער ער האָט איבערגעריסן דעם פאַדים, ווי מאָדערנע האָבן געזאָגט, און קיין נייעם האָט ער נישט געקענט אָנקניפּן. ער איז שוין געווען גרייט צו לערנען די קינדער, אַז זיי זאָלן זיין ציוניסטן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין שפּראַך, אין וועלכער דאָס צו לערנען. און ער איז געבליבן פרעמד די שילער און די שילער זיינען אים געווען פרעמד און ער האָט געזוכט וואָס גיכער זיך צו באַפרייען פון זיי און ער האָט צו זייער פרייד און צו זייער טרויער געמאַכט גרויסע הפסקות און ער האָט בעת די הפסקות געפּרוּווט לייענען און ער האָט נישט געקענט און ער האָט אַפילו נישט געקענט טראַכטן און ער האָט זיך געביסן די נעגל פאַר אויפרעגונג און זיין חלום איז געווען זיך צו באַפרייען וואָס גיכער פון דער שול און לויפן זיך באַגעגנען מיט יאַשאַן און מיט אַפאַנאַסין.

ביי יאַשאַן אין שטוב איז ער געווען גאָר אַ היימישער. יאַשאַס טאַטע־מאַמע זיינען געווען האַרציקע האַרעפּאַשנע מענטשן. דער טאַטע האָט געהאַט אַ פּאָר מלאכות און ער האָט נאָך אונטערגעהאַנדלט דערצו אויך און די מאַמע האָט געדאַרפט אַליין באַאַרבעטן די גאַנצע שטוב און זי האָט ערשט געניצט קאַפּטעס פאַר די גויה'ס אָז האָט געטאָן אַנדערע אַרבעטן אויף צו פאַרדינען אַ פּאָר קאָפּיקעס. די שטוב איז געווען אַ גרויסע. עס זיינען געווען עלטערע ברידער פון יאַשאַן און קלענערע און די קלענערע האָבן אַלע געלערנט און דאָס איינציקע שוועסטערל האָט אויך געלערנט און מען האָט געדאַרפט זייער אַ סך. דאָך איז דער שמייכל נישט פאַרשוואונדן פון די פּנימער אין יע־

נער שטוב. יאשאס מאמע איז געווען א שווארצע אזוי ווי א ציגיינערטע און זי האט געהאט א פאר ברענענדיקע און לאכנדיקע אויגן און זי האט זיך שטענדיק אונטערגעזונגען. דער טאטע יאשאס איז געווען א שוואכער מענטש און ער פלעג אונטערקרעכצן, אבער דאס גוטסקייט איז אים פון פנים נישט פארשוואונדן און ער איז שטענדיק געווען פול מיט האפנונג און גלויבן. יאשא האט זיך פאקטיש ארומגעדרייט אין שטוב און ער האט גארנישט געטאן, ער האט געזאלט לערנען, אבער ער האט דאס אויך נישט געטאן, ער האט גע־לייענט. פון דעסט וועגן האט דער פאטער זיינער אים נישט געיאדעט און ער איז אפילו געווען צופרידן פון אים. ער האט געזאגט, אז ער איז א געלערנטער, כאטש ער האט אין קיין גימנאזיע נישט געלערנט און ער וועט זיך שוין זיין שטעטל באשטיין. אויב דער אלטער פאפעסקו מעג זיך פארגינען צו לאזן ארומגיין א זון אזוי, מעג ער זיך אויך פארגינען, כאטש פאפעסקו איז א רייכער מאלדאוואן, וואס איז שוין געווען „פרימאר" און ער איז אן ארימער ייד... און די קינדער האבן אויך אנגעפילט מיט פרייד די שטוב. עס איז גע־ווען ענג, עס איז ממש נישט געווען וואו אויסצודרייען זיך און די בת יחידה פלעג שרייען, אז דער קלענסטער ברודער פארפלעקט איר דעם העפט. אבער עס איז דאך געווען פריילעך. א פריילעכער מוראשניק איז דארט גע־ווען. אפילו, ווען מען האט זיך געקריגט, איז אויך נישט געווען טרויעריק. עס האבן זיך דארט די קריגערייען אויך געענדיקט מיט געלעכטערס. און מען איז געווען גאסטפריינטלעך. אט ווי ס'איז געווען ענג, האט מען יאנקלען נישט אוועקגעלאזט און מען האט אים געמאכט פלאץ און ער האט אפט גע־מוזט עסן מיטיק, כאטש ס'איז געווען א פולע שטוב מיט פיסקעס.

צו אפאנאסין אין שטוב פלעג יאנקל אויך אריינגיין, אבער דארט האט ער זיך געפילט פרעמד. די שטוב איז געווען א גרויסע, א פריצישע, א גאנצער שלאס איז זי געווען, מיט א גארטן; די שוועסטער אפאנאסים זיינען דאך שטענדיק געווען פארשפארט אין זייערע צימערן און ווען ס'איז צום ברודער געקומען א גאסט, האבן זיי פון ווייטנס געכאפט א קוק און זיך ווייטער באַ־האלטן. קיין ברידער האט אפאנאסי אין דער היים נישט געהאט. דער טאטע איז שטענדיק געווען אין געשעפט און די מאמע איז געווען אן אלטע, בייזע וואלעכטע, וואס האט שטענדיק געבורטשעט און זי האט נישט ארויסגעוויזן קיין אינטערעס צוריידן מיט עמיצן און שוין אוודאי נישט מיט אזא איינעם, וואס האט גערעדט רוסיש, נישט קיין מאלדאוואניש. די גאנצע שטוב האט געשמעקט מיט פרעמדקייט. אויף שריט און טריט האבן געברענט לעמפלעך ביי די איקאנעס און זיי האבן געטשאדעט און עס האט אויך געשמעקט מיט פרעמדע מאכלים און מיט חזיר. יאנקל האט זיך געפילט גוט, וואס מען האט אים קיינמאל נישט איינגעלאדן צו נאכטמאל און צו מיטיק, ווייל ער האט גע־שפירט, אז ער וואלט די מאכלים נישט געקענט עסן. מער ווי א גלאז טיי

מיט אַ טרוקן געבעקס האָט מען אים קיינמאָל נישט פאַרגעלייגט. צום מערסטן איז ער געזעסן מיט זיין חבר אין גרויסן גאָרטן, וואָס האָט געשמעקט מיט בלומען און מיט פּרוכטן. דער איינציקער אין יענעם הויז מיט וועלכן אונ־זער העלד איז גיך היימיש געוואָרן, איז געווען אַ גרויסער קודלאַטער הונט מיט אַ שעפּסן פעל. וואָס האָט געקוקט מילד אויף אים און זיך געבעטן, אַז ער זאָל אים גלעטן, אָדער קראַצן. יאַנקל האָט ביז דעמלט קיינמאָל אין זיין לעבן מיט קיין הונט זיך נישט געחברט, פּונקט ווי ער האָט זיך נישט געחברט מיט קיין שום אַנדער נישט־מענטשלעך באַשעפעניש. גאָר קליינערהייט פלעג ער זיך אַמאָל וועלן שפּילן מיט אַ קאַץ, האָט מען אים אויך נישט געלאָזט און מען האָט געשריגן, אַז עס שאַדט צום זיכרון. צו אַפאַנאַסין איז דער הונט נישט אַזוי געלאָפן, ווי ער איז געלאָפן צו יאַנקלען. ער איז געווען אַ שווע־רער און אַן אומבאַוועגלעכער, פון דעסט וועגן פלעג ער לויפן צו אונזער העלד, אַז ער האָט געהעצקעט מיט זיך דעם פּאָל, אָדער די ערד. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אין אַ סקיצע, וואָס ער האָט געלייענט אין „חוברת היובל" (יובל העפט) פון „השילוח", וואָס דער דיכטער שאול טשערניכאָווסקי האָט אָנגע־שריבן. „נתפרדה החבילה" (איבערגעריסן דאָס שטריקל) האָט זי געהייסן. זי האָט באַשריבן די פריינטשאַפט צווישן אַ יידיש ייִנגעלע און אַ קליין חזירל. דאָס ייִנגעלע האָט אומגעהויער ליב געהאַט דאָס קליינע ראָזעווע חזירל מיט דעם חנוודיקן מאָרדעלע, דערוויילּ איז אונטערגעקומען דער ווינטער און מען האָט דאָס ייִנגעלע פאַרשפּאַרט אין שטוב און נישט אַרויסגעלאָזט. דאָס חיות איז אים אויסגעגאַנגען נאָך זיין פּירפּיסיקן חבר און מען האָט אים נישט גע־לאָזט לויפן צו אים. און ווען דער פרילינג איז געקומען און ס'האָט אָנגעהויבן ווערן וואַרעמער און ס'האָבן אָנגעהויבן לויפן ריטשקעלעך, האָט מען דאָס ייִנגעלע אַרויסגעלאָזט און ער איז באַלד געלאָפן צו זיין חבר. אָבער דאָס קליינע חזירל איז איבערן ווינטער געוואָרן אַ גרויסער באַוואַקסענער חזיר און דאָס ייִנגעלע האָט אויף אים געקוקט מיט שרעק און — דאָס שטריקל איז אי־בערגעריסן געוואָרן. יאַנקל האָט זיך אָנגעהויבן חברן מיטן הונט, ווען ער איז שוין געווען גרויס און באַוואַקסן, דאָך האָט ער נישט געפילט קיין פרעמד־קייט צו אים. ס'איז אים געווען גוט צו האָבן לעבן זיך אַ באַשעפעניש, וואָס בעט עפּעס און ער קען גיבן. ער פלעג אַזש אַ ציטער טאָן, ווען מען האָט אים געבעטן. אַ בעטלער פלעג ער אָפּגעבן די לעצטע קאָפּיקע.

דער גאָרטן ביי אַפאַנאַסין איז יאַנקלען געווען פּונקט אַזוי ליב, אַזוי ווי די שטוב ביי יאַשאַן, ער האָט זיך נישט איין מאָל געפרעגט: וואָס איז בעסער — אַ פּולע, ענגע שטוב מיט גוטע מענטשן, צי אַ פרייער גאָרטן מיט בלומען און מיט פּרוכטן? ער האָט זיך אויך געפרעגט: וואָס וואָלט ער בע־סער געוואָלט באַשרייבן — אַ שטוב מיט מענטשן, צי אַ גאָרטן? און טיף ביי זיך אינעווייניק האָט ער געפילט, אַז מענטשן זיינען אים נעענטער...

די באַלעבאַטים יאַנקלס, וואָס זיינען אים אַריינגעקראָכן אין די גערע־דים אַריין, כאָטש קיינער פון זיי האָט נישט געצאָלט צו דער צייט, און זיי האָבן זיך אים געמישט מיט זייערע דעות ווי אַזוי צו לערנען, האָבן אָנגע־הויבן אונטעררעדן וועגן דעם, אַז ס'איז נישט שיין אַ העברעאישער לערער זאָל זיך חברן מיט אַ קריסט. עס האָבן שוין נישט געפעלט קיין יאַכנעס און גאַטס סטראַפּטשעס, וואָס האָבן געזאָגט, אַז דער העברעאישער לערער איז פאַרליבט אין אַפאַנאַסים אַ שוועסטער און אַז ער וועט זיך צוליב איר שמדן... ער איז שוין געווען אַריבער אַ חודש באַפריינדעט מיט דעם מאָלדאַוואַנישן בחור און ער האָט נאָך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט קיין איינער פון זיינע שוועסטער און זי צו זען פון דער נאָענט. ער האָט גע־האַט אַ פאַרדאַכט, אַז זיי ווילן זיך נישט באַקענען מיט אים, ווייל ער איז אַ ייד. ער איז געווען זיכער, אַז אַפאַנאַסי האָט פאַר זיי שטענדיק גערעדט וועגן אים מיט באַגייסטערונג און פון דעסט וועגן זיינען זיי קיינמאָל נישט אַרויס־געקומען אין גאָרטן אַריין, ווען ער איז געווען. ער האָט אַפילו נישט געוואוסט, צי זיי זיינען שיינע, אָדער נישט. ער האָט געהאַט אַ קליין שטיקל ראָמאַן דווקא מיט אַ יידיש מיידל, וואָס ער האָט געלערנט מיט איר אַביסל רוסיש און אַביסל העברעאיש און טאַקע יידיש. זי איז געווען אַ זייער שיינינקע און זי האָט געהאַט קיילעכדיקע אייגלעך און אַ קיילעכדיקן קליינעם קערפּער און ס'האָט געוויינעט פון איר מיט שוועסטערישקייט. זי האָט געטראַכט מער ווי וועגן שוועסטערישקייט, אָבער אים איז דער קאָפּ נישט געלעגן ביי איר, ער האָט געטראַכט וועגן דעם ווייבל פון קיליע מיט וועלכער ער האָט געהאַט די אַוואַנטיורע אין באָלגראַד און ער האָט געציילט די חדשים און געפירט דעם חשבון, ווען זי וועט דאַרפן זיין אויף דער צייט. ער האָט געפילט, אַז דער טאַטע פון מיידל האָט אים צוגענומען מיטן געדאַנק, אַז אפשר וועט ער ווערן אַ חתן פאַר זיין טאָכטער, וואָס איז שוין געווען אַביסל אַ מאָדערנע און האָט נישט געוואָלט קיין כלה ווערן דורך אַ שדכן און האָט געוואָלט נאָר דורך לי־בע. אויך די מאַמע פון מיידל האָט אים אַרויסגעוויזן אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, וואָס מען ווייזט קיין לערער נישט אַרויס. זי האָט אים שטענדיק אויפגע־נומען מיט טיי און מיט איינגעמאַכטס און מיט קיכלעך און זי האָט אים דווקא געלאָזט זיין אַליין מיט דער טאָכטער. יאַנקל האָט די ערשטע צייט זיך נאָכגעגעבן, אים איז געווען אָנגענעם פון דער מאַמעס בענטשנדיקן שמייכל, פון פאָטערס גרייטקייט אים צו דערלאַנגען דאָס טעלערל פון הימל און טאַקע פון דעם מיידל אַליינס לאַסקעס; אָבער ער האָט צו קלאָר געזען, ווי מען שפּינט אַרום אים אַ נעץ אויף צו כאַפּן אים מיט ליבע און ער האָט זיך אָפּ־געקילט צום מיידל און ער האָט געזען ווי זי ליידט און עס האָט אים וויי גע־טאָן און ער האָט נישט געפונען קיין אויסוועג. אַפאַנאַסים שוועסטער זיי־נען אים נישט געלעגן אין קאָפּ און ער האָט עפּעס מורא געהאַט אויך צו

פאַרבינדן זיך מיט קריסטלעכע. ער האָט געוואוסט, אַז די פאַנטאַזיע פון אַלע רכילותניצעס און פון אַלע גאַטס סטראַפּטשעס איז גרייט אויסצוטראַכטן זיינע אַ ליבע מיט אַ „שיקסע" און שוין נעמען דערציילן ווי אַזוי ער שמדט זיך. זיי פעלט נאָר אַ קליינער אָנהייב און ער האָט זיך געהיט. האָט ער מיט די באַלעבאַטים מיט זיינע געטענהט הייסער ווי ער פלעג געוויינלעך טענהן מיט פרעמדע מענטשן און ער האָט זיי דערוויזן, אַז אַ יידישער נאַציאָנאַליסט האָט נישט פאַרוואָס נישט צו טאָרן זיין אַ גוטער ברודער מיט אַ קריסט און אים העלפן זיין אַ פּראָגרעסיווער מענטש און טאַקע אַ יידן־פריינד. זיין אייגענע סביבה איז פול מיט שנאה צו יידן, און ער קעמפט קעגן דעם, דאַרף ער אים דערפאַר פאַרטרייבן? אין דער גמרא ווערט דערציילט וועגן גרויסע תנאים, וואָס זיינען געווען גוטע ברידער מיט זין פון אַנדערע פעלקער און זיי האָבן מיט זיי דיסקוטירט, פאַרוואָס זשע זאָל ער דאָס נישט טאָרן טאָן מיט אַ בחור, וואָס קלויבט זיך צו ווערן פון די חסידי אומות העולם? זיי האָבן אים אויסגעהערט און זיי האָבן געזאָגט, אַז היינט איז נישט אַמאָל און אַז פאַר אַ העברעאישן לערער פּאַסט עס נישט. די קינדער וועלן זיך באַלד אַראָפּנעמען אַ מוסר און זיי וועלן באַלד אויך זיך נעמען חברן מיט שקצים... אויך צווישן די מיטגלידער פון ציוניסטישן קרייז זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר דעם העברעאישן לערער צו זיין צו שטאַרק אינטים מיט אַ קריסטלעכן בחור, וואָס היינט איז ער אַ יידן־פריינד און מאָרגן קען ער ווערן אַן אַנטיסעמיט. געדאַכט האָט זיך אונזער העלד, אַז זיי מיינען נישט, וואָס זיי זאָגן און אַז זיי זיינען פשוט אייפערזיכטיק אויף די דריי חברים.

און דערווייל איז געקומען דער חודש תמוז, די היצן זיינען געוואָרן גרעסער און פון צייט צו צייט פלעג מען זיך גיין באָדן אין טייך אַריין און אפאַנאַסי פלעג זיך דווקא האַלטן לעבן די יידישע יאַטן און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זיי. וועגן באָדן זיך אין אַ באָד־קאָסטיום האָט מען דעמלט נישט געוואוסט, מען האָט זיך געבאָדן אין אדמס קאָסטיום און די נאַקעטקייט האָט געוויזן אפאַנאַסים פרעמדקייט צווישן די יידישע בחורים און ער אַליין האָט עס געפילט. און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער איז נישט קיין וואָלטעריאַנער, וואָלט ער זיך מל'ע געווען...

יאַשאַ סין מייער האָט פאַרטראַכט, אַז מען זאָל פראַווען אין שול הערצלס יאָרצייט. דעם גאַנצן קרייז איז דאָס געפעלן און מען האָט גענומען מאַכן אַ פּראָגראַם. דער חזן וועט מאַכן אַ מלא, יאַנקל וועט האַלטן אַ רעדע און אַלע וועלן זינגען די „התקווה". יאַנקל האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהאַלטן קיין רעדע, אָבער ער האָט זיך געוואָלט פּאַרמעסטן. און ער האָט זיך אָנגעשריבן אַ רעדע און ער האָט זי גענומען מיט עטלעכע טעג פריער אויסלערנען אויסנווייניק. אין שול האָט מען פריער נישט געוואָלט דערלויבן

צו האלטן א ציוניסטישע רעדע. עס האבן זיך דאך געפונען א פאר פאנאטיקער, וואס האבן געזאגט, אז הערצל איז געווען א ימח שמוניק און די ציוניסטן ווילן ברייגגען שמד, אבער זייער צאל איז געווען קליין. די מערסטע, יידן איז דער ציוניזם געווען געפעלן, זיי האבן געזאגט, אז ס׳איז שוין טאקע צייט, אז יידן זאלן האבן א היים און זיי זאלן נישט דארפן מורא האבן פאר יעדן איוואן און זיי זאלן זיך נישט שרעקן פאר א גוי, וואס שיכורט זיך אן און ער צעזינגט זיך און ער סטראשעט, אז ער וועט אויסקוילען אלע יידן. פון די צוויי שוחטים איז איינער געווען רב אויך, אבער אויך ער האט זיך שטארק נישט געמישט, ווייל ער האט זיך נישט געוואלט פארקריגן מיט די באלעבאטים. מאדנע איז געווען, וואס די בעל מלאכות זיינען אלע געווען דערפאר, אז מען זאל פראווען הערצלס יארצייט און די רייכערע יידן האבן געזאגט, אז מען דארף זיך היטן פאר דעם ציוניזם, ווי פאר פייער...

און מען האט געפראוועט אין שול דעם יארצייט און עס איז זיך צונויפגעקומען א גרויסער עולם און די שול האט אין א וואכעדיקן טאג אויסגעזען ווי אום יום טוב. דער חזן האט געמאכט די מלא און ביי יאנקלען איז דערווייל שיעור דאס הארץ ארויסגעפאלן און מיט זיין גוטן חבר יאשא האט עס אויך געווארפן ווי אין א קדחת. אפאנאסי האט געהאט טענהס פארוואס עס קומט פאר אין שול און ער איז דאך געקומען און ער איז געשטאנען ביים סאמע אריינגאנג. די רעדע איז געווען א סענטימענטאלע און זי האט גערירט א טייל פון עולם, אבער יאנקל האט זי געהאלטן צו גיך און מען האט דערקענט, אז זי איז אויסגעלערנט. איין מאל האט דער אנפאנגער דעבוטאנט פארלוירן דעם פאדים און פארגעסן אלציינס ווי א קינד, וועלכעס פארגעסט א שיר וואס ס׳האט אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. יאנקל איז געווארן זייער צערודערט און אים האט יעדער אויגנבליק אויסגעזען ווי אן אייביקייט, ער האט מורא געהאט, אז ער וועט ליידן א בושה... יאשא סין מייער איז שוין געווען גרייט צו נעמען זינגען די „התקווה”, אבער אונזער העלד האט געמאכט א ווילדע אנשטרענגונג, זיך דערמאנט און גענומען ריידן נאך גיכער ווי פריער. ער האט גערעדט וועגן הערצלס אויסערלעכקייט, וועגן דעם, וואס אז מען קוקט אויף זיין בילד, זעט מען, אז ער איז אויסגעוויילט צו זיין א קעניג, אבער ער איז געווען א קעניג אן א טראן, ווייל יידן זיינען דאך א פאלק אן א לאנד. אליין איז ער געווען רעפובליקאניש געשטימט און ער איז געווען קעגן דער צארישער מאנארכיע און ווען ער האט גערעדט וועגן ציון, האט ער גערעדט וועגן א קעניג. ער האט ריידנדיק געטראכט וועגן דעם און ער האט זיך געגעבן חשבון, אז כאטש ער איז קעגן צאר, שטעלט ער זיך דאך פאר דאס יידישע פאלק אין ארץ ישראל אין איינעם מיט א קעניג; א יידישער מלך, האט ער זיך געקלערט, וועט נישט זיין אזוי שלעכט, ווי דער רוסישער איז, כאטש אין תנך ווערן דערציילט גענוג שלעכטע זאכן פון א סך קעניגן.

אַפילו פון די בעסטע און גרעסטע... ווען ער האָט געענדיקט די רעדע, האָבן אַ סך אַפּלאָדירט, כאָטש ס'איז געווען אַ יאָרצייט און אייניקע האָבן טאַקע גאָר וואַרעם אַפּלאָדירט, דאָך האָט דער רעדנער אַליין געפילט, אַז ער האָט געהאַט אַ דורכפאַל און נישט אַזוי מיט דער רעדע אַליין ווי מיט דעם אופן ווי ער האָט זי געהאַלטן. איין נאָענטער באַקאַנטער האָט אים טאַקע געזאָגט, אַז ווען ער וועט דאָס אַנדערע מאָל כאַפּן, וועט מען אים געבן באַזונדער... אייניקע האָבן אויך דיסקוטירט, וואָס ער האָט גערעדט מאָנאַרכיסטיש און פאַרוואָס ער האָט נישט געמאַכט הערצלען פאַר קיין פּרעזידענט פון דער פּאַלעסטינער רעפּובליק. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט ער אַזוי גע־רעדט „דליאַ קראַסנאַוואַ סלאָווצאַ" (פאַר מליצה וועגן) און ער איז טראָץ דורכפאַל געווען דער העלד פון טאָג...

און פּלוצים איז יאַנקלען איינגעפאַלן צו באַשרייבן די אַלע שטעט, וואָס געפינען זיך ביים ברעג פון דונאַי. ער האָט אָנגעהויבן מיט ווילקאָוו און איז געגאַנגען ביז רעני. ער האָט עס באַשריבן גלייך ער וואָלט די רייזע געמאַכט אויף איין מאָל און גלייך ער וואָלט געווען אַ פרעמדער אין יענער געגנט. די באַשרייבונגען זיינען געווען אַ געמיש פון קאָנקרעטע בילדער וועגן דעם יידישן לעבן אין יענע מקומות, און פון פּאָעטישע בילדער וועגן דער רייזע איבער דעם טייך גופא. די פּאָעטישע איינדרוקן זיינען ערשט געווען אַ גע־מיש פון ערנסט און פּאַראָדיע. עס איז זיכער געווען היינעס איינפלוס אין דעם גאַנצן אופן ווי דער יינגער מחבר האָט געמישט סענטימענטאַליזם מיט אי־ראָניע און ס'איז שוין געווען דער אָנהייב פון דעם שטייגער אויף וועלכן דער מחבר האָט דערנאָך געשריבן סיי זיינע רייזע־איינדרוקן, סיי זיינע אַר־טיקלען און פעליעטאָנען, וואָס זיינען שטענדיק געווען אַ געמיש פון פּובלי־ציסטיק און בעלעטריסטיק. אָנגעשריבן האָט ער די סעריע בסוד און אַוועק־געשיקט האָט ער זי אויך בסוד אין דער רעדאַקציע פון „גוט מאָרגן" און כאָטש ער האָט זיך שוין געהאַט אַ פּאָר מאָל געדרוקט, האָט ער געוואַרט מיט אַ מוראַדיקן אומגעדולד אויף די צייטונגען, וואָס פלעגן אָנקומען אויפן צוויי־טן און אַמאָל אויפן דריטן טאָג פון אָדעס. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט איצטער, ווען אָט די רייזע־איינדרוקן וועלן פאַרעפנטלעכט ווערן, וועט ער אָנערקענט ווערן ווי אַ שרייבער. און די טעג האָבן געדויערט וויפל יאָרן. אין קלאַס האָבן זיך די שעהן גאָר געצויגן ווי אייביקייטן און אַפילו דאָס פאַר־בריינגען מיט יאַשאַן און אַפאַנאַסין איז אויך געפאַלן צו לאַסט און ס'האָט געדויערט. ביידע חברים האָבן באַמערקט, אַז מיט אונזער העלד איז עפּעס נישט דאָסיק און זיי האָבן אי געהאַט יסורים, אי זיך געוואָרטלט. אַפאַנאַסי האָט גאָר געמיינט, אַז יאַנקל איז פאַרליבט. ער האָט געזאָגט, אַז ער זעט אוים פונקט ווי ער, ווען ער איז פאַרליבט. ער גייט אויך אַרום אומגעדול־דיק און ער קען זיך קיין אָרט נישט געפינען און ער זוכט אוים בלומען און

ער רייסט זייערע בלעטלעך און ער וויל טרעפן, צי זי האָט יאָ ליב, אָדער נישט און צי קומט זי יאָ, אָדער נישט. און טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי ענ־לעך צו אים, ווען ער איז פאַרליבט, האָט ער אים נאָך מער ליב און ווען ער וואָלט געהאַט אַ געלעגנהייט דערצו, וואָלט ער זיך מקריב געווען פאַר אים...

און אין אַ פּאָר טעג אַרום זיינען אָנגעקומען צוויי „גוט מאָרגנס" אויף אַמאָל און עס זיינען דאָרט געווען געדרוקט צוויי פּאָרזעצונגען פון דער סע־ריע. יאַנקל האָט זיך דערפון דערוואוסט, ווען ער איז מיטיק־צייט געגאַנגען פון קלאַס צו זיין שוועסטערקינד צום עסן. יאַשאַ סין מייער איז אים באַ־פאַלן מיט אַ ווילדער פרייד און ער האָט אים געכאַפּט קושן און שלאָגן. ער האָט אַזוי געבאָכעט, אַז עס האָט אים וויי־געטאָן, דאָך האָט ער געפילט, אַז ס'איז צום גוטן און מיט גוטן. דער חבר האָט שווער געכאַפּט דעם אָטעם ביז וואַנען ער האָט אים געזאָגט, אַז עס זיינען געדרוקט צוויי פּאָרזעצונגען און אַז זיי זיינען שיין ווי גאָלד. פּאָעטיש און דאָך איראָניש און קאָנקרעט און דאָך אינטערעסאַנט. ער האָט אים געטוטשעט די צוויי צייטונגען אין די אויגן אריין און ער האָט נישט אויפגעהערט טאַנצן און צאַפּלען. יאַנקל האָט שוין ביז דעמלט געהאַט געדרוקט עטלעכע זאַכן אין יידיש, רוסיש און העברעאיש, אָבער די פרייד פון אַן ערשטלינג האָט ער ערשט איצטער דערפילט... די פרי־ערדיקע מאָל האָט ער נישט געהאַט אַזאַ חבר לעבן זיך, וואָס זאָל אים זיין אַזוי נאָענט און זאָל אַזוי פייערן זיין דערפאָלג. ער האָט אין אָדעם אַרויס־געקוקט אויף עמיצנס אַזאַ באַגריסונג און ער האָט זי נישט באַקומען. יאַשאַ האָט אים נישט געלאָזט גיין עסן צו זיין שוועסטערקינד און ער האָט אים געשלעפּט צו זיינען עלטערן, וואו עס איז שוין געווען וויין און וואו מען האָט געטרונקען לחיים און אַלע האָבן אים געוואונטשן, אַז ער זאָל ווערן אַ גרויסער שרייבער. די שטוב אַליין האָט עס אים, דאכט זיך, געוואונטשן. דאָס קליינע שוועסטערל יאַשאַס, די דעמלט עלף־יעריקע מאַלי מיט דעם רו־חישן יינגלישן קעפּל און די נאָך מער רוחיש מיידלישע אייגלעך האָט אים גע־וואונטשן, אַז ער זאָל זיין אַ גרעסערער שרייבער פון פּושקינען און טאָלס־טאָיען. נישט מער און נישט וויניקער! און צום ענדע פון מיטיק איז שוין אָנ־געקומען אַפּאַנאַסי און ער האָט זיך באַזונדער געכאַפּט צום קושן און צום שלאָגן. ער האָט שוין געהאַט געוואוסט וועגן די אַרטיקלען און ער האָט שוין אַפילו געוואוסט עפּעס וועגן זייער אינהאַלט. יאַשאַ האָט אים איבער־געגעבן דעם תמצית און ער האָט נישט אויפגעהערט שרייען, אַז ער האָט באַלד געוואוסט, אַז ער איז אַ טאַלאַנט, אַ גרויסער טאַלאַנט. דער ערשטער טאַלאַנט, וואָס די נייע בעסאַראַביע האָט אַרויסגעגעבן... איצטער וועלן זיך שוין עפענען די טויערן פאַר אַ סך פאַרבאָרגענע טאַלאַנטן פון דער נייער בע־סאַראַביע. דער גוטער מאָלדאַוואַן האָט באַלד געמוזט קריגן פון מחבר אַליין אַ גענויע און ווערטלעכע איבערזעצונג פוןביידע אַרטיקלען און ערשט נאָך

דעם האָט ער געמוזט אויסלערנען די אותיות פון יאַנקלס אונטערשריפט. פאַר גרויס פרייד האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט ערשט היינט דערציילן זיינע שוועסטער ווער ער איז און זאָלן זיי וויסן מיט וועמען זיי האָבן זיך נישט געוואָלט באַקענען... יאַנקל און יאַשאַ האָבן ביידע אין איין און דער זעלביקער צייט אַ מאָדנע קוק געטאָן אויף אים און ער האָט זיך פאַרלוירן און ער האָט געפילט, אַז ער האָט אויסגעזאָגט אַ סוד, אָבער ער האָט זיך נישט באַהאַלטן און ער האָט זיך גלייך מודה געווען, אַז ער האָט צו קעמפן מיט אַנטיסעמיטיזם ביי זיך אין שטוב אַליין און זייט ס'איז נאָך געווען צו גאַסט זיין שוועסטערקינד, וואָס איז אַ שילער אין דער קעשענער גלחים־סעמינאַריע, איז שוין די שטוב גאָר פול געוואָרן מיט יודאָפאָביע און ער האָט שוין צוליב דעם אַ פּאָר מאָל געוואָלט פאַרלאָזן די היים... יאַנקל האָט שוין יענעם בייטאָג נישט געטאָרט גיין אין קלאַס אַריין און ביידע חברים האָבן אים פאַרשלעפּט ווייט אין פעלד אַריין און זיי האָבן זיך מיט אים געראַנגלט און געשפּילט ווי קליינע קינדער. און וויפל מאָל עס איז דורכגעגאַנגען אַ שיקסע, האָט אַפאַנאַסי איר געהאַלטן אַ גאַנצע טיראַדע וועגן זיין „גרויסן חבר" און ער האָט איר געזאָגט, אַז אים נישט, ער איז אַ פּשוטער מענטש, אָבער זיין חבר דאַרף זי זיך איבערגיבן אין שום פון דער נאַטור, ווייל ער איז אַ גרויסער פּאָעט. ער האָט דאָס געזאָגט אויף רוסיש און אויף מאָלדאַוואַניש און די שיקסעס האָבן אויף אים געקוקט מאָדנע און זייענען פון אים אַנטלאָפן מיט אַ געלעכטער, אָדער מיט שרעק. אייניקע האָבן אים געשריגן „ניעבון" (משוגענער). אַפאַנאַסי האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אייגנאַרטיקייט פון דער רומענישער שפּראַך, וואָס „בון" הייסט אויף איר אַ גוטער און „ניעבון" הייסט נישט קיין שלעכטער, נאָר אַ משוגענער...

אין אַ פּאָר טעג אַרום זייענען אָנגעקומען נאָך אַ פּאָר צייטונגען און דאָרט זייענען געווען די ווייטערדיקע פאַרזעצונגען. יאַשאַ מיט אַפאַנאַסין האָבן געוואָלט אָנהאַלטן ווייטער די ווילדע פרייד, אָבער עס איז זיי נישט אין גאַנצן געלונגען. יאַנקל האָט זיך געטראַכט, אַז אַ סדר פּראַוועט מען נאָר אין די ערשטע טעג פּסח און אַז אַן ערשטע ליבע עקזיסטירט נאָר איין מאָל. אָבער אין גאַנצן איז די פרייד דאָך נישט פאַרשוואונדן. די פרייד האָט נאָך אָנגעהאַלטן לענגער ספּעציעל, ווייל יאַנקל האָט געדאַרפט אַפאַנאַסין איבערזעצן געווען די אַרטיקלען. אין אַ היפּשער מאָס האָט געטיילט די פרייד מיט די דריי יונגע חברה דער אַפּטייקער כוטאָראַן, וואָס האָט נאָך ביז דעמלט נישט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן איינעם אַ מענטשן, וואָס מען האָט זיינע אַ זאַך געדרוקט אין אַ בלאַט. אוודאי וואָלט ער געווען מער באַגייסטערט, ווען עס איז אויף העברעאיש און ווען דאָס דאָזיקע וואָלט נאָך געווען געדרוקט אין „הצפירה", וואָלט שוין גאָר משוגע געוואָרן, אָבער אויך דאָס זען מיט די אייגענע אויגן איינעם, וואָס מען האָט געדרוקט אויף „זשאַרגאָן",

האט אים אויך גענוג איבערראשט. וואלערי אבראמאוויטש איז געווען דער איינציקער, וואס האט קריטיקירט און אלע האבן דערקענט — אייפערזוכט. די מיטגלידער פון דעם ציוניסטישן קרייז האבן זיך נישט שטארק געפרייט מיט דער געשעעניש, אבער זיי האבן דאך געקוקט אויף זייער מיטגליד מיט פארגרעסערטן דרך ארץ, כאטש זיי זיינען מיט אים די לעצטע צייט געווען נישט זייער שווה בשווה. ענגלאנד האט דעמלט אנגעבאטן א טעריטאריע די יידן אין אנגאלא — אפריקע און די מערסטע מיטגלידער פון „קרוזשאק" זיינען געווען פאר און יאנקל איז געווען קעגן און ער האט זיך מיט זיי שטארק געקריגט. ער האט געזאגט, אז אויב נישט ארץ ישראל, איז רוסלאנד אויך א לאנד און אין בעסאראביע קען מען נאך אויך לעבן. די דיסקוסיעס זיינען געווען הייסע און די איינציקע, וואס האבן געהאלטן מיט יאנקלען, זיינען געווען יאשא סין מייער און דער אפטייקער כוטאראן, אבער אויף יענע צוויי זיינען די מיטגלידער פון „קרוזשאק" נישט געווארן אזוי פערזענלעך ברוגז, ווי זיי זיינען געווארן אויף אונזער העלד. ער פלעג באמערקן, אז נאך א דיסקוסיע שפאסן זיי אלע מיט יענע צוויי, גלייך ווי עס וואלט גארנישט געווען און מיט אים ריידן זיי מער נישט ארום קיין ווארט און זיי בלייבן מיט אים ווי בלוטיקע שונאים. ער האט דאס דאזיקע דערנאך איבערגעלעבט דאס גאנצע לעבן. עס האט זיך זעלטן געמאכט, אז איינער, וואס איז מיט אים אידעאלאגיש צעקריגט, זאל אים נישט ווערן א פערזענלעכער שונא. אין דער סאמע מיט פון די הייסע דיסקוסיעס זיינען אנגעקומען די רייזע-איינדרוקן זיינע אין „גוט מארגן" און דאס דאזיקע האט אביסל געמילדערט די באציאונג צו אים און אייניקע האבן אים געמאכט קאמפלימענטן און געקלאפט אין פלייצע אריין, גלייך עס וואלט גארנישט געווען און עס האט זיך געדאכט, אז די שטימונג האט זיך שוין געביטן. אבער אין זיין ארטיקל וועגן רעני האט ער אנגערירט טאקע דעם טעריטאריאליזם פון דער מערהייט „קרוזשאק"-מיטגלידער און דאס דאזיקע איז געווען ערגער ווי א שטיין אין א גארטן אריין און אלע מיטגלידער זיינען אים געווארן מוראדיקע שונאים, גלייך ער וואלט זיי געווען מי יודע ווי שטארק באליידיקט פערזענלעך. די מערסטע האבן זיך פשוט אוועקגעקערט צו אים מיט די פלייצעס און אייניקע פון די תקיפים, וואס זיי איז געגאנגען גוט, האבן אים אויך געמאכט סקאנדאלן און אים זיך געהייסן שעמען. אזוי ארום איז, ווי כמעט שטענדיק אין זיין לעבן, די גרויסע פרייד זיינע פארענדיקט געווארן מיט אן אומאנגענעמלעכקייט. דער „קרוזשאק" האט סיי ווי גארנישט געטאן, אויסער דעם, וואס ער האט פארקויפט אביסל שקלים און געפירט נישט גאר קיין אינטערעסאנטע דיסקוסיעס. אבער אים האט זיך דעמלט אויסגעדאכט, אז ער האט אריינגעבראכט שפאלטונג אין די רייען פון די ציוניסטן, בעת ער האט געוואלט פארפעסטיקן זייער אידעאלאגיע. ער האט זיך נישט אויפגעהערט פרעגן ווי אזוי ער

וואָלט געקענט אַנדערש שרייבן און דאָך אויסדריקן אין געדאַנק און — ער האָט נישט געוואוסט. און דאָס דאָזיקע האָט אים נישט אויפגעהערט ווי צו טאָן, ער האָט זיך מיט יענע מענטשן געוואָלט קריגן אידעאיש. אָבער נישט פערזענלעך.

פאַרענדיקט האָט זיך יענער קריג מיט דעם, וואָס יאַנקל האָט זיך נאָך ענגער פאַרבונדן מיט יאשאַ סין מייער און אַפּאַנאַסי פּאָפּעסקו און זיי האָבן אין דרייען געבילדעט אַן ענגן „קרוזשאָק", וואָס האָט געלייענט, דיסקוטירט און ייִנגליש און ערנסט אַי געלערנט, אַי זיך פאַרווײַלט. עס איז איינגעלאָדן געוואָרן חיים גרינבערג אויף אַ לעקציע קיין רעני. די פּאָליציי האָט פאַר דער דערלויבעניש באַקומען מער געלט, וויפל דער לעקטאָר פאַר דער לעקציע. יאַנקל האָט געמערקט, אַז גרינבערג איז אויסערגעוויינלעך פּאָפּולער. פון דער גאַנצער געגנט זייַנען יונגעלייט ספּעציעל געקומען הערן די לעקציע. מען איז געקומען אַלציינס ווי מען פלעג פאָרן צום בוהושער רבין, ווען ער איז געווען אין אַ שטעטל אויף שבת. ער האָט געהאַלטן זיין לעקציע אין גרעסטן זאַל פון שטעטל און ער איז געווען פול. ער האָט גערעדט רוסיש און אַ זייער ליטעראַרישן און פאָרסירטן רוסיש. און אויך דאָס דאָזיקע איז געפעלן. זיין דערשיינונג אַליין האָט גענומען דעם עולם. ער האָט געהאַט אַ טונקל פּנים און ווייסע ציין, אַזוי ווי אַ ציגיינער און ביידע האָבן געשיינט פון דער בינע אַראָפּ. די גרויסע האַלב־געקרייזטע שוואַרצע שעוועליורע זייַנען איז געווען מיט אַ שרונט פונקט אין דער מיט און זי איז אים אָפּט אַריבערגעפאַלן איבער דעם גרויסן שטערן און ער האָט זי אַלעמאָל געדאַרפט אַרויפוואַרפן מיטן אימפּעט און דאָס דאָזיקע האָט אים צוגעגעבן קראַפט און חן. ער האָט עפּעס אויסגעזען ווי אַ לייב, וואָס וואַרפט מיט דער גריווע; ער האָט די ווערטער אַביסל ווי געשניטן מיט די ציין און די „ר" האָט ער שוין גאָר דרייפאַכיק באַטאָנט און ווי אויסגעקריצט. די רעדע איז געפלאָסן ווי אַ שטראָם, מיט אימפּעט, ריטמיש און מיט פּויזעס. עס האָט זיך דערקענט, אַז ער איז צוגעגרייט, ער ווייסט פון פריער גענוי, וואָס ער וועט זאָגן, אָבער ער איז באַלעבאָס איבער זיך, ער דאַרף נישט כאַפּן און ער האָט נישט מורא, אַז ער וועט פאַרגעסן. זיין טעמפּעראַמענט האָט געברויזט, אָבער אין קיין היסטעריע איז ער נישט אַריינגעפאַלן און קיין חנדל האָט ער נישט פאַרגעסן צו מאַכן. און געווירקט האָט ער אויך זייער שטאַרק מיט זיינע ברענענדיקע אויגן, וואָס ער האָט שטענדיק געהאַלטן אָפן צום עולם. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער קוקט די גאַנצע צייט אויף אים און יאשאַ סין מייער האָט דערנאָך געזאָגט, אַז ער האָט געקוקט די גאַנצע צייט אויף אים... די מיידלעך האָבן נאָך דער לעקציע מער גערעדט וועגן לעקטאָרס אויגן, ווי וועגן זיינע רייד. דער רעדנער האָט גערעדט מער וועגן דער נויטיקייט פון ציוניזם, ווי וועגן דער מעגלעכקייט אים צו פאַרווירקלעכן.

חיים גרינבערג האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם ריס צווישן יאַנקלען און די מערסטע מיטגלידער פון „קרוזשאָק" און ער האָט אים געהאַלטן פאַר שעדלעך. ער האָט אַביסל אויסגעמוסרט די מיטגלידער און נאָך מער — אונזער העלד. ער האָט מיט אים גערעדט באַזונדער און ער האָט אים געזאָגט, אַז שרייבן דאַרף מען פאָרזיכטיק און גוט אַכטונג געבן, אַז ס'זאָל נישט האָבן די פאַרקערטע ווירקונג. אַז מען זאָגט איינעם מוסר, דאַרף מען עס אים זאָגן אַזוי, אַז ער זאָל פילן, אַז מען האָט אים ליב, נישט מען איז אים אַ שונא. ער האָט געלייגט האָפֿנונגען אויף יאַנקלען ווי אַ טוער אין נײַ־בעסאַראַביע און דערפאַר האָט ער אים געראָטן גוט צו איבערלייגן זיך ביים שרייבן. „זיבן מאָל מעסטן און איין מאָל אָפּשניידן", ווי מען זאָגט אויף רוסיש.

אוועקגעפאָרן איז חיים גרינבערג אין אַ פאַרנאַכט מיטן צוג און ער האָט מיט זיינע שיינע אויגן געקוקט צום זון־פאַרגאַנג און ער האָט געזאָגט אויף רוסיש, ווי געוויינלעך, אַז עס זעט אויס ווי ערב יום כיפור פאַר כל נדרי און ערב יום כיפור דאַרף מען זיך איבערבעטן און מיט דעם גאַנצן האַרצן. און ער האָט איבערגעבעטן דעם יונגען שרייבער מיט דער גאַנצער גרופּע און ווען דער צוג האָט גערירט, האָט ער געשריגן „שאַלאָם" (שלום) און ער האָט געזאָגט, אַז „שאַלאָם" איז פרידן. די גרופּע האָט צוריקגייענדיק פון צוג פאַרבראַכט אין איינעם מיט יאַנקלען און נישט אויפגעהערט ריידן וועגן גרינבערגן. מיט זיין אַנטי־טעריטאָריאַליזם האָבן זיי מסכים געווען, מיט אים האָבן זיי קיין מוט נישט געהאַט צו דיסקוטירן. און פונקט ווי יאַנקל האָט אַמאָל געחלומט צו ווערן אַזאַ רב ווי צירעלסאָן, האָט ער איצטער געחלומט צו ווערן אַזאַ רעדנער ווי חיים גרינבערג...

☆

קאפיטל צוועלף

יאנקל און אפאנאסי ווילן באפרייען בעסאראביע

חיים גרינבערג האט געלאזט נאך זיך א בענקשאפט; א לאנגע צייט נאך זיין אוועקפארן האט מען זיך געפילט ווי שבת צו נאכטס; מען האט גערעדט וועגן זיינע ווערטער און אפילו וועגן זיינע זשעסטן. מען האט נאכדערציילט זיינע זאגן און זיינע אינטימע שמועסן. זיין איבערבעטן יאנקלען מיט דער גרופע האט געמאכט א רושם; אייניקע זיינען געווען גרייט באמת זיך איבערצובעטן, בכדי צו פאלגן דעם רבין... עס האט זיי שוין איצטער באנג געטאן, וואס זיי האבן נישט געפרעגט חיים גרינבערגן, צי א ציוניסט מעג זיך אזוי חברן מיט א קריסט ווי יאנקל און יאשא האבן זיך געחברט מיט אפאנאסין.

און אפאנאסי אליין איז אויך געווען באצויבערט פון ציוניסטישן רעדנער. די מערקווירדיקסטע ווירקונג האט גרינבערגס רעדע געהאט אויף אים. דער יונגער מאלדאוואן האט דערפילט, אז ער געהער נאציאנאל צו די רומענער און ער האט באשלאסן, אז ער דארף ווערן א מאלדאוואנישער... ציוניסט. און זיין „ציוניזם" איז גרינגער צו פארווירקלעכן ווי דעם יידישן. מען דארף נישט קיין עמיגראציע. מען דארף נאר „זיך באפרייען פון צארישן באהערשער..."

און אפאנאסי האט זיך דערוואוסט, אז אין בעסאראביע איז פאראן א באהאלטענע אירידענטישע באוועגונג פון מאלדאוואנעס. מען האט דעמולט זיך געגרייט צו פייערן דעם יובילײ פון דער הונדערט יאריקער פאראייניקונג פון בעסאראביע צו רומעניע, האבן אין קעשענעוו א פאר הונדערט סעמינאריסטן געמאכט א קעגן-מאניפעסטאציע און מען האט די אנפירער ארייננגעזעצט אין די טורמעס. אפאנאסי האט פארזיכערט, אז די „אירידענטן" זיינען נישט קיין אנטיסעמיטן און אז זיי האלטן דעם מאלדאוואנישן אנטיסעמיטישן פירער קרושעוואן, וואס איז געווען דער הויפטשולדיקער אין ערשטן קעשענעווער פאגראם, פאר א פאררעטער, ווייל ער איז אן אויסגעשפראכענער צאריסט. אונזער העלד איז דאך נישט געפעלן, וואס די אנפירער פון דער באוועגונג זיינען מארגנדיקע גלחים. ער האט געוואוסט, אז אין א סך שטעט און שטעטלעך האט מען געגעבן סיגנאלן צו פאגראמען דורך די קלויסטער-

גלאָקן. מען האָט געקלונגען אין וואָכעדיקע טעג אין די גלאָקן און מען האָט דורך דעם געוואוסט, אַז מען דאַרף אָנהויבן איבערפּאַלן. פון דעסט וועגן האָט אונזער העלד נישט אָפּגערעדט זיין מאָלדאַוואַנישן חבר נישט צו באַטייליקן זיך אין דער באַוועגונג, ער האָט אים אַפילו געזאָגט, אַז ער איז אויך גרייט צו קעמפן, ווייל ער איז אַ בעסאַראַבער, אָבער ער האָט ביי אים גענומען אַ וואָרט, אַז ער וועט ווייטער בלייבן אַ פּראָגרעסיווער מענטש און אַ וואָלטעריאַנער... דער מאָלדאַוואַן האָט דערמאָנט זיין יידישן חבר זיין זינד פון ריידן ווי אַ מאָנאַרכיסט צו הערצלס יאָרצייט און ער האָט אים צוריק געגעבן זיין וואָרט, אַז ער וועט מער אַזוי נישט ריידן. די פריינטשאַפט איז ערשט דעמאָלט פאַרשטאַרקט געוואָרן צווישן ביידע און יאַנקל איז געוואָרן אַ סך הייסער אין זיין ציוניזם און אַפאַנאַסי איז אַלץ הייסער געוואָרן אין זיין אירידענטיזם. ביידע העלדן פלעגן קענען אָפּזיצן שעהן־ווייז אין פּאַפּעסקוס גאָרטן און שמועסן און חלומען וועגן אַ יידישער פּאַלעסטינע און וועגן אַ פרייער בעסאַראַביע. אַפאַנאַסי האָט געהערט, אַז אין רומעניע האָבן סטודענטן געמאַכט גאַסן־מאַניפעסטאַציעס קעגן דעם, וואָס רוסלאַנד האָט צוגענומען בעסאַראַביע און עס איז געקומען אויך צו סקאַנדאַלן ביי די פענצטער און טירן פון די רוסישע קאָנסולאַטן. ביידע זיינען מיט די הערצער און מיט די נשמות געוועזן מיט יענע מאַניפעסטאַנטן.

און אין בעסאַראַביע האָט מען זיך אַלץ אינטענסיווער און אינטענסיווער געגרייט צו פייערן די פאַרייניקונג פון בעסאַראַביע צו רוסלאַנד און מען האָט אין אַלע שטעט און שטעטלעך און דערפער אַפילו געגרייט גרויסע יום טובים. אויך אין רעני האָט מען געגרייט גרויסע פייערונגען אין אַלע קלויסטערס און אין ביידע שולן און דעם גרויסן בולוואַר אין סאַמע צענטער פון דער שטאָט. אין אַפאַנאַסין האָט געברענט אַ פייער און ער האָט געשריגן, אַז מען דאַרף צעשטערן דעם יום טוב. ער האָט נאָר נישט געוואוסט ווי אַזוי. ער האָט צו קיינעם נישט געהאַט קיין צוטרוי, אַפילו נישט צו זיינע אייגענע שוועסטער. ער האָט צו קיין שום מאָלדאַוואַן אין שטאָט נישט געהאַט קיין צוטרוי, די איינציקע צוויי פאַר וועלכע ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן זיינען געווען יאַנקל און יאַשאַ. ער האָט פאַר זיי גערעדט וועגן דעם טאָג ווי נאַכט. געוויינלעך איז ער געווען אַ שטילער, אַ געמיטלעכער און דער שמייכל איז אים קיינמאָל נישט אַראָפּ פון דעם פעטלעכן פּנים און איצטער איז ער שטענדיק געווען אויפגערעגט און עס האָט פון זיינע אויגן ממש געשאָסן מיט פייער. מען האָט די גאַנצע שטאָט געהאַלטן אין איין פּוצן און ריימען צום יום טוב, מען האָט געקערט אין אַלע ווינקעלעך און מען האָט אומעטום אויסגעהאַנגען פּאַפּירענע לאָמפּן פון אַלערליי פאַרבן, ווי צו קאַראַנאַציע. דער בולוואַר, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע מיט שטאָט איז געווען פול מיט אַלערליי סטענגעס און אַלע לאָמפּן זיינען געווען באַהאָנגען מיט פּאַפּירענע אַבאַזשורן, וואָס

האָבן זיך שוין א פּאָר מאָל געהאַט אָנגעצונדן פון די גאַז־לאָמטערנס נאָך מיט עטלעכע טעג פאַר דעם יום טוב. אין א שבת ביינאַכט האָבן זיך געדאַרפט אָנ־הייבן די פייערונגען און זיי האָבן דערנאָך געדאַרפט פאָרקומען א גאַנצן זונ־טיקדיקן טאָג. די גאַנצע שטאָט האָט געפיבערט און האָט זיך געריכט אויף אַן אמתדיקן יום טוב. די שענקן האָבן שוין מיט עטלעכע טעג פריער אָנגע־הויבן לייזן מער געלט און די שיכורים האָבן נישט אויפגעהערט זינגען טאָג ווי נאַכט. מען האָט געהערט אַ די טרויעריקע דריידלענדיקע געזאַנגען פון די מאָלדאַוואַנעס, אַ די זיך ציענדיקע און נאָגנדיקע מרה שחורהדיקע לידער פון די כאָכאָלן. די געזאַנגען זיינען פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין די פעלדער, פון וואַנען עס זיינען געקומען אָפּקלאַנגען.

און אַפאַנאַסי מיט יאַנקלן האָבן געמאַכט א פּלאַן צווישן זיך. זיי האָבן וועגן אים נישט דערציילט אפילו דעם אינטימסטן פריינד זייערן, יאַשאַ סין מייערן. זיי האָבן באַשלאָסן אויפצורייסן דעם יום טוב פאַר יעדן פּרייז. דער אָפּמאַך איז געווען א קינדישער ביז גאָר. די ערשטע נקמה האָבן ביידע גע־דאַרפט דורכפירן אין אַפאַנאַסיס שוועסטער, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט באַקענען מיט יאַנקלען. זיי האָבן געדאַרפט אַלע דריי קומען שבת אין אָוונט אין בולוואַר אריין אין דער באַגלייטונג פון זייערס א שוועסטערקינד, וואָס איז געקומען צו גאַסט פון קעשענעוו און איז געווען, ווי אַפאַנאַסי האָט דער־ציילט, א באַהאַלטענער אַנטיסעמיט. יאַנקל האָט געדאַרפט צוגיין צו די מייד־לעך און זיך פאָרשטעלן פאַר זיי ווי אַפאַנאַסיס בעסטער פריינד און בלייבן מיט זיי ביז זייער ברודער וועט קומען און ווייל זיי ווילן נישט, זאָל ער דעם גאַנצן אָוונט בלייבן אין זייער גרופּע און זאָל זיי די שמחה פאַרשטערט ווערן. און דערנאָך האָט ערשט געדאַרפט קומען דער גרויסער טראַסק. זונטיק אין דער פרי האָבן געדאַרפט פאָרקומען גאָטעסדינסטן סיי אין די קלויסטערס, סיי אין די שולן. אין דער גרויסער שול האָט זיך דער בעל תפילה שוין צו־געגרייט זייט א פּאָר וואָכן מיט א כאָר און ער האָט געדאַרפט זינגען חוץ „הנותן תשועה” אויך א קאַפּיטל תהילים און ער האָט אויך צוגעגרייט א כאָר פון קינדער, וואָס האָט אים נישט נאָר געדאַרפט האַלטן א טאָן און צוהעלפן, נאָר ער האָט אויך געדאַרפט זינגען „באָזשע, צאַריאַ כראַני”. דערנאָך האָט דער דאָזיקער שוחט, וואָס איז אויך רב, געדאַרפט האַלטן א קורצע רעדע אין רוסיש, כאָטש ער האָט קיין רוסיש לחלוטין נישט געקענט ריידן. מען האָט אים די רעדע אָנגעשריבן פון פריער און ער האָט זי געלערנט אויף אויסנ־ווייניק און ער האָט אַלעמאָל געפרעגט אויף אַן אנדער וואָרט ווי אַזוי מען זאָגט עס. איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז אַפאַנאַסי זאָל אין גרויסן „סאָבאָר” (קאַטעדראַלע) האַלטן א רעדע קעגן דעם פאַלשן יום טוב און יאַנקל זאָל דאָס זעלביקע טאָן אין דער גרויסער שול.

און דער יום טוב איז געקומען. שוין פון שבת פאַרנאַכט אָן האָבן מענ־

טשן גענומען פליסן אין בולוואר אריין. א גרויסער מיליטערישער אָרקעסטער האָט גענומען שפּילן פון פאַרנאַכט אָן און פּונקט ווי די צויבער־פּליט פון דער לעגענדע האָט ער גענומען ארויסציען מענטשן פון די שטיבער. אַלע בענק זיינען באַלד אין בולוואר פאַרנומען געוואָרן און אויך די הונדערטער שטולן, וואָס זיינען געשטאַנען לעבן בופעט זיינען באַזעצט געוואָרן און דער עולם האָט באַלד גענומען טרינקען ביר און וויין און לימאָנאַד און פאַרבייסן מיט געזאַלצענע בייגל און מיט וואורשט. מען האָט געוואָרפן מיט קאָנפעטי און מען האָט זיך פאַרפּלאָנטערט מיט סערפּענטין און קינדער האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד צו כאַפּן די קאָלירטע פּאַפּירלעך. עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט וויין און מיט שיכּרות און מיט אַלערליי געדויכערטע און געזאַלצענע פיש און מער פון אַלץ מיט הארטע אייער. דער אָרקעסטער האָט צום מערסטן געשפּילט מאַרשן און דאָס מעש האָט געקלאַפּט אין די אויערן און האָט גע־ריסן שטיקער ביז צום פּלאַצן. אין דער צייט, ווען דער אָרקעסטער האָט נישט געשפּילט, האָט אין דער נאָענט פון בופעט געשפּילט א גראַמאָפאָן וואַלסן און פּאָלקעס און פּאָרלעך האָבן געטאַנצט אויך אין די ווייטסטע ווינקלעך פון גאָרטן, וואוהין די קלאַנגען פון גראַמאָפאָן האָבן נישט דערגרייכט. דער „פּרים־טאַוו" איז געגאַנגען אויסגעפּוצט אין פולער גאַלאַ און אויף דער ברייטער ברוסט אויף זיינער האָבן געהאַנגען אָן א שיעור מעדאַלן. אויך די געהילפס־פּריסטאַוס האָבן אַרומגעשמייעט אין פולער גאַלאַ און באַהאָנגענע מיט מע־דאַלן. עס האָט פון די דאַמען געשמעקט פּערפום און פון די שיקסעס האָט גע־שמעקט מיט פּערפומירטע זייפלעך. די רייכערע מאָלדאַוואַנעס האָבן אַלע גערעדט רוסיש מיט א היפשער געקינצלטקייט און אומנאַטירלעכקייט, די אָרימע מאָלדאַוואַנעס האָבן גערעדט מאָלדאַוואַניש. די אָרימערע יידן האָבן אַלע גערעדט יידיש און די רייכערע האָבן גערעדט רוסיש אויף א קול. וויפל מאָל מען האָט געמאַכט הורא־אויסרופן פאַר דעם צאַר, האָבן די רייכע אַפּלאָ־דירט, די אָרימע האָבן זיך אפילו נישט צוגעהערט צו זיי. נאָר די קינדער זייערע האָבן מיטגעשריגן. יאַנקל האָט זיך געדרייט צווישן עולם און ער האָט געזען, אַז די אָרימע האַלטן זיך ווי אויף א יאַריד, בעת די רייכע האַלטן אין איין באַטאָנען, אַז זיי זיינען אויף א פּאַטריאָטישער פייערונג. ער האָט זיך צוגעקוקט, ווי די רייכע יידן שפּרינגען פון דער הויט צו געפעלן דעם פּרים־טאַוו און ווי אַזוי זיי פרייען זיך מיטן צאַר, גלייך עס וואָלטן גאָר קיינמאָל נישט געווען קיין פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד און טאַקע פאַר דער צייט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. ער האָט זיך דערמאָנט מיט וואָס פאַר א טויטשרעק די קיליער יידן, רייך און אָרים, זיינען אַרומגעגאַנגען בעת דעם ערשטן קע־שענעווער פּאָגראָם און בעת די פּאָגראָמען פון נאָך דער רעוואָלוציע און ער האָט זיך געפרעגט: האָבן די יידן פון רעני נישט איבערגעלעבט דאָס זעלבי־קע און צי האָבן זיי געקענט אַזוי גיך אין דעם אַלעמען פאַרגעסן?

און דעם ערשטן באַשלוס האָט יאַנקל באַלד דורכגעפירט. ער האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם המון און ער איז צוגעקומען ביז צו דעם קיילעכדיקן פּלאַץ אַרום בופעט און ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו דעם טישל, וואו עס זיינען געזעסן די פּריילינס פּאַפּעסקו אין איינעם מיט זייער שוועסטערקינד. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו איינער פון די שוועסטער און ער האָט געזאָגט: „דערלויבט מיר אייך זיך פאָרשטעלן!" דאָס מיידל איז געבליבן צעמישט און זי האָט דאָך געגעבן די האַנט און האָט באַמערקט: „אָבער איך בין דאָך מיט דער הער נישט באַקענט!" יאַנקל האָט זיך נישט פאַרלוירן און ער האָט זיך געווענדעט צום שוועסטערקינד און ער האָט אים געזאָגט: „בכדי אויסצו־מיידן מיספאַרשטענדענישן, וועל איך זיך אייך פאָרשטעלן און איר וועט מיך שוין פאָרשטעלן פאַר אייערע קוזינעס. איך בין אַפּאַנאַסיס בעסטער פריינד און איך הייס..." דער בחור האָט געגעבן אַ קנייטש מיטן שאַרפן פּנים און ער האָט דערמיט אַרויסגעוויזן אַ באַשטימטע אומצופרידנקייט. ער האָט גאַנץ אַנדערש אויסגעזען ווי אַפּאַנאַסי. ער איז געווען אַ שפּיצעכיקער און ער האָט געהאַט אַ בייזן בליק, אַפילו ווען ער האָט געשמייכלט. ער האָט אויסגעזען ווי איינער פון די שלעכטע און היציקע סטודענטן, וואָס רופן באַלד עפּעס אַרויס אויף אַ דועל. ער האָט שוין טאַקע געהאַט עטלעכע דועלן־שניטן אויף ביידע זייטן פּנים, כאָטש ער האָט געלערנט אויף גלח. ער האָט זיך דאָך באַ־הערשט און זיך אויפגעהויבן און געגעבן דעם אומגעבעטענעם די האַנט און ער האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר די אַנדערע צוויי קוזינעס און ער האָט אים געבעטן זיצן. די מיידלעך האָבן אַרויסגעוויזן אַ היפּשע אומצופרידנקייט, אָבער ווען ער האָט זיך שוין געזעצט לעבן זיי, זיינען זיי גרייט געווען צו אַרויסווייזן אים אַ געוויסע אויפמערקזאַמקייט. ביי זייער טיש איז געווען נאָר איין קאַוואַליר און דאָס דאָזיקע איז געווען ווייניק. ביי די אַנדערע טישן, וואו עס זיינען געזעסן ווייניקער מיידלעך, זיינען געזעסן מער קאַוואַלירן. איינע פון די מיידלעך האָט געזאָגט צום אומגעבעטענעם גאַסט, אַז זי האָט געהערט, אַז ער איז אַ טאַלאַנט און איר ברודער האַלט גאָר פון אים אַ וועלט. ער האַלט אים פאַר דעם ערשטן טאַלאַנט פון נייַ בעסאַראַביע... און זי האָט באַדויערט פאַרוואָס ער שרייבט נישט אין רוסיש. ער האָט געענטפערט, אַז ער שרייבט אויך אין רוסיש און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער איר עפּעס פאָרלייענען, אויב זי וועט ווייטער אָנהאַלטן דעם אינטערעס. זי האָט געשמייכלט העפלעך, אָבער זי האָט געקוקט מיט אַ גלייכגילטיק פּנים. עס זיינען שוין אַוועק גלייכגילטיקע שמועסן וועגן אַלץ מיט אַז אַנדער און אפילו וועגן דעם, אַז ס'איז אַ שיינע נאַכט אין דרויסן. די נאַכט איז טאַקע געווען אַ שיינע און אַ העלע. די לבנה האָט מאַיעסטעטיש געשוועבט איבער אַ פרייען, בלויען הימל און זי האָט זיך געקענט באַוועגן אין אַלע זייטן אַריין, נישט אָנ־טרעפנדיק אין ערגעץ קיין כמאַרעס. זייער זעלטן איז זי אַרונטער אונטער אַ

זיידענער כמארע און עס האט זיך אויסגעוויזן, אז איר פנים איז פארדעקט מיט א דורכזיכטיקן וואואל. זי האט, דאכט זיך, געקוקט גלייכגילטיק אויף דעם יום טוב פון אונטן און אביסל האט איר קוק אויך אויסגעזען בייז. אפאנאסי איז אנגעקומען און ער האט זיך ארומגעכאפט מיט יאנקלען און ער האט צו זיין שוועסטערקינד און צו זיינע שוועסטער געזאגט: „ווי געפעלט אייך דער קוראזש פון מיין חבר?״ דאס שוועסטערקינד האט געהאלטן, אז צוגיין זיך פארשטעלן צו קולטורעלע מענטשן איז נישט אזא גרויסער קוראזש. ער האט שוין אויך נישט איין מאל באוויזן דאס זעלביקע און ער האט זיך פארגעשטעלט פאר אומבאקאנטע, וואס האבן אים אינטערעסירט און ער האט דערנאך פארבונדן מיט זיי א פריינטשאפט. אפאנאסי האט געלאכט מיטן גוטן פנים און ער האט געזאגט: „דו ביזט דאך שוין פון זייט לאנג א העלד ביי אונז״... דער יום טוב האט פארלוירן דעם טעמפא און נאך פאר האלבער נאכט האבן זיך א סך אנגעהויבן צעגיין. אפאנאסי און זיין שוועסטערקינד האבן געטאנצט מיט די דריי שוועסטער, וואס זיינען כמעט אלע געווען פון דעם זעלביקן אויסזען און אלע זיינען זיי געווען ענלעך צום ברודער און זיי האבן נאר געהאט אנדערע נעז, אדלערישע און שפיציקערע און זיי האבן זיי צוגעגעבן א פיקאנט אויסזען. יאנקל האט זיך פארענטפערט, אז ער טאנצט נישט, ווייל ער האט געלערנט אין א ראבינער־סעמינאר, וואו די מאראל ווערט זייער שטרענג אפגעהיט. די מיידלעך האט אינטערעסירט צו וויסן, צי ראבינער טאנצן קיינמאל נישט מיט קיין פרויען. אפאנאסי האט געענטפערט, אז ראבינער זיינען אזוי פאלש, ווי אלע קלעריקאלן; פון דרויסן היטן זיי אפ די קלוימערשטע מאראל און אינעווייניק זיינען זיי פארדארבן ביז אין ביין. דאס שוועסטערקינד, וואס איז געווען א שילער פון א גלחים־סעמינאר, האט בייז א שמייכל געטאן און ער האט באמערקט, אז זיין קוזען דעקלאמירט שוין ווּאלטערן אויף אויסנווייניק. אפאנאסי האט אים געפרעגט, צי לויט יעזוסן מעג מען זיך שלאגן אויף דועלן... די מיידלעך האבן שוין מער נישט געפרעגט גארנישט, ווייל זיי האבן מורא געהאט, אז זיי וועלן ארויסרופן א צו היציקע דיסקוסיע. דער סעמינאריסט האט זיך אבער נישט אריינגעלאזט אין קיין ווייטערדיקן דיספוט און ער האט זיך גענומען נאכפרעגן ביי זיין נייעם באקאנטן, ווי אזוי א ראבינער־סעמינאר זעט אויס און ווי אזוי מען לערנט דארט און וואס און צי מען לערנט צו שטארק פיינט האבן די קריסטלעכע רעליגיע. יאנקל האט געענטפערט, אז די מערסטע רעליגיעזע יידישע טראקטאטן זיינען אלטע און זיי ריידן וועגן געצנדינער, אבער נישט וועגן קיין קריסטן, האט דער סעמינאריסט געענטפערט, אז פון דעסט וועגן איז ביי יידן צו גרויס די שנאה צום קריסטנטום. האט יאנקל געענטפערט, אז דאס יידנטום האט נישט אויסגעטראכט קיין בילבולים אויף דעם קריסטנטום און יידן האבן קיינמאל נישט געפרואווט מאכן קריסטלעכע קינדער פאר יידן, בעת

דאָס קריסטנטום האָט אַ סך מאָל אויסגעטראַכט בילבולים אויף יידן און קריסטן האָבן אַזויפיל יידישע קינדער געשמדט. אַפאַנאַסי האָט זיך אַריינ־געמישט און ער האָט געזאָגט, אַז דאָ איז נישט קיין פּלאַץ פאַר קיין רעלי־גיעזע דיספּוטן און אַז יאַנקל איז שוין לאַנג נישט קיין סעמינאַריסט און אויב זיין שוועסטערקינד איז דאָס, איז ער דאָס אויך נישט פאַר איבערצייגונג, נאָר פאַר אינטערעס. דער סעמינאַריסט האָט געזאָגט מיט אַ שמייכל און מיט נענוג גיפט, אַז פאַר אַזעלכע ווערטער וואָלט ער אַן אַנדערן אַרויסגערופן אויף אַ דועל. אַפאַנאַסי האָט געענטפערט, אַז כאָטש ער איז נישט קיין רע־ליגיעזער, האַלט ער נישט פון קיין דועלן און וועגן דער רעליגיע מיט דעם גאַנצן דיספּוט האַלט ער אַזוי ווי היינע האָט געזאָגט אין זיין באַרימטן סאַ־טירישן ליד „דיספּוט", אַז דער ראַבי און דער גלח האָבןביידע נישט קיין גוטן ריח... די שוועסטער האָבן געקוקט ברוגז אויף זייער ברודער, וואָס ער רעדט אַזעלכע פּראָסטע ווערטער, איינע האָט אים אַפילו געזאָגט, אַז ער וואָלט געמעגט ריידן איידלער אין דער אַנוועזנהייט פון פריילינס, אָבער זיי האָבן דאָך געלאַכט. אַהיימגעגאַנגען זיינען זיי שפּעט און אַפאַנאַסי האָט גע־דונגען אַ דראָשקע און אַליין האָט ער זיך געזעצט אויף דער קאָזלע און ער האָט געצוואונגען יאַנקלען, אַז ער זאָל זיך זעצן קעגן זיינע שוועסטער אין איינעם מיט זיין קוזען. דער שפּיל האָט זיך אין גאַנצן איינגעגעבן. אַפאַנאַסי האָט זיך דערנאָך אַרומגעדרייט כמעט ביז טאָג מיט זיין חבר און ער האָט אַנגעקוואָלן דערפון, וואָס די אַנטיסעמיטן האָבן געמוזט פאַרברענגען די גאַנ־צע נאַכט אין דער געזעלשאַפט פון אַ יידן און אויסהערן שטאָלצע רייד. ער איז געווען זיכער, אַז איצטער וועלן זיי שוין מער רעספּעקטירן יידן און זיי וועלן פאַרשטיין פאַרוואָס ער איז אַזוי באַפריינדעט מיט „זיין יאַנקלען".

און ס'איז געקומען דער צווייטער אַקט פון שפּיל, וואָס האָט געדאַרפט זיין אַ סך רירנדיקער. ביידע העלדן האָבן זיך צוגעגרייט פון פריער די רע־דעס. זיי האָבן געדאַרפט זאָגן: „וואָס פייערט איר? וואָס איז אויף אייך פאַר אַ יום טוב? ווען מען זעצט אַ מענטשן אַריין אין טורמע און ער זיצט אָפּ אַ באַשטימטע צייט, מאַכט מען אים אַ יוביליי? און מיר זיינען הונדערט יאָר אין צאַרס תפיסה און מיר פּראַווען אַ יום טוב און מיר טאַנצן און מיר פרייען זיך, גלייך דאָס גרעסטע גליק וואָלט אונז געטראָפן." און אין סאַמע ברען פון יום טוב האָט אַפאַנאַסי אין „סאָבאָר" און יאַנקל אין שול געמאַכט אַ טומל. די ווערטער האָט מען געהערט אויף העלפט און מען האָט ביידע נישט גע־לאָזט ריידן און באַלד אַרויסגעפירט און טאַקע איבערגעגעבן צו פּאָליציי. ביי יאַנקלען זיינען געווען יידן, וואָס האָבן זיך געהיט צו מסרן און זיי האָבן נישט דערציילט, וואָס זיי האָבן געהערט און זיי האָבן נאָר געזאָגט, אַז ער האָט סתם געמאַכט אַ רעש און אפשר איז ער גאָר געווען שיכור, און זיי האָבן זיך פאַרענטפערט. אַז ווען „נאַטשאַלסטוואָ" איז נישטאָ אויף דעם פּלאַץ, מאַכן זיי

אין גאַנצן אַ שווייג; אַנדערש איז געווען מיט אַפאַנאַסין, דאָרט האָבן נישט געפעלט קיין עדות, וואָס האָבן קלאָר דערציילט, וואָס זיי האָבן געהערט. ביידע העלדן האָט מען ביז וואָס ווען אַוועקגעפירט אין אַרעסט אַריין, וואָס איז געווען אין אַ קעלער אונטער דער פּאָליציי.

עס האָט שוין געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל מאַכן אַ פּראָטאָקאָל און פאַר אַפאַנאַסין האָט ער געדאַרפט זיין אַ שווערערער ווי פאַר יאַנקלען. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אַפאַנאַסיס טאַטע איז אָנגעקומען. יאַנקל האָט געהערט, ווי ער האָט פריער געשאָלטן דעם זון מיט טויטע קללות אויף מאָלדאוואַניש און ערשט דערנאָך האָט ער גערעדט מיט דעם עלטסטן, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. אַפאַנאַסיס טאַטע איז געווען אַ רייכער מאַן און ער איז שוין אַ פּאָר מאָל געווען בירגערמייסטער אין שטאָט און מען האָט אים אין דער פּאָליציי אויפגענומען מיט רעספּעקט און די „גאָראָדאָוואָיעס" זיינען פאַר אים געשטאַנען „סמירנאָ". ער האָט באַלד געפּועלט, אַז מען זאָל דערווייל קיין פּראָטאָקאָל נישט מאַכן און מען זאָל אים זאָגן ווער די עדות זיינען און ער וועט זיי שוין זען באַאַרבעטן אַזוי, אַז זיי זאָלן גאָרנישט האָבן געהערט און גאָרנישט האָבן געזען. און ער וועט שוין זען דעם „פּריסטאַוו" אַליין אויך און ער וועט שוין גוט אַכטונג גיבן, אַז מען זאָל אים באַלד ארויסגענומען. ער האָט דערווייל אָנגעזאָגט דעם זון, אַז ער זאָל האַלטן די צונג פון יענער זייט ציין און ער זאָל מער נישט פּלאַפּלען קיין איבעריקע ווערטער, ווייל אַז נישט, וועט ער פאַרפירן ווערן דאָרט ערגעץ אין סיביר, וואו עס ליגן שוין די ביינער פון גרעסערע פּריצים ווי ער. אַפאַנאַסי האָט געקוקט אויף דעם פאָטער מיט לאַכנדיקע אויגן און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַזאַ אַלטער און ער רעדט ווי אַ קינד. פון דעם טאָל מיט ביינער וועט זיך אַמאָל אויפהויבן אַ ניי לעבן, אַזוי ווי די ביבל האָט שוין דערציילט וועגן דעם. און ווען דער פאָטער האָט שוין געהאַלטן ביי אַוועקגיין, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן, אַז ער איז דאָ מיט אַ חבר און ער וועט אָן אים פון דאַנען נישט אַרויסגיין, ווייל זיי זיינען ביידע איינס און זיי זיינען ביידע אַלציינס שולדיק. דער פאָטער האָט געקוקט, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ אויף דעם זון און ער האָט געזאָגט אויף מאָלדאוואַניש, אין דעם זעלביקן טאָן אין וועלכן זיין מאַמע פלעג עס זאָגן: „ט'אי דאַט דראַקולי, אַפאַנאַסי" (דער טייוול האָט דיך אַריינגעפּאַקט, אַפאַנאַסי) און ער איז אַוועק. און עס האָט נישט לאַנג געדויערט איז דער פאָטער צוריקגעקומען אין איינעם מיט דעם פּריסטאַוו, וואָס איז שוין געווען היפּש אונטערן פלעשל און ער האָט אַוועקגענומען אין אַ זייט אַריין און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט מזל, וואָס ער האָט אַזאַ טאַטן און וואָס ער אַליין האָט זיך געשוואוירן, אַז ער וועט שוין מער אַזוי נישט ריידן. אַפאַנאַסי האָט געוואָלט נעמען זאָגן, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשוואוירן, האָט אים דער פאָטער פאַרשטעלט דאָס מויל און אים נישט

אויפגעהערט שרייען אויף מאָלדאַוואַניש „טאַש דין גוראַ!" (האַלט דאָס מויל). דער בחור האָט געזען, אַז דער שפּיל איז פאַר דעם טייוול, האָט ער געשוויגן און ווען דער פּאַטער האָט אים שוין געוואָלט נעמען הינטערן אָרעם און אים געוואָלט שלעפּן מיט זיך, האָט אַפאַנאַסי זיך נישט געלאָזט און ער האָט געזאָגט, אַז אָן זיין חבר וועט ער נישט גיין. דער טאַטע האָט געגעבן אַ וואונק צו אים, אַז ער זאָל שווייגן און ער האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז מען וועט דעם חבר אויך באַפרייען. דער „פּריסטאַוו" האָט באַלד באַמערקט, אַז ער קער זיך גאָרנישט אָן מיט יענעם „זשיד", ווייל יענער האָט זיך נישט מער ווי אָנגעשיכורט... אַפאַנאַסי האָט גענומען שרייען, אַז זיין חבר איז נישט קיין „זשיד", נאָר אַ מענטש, אָבער יאַנקל האָט געשריגן, אַז ער טראָגט מיט שטאָלץ דעם דאָזיקן נאָמען. דער „פּריסטאַוו" האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ צו אונזער העלד און ער האָט געזאָגט, אַז עמיצער אַנדערש וועט זיך שוין אָפּ־רעכנען מיט אים, ער מוז אים דערוויל אַרויסלאָזן. ער האָט מזל. דער אַל־טער פּאַפּעסקו האָט דערוויל אַרויסגעשלעפּט זיין זון און יאַנקל איז געבליבן אַליין און ער האָט געפילט אויף זיך בליקן, וואָס האָבן געברענט מיט שנאה. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז מען שטעכט אים ממש מיט די בליקן און ער האָט דערפילט פּשוט טויט־אַנגסטן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער דאַרף שרייען שמע ישראל. ער האָט זיך דערמאָנט ווי דער רב צירלסאָן האָט אַמאָל געזאָגט מיט די ווערטער פון אַ מאמר, אַז יידן זיינען איין שעפעלע צווישן זיבעציק וועלף, איצטער האָט ער עס דערפילט, אַז ער אַליין איז אַ שעפעלע צווישן וועלף. אַ סעקרעטאַר האָט אים אַ שלעפּ געטאָן און האָט אים אָנגעהויבן אויספרעגן ווי אַזוי ער הייסט, ווי אַזוי זיינען עלטערן זיינע און פון וואַנען ער איז. אין מיטן איז אַריינגעקומען דער אַלטער פּאַפּעסקו און ער האָט גע־זאָגט מיט אַ וואונק צום פּריסטאַוו, אַז ער האָט דאָ עפּעס פאַרגעסן און דער פּריסטאַוו האָט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און ער האָט געזאָגט צום סעקרעטאַר, אַז עס איז שוין גענוג און ער מעג שוין גיין דער „זשיד". אויף דער גאַס האָט יאַנקל געטראָפן אַפאַנאַסין און ביידע חברים האָבן זיך אַרומ־געכאַפּט גלייך זיי וואָלטן זיך שוין יאָרנלאַנג נישט געזען און גלייך זיי וואָלטן זיך געראַטעוועט פון אַ גרויסער שריפה...

דער אַלטער פּאַפּעסקו האָט געזאָגט, אַז זיי וואָלטן ביידע געטאָן גוט, אַז זיי זאָלן זיך היינט נישט ווייזן אויף דער גאַס און אים אַרט נישט, אַז זיי זאָלן ביידע פאַרברענגען ביי אים אין שטוב און ער וועט נישט ברוגז ווערן, אַז דער ייד וועט איבערנעכטיקן ביי אים די נאַכט. אַפאַנאַסי האָט באַמערקט זיין פּאַטער, אַז ער זאָל זיך נישט וואַרפן מיט די ווערטער „ייד", ווייל אַפילו יעזוס, וואָס ער איז געווען אַ קלעריקאַל, האָט געזאָגט, אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין חילוק צווישן „עלין און יודעי". דער פּאַטער האָט ווי־דעראַמאָל געשאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק אויף דעם זון און ס'איז געווען

קענטיק, אַז ער וויל אים ווידעראַמאָל זאָגן אויף מאָלדאַוואַניש, אַז דער רוח האָט אים גענומען. און ער האָט גענומען אַ דראָשקע און ער האָט ביידע העלדן אָפּגעפירט צו זיך אַהיים און ער האָט דערביי שוויַיגנדיקערהייט אַרויסגעוויזן, אַז דער רוח נעמט אים אויס פאַרדרוס נישט אַזוי פאַר דעם זון, וואָס האָט אָפּגעטאָן אַזאַ נאַרישקייט און האָט שיעור זיך נישט אומגליקלעך געמאַכט און אים געמאַכט אַ סוף צו זיין קאַריערע, נאָר איבערהויפּט דערפאַר, ווייל ער דאַרף זיך נאָך שלעפּן מיט אַ יידן אויך און ער דאַרף נאָך אַכטונג גיבן, אַז ס'זאָל אים גאָרנישט געשען, ווייל איין האַנט מוז דאָ וואַשן די אַנדערע און איין האַנט קען דאָ אויסשמירן די אַנדערע...

עס איז נאָך געווען אַ פּאָר שעה צו פאַרנאַכט, ווען די צוויי העלדן זיינען אָנגעקומען צום געוועזענעם בירגערמייסטער אין שטוב אַריין. די מיידלעך האָבן געגעבן אַ שטעק אַרויס די קעפּ און האָבן זיי באַלד צוריק באַהאַלטן און די אַלטע מאַמע איז איר זון אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ „יברכך" און זי האָט אים געזאָגט „שע פּאַקוש?" (וואָס האָסטו געטאָן?) און זי האָט אים אָפּגעזאָגט איר שטענדיק לידל, אַז דער רוח האָט אים גענומען. נאָר דער קודלאַטע הונט איז צוגעגאַנגען אַ מיַלדער צו ביידן און ער האָט זיך צוגעטוליעט און געוואַרט, אַז מען זאָל אים גלעטן און קראַצן. אַפּאַנאַסי איז געווען זייער אויפגערעגט און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געהאַט ביי וואָס אָנצונעמען, וואָלט ער היינט די גאַנצע וועלט איבערגעקערט. יאַנקל איז געווען רואיק, די גאַנצע איבערלעבעניש איז אים געווען געפעלן, זי איז נאָר עפּעס נישט געווען גענוג. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואָלט געדאַרפט מער איבערלעבן און בלייבן אַ לענגערע צייט אין אַרעסט, בכדי ער זאָל זיך באַקענען אַביסל מיט דעם לעבן פון די אַרעסטאַנטן. ער האָט נאָר מורא געהאַט פאַר די יסורים פון די עלטערן, אָבער פאַר זיך אַליין האָט אים נישט געאַרט.

אַפּאַנאַסין איז זיך אין שטוב נישט געזעסן און ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז היינט עפּעס איבערקערן די וועלט, אָדער כאָטש זיך אָנשיכורן. ער האָט גערופן די דינסט און איר געהייסן מאַכן אַ פּעקל מיט עסן און אַריינלייגן צוויי פלעשער וויין מיט אַ גלעזל און ער האָט דאָס אַרויפגעשלעפּט אויף די פּלייצעס און ער האָט זיין חבר גערופן. די מוטער האָט אים געפרעגט וואוהין און זי האָט געוויינט און געבעטן, אַז ער זאָל נישט מאַכן מער קיין סקאַנדאַלן, און כאָטש ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין מער גאָרנישט טאָן, האָט זי אים נישט געגלויבט און האָט אים נישט געלאָזט גיין ביז וואַנען דער חבר וועט איר נישט צוזאָגן, אַז זיי וועלן שוין מער נישט מאַכן קיין סקאַנדאַלן. אַפּאַנאַסי האָט זי געפרעגט פאַרוואָס זי וויל, אַז גראָד דער חבר זאָל איר צוזאָגן, אַז זי קען דאָך אים נישט אַפילו, האָט זי געענטפערט, אַז זי זעט אין זיין חבר, אַז ער איז קליגער און בעסער פון אים. דער צעחושטער זון האָט געכאַפּט קושן די מאַמע און ער האָט איר געזאָגט, אַז זי איז די

בעסטע און די קליגסטע פון אַלע מאַמעס. זי האָט נאַריש און קינדיש געקוקט אויף אים און זי האָט געוויינט און זיך געפרייט און געבעטן, אַז זי זאָל אים נאָך היינט זען צוריק. זי וואָלט אים געדאַרפט פיינט האָבן, אָבער מאַמעס זיינען שוין אַזוי, זיי האָבן ליב די דאָזיקע קינדער, וואָס זיי דאַרפן פיינט האָבן... נאָך איר מאַמע פלעג זאָגן, אַז מאַמעס און קי האָבן אַלציין שכל...

און אַפאַנאַסי האָט זיין חבר גענומען אין פעלד אַריין. אַבי זיי זיינען נאָר אַרויס פון דער שטאָט, האָבן זיי גענומען לויפן ווי משוגעים. שקצים און שיקסעס, וואָס זיינען פאַרבייגעגאַנגען, האָבן נאָכגעקוקט ווי אַזוי זיי האַלטן זיך ביידע אַרומגענומען און זיי לויפן. און זיי זיינען אַזוי לאַנג געלאָפן, ביז וואַנען זיי האָבן זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד און זיי האָבן דערפילט, אַז זיי זיינען אי מיד, אי הונגעריק. אַפאַנאַסי האָט געעפנט דעם קויש און ער האָט געזאָגט צו זיין חבר, אַז היינט וועט ער שוין עסן נישט קיין „קאָשערנע”. יאַנקל האָט פון דעסט וועגן אויף דעם פלייש, וואָס האָט אים אויסגעזען ווי חזיר, נישט געקענט אַפילו קוקן און ער האָט גענומען אייער, טאָמאַטעס און ברויט און ער האָט מיט איין מאָל געגעבן אַ זופּ שיעור נישט אַ האַלבע פלאַש וויין, ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געטרונקען אַזוי פיל וויין אויף אַ מאָל. ער האָט זיך דערפילט שטאַרק און מוטיק און ער האָט זיך דערמאָנט אין דער מעשה פון מדרש וועגן דעם, אַז ווען נוח איז געגאַנגען פאַרפלאַנצן דעם ערשטן וויינגאָרטן, האָט ער באַגעגנט דעם טייוול און יענער איז מיט אים מיטגעגאַנגען און ער האָט אַריינגעקוילעט אין גרוב אַריין אַ לייב, אַ מאַלפּע און אַ חזיר און ער האָט אים געזאָגט, אַז ווען דער מענטש וועט טרינקען אַביסל פון וויין, וועט ער ווערן ווי אַ לייב, ווען ער וועט טרינקען מער, וועט ער ווערן ווי אַ מאַלפּע און ווען ער וועט טרינקען גאָר אַ סך, וועט ער ווערן ווי אַ חזיר און ער האָט די דאָזיקע געשיכטע דערציילט אַפאַנאַסין און יענער איז נאָר אַנטציקט געוואָרן און האָט זיך געכאַפּט קושן צו אים און דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט צום פלעשל. זיי האָבן איינגעפּאַקט דאָס עסן מיטן טרינקען און זיי האָבן זיך ווייטער געלאָזט לויפן. זיי האָבן באַגעגנט אַ שיקסע, וואָס איז געגאַנגען אַליין און אַפאַנאַסי האָט איר געזאָגט, אַז זי וואָלט געדאַרפט זיין מיט ביידע אויף דער שוים פון דער נאַטור, ווייל זיי זיינען ביידע די גרעסטע מענטשן פון רעני. די שיקסע האָט זיך איבערגעצלמט, האָט אויסגעשפּיגן און זי איז אַוועק. דער אָוונט האָט זיי אָנגעהויבן אַנטקעגן צו קומען. ערגעץ ווייט אַנטקעגן האָט די זון געברענט און זי איז פאַרגאַנגען אַ רויטע. יאַנקל האָט זיך דערמאָנט דאָס לידל פון יצחק קאַצענעלסאָן „די זון פאַרגייט אין פלאַמען” און ער האָט זיך געקלערט, אַז פּאָעטן נאַרן נישט אָפּ. די זון פאַרגייט טאַקע אין פלאַמען. עס האָט אויסגעזען, גלייך ווי מען וואָלט ערגעץ דאָרט אַנטקעגן און ווייט געקוילעט אַן אָקס אין הימל... עס איז זיי ביידן געוואָרן גוט און טרויעריק אויף דעם געמיט און זיי האָבן

ארויסגענומען די צוויי פלעשער און זיי האָבן זיך אָנגעשלאָגן מיט זיי און זיי געגומען גולגלען אין די העלדזער אריין. יאַנקל האָט געזונגען פרוגס „אונאַסי מאָיו דושו וו'טו סיניויו דאַלי״ (טראָג אוועק מיין נשמה אין יענער בלויער ווייטקייט) און אפאַנאַסי האָט געפּרואווט אונטערברומען און טרערן האָבן זיך אים געגאָסן פון די גוטע אויגן. יאַנקל האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל אים זינגען מאָלדאַוואַנישע לידער. אפאַנאַסי האָט אויף אים געקוקט מיט צוטרוי און ער האָט אים געזאָגט: „אָבער דו פאַרשטייסט דאָך נישט קיין מאָלדאַוואַניש!״ האָט אים יאַנקל געענטפערט, אַז ער וועט פאַרשטיין די מעלאָדיע און ער וועט שוין דערפילן דעם מיין און דאָס איבעריקע וועט ער אים שוין דערקלערן אויף רוסיש. און ער האָט אים דערציילט, אַז ביי זיי אין שטאָט איז געווען אַן אַלטער ייד מיט אַ ווייסער באָרד, וואָס מען האָט אים גערופן יאַנקל ניראַשייער, ווייל ער האָט כמעט דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעלעבט אין אַ מאָלדאַוואַניש דאָרף ניראַשיי, האָט ער שטענדיק געזונגען מאָלדאַוואַנישע לידער. טאַקע מיט מאָלדאַוואַנישע ווערטער האָט ער זיי געזונגען. ווען ער איז געקומען אויף אַ חתונה, אָדער אויף אַן אַנדער שמחה, האָט ער געמוזט זינגען מאָלדאַוואַניש. די מערסטע יידן, די דאָזיקע, וואָס אַרבעטן, אָדער האַנדלען אין גאַס, פאַרשטייען גוט מאָלדאַוואַניש, די שוחטים און רבנים נאָר פאַרשטייען נישט, דאָך האָבן זיי זיך צוגעהערט צו די טרויעריקע לידער פון דעם אַלטן יידן און ער האָט זיי אַלע פאַרטייטשט אויף יידיש און די פרומע יידן האָבן געקוקט אויף אים מאָדנע, זיי זיינען אַלע געווען וועגן ליבעס און מיידלעך. דער דיין פלעג שאָקלען מיטן קאָפּ און ער האָט געזאָגט, אַז ביי די גויים איז „אין פּיעסניאַ בלאַ דיעווקאַ״ און איינער אַ שוחט האָט געזאָגט, אַז מיסתמא איז עפּעס פאַראַן אַ געדאַנק אין די דאָזיקע לידער, ווייל עס קען דאָך נישט זיין, אַז זיי זאָלן מיינען פּשוט, וואָס אַ מיידל וויל דאָרט נישט אַ יינגל... אפאַנאַסי האָט זיי געזונגען וועגן נישט געליבט ווערן און וועגן איינשטעקן אַ מעסער צוליב אייפערזוכט. וויפל מאָל ער האָט זיין חבר געדאַרפט דערקלערן אַ ליד, האָט ער צו אים געזאָגט: „אָט קען איך נישט דיין מוטערשפּראַך און דו קענסט נישט מיין מוטערשפּראַך און מיר ריידן ביידע אויף אַ פרעמדער שפּראַך, וואָס איז אונז דאָך אייגן... דער רוס האָט עס אַזאַ כוח...״ יאַנקל האָט ביז דעמלט געקענט די מעלאָדיעס פון די „דאָינעס״, וואָס זיינען אַלע געווען שיין און אַלע טרויעריק און מאָנאָטאָן און איצטער האָט ער זיך באַקענט מיט די ווערטער פון אייניקע. זיי האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן מיט די ווערטער „פּאָיע ווערדע״, אָדער פרונזע ווערדע״ (גרינע בלעטער) און די דאָזיקע צוויי ווערטער האָבן זיך אומעטום געפּאַסט און האָבן אומעטום צוגעגעבן חן. אפאַנאַסי האָט זיי געזונגען אַזוי, אַז ס'איז געווען גרינג צו דערקענען, אַז זיי רייסן אים אויס שטיקער האַרץ. ווען ער האָט געזונגען וועגן דעם, אַז איידער ליבן און נישט געליבט צו ווערן, בעסער וואָלט די מאַמע

נישט געבוירן, האָט יאַנקל געפּילט, אַז ער זעט פאַר זיך די אַלע מיידלעך, וואָס ער האָט ליב געהאַט און זיי זיינען געוואָרן כלות פאַר אַנדערע. אין איין ליד האָט זיך געזונגען ווי דער טייוול רייצט אַ בחור און הייסט אים גיין דערשטעכן זיין פאַלשע געליבטע אין איינעם מיט איר נייעם חתן. און אונ־זער העלד האָט זיך גענומען קלערן, אַז ערגעץ איז טאַקע פאַראַן אין מענטשן אַ טייוול, וואָס רייצט אים. יידן רופן אים יצר הרע און מאָלדאַוואַנעס רופן אים „דראַקו" (רוח)...

עס איז געוואָרן אָוונט אין פעלד. עס האָבן זיך באַוויזן קליינע שטערנד־לעך אין הימל און גליווערעמלעך אויף דער ערד. די גליווערעמלעך האָבן שי־מערירט און גערייצט און עס האָט זיך זיי געגלוסט צו כאַפּן און ווען מען האָט זיי געכאַפּט, האָבן זיי אָנגעוואוירן זייער שיין און זיי האָבן אויסגעזען ווי פּשוטע פליגלעך. און די דאָזיקע, וואָס זיינען אַרומגעפלויגן האָבן דאָך אויס־געזען ווי פליענדיקע שטערנדלעך. עס איז געקומען אַ פריש ווינטל, וואָס האָט געבראַכט ריחות פון פלוימען און וויינטרויבן. עס האָט זיך געגלוסט אַ לאָז טאָן קעגן ווינט און פילן זיין גלעטן און לויפן אָן אויפהער קעגן אים און זיך שלאָגן מיט אים. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער ווינט איז עמיצער, וואָס וויל, אַז מען זאָל אים גלעטן און מען זאָל זיך לאָזן פון אים גלעטן און מען זאָל מיט אים קעמפן. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שטערנדלעך פון אויבן קוקן אַראָפּ און ווינקען און פינטלען און זיי ווילן אויך ווערן חבר מיט די צוויי חברים, וואָס האָבן זיך אָפּגעטיילט פון דעם עולם, וועלכער הוליעט נאָך דאָרט אין שטאָט און שיכורט צוליב עפּעס אַ יום טוב, וואָס מען הייסט אים פייערן און ער ווייסט נישט, צי ס'איז צום גוטן, אָדער ס'איז צום בייזן. זיינען די צוויי חברים ווייטער אַזוי געלאָפן און זיך געדאַנגלט מיטן ווינט און זיך אי־בערגעוואונקען מיט די שטערן. אַפאַנאַסי האָט געזאָגט, אַז ווער עס פראַוועט אַטענער נעכט, זיי פראַוועז אַן אמתע בעסאַראַבער נאַכט און ער האָט געהייסן אויסטרינקען דעם געבליבענעם וויין ביז אין דנאָ און אַז זיי וועלן נאָך וועלן, וועט זיך ערגעץ נאָך געפינען אַ קרעטשמע, כאָטש געזען האָט מען אַרום און אַרום מער נישט ווי סטעפּ. ער האָט זיך גאָר צעהיצט דער בחור און ער האָט מיט ברען גענומען קושן זיין חבר און עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט איין רוח האָט אים געפּאַקט, אַזוי ווי זיין מאַמע האָט אים געזאָגט, נאָר טויזנט רוחות זיינען אין אים אַריין. די אויגן האָבן אים געברענט ווי שטורקאַצן און ער האָט געזאָגט: „עך, דו יאַנקל, מיין יאַנקל, מיר וואָלטן היינט אָפּגעטאָן אַ גרויסע זאַך, אָבער מען האָט אונז נישט געלאָזט... און קיינער וועט אַפילו נישט וויסן וועגן דעם, מען וועט אָפּריידן און פאַרגעסן, מען וועט קיין לידער נישט זינגען און קיין מעשהס נישט דערציילן". און ער האָט אָנגעכאַפּט זיין פריינד און שותף צום סקאַנדאַל און ער האָט געשריגן: „מיר האָבן זיך נישט געדאַרפט לאָזן! מיר האָבן נישט געדאַרפט אַרויסגיין פון אַרעסט! מיר האָבן

געדאַרפט שרייען, אַז מיר ציען אונזערע ווערטער נישט צוריק און מיר שרייען ווידער פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז מיר ווילן נישט דעם צאַר און מיר ווילן נישט די רוסן זאָלן זיין די באַלעבאַטים איבער דער שיינער, מאָלדאַוואַנישער בעסאַראַביע און מיר ווילן, אַז יידן זאָל מען אָפּגעבן פּאַלעסטינע און עס זאָל זיין גערעכטיקייט פאַר דער גאַנצער וועלט!". יאַנקל האָט באַמערקט, אַז ווען זיי וואָלטן אַזוי געטאָן, וואָלטן זיי איצטער נישט געווען אַזוי אויפן פרייען פעלד, האָט אַפאַנאַסי געזאָגט, אַז עס וואָלט געווען בעסער איצטער צו זיצן אין אַרעסט און זיין פאַרשמאַכט און אפשר גאָר כאַפּן קלעפּ און ס'זאָל רינען בלוט. דער מענטשלעכער קערפּער בענקט נאָך ליידן און ער דאַרף, אַז עס זאָל אַמאָל רינען פון אים בלוט פאַר דעם יושר און פאַר דעם אמת... אָט טאַקע איצטער איז דער קערפּער זיינער גאַנץ און פול און ער האָט הנאה און ער וויל הנאה האָבן, ער וואָלט אויסגעטרונקען אַלע ווייַנען פון בעסאַראַביע און זיך געוואָרפן צו אַלע ווייבער, אָבער דאָ אַ פעלט עפּעס... און ער האָט זיך געקלאָפּט מיט דער פויסט אין האַרצן אַריין. „עס איז דאָ ליידיק, און אויף דער נשמה איז אויך עפּעס פוסט... איך ווייס אפילו נישט וואו ס'איז די נשמה, אָבער זי איז דאָ, איך פיל זי און זי איז פוסט, זי וויל עפּעס אַ גרויסע זאַך... און האָב, מיר שוין עפּעס אָנגעהויבן טאָן, האָט מען נישט געלאָזט און מיר האָבן זיך דערשראָקן, גלייך מיר וואָלטן געווען „מאַמיני דעטיני", קליי־נע קינדערלעך דער מאַמעס..." דער יונגער מאָלדאַוואַן האָט טאַקע אויסגעזען ווי איינער, וואָס וואָלט געקענט וועלטן איינלייגן און עס האָט זיך געפילט, אַז אים טוט זייער באַנק, וואָס ער האָט זיך געלאָזט אַרויספירן פון דער פּאָ־ליציי אַזוי ווי אַ ניונקעלע און נישט אַרויסריידן קיין וואָרט. עס האָט אין אים געברויזט די ענערגיע אין איינעם מיט אַביסל שכורקייט און ער איז געווען אַ שטיק פייער. ער האָט גענומען צונויפשאַרן היי און שטרוי פון אַרום און ברעכן די צווייגן פון די נאָענטעביימער און זיי צונויפלייגן אין איין הויפן און ער האָט געשריגן: „אַ פייער ווע לן מיר צעלייגן, אַ „קאָסטיאָר". זאָלן די פלאַמען זיך אויפהויבן הויך, הויך, וועט מען קוקן אין שטאָט און מען וועט נישט וויסן פאַרוואָס דאָ ברענט. אייניקע וועלן מיינען, אַז עס איז דאָ אַ שאַטרע ציגיינער און אַנדערע וועלן גאָר מיינען, אַז ס'זיינען דאָ פאַראַן מער־דער, אַז עס שפּילן זיך מיט פייער די אמתע בעסאַראַבישע „ראַזבאָיניקעס". ער האָט זיך געמוטשעט אַ שטיק צייט, ביז וואַנען דאָס פייער האָט אָנגע־נומען. אַזוי לאַנג ס'איז געווען קליין, האָט עס דער ווינט געהאַלטן אין איין פאַרלעשן, אָבער ווען עס האָט אָנגעהויבן ווערן גרעסער, האָט עס דער ווינט נאָך מער צעבלאָזן און עס האָט זיך צעפלאַמט אַ באַרג אַ גאַנצער, וואָס האָט זיך געצויגן מיט די צונגען אַרויף צום הימל צו און יאַנקל איז שוין אויך פאַרכאַפּט געוואָרן אין שפּיל אַריין און ער האָט אויך גענומען ברעכן צווייגן און שאַרן היי און שטרוי און בלעטער און אַלץ וואַרפן אין פייער אַריין און

זיך פרייען מיט די פלאַמען, וואָס זיינען אַלץ געוואָרן גרעסער און וועלכע האָבן נישט אויפגעהערט צו שפּריצן מיט פונקען, וואָס האָבן אויסגעזען ווי גליווערעמלעך און ווי ברענענדיקע שמעטערלינגען. דער אָוונט איז שוין געווען אַביסל קילער, אָבער דאָס פייער האָט אַזוי אָנגעוואַרעמט דעם אָרום און אַרום, אַז ס'איז געוואָרן היים. פון דער אַרבעט און פון דער נאָענטקייט צום פייער איזביידע געוואָרן גאָר היים און דער שוויים האָט זיך גענומען גיסן פון זיי. און די פלאַמען האָבן זיי געגלעט און געברענט די פּנימער און די באַקן האָבן זיך ביי זיי אומגעהויער צעפלאַמט. יאַנקל האָט געקוקט אויף אַפאַנאַסים באַקן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צעבליטע רויזן און ער האָט געחלומט, אַז אויך זיינע באַקן זעען אויס אַזוי. די פונקען, וואָס האָבן געטאַנצט אין יונגן מאָלדאַוואַנס אויגן זיינען געווען ברענענדיקער, ווי עס זיינען געווען די פונקען, וואָס האָבן אַרויסגעשפּרונגען פון פייער. ווען עס איז שוין געווען אַ סך האַלץ און דאָס פייער איז שוין געווען פאַרזיכערט אויף לאַנג, לאַנג, מיט שפּייז, האָבן זיי ביידע גענומען זינגען אַן אַלטן רוסישן ראָמאַנס „מאָי קאָסטיאָר וו'טומאַניע סוועטיט" (מיין פעלד־פייער ברענט אין נעפּל) און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו די שורות „נאָטשיו נאַם ניקטאָ ניע וזסטרעטיט, מי פּראָסטימסיאַ נאַ מאָסטו" (ביינאַכט וועט אונז קיינער ניטט באַגעגנען, מיר וועלן זיך געזעגנען אויפן בריק), האָבן זיי זיך ביידע מאָדנע אָנגעקוקט, זיי האָבן דערפילט, אַז די דאָזיקע ווערטער זיינען נישט קיין צופעליקע און אַז זיי געזעגנען זיך היינט... זיי האָבן וועגן דעם געשוויגן, אָבער זיי האָבן עס זיך געזאָגט מיט די אויגן און ווען זיי האָבן זיך מאָרגן געדאַרפט אויף אַן אמת געזעגנען, האָט אַפאַנאַסי געזאָגט, אַז ער האָט עס נאָך געפילט, ווען זיי האָבן געזונגען דעם רוסישן ראָמאַנס ביים פייער... דער מאָלדאַוואַן האָט זיך דערמאָנט שורות פון באַלמאָנטס אַ ליד וועגן פייער, וואָס האָט געהאַט, דאַכט זיך, דעם זעלביקן ריטם, וואָס דאָס פייער, וואָס האָט געקנאַקט און זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער. דער דיכטער האָט געזאָגט, אַז ער איז געגליכן צום פייער און דערפאַר האָט ער עס ליב און ער האָט פאַרגליכן די ליבע צום פייער. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז נאָר די ליבע צווישן מאַן און מאַן, די ריינע פריינטשאַפט קען זיין אַזוי ווי אַ פייער, וואָס הויבט זיך גלייך אין הימל אַריין...

ווען די צוויי חברים האָבן אַזוי געפּראַוועט משוגעתן אַרום דעם פייער, איז אין איין אָטעם אָנגעקומען יאַשאַ סין מייער, ער האָט גענומען שרייען און צו וויסן טאָן וועגן זיך נאָך מיט אַ היפּשן שטח, איידער ער איז צוגעקומען צום פייער. ער האָט געשריגן ווי מען שרייט אין דער ווייטקייט אַריין, מאַכנדיק פון די הענט אַ טרובע אַרום מויל. ער האָט געשריגן ביידנס נעמען און ווען ער איז צוגעקומען, האָט זיך געגאָסן פון אים דער שוויים און די לאַכנדיקע אויגן האָבן אים געברענט ווי פייער. נאָך איידער ער האָט זיך רעכט

אנידערגעשטעלט לעבן פייער האבן זיך אים אויך צעבליט די באקן אזוי ווי רויזן. ער האט פריער זיך עטלעכע מאל ארומגענומען מיט ביידע און ער האט זיי ביידע גוט אריינגעשלאגן אין די פלייצעס אריין ביז ווייטיק און דערנאך האט ער ביידן אנגעשאלטן אויף רוסיש און אויף רומעניש פארוואס זיי זיינען אוועקגעגאנגען אליין און אים איבערגעלאזט און פארוואס זיי האבן געמאכט די גאנצע אוואנטיורע אן אים און ערשט דערנאך האט ער זיי באגריסט און ער האט געזאגט, אז ווי שלעכט עס איז נישט געמאכט געווארן, איז עס דאך גוט און עפעס איז דערפון געבליבן. זאל כאטש עמיצער וויסן, אז עס זיינען דא מאלדאוואנעס און יידן, וואס ווילן נישט דעם צאר אין בעסאראביע. און דערנאך האט ער געזאגט, אז דער „קאסטיאר" איז צו א גרויסער און אז מען זעט אים אן אין שטאט און איניקע שרעקן זיך פאר אים און זיי זאגן שוין, אז מען דארף שיקן פאליציי א קוק טאן, וואס דארט טוט זיך. מען האט גערעדט וועגן א באנדע באנדיטן, וואס דרייט זיך ארום אין דער געגנט. איז מען זיכער, אז דאס האבן זיי צעלייגט דאס פייער, אנדערע האבן מורא, אז דאס איז געקומען א שאטרע ציגיינער, וואס גרייט זיך צו גנבענען היינט ביינאכט, צוליב דעם, וואס דער עולם איז היינט אויפגעלייגט און ער איז אונטער דעם גלעזל און ער וועט נישט הערן. פאליציי פוילט זיך זייער שטארק, האט יאשא דערציילט, צו גיין אין פעלד אריין און אביסל האט זי מיסתמא מורא אויך, כאטש דער פריסטאוו איז זיכער, אז די באנדיטן וועלן נישט זיין אזוי נאריש צוווארטן ביים פייער, ביז וואנען די פאליציי וועט אנקומען... ער, יאשא, האט זיך באלד אנגעשטויסן, אז דאס איז זייער ביידנס ארבעט, ווייל אפאנאסי צעלייגט שוין נישט צום ערשטן מאל אזא פייער אין פעלד און ער איז זיי געקומען זאגן, אז בעסער זאלן זיי, אדער צוריקגיין אין שטאט אריין, אדער גיין אויף אן אנדער פלאץ. אפאנאסי האט באלד ביידע אנגעכאפט און זיי גענומען ציען ווייטער אין פעלד אריין און ער האט אין איין וועג אריינגעבאכעט צוריק יאשאן און ער האט זיך געבייזערט אויף אים, פארוואס ער האט נישט געבראכט א פאר פלעשער וויין. יאשא האט געזאגט, אז צוליב דעם דארף ער זיך נישט „קושן", ווייל עס איז פאראן נישט ווייט פון דאנען א קרעטשמע מיט א וויינגארטן און ער וואלט שוין געמעגט אביסל בעסער קענען די געגנט. און אלע דריי זיינען אוועק הוליען אין קרעטשמע אריין, וואס האט זיך געפונען מער ווי א וויארסט גאנג פון דעם פלאץ, וואו זיי זיינען געווען, אבער זיי האט זיך אויסגעדאכט, אז ס'איז נאענט, ווייל די ערד האט געטאנצט אונטער זייערע פיס.

דער וויינגארטן איז געליגן איינגעהילט מיט נאכט און שאטן. אין א פאר פלעצער נאר איז געפאלן די זילבערנע שיין פון דער לבנה און זי האט באלויכטן די שווערע קרענץ, וואס זיינען נאך געווען גרין און האבן אויסגעזען פארהויכט און פארשטויבט. עס האט זיך געדאכט, אז די קרענץ

ווילן אַרויפֿקריכן אויף די פּלויטן, אָדער אויף די שטעקלעך און זיי קענען נישט, ווייל זיי זיינען צו שווער און זיי פֿאַלן צוריק. האָבן זיך די דינע, גרינע שטעקלעך געדרייט אַרויף, אַרויף און די קרענץ זיינען געפֿאַלן אַראָפּ. די קרעטשמע איז קוים געווען באַלויכטן. איגנעווייניק האָט געברענט אַ הענגלאָמפּ, וואָס זיין גלעזל איז געווען צעבראָכן און איז געווען פֿאַרקלעפּט מיט פּאַפּיר, וואָס האָט שטאַרק אונטערגערויכערט און האָט פֿאַרשטעלט דאָס ביסל ליכטיקייט, וואָס דער לאָמפּ האָט אַרויסגעגעבן. אין דרויסן האָט געברענט אַ גאָרטן־לאָמפּ, וואָס האָט געהאָנגען אויף אַ דראָט. איגנעווייניק זיינען געזעסן עלטערע רומענישע פּויערים, אין דרויסן זיינען געזעסן עטלעכע יינגערע פּויערים און אַלע האָבן זיי געדודלט איבער גלעזלעך רויטן וויין. אייניקע האָבן זיך אונטערגעזונגען פֿויל און דריידלענדיק און ס'האָט זיך געהערט אַלעמאָל דאָס וואָרט „ווערדע" (גרין), אָדער „דראַקו" (טייוול), אָדער „סופֿלעט" (נשמה), אָדער גאָר „איניִמאַ זדראָביטאַ" (דאָס צעבראָכענע האַרץ). פֿון ערגעץ ווייטער אַביסל האָט זיך דערטראָגן אַ פֿריילעכער געזאַנג, באַגלייט פֿון אַ קלאַפּן מיט די פֿיס און עס האָט זיך אויך געדאַכט, אַז מען הערט רימפּלען אַ פֿידל און צימבלען אַ צימבל און קלאַפּן אַ פּויק... ס'איז דאָרט געווען אַ „זשאָק" (אַ טאַנץ אין מיטן מאַרק) צוליב זונטיק. אַפּאַנאַסי האָט געפֿרעגט דעם קרעטשמער, צי דאָס טאַנצט מען צוליב הונדערט יאָר פֿאַראייניקונג פֿון בעסאַראַביע און דער קרעטשמער, וואָס האָט געטראָגן אַ שווערע באַראַשקענע קוטשמע, כאָטש עס איז געווען אין מיטן זומער, האָט גערוקט די קוטשמע אַראָפּ און אַרויף און ער האָט זיך געקראַצט אין קאָפּ אַריין און ער האָט געזאָגט, אַז די יינגלעך מיט די מיידלעך האָבן דאָ געטאַנצט זונטיק, ווען ס'איז געווען איין יאָר און זיי וועלן טאַנצן אויך דעמלט, ווען עס וועט זיין הונדערט און איין יאָר. אַפּאַנאַסין איז אַביסל אַוועק דער מוט פֿון דער גאַנצער אַטמאָספֿערע, וואָס האָט געשמעקט מיט שיכרות און מיט מוראַדיקן דלות. ער האָט זיך גערוקט אַראָפּ און אַרויף דעם הוט זיינעם אַלציינס ווי דער קרעטשמער די קוטשמע און ער האָט געפֿרעגט: „און ווען ס'איז אַזוי, ווי מיר ווילן, וואָלט שוין דאָ געווען בעסער און עס וואָלטן דאָ געשטאַנען אַזעלכע שיינע הייזער ווי אין שטאָט?" און ער האָט זיך געגעבן אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַריין און ער האָט געזאָגט, אַז בעסער וועט ער שוין אין גאַנצן נישט קלערן און ער האָט זיך געהייסן גיבן וויין. יאַשאַ האָט באַמערקט, אויף יידיש, אַז מען טאָר אים נישט לאָזן צופֿיל טרינקען, ווייל ער וועט זיך אָנשיכורן און דער צעהיצטער מאָלדאַוואַן האָט געזאָגט, אַז ער שטויסט זיך אָן, וואָס ער מיינט און דאָס וואָרט „שיכור" קען ער שוין פֿון לאַנג, ער וויל טאַקע זיין שיכור, אויב זיין פֿאָלק קען אַזוי נאַריש באַגעגענען די פֿייערונג פֿון דעם טרויעריקן יובילײ. אַלע דריי חברים האָבן אויסגעטרונקען איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. ביים דריטן מאָל האָט שוין יאַשאַ געגאָסן אין פֿעלד

אַריין און אַפּאַנאַסי האָט באַמערקט און ער האָט געזאָגט, אַז ווייַן איז פון גאָט און מען דאַרף אים טרינקען, אָבער נישט אַרויסגיסן. „אויב אַזוי — האָט סין מייער זיך נישט פאַרלוירן, וועלן מיר אויפהערן טרינקען. פאַר היינט וועט זיין גענוג! איר האָט שוין, זע איך, געטרונקען פון פריער!" אַפּאַנאַסי האָט זיך נישט געקריגט און ער האָט זיך געלאָזט צום „זשאָק" און ער האָט מיטגעשלעפּט די חברים. יאַשאַ האָט מיט אים אויסגענומען, אַז ער זאָל זיך דאָרט פאַרהאַלטן רואיק און זיך נישט טשעפּען צו די שיקסעס, ווייל עס וועט נאָך אַרויסקומען אַ געשלעג. אַפּאַנאַסי האָט געזאָגט, אַז ער האָט נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל ער איז אַ מאָלדאַוואַן, אַזוי ווי זיי אַלע. יאַשאַ האָט אים געענטפערט, אַז דערפאַר אָבער זיינען זיינע צוויי חברים יידן און ער אַליין איז אויך נישט קיין פויער, נאָר ער איז אַ שטאָטישער פריץ און אַ שגץ ווייסט נישט קיין תירוצים, ווען מען טשעפּעט זיך צו זיין שיקסע. אַפּאַנאַסי האָט אָנגעהויבן ברוגז ווערן און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין יינגעלע און ער איז נישט שיכור.

דער „זשאָק" האָט שוין געהאַלטן ביים סוף. דער פידלער האָט נאָך גע־רימפּלט, דער צימבלער האָט געצימבלט, דער פויקער האָט געפּייקלט און אַ שגץ מיט אַ בלינד אויג האָט געצויגן אַ האַרמאָשקע, אָבער געטאַנצט האָבן שוין נישט קיין סך און די דאָזיקע, וואָס האָבן געטאַנצט האָבן אויסגעזען מיד. די שיקסעס האָבן זיך געווישט דעם שווייס מיט די פאַרהויבענע פּאָלעס. אייניקע האָבן געטאַנצט פאָרלעכוויין, אַנדערע האָבן געטאַנצט אין אַ גרוי־סער ראָד, וואָס זיי האָבן געצויגן אין פעלד אַריין, וואו אייניקע זיינען פאַר־פאַלן געוואָרן. אַפּאַנאַסי האָט זיך אויך אַריינגעדרייט אין ראָד אַריין און ער האָט געוואָרפן מיט די פיס און די יאַטן מיט די יאַטעכעס האָבן אויף אים געקוקט מאָדנע און ער האָט עפּעס געטענהט מיט זיי אויף מאָלדאַוואַניש אין יאַשאַ, וואָס האָט די דאָזיקע שפּראַך היפּש פאַרשטאַנען, האָט דערקלערט יאַנקלען, אַז ער זאָגט זיי, אַז ער איז אַזאַ מאָלדאַוואַן גלייך ווי זיי און זיי זאָגן אים, אַז ער איז פאָרט אַ שטאָטישער, נישט קיין „צאַראַן" (פויער) ווי זיי און ער זאָגט זיי צוריק, אַז אַ שטאָטישער איז אויך אַ מענטש, זאָגן זיי אים צוריק, אַז אַ „צאַראַן" וועט זיך נישט מישן צו קיין שטאָטישן, דאַרף זיך אַ שטאָטישער נישט מישן צו קיין „צאַראַנעס"... יאַנקל האָט געפּרואווט אַרויסשלעפּן אַפּאַנאַסין פון טאַנץ, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט און ער האָט געהאַלטן אין איין זאָגן, אַז ער איז צווישן ברידער. אַפּאַנאַסי האָט סוף כל סוף געפאָלגט זיינע חברים און ער האָט איבערגעלאָזט דעם „זשאָק", וואָס האָט ביים שיין פון דער לבנה אויסגעזען מוראדיק בלייך און ער האָט גע־שריגן צו די קלעזמער, אַז ווען זיי וועלן ענדיקן, וועלן זיי אים געפינען ביי דער קרעטשמע.

און ביי דער קרעטשמע האָט די לבנה קאָנקורירט מיט דער בלייכער קע־

ראַסין־באַלויכטונג און פּויערים זיינען אַלץ געזעסן ביים וויין און האָבן זיך געקראַצט אין די קעפּ, נישט אָראָפּנעמענדיק די קוטשמעס און איינער פון זיי האָבן זיך דערציילט מעשהס. זיי האָבן פּאַוואָליע געצויגן דעם רויך פון די ליולקעס און זיי האָבן שווער געפּיפּקעט ווערטער. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער דאָזיקער, וואָס דערציילט, זינגט זיך אונטער. איינער ביים אַנדערן האָט נישט אויסגעכאַפּט און ווען איינער האָט געענדיקט, האָבן אייניקע אַרויסגעזאָגט אַ מיינונג און אַנדערע האָבן גלאַט געגעבן אַ שפּיי און געזאָגט „אַפּוי דע" (לערך: זאָל זיין אַזוי) און ווען קיינער האָט שוין מער גאָרנישט געזאָגט, האָט אַ צווייטער דערציילט אַ מעשה. אַפאַנאַסי און יאַשאַ האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן שוין די דאָזיקע מעשהס געהערט אַ סך מאָל. איינער האָט דערציילט אַ געשיכטע וועגן אַ פּוילן, וואָס מען האָט אים געמאָלן אַ גליקלעך און אַ רייך בילד פון גן עדן, וואו עס זיינען פאַראַן די שענסטע מיידלעך און די פעטסטע פליישן און די שטאַרקסטע ווייגען און ער האָט אויסגעהערט און אויסגעהערט און צום סוף האָט ער געפרעגט, צי די סוכאַרעס זיינען דאָרט געווייקט... יאַנקל האָט דערציילט אַפאַנאַסין וועגן פּרצס „באָנציע שווייג" און זיי האָבן געמאַכט חשבונות ווער ס'האָט קלענערע השגות און זיי האָבןביידע באַשלאָסן, אַז צווישן יידן זיינען נישט פאַראַן אַזעלכע פּוילע ווי צווישן מאָלדאַוואַנעס. אַ צווייטער האָט דערציילט אַ מעשה ווי אַ פּויער האָט פאַר־לוירן דורך „מיסחר" אַ סטאַדע שאָף און צום סוף איז ער געבליבן נאָר מיט איין חזיר, וואָס ער איז ערשט געפּגרט און ער האָט זיך געמאַכט פון גע־פּגרטן חזיר אַ קוטשמע און ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז די קוטשמע איז מיאוס, האָט ער זיך געגעבן אַ קלאַפּ אין קאָפּ אַריין און ער האָט געזאָגט: „אַשאַ קאַפּ, אַשאַ קעשולאַ" (אַזאַ קאָפּ, אַזאַ קוטשמע!). און אַזוי זיינען די מעשהס געגאַנגען ווייטער און ווייטער, מעשהס וועגן פוילקייט און טיפּשות. אַפאַנאַסי האָט זיך נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן אין קאָפּ אַריין און ער האָט געזאָגט, אַז אַלע מאָלדאַוואַנעס מעגן זיך זאָגן: „אַזאַ קאָפּ, אַזאַ קוטשמע", אויב זיי האָבן זיך געקענט לאָזן אַריינגנאַרן און מאַכן פון היינטיקן טאָג אַ יום טוב... און ער האָט זיך ווידער אַ נעם געטאָן צום גלעזל. די אויגן האָבן זיך אים שוין אָנגעהויבן אַרומדריין ווי מייזלעך, אַזויפיל האָט ער געטרונקען. יאַנקל האָט אים געמוזט באַשווערן ביי זיין פריינטשאַפט, אַז ער וועט שוין מער נישט טרינקען. די קלעזמער האָבן אָנגעצויגן און זיי האָבן דערשמעקט, אַז דער פּריץ איז גרייט צו צאָלן און דער פידלער האָט גענומען אים שפּילן אויפן אויער און ציען אַ טאָן אָן אויפהער. דער צימבלער האָט צוגעזונגען אויך און אַפאַנאַסי האָט אים נישט אויפגעהערט בעטן, אַז ער זאָל שפּילן „דאָס בלויע האַרץ". די קלעזמער האָבן אויסגעפּרואווט אָן אַ שיעור מעלאָ־דיעס, ביז וואַנען ער האָט אַליין גענומען זינגען און זיי האָבן צוגערומפּלט. די צוויי חברים האָבן אויסגעליידיקט די אייגענע קעשענעס אין איינעם מיט

אפאנאסים קעשענעס און זיי האבן באצאלט דעם שענקער מיט די קלעזמער און זיך געלאזט אין שטאט אריין. יאנקלען איז שווער געווען דער קאפ, אפאנאסי איז געווען אין גאנצן שיכור און ער האט זיך אלע מאל אנגעשפארט אויף אן אנדער חבר און אייניקע מאל טאקע אויף ביידע צוזאמען. יאנקל האט קוים זיך אליין געקענט דערטראגן, דאך האט ער זיך געשעמט צו ריידן וועגן דעם און ער האט אים געשלעפט, אליין שיעור נישט פאלנדיק. דער וועג איז געווען א זייער שווערער. אפאנאסי איז א פאר מאל „געפארן קיין רינע" און אים איז דאך גרינגער נישט געווארן. און דער וועג האט זיך געצויגן און געצויגן און עס האט זיך געפרעגט ווי אזוי ער וועט זיך ענדיקן. און ווי אזוי ער האט זיך געענדיקט, האט טאקע נישט געדענקט נישט יאנקל און נישט אפאנאסי. יאשא האט אויף מארגן דערציילט, אז ער האט געדונגען א דראשקע און ער האט אפגעפירט פריער איינעם און דערנאך א צווייטן און דערנאך האט ער זיך אליין אויך אפגעפירט, ווייל ער האט שוין אויך קיין כוח נישט געהאט צו גיין.

אויפגעשטאנען איז אונזער העלד א מידער מיט א זייער שווערן קאפ. עס האט זיך אים געדאכט אז ערשט איצטער וועט מיט אים פארקומען דאס זעלביקע, וואס עס איז מיט אפאנאסין פארגעקומען נעכטן ביינאכט. זיינע שוועסטערקינדער האבן אים קוים דערוועקט. פון זיין שול איז מען געקומען זאגן, אז אלע קינדער זיינען שוין דא. אבער איידער יאנקל האט זיך געלאזט גיין צום קלאס, איז אנטקעגן געקומען דער אלטער פאפעסקו און ער האט א נערוועזער אים געזאגט, אז ער האט עפעס צו ריידן מיט אים און ער זאל אים דערלויבן אריינגיין צו אים אין צימער אריין. די שוועסטערקינדער האבן ארום דעם פריץ, וואס איז געווען בירגערמייסטער, געוואלט טאנצן און אים חנפענען, אבער ער האט נערוועז זיך אפגעטרייסלט פון זיי און ער האט העפלעך און שטרענג געבעטן אנטשולדיקונג און אויך געבעטן, אז מען זאל אים דערלויבן צו בלייבן אליין מיט זייער קווארטיראנט. דאס פארפאלק האט באלד פארמאכט די טיר פון יענער זייט און יאנקל האט געפילט ווי זיי זיינען ביידע געבליבן מיט די אויערן ביי דער טיר. דער אלטער פאפעסקו האט עס געמאכט קורץ און שארף. ער האט געזאגט, אז בכדי די נעכטיקע געשיכטע זאל אין גאנצן אפגעווישט ווערן, דארף יאנקל באלד פארלאזן רעני. „איר זיינט א ייד, האט ער געזאגט, און איר וועט די זאך בעסער פארשטיין, ווי מיין זון, וועלכן דאס שיכרות איז נאך נישט איבערגעגאנגען". ער האט נישט געוואוסט, אז יאנקלען איז דאס שיכרות איבערגעגאנגען נאר פאר שרעק. אונזער העלד האט געזאגט, אז נישט אלע יידן זיינען פראקטיש און אז א סך יידן זיצן אין טיורמע פאר אידעאלן און ער האט געפרואווט זאגן, אז ער קען דאך נישט לאזן די שול אזוי און ער דארף צונויפמאנען שכר לימוד און ער ווייסט נאך גאר נישט וואו ער קען פארן, האט דער אלטער געזאגט, אז דאס

אַלץ קען איינגעאָרדנט ווערן אויף דעם בעסטן אופן. יאַנקל קען לאָזן אַ ליס־טע פון די אַלע געלטער, וואָס מען איז אים דאָ שולדיק און זיי וועלן אַלע איינגעמאָנט ווערן ביז אַ גראָשן. און בכדי ער זאָל זיכער זיין, וועט ער די אַלע געלטער אויסלייגן. אונזער העלד האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער וויל אים אַזוי שטאַרק פטור ווערן, אַז ער איז גרייט אים צו באַצאָלן דערפאַר און ער מאַכט דאָס טאַקטיש, בכדי אים נישט צו באַליידיקן. דער אַלטער האָט גע־האַט אַ שם פון אַ קאַרגן און אַז ער האָט געוואָלט ארויסוואַרפן עטלעכע רובל, האָט יאַנקל פאַרשטאַנען, אַז די לאַגע איז נישט פויגלדיק. דער געוועזענער בירגערמייסטער האָט נישט אויפגעהערט באַטאַנען, אַז אין יעדער אַנדער שטאָט גאַראַנטירט ער פאַר זיין פרייהייט. עס איז נאָר נויטיק, אַז ער זאָל דאָ נישט זיין. עס קען נאָך זיין, אַז אַפּאַנאַסין וועט ער אויך ערגעץ אַוועק־שיקן. ער האָט נישט אויפגעהערט זאָגן, אַז ער איז אַ קאַוואַליר און זיין וואָרט איז אַ וואָרט און ער גאַראַנטירט, אַז אים וועט נישט געשען עפּעס אַנדערש ווי זיין איינגענעם זון און חוץ דעם האָט ער באַמערקט, אַז יאַנקל איז דאָך פאָרט אַ ייד, ער איז דאָך נישט קיין „קאָפּ די באָו" (אַ קאָפּ פון אַן אָקס, וואָס איז דער עמבלעם פון די מאָלדאַוואַנעס) אַזוי ווי זיין זון און ער פאַרשטייט דאָך, אַז זיין זונס פרייהייט איז אָפּהענגיק פון זיין פרייהייט... דער אַלטער איז אַוועק און ער האָט שוין געלאָזט זיין זונס חבר אַ פּאָר רובל און ער האָט געבעטן, אַז ער זאָל זיך גרייטן. די שיף גייט אָפּ אין דער פרי און דער צוג גייט נאָך אָפּ פאַרנאַכט.

באַלד נאָך דעם אַלטנס אַוועקגיין איז אָנגעקומען יאַשאַס טאַטע. ער האָט אביסל אויך מורא געהאַט. זיין זון האָט טאַקע גאָרנישט גערעדט. אָבער מען ווייסט, אַז ער איז צו שטאַרק געשוואוירענער גוטער ברודער מיט ביידע שולדיקע און חוץ דעם זאָגט זיין זון, אַז אויב זיי וועט עפּעס געשען, וועט ער נעמען אויך אויף זיך אַ טייל פון דער שולד. יאַשאַס טאַטע האָט אויך פאַר־שטאַנען, אַז די גליקן, וואָס יאַנקל קען נאָך מאַכן אין רעני זיינען גאָרנישט ווערט אַנטקעגן דעם אומגליק, וואָס דאָ קען אַרויסקומען. אָט ווי ער איז אַן אָרימאַן, איז ער אויך גרייט מיט עפּעס צו העלפן אַז ער זאָל אַוועקפאָרן, כאָטש ער האָט אים ליב ווי איינעם פון זיינע קינדער און ער וועט נאָך אים בענ־קען, אַז דאָס חיות וועט אים אויסגיין און ער וועט אים דערנאָך זוכן אין יעדן ווינקעלע. ביי דעם אַלטן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

עס האָט נישט געדויערט קיין סך און יאַשאַ איז אויך אָנגעקומען. ער איז שוין פון לכתחילה געקומען מיט טרערן אין די אויגן און מיט אַ דער־שטיקטן אָטעם. ער האָט ממש נישט געקענט ריידן. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז גיכער געווען גרייט זיך אויסצושניידן די צונג, איידער צו הייסן זיין בעסטן חבר אַוועקפאָרן, אָבער ער זעט, אַז ס'איז פאָרט קיין ברירה נישטאָ. פאַר זיך אַליין אַרט אים דווקא נישט, ער איז גרייט אָפּצוזיצן אַ האַלב לעבן

אין טיורמע פֿאַר ביידנס גליק, אָבער די פֿרייהייט פֿון די חברים איז אים א שאָד... יאַנקל האָט געענטפֿערט, אַז עס איז נישט נויטיק אַזוי פֿיל צו טענהן, ער איז גרייט צו פֿאָרן. יאַשאַ האָט אָבער געזאָגט, אַז זיין גרייטקייט איז נאָך נישט גענוג. אַפֿאַנאַסי וועט איינליינן וועלטן, אַז ער זאָל נישט אַוועקפֿאָרן. אָט ווי ער איז נאָך שיכור, זאָגט ער שוין, אַז זיין טאַטע צווינגט זיין בעסטן חבר צו פֿאַרלאָזן די שטאָט און אויב ער וועט עס טאָן, וועט ער אַליין גיין צו פּאָליציי און וועט זיך היימן אַרעסטירן און ער וועט שרייען אין די גאַסן, אַז ער האָט געזאָגט אין קלויסטער דאָס און דאָס און ער וועט דאָס דאָזיקע נישט אויפֿהערן צו שרייען אומעטום. און יאַנקל וועט האָבן די שווערע אויפֿגאַבע צו דערקלערן, אַז אַפֿאַנאַסיס טאַטע האָט אים אַפֿילו נישט געזען און אַז זיין אייגענער געדאַנק איז עס אַוועקצופֿאָרן. ווען ער וואָלט געקענט באַקומען אַ טעלעגראַמע פֿון קיליע, אַז מען רופֿט אים דרינגענדיק אַרויס, וואָלט גאָר גוט געווען, אָבער ער פֿאַרשטייט אַליין, אַז ער וועט זיינע עלטערן נישט איבערשרעקן. יאַנקל האָט דערקלערט קאַטעגאָריש, אַז פֿאָרן וועט ער נישט קיין קיליע, ווייל וואָס ער וועט נישט דערציילן די עלטערן, וועלן זיי אים נישט גלויבן און ער האָט נאָך דערצו מורא, אַז זיין שוועסטערקינד, וועלכן עס שמעקט נישט די גאַנצע געשיכטע, ווייל ער ווערט אָן דאָס קעסטקינד, וועט אַריינשרייבן די גאַנצע געשיכטע קיין קיליע. אויב פֿאָרן, וועט ער נאָר קיין אָדעס און ערשט נישט מיט דער שיף, בכדי נישט צו דאַרפֿן פֿאַרבייפֿאָרן קיליע, נאָר מיט דער באַן און עס קען זיין, אַז ער וועט אויפֿן וועג אַריינפֿאָרן צו דער שוועסטער קיין פּעטראָוווקע, בכדי דאָרט עפּעס אויסטראַכטן אַ תירוץ פֿאַרוואָס עס איז אויף אים פּלוצים געוואָרן אַזאַ אויסכאַפּעניש אין רעני, בעת ער האָט די גאַנצע צייט געשריבן, אַז ער פֿילט זיך דאָרט אויסגעצייכנט.

מיט אַפֿאַנאַסין איז געווען אַ שווער שטיקל אַרבעט און יאַנקלען איז דאָס געווען זייער פֿיינלעך. ער האָט אים געדאַרפֿט זאָגן אָן אַ שיעור ליגנס. ער האָט אים געדאַרפֿט זאָגן, אַז זיין טאַטע האָט מיט אים נישט גערעדט און אַז יאַשאַס טאַטע האָט אויך מיט אים נישט גערעדט און אַז דער געדאַנק וועגן אַוועקפֿאָרן איז נאָר זיינער און אַז ער איז איבערצייגט, אַז דער איינציקער אויסוועג פֿון דער דאָזיקער לאַגע איז — ער זאָל אַוועקפֿאָרן, ווייל אַזוי לאַנג ער וועט זיין אין רעני און מען וועט זיי ביידע זען גיין אין איינעם, וועט זייער ביידנס פֿרייהייט זיין אין געפֿאַר. פֿון קינדווייז אָן האָט אונזער העלד געדאַרפֿט, אָדער באַהאַלטן דעם אמת, אָדער זאָגן ליגן און פֿון דעסט וועגן פֿלעג ער יעדעס מאָל זיך פֿאַרלירן, ווען ער האָט געדאַרפֿט זאָגן ליגן און ער האָט זיך דערביי גערויטלט. און אויך דאָס מאָל האָט ער אַזוי אַראָפּגעלאָזט פֿאַרשעמט דעם קאָפּ, אַז אַפֿאַנאַסי האָט געפֿילט, ווי ער נאַרט אים אָפּ, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן איידל און ער האָט וועגן דעם גאָרנישט באַמערקט.

דאס שיכּרות האט ביי אים שוין אויסגעוועפּט און ער האט געפילט, אז זיין חבר איז אזוי אין קלעם, אז ער האט קיין אנדער אויסוועג נישט.

דאס אוועקפארן איז געמאכט געווארן אין דער שטיל. ער האט זיך מיט קיינעם נישט געזעגנט, אויסער מיט די שוועסטערקינדער ביי וועלכע ער האט געוואוינט, מיט דער פאמיליע פון מייער און, נאטירלעך מיט ביידע חברים, וועלכע זיינען געווען די איינציקע, וואס האבן אים באגלייט צו דער באן. זיי זיינען אראפּגעפארן צום צוג מיט א קנאפּער שעה פריער און זיי האבן אויפן וואקזאל געמאכט א געזעגנונג כוסה ביים בופעט. זיי האבן געטרונקען בראנפן, געגעסן הארטע אייער און אפאנאסי האט געזאגט, אז ערשט איצטער ניכטערט ער זיך אויס און ער קומט צו זיך און ער וויינט, אבער די טרערן רינען אים אינעווייניק. ווען דער צוג איז דאך אנגעקומען און יאנקל איז אריין אי־נעווייניק און דער לאקאמאטיוו האט נישט אויפגעהערט שווער צו אטעמען, האט יאשא גענומען זינגען: „אוי, דו פארסט אוועק און אוי דו פארסט אווע־עוועק" און אפאנאסי האט מיט דער פרעמדער צונג קאמיש און טרויעריק גע־פרוואוט אים נאכזינגען...

☆

קאַפּיטל דרייצן

דער מענטש איז אַ באַשעפעניש, וואָס טאָר קיינמאָל נישט זאָגן דעם אמת.

אונזער העלד האָט זיך געדאַכט, אַז דער צוג איז געגאַנגען פּאַוואָליע, אים וואָלט זיך געוואָלט, אַז ער זאָל לויפן גיכער און גיכער. אים איז אויסגעקומען, אַז ער אַנטלויפט פאַר עפּעס אַ געפאַר און דאָ דרייען זיך די רעדער נישט גענוג גיך און דער צוג שטייט צו לאַנג ביי יעדער סטאַנציע. אים האָט דאָס שטיין אויף די סטאַנציעס גאָר מיד געמאַכט און ער האָט נישט געקענט איינזיצן און ער איז אַלעמאָל אַראָפּגעגאַנגען און ער האָט זיך אַרומגעדרייט און ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויף די טרעפּלעך ערשט ווען דער צוג האָט שוין גערירט. ביי יעדער סטאַנציע האָט זיך אַרומגעדרייט אַ זשאַנדאַר און אים האָט זיך רק אויסגעדאַכט, אַז ער קוקט אויף אים און ער שטויסט זיך אָן, אַז מיט אים האָט עפּעס פּאַסירט און אָט וועט ער אים אָפּשטעלן. עס האָט פון דעסט וועגן, האָט זיך אים געדאַכט, נישט לאַנג געדויערט און ער האָט דערזען מיט גרויסע אותיות אָנגעשריבן „טראָיאַנאָוו וואָל”. דאָ האָט ער מורא געהאַט אַראָפּצוגיין. ער האָט געוואוסט, אַז זיין שוועסטערקינד בערל קומט זייער אָפט אויף דער דאָזיקער סטאַנציע איינהאַנדלען ברויט פאַר דרייפוסן און אַ סך מאָל בלייבט ער אַפילו דאָרט שלאָפן; דאָך איז ער אַראָפּגעגאַנגען. דאָס שוועסטערקינד איז דאָרט נישט געווען, אָבער אַנדערע יידישע יונגעלייט מיט גאַנצע און אויך אַרומגעשווירענע בערדלעך האָבן זיך דאָרט אַרומגעדרייט און זיי האָבן באַשמעקט דעם צוג און זיי האָבן, דאַכט זיך, באַזונדער געקוקט אויף אונזער פּאַרשוין, וואָס האָט זיך דערמאָנט, ווי ער איז דאָ דורכגעפאָרן צוריק מיט אַ צייט, ווען ס׳איז נאָך געווען ווינטער; דאָ איז אַ פרעמד ווייבל אַראָפּגעגאַנגען מיט אים אין איינעם און דערנאָך איז אין באַלגראַד געשען צווישן זיי דאָס אינטימסטע, וואָס עס איז אַמאָל געשען צווישן אים און אַ פרוי. ער האָט זיך גענומען דערמאָנען, ווען עס איז געשען און ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז עס זיינען שוין אַריבער זיבן חדשים מיט עפּעס. ווייבער זאָגן, אַז מען קען געבוירן באַלד ווי מען גייט אַריין אין נייַנטן חודש, די מאַמע זיינע איז געווען אַ ספּעציאַליסטקע אויף די דאָזיקע חשבונות און די באָבע האָט זיי שוין גאָר געקענט. לויט זיין חשבון האָט זי שוין

אין אַ חודש אַרום געקענט געבוירן. און אפשר, האָט ער זיך געקלערט, האָט זי שוין געבוירן, עס פּאַסירט דאָך, אַז מען האָט אַ זיבעטל אויך. עס האָט געגיבן אַ בליץ אין מוח ביי יאַנקלען, אַז עס קען זיין, אַז ער האָט אין האַנ־טשעשט שוין אַ קינד פון אַ פּאָר יאָר און דאָך האָט ער קיינמאָל וועגן יענעם נישט געטראַכט. דאָרט איז געווען אַנדערש. דאָרט איז עס געווען אין גאַנצן קעגן זיין ווילן, יענע פרוי האָט אים פשוט צוגעגנבעט. ער האָט דעמלט נאָך אפילו נישט געהאַט קיין שכל אַרויסצואַווייזן דער אַרימער פרוי די קלענסטע צערטלעכקייט. ער האָט זי קיין גלעט נישט געטאָן אפילו און ער ווייסט נישט, צי ער האָט זי געקושט. ער איז נאָך דעמלט געווען אַזוי קינדיש, אַז ער האָט זיך נישט געגלויבט, אַז ס'איז טאַקע געוואָרן אַ קינד. אין באַלגראַד איז גע־ווען אַנדערש. ער איז שוין כמעט געווען אַ מאַן און ער האָט זיך דערפילט גליקלעך־אומגליקלעך מיט דער פרעמדער פרוי און ער האָט פון איר געפילט אַ פאַרגעניגן ביז ווייטיק. ער האָט געלייענט ביי אַ פראַנצויזישן שרייבער, אַז קיינמאָל איז דער מאַן נישט אַזוי נאָענט צו גאָט, ווי דעמלט, ווען ער איז מיט דער פרוי. און ער האָט געפילט אַן אמתדיקייט אין יענע ווערטער. און די צופעליקע נאַכט איז אים פאַרבליבן אויף שטענדיק אין געמיט און אין בלוט. ער האָט זי נישט געקענט פאַרגעסן. ער האָט געפילט, אַז זיין לעבן גייט אויף און וואַקסט אין איר גוף און ער איז דערפון פריילעך און טרויעריק ביז משוגעת. ווען ער האָט געגלויבט זייט דעמלט צו אַ פרוי, האָט ער קיינמאָל נישט געזען קיין אַנדערע אויסער איר. אין דעם פּנים פון יעדער פרוי, וואָס ער האָט געזען, האָט זי זיך באַוויזן צו אים. ווען ער איז שוין לאַנג געווען אין צוג, וואָס איז שוין איבערגעפאָרן עטלעכע סטאַנציעס ווייטער פון טראַ־יאַנאָוו וואַל, האָט זיך אים נאָך אַלץ געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַלץ ביי יענער סטאַנציע און ער פאָרט קיין באַלגראַד און עס דאַרף מיט אים געשען די גרויסע געשעעניש. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז ווידער געוואָרן ווינטער און ער האָט אַ פּאָר מאָל געפּרואווט אויפהייבן דעם קאָלנער פון דער „טור־זשורקע", וואָס ער האָט געטראָגן, כאָטש די נאַכט איז געווען אַ זייער וואַ־רעמע. איצטער האָט זיך אים שוין געדאַכט, אַז די רעדער יאָגן גיך, גיך און אָט, אָט וועט ער זיין אין באַלגראַד. און די סטאַנציעס האָבן זיך געביטן פאַר די אויגן. „בוימאַקליע", טשימישליע"... אַלץ באַקענטע שטעטלעך, ווע־מענס נעמען ער האָט געהערט פון קינדהייט אָן און אין וועלכע ער איז קיינ־מאָל נישט געווען. אים איז אויסגעקומען, אַז זיי זיינען קרובים מיט זיין געבוירנשטאָט, אַ סימן: זייערע נעמען ענדיקן זיך מיט „ליע". ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין טשימישליע האָט ער אַ גוטן באַקאַנטן. אַ יידישער פּאַ־סעסאָר איז ער און ער איז ספּעציעל געקומען קיין קעשענעוו, ווען דער בו־הושער רבי איז דאָרט געווען. ער האָט געטראָגן אַ ברייטע, ווייסע באָרד, וואָס איז אין מיטן געווען אויסגעשוירן און ער האָט אויסגעזען ווי אַ נישט־יידישער

פריץ. ער איז נישט געווען קיין שטאַרק פרומער און דאָך האָט אים געצויגן צום רבין. אלי קיליער האָט געזאָגט, אַז קיין יידישע נשמה קען מען נישט שאַצן און מען דאַרף אים מקרב זיין. ער האָט געהאַלטן אַן עולם ומלואה פון אונזער העלד און ער האָט אים אַפילו געוואָלט נעמען צו זיך. ער האָט שוין געהאַט אויסגעגעבן אַלע קינדער און ער איז געבליבן „דיד דאַ באַבאַ", האָט ער געוואָלט ווידער ווערן אַ יונגערמאַן און האָבן אַ בחור אין שטוב. ער האָט געזאָגט, אַז פאַר זינגען איין ניגון שבת איז ער גרייט געווען אים צו האַלטן אין עושר און אין כבוד און אים באָדן אין האָניק און אין מילך. יאַנקל האָט דעמלט אַפילו נישט געקלערט פון פאָרן, ער האָט געמיינט, אַז אָט, אָט ווערט ער רב. יענעם יידן האָט ער צוגעזאָגט, אַז צו דער חתונה צו זיינער וועט ער אים שיקן אַ בילעט און ער האָט זיך געהייסן פאַרלאָזן אויף זיך מיט דעם דרשה־געשאַנק, וואָס ער וועט שיקן... איצטער וואָלט ער געפאָרן צו יענעם יידן און ער איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט אים אויך איצטער אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. ער איז דאָך געווען די גוטסקייט אַליין און אים איז נישט געווען קיין חילוק, צי מען לערנט אויף רב, אָדער אויף דאָקטער... יאַנקל איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט אים אויסגעהאַלטן מיט אַלדאָס גוטס און ער וואָלט אים געהאָלפן לערנען און ענדיקן אויף דאָקטער. ער איז געווען זיכער, אַז זיין אַלטע איז פונקט אַזאַ גוטע ווי ער אַליין. ווען עס וואָלט נישט געווען ביינאַכט, וואָלט ער אפשר אַראָפּגעגאַנגען מיטן פעקל, כאָטש ער האָט אַפילו נישט געוואוסט ווי אַזוי. יענער הייסט... דער צוג האָט אָנגעהויבן ווייטער גיין פּאַוואָליע. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער טוט אים ווידער אויף צו להכעיס...

און די נאַכט איז ווייטער געווען אַ וואַרימע. קליינע ווינטלעך זיינען צוגעקומען פון די פעלדער און וועלדלעך צו די טירלעך פון די וואַגאָנען און זיי זיינען אַוועק צוריק. עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער צוג אַליין מאַכט אָן אַ ווינט און ער טרייבט אים אַליין אַוועק ווייט אין פעלד אַריין. די וואַרעמקייט פון דער נאַכט האָט געשלעפערט. ער האָט ערשט איצטער דערפילט, אַז די שיכרות פון נעכטיקן וויין איז אים נאָך נישט אַרויס פון קאָפּ און דער היינטיקער בראַנפן האָט אים אויך געדרייט דעם מוח און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די געהירן שאָקלען זיך אים. ער האָט דערפילט אַ ווייטיק און אַ מאָדנע געפיל פון שרעק פאַר דעם, וואָס די געהירן ווינן זיך. ער האָט יאָ און נישט געדרימלט און ער האָט נישט געוואוסט, צי די אַלע געדאַנקען, וואָס דרייען זיך אים אין קאָפּ, זעט ער אין חלום, אָדער אויף דער וואָר. ער האָט געזען יענע פרוי, וואָס ער האָט זיך שפּעטער דערוואוסט נאָך אין קיליע, אַז די שוויגער רופט זי רייזל און דער מאַן רופט זי ראָזאַ און ער האָט גערעדט מיט איר. זי האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך האַלטן פון ווייטנס, ווייל זי קען צעטומלט ווערן פון זיין יעדן בליק. זי האָט מורא, אַז אויב ער וועט קוקן

אויף איר, ווען זי וועט גיין אין גאס, וועט זי אמאל פאלן... און ער האט זי געפאלגט און נישט געקוקט, אבער עס האט זיך דאך געקוקט און ער האט זי געזען. זי איז געשטאנען א לעבעדיקע פאר אים און ער האט געפילט איר נאענטקייט פונקט ווי אין יענער נאכט. און דא האט זיך אים געדאכט, אז אפאנאסי קוקט אויף אים און ער זאגט אים מוסר פארוואס ער טראכט נישט וועגן אים, זיין בעסטן פריינד און וועגן דעם אידעאל פאר וועלכן זיי קעמפן, נאר וועגן עפעס א ווייב. אים האט זיך געדאכט, אז אפאנאסי זאגט אים די ווערטער פון לידל „סטענקא ראזין”: „נאטש ס׳באבאי פראוואלילסיא, סאם נא אוטרא באבאי סטאל” (א נאכט זיך איבערגעקוליעט מיט א ווייב און אליין גאנץ פרי אויפגעשטאנען א ווייב). און ער ענטפערט זיין מאלדאוואנישן חבר מיט א שמייכל און ער שווערט אים פייערלעך, אז זיין אידעאל וועט ער אויף שטענדיק בלייבן געטריי. און אזוי טענהט ער שוין א שטיק צייט אט מיט יענער פרוי, וואס וויל, אז ער זאל אוועק פון איר און זי אליין זאל אויך אנטלויפן פון אים און ביידע קענען נישט און דערנאך טענהט ער מיט אפאנאסין, וואס זאגט אים, אז זיי האבן נישט געדארפט ארויסגיין פון ארעסט און ער האט נישט געטארט אוועקפארן פון רעני און אז זיי זיינען ביידע ווי דער נביא יונה, וואס האט געוואלט אנטלויפן פאר גאט...

ווען יאנקל האט זיך אביסל אויפגעכאפט פון זיין דעלידיום, האט ער דערפילט א קעלט. די פיס זיינען אים געווען פארשלאפן און ער האט זיך אויפגעהויבן און גענומען קלאפן מיט זיי און ער האט זיך דערמיט אביסל דערווארעמט אויך. א סך מענטשן זיינען געשלאפן איבער אים און לעבן אים און ס׳איז נאך געווען פלאץ, סיי אונטען, סיי אויבן; ער האט געקענט שלאפן ליגנדיק און זיך נישט אזוי איינברעכן אין דרייען. אין וואגאן איז געווען טונקל. דער צוג איז געשטאנען לעבן א סטאנציע, וואס איז קוים געווען באלויכטן מיט עפעס א גרינעם ליכט און מען האט געהערט ווי אין דרויסן רודערט זיך. עמיצער האט געזאגט, אז דער צוג שטייט דא אביסל לענגער, ווייל ער נעמט דא וואסער. יאנקל האט זיך נאך אביסל געקלאפט מיט די הענט, בכדי צו פארטרייבן די קעלט און די פארשלאפנקייט. די גערירן האבן זיך אים שוין מער נישט געשאקלט, אבער ווייי געטאן האט אים דער קאפ נאך אלץ. ער איז צוגעגאנגען ביז צו די טרעפלעך פון וואגאן און ער האט געזען, אז דאס איז די סטאנציע „זאים”, פון וועלכער מען פארט צו מיט א פורל קיין פעטראווקע, וואו עס געפינט זיך זיין שוועסטער מיט אירע קינדער. זי האט חוץ דעם צווייטן זון נאך צוויי טעכטער אזוינס און אזעלכס. אזוי פלעג זי שטענדיק שרייבן. זי האט געשריבן, אז דאס האט איר גאט באצאלט פאר דעם עלטסטן זון, וואס ער האט צוגענומען צו זיך, ווייל ער איז געווען צו גוט. יאנקל האט שטארק געוואלט קענען אירע קינדער און ער האט געפילט, אז ער וואלט זיך געפילט גוט א שטיק צייט אי מיט דער שוועסטער

און אי מיט דעם שוואָגער, אי מיט די קינדער זייערע. ער וואָלט אויף אַ שטיק צייט נישט געהאַט קיין דאגות פֿון קיין פּרנסה און ער וואָלט געהאַט וועמען ליב צו האָבן. ער איז שוין געווען באַשלאָסן צו כאַפּן דאָס פּעקל און אַראָפּ־לויפֿן און אויף גיך דאָרט שטעמפּלען דעם בילעט, אָדער אים גאָר פֿאַרקויפֿן און אַריינזעצן זיך אין אַ פּורל, אָבער ער איז געבליבן שטיין אויף די טרעפּ־לעך אַ האַלב פֿאַרחלומטער און ער האָט זיך נישט גערירט. און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, איז שוין געווען שפּעט, דער צוג האָט שוין גערירט. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט געהערט ערשט צוריק מיט אַ נאַכט לעבן דער קרעטשמע אַ מעשה פֿון אַן אַלטן מאָלדאַוואַן וועגן דריי זין פֿון אַ קעניג, וואָס האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. זיי זיינען אַלע דריי צוגעקומען צו אַ שייד־וועג, וואו ס'איז געשטאַנען אָנגעשריבן אויף אַ שטיין: „וואויל וועט זיין דעם דאַזיקן, וואָס וועט גיין רעכטס; וואויל וועט זיין דעם דאַזיקן, וואָס וועט גיין לינקס און ווי וועט זיין דעם דאַזיקן, וואָס וועט גיין פֿאָרויס". האָט זיך איינער אַוועקגעלאָזט רעכטס און איינער לינקס און איינער, דער סאַמע העלדישסטער, איז דווקא אַוועק פֿאָרויס. יאַנקלען איז אויסגעקומען, אַז ער איז עס דער העלדישסטער זון, וואָס גייט פֿאָרויס און ער ווייסט אַליין נישט צו־ליב וואָס ער טוט עס. אין קעשענע האָט ער געהאַט אַ היפּשע סומע. אַ קאַרגע דרייסיק רובל. אַזויפֿיל האָט דער אַלטער פּאַפּעסקו אויסגערעכנט, אַז עס קומט אים און אַזויפֿיל האָט ער אים געשיקט. דאָס געלט האָט אים אַביסל געבריט אין קעשענע. ער האָט געוואוסט, אַז אין גאַנצן וואָלט ער עס קיינמאָל נישט געווען איינגעמאָנט, עפּעס וואָלט מען אים געווען אַראָפּגעריסן. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהאַט אַזויפֿיל געלט אויף אַ מאָל. אַז ער וועט נישט הוליען, וועט ער פֿאַר דעם דאָזיקן געלט קענען אָפּלעבן צוויי חדשים און דערנאָך וועט שוין זיין ווינטער, וועט ער אפשר קענען פֿאַרדינען. ער איז שוין היינט גרעסער און מענערישער און מען וועט שוין האָבן מער צוטרוי צו אים און מען וועט אים שוין גיכער געבן אַן „אורעאָק", ווי אַמאָל. און ער רעדט שוין טאַקע בעסער רוסיש אויך.

אין צוג האָט זיך יאַנקל געטראָפֿן מיט אַ פּאָר פּעטראָוועקער יידן, וואָס זיינען געפֿאָרן ווער קיין קעשענעוו און ווער אויך קיין אָדעס. ער האָט זיך געוואָלט מאַכן נישט באַקענט צו זיי, אָבער אייניקע האָבן אים דערקענט און איינער דעם אַנדערן האָט שוין איבערגעגעבן, אַז דאָס איז דעם שוחטס שוואָגער, וואָס האָט געזאָלט ווערן אַ רב, אָדער גאָר אַ מלאך און ער איז געוואָרן אַ גלח... דער ברוך הבא איז באַלד געווען ווי מיט אַ האַמער אין קאָפּ אַריין... די יידן האָבן נישט געקענט פֿאַרשטיין ווי אַזוי מען פֿאָרט פֿאַרביי אַזוי נאָענט לעבן אַ שוועסטער און מען פֿאָרט נישט אַראָפּ. ער האָט זיי געענט־פֿערט, אַז מ'קען אַ סך זאַכן נישט פֿאַרשטיין אין לעבן און איינער אַ ייד, וואָס האָט געהייסן כעמע בראָדסקי און ער איז געווען אַ צעטראַגענער און די

שוואַרץ־גרויע באָרד האָט אים שטענדיק אַרומגעטאַנצט אַזוי, אַז מען האָט זיך געקענט קלערן, אַז ער איז מער ווי אַ צעטראָגענער, האָט באַלד אַ זאָג געטאָן אין אַ זייט: „ער איז נאָך אַ משוגענער פילאָזאָף אויך...״ יאַנקל האָט שוין געמוזט דערציילן אַ מעשה, אַז ער אײַלט זיך צוליב עקזאַמענעס און אַז אין אַ צײַט אַרום וועט ער שוין קומען צו גאַסט צו דער שוועסטער און צום שוואָגער. בעמע בראָדסקי האָט זיך עפּעס דערפילט מאָדנע און ער האָט געזוכט צו פאַרריכטן זײַן שאַרף וואָרט און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז זײַן שוואָגערס בעסטער ידיד און ער וועט שוין זען, אַז ווען ער וועט זײַן צו גאַסט אין פּעטראָווקע, זאָל ער קריגן דעם אמתן מפטיר. דאָס טענהן מיט די פּעטראָוקער ייִדן איז אים געוואָרן פּיינלעך און נאָך דעם, וואָס ער האָט אַלץ אויסגעפרעגט וועגן דער שוועסטער, דעם שוואָגער און די קינדער, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק שלעפעריק, כאָטש עס האָט אים גאָרנישט גענומען קיין שלאָף. און ער איז אַרויפגעקראָכן און זיך געלייגט מיט דעם פּעקל צו קאָפּנס און ער האָט זיך געדרייט אַהין און צוריק און ער איז געלעגן אויף בײדע זײַטן „לאָזנדיק״ און מיט דעם פּנים אַראָפּ און ער האָט נישט געקענט שלאָפן און אַפילו טראַכטן און חלומען האָט ער אויך נישט געקענט. די ייִדן פון זײַן שוועסטערס שטעטל זײַנען אים געווען אין גאַנצן פרעמד, ער האָט מיט אייניקע פון זיי גערעדט נאָר אַ פּאָר מאָל און מיט אַנדערע האָט ער גאָרנישט גערעדט קיינמאָל און זיי זײַנען אים פון דעסט וועגן באַלד אַרײַנגעקראָכן מיט די שטיוול אין סאַמע האַרצן אַרײַן. ער וואָלט זיי געקענט אַרײַנזאָגן, אַז זיי זאָל פינצטער ווערן אין די אויגן, אַפילו מיט אַ פּסוק האָט ער געקענט אַרײַנזאָגן, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קען שאַדן זײַן שוואָגער צו פּרנסה און ער האָט געשוויגן. די מאַמע האָט תמיד געזאָגט, אַז אַ סוחר איז בײַ גאָט אין די הענט און אַ שוחט איז בײַ מענטשן אין די הענט. איר טאַטע האָט געזאָגט, אַז יעדער כלי קודש איז אַ קנעכט... איז ער געלעגן אַזוי נישט שלאָפנדיק און נישט מיט קיין אינטערעסאַנטע געדאַנקען און אָן חלומות און ער האָט געוואָלט, אַז ס׳זאָל שוין זײַן אָדעס. ער האָט געהערט ווי מען פאָרט דורך בענדער און טיראַספּאָל, סאַמע באַוואוסטע שטעט און אַלעמאָל קומען אַרויף נײַע ייִדן און אייניקע דערקענען זיך און גיבן זיך ברייטע שלום עליכם. אין טיראַספּאָל האָט ער געזען, ווי ס׳איז אַרויפגעקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ לאַנגער קאַפּאָטע און מיט פאַרשאַרטע פּאות און ער האָט זיך דערקענט מיט אַ יונגענמאַן פון בענדער און זיך מיט אים ברייט אַרומגעכאַפּט. זיי האָבן זיך בײדע אַנידערגעזעצט פונקט אונטער אים און דער טיראַספּאָליער האָט נישט אויפגעהערט ריידן. פון זײַנע רייד האָט זיך יאַנקל דערוואוסט, אַז דער טיראַספּאָליער איז אויך אַ שוחטס אַ זון און ער וויל קיין שוחט נישט זײַן, ווײַל ער וויל נישט זײַן בײַ מענטשן אין די הענט און אונזער העלד האָט זיך געטראַכט: דער מאַמעס רייד! דער בחור

האָט דערציילט, אַז ער האָט דאָ נישט לאַנג געזען אויף דעם בולוואַר דעם אַפּטייקערס פרוי, איז זי געגאַנגען זייער פריי אָנגעטאָן און די בלוזע איז געווען אַזוי פריי אויף איר, אַז עס האָבן זיך אַרויסגעזען די ברוסטן ביז אין די אויסשניטן און ער האָט געפרעגט זיין מיטשמועסער: „נו? וואָלט אַ שוחטס אַ ווייב אויך געקענט אַזוי גיין אָנגעטאָן?" יאַנקל האָט בשום אופן נישט פאַרשטאַנען, וואָס אים וואָלט אַרויסגעקומען, ווען זיין ווייב וואָלט אויך געגאַנגען מיט די ברוסטן אין דרויסן. אַ פּעטראָוווקער ייד, וואָס האָט אויסגעהערט די גאַנצע מעשה, האָט באַמערקט, אַז צווישן די שוחטישע זין זיינען אַ פּנים פאַראַן אַ סך משוגענע... יאַנקלען האָט עס אַזש אַ טראָג געטאָן און ער איז דאָך געבליבן ליגן. דער טיראַספּאָליער בחור האָט זיך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע אַריין און ער האָט געזאָגט אַז די יעהופּעצער יידן (ער האָט זיי, אַ פּנים, שוין געקענט) וואָלטן זיך געדאַרפט אויסלערנען נישט אַריינשטעקן די נעז דאָרט, וואו מען בעט זיי נישט און אַז פּונקט ווי מען טאָר נישט דערמאָנען קיין געהאָנגענעם אין דער שטוב פון אַ גנב, אַזוי וואָלטן די יעהופּעצער געדאַרפט זיך היטן נישט צו דערמאָנען דאָס וואָרט משוגענער, ווייל אויף די יעהופּעצער האָט מען שוין לאַנג געזאָגט: „משוגע, מטורף כי לעולם חסדו..." דער וויכוח איז איבערגעריסן געוואָרן אין דער מיט און דער טיראַספּאָליער בחור האָט זיך גענומען אונטערזינגען אַ העברעאיש לידל. פון די אויבערשטע בענק האָבן די שלאָפנדיקע גענומען מאַכן „ששששאַ" און דער פּעטראָוווקער ייד האָט זיך דאָ אָפּגענומען זיינס און ער האָט געזאָגט, אַז דער „טערעשפּאָליער" איז גוט אין דער אַרבעט. עס איז געוואָרן מוראַדיק שטיל און מען האָט געהערט אויסער דעם קלאַפּן פון די רעדער און דעם פּעבקען פון לאָקאָמאָטיוו — דאָס אָטעמען און דאָס שנאָרכען פון די שלאָפנדיקע. דאָס שנאָרכען איז געווען אַ קאָמישער קאָנצערט, וואָס איז באַגלייט געוואָרן פון אַ גרילן. דאָס מאָנאָטאָנעקייט האָט געווירקט און אונזער העלד איז איינגעשלאָפן און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט אין דעם געטומל פון „ראַזדיעלניע", וואו מענטשן זיינען געלאָפן פון באַן צו באַן אַזוי ווי פאַרסמטע מייז און וואו אַנדערע פּאַסאַזשירן זיינען געלעגן אויף דער ערד און אייניקע פון זיי האָבן פּונקט אַזוי געכראָפּעט ווי די שלאָפנדיקע אין באַן. עס איז געשטאַנען דער זעלביקער גרויסער סאַמאָוואַר אין רוישיקן בופעט, וואָס יאַנקל האָט נאָך געזען אַמאָל, ווען זיינע שוועסטער זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע. גלייך עס וואָלט ערשט נעכטן געווען. ער האָט נאָך, דאַכט זיך, געפילט אויף די באַקן די טרערן פון דעמלט. ער האָט זיך באַשטעלט אַ גלאָז טיי און ער האָט מיט קינדישער הנאה געקוקט ווי דער שווערער גוי מיטן ווייסן פאַרטוך צאַפּט אָן אַ גלאָז טיי פון דעם קאָלאָס. אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז פון אַזאַ גרויסן סאַמאָוואַר קען מען נישט אָנצאַפּן אַזאַ קליינע גלאָז טיי און אַז די גאַנצע זאַך איז עפּעס אַ שפּאַס...

ווען יאַנקל איז אָנגעקומען קיין אָדעס, האָט זיך אים געדאַכט, אַז עמיצער גייט אים נאָך און ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן מיט אַ געוויסער מורא אויף די זשאַנדאַרן, וואָס האָבן אַרומגעשמייעט צווישן דעם ריזיקן עולם, וועלכער איז אַראָפּ פון דעם צוג, וואָס האָט געבראַכט מענטשן קיין אָדעס פון דרום און צפון. ער האָט אַמאָל געלייענט אין אַ פעליעטאָן, אַז אָדעס איז אַ „קראַסאַוויצע", וואָס כישופט און ציט. ערשט איצטער האָט זיך אונזער העלד געגעבן חשבון, אַז דאָס איז אמת און ער האָט זיך אויך געגעבן רעכנונג, אַז ער האָט נישט אַפּאַנאַסין אין נישט יאַשאַן אָנגעגעבן קיין אדרעס און זיי וועלן דאָרט אים וועלן שרייבן אַ בריוו און זיי וועלן נישט וויסן וואוהין.

צוגעפאָרן איז דאָס מאָל יאַנקל צום קרומען קאַפּלאַן, גלייך ווי צו זיך אַליין. דער אַלטער איז געוואָרן נאָך מער גרוי, ווי ער איז געווען און ער האָט, דאַכט זיך, נאָך מער געהונקען און ער איז געלאָפן נאָך מער איילנדיק ווי אַמאָל. ער האָט מיט אַ מידן שמייכל געזאָגט זיין גאַסט נאָך איידער ער האָט אים געגעבן שלום עליכם: „איך לויף און די צייט שטייט..." יאַנקל האָט געענטפערט, אַז ביי אים שטייט אויך די צייט און פון דעסט וועגן לויפט זי אויך און עפּעס אַנטלויפט פון אים, וואָס ער קען נישט דעריאָגן... און דער אַלטער קאַפּלאַן איז געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט געגעבן די עצה זיין גאַסט, אַז אויב ער האָט יאָ אַ פּאָר רובל, זאָל ער אַראָפּפאָרן צום ים, זאָל ער זיך דאָרט באַזעצן ביים קליינעם, אָדער ביים גרויסן פאָנטאַן און דאָרט זיך באָדן און אויסרוען די נערוון און זיך צוגרייטן פאַר נייע אָנשטרענגונגען. אונזער העלד האָט ערשט איצטער געזען וואָס פאַר אַן אָרנטלעכער מענטש דער דאָזיקער קאַפּלאַן איז. ביי אים אין רעסטאָראַן איז צו מיטיק נישט געקומען קיין גרויסער עולם. די עקסטערנעס זיינען זיך אַלע צעפאָרן. קיין קעסטקינדער האָט ער אויך נישט געהאַט, ער וואָלט געווען געקענט פאַרדינען ביי זיין גאַסט אַ פּאָר רובל. די בעטן זיינען סיי ווי געשטאַנען ליידיק און עסן האָט מען סיי ווי געמוזט אַלע טאָג אַרויסוואַרפן, פון דעסט וועגן האָט ער אים צוגערעדט, אַז ער זאָל אַרויספאָרן צום ים. נישט אַלע יידן, האָט ער זיך געטראַכט מיט פרייד, זיינען אַזעלכע פּראַקטישע מענטשן, ווי דער אַלטער פּאָפּעסקו מיינט.

אַ בעט אין אַן אָרים צימער האָט יאַנקל זיך געפונען ביים קליינעם פאָנטאַן, וואו עס האָבן זיך דעמלט געבאָדן טויזנטער און טויזנטער מענטשן. אַ סך זיינען געווען פון אָדעס גופא, אָבער נאָך מער זיינען געווען פון פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך אין אַלע עקן אוקראַינע און אַפילו פוילן. דאָ זיינען געווען רייכע לייט, וואָס האָבן געטריבן אַ ווילדן לוקסוס און שוואַכע אָרימע מאַמעס, וואָס האָבן געטראָגן קליינע, קראַנקע קינדער אויף די פּליצעס צום ים און זיי דאָרט געבאָדן און זיי האָבן געגלויבט, אַז מיט יעדן איינטונקען זיך אין געזאַלצענעם וואַסער ווערן זיי געזונט. מען האָט דאָרט

געזען מיידלעך און ווייבלעך, וואָס האָבן געשיינט מיט אַזאַ שיינקייט און מיט אַזאַ לוקסוס, אַז ס'איז געווען שווער צו האָבן אַ לויטערן, נישט פאַר־דרייטן קאָפּ...

יאַנקל איז צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געווען אין אַזאַ פּלאַץ און ער האָט זיך שווער אַריינגעלעבט אין דעם צו געזונטן לעבן. ער האָט געהאַט צו־פיל זון און צופיל ים און דער קאָפּ האָט זיך אים געדרייט און ווי געטאָן, גלייך ער וואָלט געשיכורט און עס האָט אים כסדר געפּיבערט. עס זיינען אַוועק עטלעכע טעג ביז וואַנען ער האָט זיך צוגעוואוינט צו דער זון און צום אָפּנעם ים און ער האָט גענומען פילן די גוטע ווירקונג פון זיי. עס האָט זיך אים געאָטעמט גרינגער און ער האָט זיך ווי אויסגעגלייכט. ער האָט אויפ־געהערט צו זיין אַזוי איינגעהויקערט. ער האָט אויך געדאַרפט פאַרלירן עט־לעכע טעג ביז וואַנען ער האָט געקראָגן די געהעריקע פּראַקטיק ווי אַזוי צו עסן נישט טייער און נישט שלעכט. ער האָט געדאַרפט אויספּרואוון עטלעכע רעסטאָראַנען און רעסטאָראַנדלעך ביז ער האָט זיך צוגעקליבן איינעם, וואָס איז געווען גאַנץ ווייטלעך און אין וועלכן ער האָט געקענט עסן פאַר זעקס קאָ־פּיקעס אַ מיטיק. עס זיינען געווען יידישע רעסטאָראַנען אויך און אונזער העלד האָט נאָך אַלץ געפילט אַ טעם נאָר אין יידישע עסנס, אָבער ס'איז גע־ווען נישט פאַר זיין קעשענע. ער האָט דאָך אין דעם רוסישן רעסטאָראַן שוין געפונען אַזאַ עסן, וואָס זאָל זיין נישט צו גוייש. די לופט פון ים האָט סיי ווי אַזוי צערייצט דעם אַפּעטיט, אַז ער איז גרייט געווען צו עסן אַפילו שטיינער.

ביים קליינעם פאָנטאַן האָבן דעמלט געלעבט אַ סך באַרימטע יידישע און נישט־יידישע פּערזענלעכקייטן. מען האָט געוואוסט, אַז דאָרט געפינט זיך דער גרויסער רוסישער שריפטשטעלער קופּרין, וואָס זיינע ווערק „פּאָיעדינאָק" (דועל) און „יאַמאַ" (אַ גרוב) האָט דעמלט געקענט קינד און קייט און אויף דעם דאַזיקן, וואָס האָט זיי נישט געלייענט. האָט מען געקוקט ווי אויף אַ ווילדן. און ווען קופּרין האָט זיך באַוויזן אין אַ סוויטע פון יונגע שריפטשטעל־לער און עלטערע זשורנאַליסטן, פלעג מען אים אויפנעמען מיט אַפּלויזן און ער פלעג זיך אַזוי פאַרנויגן, אַז מען האָט פשוט דערקענט ווי ער איז שיכור. עס האָט זיך דאָרט אומגעדרייט אַ באַרימטער רוסישער זשורנאַליסט, וואָס האָט געהייסן פּיאָטר פּערעוואַלאָוו און וואָס האָט זיך אויך אויסגעצייכנט מיט כאַפּן הינטערן אויער און מאַכן סקאַנדאַלן. ער האָט דעמלט פּאַרטיידיקט די פוטוריסטן, ווייל אַלע האָבן זיי אָראָפּגעריסן. מען האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער קען שרייבן נאָר ווען ער איז שיכור און ווען ער שרייבט אין ניכטערן צושטאַנד — טויג נישט. מען האָט אויך דערציילט וועגן סקאַנדאַלן מיט ווייי־בער פון די דאָזיקע שרייבער. ליגנדיק ביים ים און שפּאַצירנדיק האָבן די דאַמען נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן די ליבע־סקאַנדאַלן פון די באַרימטע פּערזענלעכקייטן. קופּרין האָט דעמלט געהאַט אָנגעשריבן אַ פּרעכטיקע דער־

ציילונג, וואָס האָט געהייסן „גאַמבּרינוס“, אין וועלכן ער האָט געשילדערט אַ ביליקן קאַבּאַרעט ביים אָדעסער פּאָרט, וואו עס שפּילט אַ פידלער סאַשאַ, וואָס דערפירט שטענדיק די מאַטראָסן און גנבים ביז צו טרערן מיט זיין שפּילן. סאַשאַ גייט אַוועק צו דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה און ער קומט צוריק אַ קאַליקע און ער קען שוין מער קיין פידל נישט שפּילן, פייפט ער אויף אַ מין פייפל און ער ציט אַלץ אַרויס דאָס חיות פון די ביינער ביי די צוהערער און זיי זאָגן: „דער מענטש גייט פאַרלוירן, אָבער דער טאַלאַנט ווערט נישט פאַרלוירן“. מען האָט וועגן דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס האָט זיך געלייענט ווי אַ געזאַנג, נישט אויפגעהערט ריידן און ווען מען האָט גע־שריגן „זאָל לעבן קופּרין“, האָט מען אויך געשריגן: „זאָל לעבן סאַשאַ!“. קופּרין האָט באַזונדער געשמייכלט מיט זיין ברייטן, אָפענעם פּנים און ער איז דאַכט זיך געוואָרן נאָך העלער ווי ער איז געווען און ער האָט צומאָל זיך אָפּגערופן, אַז ער האָט שטאַרק ליב קינסטלער. ער האָט ליב מוזיקער און פּאַ־יאַצן און פאָלקס־קינסטלער! ער האָט שטאַרק ליב, האָט ער געזאָגט, פּאַיאַצן פון צירק, וואָס דערפרייען אַזוי האַרציק דאָס פּראָסטע פאָלק. מען האָט גע־זאָגט, אַז פּונקט ווי ער קען שיין שמייכלען, פּונקט אַזוי קען ער בייז ווערן און מאַכן שיכורע סקאַנדאַלן און זיך וואַרפן שלאָגן. ער דערקלערט זיך כמעט שטענדיק אין ליבע צו די יידן און ער שילדערט זיי זייער שיין אין זיינע ווערק, אָבער אַמאָל קען ער בייז ווערן און ריידן וועגן יידן מיט די ערגסטע ווערטער, אַזוי ווי אַ כוליגאַן... ער האָט שוין אַפילו געהאַט אַ פּאָר מאָל אינ־צידענטן מיט יידן. ער האָט די גאַנצע צייט זיך געוואָלט באַקענען מיט חיים נחמן ביאַליק, וואָס איז אויך געווען אַן אָפטער גאַסט ביים קליינעם פאָנטאַן, אָבער ווייל דער רוסישער שרייבער איז שטענדיק געווען שיכור, האָט מען אים נישט געוואָלט באַקענען מיטן העברעאישן פּאָעט. ביאַליק פלעג זיך אָפּט באַווייזן אין איינעם מיט ראַווניצקין. ביאַליק איז געגאַנגען פּאַוואָליע און ער האָט געטראָגן אַ שווערן שטעקן מיט וועלכן ער האָט געקלאַפּט אין זאַמד אַריין, גלייך ער וואָלט אויסגעקלאַפּט דעם ריטם פון אַ האַרב ליד און ראַוו־ניצקי איז געפלויגן מיטן הוט אויף אַרויף, מיט אַ שירעם אונטערן אָרעם און מיט דער באָרד צעשויבערט. עס האָבן נישט געפעלט קיין פּרוּוון צו מאַכן אַוואַציעס אויף פאַר ביאַליקן, אָבער זיי זיינען נישט געראָטן. די מערהייט פון די מענטשן, וואָס האָבן געזומערט ביים ים, איז געווען אַ יידישע, אָבער יענע יידן האָבן קופּרינען געלייענט און ביאַליקן — נישט.

פון צייט צו צייט האָט זיך יאַנקל אַראָפּגעלאָזט אין שטאָט אַריין, וואו עס פלעג אים באַגעגענען אַ פּאַרדומפּענע היץ און אַ ריח פון צעפוילטער אַקאַ־ציע. אַרום „יבנה“ אים געווען שטיל, כמעט טויט. עס זיינען געווען ווייניק יונגעלייט און אויך זיי האָבן נישט געהאַט איבער וואָס צו דיסקוטירן. עס האָט זיך געפילט אַ סטאַגנאַציע אין אַלעמען. דאָס לעבן האָט אויסגעזען ווי

מיט אַ נידעריקן הימל און מיט שמאָלע האָריזאָנטן. מען האָט גערעדט וועגן אַרציבאַשעווס האַלב-פּאָרנאָגראַפישע ראָמאַנען, אָדער גאָר וועגן די וואָל-גאַרע ווערק פון דעם אויפגייענדיקן שטערן ווערביצקאַיאַ, וואָס איר ראָמאַן „די שליסל פון גליק" זיינען דעמלט געווען דאָס מאָדע-בוך. מען האָט דאַן זייער אַ סך גערעדט וועגן דער זינגערן איזאַ קרעמער, וואָס איז נאָך געווען זייער יונג און האָט שוין דורכגעמאַכט אַ שטורמישע קאַריערע. זי האָט אָנ-געהויבן ווי אַן אָפּערן-זינגערן, איז איבערגעגאַנגען צו דער אָפּערעטע און זי האָט זיך געפילט אויך דאָרט געבונדן און זי איז געוואָרן אַ קאָנצערטיסטקע און זי האָט געזונגען צום מערסטן רוסיש, אָבער אַביסל אויך יידיש און די אָדעסער זיינען אַרויס פון די כּלים פוןביידע. זי האָט אַלעמאָל געהאַט קאָנ-צערטן און מען איז צו זיי געלאָפן, ווי נאָך מצה-וואַסער. די רעקלאַמע איז געווען אַן אומגעהויערע.

געזאָגט האָט מען, אַז זי איז די פרוי פון רעדאַקטאָר פון דער גרעס-טער רוסישער צייטונג „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי" — כּייפּעץ וואָס איז געווען אַ סך עלטער פון איר. די דערמאָנטע צייטונג איז פול געווען מיט דער דאָ-זיקער זינגערן; זי האָט פּאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן איר און אינטערוויוען מיט איר און אויך אירע לידער. מען האָט אין דער דאָזיקער צייטונג באַשריבן ווי אַזוי די זינגערן שפּאַצירט און פאַרברענגט און ווי אַזוי זי שפּילט בי-ליאַרד. אַן אָדעסער האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער האָט נאָך נישט גע-הערט די דאָזיקע זינגערן. יאַנקל האָט זי אויך באַלד געהאַט אַ געלעגנהייט צו הערן אין אַ גרויסן זאַל. זי איז געווען אַ קליינינקע, אַ רירעווודיקע, דאַכט זיך, אַ פייערדיקע ברונעטקע און עפּעס אַ רויטלעכע און זי האָט געהאַט ברע-נענדיקע און פעטע אויגן, וואָס האָבן אומגעהויער אַרומגעטאַנצט און זיי האָבן אַריינגעקוקט צו יעדן איינעם און ליפּן האָט זי געהאַט פולע, זאַפטיקע און סענסועלע. זי האָט אויסגעזען אי ווי אַ מויד, אי ווי אַ ווייבעלע. זי האָט פאַרמאָגט בעסאַראַבישע קראַפט און פראַנצויזישן שיק. זי איז געווען אַ גע-בוירענע אין דער בעסאַראַבישער שטאָט בעלץ און האָט שוין געהאַט געררייזט ביז מאָסקווע. די רוסישע לידער, וואָס זי האָט געזונגען זיינען געווען אי כאַ-ראַקטער-הומאָריסטישע, אי עראָטיש-פאַטעטישע, די יידישע זיינען געווען נאָר פון ערשטן שניט. רוסישע האָט זי געזונגען ספּעציעל געמאַכטע, יידישע האָט זי געזונגען פאָלקס-לידער. פון די יידישע לידער, וואָס זי האָט דעמלט געזונגען האָט מען צום מערסטן נאָכגעזונגען „אַ וויג-ליד" און „אויפן גאַניקל". אין ערשטן האָט זי געזונגען וועגן דעם, ווי אַזוי אַ מאַמע זינגט דעם זון, אַז ער זאָל זיין גוט און פרום און זי זאָגט אים:

און אַז דו, מיין קינד,
וועסט זיין אַ וואוילער און אַ גוטער,

וועט מען זאָגן אויף יענער וועלט:
לאָזט אריין דעם צדיקס מוטער!

די לעצטע ווערטער פלעג זי זאָגן מיט א שטעל און מיט א כאפּ פון די הענט ביי די באַקעס און זי האָט דערמיט אויסגערופן צופרידענע געלעכ־טערס. דאָס לידל „איך גיי ארוים אויפן גאניקל" איז ביי איר געוואָרן א באַלאַדע פון א פּראָסטן מיידל, וואָס דער חתן איז אוועקגעפאָרן אַזש קיין ווין און פון דאָרט האָט איר א פייגעלע געבראַכט א בריוועלע, אין וועלכן עס זאָגט זיך פריער, אַז דער געליבטער איז פאַרדאָרבן און דערנאָך זאָגט זיך, אַז ער איז געשטאָרבן. זי האָט ארויסגעבראַכט די פריילעכע ערטער און די דראַמאַטישע שטעלן מיט אַזוי פיל האַרציקייט און מיט א געמיש פון אַזאַ פשוטקייט און ראַפינירטקייט, אַז אין יידישן טעאַטער האָט מען דאָס דאָ־זיקע קיינמאָל נישט געהערט. זיינען די אינטעליגענטערע אָדעסער יידן ארויס פון די כלים און די פּראָסטערע יידן האָבן אויך הנאה געהאַט. די העברעאיסטן האָבן זיך אַזש מתקנא געווען און זיי זיינען געווען גרייט זי צו לערנען זינגען העברעאיש, אָבער זיי האָבן זיך געגעבן חשבון, אַז מיט העברעאיש וועט זי קיינמאָל אַזאַ קאָנטאַקט מיט דעם עולם נישט שאַפן. און ווילנדיק נישט ווילנ־דיק האָבן די העברעאיסטן איר געהאָלפן זוכן יידישן רעפּערטואַר, נישט צו־ליב דער יידישער שפּראַך, האָט עס געהייסן, נאָר צוליב דעם יידישן אינ־האַלט. די רוסישע לידער, וואָס זי האָט געזונגען זיינען אפשר געווען פון א נידעריקערער קוואַליטעט ווי די יידישע, אָבער זי האָט אין זיי אריינגעלייגט אַזויפיל חנדלעך, אָדער טעמפּעראַמענט, אַז מען האָט נישט געפילט זייער געמאַכטקייט און מען האָט געמיינט, אַז זיי זיינען עכט. איר גרויסער כוח איז געווען אריינצוברענגען דעם דראַמאַטישן טאָן אין א הומאָריסטיש לידל און מיט א קליינעם איבערגאַנג ארויסרופן טרערן באַלד נאָך געלעכטער. דאָס דאָזיקע פלעג איר איבערהויפּט געראָטן אין דעם רוסישן ליד „טיכלעך". זי איז אין א גרויסער מאָס געווען א שטיק טראַנספאָרמאַטאָרשע. זי האָט אין איין לידל געקענט אָפּשפּילן עטלעכע כאַראַקטערס און זי האָט זיך טראַנס־פאָרמירט מיט דער הילף פון א טיכל, א פּאָר ברילן און אַנדערע קלייניקייטן. זי האָט געהאַט עראָטיש־פּאַטעטישע לידער, וואָס האָבן אָנגעשלאָגן דעם אַר־ציבאַשעוו־ווערביצקאַיאַ טאָן. צום מערסטן האָט מען אויף רוסיש נאָכגעזונ־גען א ליד „פּוסטי גאַוואָריאַט" (זאָל מען זאָגן), וואָס איז געווען געשריבן אויף א מעלאָדיע פון דער אַלטן פראַנצייזישן ראָמאַנס „פּור אַן פּע ד'אַמור" (פּאָר ביסל ליבע), דאָס ליד האָט געזונגען קעגן די אַלע, וואָס זאָגן, אַז ליבע איז א ליגן און ס'האָט זיך געענדיקט מיט די ווערטער „איך וויל לעבן און פאַרברענגען". איזאַ קרעמער פלעג ביי דעם דאָזיקן ליד טראָגן א רויט קלייד, ווי פון מאָן און גרויסע ברייטע אויערינגלעך אַזוי ווי א ציגיינערטע און זי

האָט אין גאַנצן אויסגעזען ווי אַ צעשטראַלטע ציגיינערטע. מען האָט דערמלט געזאָגט אין אָדעס, אַז אונטער דעם איינפלוס פון אָט דעם ליד האָט נישט איין פרוי אָפּגענאַרט איר מאַן... מען האָט געהערט נאָכזינגען איזאַ קרעמערס לידער אין אַלע גאַסן, אויפן קליינעם און גרויסן פאָנטאַן און אפילו אין הויף פון „יבנה".

פון דער היים האָט יאַנקל באַקומען בריוו. די עלטערן האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער האָט געדאַרפט אַזוי פלוצים עוקר זיין פון רעני און לויפן קיין אָדעס אַרום און אַרום און נישט דורך קיליע, וואו אַרומער ס'איז נעענטער און אין איין וועג זען די עלטערן. דער טאַטע האָט געשריבן, אַז זיין גאַנג וועט ער שוין אַ פנים קיינמאָל נישט פאַרשטיין. עס זיינען דאָ נאָך יינגלעך, וואָס האָבן איבערגעלאָזט די ישיבה און זיי לערנען אויף דאָקטער, אָבער קיין איינער פון זיי מאַכט נישט אַזעלכע „שטוקעס" ווי ער. ווען ער וואָלט געזעסן אין דער היים און ער וואָלט געלערנט, וואָלט ער דאָך שוין געקענט האָבן געענדיקט די גימנאַזיע. דער טאַטע האָט אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז די שוועסטערקינדער פון רעני האָבן אים געשריבן, אַז ער האָט זיך דאָרט נישט אַזוי שטאַרק שיין אויפגעפירט און אַז ער איז געווען אַ גאַנצער גוטער ברודער מיט אַ שגץ. די מאַמע איז געווען אין טערקיי ביי איר ברודער אביגדור. זי האָט אירם אויסגעפירט און איז געפאָרן צו אים נאָך געלט און זי האָט שוין געדאַרפט קומען אָן גאָרנישט. יאַנקל האָט זיך וועגן דעם אַלעמען נישט געמאַכט ווייסנדיק און ער האָט געשריבן בריוו וועגן זיך און וועגן דעם, ווי אַזוי מען באָדט זיך ביים ים און אַז ער קוקט אַרויס די מאַמע זאָל שוין קומען. און ער האָט זיך גיך דערוואוסט, אַז זי איז שוין דאָ; האָט ער איר געשריבן וועגן דעם, אַז נישט ווייט פון דעם פלאַץ וואו ער וואוינט, געפינט זיך אַן אָרימע יידישע פרוי אַזש פון פוילן און זי האָט מיט זיך אַ קרום יינגעלע, וואָס זי דאַרף טראָגן אויף די פלייצעס צום באָדן זיך, ווייל זי מיינט, אַז פון ים וועט ער געהאָלפן ווערן; און ער האָט רחמנות אויף איר און ער העלפט איר טראָגן דאָס קינד. די פרוי האָט נעבעך גאָרנישט און זי גייט אין אַ רעסטאָראַן אַריין וואַשן טעלער און טעפ, בכדי צו פאַרדינען ביסל צו עסן פאַר דעם קינד און פאַר זיך. ער העלפט איר טראָגן דאָס קינד און ער קויפט אויך צום מאָל עפּעס אַ נאַשעריי דעם קינד. ער האָט געוואוסט, אַז מיט דער האַזיקער מעשה וועט ער שטאַרק נושא חן זיין ביי דער מאַמען און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט. די מאַמע האָט אים אַליין צוגעשריבן, אַז זי האָט געוויינט און זי דאַנקט גאָט, וואָס ער האָט אַ יידיש האַרץ, ווייל דאָס האַרץ פון אַ מאַמען פילט נאָר זי... די מאַמע האָט אויך געשריבן, אַז ווען מען טוט אַזאַ מיצווה, דאַרף מען שוין נישט פאַסטן אום יום כיפור, דאָך בעט זי אים, אַז ער זאָל יאָ פאַסטן אום יום כיפור, וואָס וועט זיין אין גיכן און זי האָפט, אַז אַלע יידן וועלן אַרויסנעמען דאָס גוטע קוויטל... און ווען ער וועט אי"ה

אהיימקומען, וועט זי אים דערריידן וועגן איר נסיעה, וועט זי האבן צו דער־ציילן און דערציילן.

די פרוי מיט דעם קרומען יינגעלע האט ביי אונזער העלד צוגענומען א סך צייט. ער פלעג נישט קענען צוקוקן ווי די שוואכע מוטער שלעפט זיך מיט דעם קאליקע, וואס איז דווקא א גאנץ שווערלעכער און זי רייסט זיך ממש מיט אים אונטער. זי איז נישט געווען קיין שיינע די מאמע און זי האט געהאט ארויסגעסטארטשעטעציין און ווען זי האט זיך געשלעפט מיט איר קינד, האט זי אויסגעזען ווי א חיה, אבער זי איז דערביי געווען זייער רירנ־דיק. זי פלעג נאך יעדן באדן זיך קוקן אויף דעם קליינעם פיסלעך און זיי פרואוון, צי זיי ווערן שוין גלייך... עס איז דארט געווען שיין, אויף דעם קליינעם פאנטאן און ס'איז אונזער העלד געווען געפעלן אוועקצוגיין ווייט, ווייט און קוקן נאך ווייטער אויף דעם ים, וואס איז שטענדיק פול מיט שוי־מענדיקע בערגלעך און וואס ציט זיך אזוי אין דער אייביקייט אריין און ער ענדיקט זיך נישט, אבער אזוי לאנג די מוטער האט זיך געשלעפט מיט דעם קינד, האט ער קיין הארץ נישט געהאט זי איבערצולאזן. אויך ווען זי פלעג גיין אין רעסטאראן אריין וואשן דאס געפעס, פלעג ער בלייבן מיטן קינד. ערשט אין אוונט, ווען זיי זיינען ביידע געגאנגען שלאפן, פלעג ער זיך פאר־גינען צו מאכן די גרויסע שפאצירן און קוקן אויף די ווייטע שיינען, וואס האבן געברענט איבער דעם ים און האבן זיך אפגעשפיגלט אין וואסער און ס'איז צומאל שווער געווען צו דערקענען, וועלכע ס'איז די אמתע שיין און וועלכע ס'איז די אפשפיגלונג. און ס'האט זיך געדאכט, אז די שיינען שטייען נישט אויף א פלאץ, נאר זיין גייען און וואנדערן און זיי וועלן אפשר אנקומען אהער פון אן אנדער זייט. ער פלעג אויך א סך מאל אויפשטיין פארטאג און זען ווי אזוי די פישער לאזן זיך אוועק כאפן פיש און ווי אזוי אנדערע קו־מען שוין מיט די פיש און שארן זיי מיט די רודערס, דאכט זך, אזוי ווי מיסט און זיי ריידן צו זיי מיט ליבע און מיט גוטמוטיקע קללות, אזוי ווי צו קינ־דער. עס איז געווען שיין צו קוקן אויף אלץ, וואס ס'האט זיך געטאן ביים ים און נישט איינמאל האט אונזער העלד אויסגעטאן די שיך מיט די זאקן, אפילו ווען עס איז געווען קאלט, און ער האט אריינגעשטעלט די פיס אין ים אריין. עס האבן זיך אין אים געוועקט מאדנע בענקשאפטן און עס האט אים געצויגן. ער וואלט זיך גענומען א שיפל און ער וואלט זיך אוועקגעלאזט איבערן ים, אפשר וואלט ער ערגעץ אנגעקומען און אויב נישט, וואלט אים אויך נישט געארט... ער האט דעמלט געפרואווט שרייבן ים־לידער, אבער ער האט גע־פילט, אז נאך ר' יהודה הלוי וועט ער שוין גארנישט באווייזן. ער האט גע־שריבן לידער אין פראזע, אזוי ווי עס איז דעמלט געווען אין דער מאדע און ער האט דערציילט ווי ער רעדט מיט די כוואליעס און ער פרעגט ביי זיי, וואס עס טוט זיך דארט ערגעץ ווייט, ווייט און ער האט זיך געשעמט פאר

דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און ער האָט זיך געפילט ווי יענער משוגע־נער פון שלמה המלכם מעשה, וואָס האָט מיט אַ לעפל געוואָלט אויסשעפן דעם ים און ער האָט די כתבים צעריסן. ער האָט זיך געזאָגט: בעסער קוקן, איידער שרייבן...

איין זאַך האָט ער אָנגעשריבן, וואָס איז אים אַליין אויך געפעלן. ס'איז געווען צו דער געלעגנהייט פון בייליסעס באַפרייאונג. דער אויסגאַנג פון פּראָצעס איז געווען אי אַ טרויעריקער, אי אַ פרייליכער. ס'איז אויסגעקומען, אַז אַ ריטועלער מאָרד איז יאָ פאָרגעקומען, אָבער בייליס איז אומשולדיק. די ריכטער האָבן ווי געוואָלט יוצא זיין פאַר ביידע צדדים. יידן האָבן דעם ווער־דיקט אָנגענומען מיט האַרצקלעמעניש און מיט פרייד. זיי האָבן געוויינט און דאָך געלאַכט. זיי האָבן זיי אַזוי געפרייט מיט דער באַפרייאונג פון בייליסן, גלייך ער וואָלט געווען אַן אייגענער ברודער... אייניקע האָבן געזאָגט: „אַבי בייליס איז פריי... מיטן בילבול האָט מען זיי אין דער ערד... ס'איז שוין נישט דאָס ערשטע בילבול, וואָס זיי טראַכטן אויס אויף אונז". אין די טעלעגראַ־מעס האָט זיך געזאָגט, אַז אַזוי ווי דער פּאָרזיצער פון די געשוואוירענע ריכ־טער האָט אַ זאָג געטאָן „אומשולדיק", האָבן די זשאַנדאַרן אַריינגעטאָן די שווערדן אין די שיידן. יאַנקל האָט די ידיעות געלייענט אין אַ רוסישער צייַ־טונג, האָט ער אָנגעשריבן אַ פעליעטאָן וועגן דעם. „שאַשקי וו'נאָזשני" (די שווערדן אין די שיידן) האָט ער געהייסן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט די פרייד פון בייליסן, זיין פאַמיליע, אַלע יידן און אַלע ערלעכע מענטשן אין יענעם מאָמענט און ער האָט געשריבן וועגן דעם, אַז עס דאַרף שוין קומען די צייט, ווען מען זאָל אַלע שווערדן אַריינטאָן אין די שיידן און זיי צעברעכן. ער האָט דעם פעליעטאָן אָוועקגעטראָגן אין דער רוסישער צייטונג „יוזשנאַיע אָבאָז־רעניע" און מ'האָט אים באַלד אָפּגעדרוקט. מען האָט דאָרט אַ קליין ביסל געענדערט די שפּראַך. דער דאָזיקער פעליעטאָן האָט אָנגעשפּאַרט אין קיליע און מ'האָט אים געלייענט פאַרן טאַטן און דער שוחט האָט געשריבן זיין זון, אַז ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט נאָך נישט פאַרגעסן אין ישעיהו הנביא...

עס איז שוין געווען אין מיטן חודש אלול און עס איז געוואָרן קילער און קילער. וואָס אָפּטער די ווינטן זיינען געוואָרן, אַלץ מער געסט זיינען זיך צע־לאָפן. די מאַמע פון קראַנקן קינד האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט אוועקפאָרן. זי האָט זיך, האָט זי געזאָגט, אַזוי פיל אויסגעבראַכט מיט דעם פאָרן און ווי אַזוי וועט זי זיך איצטער אומקערן צום מאַן און צו די קינדער, ביי וועלכע זי האָט אויסגעריסן דעם ביסן פון מויל? דעם קינדס פיסלעך זיינען אַזוי ווי געווען און זיי זיינען גאָרנישט בעסער געוואָרן! זי איז געווען גרייט צו בלייבן אפילו דעם גאַנצן ווינטער דאָרט, אָבער מען האָט געלאַכט פון איר און מען האָט איר געזאָגט, אַז אין אַ צייט אַרום בלאָזן דאָ אַזעלכע ווינטן, אַז קיינער גייט פאַר מורא נישט אַריין אין ים אַריין און אַלע אַנטלויפן פון דאַנען און

די אַלע שטיבער פאַרמאַכט מען און מען פאַרהאַקט אין זיי טיר און טויער. האָט זי געוויינט און געקלאָגט און זיך געגרייט אין וועג אַריין. יאַנקל פלעג נישט איינמאָל בלייבן זיצן אַ באַרוועסער ביים וואַסער און פאַר מידקייט איינדרימלען און אים פלעג זיך חלומען, אַז דאָס קינד איז געזונט געוואָרן און עס לויפט אַרום אויף די אייגענע פיסלעך און ער לויפט דעם נאָך... און ער האָט זיך טאַקע פון שלאָף אויפגעהויבן און ער איז געלאָפן אין וואַסער אַריין... דערנאָך איז ער געליגן אַ פאַרקילטער מיט פיבער און ער האָט ווייטער געחלומט.

אויך ראש השנה און יום כיפור איז אונזער העלד אַריינגעפאַלן אין שטאָט אַריין, כאָטש אייניקע זיינען נאָך געבליבן ביים וואַסער און ס'איז נאָך נישט געווען שטאַרק קאַלט. אים האָט נאָך אַלץ געצויגן אין שול אַריין, כאָטש ער איז שוין גאָרנישט געווען רעליגיעז. עס האָט דעמלט געדאַוונט אין דער אַריסטאָקראַטישער „בראָדער" שול דער חזן פיניע מינקאָווסקי, וואָס האָט געהאַט אַ קליינע, אָבער זייער אַנגענעמענע שטימע און ער האָט געזונגען שטיל און געצויגט און געמיטלעך און אַ סך מאָל האָט ער דעקלאַמירט אַן צופיל קונצן און נאַטירלעך און ס'איז אים געווען זייער אַנגענעם צו הערן. ער האָט נישט איינגעלייגט קיין וועלטן און ער האָט נישט געשפּאַלטן קיין הימלען מיט זיינע תפילות, נאָר ער האָט געגלעט און באַרואיקט. עס האָט זיך דערקענט, אַז ער דאַוונט פאַר רייכע יידן, וואָס האָבן נישט קיין סך צו בעטן און זיי זיינען צופרידן, אַז ס'זאָל זיין אַזוי ווי עס איז... פיניע מינקאָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אַ ריי אַרטיקלען אין „השילוח" און אין אַנדערע העברעאישע אויסגאַבן וועגן די אַלטע יידישע אינסטרומענטן און וועגן יידישער ליטורגיע; ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרטיקלען אין „גוט מאָרגן", אָבער קיין יידיש האָט ער נישט גערעדט אין שול, וואו ער האָט געדאַוונט, נאָר ער האָט גערעדט צום מערסטן דייטש. ער איז געגאַנגען ראַזירט און ער האָט געהאַט אַ קיילעכדיק פּנים. געטראָגן האָט ער אַ שוואַרצע טענגדע ווערענדע און ער האָט אויסגעזען אַביסל ווי אַ גלח און אַביסל ווי אַן אַקטיאָר. ער האָט געזונגען אין איינעם מיט אַ כאָר, אין וועלכן ס'זיינען געווען אויך מיידלעך און מיט אַן אָרגל און די פרומע יידן האָבן געזאָגט, אַז איידער צו גיין אין דער „בראָדער" שול אַריין, איז שוין גלייכער צו גיין אין אַ קלויסטער. יאַנקלען איז נישט אָנגעקומען גרינג צו קריגן אַ דערלויבעניש צו גיין אין דער „בראָדער" שול און דערנאָך האָט אים שוין באַנק געטאָן. ער האָט געפילט, אַז אין וואָס פאַר אַן אָרים שולכל ער וואָלט געגאַנגען, וואָלט ער זיך געפילט בעסער. ס'איז געווען אַ ימים נוראים, וואָס האָבן גאָר קיין שרעק נישט אַרויסגערופן. קיין פיש אין וואַסער האָט דאָרט נישט געציטערט, קיינער האָט רעכט נישט מורא געהאַט דאָרט פאַר גאָט און האָט נישט געבעטן און אַפילו קיין קרעכץ נישט געטאָן. ער האָט זיך געפרעגט: „ווען אַלע מענטשן

וועט אַמאָל גוט זיין, וועלן זיי אַלע אויסזען ווי אַט די יידן?" און ס'איז אים פון דער דאָזיקער פראַגע אַליין קאַלט געוואָרן.

אין אָדעס האָט דעמלט געשפּילט אַ וואַרשעווער אָפּערעטן־טרופּע. זי האָט געשפּילט אין דעם זילביקן טעאַטער, וואו מיט צוויי יאָר פריער האָט געשפּילט אסתר רחל קאַמינסקאַ. אָבער ווי אַנדערש ס'האָט דעמלט אַלץ אויסגעזען! מען האָט געשפּילט די אייראָפּעאישע אָפּערעטע „די צנועהדיקע סוזאַנע" און כאָטש די אַקטיאָרן האָבן געטראָגן פראַנצויזישע מיליטער־מונדירן, האָט מען גערעדט יידישלעך און די צווייִדייטיקייטן האָט מען אַרויסגעבראַכט איינדייטיק. יאַנקל האָט זיך פון צייט צו צייט געשעמט צו קוקן אויף די פרויען, וואָס זיינען געזעסן לעבן אים. די הויפּטראָליע האָט געשפּילט אַ גאַנץ שיינע פרוי, אָבער מיט אַ פּראָסט אויסזען און מיט אַ נאָך פּראָסטערע שפּראַך און זי האָט טעמפּעראַמענטפול אַרויסגעבראַכט די צווייִדייטיקייטן, קיין שיינקייט און קיין ריטם איז ביי איר נישט געווען. ס'האָט זיך נישט געגלויבט, אַז זי שפּילט אַ פרוי פון דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט, נאָר ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז אַ מויד פון דער מאָלדאַוואַנקע. אונזער העלד האָט נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען דאַרף אַזאַ טעאַטער. ער האָט זיך געפרעגט: גלוסטן דען נישט די יינגלעך צו די מיידלעך אָן דעם דאָזיקן שפּילן?... און — גלוסטן זיי דען נישט שענער? און ער האָט דאָס דאָזיקע פרעגעניש אָנגעשריבן און ער האָט עס אַוועקגעטראָגן אין „גוט מאָרגן" אַריין. אָבער משה קליינמאַן האָט אים געענטפערט, אַז מען דאַרף זיי לאָזן לויפן, מען האָט שוין געהאַט גענוג ערגערניש פון זיי און אין וואַרשע האָט מען אין גאַנצן נישט אַריינגעלאָזט קיין רעצענזענט צו דער זעלביקער טרופּע. דער רעדאַקטאָר האָט געקוקט מיט אַ טרויעריקן שמייכל צו דעם יונגען בחור, וואָס איז געקומען צו אים און וועמענס נאָמען ער האָט קוים געדענקט, כאָטש ער האָט שוין געהאַט אָפּגעדרוקט עטלעכע זאַכן זיינע און ער האָט אים געפרעגט: „אין לעבן, יונגערמאַן, זאָגט איר שטענדיק דעם גאַנצן אמת? די עלטערן זאָגט איר דעם גאַנצן אמת? שווייגן איז אַמאָל אויך גאָלד". און ער האָט אים צוריקגעגעבן דעם מאַנוסקריפּט... יאַנקל איז פון דער רעדאַקציע אַוועק נאָך מער טרויעריק ווי ער איז אַוועק פון דער „בראָדער" שול...

פון קיליע האָט אונזער העלד דעמלט באַקומען די טרויעריקע ידיעה, אַז זיין גוטער פעטער מאיר איז געשטאָרבן. דער טאַטע האָט גענוי באַשריבן זיין טויט. ער איז קראַנק געוואָרן אויפן האַרצן און ער האָט באַלד געוואוסט, אַז ער שטאַרבט. ער האָט אַנדערטהאַלבן טעג דורכאַנאַנד געשריגן, אַז ער שטאַרבט. ס'איז אים געקומען פון דעם, וואָס ער איז קינדווייז אַריינגעפאַלן אין ברונעם אַריין. די דאָקטוירים האָבן זיך געחידושט ווי אַזוי ער האָט געקענט אָפּלעבן אַריבער פערציק יאָר. „די גוטע נעמט גאָט ברוך הוא צו זיך", האָט דער טאַטע געשריבן. ווער ס'האָט גערעדט וועגן אים, סיי ביים לעבן,

סיי נאָך זיין טויט, האָט געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ גוטער. אַ פּנים, האָט זיך אונזער העלד געקלערט, אַז קיין סך גוטע מענטשן זיינען נישטאָ אויף דער וועלט. ער האָט נישט געהאַט קיין געלט. ער איז געווען אַ קבצן ס'גאַנצע לעבן און ער האָט נישט געהאַט מיט וואָס צו זיין גוט און ער איז עס דאָך געווען. ער איז געווען גוט מיטן הארצן, מיט דער נשמה און מיט די אויגן. אַז ער איז אַריינגעקומען אין אַ שטוב, איז אַלעמען געוואָרן גוט אויף דעם הארצן. זיין טאָכטער בעטיאַ איז נאָך זיין טויט צוריקגעקומען קיין אָדעס, ציפּע איז פאַרבליבן אין אַקערמאַן. זי האָט געוואָלט נאָך אַ שטיק צייט טרויערן אין איינעם מיט דער מישפּחה. יאַנקל האָט געזען די מומע העניע אין אָדעס. זי האָט אויסגעזען חושך. זי האָט געהאַט אַ קלייטל, איז זי געקומען בעטן זייף אויף קרעדיט ביי משה זשעלעזניאַק, וואָס איז געווען דער באַלעבאָס פון דער גרעסטער זייף־פאַבריק און איז געווען דעם פעטערס אַ גליד־געשוועסטערקינד, האָט ער דער אָרימער אַלמנה נישט געוואָלט געבן קיין קרעדיט. די מומע העניע האָט געזאָגט: „נישטאָ קיין גוטע מענטשן אויף דער וועלט, מאיר איז געווען אַ גוטער, איז גאָט געווען צו אים שלעכט...״

אויף סוכות איז אונזער העלד שוין געווען אין פעטראָווקע ביי דער שוועסטער. ער האָט צוליב־געטאָן די עלטערן און טאַקע דער שוועסטער אַליין. מען האָט אים אויך געשריבן, אַז עס קען זיין, אַז ער וועט האָבן אַ קאָנדיציע פאַר דעם ווינטער אין דעם דערבייאיקן שטעטל מאַנזיר, וואָס מען רופט אויך „גראַפּיניע״, ווייל עס געהער צו אַ גרעפין. מען זוכט דאָרט אַ לערער פאַר רוסיש און פאַר לשון קודש, יאָסיף פרידמאַן איז שוין איינמאָל דאָרט געווען אַ ווינטער און ער האָט גוט פאַרדינט. פון רעני האָט יאַנקל וואָס אַמאָל סיי ווי באַקומען ווייניקער בריוו. אַפאַנאַסי האָט ביים אָנהייב געשריבן זייער הייסע בריוו, דערנאָך האָט ער זיך ביסלעכווייז אָפּגעקילט און אין גאַנצן אויפגעהערט שרייבן. יאַשאַ האָט נאָך יאָ געשריבן פון צייט צו צייט אַ בריוול, אָבער ער האָט אים דערביי מודה געווען, אַז פון די אויגן איז פון דעם הארצן... דער גאַנצער רויש פון דער מאָדנער „בעסאַראַבישער״ אַוואַנטיורע איז אים אַרויס פון קאָפּ און ער האָט איצטער געפילט, אַז דער לעבנס־חבר זיינער וועט זיין נישט אַפאַנאַסי און נישט יאַשאַ, נאָר יאָסיף פרידמאַן. דער גורל האָט פאַר זייביידן אָנגעצייכנט איין וועג...

און דער סוכות איז אין פעטראָווקע געווען אַ פריילעכער. צווישן די „דרייסיקער״ און „זיבעציקער״, וואָס האָבן זיך יאָרנלאַנג געקריגט איבער דער ערד און די וויינגערטנער איז געקומען צו אַ דערוויילטיקן פרידן און ס'איז אין שטעטל קיין שום מחלוקת נישט געווען. עס איז פאָרגעקומען אַ קליין שטיקל קריגעריי צווישן די פאַנאַטיקער און ציוניסטן, וואָס די לעצטע זיינען געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער אין צאָל און זיי האָבן פאַרלאַנגט, אַז בעת מען מאַכט די מלאָס בשעת „יזכור״ זאָל מען הערצלען אויך מאַכן אַ

„מלא" און זיי האָבן אויסגעפירט, כאָטש דער רב האָט איינגעליינגט וועלטן. די פּראָסטע יידן, וואָס זיינען געווען פרום, אָבער נישט פאַנאַטיש, זיינען נישט געווען קעגן דעם, אַז יידן זאָלן גיין קיין ציון אַקערן ערד און פלאַנצן וויינביימער. זיי האָבן געזאָגט: „אָט איז אונזער יעהופּעץ אין גלות און פון דעסט וועגן, זייט מיר האָבן דאָ דאָס אייגענע שטיקל ערד מיט דעם אייגענעם וויינגאָרטן, ווייסן מיר פון אַ לעבן אויף דער וועלט און מיר האָבן נישט קיין מורא פאַרן מאָרגן". מ. מ. וואַרשאַווסקיס „ליד פון ברויט" האָט געזונגען אין יענעם שטעטל קינד און קייט. אַלע האָבן דאָרט געאַרבעט ביי די וויינגערטנער, אַפילו די קינדער פון די עטלעכע גבירים. עס איז געגאַנגען אַ געווענט ווער עס וועט גיכער אָראָפּנעמען די וויינטרויבן און די אייגענע הענט און די אייגענע קערפּערס האָבן געאַרבעט ווי אויף פּאַרע. די בחורים מיט די מוידן האָבן יום טוב נישט געקענט איינזיצן אין שטאָט, עס האָט זיי געבריט. זיי האָבן געוואָלט וואָס גיכער אַראָפּנעמען די טרויבן. אייניקע האָבן אַליין געטרעטן די טרויבן און געמאַכט ווייַן. זיי האָבן אַלע געהאַט הענט ווי רייַזנס, אַפילו די מיידלעך האָבן געהאַט אייזערנע הענט. די בחורים האָבן זיך געווערטלט און זיי האָבן געזאָגט, אַז היינט דאַרף מען זיך היטן צו כאַפּן אַ פּאַטש פון אַ פּעטראָוווקער מויד. יאַנקל האָט געזען יאַטן, וועלכע זיינען געווען קליינע יינגלעך, ווען ער איז דאָ אַרומער דורכגעפאָרן צום ערשטן מאָל אין דער ישיבה אַריין און איצטער זיינען זיי געווען בערג גאַנצע, זיינע פיר הענט וואָלטן געקענט פאַרפאַלן ווערן אין איין האַנט פון אַזאַ יאַט. און די יונגען מיט מוידן האָבן געפירט ליבעס, גאָרנישט ווי ביי יידן. זיי האָבן נישט געוואַרט, אַז די טאַטעס און די מאַמעס זאָלן זיי אויסקלויבן חתנים און כלות, און שיקן צו זיי די שדכנים, נאָר זיי האָבן זיך אַליין אויסגעקליבן. געווען אַן אַלטע יידענע, וואָס פלעג פירן שידוכים בשותפות מיט אַ שדכן פון אַ גרויסער שטאָט, האָט זי געזאָגט, אַז זי איז געבליבן אָן פּרנסה, ווייל ל י ב ע איז אין פּעטראָווקע געוואָרן די שדכנטע. געווען אַ פרומער ייד, אביסל אַ צעדרייטער, וואָס האָט שטענדיק געקרעכצט אויף גלות השכינה, פלעג ער שרייען, אַז ער וועט נישט לאָזן אַרויסנעמען די „רייניקייט" פון אָרון, אויב דער רב וועט נישט פועלן, אַז די יידישע קינדער זאָלן זיך נישט אויפפירן אָנשטענדיקער. ער האָט געשריגן, אַז פּעטראָווקע איז שוין באַלד ערגער ווי סדום און 'אַז קליינע קינדער שטאַרבן דערפון. דער רב, וואָס איז געווען אַ קלוגעטשקער און אַ קאַלטבלוטיקער, האָט געענטפערט, אַז ער קען גאָרנישט טאָן, די וויינגערטנער זיינען שולדיק. נאָך אין ארץ ישראל האָבן יינגלעך געכאַפּט מיידלעך אין די וויינגערטנער און דער שבט בנימין, וועלכן מען האָט מחרים געווען און נישט געוואָלט גיבן קיין ווייבער, וואָלט אין גאַנצן געווען אומגעקומען, ווען ער לויפט נישט כאַפּן קיין מיידלעך אין די וויינגערטנער. דער צעדרייטער ייד האָט זיך נישט געלאָזט, ער האָט געזאָגט, אַז

יידן מעגן טאָקע אַרבעטן ווי די גויים, אָבער לעבן דאַרפן זיי ווי די יידן און דערויף האָבן זיי אַ רב, וואָס זאָל אַכטונג געבן און אויב דער רב קען נישט זיין קיין גוטער פּאַסטוך, דאַרף מען זוכן אַ בעסערן... דער רב איז געבליבן קאַלטבלוטיק, אָבער מען האָט דערקענט, אַז אינעווייניק גרימט עס אים און ער האָט אַפילו אַ שטילן קרעכץ געטאָן און דערמיט געזאָגט, אַז ס'איז נישט אַזוי גרינג צו זיין אַ רב. און ווען דער בייזער ייד איז שוין געוואָרן שטילער, האָט דער רב געזאָגט: „דעם סדר פון דער וועלט קען מען נישט איבערמאַכן. עס אַרבעטן יינגלעך מיט מיידלעך אין איינעם און זיי דערוואַרעמען זיך, קען מען נישט מאַכן, אַז זיי זאָלן נישט גלוסטן איינער צום אַנדערן. מה דאָך, ווען די בחורים האָבן געלערנט אין חדר און אין בית מדרש און די מיידלעך זיינען געווען באַהאַלטן אין די שטיבער, האָבן זיי געגלוסט איינער צום אַנדערן, היינט נאָך, ווען זיי אַרבעטן אין איינעם אין פעלד! אַז איר ווילט יינגלעך זאָלן נישט גלוסטן, מאַכט זיי חתונה פרי, אַזוי ווי אַמאָל. מאַכט זיי חתונה צו דרייצן־פערצן יאָר, אַזוי ווי אונזערע טאַטעס האָבן געטאָן. אַז יידן וועלן אַרבעטן און לעבן ווי די גויים, וועלן זיי ווערן ווי די גויים, אין ארץ ישראל זיינען קיין שדכנים נישט געווען, אין חומש שטייט קיין איין מאָל נישט דערמאָנט דאָס וואָרט שדכן. ווען יעקב אבינו איז געקומען קיין ארם נהרים און ער האָט דאָרט דערזען זיין שוועסטערקינד רחל און ער האָט געזען, אַז זי איז אַ שיינע, האָט ער נישט געשיקט קיין שדכן צו איר, נאָר ער האָט געזאָגט איר טאַטן, אַז ער וויל זי פאַר אַ ווייב..." די יידן האָבן זיך צוגעהערט און געקוועטשט מיט די פּלייצעס און זיי האָבן געזאָגט, אַז אפשר איז דער רב טאַקע גערעכט און אַז קעגן דעם דרך הטבע קען מען נישט גיין. און די יונגען מיט די מוידן האָבן זיך אַליין געקליבן און צום מערסטן זיינען געוואָרן שידוכים און אַמאָל האָט זיך אויך געמאַכט, אַז מען האָט צווישן זיך אָפּגעלאָזט אַ שידוך און דער בחור איז דערנאָך נישט פאַרפאַלן געוואָרן און דאָס מיידל אוודאי נישט. די מיידלעך זיינען געווען אַזוי אַקטיוו, אַזוי ווי די בחורים סיי אין דער אַרבעט, סיי אין דער ליבע. יאַנקלען אַליין האָבן אייניקע מיידלעך זיך דערקלערט אין ליבע, נאָך דעם, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעוויצלט אויף זיין חשבון און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער איז געפאָרן קיין קעשענעוו אַ מלאך און ער איז געקומען אַ גלח... מען פלעג דאָרט אָפט שפּילן אין „פאַנדן" און אין „צענזור"; מען איז זיך געווייגלעך צונויפגעקומען אין אַ גרויסער שטוב און דאָרטן האָט מען אַנידערגעזעצט אַ בחור, אָדער אַ מויד אויף אַ שטול אויבנאָן און מען איז אַרומגעגאַנגען צונויפנעמען מיינונגען וועגן דער פּערזאָן, וואָס זיצט אויף דער „צענזור" און זיי דערנאָך איבערגעגעבן אויף אַ קול; האָט נישט איין מאָל פּאַסירט, אַז מיידלעך און שיינע דערצו האָבן אים געהייסן זאָגן, אַז זיי האָבן אים ליב. עס פלעגן זיין אַזעלכע פלירט־קאַרטלעך, וואָס האָבן געהאַט פראַגעס מיט ענטפערן און יינגלעך מיט מיידלעך פלעגן

שפּילן מיט זיי; דאָס מיידל פלעג געוויינלעך הייסן דעם בחור, אַז ער זאָל איבערלייענען יענעם און יענעם נומער פראַגע און ער האָט געענטפערט מיט אַן אַנדער נומער; האָבן אַ סך מיידלעך אים געשטעלט די פראַגע: „פאַרוואָס דערקלערט איר זיך מיר נישט אין ליבע?" ער האָט אַ סך מאָל געקלערט, אַז זיי מיינען דאָס אין שפּאַס, אָבער ער האָט געפילט, אַז אַביסל ערנסט איז אין דעם אויך דאָ. איינע וואָלט זיך באַנוגנט נאָר מיט דעם דערקלערן זיך אין ליבע, אַן אַנדערע וואָלט טאַקע געוואָלט, אַז עס זאָל ווערן אַ ליבע אין איינעם מיט אַ חתונה. די מיידלעך האָבן געהאַט אַ שוואַכקייט צו פרעמדע און צו געבילדעטע. געוועזן דאָרט אַ יידישער אַפּטייקער, האָט מען געזאָגט, אַז אַ האַלב שטעטל מיידלעך איז אין אים פאַרליבט. ער האָט חתונה געהאַט פאַר דער עלטסטער שוועסטער פון אַ פאַמיליע, אין וועלכער עס זיינען געווען פיר מיידלעך, און דער טאַטע, וואָס איז נישט געווען קיין אָרימאַן, האָט אים כמעט אוועקגעגעבן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פאַר נדן און ווען דעם אַפּטייקערס פרוי איז געשטאָרבן, האָט דער אַלמן חתונה געהאַט פאַר איר קלענסטער שוועסטער, וואָס איז געווען יינגער פון אים אפשר מיט פופצן יאָר. און ערשט האָט מען געזאָגט, אַז ער פירט מיט די אַנדערע שוועסטער אויך ליבעס. די אָרטיקע בחורים זיינען געווען זייער אייפערזיכטיק אויף די פרעמדע „אינטעליגענטן" און זיי האָבן זיי גערופן „שמינטעליגענטן".

יאַנקלען איז פאַרבליבן אין זיכרון פון פּעטראָוועקע אַ שטוב מיט מיידלעך, וואָס אַלע זיינען זיי געווען קליינינקע און אַלע זיינען געווען אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן. אויף דער עלטסטער האָט מען געזאָגט, אַז זי מעג שוין זיין לאַנג הערן קלעזמער, ווייל זי האַלט שוין ווייט נאָך שלושים. דער פאָטער איז אַמאָל געווען אַ גביר און ער איז געוואָרן אַ יורד און ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ גוטן און איבערגעשראָקענעם שמייכל און די באָרד און דער קאָפּ זיינען אים אַלץ געוואָרן גרויער. ער האָט נאָך געהאַט אַן איינענע שטוב מיט אַ וויינגאָרטן און ער איז נאָך אַרומגעפאָרן מיט אַן אייגענער ברישקע, אָבער געזאָגט האָט מען, אַז די שטוב מיטן וויינגאָרטן זיינען שוין לאַנג נישט זיינע און די ברישקע איז שוין מיסתמא אויך פאַרזעצט, אָבער ער פאָרט נאָך אַרום מיט איר און ער געפינט נעבעך גאָרנישט. מען האָט יאַנקלען אויפגענומען אין יענער שטוב מיט אומגעהויערער וואַרעמקייט, מען האָט אים אָפּגעבלאָזן דאָס פלאַץ און די אַלטע מאַמע האָט דערלאַנגט טיי און די מיידלעך האָבן געבראַכט קיכלעך און איינגעמאַכץ און ס'האָט אים געמאַכט דעם פיינלעכן איינדרוק, אַז יעדע מיידל שלעפּט אים צו זיך און זאָגט אים: „ווער מיין חתן!" איין מיידל נאָר, די עלטסטע, איז שוין געווען אַ כלה און זי האָט זיך פאַרהאַלטן רואיק און סטאַטעטשנע און זי האָט געקוקט מיט אַ שטילן שמייכל אויף אירע צאַפּלענדיקע שוועסטער. געזאָגט האָט מען, אַז דער חתן איז יינגער פון איר אפשר מיט צען יאָר און ער האָט עס נישט דערקענט, ווייל

זי קען באַהאַלטן די יאָרן און ער וועט ערשט נאָך דער חתונה זען וועמען ער האָט איינגעהאַנדלט... אין דער כלהס סטאַטעטשנעקייט איז אויך געווען אַ סך טרויער און איבערהויפּט שרעק. זי האָט מורא געהאַט, אַז דער חתן וועט זיך דערוויסן וויפל זי איז אַלט. דער פאָטער אירער איז שוין געווען אַ געפאַלע־נער, אָבער אין שטעטל האָט מען געדענקט, ווען ער איז נאָך געווען אַ גביר און מען האָט אים נאָך פאַר דעמלט פיינט געהאַט און עס האָט שוין נישט געפעלט עמיצער, וואָס זאָל אַריינשרייבן אַן אַנאָנימקע, אַז די כלה וואָלט שוין געווען געהאַט אַזאַ זון, ווי דער חתן, ווען איר טאַטע וואָלט נישט געווען גע־פאַלן... דעם חתנס מאַמע, האָט מען דערציילט, האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן וויפל די כלה איז אַלט און לציס האָבן געזאָגט, אַז זי האָט גע־פרעגט אויך אויף איר מעטריקע, אָבער דאָס דאָזיקע האָט מען שוין לאַנג באַוואָרנט. געווען אין פעטראָווקע אַן אַלטער יידישער בחור מאַקס, וואָס איז געווען דער ריכטער און דער נאָטאַריוס און דער שרייבער פון שטעטל. ער האָט געהייסן מאַקס און מען האָט אים גערופן „טאַראַראַם", ווייל ער האָט אַ סך גערעדט און זייער גיך. די גאַנצע מישפּחה האָט אַזוי גערעדט און מען האָט געזאָגט, אַז עס איז אַזאַ פאַמיליען־פעלער. דער דאָזיקער מאַקס האָט געפירט די ביכער פון דעם גאַנצן שטעטל. ער האָט פאַרשריבן ניי־געבוירענע און חתונה־געהאַטע און טויטע. ער האָט געהאַט אַן אייגענע ברישקע, מיט וועלכער ער פלעג אַרומפאָרן ווי אַ פריץ און ער האָט געוואוינט אין אַ באַ־זונדער שטיבל און נישט געוואָלט עסן נישט ביי די ברידער און נישט ביי די שוועסטער. ער האָט זיך אַליין געקאָכט אויך, מען האָט געזאָגט, אַז ס'איז נישטאָ אַ זאַך אין דער וועלט, וואָס מאַקס קען נישט, חוץ חתונה האָבן. מען האָט אים שוין זייט צוואַנציק יאָר גערעדט שידוכים און ער האָט נישט גע־וואָלט הערן. יעדן טאָג, עס האָט גענעגט דונערן און בליצן, איז ער פאַרטאָג געפאָרן מיט זיין אייגענער ברישקע צו דער באַן, וואָס איז דורכגעגאַנגען ביי דער סטאַנציע „זאַים" אָפּברענגען די פּאָסט. ער האָט פאַר דעם דאָזיקן נישט געוואָלט נעמען קיין געלט און ער האָט אַליין צעפירט די בריוו און זיי יעדן אָפּגעגעבן. דאָס איז געווען זיין גוטסקייט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר דער מענטשהייט. אין שטאָט האָט מען די דאָזיקע גוטסקייט אָפּגעשאַצט, אָבער מען האָט דאָך געזאָגט, אַז ער איז אַ משוגענער... איז אָט אָ דער מאַקס האָט שוין געטאָן אַ טובה ביי אַ מעטריקע אויך און ווען מען האָט גענאַרפט אַ מיידל יינגער מאַכן אויף עטלעכע יאָר, האָט ער עס געטאָן. קיין בחור יינגער מאַכן האָט ער שוין נישט געוואָלט. דאָס האָט מען ביי אים נישט געפועלט פאַר קיין שום געלט. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל נישט העלפן אָפּנאַרן די רעגירונג, ווייל עס קען זיין, אַז מען זאָל דאַרט מיט דעם בחור ווען אָפּנאַרן צוליב דעם „פּריזיוו". ער איז נישט קיין גרויסער מאָנאַרכיסט און נישט קיין גרויסער רעוואָלוציאָנער, אָבער ער האַלט, אַז עס דאַרף זיין קאָרעקט. און חוץ

דעם קען דאָ אַמאָל איין מענטש אָפּנאַרן דעם צווייטן און מען זאָל צוליב דעם איבערמאַכן די מעטריקע צונעמען פאַר אַ סאָלדאַט דעם איינציקן זון פון אַן אַלמנה. איז אָט אַ דער מאַקס האָט שוין באַוואָרנט יענע כלה מיט אַ מעט־ריקע, וואָס האָט זי געמאַכט יינגער אויף גאַנצע צען יאָר, אָבער געשראָקן האָט זי זיך דאָך און זי איז געווען זייער טרויעריק. די שוועסטער אירע האָבן שוין דורכדעם אויך גדאַרפט ווערן יינגער און די קלענסטע האָט נאָך געמוזט טראָגן אַ צעפּל מיט אַ סטענגע, כאָטש עס איז נישט געווען שווער צו דערקע־נען, אַז זי איז שוין אויך אַ מויד אין די יאָרן. גראָד איז יענע שטוב געשטאַ־נען יאַנקלען פּונקט אין מיטן וועג און וויפל מאָל ער האָט געוואָלט ערגעץ גיין, האָט ער געמוזט דאָרטן אַרומער דורכגיין און עס האָט זיך שוין שטענ־דיק געפונען אַ מיידל אין דרויסן, וואָס האָט אים אַריינגעשלעפּט. די מוטער פלעג אים נאָכקוקן מיט האָפנונג און זי האָט אַרויסגעקוקט, אַז ער זאָל אַ חתן ווערן פאַר וועלכער עס איז, זי איז שוין געווען גרייט צו גיין נישט לויט דער ריי פון די יאָרן... עס איז געהאַנגען די שרעק פון הונגער און בושה איי־בער דער דאַזיקער שטוב, וואָס איז אַמאָל געווען די רייכסטע אין שטאָט, אָבער צום מערסטן האָט מען זיך געשראָקן, אַז די מיידלעך זאָלן נישט פאַר־זיצן, דער אַלטער פלעג אויך זאָגן, אַז ווען ער וואָלט אויסגעגעבן די טעכטער, וואָלט אים נישט געאַרט, אַז ער זאָל דאַרפן נעמען די אַלטע אין איינעם מיט אַ זאַק און גיין איבער די הייזער... ווען יאַנקל וואָלט געקענט זיך צעשניידן אויף שטיקער און חתונה האָבן מיט אַלע אין איינעם, וואָלט ער עס געטאָן, כאָטש געפעלן איז אים קיין איינעם נישט געווען. זיי זיינען אַלע געווען נע־בעך נישט קיין שיינע און זיי האָבן דערביי צופיל אַרויסגעוויזן זייער צאַ־פלעניש נאָך מענער. די קליינע מיידעלעך מיט די פולע זעקעלעך יאָרן, וואָס האָבן, דאַכט זיך, שטענדיק געלאַכט, האָבן אַריינגעוויינט אונזער העלד אין הארצן אַריין. זיין גאַנץ לעבן פלעג אַ בעטלער אים שטענדיק אַ צופּ טאָן ביים האַרצן, אָבער מער ווי אַלע בעטלער אין איינעם האָבן יענע מיידלעך אים גע־צופּט ביי דעם האַרצן. און יאַנקל האָט דעמלט אָנגעשריבן אַ לידל, וואָס ער האָט אין גדאַנק אַליין געמאַכט אַ מעלאָדיע דערצו און ער האָט עס אָפט געזונגען שטילערהייט. אָט ווי דאָס לידל איז געווען:

איך האָב דאָס ליד פון לעבן היינט געהערט,
אַך, ווי פריילעך ס'האָט געקלונגען!
ס'האָט אַ בעטלער עס געזונגען:
גיב, גיב, אַ נדבה גיב...

איך האָב דאָס לעבן היינט פאַרשטאַנען,
מענטשן לויפן, מענטשן שטרעבן,

מענטשן בעטלען ביי דעם לעבן:
גיב, גיב, א נדבה גיב...

און דער שמחת תורה איז געווען גאר א פריילעכער. פשוטע און געזונטע מענטשן האבן געפאקט א געלעגנהייט און זיי האבן זיך אויסגעלאדן מיט אימפעט און מיט שטורעם. די עלטערע האבן געטרונקען, די יונגע האבן נישט אלע געטרונקען, אבער פריילעך זיינען געווען אלע. צו די הקפות איז געווען די איינציקע געלעגנהייט, ווען פרויען האבן געמעגט זיין אין איינעם מיט מענער אין שול און מען איז געווען אין איינעם. געמעגט האבן די פרויען גיבן א קוש די תורה און שרייען „דערלעבט איבער א יאר", אבער זיי פלעגן שוין כאפן א קוש א בחור אין דער האנט און אמאל טאקע אין פנים אריין אויך און מען האט געזען און נישט געזען; און געשריגן האבן זיי אויך נישט נאר „דערלעבט איבער א יאר!" זיי האבן אנגעפילט מיט אזא פריילעכער קוויטשעריי און מיט אזא צאפלעניש די גאנצע שול, אז דאס געבעט־הויז האט אויסגעזען ווי א קאסקאדע פון פרייד און גליק... יאנקל אליין האט אריינגעכאפט א היפש ביסל האנט דרוקן און קושן אין די הענט און אין פנים, ווען עס איז אים געקומען די ריי צו גיין מיט דער הקפה. ווען ער האט שפעטער מיט יארן געזען די גרעסטע קארנאוואל „קארסעס" פון דער גאנצער וועלט אין בוענאס איירעס און איבערהויפט אין ריא דע זשאנעירא, און ער האט געזען ווי הונדערטער טויזנטער פרויען, קאסטיומירטע און אין מאסקעס, צאפלען זיך מיט די גאנצע קערפערס און ווארפן קאנפעטי גלייך אין די אויגן אריין פון מענער און פארפלאנטערן זיי מיט סערפענטין, האט זיך אים געדאכט, אז אזויפיל עכטע און געזונטע פרייד וויפל ער האט געזען אין דעם קליינעם שטעטל, וואס מען האט גערופן יעהופעץ, צו די הקפות, האט ער אין ערגעץ נישט געזען.

באלד נאך שמחת תורה איז אריינגעקומען א ייד פון דערבייאיקן שטעטל מאנזיר און ער האט אפגעמאכט מיט יאנקלען צו זיין לערער פון זעקס פאמיליעס. אייניקע האבן געהאט נאר צו איין יינגל, אנדערע — צו צוויי. ער האט געדארפט באקומען יעדן חודש קעסט ביי אן אנדער פאמיליע און א געוויסע סומע. חוץ דעם וועט ער נאך קענען צונעמען פריוואטע לעקציעס מיט מיידלעך. יאסיף פרידמאן איז דארט, האט דער ייד געזאגט, געווען לערער א זמן און ווען ער וואלט געוואלט, האט ער נאך געקענט זיין און זיין, אבער „די אינטעליגענטן האבן, זאלט איר מיר מוחל זיין, שפילקעס אין הינטן... זיי ווילן נאר ארומפארן..." דער ייד האט דעם לערער דערלויבט נאך צו בלייבן ביי דער שוועסטער ביז נאך שבת בראשית און דערנאך זאל ער באלד אריינקומען און זיך נעמען צו דער תורה און צו דער עבודה...

יאנקלען איז געווארן טרויעריק. ער האט געהאט א געוויסע נייגעריקייט

צו קענען נאָך אַ שטעטל, אָבער אים האָט זיך נישט געגלוסט אוועקפאָרן פּון פּעטראָווקע, וואו ער האָט זיך געפילט גוט און געזונט. ער האָט דאָרט איינגעשעפּט דעם ריח פון דער ערד און ער האָט געפילט, ווי עס וואַקסט אין אים און ער וואַקסט אַליין. מיט דער שוועסטער און מיטן שוואָגער האָט ער זיך איינגעלעבט זייער גוט. זיי האָבן אים נישט געפרעגט פאַרוואָס ער איז נישט פרום. די גוטע און שטילע שוועסטער זיינע, מאַמציע, איז קיינמאָל נישט געווען קיין שטאַרק פרומע, זי איז נאָר געווען אַ מילדע און האָט זיך נישט געקענט קריגן און זי האָט געטאָן, וואָס טאַטע און מאַמע האָבן איר געהייסן און זי האָט שטילערהייט געוויינט אויף דעם, וואָס זי האָט אַזוי יונגערהייט געדאַרפט זיך אָפּשערן די האָר און אָנטאָן אַזאַ שווערן פאַרוק, וואָס האָט זי געמאַכט אויסזען ווי אַן אַלטע יידענע. זי האָט אויך געוויינט באַלד נאָך דער חתונה, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געטאָרט גיין שפּאַציר׳ן אין איינעם מיטן מאַן. ווען זיי זיינען אַמאָל געגאַנגען צו גאַסט, האָבן זיי אויך געדאַרפט גיין באַזונדער. אַפילו אין שול אריין שבת זיינען זיי נישט געגאַנגען אין איינעם, בעת אַנדערע יונגע פּאָר־פאָלקן זיינען געגאַנגען אומעטום אין איינעם און אַפילו „פּאָדרוטשקע״ (הינטערן אָרעם), אָבער זי האָט זיך צוגעוואוינט און זי האָט שפּעטער געפאָלגט דעם מאַן, אַלציינס ווי זי האָט פריער געפאָלגט די עלטערן און זי האָט אָפּגעהיט דעם מאַנס פרנסה און איז געווען פרום און גוט און וואויל און האָט געאַרבעט ווי אַן אייזל אַרום די קינדער. כאָטש זי האָט געהאַט אַ דינסטל און זי האָט זיך געפרייט מיט די קינדערס פרייד און געוויינט מיט זייער טרויער. און דער שוואָגער, וואָס איז געווען אַ סך פרימער, האָט זיך אויך געהאַלטן טאַקטיש און נאָר אויף אַ וויץ אַמאָל געפרעגט וועגן פרומקייט און ער האָט געבעטן, אַז דער „טייערער תכשיט״ זאָל כאָטש נישט אויסזאָגן, אַז ער לייגט נישט קיין תפילין, ווייל ער איז מיסתמא דער איינציקער אין גאַנצן שטעטל, וואָס ער לייגט נישט קיין תפילין, אַפילו מאַקס טאַראַם מעסט אויך אָן אַלע טאָג די תפילין. „מער דאַרף מען נישט, האָט דער שוואָגער געזאָגט מיט אַ העלן שמייכל, אַז כעמע בראָדסקי זאָל זיך דערוויסן, אַז דעם שוחטס זון לייגט נישט קיין תפילין, ער וואָלט שוין אויסגערעכנט די אַלע קינדער, וואָס זיינען געשטאָרבן פון פּאָקן און פון שקאַרלאַטינע און פון דיפטעריט, זייט פּעטראָווקע איז יעהופּעץ און ער וואָלט געזאָגט, אַז זיי זיינען אַלע דערפאַר געשטאָרבן. צום בעסטן האָט אונזער העלד זיך געפילט ביי דער שוועסטער אין שטוב זיך שפּילנדיק מיט אירע קינדער. דאָס יינגעלע איז שוין אַלט געווען אַ יאָר זעקס, דערנאָך זיינען געגאַנגען צוויי מיידעלעך, איינס פון פיר יאָר און דאָס אַנדערע פון צוויי. זיי זיינען אַלע געווען העל בלאָנדע, אַזוי ווי דער פאָטער און זיי האָבן געהאַט בלויע אייגעלעך, אַזוי ווי דער הימל און ווען זיי האָבן אים געקוקט אין די אויגן אַריין, האָבן זיי געלאַכט. אַפילו דאָס קלענסטע פאַרשווינדל, וואָס איז געווען טונקלער אַביסל

פון אלע און האט געהאט טונקל בלויע אייגלעך, אזוי ווי דער הימל אין א טונקלער נאכט און האט געהייסן שרהלע, האט נישט אויפגעהערט לאכן, ווען ער האט געקוקט אויף איר. דאס עלטערע מיידעלע מייקע מיט די קיילעכדיקע, אויסגעסטארטשעטע העל בלויע אויגן, פלעג זיך אזוי צוקלעפן צו אים, אז ער האט זי נישט געקענט אפרייסן פון זיך. און דער בחור דודיק מיט די ווייסע האר און מיט דער ארויסגעסטארטשעטער אויבערשטער ליפ האט זיך גאר אויפגעזועצט רייטנדיק אויף אים און אים געמאכט פאר א פערד און ער האט געזאגט, אז ער איז דאס בעסטע פערדל אין גאנץ פעטראווקע. ווען ער פלעג אוועקגיין אין גאס אריין, האבן אלע געמאכט א יללה און ערשט זיינען זיי אים נאכגעלאפן און פארהאלטן און נישט געלאזט גיין. צום ערשטן מאל אין זיין צעריסענעם לעבן, נאך דעם, וואס ער האט פארלאזט די ישיבה, האט ער דערפילט דעם טעם פון מנוחה און פרישקייט און ער האט זיך געפילט גוט און עס האט זיך אים נישט געגלוסט אוועקפארן. אבער פעטראווקע האט שוין געהאט א לערער און זיצן עסן אומזיסט האט ער נישט געוואלט.

פאר דעם אוועקפארן פון שטעטל האט ער נאך געדארפט הערן די ערגסטע בשורה אין זיין לעבן ביז דעמלט. די מאמע איז ווערליק איר צייט געווען א וואוילקענענדיקע און זי האט געקענט אנשרייבן א בריוול, האט זי דער שוועסטער געשריבן לאנגע בריוו און איר אין זיי דערציילט פון אלע שווערע הערצער. זי האט דערציילט ווער עס איז א כלה געווארן און ווער עס האט חתונה געהאט און ווער עס איז נישט דא געדאכט געשטארבן און ווער עס האט געהאט א קינד ביז הונדערט און צוואנציק יאר און וואס פאר א פארפאלק עס לעבט זיך גוט און וואס פאר א פארפאלק ער קריגט זיך און האלט זיך ביי גטן. זי האט געוואוסט, אז מאמציע איז טאקע אין פעטראווקע, אבער מיט דער נשמה איז זי אין קיליע, ווייל זי איז דארט געבוירן געווארן און דארט איז זי אויפגעכאוועט געווארן. האט די מאמע דערציילט אין א בריוו, וואס זי האט ארויסגעשיקט חול המועד, אז א יונג ווייבל איז נישט דא געדאכט געשטארבן פון א קימפעט און די גאנצע שטאט וויינט נאך איצטער. דאס ווייבל איז נישט קיין קיליער, זי איז א קעשענעווער, אבער זי האט חתונה געהאט קיין קיליע... מאמציע האט דאס בריוול געלייענט אויף א קול און יאנקלען האט באלד א טיאכקע געטאן אין הארצן אריין, נאך איידער ער האט געהערט ווער ס'איז דער שווער פון ווייבל. און דאס הארץ האט אים נישט אפגענארט, ס'איז געווען דאס דאזיקע ווייבל מיט וועלכער ער האט געהאט די גרויסע אוואנטיורע אין באלגראד. די מאמע האט געשריבן, אז זי איז געווען א טייער ווייבל, א כשרע נשמה און אלע וויינען אויף איר. יאנקל האט זיך דערמאנט, אז אמאל פלעג די מאמע דווקא א רייד טאן קעגן איר און זאגן, אז זי גייט מיט די הוילע האר און זי גייט שפאצירן מיט דעם מאן „פאדרושקע" (הינטערן ארעם) אזוי ווי אן אויסגעלאסענע. נאך דעם טויט

זיינען אַלע געוואָרן גוט. „אחרי מות קדושים" איז געווען דאָס געזעץ אין אַלע קליינע שטעטלעך. חוץ אויף אַ מסור און אויף אַ פּראָצענטניק אַ הויטשינדער האָט מען אויף קיינעם נישט גערעדט קיין שלעכטס נאָך דעם טויט. די מאַמע האָט געשריבן, אַז אַריבער צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז זי נישט פאַרגאַנגען אין טראָגן, מען האָט געמיינט, אַז זי איז אַן עקרה און ער אַ בעזדיטניק און זי איז געווען טרויעריק און דער מאַן איז געווען אומגליקלעך און ווען זי איז פאַרגאַנגען אין טראָגן, איז קיינער נישט געווען גלייך נישט צו איר און נישט צו איר מאַן און די שוויגער האָט גאָר געטאַנצט אין די גאַסן. „אַ מענטש, האָט די מאַמע געשריבן, ווייסט אַוודאי אויף וואָס צו בעטן. די שונאים זאָלן אַזוי וויסן צוליב וואָס זיי לעבן אויף דער וועלט..." זי האָט געהאַט אַ שמאָלן טאַז, האָט דער דאָקטער געזאָגט, און מען האָט געדאַרפט אויפשניידן דעם בויך און אַרויסנעמען דאָס קינד און זי האָט נישט אויסגעהאַלטן. און דאָס קינד איז דווקא געבוירן געוואָרן געזונט אייזן. מען זאָגט, אַז ס'איז אַ טייער קינד און מען באַוויינט עס שוין, וואָס עס וועט דאַרפן וואַקסן אָן אַ מאַמע. יאַנקלען איז דאָס בלוט געקומען אין קאָפּ אַריין, ער האָט גוט געזען אין דעם שפּיגל, וואָס ער האָט געהאַט אַנטקעגן, ווי ער איז פריער געוואָרן רויט און דערנאָך בלייך. די שוועסטער האָט ווייטער געלייענט דעם בריוו און איר איז נישט איינגעפאַלן אַ קוק צו טאָן אויף אים. ערשט, ווען ער האָט איר איבערגעריסן און ער האָט איר געזאָגט, אַז ער גייט זיך צולייגן, ווייל ער פילט זיך נישט גוט, האָט זי באַמערקט, אַז ער זעט טאַקע אויס בלייך און זי האָט זיך טאַקע דערשראָקן אויך און אים געפרעגט, צי ער וויל נישט אַביסל וואַסער מיט איינגעמאַכטס. ער האָט זיך אַריינגעלייגט מיט די קליידער אין בעט אַריין און ער האָט געפילט אַ ווייטיק ביז פּלאַצן, ער האָט נישט געקענט וויינען און ער האָט זיך געדרייט אויף אַלע זייטן און ער האָט געביסן מיט די ציין דאָס קישן און דאָס אייזן פון בעט און ער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַרויסגעגאַנגען אין גאַס אַריין און האָט זיך דורך דער שול פאַרדרייט אין פעלד אַריין און ער איז דאָרט אַרומגעגאַנגען אַליין און האָט געקוקט אין הימל אַריין און אויף דער ערד און ער האָט אין ערגעץ נישט געפונען קיין זין און קיין ענטפער. בהמות זיינען דורכגעגאַנגען לעבן אים, קי האָבן זיך פשוט אים אָנגעריבן אין די קליידער. ער האָט זיי געקוקט אין די אויגן אַריין און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין זייערע אויגן איז דאָ פונקט אַזאַ טעמפּער צער ווי אין זיינע. ער האָט אפילו דער אייגענער שוועסטער נישט געקענט דערציילן וועגן דעם. ער האָט אין גאַנצן שטעטל נישט געהאַט קיין איינעם וועמען ער וואָלט געקענט דערציילן וועגן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט אים. עס איז געשטאָרבן אַ פרוי, וואָס ער האָט מיט איר נאָר איין מאָל גערעדט און זי איז אים געווען פרעמד און דאָך איז זי אים געווען מער אייגן, ווי אַלע פרויען אויף דער וועלט, אויסער זיין מאַמען. און דאָס קינד?

דאָס דאָזיקע קינד, וואָס ער האָט נאָך גאָר נישט געזען און ער פילט עס שוין זייט חדשים און חדשים... עס וועט וואַקסן אַזוי, אַז עס וועט גאָרנישט ווִיסן, אַז ער איז דאָ אויף דער וועלט און ער וועט שוין קיינמאָל נישט טאָרן אויסזאָגן, אַז ער קער זיך עפּעס אָן מיט דעם. ער וועט דאָך נישט גיין באַ־לייידיקן דער טויטערס נאָמען און צונעמען ביי יענעם אומגליקלעכן מאַן דאָס דאָזיקע קינד, וואָס ער מיינט, אַז ס'איז זיינס. ס'איז דאָך אַלציינס ווי ער וואָלט צוגענומען דאָס שעפּעלע פון אָרימאַן. נאָך מיטיק האָט ער שוין גע־דאַרפט פאָרן קיין מאַנזיר. עס האָט אים געדאַרפט קומען נעמען אַ מאַנזי־רער ייד, וואָס איז געווען צו גאַסט אין פּעטראָוווקע אין איינעם מיט זיין טאָכטער, וועלכע איז געווען, האָט מען געזאָגט, די איינציקע אינטעליגענטקע אין גאַנצן שטעטל. זי האָט געהייסן סאָניאַ סווערדליק און דער טאַטע אירער האָט געהייסן שלמה. דער טאַטע איז געווען אַ געזונטער ייד, אַ קרעפּטיקער און ער האָט געפירט גרויסע געשעפטן, האָט מען געזאָגט, ווערדליק פאַר מאַנ־זיר. די טאָכטער האָט זיך שוין געהאַט עקזאַמענירט פאַר פיר קלאַסן און זי האָט געלערנט ווייטער, ווייל זי האָט געוואָלט ווערן אַן אַקושאָרקע. זי האָט אויך געלערנט העברעאיש, ווייל זי איז געווען אַ הייסע ציוניסטקע. פּעטראָווו־קער האָבן געזאָגט, אַז זי לערנט העברעאיש, ווייל עס איז אַ מעלה צו אַ שידוך. ס'איז אין יענער צייט געווען אין דער מאָדע. אייניקע האָבן אַפילו געזאָגט, אַז זי איז געקומען קיין פּעטראָוווקע צו גאַסט צוליב אַ שידוך. יאַנקל האָט זיך שוין געהאַט געטראָפן מיט איר אַ פּאָר מאָל, זי איז געווען אַ ווייסע, אַ מילכיקע, אַ דיקלעכע, מיט הויכע באַקן און העלע קינדישע אויגן. זי האָט שטענדיק געלאַכט און — געשוויגן. האָט מען גערעדט צו איר, האָט זי זיך צוגעהערט, אַזוי ווי אַ קליין מיידעלע. זי האָט אויסגעזען דאָרפיש, די פיר קלאַסן גימנאַזיע און די באַלעזנקייט האָבן איר נישט צוגעגעבן קיין אינטע־ליגענטער אויסזען. איר פּעטראָוווקער שוועסטערקינד סאָפיאַ וואָלענבערג, וואָס איז אַלע מאָל געפאָרן קיין אָדעס און איז אַלע מאָל צוריקגעקומען און וואָס האָט שוין געהאַט אַן „אַטעסטאַט זרעלאָסטי" (מאַטורע) און האָט געוואָלט ווערן אַ קורסיסטקע און נישט געקענט, האָט געזאָגט אויף סאָניאַן, אַז כאָטש זי איז געלערנט און נאָך מער באַלעזן, איז זי אַן אייביקע שילערין, וואָס קוקט יעדן אין מויל אריין און וועט שוין אַזוי בלייבן. דאָס גוטסקייט איז סאָניאַן געלעגן אויף דעם פּנים און יאַנקל איז געווען צופרידן, וואָס ער וועט האָבן אויף דעם גאַנצן ווינטער אַזאַ מיטשמועסערין אין דעם העק, וואוהין ער פאָרט. ער האָט זי באַלד פאַררעכנט צו די דאָזיקע באַקאַנטע מיידלעך זיי־נע, וועלכע ער וואָלט געוואָלט האָבן פאַר שוועסטער. פון דעם לאַנגן שפּאַציר אין פעלד איז ער אַן אויפגערעגטער צוריקגעגאַנגען צו דער שוועסטער, ער האָט זיך געוואָלט באַהערשן און נישט געקענט און ער האָט געגעסן אַ נערוועזער. דער שוואָגער האָט אים אַ פּאָר מאָל געפרעגט וואָס אים

איז און ער האָט אויף אים געקוקט מיט הילפלאָזע אויגן. יאַנקל איז געווען זיכער, אַז דער שוואָגער, וואָס איז דאָך אויך אַ מאַן, האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַזעלכע איבערלעבענישן. ער איז געווען זיכער, אַז אַזוי לאַנג מען טראָגט פאות און אַ קאַפּאָטע, האָט מען נישט קיין טראַגישע ליבע־איבערלעבענישן, כאָטש דער טאַטע האָט אים מודה געווען, אַז שוחטים האָבן אויך ניסיונות און ביי שלום אַשן האָט ער שוין געלייענט וועגן ניסיונות און זינד פון רבנים. און באַלד נאָך דעם עסן איז געקומען דאָס פורל נאָך זיי. די שוועסטער האָט אַפילו געזאָגט, אַז ס'איז נישט גוט זיך צו טרייסלען באַלד נאָך דעם עסן, אָבער זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז ס'איז די בעסטע צייט אַרויסצופאָרן, בכדי נאָך אָנצוקומען איידער עס ווערט פינצטער. געפאָרן זיינען זיי מיט אַ בריטשקע. דער פאָטער האָט דווקא געוואָלט, אַז יאַנקל זאָל זיצן אויבנאָן לעבן זיין טאָכטער. ער האָט עס געוואָלט פון גאַנצן האַרצן, ער איז געווען פון די פראָסטע בעסאַראַבער יידן, וואָס האָבן מוראדיק דרך ארץ געהאַט פאַר אַ געלערנטן. און אפשר האָט ער גלאַט געוואָלט, אַז אַ בחור, וואָס קען פאַסן פאַר אַ שידוך, זאָל זיצן לעבן דער טאָכטער, אָבער יאַנקל האָט בשום אופן נישט דערלאָזט דערצו און דער פאָטער האָט זיך געזעצט לעבן דער טאָכטער און ער — אַנטקעגן. ביים געזעגנען זיך האָט די שוועסטער אָנגעהויבן וויינען, אַז זי בלייבט שוין ווידער עלנד ווי אַ שטיין, האָבן שוין די קינדער אויך געוויינט, האָט ער שוין אויך געוויינט און אַז דער קוואַל פון טרערן האָט זיך אים געעפנט, האָט ער זיך שוין נישט פאַרמאַכט. דער פאָטער מיט דער טאָכטער האָבן געכאַפּט אַ קוק און דער פאָטער האָט אים באַמערקט, אַז ער האָט זיך אַ פנים צוגעוואוינט צו דער שוועסטער און אירע קינדער. איידער זיי זיינען נאָך צוגעקומען פאַר דער ענדע פון שטעטל האָט אַ באַקאַנטער זיי אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אַז זיי דאַרפן זיך אומקערן, ווייל מען גייט באַלד מיט אַ לוויה. מען האָט זיך נוהג געווען אין שטעטל, אַז אַ פורל טאָר נישט אַרויספאָרן, ווען ס'איז דאָ אַ טויטער, איידער מען פירט אוועק דעם מת, ווייל עס קען חלילה געשען אַן אומגליק. ס'איז געשטאָרבן אַ כלה־מיידל אין פּעטראָוועק, אַ טאָכטער פון אַ געוועזענעם גביר, אַ גרויסן יורד, וואָס איז שוין געווען פשוט אַן אביון. דאָס מיידל איז שוין געווען אַ כלה און ווען דער טאַטע האָט נישט געהאַט צו סילוקן דעם נדן, האָט דער חתן אָפּגעלאָזט דעם שידוך און דאָס מיידל איז פאַר ערגערניש קראַנק געוואָרן און איז אַריינגעפאַלן אין דער „דער" און איז געשטאָרבן. זיי זיינען אַלע דריי אַראָפּגעגאַנגען פון דער בריטשקע און זיינען נעגאַנגען צו דער לוויה. עס איז שוין אין הויף געווען דאָס גאַנצע שטעטל און יאַנקל האָט דאָרט געטראָפן די שוועסטער מיט דעם שוואָגער. די קולות זיינען געגאַנגען ביז אין זיבעטן הימל אַריין און די שוועסטער האָט אים אויך באַגעגנט מיט קולות. יאַנקל האָט געוואוסט ווער דאָס מיידל איז געווען. ער האָט זיך אַמאָל באַקענט מיט איר און מיט איר ברודער

דער, ווען ער איז געקומען קיין פּעטראָוווקע, באַלד נאָך דעם, וואָס ער איז אַנטלאָפֿן פֿון דער ישיבה. דער פֿאָטער אירער איז נאָך דעמלט געווען רייך און זי איז געווען אַ בליענדיק מיידל. דער ברודער האָט זיך דעמלט געהאַלטן פֿאַר אַ גאַנצן קנאַקער און ער האָט ביי אַ שפּיל געזאָגט קלוימערשט אין אַ שפּאַס, אַז יאַנקל איז אַ יאָלד, עס האָט דעמלט אַלעמען פֿאַרדראָסן. היינט האָט זיך דער בחור אומגעדרייט אַזוי, אַז אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַריין. ער איז געווען דאַר און בלייך און ער האָט געהאַט רויטע אויגן און ער האָט נישט אויפֿגעהערט זיך צו קלאַפּן מיט די פֿויסטן אין קאָפּ אַריין. די אַלטע מאַמע האָט אַלעמאָל געחלשט און עס זיינען געוואָרן מוראַדיקע קוויטשערייען. נאָך מער געוויינט האָבן די מיידלעך, וואָס האָבן אַלע געהאַט רויטע אויגן און נאָך רויטערע נעזן. ווען די לוויה איז שוין אַוועק ווייט אַרויס דער שטאָט, האָבן זיי זיך אַלע דריי אויסגעדרייט און זיך געלאָזט צו זייער ברישקע, די שוועסטער האָט עס באַמערקט און זי איז אים אַרויפֿגעפֿאַלן אויף דעם האַלז מיט אַ געוויין, זי האָט זיך קוים אָפּגעשיידט פֿון אים. נאָך אַ נייער דינגעניש האָבן זיי אַלע דריי זיך צוריק געזעצט אויף זייערע פֿריערדיקע פּלעצער און דער גויישער שמייסער האָט געגעבן אַ שמוצער מיט די ליפּן, אַ פֿייף מיט דער בייטש און דאָס איינציקע געזונטע פֿערד האָט גענומען טרייסלען די ברישקע. דער גוי האָט זיך אונטערגעזונגען און זיין קול האָט זיך אויך געטרייסלט. עס האָט זיך געדאַכט, אַז נישט נאָר דער גוי, נאָר אויך דאָס פֿערד און דאָס פֿורל און דאָס פֿעלד איבער וועלכן זיי פֿאָרן זינגען און די ביימער ביים וועג זינגען און דער ווינט, וואָס טראָגט דעם בעל עגלהס געזאַנג, זינגט אַליין אויך און סאָניאַ מיט די לאַכנדיקע און דאָך טרויעריקע אויגן און איר טאַטע מיט דעם האַלב־שטאָטישן האַלב־דאָרפֿישן אויסזען זינגען אויך. אָבער אים האָט זיך געוויינט. ער האָט געקלערט וועגן דער געוועזענער כלה, וואָס איז געשטאָרבן, ווייל איר טאַטע איז געוואָרן אַן אָרימאַן און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די טעכטער פֿון די געבוירענע פּעטראָוווקער אָרימעלייט זיינען אַלע מונטער און פֿריילעך און געזונט. און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז ווערן אַן אָרימאַן איז אַ סך שווערער ווי זיין. און ער האָט געטראַכט פֿון דער שוועסטער, וואָס האָט אַ מאַן און דריי קינדער און זי שרייט, אַז זי איז עלנד ווי אַ שטיין און פֿון די קינדערלעך אירע, וואָס האָבן אַזוי געקלעפּט צו אים און ער האָט זיך סוף כל סוף דערמאָנט אין בריוו פֿון דער מאַמען און אין דער פֿרעמדער פֿרוי, וואָס איז דאָרט געשטאָרבן ביים געבוירן זיין קינד. ער האָט פֿאַר האַרצקלעמעניש שוין געהאַט פֿאַרלוירן דעם פֿאָדעם פֿון זיכרון און ערשט איצטער איז אים אַלץ צוריק קלאָר געוואָרן און איר אויסזען איז אים געשטאַנען אַנטקעגן. ער האָט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי זי איז געשטאָרבן — מיט אַ קללה אויף די ליפּן פֿאַר אים, מיט אַ ברכה, צי מיט גאָרנישט. ער וואָלט אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע לעבן ער זאָל זיך וועגן דעם

קענען דערווייסן, אָבער ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע וועט פֿאַר אים שוין אויף שטענדיק בלייבן אַ סוד. ער האָט געפֿילט אַ שטאַרקן קלעם ביים האַרצן און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די געהירן דרייען זיך אים אין מוח, אַזוי ווי דעמלט ווען ער איז געווען שיכור... אים האָט זיך געדאַכט, אַז אַנטקעגן אים זיצט נישט סאָניאַ, נאָר דאָס אַנדערע ווייבל, וואָס איז שוין איצטער טויט און וואָס די שוויגער רופֿט זי רייזל און דער מאַן — ראָזע. און פֿאָרן, פֿאָרן זיי נישט קיין מאַנזיר, נאָר קיין קיליע... און ס'איז איצטער נישט ענדע זומער, נאָר אין סאַמע מיט ווינטער. און ער פֿאָרט פֿון אָדעס און ער קומט אָן קיין טראָיאַנאָוו וואָל און ער קומט אָן שפּעט ביינאַכט קיין באָלגראַד און עס חזרט זיך איבער דאָס גרויסע גליק און דאָס גרויסע אומגליק און עמיצער שרייט אים אָן אויפֿהער: „מערדער"... און ער וויל אַנטלויפֿן ערגעץ און ער קען נישט און ער פֿילט ווי ער דערהויבט זיך און ער גרייכט שיעור נישט אין הימל אַריין און אַ קול הערט אים נישט אויף צו שרייען „מערדער!"; אָט דאַכט זיך אים, אַז ס'איז דאָס קול פֿון יענער פֿרעמדער און אייגענער ראָזע און אָט דאַכט זיך אים, אַז דאָס ערשטע געבוירענע קינד שרייט אים מערדער...

...ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער געפֿילט, ווי ער איז נאַס ביים פּנים און ביים האַלז און די גאַנצע קליידער זיינען אים אויך נאַס. די געהירן האָבן זיך אים נאָך אַלץ געוויגט און ער האָט געעפֿנט די אויגן און געוואָלט זען וואו ער איז. ער האָט געזען אין דער נאָענט אַ גרויסן ברונעם מיט אַן עמער אויף אַ שטריק און ער איז געזעסן אויף אַ שטיינערנער באַנק. סאָניאַ און איר טאַטע זיינען ביידע געשטאַנען איבער אים און זיי זיינען ביידע געווען איבערגעשראָקן, אָבער סאָניאַס אויגן האָבן געלאַכט. זי האָט טאַקע די ערשטע באַמערקט, אַז ער האָט געעפֿנט די אויגן און זי האָט עס געזאָגט מיט פֿרייד דעם פֿאָטער. יאַנקל האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך אַראָפּגעטרייסלט דעם שטויב און זיך געפּרואווט אַרומווישן פֿון וואַסער. זיי האָבן ביידע געפֿרעגט, וואָס אים איז און צי ס'איז אים שוין בעסער. ער האָט זיך נאָך אַלץ אַרומגעקוקט און נישט געוואוסט, וואו ער איז און וואָס מיט אים איז געשען און ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז דאָס האָט ער געחלשט שוין צום צווייטן מאָל אין זיין לעבן. איינמאָל איז עס געווען פֿון צופֿיל קריכן אויף דער ערשטער באַנק אין באָד און שפּרינגען אין מיקווה אַריין און דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען פֿון דער גוטער בשורה, וואָס די מאַמע האָט אים אַזוי אומשולדיק געבראַכט. סאָניאַס טאַטע האָט אים געגעבן צו שמעקן אַביסל בראָנפֿן, ער האָט אים געהייסן שטאַרק אָנרייבן אויף די הענט און שמעקן און אויב ער וויל, קען ער אים גיבן אַביסל צו טרינקען. ער נעמט תמיד מיט מיט זיך, האָט ער געזאָגט אין וועג אַריין אַביסל בראָנפֿן, ווייל אונטערוועגס קען אַלצדינג פּאַסירן. יאַנקל האָט געפּרואווט אַ זופּ טאָן און עס איז נישט געגאַנגען און ער האָט דערביי געפֿילט, אַז דאָס גאַנצע פֿלעשל וואָלט ער געקענט אויס־

טרינקען אויף איין מאָל, אָבער ער האָט זיך באַהערשט דאָס דאָזיקע נישט צו טאָן. ער האָט געזאָגט, אַז מ׳קען שוין פאָרן.

...און ווידער האָט זיך דער שמייסער אונטערגעזונגען און זיין קול האָט זיך געטרייסלט און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס פערד און דאָס פורל און דער וועג און די ביימער און דער ווינט כאַפּן אַלע מיט דאָס געזאַנג און זינגען אויך מיט און אים אַליין האָט זיך ווי אויך געגלוסט צו זינגען און פון די אויגן האָבן אים נישט אויפגעהערט צו גיסן טרערן. ער האָט געפילט, אַז ביידע קוקן זיי מוראדיק פאַרדעכטיק אויף זיינע טרערן און סאָניאַ האָט אים שוין אַפילו געפרעגט אויף אַ געלעכטער, צי ער האָט זיך אַמאָל נישט פאַרליבט אין עמיצן אין פעטראָווקע. ער האָט זיך פאַרלוירן און ער האָט נישט געפונען קיין ווערטער און ער האָט לאַנג געטראַכט און געקוקט אויףביידן מיט פאַרגלעזטע אויגן ביז וואַנען ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט זיך צו שטאַרק צוגעוואוינט צו דער שוועסטערס קינדער, איבערהויפט צום קליינעם צוויי־יאָריקן רחל מיט די טונקל־בלויע אויגן און ער האָט זיך דערביי געקלערט, אַז אומזיסט פרעגט ער זיך שטענדיק, וואָס אַזוינס פאַרט איז דער מענטש. איצטער ווייסט ער שוין קלאָר, וואָס אַזוינס דער מענטש איז, ער איז אַזאַ באַשעפעניש, וואָס טאָר קיינמאָל נישט זאָגן דעם אמת און ער דאַרף שטענדיק זאָגן ליגן...

☆

קאפיטל פערצן

צווישן צוויי שוועסטער מיט א רב

מיט פוסטקייט האט געווייעט פון דעם שטעטל, וואס האט געהייסן מאנזיר און מען האט עס גערופן „גראפיניע". ס'איז געווען אומגעהייער שיטער באזעצט. צווישן איין שטוב און דער אנדערער איז געווען א גרויסער שטח פלאץ און קי זיינען ארומגעגאנגען אין מיטן שטאט. די יידן האבן כמעט אלע געוואוינט אויף איין שטארק ברייטער גאס, וואס האט זיך געצויגן אויף עטלעכע קווארטאלן. אין דער סאמע מיט פון אט דער גאס איז געווען א גרויס פלאץ מיט א סך הילצערנע ביידלעך און שטעלן, דארט איז געווען דער מארק, וואס האט זיך געווינלעך געשטעלט איין מאל אין צוויי וואכן און די איבעריקע דרייצן טעג האט דאס דאזיקע פלאץ געווייעט מיט מידברקייט. די דאזיקע, וואס האבן געוואוינט פון ביידע זייטן מארק, האבן זיך נישט געפילט ווי שכנים, נאר ס'האט זיך זיי געדאכט, אז זיי וואוינען א מייל די ווייט איינער פון דעם אנדערן. די אלע אנדערע גאסן האט מען שוין גערופן די „הינטערגעסלעך" און זיי האבן געהאט מער פוסט פלאץ ווי שטיבער. דארט האט זעלטן וואו געוואוינט א ייד.

ווען אונזער העלד איז ארויסגעפארן פון פעטראווקע, איז געווען א טאג נאך שבת בראשית און ס'איז נאך געווען דארט פולער זומער. קינדער זיינען נאך ארומגעלאפן בארוויס. ווען ער איז אנגעקומען קיין מאנזיר, איז שוין דארט געווען הארבסט און ס'האט שוין געשמעקט מיט צעפוילטקייט פון בלעטער און מיט אן עסעריקער קעלט. ער האט באלד איין אוונט געדארפט אנטאן דעם מין דינעם איבערציער, וואס ער האט געהאט און מען האט אים באלד געזאגט, אז ער האט א צו דינעם פאלטא. און ס'איז געווען כמארנע. ווען זיי זיינען אנגעקומען, איז דער הימל געהאנגען ביי דער ערד און יאנקל האט געמיינט, אז דאס איז, ווייל עס איז שוין שפעט, אבער קיין לבנה אין קיין שטערן האבן זיך שוין מער נישט באוויזן און דער הימל איז שוין געבליבן אזוי נידעריק הענגען אויך מארגן; די ווינטן האבן גענומען אראפטרייסלען די לעצטע בלעטער פון די ביימער. אונזער העלד האט דערפילט, אז ער איז עפעס אנגעקומען אין א הארבסטיק שטעטל.

צוגעפאָרן איז מען צו שלמה סווערדליק און ביים אָנהייב האָט מען דעם נייעם לערער עפּעס ווי נישט באמערקט. די מאַמע האָט זיך ארומגע־כאַפּט מיט דער טאָכטער אין דערפרייט מיט דעם מאַן און די שוועסטער האָבן זיך דערפרייט מיט די ביידע און דעם לערער האָט מען ווי פאַרזען. מען האָט אים געשטעקט הענט, אָבער ער האָט זיך געפילט גלייך ווי ער וואָלט נישט עקזיסטירט. די איינציקע, וואָס האָט זיך צו אים בעסער צוגעקוקט, איז גע־ווען אַ באָבע, ווי ער האָט זיך באַלד דערוואוסט, שלמהס שוויגער. זי האָט זיך אָנגערופן: „אַט אַ דאָס איז ער דער נייער לערער? ער זאָל עס האָבן אַ סימן פון אַ שטיקל באָרד!" און גערעדט האָט זיך, אַז זי וויל זאָגן: „אַט אַ דאָס איז דער נייער תכשיט?..." געקוקט אויף אים האָט אויך מערער סאָניאַס אַ קלענערע שוועסטער, וואָס האָט אויסגעזען גאַנץ אַנדערש. זי האָט געהאַט אַ טונקלע הויט, אַזוי ווי אַ פאַרנאַכטיקער דרויסן און שוואַרצע ברענענדיקע אייגלעך, וואָס האָבן געפרעסן; זי האָט געהאַט אַ צאַרטן, שלאַנקן, נישט זייער הויכן, בויגזאַמען קערפּער. מען האָט זי גערופן מירא. עס זיינען געווען נאָך שוועסטער, אָבער יענע זיינען שוין אַלע ענלעך געווען צו סאָניאַן. מען האָט באַלד געגעבן טיי און מילך און ברויט און פּוטער און קעז און סמעטענע אין ס'האָט פון אַלעמען געשמעקט מיט פרישקייט און מען האָט אַליין געגעסן און מען האָט עטלעכע מאָל געזאָגט דעם לערער, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן בעטן און ער האָט זיך טאַקע נישט געלאָזט בעטן, אָבער גערעדט האָט זיך אים אַלץ, אַז ער איז נישטאָ. ערשט, ווען מען האָט שוין אַלץ אויסגערעדט וועגן פּעט־ראָווקע, האָט מען זיך גענומען אַרומקוקן אַרום דעם לערער און סאָניאַס מאַ־מע האָט געזאָגט, אַז ער זעט נאָך אַליין אויס ווי אַ קינד און אַז ער וועט האָבן „אוטשעניקעס" (תלמידים), וואָס זיינען גרעסער פון אים. שלמה סווער־דליק אַליין האָט געקראָגן לשון און ער האָט דערציילט, אַז ווען זיין טאַטע האָט געבראַכט צו זיי אין שטוב אַריין אַ פּוילישן מלמד, האָט ער זיך דער־שראָקן פאַר די גרויסע בחורים און ער האָט געוואָלט אַנטלויפן.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און עס זיינען געקומען צו גאַסט די אַנ־דערע פינף באַלעבאַטים פון לערער. זיי זיינען געווען אַלע יידן איינס און איינס. ער האָט געכאַפּט יעדער קוועטש מיט דער האַנט, אַז ער האָט זיך איינגעבויגן אין דרייען. זיי האָבן אים אַלע באַקוקט און באַשמעקט, גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ בהמה, וואָס זיי האַלטן אין קויפן. נאָר איינער פון זיי איז געווען אַביסל אַ איידעלער אין ער האָט גערעדט מיט אַ פּסוק און מיט אַ גמרא און ער האָט זיך באַלד פאַרגעשטעלט ווי אַ משכיל. ער האָט געהייסן שמערל פראַנק און ער האָט געזאָגט, אַז ער קומט אַרויס פון דער זעלביקער משפּחה, וואָס יעקב פראַנק, אָבער זיינע זיידעס זיינען קיינמאָל קיין פראַנ־קיסטן נישט געווען. ער האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט צוויי יינגלעך זיינען זיי אַזוינס ווי אַזעלכס און דער נייער לערער וועט זיך דאַרפן גוט אונטער־

גארטלען אויף צו לערנען מיט זיי. איינער פון זיי לייענט שוין אפילו ביאַ־ליקן און אחד העמען. אַזוי ווי זיי זיינען געזעסן און האָבן גערעדט און האָבן געוואָלט עפּעס הערן אַ וואָרט פון לערער, האָט זיך געעפנט די טיר און ס׳איז אריינגעקומען אַ רויטלעכער יונגערמאַן מיט אַן אויסגעצופּט בערדל און מיט צעריסענע קליידער. ער האָט געלאַכט מיט דעם פולן פּנים און ער איז גלייך צוגעגאַנגען צו אונזער העלד און ער האָט אים געגעבן שלום און ער האָט אים געזאָגט: „ס׳איז גאָרנישט״ און ער איז באַלד אַוועקגעגאַנגען. יאַנקל האָט דערקענט, אַז ער איז נישט ביי די געדאַנקען און מען האָט אים געזאָגט, אַז ער איז דער משוגענער פון שטעטל און זיין משוגעת איז, וואָס ער זאָגט יעדן איינעם: „ס׳איז גאָרנישט!״ און ער קען צוקומען צו אַ פאַרפאַלק נאָך דער חתונה, אָדער נאָך די תנאים און אָפּגעבן מזל טוב און זאָגן: „ס׳איז גאָר־נישט!״ און ער קען צוגיין צו אַן אָבל, וואָס מען טראָגט נאָך צום בית עולם זיין איינגענעם טויטן און אים זאָגן, אַז „ס׳איז גאָרנישט״. ער עסט אָפּ און זאָגט „ס׳איז גאָרנישט״ און ווען מען פרעגט אים, צי ער וויל חתונה האָבן, ענטפערט ער אויך, אַז „ס׳איז גאָרנישט״. דאָס דערשיינען פון משוגענעם האָט אריינגעבראַכט אביסל הייטערקייט. יידן האָבן זיך צערעדט וועגן משו־געים און יעדער איינער האָט דערציילט עפּעס אַן אַנדער מעשה וועגן אַ משוגענעם, אָדער ער האָט גלאַט דערציילט וועגן עפּעס אַ באַזונדער משוגעת פון אַ שטאָט־משוגענעם. יאַנקל, וואָס האָט די גאַנצע צייט זיך שעמעוודעק צוגעשוויגן, האָט שוין איצטער אויך געהאַט אַ געלעגנהייט אַ רייד צו טאָן און ער האָט דערציילט וועגן דעם יידישן משוגענעם פון זיין שטעטל, וואָס האָט אַ טבע צו לאַכן און אַלע לויפן אים הערן. מען האָט שוין דערציילט מעשהס פון שלמה המלך וועגן משוגעים און וועגן אמתע משוגעים און וועגן אַזעלכע, וואָס מאַכן זיך. סאָניא, וואָס האָט זיך אָנגעטרייסלט אַ היפּשן וועג, האָט נישט ארויסגעוויזן קיין מידקייט און זי איז געזעסן ווי אַ מאַן און זיך צוגעהערט און די ערשטע געלאַכט פון יעדן שפּאַס אין געלאַכט אויף אַ קול. די יידן האָבן לאַנג נישט גערעדט. זיי האָבן אָנגעהויבן געניצן און איינער פון זיי האָט געזאָגט, אַז מאָרגן איז אויך אַ טאָג און דער צווייטער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף אויפשטיין פאַרטאָג און אַ דריטער האָט זיך שוין טאַ־קע גענומען אויפשטיין און גיין. מען האָט דעם לערער אויך מיטגענומען און מען האָט אים געפירט צו דער קוואַרטיר, וואו ער וועט האָבן דעם קלאַס אויך. ס׳איז געווען אין צווייטן עק פון שטעטל. מען האָט געדאַרפט דורכגיין דעם מאַרק, וואָס האָט איצטער אויסגעזען נאָך גרעסער. דער משוגענער געצל האָט זיך ארומגעדרייט צווישן די ביידלעך פון מאַרק און ער האָט אַלע מאָל אָנגעקלאַפּט מיט דעם שטעקל אין אַן אַנדער ווענטל און ער האָט געשריגן הויך אויף אַ קול: „ס׳איז גאָרנישט!״

צוגעפירט האָט מען יאַנקלען צו אַ שטוב, וואָס איז געווען אַזוי נידע־

ריק, ווי זיין טאטנס שטוב און זי איז אויך געווען געדעקט מיט טשערעט. די באלעבאטים זיינען געווען זייער אומגעדולדיק, ווייל זיי האבן שוין געוואלט זיך לייגן שלאפן און זיי האבן נאר געווארט אויף אים. זיי זיינען ביידע גע־ווען רויטע, דער מאן איז געווען א הייכער און א דארער און ער האט געהאט אן אויסזען פון א גוטן מענטשן און דאס ווייב איז געווען א נידעריקע און א דיקע און זי האט געהאט אן אויסזען פון א שלעכטן מענטשן. דאס פאר־פאלק האט אנגעוויזן דעם לערער דאס געלעגער. ס'איז געווען א קאנאפע, וואס איז געשטאנען טאקע אין דעם צימער, וואו עס האט געדארפט זיין דער קלאס. אין דער פרי, האט די באלעבאסטע געזאגט, וועט מען דאס בעטגע־וואנט אוועקנעמען און די קינדער וועלן זיצן טאקע אויף דער קאנאפע. אין דעם קליינעם לעמפל, וואס האט געברענט, איז געווען שטארק אריינגעדרייט דער קנויט און די באלעבאסטע האט אנגעזאגט דעם קווארטיראנט אירן, אז ער זאל פארלעשן באלד ווי ער וועט זיך לייגן, ווייל קעראסין איז מיט גאלד גלייך. יאנקל האט באמערקט, אז ער וועט זיך אליין קויפן קעראסין, ווייל ער האט ליב צו לייענען ביינאכט, האט די באלעבאסטע געזאגט, אז פאר זיין קעראסין וועט ער מעגן לייענען, ער זאל נאר אכטונג געבן, אז דאס גלעזל זאל נישט „לאפנען", ווייל גלעזלעך האבן א טבע צו פיקן...

שלאפן האט יאנקל די ערשטע נאכט נישט געקענט. ער האט זיך אויס־געטאן און ער האט זיך אפגעמוטשעט א שטיק צייט און ער האט זיך אנגע־טאן. אים האט זיך אויסגעדאכט, אז עפעס בייסט אים, אבער געוואוסט האט ער, אז די איבערלעבענישן לאזן אים נישט רוען. ער איז ארויסגעגאנגען אויף דער גאס און ס'איז דארט געווען א מוראדיקע פינצטערניש. מען האט אין ערגעץ נישט געזען קיין שיין. נישט פון קיין פענצטער ארויס און נישט פון א גאסן־לאמטערן. אזא שיינלאזיקייט האט ער נאך קיינמאל אין זיין לעבן נישט געזען. הינט האבן פון עטלעכע זייטן געבילט און עס האט זיך געדאכט, אז אט לאזן זיי זיך אויף אים. ער האט מורא געהאט, אז עס זאל נישט ווערן קיין גערודער און מען זאל נישט מיינען, אז ס'איז דא א גנב און ער האט זיך צוריק אריינגעשלייכט אין צימער אריין און ער האט זיך געלייגט אין דער פינצטער. ער האט נישט געוואוסט, צי ער שלאפט יא, צי ניין און ער האט די גאנצע צייט געזען פאר די אויגן די דאזיקע פרוי, וואס ער האט זיך ערשט שפעטער דערוואוסט, אז זי הייסט רייזל, אדער ראזע. אים האט זיך אי גע־דאכט, אז זי שעלט אים, אי אז זי בענטשט אים. די נאכט האט זיך געצויגן לאנג, לאנג, ער האט איין מאל געהערט קרייען העהנער און א צווייט מאל און ער האט נאך אלץ נישט געקענט איינשלאפן. ער האט שוין געשפירט א גרי־נעם שיין דורכן פענצטער, ווען די אויגן האבן זיך אים אנגעהויבן צו שליסן. אויפגעשטאנען איז ער נישט אליין, נאר מען האט אים אויפגעוועקט. א קליין יוגט ייִנגעלע איז אריינגעקומען אים אויפוועקן און ס'האט אים געזאגט, אז די

מאַמע האָט געבעטן, אַז ער זאָל אויפשטיין, ווייל די קינדער זיינען שוין דאָ אין שול. ער איז אַ פאַרשעמטער אויסגעשטאַנען גיך און ער האָט זיך אָנגעטאָן און אָפּגעוואַשן און פאַרקעמט אין איין אָטעם. די באַלעבאָסטע האָט אַרויסגענומען אויף גיך דאָס בעטגעוואַנט און זי האָט אים געזאָגט, אַז דעם ערשטן חודש וועט ער עסן קעסט ביי סווערדליקן, ווייל דאָרט איז ער מער באַקאַנט און ער דאַרף שוין טאַקע גיין טרינקען טיי, אָדער קאַווע מיט מילך אַהין, ווייל עס איז שוין שפּעט. מיטן דאַוונען, האָט זי געקוקט אויף אים אָנגעשטרענגט, וועט ער זיך שוין היינט דאַרפן צואיילן און פון מאָרגן אָן, אַז ער וועט וועלן, וועט אים איר מאַן אויפוועקן. אַז ער זאָל זיך נישט דאַרפן אַזוי אַרויסזעצן די נשמה. ער איז צוגעגאַנגען צו די סווערדליקס, סאָניאַ איז שוין געווען זייט לאַנג וואַך און זי האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ פּעפּער. יאָסיף פרידמאַן פלעג אויפשטיין פריער. די באָבע איז באַלד אויסגעוואַקסן און זי האָט אים געפרעגט, צי ער האָט שוין געדאַוונט און זי האָט ביטרע אים געהייסן זיך גיין וואַשן און זי האָט אים באַלד געגעבן קאַווע מיט מילך און ברויט מיט פּוטער און זי האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך נישט לאָזן בעטן, ווייל דאָ איז כמעט אַ דאָרף און דאָ עסט מען. ער האָט געשטאָפּט אין זיך און ער איז אויף גיך געלאָפן אין קלאַס אַריין איבער דער ברייטער און פּוסטער גאַס. דורך די טירן פון די קראָמען און פון די שטיבער האָבן זיך אַרויסגעשטעקט קעפּ און מענער און פרויען האָבן אים באַקוקט פון קאָפּ ביז פיס. איין ייד מיט אַ גרויער באָרד האָט אַ ברום געטאָן: „אָט אָ דאָס איז עס דער נייער תנאָ בראָ, וואָס דאַרף מרביץ תורה זיין בישראל אין גראַפיניע?...”

אין קלאַס האָבן שוין געוואַרט אויף אים אַ צען בחורים און אייניקע זיינען טאַקע געווען גרעסער פון אים. זיי האָבן געהאַט פּאַרטיקע ביכער מיט זיך און אַפילו העפטן, זיי האָבן נישט געוואַרט, אַז ער זאָל זיי הייסן ברייגען. זיי האָבן אַ גאַנצן זומער נישט געלערנט, ווייל זיי האָבן נישט געהאַט קיין לערער און זיי האָבן די ביכער געהאַט נאָך פון פאַראַיאָרן ווינטער און זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער נייער לערער וועט מיט זיי אָנהייבן דאָרט וואו דער אַלטער האָט זיך מיט זיי אָפּגעשטעלט סיי אין רוסיש, סיי אין העברעאיש, סיי אין די אַנדערע לימודים. זיי האָבן אַלע שוין געקענט היפּש העברעאיש און רוסיש האָבן זיי שוין אויך געלערנט דעם קורס פון צווייטן קלאַס גימנאַזיע. די קינדער האָבן אים אַליין אַריינגעצויגן אין טראַנס פון לערנען. זיי האָבן מיט אים גערעדט האַלב אויף רוסיש און האַלב אויף העברעאיש און פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ יידיש וואָרט. מיט זייער הילף האָט ער איינגעאָרדנט די לימודים. ער האָט מיט זיי געדאַרפט לערנען זעקס שעה אין טאָג, האָט ער איינגעשטעלט פון אַכט ביז צוועלף אין דער פרי און פון איינס ביז דריי נאָך מיטיק, בכדי עס זאָל אים בלייבן גענוג צייט פאַר אַנדערע לעקציעס און אויך אַליין צו לערנען. ער האָט באַלד געקראָגן צוויי

לעקציעס טאַקע ביי סווערדליקן, סאָניאַ האָט ביי אים געלערנט העברעאיש און מירא — רוסיש. שלמה האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געוואָלט די אַנדערע מיידלעך זאָלן אויך לערנען, אָבער די קעפּ דינען זיי נישט. זיי וועלן שוין קריגן חתנים נישט געלערנטערהייט. סאָניאַ איז גאָר אַ שטאָטישע, מירא איז אויך אַ שטיק שטאָטישע און די איבעריקע זיינען דאָרפישע מוידן.

די טעג זיינען פאַרגאַנגען מיט לערנען אַנדערע, די וואָכן אויך, די נעכט זיינען געווען שווערע, ער האָט אַליין גענומען לערנען און ס'איז די ערשטע צייט נישט געגאַנגען. די געשטאַרבענע פרוי און דאָס קינד זיינען אים נישט אַרויס פון דעם קאָפּ. ער האָט זיי שטענדיק געזען פאַר די אויגן. ער האָט געפּרואווט לייענען און ער האָט אויך נישט געקענט. מיט וועמען צו בלייבן זיצן שפּעט ביינאַכט האָט ער נישט געהאַט, אַלע האָבן זיך געלייגט פרי און זיי זיינען אויפגעשטאַנען פרי. אין וואָכן האָט ער געקענט אַמאָל זיצן ביי סווערדליקן און אַמאָל ביי פראַנקן. ביי סווערדליקן האָט מיט אים גערעדט נאָר סאָניאַ און אויך זי האָט מער געשוויגן ווי גערעדט און זי האָט אים געקוקט אין די אויגן אריין און זי האָט געלאַכט און עפּעס געזוכט. מירא פלעג אים שוין גאָר פרעסן מיט די אויגן, אָבער גערעדט האָט זי נאָר מיט די בליקן, די איינציקע, וואָס האָט זיך אריינגעמישט און גערעדט אַ וואָרט, איז געווען די באָבע, וועלכע האָט זיך נישט געשעמט פאַר גאָרנישט. זי האָט אפילו געזאָגט, אַז די אַמאָליקע מלמדים זיינען געווען עלטערע און זיי האָבן אין זינען געהאַט אַנדערע זאַכן און זיי האָבן נישט גערעדט מיט קיין מיידלעך, נאָר זיי האָבן גערעדט מיט די יידן און זיי האָבן דערציילט, וואָס די תורה זאָגט; ביי שמערל פראַנק זיינען שוין די שמועסן געווען אביסל אַנדערע. אַ ייד אַ קרעמער, איז ער געווען אַ הייסער ציוניסט און אַ משכיל און ער האָט געקענט משכילישע ליטעראַטור און ער האָט געהאַט אַ היפּשע העברעאישע ביבליאָטעק און ער האָט ליב געהאַט צו ריידן וועגן יהודה לייב גאָרדאָן און וועגן מיכלען און ער האָט צו מאָל געזאָגט אַ קלוג וואָרט וועגן זיי. די נייע העברעאישע פּאָעטן און שרייבער פון נאָך אחד־העמן און ביאַליקן האָט ער שוין שווערער באַגריפן און ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס זיי ווילן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אינטערעסאַנטסטער טיפּ אין שטעטל איז גאָר געווען דער רב. אַן עלטערער ייד מיט אַ ווייסער באָרד איז ער געווען און ער האָט אויסגעזען עלטער ווי ער איז געווען באמת און ווי ער אַליין האָט געזאָגט, איז עס געווען פאַר יסורים. אים איז נישט געגאַנגען אין לעבן. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און ער האָט געדאַרפט זיין רב אין אַ גרע־סערער שטאָט. ער האָט גערעדט מיט קנאה וועגן צירעלסאָנען און ער האָט געזאָגט, אַז יענעם קומט נישט אַזוי גרויס צו זיין און אים קומט נישט אַזוי קליין צו זיין. צירעלסאָן איז גרויס, ווייל ער איז געלערנט אין וועלט־זאַכן און ער איז קליין — אויך דערפאַר. ער האָט געלערנט רוסיש און ספּעציעל

מאטעמאטיק. ער האט געהאט א נייגונג צו מאטעמאטיק. ער האט אויך געהאט א חיבור מיט פילפול, אבער מער האט ער זיך געגרויסט מיט זיין חיבור וועגן מאטעמאטיק. איז דערפאר, ווייל ער איז געלערנט אין וועלט־זאכן און ער קען געאמעטריע און אלגעברע, האלט מען אים פאר אן אפיקורס אין מען האט אים געיאגט פון שטאט צו שטאט, ביז וואנען ער האט געגרייכט צו דעם דאזיקן עק, וואו ער האט ערשט נישט קיין פרנסה און ער פארדינט וואסער אויף קאשע און זיין זון, וואס האט א נייגונג צו שרייבן שירים גאר אין זשארגאן, האט געמוזט אוועקפארן און ער איז אין אמעריקע, וואו ער שרייבט שירים און ער שיקט זיי אים אמאל צו, כאטש ער האט נישט קיין געפיל אין זיי. דער זון זיינער הייסט ל. מיללער. ער אליין הייסט אויך הרב מיללער. ער לייענט אמאל אויך די נייע העברעאישע שירים און מאמרים, ער לייענט אויך די יידישע, אז ער קריגט זיי, אבער ער פילט אין ביידע נישט קיין טעם. ער לייענט נאר צוליב „ודע מה שתשיב", כאטש אייניקע מיינען, אז ער איז גאר דער אפיקורס און מען דארף אים ענטפערן א ווארט... דא און דארט האט ער זיך ארויסגעכאפט מיט א ווארט פון וועלכן מען האט געקענט ארויסדרינגען, אז אביסל געכאפט איז ער דאך. ער פלעג א זאג טאן, אז מ'קען דאך נישט באטראכטן יעדן אחרון ווי ער וואלט געווען משה רבינו אליין און מען האט געקענט דערקענען, אז ער וואלט געווען פאר געוויסע רעפארמען אין דעם רעליגיעזן לעבן, בכדי יידן זאלן דאך בלייבן יידן, ווייל אז מען וועט נישט פארגרינגערן אביסל, וועלן זיי אין גאנצן אויפהערן צו פאלגן און זיי וועלן אין גאנצן ווערן אוים יידן.

יאנקל האט זיך צונויפגעלעבט מיט יענעם אלטן רב ווי מיט א יונגען חבר און ער איז ביי אים איבערגעזעסן גאנצע נעכט און אמאל טאקע ביז אין ווייסן טאג אריין. זיי האבן זיך געביטן מיט ספרים און מיט ביכער און זיי האבן דיסקוטירט וועגן זיי. פון דעם פאקט אליין, וואס דער רב איז געווען אזוי באפריינדעט מיט דעם לערער דעם אפיקורס האט מען אין שטעטל ארויסגעדרונגען, אז ער איז אליין אויך אן אפיקורס און אייניקע יידן האבן געזאגט, אז ביידע וועלן זיי שוין פירן גלייך אין גהינום אריין. דער אלטער רב פלעג זיך אמאל קלאפן אין קאפ פאר ערגערניש און ער פלעג זאגן: „אז אך און אז וויי איז צו מיר, אז גראפיניע ווארפט זיך מיט מיר..."

מיט דער צייט האט יאנקל אנגעהויבן פארגעסן אין דער געשטארבענער פרוי און דאס לערנען האט אים אנגעהויבן אריינגיין אלץ מער און מער אין קאפ אריין און ער האט גענומען לערנען א סך. עס איז באלד געווארן הארבסט מיט רעגנס און בלאטעס און סקליאטעס און עס האט זיך נישט געגלוסט ארויסגיין פון שטוב. ווארעם איז געווען און דער לאמפ האט געגעבן גענוג שיין, האט ער געלערנט און ער האט געפילט מיט פארגעניגן, אז ער וועט גיך קענען זיך עקזאמענירן פאר זעקס קלאסן גימנאזיע און אז ער וועט זיך

וועלן אָנשטרענגען, וועט ער קענען פאַר מער אויך. ער האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז זומער וועט ער זיין אין דער היים ביי די עלטערן, אָבער ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט צו זיין רואיק און ער וועט לערנען אינטענסיוו און ער וועט זיך צונעמען אַ סטודענט אַ רעפּעטיטאָר פאַר אייניקע אָביעקטן אין ער וועט פאָרן ערגעץ זיך עקזאַמענירן. דער שם איז געווען, אַז די בעסטע גימנאַזיע איז אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק, דאָרט נעמט מען אַ פּאָר רובל און מען נאַרט נישט אָפּ. עס פלעג צו אים אַריינקומען אַ יידל אַ ווינקל־אַדוואָקאַט, וואָס האָט געטאָן די זעלביקע אַרבעטן, וואָס מאַקס אין פּעטראָווקע, אָבער ער איז שוין געווען אַ געלטגייציקער און ער האָט פאַר יעדן ריר געגנבֿעט מען געלט. ער האָט געטראָגן אַ גאַנצע באָרד און אפילו שטיקלעך פּאות, אָבער ער איז געגאַנגען אַ קורץ רעקל. ער האָט גערעדט מער רוסיש ווי יידיש אין ער האָט כסדר געוואָלט ווייזן, אַז ער קען רוסיש און אַז עס גייט אים נישט אין לעבן אַריין צו ריידן זשאַרגאָן, אָבער נאָר צווישן אינטעליגענטן האָט ער אַזוי געהאַנדלט, מיט פּראָסטע יידן האָט ער גערעדט אַנדערש. ער האָט געהאַט אָפענע אויגן און זייער קלוגע, אָבער פון זייער יעדן ווינק האָט מען דערקענט, אַז ער איז אַ גאָטס־גנבֿ. ער פלעג איבערליגן טאָג און נאַכט ביי יאַנקלען, ער האָט אים געשטערט צו לערנען מיט די קינדער און ער האָט אים געשטערט אַליין צו לערנען. אונזער העלד איז ביים אָנהייב געווען נאַיוו און ער האָט געדענקט, אַז דער ווינקל־אַדוואָקאַט האָט ליב צו פאַרברענגען מיט אַ אינטעליגענטן מענטשן, אָבער דערנאָך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז ער קען הנאה האָבן אויך פון קריגן זיך מיטן ווייב און צו אים קומט ער, ווייל ער זוכט אַ פאַרדינסטל. ער האָט אָנגעהויבן פון אַ שידוך און ער האָט דווקא באַלד אויסגעזאָגט וועמען ער מיינט — סאָניען... און ווען יאַנקל האָט אים קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז כאָטש סאָניע געפעלט אים זייער שטאַרק, וואָלט ער פון דעסט וועגן גיכער געשטאָרבן, איידער חתונה געהאַט דורך אַ שדכן, האָט ער שוין גערעדט צוריק און ער האָט געזאָגט, אַז ער מיינט עס נישט גאָר ערנסט און אויב עס וועט מירטשעם ווערן אַ שידוך, וועט זיינס סיי ווי נישט פאַרלוירן גיין... און ער האָט גענומען ריידן וועגן דעם, אַז ער האָט אַ גימנאַזיע, וואו ער קען אים זיכער דורכפירן די עקזאַמענעס, אויב ער וועט נאָר קענען מיטלמעסיק דעם קורס. קריסטן לאָזן זיי דורך אויך ווען מען קען נישט אַזוי איי איי, אָבער אַ ייד דאַרף קענען. יאַנקל האָט געזאָגט, אַז פאַר נישט קענען וואָלט ער קיינמאָל אין לעבן נישט געטראַכט עפעס צו צאָלן, ווייל ער איז נישט קראַנק אויסצולערנען און ער דאַרף נישט קיין פאַלשע אַטעסטאַטן, אָבער פאַר צולאָזן און פאַר נישט טשעפּען זיך, ווייל מען איז אַ ייד, איז ער גרייט צו באַצאָלן, אָבער נאָר פון זיינע פאַרדינסטן, ביים טאַטן וועט ער דערפאַר גאָרנישט נעמען. דער ווינקל־אַדוואָקאַט האָט געזאָגט, אַז

פון אזא קליין געלט קען ער גאָרנישט ריידן. ער האָט ליב צו מאַכן גרויסע געשעפטן.

געווען איז מאַנזיר א יונג פּאָרפאָלק, וואוהין יאָסיף פרידמאַן פלעג אָפּט אַריינגיין. זיי האָבן געהאַט אן אַגענציע פון זינגערס ניי־מאַשינען און זי איז געווען שמערל פראַנקס א פלימעניצע. זי איז געווען א קליין בלאָנד ווייבעלע, א זייער רירעוודיקס און זי איז פול געווען מיט חן און מיט טעם. זי האָט אליין געזאָגט, אַז ווער עס קומט קיין מאַנזיר, מוז זיך אין איר פאַרליבן. יאַנקל האָט אַלץ אויסגעמיטן צי גיין צו יענעם פּאָרפאָלק, אים האָט גיכער געצויגן צום רב, מיט וועלכן ער האָט געפירט זייער אינטערעסאַנטע שמועסן וועגן ייד און מענטש. דער רב האָט געפּרואווט באַאיינפלוסן זיין יונגען חבר, אַז ער זאָל האָבן א שטאַרקן ווילן און קודם כל האָט ער אים געוואָלט אויסלערנען נישט צו רויכערן. ער האָט דערציילט וועגן זיך, אז ער איז געווען א מוראדיק ליידנשאַפטלעכער רויכערער. איז ער איין מאָל אין א ביינאַכט געבליבן אָן ציגאַר־פּאַפּיר. עס איז גראָד געווען א דאָנערשטיק און ער איז געווען אויף א גאַנצע נאַכט און עס איז שוין געווען שפּעט, די געשעפטן זיינען שוין געווען לאַנג פאַרמאַכט, וואו צו קויפן איז נישט געווען. ער האָט געהאַט טאַבאַק, אָבער נישט קיין ציגאַר־פּאַפּיר, האָט ער זיך אנידערגעשטעלט לעבן טויער און געוואַרט, אַז עמיצער זאָל דורכגיין. עס איז געווען א זאַווערוכע אין דרויסן און ער האָט געמוזט שטיין אין טולופּ און די קעלט האָט אים דורכגענומען. און ער איז געשטאַנען אפשר מער פון א שעה ביז עס איז דורכגעגאַנגען א שיכורערע גוי, ער איז מיסתמא געגאַנגען פון שענק און עס איז געווען א נס, וואָס ער האָט זיך נישט געוואָרפן שלאָגן, ווען דער אַלטער רב האָט אים אָפּגעשטעלט. ער האָט גראָד געהאַט ציגאַר־פּאַפּיר, אָבער פריער האָט ער סתם נישט געוואָלט גיבן און דערנאָך האָט ער זיך מישב געווען און ער האָט פאַרלאַנגט א גאַנצן פּאַק טיטון און ער האָט אים געמוזט גיבן. „האָב איך זיך געגעבן חשבון, האָט דער אַלטער רב געשמייכלט, אַז איך בין שוין צו ווייט פאַרקראָכן און איך קען חלילה באַגיין צוליב א ציגאַר טוטין דאָס ערגסטע פון ערגסטן און איך האָב שוין יענעם ביינאַכט אָוועקגעלייגט דאָס רויכערן. עס איז געבליבן ליגן דאָס איבערגעבליבענע ביסל טאַבאַק און דאָס ציגאַר־פּאַפּיר און איך האָב זיך צו דעם נישט צוגערירט. עס זיינען געווען צייטן, ווען איך האָב געמיינט, אַז איך גיי פון דעם זינען, אָבער איך האָב זיך נישט צוגערירט צו קיין פּאַפּיראָס. די תורה איז מיר נישט געגאַנגען אין קאָפּ אַריין, איך האָב נישט געקענט טראַכטן פון קיין מאַטעמאַטיק, אָבער רויכערן האָב איך מער נישט גערויכערט, איין מאָל ניין!” יאַנקל האָט שוין פון דעסט וועגן נישט געפילט קיין כוח אין זיך צו אויפהערן רויכערן; ער האָט באַוויזן צו האָבן ווילן נאָר שעהן־ווייז, אָבער נישט טעג־ווייז. און בכדי בעסער צו אויספּרואוון זיין ווילן האָט ער אָנגעהויבן גיין צו דעם דאָזיקן ווייבעלע,

אין וועלכן אַלע מוזן זיך פאַרליבן. ער האָט געהאָפט, אַז אפשר וועט ער דאָרט זיך קענען אָפּגעוואוינען פון רויכערן. און געווען איז ביי יענעם פּאָרפאָלק אַן אומשולדיקע שטוב, אַ שטילע, וואו מען האָט אַמאָל געלייענט עפּעס פון שלום עליכמן, דערציילט אַן אַנעקדאָט, אָדער געזונגען אַ לידל. דאָס קליינע ווייבעלע האָט געהאַט אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, וואָס איז שוין באַלד געווען אַזוי גרויס ווי די מאַמע און דאָס דאָזיקע האָט געמאַכט, אַז יאַנקל זאָל אויף איר קוקן נאָר ווי אויף אַ מאַמען. די מוטער פון דעם קליינעם ווייבעלע איז געווען אַ יידענע מיט אַ גרויסן און שווערן פּאַרוק און זי האָט גאָר אַריינגעבראַכט אַ סך פרומקייט און צוריקגעהאַלטנקייט אין שטוב אַריין. די פאַרליבטקייט פון די מענער, וואָס זיינען אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי זיינען צומאָל געזעסן און געקוקט אויף דעם ווייבל און אין די בין השמשותן געגעבן אַ לירישן קרעכץ... זי האָט געהאַט אַן אַלבום, אין וועלכן אַלע אירע פאַרערער האָבן איר אַריינגעשריבן קאָמפּלימענטן און די מערסטע זיינען געווען די געוויינלעכע, וואָס מען האָט דעמלט געלייענט אין אַלע אַלבומען. פון יאָסיף פרידמאַן זיינען געווען אַריינגעשריבן צוויי יידישע שורות. עס האָט זיך געזאָגט:

פינצטער, עס גייט אַ רעגן
און ס'איז ניטאָ איין שטראַל אַנטקעגן...

יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל אַנגעשריבן פּונקט אַזעלכע שורות און ער האָט זיך געחידושט ווי אַלציינס זיי האָבן געפּילט. ער איז געווען זיכער, אַז יאָסיף האָט זיינע שורות קיינמאָל נישט געזען, אָבער ער האָט געפילט פּונקט אַזוי ווי ער... דאָס ווייבעלע האָט געוואוינט פּונקט אַנטקעגן מאַרק און אין די רעגנדיקע פאַרנאַכטן האָט מען טאַקע אַן אמת דאָרט געקענט מיינען, אַז עס איז נישטאָ קיין איין שטראַל אין דער גאַנצער וועלט אין אַז עס וועט זיך שוין קיינמאָל קיין שטראַל זיך נישט באַווייזן. יאַנקל האָט אונטער יאָסיפס ווערטער דווקא צוגעשריבן אָפּטימיסטישע שורות. כאָטש אויף דעם האַרצן איז אים געווען מער פינצטער ווי ליכטיק. מען האָט דעמלט גערעדט דעם ווייבעלעס מאַמע אַ שידוך און טאַקע פון קיליע. אלי חיים דיין איז געבליבן אַן אַלמן, די דיינטע איז אים אים פּלוצים אוועקגעשטאָרבן, האָט מען דעם ווייבעלעס מאַמע גערעדט אלי חיימען און מען האָט דאָרט אין שטוב געשפּאַסט אין מען האָט געזאָגט, אַז ווען די מאַמע וועט ווערן אַ דיינטע, וועט די טאָכטער ווערן אַ רביצין. און יאַנקל האָט אַריינגעשריבן:

דער רעגן וועט נאָך פאַרגיין,
די זון וועט אויפגיין,

שטראַלן וועלן זיך נאָך באַווייזן
אין אַ שיסעלע מיט אײַזן
און שײַנען צו אונז אַלע, אַלע
און די מאַמע וועט ווערן אַ כלה
פֿאַר דעם דײַן
און מיר וועלן טרינקען ייַן
און ווען עס וועלן לאַכן די שטערן,
וועט איר אַ רביצין ווערן...

דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין זײַן לעבן, וואָס ער האָט געשריבן אַזעלכע גרינגע, קופּלעטן־מעסיקע שורות. דערנאָך האָט ער זיי אַ סך מאָל געשריבן. דאָס שײַנע ווײַבעלע האָט אַלע אירע געסט געוויזן די דאָזיקע שורות און די באַקן האָבן איר געפֿלאַמט און די אייגלעך — געברענט. סאָניאַ האָט זיך דערוואוסט, אַז איר לערער האָט געשריבן אַ שיר דעם ווײַבעלע אין אַלבום אַרײַן און זי האָט געזאָגט, אַז זי איז אייפֿערזיכטיק און אַז זי האָט אויך אַן אַלבום. פֿון דעם אופֿן ווי זי האָט גערעדט, האָט יאַנקל געגעבן אַ טראַכט, אַז זי האָט באַשטימטע געדאַנקען וועגן אים און ער האָט זיך ערשט איצטער געגעבן חשבון, אַז דער ווינקל־אַדוואָקאַט איז נישט אין אייגע־נעם נאָמען געגאַנגען ריידן צו אים אַ שידוך. סאָניאַ האָט זיכער נישט גע־וואוסט, אַז ער גייט, אָבער די עלטערן האָבן יאָ געוואוסט דערפֿון און זיי האָבן געוואוסט, אַז סאָניאַ וואָלט אים געוואָלט. איצטער האָט ער זיך דער־מאָנט, אַז סאָניאַ האָט אים אַ סך מאָל דערציילט, אַז מען רעדט איר שידוכים און זי וויל נישט און אַז די מאַמע פֿרעגט זיך נאָך ביי איר, צי ס'איז עמיצער אין איר פֿאַרליבט און זי ענטפֿערט איר, אַז — דערווײַל האָט זיך אין איר קיינער נישט פֿאַרליבט. די אויגן האָבן ביי איר, ווי שטענדיק געלאַכט, אָבער עס האָט זיך אויך געדאַכט, אַז זיי וויינען. יאַנקל האָט פֿאַרשטאַנען, אַז נישט אומזיסט דערציילט די שווייגנדיקע סאָניאַ אים דאָס אַלץ און אַז עס קומט איר נישט גרינג אָן דאָס דאָזיקע דערציילן און ער האָט געשוויגן און אין אַל־בום אַרײַן האָט איר געשריבן העברעאישע שורות, וואָס האָבן די גאַנצע זאַך אַריבערגעטראָגן פֿון דער ערד אויפֿן הימל. ער האָט נאָך זײַן „באַלגראַדער קרבן" (אַזוי האָט ער אָנגעהויבן רופֿן אין געדאַנק די געשטאָרבענע מאַמע פֿון זײַן קינד) נישט געהאַט פֿאַרגעסן, אָבער דער ווייטיק איז וואָס אַמאָל געוואָרן שטילער און ער האָט געפֿילט, אַז די מאַמע איז גערעכט, ווען זי זאָגט, אַז „וואָס די ערד פֿאַרדעקט, מוז פֿאַרגעסן ווערן". צו סאָניאַן האָט ער פֿון ערשטן מאָמענט פֿון באַקענען זיך דערפֿילט אַ ליבע, אָבער ווי צו אַ שוועסטער, נישט ווי צו קיין כלה; נאָר ווען זי איז וואַקסלאַנג געווען כמעט די איינציקע פֿרוי, מיט וועלכער ער האָט זיך באַגעגנט, האָט זי ביסלעכווייז אים אויך אָנגעהויבן

רייצן ווי אַ פרוי און ער האָט אי געחלומט צו ווערן איר חתן, אי זיך גע־שראָקן דערפאַר. ער האָט געפילט, אַז מיט איר וואָלט אים דאָס לעבן געוועזן גרינג. ער האָט שוין געהאַט געוואוסט פון דעם לייענען און פון דעם, וואָס ער האָט געזען אין דער פּראַקטיק, אַז דאָס לעבן צווישן מאַן און ווייב איז אַ מלחמה און ער האָט געפילט, אַז מיט סאָניאַן וואָלט עס געווען די גרינגסטע מלחמה, זי קען זיך נישט קריגן אַפילו מיט די עלטערן און אַפילו מיט די שוועסטער. וועגן דעם, אַז אַ צוזאַמענלעבן צווישן מאַן און ווייב קען אַנהויבן ווערן זייער שווער, דווקא ווען עס איז שוין גאָר קיין מלחמה נישט פאַראַן, האָט ער נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט, כאָטש ער האָט שוין געהאַט געליטן הײנעס ליד וועגן דעם, אַז ביידע האָבן זיי אים געמוטשעט און געפּייניקט, איינע מיט איר ליבע און די צווייטע מיט איר האַס, אָבער די דאָזיקע, וואָס האָט אים מער ווי ביידע געפּייניקט, איז געווען די דאָזיקע, וואָס האָט אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט און קיינמאָל נישט געהאַסט. ער האָט נישט גע־וואוסט, אַז עס קען קומען ביי אַ חתונה געהאַט פאַר אַזאַ צושטאַנד פון נישט ליב־האָבן זיך און נישט פיינט־האָבן זיך, וואָס קען געפערלעכער זיין, ווי די קריגערייען. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער וואָלט מיט איר גליקלעך געווען, כאָטש דאָס גלוסטן צו איר איז נישט געווען קיין צו שטאַרקס און ער האָט אין דעם נישט געפילט דאָס דאָזיקע ווייטיקלעכע גליק, וואָס ער האָט געפילט אין גלוסטן צו אַנושקאַן, בליומען און אוודאי נישט צו זיין „קרבן״...

די פאַמיליע סאָניאַס איז געווען אַ ליבע און אַ האַרציקע און דער פאָטער אי־רער איז געווען דער אמתער מוקיר תלמידי חכמים און ער וואָלט געאַרבעט ווי אַן אָקס, אַז זיין איידעם זאָל קענען, אַ שטייגער, לערנען אויף דאָקטער. ער האָט ליב געהאַט אַלע קינדער דער דאָזיקער האַרציקער פּראָסטאַק, וואָס האָט אַפילו אַריינגעוואָרפן אַמאָל אַ פּסוק אויך, אָבער סאָניאַ איז ביי אים געווען געהויכט און געקרוינט און ער האָט פון איר געהאַלטן ווי פון אַ בת יחידה. ער האָט זיך געפרייט, וואָס זי האָט זיך איינגעגעבן אַזאַ וואָוילקענענ־דיקע און געלערנטע ביי אים, וואָס אַלע לערער, וועלכע קומען קיין פּעטראָוו־קע, פאַרברענגען נאָר מיט איר. פאַר אים איז זי שוין געווען נישט נאָר אַ וואָוילקענענדיקע אין רוסיש, נאָר אויך אין העברעאיש. עס איז אים פאַר איר קיין שום זאַך נישט געווען טייער. ער האָט איר אויסגעשריבן וואָס פאַר אַ זשורנאַלן און צייטונגען זי האָט נאָר געוואָלט. ער האָט איר שוין אַפילו אויס־געשריבן די העברעאישע וואָכנשריפט „העולם״, כאָטש זי האָט אין איר נאָך זייער ווייניק פאַרשטאַנען. זי האָט געלערנט מיט גרויסע אָנשטרענגונגען און ס'איז איר בשום אופן נישט אַריין אין קאָפּ. זי פלעג אַזש וויינען, אַזוי שווער איז איר געגאַנגען מיט העברעאיש, זי האָט אַליין געזאָגט אויף זיך, אַז זי האָט אַ פערדישן קאָפּ. זי פלעג אָפט צורופן שמערל פּראַנקס עלטערן ייִנגל, וואָס איז אַלט געווען אַ יאָר צוועלף און זי האָט אים געגעבן לייענען דעם

„העולם”, יענער האָט געלייענט ווי אַ וואַסער און ער האָט צום מערסטן פאַר־שטאַנען. און איר איז דאָס לייענען אַליין אָנגעקומען שווער, ווייל ס'איז גע־ווען אָן נקודות און דאָס פאַרשטיין איז נאָך אָנגעקומען שווערער. און זי האָט דאָך אָנגעהויבן לערנען העברעאיש אין איין צייט מיט פראַנקס עלטערן ייִנגל. זי האָט געזאָגט, אַז ער האָט אַ קאָפּ און זי האָט אַ קלאָץ און כאָטש זי האָט געלאַכט, האָט זי פּאַקטיש געוויינט. ביים פאָטער אָבער איז זי שוין געווען אַ גרויסע העברעאיסטקע און ווען ער האָט זי געזען זיצן איבער דעם העברע־אישן זשורנאַל, איז ער געווען זיכער, אַז זי לייענט ווי אַ וואַסער. דער פאָ־טער וואָלט גרייט געווען צו גיין אין פייער אַריין, ווען ער וואָלט חתונה גע־מאַכט סאָניאַן פאַר דעם מאַן, וואָס איר קומט און זיי וואָלטןביידע געהאַט אַ באַזונדער שטוב און געזעסן און געלערנט. ער האָט דאָס נישט איינמאָל גע־זאָגט און יאַנקל האָט געפילט, אַז דאָס דאָזיקע איז מער ווי אַן אָנצוהערעניש. ער פלעג זאָגן, אַז פלאַץ איז דאָ גענוג און ציגל פעלן אויך נישט און ער וואָלט באַלד גענומען אויסבויען אַ באַזונדער פליגל פאַר זיי, וואָס וואָלט געווען אַ צאַצקע.. דאָך האָט זיך יאַנקל אויך געשראָקן פאַר דער דאָזיקער אידיליע, וואָס אים ווערט דאָ פאָרגעשטעלט און ער האָט זיך דערמאָנט ווי דאָקטאָ־ראָוויטש האָט געזאָגט, אַז די חתונה איז בלויז אויף די פליגל. עס וואָלט גע־קומען איין קינד און אַ צווייטס און ער וואָלט נישט געקענט זיצן און לערנען און קוקן ווי דער שווער, וואָס האָט דאָך נאָך קינדער, אַרבעט און ווערט אויס־געריסן און ער זאָל גאָרנישט טאָן און ער וואָלט געמוזט ווערן אַ קרעמער, ווייל פון לערערײַ פאַרדינט מען וואַסער אויף קאַשע. און ער וואָלט געדאַרפט אָדער פאַרקויפן הערינג און מעליץ, אָדער נאָדל און ביינוול, אָדער אַפילו שטאָף, אַזוי ווי פראַנק, וואָס איז אַ קלוגער ייִד און אַ למדן און אַ משכיל און ער דאַרף דאָך פאַרלירן דאָס גאַנצע לעבן ביים דינגען זיך מיט גוייהם און אויסטראַכטן אַלערליי תחבולות און המצאות צו קענען פאַרקויפן אַ שיקסע אַ שטיקל ציץ אויף אַ קליידל...

איז יאַנקל געזעסן אַ סך פון זיין פרייער צייט לעבן סאָניאַן און ער האָט גערעדט מיט איר וועגן אַלץ אין דער וועלט און געזוכט אַלע מיטלען זי אויס־צולערנען העברעאיש, אָבער וועגן דעם, וואָס זי האָט געחלומט, אַז ער זאָל מיט איר ריידן, האָט ער געשוויגן. ער האָט צו איר גערעדט מיט די אויגן און געזאָגט אי יאָ, אי ניין און זי האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען און זי האָט אי גע־האָפט, אי זי איז געווען טרויעריק. דאָס לעבן אין מאַנזיר איז איר געווען פיינלעך. זי האָט געחלומט וועגן פאָרן קיין אָדעס און דאָרט זיין אין געזעל־שאַפט און הערן לעקציעס און גיין אין טעאַטער אַריין. זי האָט געלייענט די „אָדעסקיאַ נאָוואָסטי” און די דאָזיקע צייטונג האָט זי געצויגן קיין אָדעס, אַזוי ווי מיט אַ צויבער פלייט. זי האָט מקנא געווען איר שוועסטערקינד סאָ־פיאַ וואָלענבערג פון פעטראָווקע, וואָס איז אַן אַקטיווע נאַטור און זי איז

שוין געווען אין אָדעס, ווען זי איז געווען אַ קליין מיידל און זי האָט שוין געהאַט לעקציעס און פאַרדינט, ווען זי האָט נאָך געקענט אַ סך ווייניקער, ווי סאָניאַ קען איצטער. פונקט אַזוי ווי זי האָט זיך געשאָלטן פאַר דעם שווערן קאָפּ, וואָס זי האָט, און זי קען נישט אויסלערנען קיין העברעאיש, פונקט אַזוי האָט זי זיך געשאָלטן פאַר דעם, וואָס זי איז אַזאַ מוראדיקע און באַשליסט זיך נישט צו פאָרן קיין אָדעס און דאָרט ליידן אפילו הונגער, אַבי זיין זעלבסטשטענדיק און זען אַ וועלט און פילן אַ לעבן. זי פלעג נישט איין מאָל זיך דערלאַנגען מיט דער פויסט אין קאָפּ אַריין און זאָגן, אַז ווען דאָס העברעאיש וואָלט איר בעסער אַריין אין קאָפּ אַריין, וואָלט זי זיך אפשר יאָ דערוועגט צו פאָרן קיין אָדעס. לערערינס פון רוסיש זיינען קיין נאָווינע נישט, אָבער לערערינס פון העברעאיש זיינען דאָ ווייניק. ביז צוריק מיט אַ צייט האָבן דאָך נאָר מענער געלערנט העברעאיש. יאַנקל האָט געפילט, אַז די אַלע שמועסן זיינען צום מערסטן געצילט צו אים און אַז די כמעט שטומע סאָניאַ וויל אים דערמיט מאַכן ריידנדיק און ער האָט געשוויגן ווי אַ פיש און געפילט, אַז ער באַגייט אַן עוולה קעגן דעם בעסטן מיידל, וואָס ער האָט אַמאָל געקענט... ער האָט דעמלט גראָד ערגעץ געקראָגן צו לייענען אברהם רייזענס דערציילונגען, אין וועלכע ער האָט געפינען הומאַניטאַרע געפילן נישט נאָר אין פראַגן פון סתם גוטס און שלעכטס, נאָר אויך אין פראַגן פון ליבע און פון אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צווישן מענטש און מענטש. אויך אין דער ליבע האָט ער געפונען ביי אברהם רייזען אַן אייגנאַרטיקן הומאַניטאַריזם. די דערציילונגען זיינען געווען זייער מאָדערנע אין זיי האָבן אַרויסגעבראַכט זייער מאָדערנע געפילן און געדאַנקען, דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער מחבר איז עפּעס אַן אַלטער חכם און ער ברענגט אַרויס געדאַנקען מיט אַזאַ שאַרפקייט ווי די אַלטע ספרים, אָבער ער הייסט נישט סתם זיין פרום, נאָר ער הייסט זיין מענטשלעך. ער האָט דעמלט איבערגעלייענט אַ דערציילונג, וואָס האָט געהייסן „באַליידיקט אַ פרוי". עס ווערט דאָרט געשריבן ווי אַ יונגערמאַן מוז אַהיימנעמען אויף נאַכטלייגער אַ פרוי און ער איז צו איר אומגעהויער איידל און העפלעך און ער גיט קוים אַ שטאַרקן קוק אויף איר, וועגן אַ גלעט, אָדער אַ קוש וואַגט ער אפילו נישט צו טראַכטן און ער האָט אַלץ מורא, אַז ער איז נישט געווען גענוג איידל צו איר און ווען זיי גייט אַוועק, האָט ער מורא, אַז ער האָט זי חלילה באַליידיקט, אָבער אַ חבר זאָגט אים שוין דערנאָך, אַז ער האָט זי באַליידיקט, וואָס ער איז געווען אַזוי פּאַסיוו צו איר. דער אַלטער רב מיט די נויגונגען צו רעפאָרם אין רעליגיע און אפילו צו אפיקורסות, איז געווען מוראדיק ברוגז אויף דער דאָזיקער דערציילונג און ער האָט געזאָגט, אַז זי לערנט ניאוף און זנות און ער האָט שוין געזאָגט אין איין וועג, אַז ביי אַלע מאָדערנע שרייבער, סיי די העברעאישע, סיי די יידישע איז דאָ אַן אָנרייצעניש צו זנות. ער האָט נישט געשוינט אויך ביאַליקן. ער האָט גע־

זאָגט, אַז ער האָט לידער. וואָס דערוועקן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל, אָבער ער האָט אויך לידער, וואָס זיינען ווי די גויישע „אין פעסניא בלא שיקסע". ווען טשערניכאָווסקין האָט ער גאָר געשאָטן פעך און שוועבל, ער האָט געזאָגט, אַז ער איז „מתיוון" (אַזוי הייסט אויף העברעאיש אַ העלעניסט, וואָס וויל אָנאייגענען די גריכישע וועלט־אנשויאונג און דעם גריכישן לעבן־שטייגער אנשטאָט דעם יידישן) און ער וויל פאַרבייטן דעם יידישן גאָט פון די בעסטע מידות אויף די גריכישע געטער פון שיכרות און זנות... אין רייזענס דערציילונג „באַליידיקט אַ פרוי" האָט דער אַלטער רב געזען דעם יצר הרע, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ שרייבער, אָבער יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דער שרייבער האַלט, אַז מענערישקייט איז מענטשלעכקייט און ווען אַ מאַן ווייזט נישט אַרויס קיין שום צערטלעכקייט צו אַ פרוי, באַליידיקט ער זי. זאָגט דאָך אַפילו אַ גמרא, אַז ס'איז אַ מיצווה צו מאַכן באַליבט אַ פרוי פאַר איר מאַן... און אונזער העלד האָט נישט איינמאָל געפילט, אַז ער באַליידיקט די גוטע סאָניא, וואָס ער מאַכט איר קיינמאָל נישט קיין קאָמפּלימענט און ער גיט איר מיט גאָרנישט אָנצוהערן, אַז ער איז אַ מאַן און זי איז אַ פרוי... אָבער אַנדערש האָט ער נישט געקענט.

שעהנווייז פלעג יאַנקל זיצן מיט סאָניאַן אַליין אין דעם צימער, וואָס די פענצטער גייען אַרויס צו דער גאַס און ביידע האָבן געקוקט אין דער פּוסטקייט אַריין און זיי האָבן ביידע געשוויגן. סאָניא איז געזעסן ביים סאַמע פענצטער און ער איז געזעסן אין דער מיט צימער און פון ביידן האָט מען נישט געהערט קיין וואָרט. די מאַמע סאָניאַס פלעג וועלן אָנצינדן אַ לאָמפּ, האָט דאָס מיידל נישט געלאָזט. די באָבע פלעג זיך בייזערן, זי פלעג פרעגן שטעכעדיק, צי ס'איז נאָך נישטאָ קיין איין שטערן אין הימל, וואָס מען טאָר נישט אָנצינדן קיין פייער און זי פלעג שוין גלאַט אַ בורטשע טאָן, אַז ס'איז נישט שיין, אַז אַ מויד זאָל אַזוי לאַנג זיצן מיט אַ פרעמדן בחור אין דער פינצטער. אָבער די מוטער פלעג זי שטיל מאַכן און איר זאָגן: „האָב נישט קיין מורא, מאַמע, ער וועט זי נישט מיינע שונאים זיין, היינט זיינען אַנדערע צייטן". די אַלטיטשקע האָט זיך נישט געלאָזט און זי האָט געזאָגט, אַז די היינטיקע צייטן וואָלטן געמעגט ברענען, איידער זיי זיינען געקומען... אַ סך מאָל פלעג יאַנקל זינגען אַ ליד. ער האָט ערגעץ אויסגעלערנט צוויי טרויעריקע לידער, איינס אין העברעאיש און איינס אין רוסיש, האָט ער זיי ביידע געזונגען אָן אויפהער. זיי זיינען ביידע געווען זייער מאָנאָטאָן און ווען ער האָט יעדער ליד געזונגען דריי מאָל, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט עס שוין געזינגען טויזנט מאָל און ער האָט דאָך נישט אויפגעהערט. דאָס העברעאישע איז געווען „רוח עצב" פון יצחק קאַצענעלסאָן און דאָס רוסישע איז געווען אַ סאָנעט פון דעם רוסיש־יידישן פּאָעט מינסקי. אין העברעאישן ליד האָט דער דיכטער גערעדט צו דעם טרויעריקן און כמורנעם ווינט און ער האָט אים

געבעטן, אַז ער זאָל אוועקטראָגן זיין זיפּץ דורך פעלדער און דורך וועלדער צו זיין געליבטער. און ער מאָלט אים אויס, אַז ווייט דאָרט ווייט איז פאַראַן אַ שטעטעלע, זאָל ער אַהין גיין און פרעגן וואו זי וואוינט, וועט מען דעם ווינט ווייזן איר וואוינונג, זאָל ער פאַוואָליע און נישט פּלוצים און נישט שטאַרק אָנקלאַפּן אין איר טיר... יאַנקלען איז אויסגעקומען, אַז דאָס שטעטעלע איז מאַנזיר און דאָס מיידל איז סאָניא און ער פלעג אָן אַ שיעור זינגען די שורות:

הרחק, הרחק יש עיירה,
קטנה העיירה,
שם בית עצים עומד לבן
שם ילדתי גרה...

און סאָניא פלעג אַ סך מאָל אַריינפאַלן מיט איר שטיל און טרויעריק קול און זיך שאָקלען אַזוי ווי ער און זינגען אָן אויפהער גלייך מיט אים און פילן, אַז עפּעס האָט עס צו איר אַ שייכות. דאָס רוסישע ליד איז געווען וועגן הארבסט, עס האָט שווער געשילדערט די דאָזיקע צייט. ס׳איז געווען אי אַ קאָנקרעט בילד פון פּאָליטישן הארבסט, אי אַ סימבאָליש בילד פון זעלביקן הארבסט, וואָס הערשט אין רוסלאַנד. עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם, וואָס עס ציען זיך איבער דעם הימל וואָלקנס שווערע און ס׳איז נאַס און כמורנע אומעטום און דיביימער מיט געוויין וויגן זיך נאַקעטע; און דאָס ליד האָט זיך געבעטן, אַז דער פריינד זאָל זיך נישט אויפכאַפּן און נישט צעטרייבן די פריילעכע חלומות און נישט עפענען די אויגן. דאָס ליד האָט געזונגען, אַז גליקלעך איז דער דאָזיקער, וואָס שלאָפט און וואָס עס חלומען זיך אים אין שווערן הארבסט חלומות פון פרילינג און ס׳איז גליקלעך דער דאָזיקער, וואָס זעט אין דער ענגער טיורמע חלומות און ווי איז די דאָזיקע, וואָס כאַפּן זיך אויף אין דער אומענדלעכער נאַכט. אונזער העלד האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס דאָזיקע ליד באַזינגט אי דאָס גרויסע רוסלאַנד, אי דאָס קליינע מאַנזיר און אַז דער דיכטער איז געווען אין הארבסט אין דעם דאָזיקן טרויעריקן שטעטל. דאָס ליד האָט געהאַט אַזאַ שווערע מעלאָדיע, וואָס מען האָט געדאַרפט זינגען טיף און סאָניא האָט עס געוואָלט נאָכזינגען און נישט געקענט אַריינפאַלן אין זיין טאָן אַריין און זי האָט געזאָגט, אַז ער זינגט צו „דע פּראָפונדיס" און זי איז דערוויל געווען צופרידן, וואָס זי קען אַזוי פּאַסיק און אַזוי צו דער צייט נוצן אַזאַ זעלטן וואָרט.

מען האָט אָנגעהויבן ריידן, אַז סאָניא וועט פאָרן קיין אָדעס אויף אַ שטיקל צייט. עס איז געווען פאַר ווייַנאַכטן און ניי יאָר און מען האָט געזאָגט, אַז אין יענער צייט איז זייער פריילעך אין אָדעס. יאַנקל האָט געפילט

אַ קלאַפּ אין האַרצן פון דער דאָזיקער בשורה. ער האָט געפילט, אַז אָן סאָ־ניאַן וועט אים נאָך ווייסטער ווערן דאָס לעבן אין דעם דאָזיקן העק. ער האָט ביים אָנהייב געקלערט, אַז ער וועט אויך מיטפאָרן, אָבער ער האָט זיך גע־געבן חשבון, אַז די באַלעבאַטים וועלן נישט זיין צופרידן, וואָס ער גייט פּראַווען דאָס גוייִשע ניי יאָר און נאָך דערצו דעם געבורט פון „יויזל" און ער האָט אויך געפילט, אַז די פינאַנצן וועלן אים נישט קלעקן. ער איז געקו־מען אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן און ער האָט זיך דאָ אויסגעקליידעט אביסל, ער האָט זיך געמאַכט אַ נייעם מאַנטל און אַ טוזשורקע און געקויפט נייע שיך און קאַלאָשן. שמערל פראַנק האָט אים אויסגעלייגט און ער האָט אים דער־נאָך אַראָפּגערעכנט פון שכר לימוד און ער האָט נאָך געמוזט איינמאָנען ביי אַנדערע באַלעבאַטים אויך, ווייל עס האָט נישט געקלעקט. און דערצו האָט ער געוואוסט, אַז צו די עקזאַמענעס וועט ער דאַרפן האָבן געלט. ביים טאַטן וועט ער נישט וועלן נעמען, ער האָט דאָך אים שוין אַמאָל געזאָגט, אַז ער האָט געגעבן נאָר אויף תורה, אויף שמד שטיק וויל ער נישט גיבן. דערנאָך האָט ער גאָר געהערט, אַז סאָניאַ פאָרט קיין אָדעס ווערן אַ כלה. מען האָט געזאָגט, אַז טאַקע שלייען האָט געפונען פאַר איר אַ בחור פאַר אַ חתן, וואָס איז אַזאַ וואוילער און אַזאַ שטילער ווי זי איז. ער איז אַ „פּריקאַזטשיק", אָבער דאָך אַ גאַנץ געבילדעטער יונגערמאַן און אַ באַוואוסטזיניקער מענטש. מען האָט שוין אפילו געוואוסט, אַז ער איז נישט קיין ציוניסט, נאָר אַ בונ־דיסט און מען האָט געזאָגט, אַז סאָניאַ וועט אים נישט וועלן, ווייל זי איז אַ צו הייסע ציוניסטקע... אונזער העלד איז פיינלעך געוואָרן פון די דאָזיקע שמועסן און ער האָט נישט געגלויבט, אָבער סאָניאַ אַליין האָט אים געגעבן אָנצוהערן, אַז ס'איז אמת. זי האָט ווידער אַמאָל גענומען דערציילן, אַז דער טאַטע מיט דער מאַמען הערן נישט אויף צו זאָגן, אַז אַ מיידל דאַרף חתונה האָבן און אַז זיי פרעגן זי, צי זי האָט נישט קיין ליבע... און זי האָט אין איין וועגס שוין דיסקוטירט וועגן דעם, צי מ'קען זיך פאַרליבן דורך רעקאָמענדאַ־ציע... זי האָט דאָס דאָזיקע וואָרט גענוצט אַנשטאָט „שדכן" און אונזער העלד האָט געקלערט, אַז זי האָט לאַנג געדאַרפט טראַכטן ביז וואַנען זי האָט עס אויסגעטראַכט. און אפשר האָט עס אויסגעטראַכט אַן אַנדערער, נישט זי...

יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז זיין פעטער פּראַימס טאָכטער, וואָס האָט גע־הייסן מאַמציע, איז אַ כלה געוואָרן טאַקע פון פעטראָוועקע און די שדכנטע איז טאַקע געווען זיין שוועסטער מאַמציע. צו די תנאים איז דער חתן מיט זיין טאַטן געקומען קיין קיליע. דער חתן איז געווען אַ קליינינקער מיט אַ היפּש שוואַרץ בערדל, ער האָט געהייסן בן ציון און מען האָט אים גערופן „ציִנעניו". דער טאַטע זיינער איז געווען אַ הויכער, דאַרער ייד, מען האָט אים גערופן נוח פאַרבער, כאָטש ער האָט געהאַט אַ סך אַנדערע מלאכות אויך. ער איז דערצו געווען אַ גרויסער למדן און ער איז געווען אַ מושלם מיט

אַלע מעלהס. חתן־כלה האָבן זיך געהאַלטן אַביסל מאָדערנער ווי ביי אַ שוחט אין שטוב, מען האָט זיי דערלויבט אַליין צו גיין שפּאַצירן און אַפילו זיך צו האַלטן ביי די הענט. און נוח פאַרבער האָט דעמלט געהאַלטן אין איין שיטן מיט פסוקים און מיט מאמרים וועגן דער ליבע. ער איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער ייד, אַ דינער ווי אַ טראָשטש, ס'האָט זיך גערדאַכט, אַז ער ברעכט זיך איבער. אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ צאַרטס און אויגן האָט ער געהאַט טיפע און נאָך נישט קיין אויסגעלאָשענע, כאָטש ער איז געווען אַ זיבעציקער. ער האָט ליב געהאַט צו דערציילן מעשהס און ער האָט יאַנקלען איין מאָל דערציילט די גאַנצע „אָדיסעע". וועגן ליבע האָט ער נישט אויפגעהערט צו ריידן און ער האָט גערעדט מיט אַן אומגעהויערער צאַרטקייט וועגן זיין פאַרשטאָרבענער פרוי; ער האָט געזאָגט, אַז ער חלומט זיך באַגעגנען מיט איר דאָרט און זי וואַרט שוין דאָרט אויף אים און זי איז דאָרט, ווי שולמית, קראַנק פאַר ליבע צו אים... און ער האָט אַלץ גערעדט וועגן דעם, אַז פערציק טעג נאָך איידער די נשמה ווערט אַראָפּגעלאָזט פון הימל אויף דער ערד, ווערט שוין אויסגערופן, אַז די טאָכטער פון יענעם און יענעם דאַרף זיין דער זיווג פון דעם זון פון יענעם און יענעם. דער אַלטער למדן האָט געזאָגט, אַז די נשמות האַלטן זיך אין הימל אין איינעם און ווען זיי טרעפן זיך צום ערשטן מאָל אויף דער ערד, דערקענען זיי זיך באַלד... האָט זיך יאַנקל געקלערט, אַז אפשר איז דאָס דאָזיקע אויך אמת און אַז דער „פּריקאַזטשיק" פון אָדעס איז סאָניאַס זיווג און ביידע נשמות וועלן זיך באַלד דערקענען און באַהעפטן. ער האָט דאָס דאָזיקע געוואָלט דערציילן זיין חברטע, אָבער ער האָט געפילט, אַז דאָס וועט איר שטאַרק וויי טאָן און ער האָט זיך באַהערשט און געשוויגן. ער האָט געוואוסט, אַז ווען ער זאָגט איר איין וואָרט, וואָלט זי אויפגעהערט ריידן וועגן אָדעס, אָבער ער האָט נישט געפונען דאָס איינע וואָרט און ער האָט אויך נישט געהאַט קיין כוח עס צו זאָגן און ער האָט געשוויגן. ער האָט געפילט, אַז אפשר דאַרף ער גאָר נישט ריידן אויך, ער דאַרף זי אָננעמען ביי די הענט און איר אַריינקוקן אין די אויגן אַריין און צוציען אירע ליפּן צו זיינע און איר קערפּער צו זיינעם און דאָס דאָזיקע וועט זיין דאָס וואָרט, וואָס ער וויל איר זאָגן, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין מוט דערצו. ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז ביז איצטער האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געטאָן אַזוי צו אַ פרוי און ביז איצטער האָבן דאָס דאָזיקע געטאָן די פרויען צו אים... ער וואָלט עס אפשר געטאָן, ווען ער וואָלט געפילט אַ שטאַרקן ברענענדיקן געפיל צו איר, ער האָט אָבער פּאָרט נישט געפילט צו איר קיין סך מער ווי צו אַ שוועסטער. אים האָט זיך געגלוסט איר זאָגן מיט די ווערטער פון ביאַליקס ליד „הכניסיני" — „זיי אַ מאַמע מיר און אַ שוועסטער". ער פלעג נישט איין מאָל אין איר אָנוועזנהייט זינגען דאָס דאָזיקע ליד. האָט ער ווייטער אַזוי געשוויגן און די קלאַנגען, אַז

זי פּאַרט קיין אַדעס, זיינען געוואָרן אַלץ אינטענסיווער. דאָך איז אַריבער דער וויינאַכטן און דאָס נייע יאָר און זי איז נישט געפּאָרן. די רעגנס זיינען שוין זייט לאַנג געהאַט אוועק און עס זיינען שוין געקומען די פרעסט און די גאַנצע וועלט איז געוואָרן באַדעקט מיט שניי און דאָס שטעטל האָט אויסגעזען אי פרייליכער, אי טרויעריקער און זי איז אַלץ נישט געפּאָרן. איצטער זיי־נען זיי שוין נישט געזעסן אין די פאַרנאַכטן אין צימער, נאָר זיי זיינען אַרומ־געגאַנגען שפּאַצירן איבער דעם שטעטל און איבער דעם סטעפּ און גייענדיק האָבן זיי ערשט געשוויגן. דערפאַר האָט מען אין שטעטל נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגןביידע. מען האָט געוואָלט טרעפן, צי זיי זיינען יאָ חתן־כלה, אָדער נישט. אייניקע האָבן געזאָגט יאָ און אַנדערע האָבן געזאָגט: „ווייס איך וואָס, עס איז שוין דער דריטער לערער, וואָס קומט קיין מאַנזיר און זי גייט מיט אים שפּאַצירן און עס ווערט גאָרנישט און איצטער וועט אויך גאָרנישט ווערן”. האָבן אַנדערע געזאָגט, אַז מ׳קען גאָרנישט ווויסן, דריי מאָל קען גאָר־נישט ווערן און אַ פערט מאָל יאָ... אין שטעטל האָט מען אויף סאָניאַן גע־קוקט פון אונטן אַרויף. זי איז געווען די וואוילקענעוודיקסטע פון אַלע מייד־לעך. מאַמעס האָבן איר מאַמען מקנא געווען, וואָס זי האָט אַזאַ טאָכטער, אפילו דאָס דאָזיקע, וואָס זי גייט שפּאַצירן מיט דעם לערער, איז אויך געווען אַ מאָטיוו פאַר קנאה. מען האָט שוין אַמאָל אַ לערער פאַרביטערט די יאָרן, ווייל ער האָט צו אָפט שפּאַצירט מיט סאָניאַן... די מיטערס האָבן זיך גע־טרייסט, אַז דאָס מזל שטעקט נישט אין געלערנטקייט און עס טרעפט אַ סך מאָל, אַז דווקא די וואוילקענעוודיקע פאַרזיצן, ווייל זיי קלויבן צופיל.

אויף די שפּאַצירן אין סטעפּ פלעגן זיי אָפט טרעפן דעם אַלטן גרייז־גרויען רב. ער איז געווען אַ למדן און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מאַטעמאַ־טיק און ער האָט געלייענט אַלץ, וואָס אים איז געקומען אונטער דער האַנט, ער האָט נישט אָנערקענט קיין טריפה פסול, ער האָט געזאָגט, אַז אַ מענטש קען לייענען און לערנען אַלץ און בלייבן מיט זיינע געדאַנקען. דער רמבם איז געווען דער גרעסטער ייד אין גלות און דאָך האָט ער געלערנט דעם גריכישן פילאָזאָף אַריסטו דאָס גאַנצע לעבן און ער האָט פון אים געהאַלטן אַן עולם ומלואה און דאָרט וואו ער האָט געדאַרפט מיט אים נישט מסכים זיין, האָט ער נישט מסכים געווען. ער האָט געזאָגט, אַז אַלץ, וואָס דער חכם פון גריכ־לאַנד זאָגט וועגן דעם דאָזיקן, וואָס עס טוט זיך ביז אין די רעדער פון הימל, איז אמת... און אחר איז שוין געווען אַ יידישער אפּיקורס, האָט ר׳מאיר נישט געהאַלטן פון אים אַ וועלט? ער איז אים נאָכגעגאַנגען און ער האָט גע־לערנט פון אים זיין תורה און מען האָט געזאָגט, אַז ער האָט געפונען אַ מיל־גרוים, האָט ער דאָס אינעווייניקסטע אויפגעגעסן און די שאָלעכץ האָט ער אוועקגעוואָרפן. אָבער וויפל ער האָט נישט געלערנט און געלייענט דער אַל־טער רב, איז אים נאָך אַלץ געבליבן גענוג צייט און ער איז געווען אומרואיק

און ער איז אַרויסגעגאַנגען שפּאַצירן אין סטעפּ אויפן שניי. ער האָט געזאָגט, אַז ער גייט באַטראַכטן גאָטס וועלט ווי שיין זי איז. יאַנקל האָט זיך גע־קלערט, אַז ער רעדט שטענדיק וועגן גאָט, נישט ווייל ער פילט אַזוי, נאָר ווייל ער מוז און ער איז שוין געוואוינט. און ווען דער העלד אונזערע האָט דעם רב געפרעגט, ווי אַזוי מעג מען באַטראַכטן די שיינקייט פון גאָטס וועלט, ווען עס שטייט בפירוש געשריבן אין פּרק, אַז ווער עס רייסט איבער דאָס לערנען און ער זאָגט „ווי שיין ס'איז דער דאָזיקער אקער, ווי שיין ס'איז דער דאָזיקער בוים", קומט אים צו הרגענען, האָט דער אַלטער רב געקוקט אויף אים קלוג און מיט אומצוטרוי און ער האָט געענטפערט. אַז עס שטייט דאָך געשריבן בפירוש, ווען מען רייסט איבער דאָס לערנען, ער רייסט איצטער נישט איבער דאָס לערנען. ער האַלט, אַז ס'איז פאַר אַלץ אַ צייט. אַזוי ווי עס שטייט געשריבן. און חוץ דעם מוז מען נישט נעמען בוכשטעבלעך אַלץ, וואָס עס איז געשריבן און נישט ענדערן אין דעם קיין אות. ווען עמיצער זאָל וועלן אָפּהיטן אַלץ, וואָס עס איז געשריבן פון די ראשונים און אחרונים. וואָלט ער עס נישט געקענט אויסהאַלטן און ער וואָלט גאָר אפשר אין גאַנצן געשטאָרבן... און עס שטייט דאָך געשריבן, אַז מיט דער תורה דאַרף מען לעבן! מען דאַרף פאַרשטיין פאַרוואָס מען האָט דעמלט אַזוי שטרענג גע־רעדט וועגן דעם. אַז מען זאָל נישט קוקן אויף דער שיינקייט פון דער נאַ־טור, ס'איז געווען אין דער צייט, ווען די גריכישע קולטור האָט געהאַלטן אַלץ מער און מער אַריינקריכן צו יידן און מען האָט גערעדט מער וועגן שיינקייט ווי וועגן יושר, האָט מען אין גאַנצן פאַרבאָטן צו קוקן אויף שיינקייט. היינט איז אַנדערש! היינט זיינען יידן שוין צופיל אַריינגעטאָן אין עולם הזה און אין מיסחר און אביסל שיינקייט וואָלט שוין גאָרנישט געשאַדט... יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער הערט ריידן מענדעלע מוכר ספרים, כאָטש די שפּראַך איז אַן אַנדערע! דער אַלטער רב האָט דערציילט זיינע יונגע באַגלייטערס, אַז מיט אַ צייט צוריק איז אין מאַנזיר געווען דער באַוואוסטער רוסיש־יידי־שער שרייבער מרדכי בן עמי, דער גורל האָט אים אהער פאַרוואָרפן און ער איז דאָ אויך געווען אַ שווערן ווינטער און ער איז אָפט געגאַנגען שפּאַצירן מיט אים. דער שרייבער, האָט דער רב דערציילט, איז געווען אַ סך פאַנאַטי־שער פון אים און ער איז געווען היציק, ער איז געווען גרייט צו שטראָפן די יידן מיט אייזערנע ריטער פאַר דעם, וואָס זיי היטן נישט אָפּ געגנוג דאָס יידישקייט, כאָטש אַליין איז ער געגאַנגען מיט אַ קורץ רעקל און מיט אַ אונטערגעשוירן בערדל און מיט אַזאַ מין היטל, וואָס האָט אים אין גאַנצן צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ פּריץ אַ גוי... דער רב האָט געזאָגט, אַז גערעדט האָט דער שרייבער פרימער פון אים, אָבער, האָט ער צוגעגעבן ממזריש, אויף שיקסעס האָט ער געוואָרפן מער אויגן ווי ער... דער אַלטער האָט געשמייכלט און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט נישט זאָגן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט קיין

ניסיונות, אָבער ער באַהערשט זיי. ער וועט זיך נישט אָפּשטעלן קוקן, ווען מען ציילט געלט און ער וועט זיך נישט סתם אָפּשטעלן קוקן אויף פרויען און יענער ייד, וואָס האָט זיך גערופן בן עמי, האָט געקוקט. אוי האָט ער געקוקט... ער האָט אפילו געזאָגט, אַז פרעמדע פרויען זיינען פון שטענדיק אָן געווען אַ שווערער ניסיון פאַר יידן און די תורה האָט אַזש געמוזט מאַכן אַ געזעץ וועגן אַ פרעמדער פרוי, וואָס אַ ייד וועט זען אין מלחמה און וועט זי נעמען געפאַנגען. די תורה האָט נישט געזאָגט, אַז מען טאָר אין גאַנצן נישט נעמען די דאָזיקע פרוי... זי האָט זיך צומאָל געהיט די תורה צו אַננעמען געזעצן, וואָס מען וועט נישט פאָלגן. דאָס האָבן די אחרונים אָנגעפלאָדיעט געזעצן וויפל עס האָט זיך געלאָזט און זיך נישט גערעכנט מיט דעם, צי מען וועט זיי קענען אָפּהיטן... אָבער די תורה האָט געהייסן אַזוי האַלטן די שיינע געפאַנגענע, אַז זי זאָל ווערן מיאוס און זי זאָל דעם מאַן נמאס ווערן. דער רב האָט געקלאַפּט מיט דעם שטעקן אין שניי און ער איז געגאַנגען גרינג, גלייך ער וואָלט געווען אַ ייגגעלע און ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געשריבן מעשהס, אַזוי ווי בן עמי שרייבט, וואָלט ער באַשריבן ווי אַזוי דער דאָזיקער שרייבער גייט אַרום מיט אַ צעהיצטן קאָפּ און איז אַ קנאי און ער טאָלערירט נישט קיינעמס קיין מיינונג און ער וויל מאַכן גוט און וואויל דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און ער וויל אויסלייזן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און ער מיינט, אַז ער האָט שוין דעם שליסל צום אמתן טויער אין אַליין קען ער זיך נישט באַפרייען פון די זינדיקע געדאַנקען, וואָס טאַנצן אים אַרום און ווייזן אים שיקסעס אין חלום און אויף דער וואָר. דער אַלטער רב האָט געזאָגט, אַז דער שרייבער איז אים פאָרגעקומען ווי אַ נזיר, וואָס ער האָט אויסצושטיין די שווערסטע מלחמות און אויב עס זאָל זיין אמת, דער מאמר פון די חכמים, אַז „ווער עס איז גרעסער פון זיין חבר, איז זיין יצר הרע גרעסער פון אים", דאַרף דער דאָזיקער בן עמי זיין גאָר אַ גרויסער מענטש. דער רב האָט געשמייכלט און געקוקט טרויעריק און ער האָט צוגעגעבן, אַז ס'קען זיין, אַז פון זיין אייגענעם האַלז רעדט איצטער אַרויס קנאה. ער איז מקנא בן עמין, וואָס ער איז דאָ געווען און ער איז אוועק אין דער גרויסער וועלט אַריין און ער דאַרף דאָ זיין אַ גאַנץ לעבן און קוקן ווי דער וועג גייט ערגעץ אוועק פון דאַנען און ער זאָל אים נישט קענען כאַפּן. ער האָט געוויזן ווי איבערן שניי ציט זיך אַוועק אַ וועג, וואָס אַ שליטן האָט ערשט אָנגעצייכנט און ער האָט געקוקט אויף אים מיט מרה שחורה.

דער ווינטער האָט נישט געבראַכט צו קיין קלאָרקייט צווישן יאַנקלען און סאָניאַן, כאָטש דער דרויסן האָט אויסגעזען ווי אַ קלאָר ליילעך, וואָס איז ערשט אויסגעוואַשן און אויסגעפּרעסט. זיי פלעגן שוין ביידע איצטער זיצן נישט נאָר אין די אָוונטן, נאָר אויך דורך די נעכט. זיי פלעגן אַמאָל זיצן און שוייגן און לייענען באַזונדערע ביכער ביז וואַנען דער האָן האָט צום

צווייטן מאָל געקרייעט און ערשט דעמלט האָט זיך יאַנקל אויפגעהויבן און ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין חברטע ביי דער האַנט און בשעת מעשה גע־קוקט פאַרשעמט אַראָפּ, אָדער אין דער זייט און ער איז אַוועקגעגאַנגען. ער איז אַזוי דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע שטעטל איבער דעם אַנגעשיטן שניי און ער האָט געהערט דאָס בילן פון די הינט, וואָס האָבן עס געטאָן פאַר זיין כבוד ווענן. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט ביי די פּירפּיסנדיקע אַרויסגערופן אומרואיקייט. סאָניא פלעג דערנאָך ליגן אין בעט ביז וואַנען די מוטער האָט זי מיט שווערער מי אַרויסגעשלעפּט אויף כוח צו מיטיק און יאַנקל איז אויפגעשטאַנען מיטן טאָג גלייך אין איז געגאַנגען צו דעם באַ־לעבאָס, ביי וועלכן ער האָט דעמלט געגעסן קעסט און אויסגעטרונקען אַ גלאָז קאַווע מיט מילך און געגאַנגען צוריק זיך זעצן לערנען. דאָס ברויט מיט פּו־טער, וואָס מען האָט אים געגעבן, האָט ער נישט געגעסן און בכדי צו פאַר־מיידן טענהס, האָט ער דאָס אָפּט אַריינגעלייגט אין קעשענע און דערנאָך אַרויסגעוואָרפן. די באַלעבאָסטע פלעג זיך קלאָגן, אַז אויב ער וועט נישט עסן, וועט ער אויסזען שלעכט און מען וועט זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זי גיט אים נישט קיין עסן... געווען איז דאָס געזאָגט אין אַ שפּאַס, אָבער עס איז געווען אַביסל ערנסט אויך. די ווייבער פלעגן זיך היפּש באַריידן איינע די אַנדערע און נישט איין מאָל האָט איינע געזאָגט אויף דער אַנדערער, אַז זי גיט שלעכט עסן דעם לערער... דאָס לערנען איז ביי יאַנקלען דערנאָך גע־גאַנגען ווי אויף סקריפּנדיקע רעדער; ער איז נישט געווען אויסגעשלאָפן און עס האָט אים געצויגן צו געניצן און עס האָט זיך אים געגלוסט זיך אויסצו־ציען און ער האָט זיך שווער באַהערשט, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן פאַר די קינדער. ער פלעג אַמאָל צוהאַלטן זיך ביים מויל און דערשטיקן אַ געניץ און דערנאָך ערשט אַרויסגיין און זיך אויסגעניצן. אָבער די יינגלעך האָבן אַזוי גוט געלערנט, אַז זיי האָבן אים מיטגעשלעפּט. ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז קינדער דאַרפן אַליין וועלן, לערנען זיי אַפילו ווען דער לערער טוט גאָרנישט. נאָר אין לימוד פון דער יידישער געשיכטע פלעג זיך אַמאָל אונזער העלד ענטוזיאַזמירן און איבערגעבן די לעקציע פאַר די קינדער מיט אַ סך וואַרימ־קייט און ערשט דעמלט האָט ער געפילט ווי די שפּראַך שטייט עפּעס ווי אַ מויער צווישן אים און די קינדער. זיי פאַרשטייען שוין ביידע שפּראַכן, סיי העברעאיש, סיי רוסיש, אָבער ביידע זיינען זיי געווען פרעמד פאַר זיי און דער לערער אַליין האָט און זיי נאָך אויך נישט גערעדט מיטן פולן מויל און ער האָט געפילט, אַז רוסיש ווערט אים דאָך וואָס אַמאָל גרינגער צו ריידן און העברעאיש — שווערער...

יאַנקל האָט פון ערשטן טאָג געפילט, ווי סאָניאס דריטע שוועסטער מי־ראַ, וואָס איז געווען די שענסטע פון אַלע סווערדליקס, עסט אים מיט די אויגן זייט דעם ערשטן טאָג, ווען ער איז געקומען אַ צערודערטער קיין מאָנ־

זיך און ער האָט דאָס געפילט אַלע טאָג ביים לערנען מיט איר. די לעקציע האָט געדויערט אַ שעה און צו לערנען האָט ער געהאַט אַ סך, אָבער דאָס מיידל האָט זיך נישט אויפגעהערט צו חנדלען און האָט דערמיט צוגענומען די צייט און געלערנט האָט זי שלעכט, זי האָט זעלטן געקענט די לעקציע און אַז דער יונגער לערער האָט געפּרואווט זיין שטרענג, האָט זי פריער האַלב וויינענדיק געזאָגט, אַז זי האָט אַ שווערן קאָפּ און דערנאָך האָט זי לאַכנדיק זיך גע־שוואוירן, אַז זי וועט שוין מאָרגן קענען. און ער האָט געפילט, ווי זי ציט זיך צו אים, אַז דאָס חיות גייט איר אויס און זי ברענט אין גאַנצן און זי האָט אין אים אויך שטענדיק אָנגעצונדן אַ פייער און ער האָט זיך שווער געדאַרפט ראַנגלען מיט איר נישט צו טאָן דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט געוואָלט און נישט געוואָלט טאָן מיט סאָניאַן. אויסער דער לעקציע האָט ער מיט איר כמעט קיינמאָל נישט גערעדט און גייסטיק איז ער מיט איר לחלוטין נישט געווען פאַרבונדן, זי איז אים געווען דורכאויס אַ פרעמדע און ער האָט גאָרנישט גע־וואוסט, צי ציט ער זי אַזוי צו פּערזענלעך, אָדער זי וואָלט געפילט דעם זעלביקן ברען, ווען עס וואָלט געווען אַן אַנדער מאַן אויף זיין פּלאַץ. עס איז אין מאַנזיר דעמאָלט געווען אַ מאַנגל אין בחורים, זיי זיינען זיך אַלע כמעט געווען צעפאָרן אין די שטעט. אייניקע זיינען געפאָרן האַנדלען און זוכן גליקן, אַנדערע זיינען געפאָרן לערנען. די דאָזיקע, וואָס זיינען געבליבן, זיינען געווען פריקאַזטשיקעס אין די עטלעכע קראָמען, אָדער אויפקויפער אין מאַרק אין זיי זיינען צום מערסטן געווען זייער נישט קיין אינטערעסאַנטע יונגעלייט. געווען ביי שמערל פראַנק אַ בחור אַ פריקאַזטשיק אַן אָנפאַנגער, איז ער געווען אין איינע יאָרן מיט יאַנקלען און ער האָט געבעטן ביים לערער, אַז ער זאָל אים אויסלערנען קוקן אויף דעם זייגער... צווישן די עטלעכע בעל מלאכות זיינען מיסתמא געווען אינטערעסאַנטערע יונגעלייט, אָבער אויף זיי האָבן די מיידלעך פון די קרעמער שוין גאָרנישט געוואָלט זיך אומקוקן. מען האָט געמוזט אַרויסקוקן אויף שידוכים פון אַנדערע שטעט און ווען עס פלעג אַריינקומען אַ שדכן פון קעשענעוו, פלעג מען אים אויפעסן. יאַנקלען אַליין האָט מען נישט אויפגעהערט איינלאַדן אין די אַלע שטיבער, אין וועלכע עס זיינען געווען דערוואַקסענע מיידלעך. ער האָט נישט איין מאָל באַמערקט, אַז די צווייטע טאָכטער שלמה סווערדליקס, די דאָזיקע, וואָס איז געווען צווישן סאָניאַן און מיראַן און האָט אויסגעזען אין גאַנצן אַזוי ווי סאָניאַ, נאָר זי איז נאָך געווען אַביסל דאַרער און האָט אויסגעזען קינדישער און נאַרישער, האָט אויך געקוקט אויף אים, אַזוי ווי די קאַץ אויף סמעטענע און האָט אַ סך מאָל געפּרואווט ריידן מיט אים און האָט אים אַפילו געפרעגט, פאַרוואָס ער נעמט זי קיינמאָל נישט שפּאַצירן... ער האָט אין מיראַן געוואָלט פאַרגעסן, פונקט ווי ער האָט נישט געדענקט די אַנדערע שוועסטער אירע, אָבער זי איז אים דאָך נישט אַרויסגעקראָכן פון קאָפּ און זי האָט אים

גערודערט דאָס בלוט און נישט געלאָזט שלאָפן דורך די נעכט. זי האָט ער אָנגעהויבן זען אויף דעם פּלאַץ פון זיין „קרבן". ער האָט זיך געשעמט און געשטראָפט און געזאָגט מוסר, וואָס ער האָט אַזוי גיך פאַרגעסן די דאָזיקע, וואָס ער האָט צוליב איר פאַרלוירן איר לעבן און ער האָט פאַרט שוין מער נישט געטראַכט וועגן איר און אויך נישט וועגן סאָניאַן, וואָס איז געווען אַ מענטש מיט וועמען ער קעןריידן און דיסקוטירן, נאָר וועגן מיראַן, מיט וועלכער ער האָט קיין צוויי ווערטער נישט געקענט איבערבייטן. ער האָט גע־חלומט וועגן דער שעה, אין וועלכער ער וועט זיך קענען טרעפן מיט איר און איר האָט זיך געגלוסט, אַז זי זאָל זיך ציען און ציען און ער האָט פאַר איר מורא געהאַט. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס פּאַטאַלע זאָל נישט געשען. ער איז געזעסן מיט איר אין באַזונדער צימער, אָבער יעדער האָט געקענט אַריינ־גיין אַהין צו יעדער צייט. פון אָנקלאַפּן אין טיר האָט נאָך דעמלט קיינער נישט געוואוסט. די מאַמע און די באָבע וועלן דאָך נישט גיין אָנקלאַפּן, ווען זיי דאַרפן אַריינגיין אין דעם חדר, וואו דער לערער לערנט מיט מיראַן. און סאָניאַ, וואָס איז שוין געווען אַ דערצויגענע, פלעג אויך אַריינגיין נישט גע־פרעגטערהייט. און איין מאָל איז עס געשען! יאַנקל קען זיך אין געדאַנק נישט פאַרזיכערן, אַז ער איז געווען דער ערשטער, וואָס זיינע ליפּן האָבן זיך גע־צויגן צו אירע. יעדנפאַלס האָבן אים אירע באַלד געענטפערט און זיי האָבן זיך ביידע באַהעפט מיט די ליפּן און מיט די צאַפּלענדיקע קערפּערס, אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן זיך געפילט ווי צונויפגעשמאָלצענע. זיי האָבן געפילט אַ שרעק פאַר עמיצן, וואָס קען אַריינקומען, אָבער די ליידנשאַפט איז געווען גרעסער און שטאַרקער ווי די שרעק. זיי האָבן זיך עטלעכע מאָל אָפּגעריסן איינס פון אַנדערן און זיי האָבן זיך באַלד ווידער צונויפגעקלעפּט. זיי זיינען ביידע געווען ווי שיכור און זיי האָבן ממש נישט געוואוסט, וואָס עס טוט זיך מיט זיי. יאַנקל האָט באַמערקט אירע אויגן, זיי זיינען געווען ווי איבער־געקערט און זיי זיינען אויך געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן. זיי האָבן געברענט און געוויינט. יאַנקל האָט אויך געפילט אַ פאַרגעניגן ביז ווייטיק און ער האָט נישט געוואוסט, וואָס פאַר אַ געפיל ס'איז שטאַרקער און אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז אים קומען אויך טרערן אין די אויגן אַריין...

ביים וויפלטן מאָל זיך קושן געדענקט ער נישט, אָבער איין מאָל איז סאָניאַ אַריינגעקומען. זיי האָבן ביידע דערהערט אירע שווערע טריט. ביז וואַנען זיי האָבן זיך צעשיידט און ספּאָמניענטעט און אומגעקוקט, איז זי שוין אין צימער נישט געווען און אירע טריט האָבן זיך שוין געהערט פון דרויסן, אָבער זיי זיינען געווען זיכער, אַז זי איז געווען איבעוווייניק און זי האָט אַלץ געזען. יאַנקל איז געווען פאַרלוירן און ער האָט געפרעגט: „וואָס וועלן מיר איצטער טאָן?" און מירא איז דווקא געוואָרן באַלד רואיק און זי האָט גע־

ענטפערט, אז זי האָט קיין מורא נישט, אַז סאָניאַ מעג, מעג זי אויך... זי איז געווען זיכער, אַז מיט סאָניאַן האָט זיך שוין יאַנקל אַ סך מאָל געקושט...

און די באַגעגניש מיט סאָניאַן איז נאָך אין יענעם טאָג געווען ווי תמיד, אָבער זי האָט נאָך מער געשוויגן. און ווען יאַנקל האָט געפּרואווט זינגען, האָט זי נישט מיטגעזונגען. די באַקן האָבן איר געפלאַמט, נישט ווי שטענדיק און די אויגן אירע האָבן אויך געהאַט אַזאַ גלאַנץ נישט ווי שטענ־דיק. זיי האָבן נישט געלאַכט אירע אויגן און ס'איז אין זיי געווען אַ פאַר־דרוס. אויך טרערן האָבן געשיינט אין זיי. ס'איז געווען אַן אַנדער סאָניאַ, אַ שענערע און אינטערעסאַנטערע. יאַנקל האָט געפילט, אַז ער האָט איר שטאַרק ווייי געטאָן און עס האָט אים באַנק געטאָן. קיין צוריקוועג האָט ער נישט גע־זען. אים האָט זיך געגלוסט נעמען ריידן מיט איר און איר זאָגן, אַז ער איז נישט שולדיק און אַז ער פילט צו מיראַן גאָרנישט און אַז אים האָט זיך נאָר אַזוי איין מאָל פאַרדרייט דער קאָפּ אין ליב האָט ער נאָר זי, אָבער ער האָט נישט געקענט. ער האָט געפילט, אַז ער וועט זאָגן אַ ליגן און ער האָט שוין נישט געקענט ריידן אַזוי וועגן מיראַן, ער האָט שוין געהאַט צו איר אַ גרויס געפיל. ער האָט שוין נישט צום ערשטן מאָל זיך געגעבן חשבון, אַז ווען ער דערפילט אַ גרויסע ליידנשאַפט צו אַ פרוי, פילט ער אין איר אַ גאָט. ער האָט שוין איצטער נישט געקענט ריידן גרינגשעצנדיק וועגן מיראַן, נאָר אים האָט זיך געגלוסט שטעלן פאַר איר אויף די קני און זיין חלום איז געווען איר צו קענען קושן אין די פיס. ווען ער האָט געענדיקט די „לעקציע" מיט איר, האָט ער זי געקושט אין דער האַנט און זי איז געווען אַזוי קינדיש, אַז זי האָט זיך מיט דעם געשעמט מער ווי מיט דעם קושן אין די ליפּן און זי האָט זיך טאַקע געוועהרט און ווען ער האָט דאָס דאָך געטאָן, האָט זי אים צוריק אַ קוש געטאָן אין דער האַנט... אויפן וועג אַהיים האָט ער באַגעגנט דער משו־גענעם געצל און יענער האָט ווי געווײנלעך געזאָגט: „ס'איז גאָרנישט..."

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען שוין ביי סווערדליקן אין שטוב געהער־מען ריידן, אַז סאָניאַ פאָרט מיט דעם פאָטער קיין אָדעס און יאַנקל האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קושן זיך מיט מיראַן האָט דאָס מיידל באַוואויגן צו איר שריט. און זי איז גיך טאַקע אַוועקגעפאָרן און אין עטלעכע טעג אַרום איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע, אַז סאָניאַ איז אַ כלה געוואָרן. יאַנקל האָט זיך געפילט ווי געטראָפן מיט אַ קויל, ער האָט געהאַט דאָס ביטערע געפיל, אַז ער האָט פאַרלוירן דאָס בעסטע אין זיין לעבן און ער איז אַרומגעגאַנגען אָן אַ קאָפּ. ער האָט אין יענעם טאָג זיך נישט געקענט קושן מיט מיראַן און ער איז אַפילו צו דער לעקציע נישט געקומען, ער האָט געזאָגט, אַז עס טוט אים וויי דער קאָפּ. ער האָט אין יענעם טאָג אָנגעשריבן אָן אַ שיעור שירים אויף העברעאיש, אין וועלכע ער האָט אויסגעדרוקט זיין פאַרצווייפלונג און אויף מאָרגן האָט ער דאָך געמוזט גיין צו די סווערדליקס אין שטוב און העלפן

פראווען די שמחה און זאָגן, מזל טוב. מירא האָט דערקענט, אַז ער איז טרויע־ריק און זי האָט אים געפרעגט, צי ווען זי וועט אַ כלה ווערן, וועט ער אויך זיין אַזוי טרויעריק... פונקט, ווען מען האָט אין שטוב גענומען אַביסל בראָנפן און געטרונקען לחיים, איז אַריינגעקומען דער משוגענער געצל און ער האָט געזאָגט, אַז „ס'איז גאָרנישט"...

סאָניא איז געבליבן נאָך די תנאים אין איינעם מיט דעם פאָטער אַ גאַנ־צע וואָך אין אָדעס און זי האָט געשריבן אַהיים, אַז זי איז גליקלעך און זי פאַרברייננגט זייער פריילעך און דער חתן איז אַ זייער אינטעליגענטער און באַוואוסטזיניקער מענטש. יאַנקל האָט געמוזט אויסהערן אין אַמאָל טאָקע אַליין איבערלייענען די בריוו, ווייל סאָניא האָט געהאַט אַ שווערע האַנט־שריפט און מירא האָט זי נישט געקענט לייענען.

און צוריקגעקומען איז סאָניא אַ סך אַן אַנדערע, אַ מער רירעוודיקע, אַ מער געפוצטע און ס'האָט מער געשמעקט פון איר, אָבער די אויגן האָבן איר שוין נישט געלאַכט ווי אַמאָל און זיי זיינען פאַרבליבן מיט דעם זעלביקן פרעמדלעכן גלאַנץ פון פאַרדרוס און טרויער און ווייטיק, וואָס זיי האָבן באַ־קומען, ווען זי האָט געזען יאַנקלען זיך קושן מיט מיראַן. זי האָט דערציילט זייער אַ סך זאַכן וועגן אָדעס און זייער אָפט האָט איר יאַנקל געזאָגט, אַז ער האָט שוין געזען דאָס דאָזיקע וועגן וואָס זי דערציילט און זי האָט אַ קוק גע־טאָן אויף אים מיט פאַרדרוס. און דאָס לעבן איז באַלד געוואָרן אַזוי ווי ס'איז געווען. מען האָט אָפגעגעסן לעקעך, אָפגעטרונקען בראָנפן און ווין פאַר אַ לחיים מיט אַ מזל טוב, אָפגערעדט וועגן חתן אין ווי אַזוי ער זעט אויס און מען האָט אויפגעהערטריידן און סאָניא איז ווייטער געזעסן מיט יאַנקלען, אָדער געגאַנגען מיט אים שפּאַצירן אין סטעפּ אַריין און ווען דער לערער האָט זיצנדיק איבער אַ ביכל געברומט דאָס העברעאישע, אָדער דאָס רוסישע לידל, האָט די שילערין מיטגעהאָלפן. און ווען זיי זיינען געגאַנגען שפּאַצירן אין סטעפּ אַריין און זיי האָבן דאָרט געטראָפן דעם אַלטן רב, האָט די כלה גע־האָרכזאַם זיך צוגעהערט צו די שמועסן, אַזוי ווי אַ גוטע שילערין און זי האָט צום מערסטן געשוויגן, אָבער אַמאָל האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט און זי האָט געזאָגט, אַז איר חתן זאָגט אַנדערש...

אין שטעטל האָט מען אין סאָניאַן דערלעבט אַ נקמה; מען האָט זי גע־האַלטן פאַר אַ שטאָלצע, כאָטש זי איז עס נישט געווען. זי האָט זיך נישט באַגעגנט מיט די אָרטיקע מיידלעך, ווייל זי האָט נישט געהאַט, וואָס צו ריידן מיט זיי, זי האָט נישט געהאַט, וואָס צו ריידן אויך מיט אינטעליגענטע מענטשן; זי איז געווען אַ שווייגנדיקע און מען האָט זי געהאַלטן פאַר אַ בעל גאווהניצע. מען האָט זיך געקוויקט מיט דעם, וואָס זי איז אַ כלה געוואָרן פאַר אַ פשוטן פריקאַזטשיק; אייפערזיכטיקע מאַמעס האָבן געזאָגט: „מען האָט געקענט מיינען, אַז כאָטש אַ דאָקטער וועט זי אויסכאַפּן די „שמינטע־

ליגענטקע", אויב נישט קיין פּראָפעסאָר און צום סוף האָט זי זיך געמוזט אײַ־בערבעטן פאַר אַ „פּריקאַזטשיק" און נישט „פּאַ ליובווי" (אויס ליבע) נאָר דורך אַ שדכן און מיט נדן". סאָניאַ האָט געוואוסט, אַז מען רעדט אַזוי און זי איז אַלץ געוואָרן טרויעריקער און שווייגנדיקער און איר טרויער האָט זיך איבערגעטראָגן אויך צום לערער.

אונזער העלד האָט רחמנות געהאַט אויף זײַן שילערין, אים האָט זיך געדאַכט, אַז איר חתן איז צו פּראָסט פאַר איר און איר לעבן וועט בײַ אים זײַן אַ טראַגעדיע אויך דערמיט, וואָס ער איז אַ בונדיסט. ער האָט דערבײַ געקלערט, אַז ער קען שוין אָנשרײַבן אַ דראַמע פון איר לעבן און ער האָט זיך געגיבן חשבון, אַז דאָרט וואו ער איז נישט פאַרליבט, טראַכט ער נאָר וועגן שרײַבן...

יאַנקלען איז שווער געווען דאָס זײַן אין מאַנזיר, ער האָט ווידער גע־פילט, אַז ער האָט דאָס עפּעס פאַרשפּילט און דערצו האָט ער מורא געהאַט, אַז ער וועט דאַרפן אַ חתן ווערן פאַר מיראַן און ער האָט דערפאַר נאָך מער מורא געהאַט, ווײַל עס האָט אים אַליין געצויגן צו דעם. מיט סאָניאַן האָט זיך אים געגלוסט שפּאַצירן און ריידן און מיט מיראַן האָט זיך געגלוסט זײַן אַליין און פילן ווי זי ברענט, אַזוי ווי אַ פלאַם, וואָס ווערט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן און צינדט אים אויך אָן. אים האָט אַזוי שטאַרק געצויגן צו מי־ראַן, אַז ער האָט ווידער שווער געלערנט און ווען ער האָט געלייענט, האָט ער אויך נישט געוואוסט, וואָס ער לייענט. ער האָט געוואָלט יאָגן די צײַט, אַז זי זאָל לויפן גיך, גיך און זי איז אויף צו להכעיס געגאַנגען פּאַוואָליע און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ס'איז אוועק אַן אייביקייט ביז וואַנען ס'איז גע־קומען צוויי וואָכן פאַר פּסח און ער האָט פאַרענדיקט דעם זמן און ער איז אַרײַנגעפאָרן אויף אַ פּאָר טעג צו דער שוועסטער און פון דאָרט איז ער גע־פאָרן קיין קיליע דורך באַלגראַד, וואָס האָט אים דערמאָנט אין אַזוי פיל גליק און אַזויפיל אומגליק. ווען ער איז אוועקגעפאָרן פון מאַנזיר, זײַנען לעבן פורל געשטאַנען אַלע זײַנע שילער און זייערע טאַטעס און די שילער האָבן גע־שריגן: „הער לערער, קומט נאָך צו אונז!" און די עלטערן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און זיי האָבן אַ קרעכץ געטאָן אויף דעם וואָס די קינדער וועלן שוין ווידער גיין בטל. איין טאַטע האָט אַ קרעכץ געטאָן אויף אַ קול און ער האָט געפרעגט: „וואָס פאַרט אַזוינס טוט מען, אַז די לערערס זאָלן זיך האַלטן און נישט אַנטלויפן באַלד נאָך דעם ערשטן זמן?" אונזער העלד האָט צום ערשטן מאָל דערפילט אין זײַן לעבן, אַז ער האָט אַ געוויסע חשיבות און אַז מען דאַרף אים האָבן און ער איז נישט אַזאַ איבעריקער מענטש, ווי ער האָט אַליין אַ סך מאָל געמיינט. ער האָט טאַקע אויך געוואוסט, אַז די שילער זײַנע האָבן פאַר דער דאָזיקער צײַט, וואָס ער האָט געלערנט מיט זיי, אַ היפּש ביסל דערגרייכט, כאָטש ער האָט מיט זיין נישט שטענדיק געלערנט וואָרעם

און מיטן גאנצן הארצן. פריער זיין „קרבן" און דערנאך סאניא מיט מיראן האבן אים דאס הארץ צוגענומען און די גמרא איז גערעכט, ווען זי זאגט, אז „רחמנא ליבא בעי" — די תורה דארף הארץ. אז מען לערנט מיט קינדער, דארף מען עס טאן מיטן גאנצן הארצן. דאס פורל איז אוועקגעגאנגען פון לעבן שלמה סווערדליק און ווען ער איז ארויפגעגאנגען אויף דעם, איז ער שיעור נישט אריינגעפאלן און ווען ער איז שוין געזעסן, האט ער געזען פארנט דעם רב מיט דער ווייסער באָרד און הינטער אים זיינען געשטאנען א פאר יידן און ס'האט זיך אנגעזען סאניאס העל און מיראס טונקל פנים. דער רב האט פארהאלטן א רגע דעם בעל עגלה און ער איז צוגעגאנגען צום פורל און ער האט געזאגט יאנקלען, אז עס שטייט געשריבן, אז ווען איינער לאזט זיך אין וועג ארײַן, דארף ער זאגן די קורצסטע תפילה „יוהך". דאס איז א ווארט פון דער קבלה און אמאל האט קיינער נישט געוואוסט, וואס עס מיינט, אבער דער ווילנער גאון האט עס פארטייטשט. ער האט געזאגט, אז ווען איינער געזעגנט זיך פון צווייטן, דארף ער אים זאגן א דבר הלכה (א געזעץ) און „יוהך" איז די ראשי תיבות פון „יחיד ורבים, הלכה כרבים" (אן איינצלנער און א סך איז דאס געזעץ ווי א סך). א קורץ און אמתדיק געזעץ! א מענטש דארף גיין אויף דעם וועג פון רבים און דאך נישט אויפהערן זיין קיין יחיד! אזוי האט ער געזאגט דער רב דער מאטעמאטיקער, אויף וועלכן מען האט געזאגט, אז ער איז אן אפיקורס און יאנקל האט פארשטאנען, אז ווען עס זיינען נישטא קיין אנדערע יידן דערביי, וואלט ער געזאגט עפעס אנדערש. סאניא האט נאכגעשריגן „פישיטיע!" (שרייבט) און מירא האט זיך צעוויינט און די מאמע האט איר געזאגט, אז זי איז א נאריש קעלבל און יאנקל האט געזען, אז אויך סאניא האט טרערן אין די אויגן. דאס פורל האט זיך א לאז געטאן אריבערן צעלאזטן שניי און דער משוגענער געצל איז אנגעלאפן און ער האט נאכגעשריגן: „לערער, ס'איז גארנישט".

☆

קאפיטל פופצן

דאָס גרויסע געזעגנען זיך.

פרילינג־שיינע און אַ שווער געמיט האָבן אונזער העלד באַגעגנט אין זיין היימשטאָט, וואוהין עס האָבן דעמלט נאָך געצויגן אַלע זיינע וועגן, אַזוי ווי אַלע טייכן ציט עס צום ים. אין קיין שום שטאָט האָט ער קיינמאָל אין זיין לעבן אַזוי נישט געפילט דעם פרילינג־אָטעם, ווי ער האָט אים געפילט אין קיליע. אפשר איז עס געווען, ווייל דער טייך איז געווען אַזוי נאָענט צו זיין שטוב און ווען ער האָט געגעבן נאָך פּורים דעם ערשטן גערודער און דעם ערשטן זינגענדיקן קרעכץ אויף צו באַפרייען זיך פון דעם אייזדעק, האָט ער עס באַלד דערהערט, ס'האָט געמעגט אפילו זיין ביינאַכט, ווען ער איז געשלאָפן! עס איז דאָך געווען דער גרעסטער וואונדער מיט דעם דאָזיקן טייך. ער האָט אום זומער און אום הארבסט אַזוי שטאַרק און גיך געשטראָמט, אַז ער האָט געקענט מיט זיך גאַנצע וועלטן מיטרייסן און אַז עס איז געקומען ווינטער, האָט ער אָנגעהויבן גליימט ווערן און בלייבן שטיין. ער האָט זיך געפּרואווט שטראָמען און נישט געקענט. ער איז געוואָרן אַלץ גערדיכטער און גערדיכטער, אַזוי ווי אַ קאַשע, ביז וואַנען ער איז געוואָרן אין גאַנצן באַדעקט מיט אַ גראָבער און שווערער דעק. וואָס איז געווען שטאַרק ווי אייזן. און ווען עס איז געקומען פרילינג, האָט ער זיך אָנגעהויבן רירן און שפּאַלטן און פּלאַצן און קרעכצן זינגענדיק און זינגען קרעכצנדיק. עס איז פון דער שווערער דעק געוואָרן טויזנטער שטיקער. צענדליקער טויזנטער מענטשן מיט העק וואָלטן נישט געווען באַוויזן דאָס דאָזיקע, וואָס עס האָט זיך באַוויזן פון זיך אַליין. אַ בלאָז פון ווינט און אַ גלעט פון דער זון האָבן מער געווירקט ווי עס וואָלט געקענט ווירקן שטאָל און אייזן. און ווען דער טייך האָט זיך אָנגעהויבן באַפרייען, האָט מען געפילט, אַז די גאַנצע וועלט הויבט זיך אָן באַפרייען. מען האָט עס געשפּירט, אפילו זייענדיק אין שטוב, ווי די ערד ווערט פריי פון שניי און זי הויבט זיך אָן צעוואַרעמען און צעשפּאָלטן און אַרויסגעבן גרעזעלעך און עס האָט זיך געדאַכט, אַז מען הערט אין שטוב אַריין ווי די ביימער שפּאַלטן זיך און קרעכצן אין זינגען און לאָזן אַרויס דעם ערשטן צוויט. אויך די שיין איז אום פרילינג געוואָרן אַן אַנדערע. סוף ווינטער איז עפּעס

ווי געווען טונקל און ווי באַלד ס'איז אָנגעקומען דער אָנהויב פרילינג, זיינען ארומגעגאַנגען העלע שיינען אַ גאַנצן טאָג, סיי אפילו ביינאַכט. אָבער די עלטערן פון אונזער העלד, וואָס זיינען דעמלט געווען מענטשן אין די פופ־ציקער יאָרן, האָבן שוין געפילט נאָר די פינצטערקייט פון די דאגהס פון האַרבסטיקן לעבן און נישט די העלקייט פון פרילינג. דאָס לעבן איז זיי גע־ליגן ווי אַ שווערער יאָך אויף די פּלייצעס און זיי האָבן זיך אונטער דעם יאָך געבויגן און געבויגן. זיי זיינען שוין געווען איינגעבויגן אין דרייען און זייערע פּנימער זיינען געווען אַזוי צעקנייטשט, גלייך מען וואָלט זיי גע־דראָשן. אין דעם יאָר, וואָס יאַנקל האָט זיי נישט געזען, זיינען זיי פאַרעל־טערט געוואָרן, דאַכט זיך, אויף צען. עס האָבן דערצו געווים געווירקט אויך די ערגערנישן. די מאַמע האָט זיך אַריינגעשלאָגן אין קאָפּ אַריין, אַז דער־מיט, וואָס די באָבע דארף זיין נאָר ביי איר און ביי דער אַנדערער שוועגערן נישט, באַליידיקט מען זי. און עס זיינען געווען קריגערייען און קריגערייען, וואָס האָבן פינצטער געמאַכט דאָס לעבן. די מאַמע איז צוליב די דאָזיקע קריגערייען געוואָרן אַלץ מער און מער אומרואיק און דאָס דאָזיקע האָט גע־פירט, אַז זי זאָל אַוועקפאָרן אַזש קיין אַנאַטאָליע, אין אַזיאַטיש טערקיי צו זען זיך מיט איר ברודער אביגדור און פועלן ביי אים, אַז ער זאָל איר געבן אַביסל געלט. די רייזע איז געווען פאַרבונדן מיט מוראדיקע שוועריקייטן. איינע אַליין האָט אַן עלטערע פרוי געדאַרפט אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָ־פּאָל און פון דאָרט ערשט זיך לאָזן מיט אַ נייער שיף אין אַ ווייטן וועג אַריין און אַריבערפאָרן פון איין קאָנטינענט אין צווייטן און ערשט ביים אָנ־קומען אַהין, האָט זי דערוואַרט אַ מענטש אָן אַ באָרד, ווי זי האָט דערציילט, און מיט אַ רויטער פעסקע, אין וועלכן זי האָט קוים דערקענט איר ברודער. און דאָרט האָט זי געטראָפן אַ מוראדיקן דלות. די קאָלאָניע איז צום מערסטן געווען פאַרלאָזט און עס זיינען געשטאַנען חורבות און די דאָזיקע, וואָס זיי־נען געבליבן, האָבן אויסגעזען מוראדיק וויסט. דער ברודער אירער אַליין איז געווען אויף געהאַקטע צרות אין ער האָט נישט געלעבט גוט מיט זיין פרוי, מיט וועלכער ער האָט געהאַט איין טאָכטער, וואָס האָט שוין געדאַרפט קומען צו לייטן און ס'איז נישט געווען צו געפינען קיין שידוך פאַר איר; ער האָט געוואָלט אַוועקפאָרן קיין פּאַריז, וואוהין די מערסטע קאָלאָניסטן זיינען גע־פאָרן זוכן ברויט און די מומע האָט נישט געלאָזט. די מאַמע איז, נאַטירלעך, געפאָרן מיט הוצאות אַהין, זי איז געווען זיכער, אַז אויף צוריק וועט איר גיבן דער ברודער דער גביר. זי איז געווען זיכער, אַז ווען מען איז אַזוי פיל יאָרן אין „זאַגראַניצע" (אויסלאַנד), מוז מען זיין אַ גביר. און דאָס אַהיימפאָרן איז איר אָנגעקומען שווערער ווי די יידן אין מצרים דאָס בויען פּיתום מיט רעמסס. די מאַמע אַליין האָט דערציילט, אַז ס'איז געווען אַ נס, וואָס זי האָט געקענט צוריקקומען. אָבער זי איז נישט געווען אַנטוישט, איר איז געווען

געפעלן דאָס פאָרן און זי האָט נישט אויפגעהערט צי דערציילן די ניסים פון
איר נסיעה. דאָך איז זי פון דער רייזע געוואָרן עלטער און שוואַכער און נער־
וועזער און זי האָט זיך אַזוי גענומען קריגן מיט דעם טאַטן וועגן דעם, וואָס
די שוויגער איז ביי איר, אַז ס׳איז נישט געווען קיין ברירה און מען האָט די
באָבע געמוזט אָנדינגען אויף קעסט טאַקע ביים שמש פון טאַטנס שולעכל,
וואָס זיין ווייב פּטיסיע האָט נישט געשמט ווי קיין גרייסע בריה און ווען
יאַנקל איז געגאַנגען צום שמש זען די באָבע, האָט ער זיך געדאַרפט גוט צו־
האַלטן די נאָז. אונזער העלד האָט געוואוסט, אַז די מאַמע זיינע איז נישט
אין גאַנצן שולדיק און אַז די מומע חווה דעם פעטער נוחם וויל נישט אַריינ־
נעמען די שוויגער צו זיך אַפילו אויף אַ טאָג, ווייל זי וויל אויספירן אַן אַמ־
ביציע קעגן דער מאַמען און איר ווייזן, אַז איר מאַן האָט זי שטאַרק ליב אין
זי קען ביי אים אַלץ אויספירן, אָבער ווי געטאָן האָט עס אים דאָך, וואָס זיין
מאַמע קען נישט באַהערשן די נערוון און נישט ווייזן, אַז זי איז די גוטע. עס
האָט אים אויך ווי געטאָן פאַר דער באָבען, וואָס האָט אויף די עלטערע יאָרן
זיך געדאַרפט וואַלגערן אין דער פרעמדר און ער האָט זיך מיט טרויער
דערמאָנט, ווי שיינענדיק זי האָט אויסגעזען, ווען ער איז געפאָרן צו איר
קיין איזמאַיל נאָך מתנות און ווי העלדיש זי האָט אויסגעזען, ווען זי האָט
געטאַנצט ביי מאָמציען אויף דער חתונה אין איינעם מיט איר ברודער לייי־
זער און דערנאָך מיט אירע דריי זין. איצטער איז זי שוין געלעגן ווי אַ
קלאָץ און האָט זיך קוים געקענט רירן. זי האָט געוואָלט אַנטקעגן לויפן איר
אייניקל און זי האָט נישט געקענט און איז געבליבן ליגן אין בעט און זי האָט
קלוימערשט געלאַכט, טאַקע ווייל זי האָט זיך שטאַרק געשעמט. דער טאַטע
מיט דער מאַמען זיינען אונזער העלד אַנטקעגן געקומען אויך מיט דאגות וועגן
„פריזיוו". ער האָט זיך געחידושט: „שוין דער פריזיוו?" אָבער דער טאַטע
האָט געענטפערט, אַז ער האָט אים איבערגעמאַכט די מעטריקע און געשטעלט
עלטער מיט דריי יאָר, בכדי ער זאָל זיין זיכער מיט דער „ערשטער לגאָטע".
שפעטער מיט אַ פאָר יאָר וואָלט ער שוין געהאַט נאָר אַ „צווייטע לגאָטע".
אויף די עלטערן איז שוין גאָר געפאַלן אַ פחד וועגן דעם גיין דינען. מען האָט
שוין אין יענע יאָרן צוגענומען אויך ערשטע לגאָטניקעס, ווייל אַ סך האָבן
געפעלט צוליב דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע און אַרגענטינע און דעם פראָ־
צענט יידישע סאָלדאַטן האָט מען גענומען פון דער אַלגעמיינער צאָל יידישע
קינדער, וואָס זיינען געבוירן געוואָרן אין יענעם יאָר, די אויסגעוואַנדערטע
האָט מען נישט אויסגעמעקט פון דער ליסטע און מען האָט זיי אָנגעגעבן ווי
אַנטלאָפענע. יאַנקלען האָט דער פריזיוו אויך געשראָקן, אָבער נישט אַזויפיל
וויפל די עלטערן, דאָך האָט ער זיך באַלד באַשלאָסן, אַז ער מוז נאָך דאָס
יאָר זיך עקזאַמענירן כאָטש פאַר פיר קלאַסן גימנאַזיע, בכדי צו קענען דינען
„אויף די רעכט פון אַ פרייוווליקן" און נישט דאַרפן גיין צו קיין שוואַרצער

ארבעט. אין שטוב האָט אפילו אום פסח געהאָנגען די שרעק פון פריזיוו. די באָבע האָט מען צו די סדרים געבראַכט אין שטוב אריין און דאָס דאָזיקע האָט אויך געשאַפן אַ שווערע און פיינלעכע שטימונג...

יאַנקל האָט זיך אַ נעם געטאָן צום לערנען און כאָטש ער האָט שוין אַלע אָביעקטן געקענט, האָט ער זיך צוגענומען אַ רעפּעטיטאָר. ער האָט זיך געפריווט פאַרמאַכן אין שטוב און זיך אָפּזונדערן פון דער גאַנצער וועלט און צו לערנען טאָג ווי נאַכט. דעם טאַטן איז געפעלן געווען, וואָס ער לערנט אַזוי פלייסיק, אָבער אַביסל קנאה האָט עס אין אים דאָך דערוועקט און ער האָט אים געזאָגט מיט אַ שטאָך, אַז איבער דער תורה האָט ער זיך נישט אַזוי אוועקגעהרגעט. עס האָט זיך גיך ארויסגעוויזן, אַז יאַנקל דאַרף גאָר נישט אַזוי שטאַרק לערנען טאָג ווי נאַכט. דער רעפּעטיטאָר איז געווען זיכער, אַז ער וואָלט מיט דער קלענסטער אָנשטרענגונג געקענט זיך עקזאַמענירן פאַר זעקס קלאַסן און אפשר נאָך מער. און דער פּרילינג איז געווען אַ רופנדיקער און אַ יוגנט איז אויך געווען אין קיליע אַ לעבעדיקע, וואָס האָט געלעבט און געלאַכט און אָנגעפילט די קופּט מיט געזאַנג און ס'האָט יאַנקלען דאָך ארויסגעשלעפּט אין גאַס אריין און ער פלעג נישט איין מאָל אַהיימקומען ערשט גאַנץ פרי. מען האָט מיט אים געוואָלט דיסקוטירן און דערצו האָט ער געקענט אַ היפּש ביסל רוסיש־יידישע און העברעאישע און טאַקע יידישע לידער, וועלכע מען האָט ביי אים געוואָלט אויסלערנען. גערעדט קיין יידיש האָט די אינטעליגענטערע יוגנט נישט, אָבער געזונגען יידיש האָט זי אַ סך. די מאַמע פלעג שוין ווידער קוקן מיט איבערגעשראָקענע אויגן, ווי איר זון קומט אַהיים שפּעט און זי פלעג אים נאָר שרעקן דערמיט, וואָס ער וועט דורכפאַלן ביים „עקזאַמענט" און ער וועט דערנאָך אויסגעריסן ווערן דינענדיק פּאָניען. וויפל ער האָט איר נישט פאַרזיכערט, אַז ער קען שוין גוט, האָט נישט געהאָלפן, זי האָט אַלץ געוויינט.

אין קיליע האָט דעמלט געוואוינט אַ נייע פאַמיליע אַן אינטעליגענטע. זי איז געקומען פון אַקערמאַן. זי האָט אויך געהייסן קאָמאַראָווסקי און האָט זיך טאַקע אָנגעקערט מיט די קאָמאַראָווסקיס, וואָס האָבן געהאַלטן די ערשטע מאָדערנע „פּראַטשעטשנע" (וועשעריי) אין שטעטל. די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ יונגענמאַן מיט אַ פרוי און צוויי קליינע קינדער און אַן עלטערע מוטער און אַ יינגערע שוועסטער. דער יונגערמאַן האָט געהייסן מענדל קאָמאַראָווסקי און ער איז געווען דירעקטאָר פון אַ נייער גרויסער רוסישער באַנק, וואָס מען האָט איינגעאָרדנט אין קיליע. ער איז געווען אין אַקערמאַן אַ וויכטיקער אָנגעשטעלטער אין דער „סט. פּעטערבורגער צווישן פעלקערלעבער קאָמערציעלער באַנק" און מען האָט אים געשיקט קיין קיליע איינאָרדנען אַן אָפּטיילונג און דאָרט ווערן דירעקטאָר. ער האָט באַלד פאַרנעמען אַ וויכטיקע פּאָזיציע אין שטאָט און מען האָט זיך מיט אים גערעכנט און

רעספּעקטירט, אַזוי ווי אַן אָנגעזעענעם מענטשן, אָדער גאָר אַ „טשינאָווניק". ער איז געווען אַן אימפּאָזאַנטער בלאָנדין מיט אַ געמיטלעך און ליבנסווירדיק אויסזען, וואָס האָט געקענט זיין ענערגיש, ווען ער האָט געהאַט נויטיק. ער איז געווען אַ הייסער ציוניסט און ער האָט גערעדט אַ פּליסיקן העברעאיש. פּרינציפּיעל האָט ער גערעדט נאָר רוסיש, אָדער העברעאיש, אָבער ווען ער האָט געדאַרפט צוליב געשעפט, האָט ער מיט די יידישע סוחרים פון שטעטל, נאַטירלעך, גערעדט יידיש. אַ דאַנק זיין באַזעצן זיך אין קיליע, האָט דאָרט דער ציוניזם זיך מער אימפּאָנירט און אַפילו זיין שוועסטערקינד לוי קאָמאַראָווסקי, וואָס איז פריער געווען אַ פּראָלעטאַריש־געשטימטער און אַ יידישיסט, האָט איצטער זיך אַלץ מער און מער גענייגט צום ציוניזם און ער האָט פאַרמוטשעט, אַז מען זאָל מיט אים ריידן העברעאיש, כאָטש ער האָט נישט געקענט. אַט ווי ער איז געווען פאַרנומען טאָג ווי נאַכט, פלעג דער דירעקטאָר פון דער באַנק קומען זייער אָפט אין שטוב אַריין פון דעם ארץ ישראל־דיקן העברעאישן לערער אהרקע האָפמאַן און ער האָט דאָרט פאַרבראַכט מיט דער קליינער גרופּע, וואָס האָט גערעדט העברעאיש. מענדל קאָמאַראָווסקי האָט געהאַט אַ פרוי אַ שיינהייט. זי איז געווען אַ הויכע, אַ געשטרעקטע, אַ ברענענדיקע ברונעטקע. זי האָט אויסגעזען אַזוי ווי מען שטעלט פאָר די העלדינס פון דער ביבל. זי וואָלט געוואָלט, אַז דער מאַן אירער זאָל נישט זיין קיין ציוניסט און זיך נישט דאַרפן חברן מיט דעם פּראָסטן און אָרימען עולם פון שטעטל. זי האָט זיך דווקא געוואָלט חברן מיט דעם ביסל אַריסטאָקראַטן צווישן וועלכע עס איז געווען אַ רוסישער דאָקטער, אַ יידישער אַפּטייקער און עטלעכע יידישע און נישט־יידישע גבירים, זי האָט געפּרוווט זיי איינלאַדן צו זיך און אָנקניפּן מיט זיי פאַרבינדונגען, אָבער דער מאַן האָט נישט שטאַרק דערלאָזט דערצו און זי האָט זיך אויך דערווייטערט פון זיי און זי האָט געזאָגט, אַז זיי זיינען אַ סך מער גרוביאַנעס ווי אַריסטאָקראַטן. מענדלס מאַמע איז געווען אַן עלטערע פרוי מיט אַ ווייסן קאָפּ. זי איז געווען אַ גאַנץ מאָדערנע אַלטיטשקע און זי האָט גערעדט אַ גאַנץ קאָרעקטן רוסיש, אָבער זי האָט בעסער ליב געהאַט צו ריידן יידיש. זי איז געווען די איינציקע פרוי אין קיליע, וואָס איז געגאַנגען מיטן בלויזן ווייסן קאָפּ. אַלע אַנדערע גרויע פרויען האָבן געטראָגן שוואַרצע פּאַרוקן. פלעג די אַלטע מאַמע וואָרענען איר שנור, אַז זי זאָל זיך נישט שטופּן וואו מען דאַרף נישט, ווייל די קיליער אַריסטאָקראַטן זיינען געמאַכטע מכשפות. מענדל קאָמאַראָווסקי האָט געהאַט אַ יינגערן ברודער, וואָס האָט געהייסן בוזי און וואָס איז געווען אין אָדעס. מען האָט געזאָגט אויף אים, אַז ער איז אַ בונדיסט און ער שרייבט יידישע לידער און ער איז אַפילו לערער ערגעץ אין אַ „זשאַרגאָנישער" שול. די אַלטע מאַמע האָט שטאַרק געהאַלטן פון איר יינגערן זון און פון זיין אידעאַל און זי האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אים און זי האָט באַהאַלטענערהייט

גענעבן אָנצוהערן, אַז אַלע מענטשן דאַרפן קודם כל זיין ערלעכע מענטשן און דערנאָך ערשט זאָלן זיי טראַכטן וועגן „נאַציאָנאַלנאָסט" (נאַציאָנאַליטעט). די ייִנגערע שוועסטער מענדלס איז געווען אַ הויכע, געזונטע יונג מיידל, וואָס האָט געטראָגן ברילן און איז געגאַנגען אַביסל מענעריש, אַזוי ווי אַ קורסיס־טקע, אָבער זי האָט געטראָגן לאַנגע האָר, ווייל זי האָט געהאַט אומגעהויער לאַנגע צעפּ און זי האָט מיט זיי שטאָלצירט. קיין זייער שיינע איז זי נישט געווען, אָבער קיין מיאוסע אויך נישט. אימפּאָנירט האָט זי מיט איר פיגור. זי האָט געהאַט אַ פיגור פון אַ העלדין אַקטריסע און זי האָט טאַקע געחלומט צו ווערן אַ שוישפילערין און זי האָט שוין געהאַט געשפּילט אַ סך וויכטיקע ראָליען אויף רוסיש און אויף יידיש און זי האָט גענומען אָרגאַניזירן אַרום זיך אַ גרופּע צו שפּילן טעאַטער. דער קאָמיקער דער וואַטנמאַכער סאָסקין האָט באַלד דערפילט אַ קאָנקורענץ אין איר און ער האָט געפּרואווט אָנהאַלטן אַ גרופּע אַרום זיך. מענדלס שוועסטער, וואָס האָט געהייסן ריווע, האָט זיך אַ נעם געטאָן צו שטעלן גאָרדינס „די שחיטה". עס איז געווען איר חלום צו שפּילן אסתרקע. עס האָט געפעלט אַ שמואל יאָסל, מען האָט נישט געפונען אין גאַנץ קיליע אַ יונגען בחור, וואָס זאָל קענען שפּילן דעם ייִנגען צוגע־פּלעטשטן שוחטל מיט דעם שווערן קאָפּ, וואָס איז פאַרליבט אין זיין אומ־גליקלעכער קרובה און ער זעט צו ווי אירע טאַטע־מאַמע פירן זי צו דער שחיטה... און ריווע קאָמאַראָווסקי האָט באַלד געזאָגט, אַז גאָט אַליין האָט איצטער געבראַכט יאַנקלען קיין קיליע...

און עס האָבן זיך אָנגעהויבן פּראָבעס. סאָסקין האָט זיך איבערגעבעטן. ער איז איינגעגאַנגען צו שפּילן, אָבער נאָר די אַלטע שוחטקע קרוינע. ער האָט שוין זייט לאַנג געוואָלט שפּילן אַ יידענע. און אַז מען האָט אויף דעם אַפיש געשריבן, אַז ריווע קאָמאַראָווסקי פון אַקערמאַן וועט שפּילן אסתרקען, האָט מען שוין געמוזט שרייבן, אַז סאָסקין וועט שפּילן קרוינען. אָבער ווען מען האָט נאָר גענומען רעפּעטירן האָט מען באַלד דערפילט, אַז דער שטערן פון דעם ספּעקטאַקל וועט זיין יאַנקל. זיין שמואל יאָסל האָט גענומען ריידן ווער־טער באַלד ביי דער ערשטער פּראָבע. ער איז דאָך געגאַנגען אין שוואַרצן העמדל און אין דער טוזשורקע. אָבער די ליבהאָבער האָבן געזאָגט, אַז זיי זעען אים שוין אין דער קאַפּאָטע און אין די פּאות. די שטאָט האָט אָנגעהויבן גיין כאַדאַראָם נאָך מיט אַ פּאָר וואָכן פאַר דעם ספּעקטאַקל. און טאַטע־מאַמע האָבן באַלד געהאַט יסורים, מען האָט באַלד גענומען זאָגן אין שטעטל, אַז זייער זון גייט אָפּשפּעטן און נאָכקרימען אַ יונגען שוחט און פון אים חוזק מאַכן און אין איין וועג חוזק מאַכן פון אַלע יידן... וואָס יאַנקל האָט נישט דערקלערט, אַז ער מאַכט פון קיינעם נישט חוזק און אַז אין דער פּיעסע שטעלט מען אַרויס שלעכט נאָר דעם גביר דעם תקיף, וואָס מאַכט אומגליקלעך אַ יידישע טאָכטער, האָבן די עלטערן דאָך זיך געערגערט. דערצו האָט מען נאָך

גערעדט, אַז מען וועט די פיעסע שפּילן אום ספירה, איז שוין גאָר געווען פריילעך. וואָס מען האָט די פרומע נישט אויפגעקלערט, אַז די פיעסע איז אַ טרויעריקע און מען מעג זי זען אַפילו אין די נײַן טעג, האָבן זיי זיך נישט געלאָזט ריידן און זיי האָבן געשריגן גוואַלד. עס האָט נישט געהאָלפן און מען האָט געמוזט די פיעסע שטעלן פונקט צו ל"ג בעומר. און די פאַרשטעלונג איז אַדורך מיט גרויס דערפאָלג. די יידענעס האָבן זיך געקלאָגט, וואָס עס איז נישטאָ קיין געזאַנג און ס'איז געווען צו טרויעריק, אָבער זיי האָבן מודה געווען, אַז ס'איז אַ שיינער ביישפּיל פון לעבן, נישט ווי די, „פּאַסקודסטווע גייסטער"... אַלע אַקטיאָרן האָבן אויסגענומען. געפאַלן איז אַביסל דווקא דער ליבלינג סאָסקין, מען האָט אַלץ געזאָגט, אַז ער איז אַ ימח שמוניק, אַז דער רוח זאָל אים נעמען, אָבער ער האָט שוין צו שטאַרק חוזק געמאַכט פון די יידענעס. ריווע קאָמאַראָווסקי האָט שטאַרק אויסגענומען ווי אַסתרקע. זי האָט געשפּילט ווי אַן אמתע אַקטריסע און מען האָט מודה געווען, אַז אַ קיליער מיידל וואָלט קיינמאָל אין לעבן אַזוי נישט געשפּילט. זי איז אויך געגאַנגען שיין אָנגעטאָן, זי האָט שוין פאַרשטאַנען צו נעמען די ווייבער מיט אירע טואַלעטן און מען האָט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן אירע האָר און אירע קליידער. זי האָט געשפּילט איבערלייגט און מיט פיינע פּויזעס און מיט אַ סך טעמפּעראַמענט און ווען זי האָט גענומען פּרואוון דעם חלף, איז יעדן איבערגעגאַנגען אַ קעלט און אייניקע האָבן אַפּלאָדירט. צלאל ראַפּאַפּאָרט האָט געשפּילט וואָלאָדיאַ ליטווין, וואָס האָט אויסגעזען אומגעהויער אימפּאָזאַנט. מען האָט אים געגלויבט, אַז ער איז דער דאָזיקער, וועלכן ער שטעלט פאָר. אָבער דעם רעקאָרד האָט געשלאָגן יאַנקל. זיין שמואל יאָסל האָט געריסן שטיקער. מען האָט דערציילט ניסים וועגן אים און מען האָט דערנאָך אַ לאַנגע צייט נאָכגעמאַכט ווי אַזוי ער האָט געזונגען „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה" און ווי ער האָט געזאָגט: „איז עס דאָך אַן אמתע שחיטה..." ווען ער איז צוריקגעקומען פון יענעם ספּעקטאַקל איז די מאַמע שוין נישט געשלאָפן און זי האָט זיך מודה געווען, אַז ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי געגאַנגען אין טעאַטער אַריין און זי האָט אים שוין דערציילט די בשורה, אַז מענטשן האָבן גערעדט זייער גוט וועגן אים און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער האָט געשפּילט גוט... זיין האַרץ איז געווען פול און ער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען עס אויסגיסן און ער האָט זיך מיט דער מאַמען צעקושט גלייך ווי ער וואָלט עפּעס אָנגעהויבן גיין אויף אַ נייעם וועג און זי וואָלט געשטאַנען דערביי... זי האָט זיך צעוויינט און זי האָט געזאָגט, אַז ס'איז פאַר פרייד...

די גרעסטע פרייד האָט געהאַט אַ פרוי, וואָס האָט געהייסן לאַגראַנסקאַיאַ און וואָס האָט אויך זיך געטראָגן דעם גאַנצן יאָך פון ספּעקטאַקל. זי האָט געדאַרפט באַזאָרגן די קליידער, דאָס מעבל און זי איז אין אַ געוויסער

מאס אויך געווען דער רעזשיסאר. זי איז געווען א פרעמדע אין שטאט, זי איז געקומען אהער פון לעבן קיעוו, פון א שטעטל הארדישטש. זי האט דערציילט, אז יעקב און יוסף לעשטשינסקי זיינען פון איין שטעטל מיט איר און זי האט זיך געגרויסט מיט דעם. זי האט אין קיליע געהאלטן א „טרוקענע אפטייק", און איר מאן האט געהאט א באזונדער געשעפט, אבער דער מאן איז געווען א גרויסער שיכור און ער האט אליין גארנישט פארדינט און ער האט פארשיכורט אלץ, וואס זי האט פארדינט. דער מאן פלעג זיך אנשיכורן און איר מאכן סקאנדאלן פונקט, ווען ביי איר זיינען געווען מענטשן — און מענטשן זיינען ביי איר תמיד געווען — און זי האט געשטיקט די טרערן אין זיך אריין און אלץ פארגלעט מיט א שמייכל. א פרוי פון א יאר פינף און דרייסיק איז זי דעמלט געווען, אבער אויסגעזען האט זי ווי א מיידעלע פון אכצן און אויך ווי א באבעלע. זי איז ארומגעלאפן מיט דראבנע טריטלעך לייכט און גיך און האט אנגעפילט מיט אירע גוטע, בלויע אויגן די גאנצע שטאט. זי איז געווען א באהאלטענע סאציאליסטקע און זי האט זיך אפגעגעבן מיט מאמענטאלער סאציאלער הילף. ווער עס האט געהאט א נויט, איז געקומען צו איר. זי האט געהאלפן יינגלעך און מיידלעך אוועקפארן לערנען. ווען א מיידל, אדער א יינגל האט געהאט א שווער הארץ פון אן אומגליקלעכער ליבע, איז מען אלץ געלאפן צו דער לאגראנסקאיא. זי האט געהאט די ליידן פון אלע באקאנטע און אויך די פריידן זייערע. מיטן געראטענעם ספעקטאקל איז זי געווען מער גליקלעך ווי אלע. זי האט דערציילט, אז ווען ביי זיי אין שטעטל האט עפעס אויסגעפעלט א פיעסע צום שפילן, האט יעקב אדער יוסף לעשטשינסקי אנגעשריבן אן איין־אקטער און זי האט געראטן יאנקלען, אז ער זאל אויך שרייבן פארן טעאטער און ווען ער האט אויף גיך געמאכט א פיעסע פון איר לעבן און איר איבערגעליינט, האט זי געוויינט און אים געקושט און געזאגט, אז מען דארף נישט באשרייבן קיין איין מענטשן אין טעאטער, נאר מען דארף באשרייבן דאס לעבן פון א סך.

אין שטאט איז ער שוין געבליבן מיט דעם נאמען שמואל יאסל, אבער ער האט קיינמאל נישט געפילט קיין באליידיקונג אין דעם און ער האט זיך אפילו געפרייט מיט דעם און מער פון אלע האט אים אזוי גערופן ריווע קאמאראווסקי, מיט וועלכער ער האט זייער ליב געהאט צו פארברענגען. זי איז געווען שטארק באלעזן און אינטעליגענט און זי האט זיך געהאלטן פריי, גלייך זי וואלט געווען אן אדעסערין. יאנקלען האט זיך געדאכט, אז זי איז גארנישט ווי קיין פרוי און ער פארברענגט מיט איר אזוי ווי מיט אן אינטעליגענטן חבר. אבער ווען ער איז מיט איר ארומגעגאנגען צו אפט און ער איז געזעסן מיט איר און געלייענט אין איינעם און דיסקוטירט, האט מען אין שטאט אנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אז ער ווערט פאר איר א חתן. אייניקע בחורים

האָבן אים שוין אַפילו אַריינגעזאָגט וועגן דעם און זיי האָבן אַרויסגעוויזן קנאה. זי איז נישט געווען קיין שטאַרק שיינע, אָבער זי האָט געהאַט אַ פּרעכ־טיקע פיגור און זי האָט אימפּאָנירט אויך מיט איר טעאַטער שפּילן. זי איז פאַרבליבן די העלדין... עס איז דערגאַנגען אַזוי' ווייט, אַז די מאַמע האָט שטילערהייט געפרעגט איר זון, צי ס'איז אמת, אַז ער ווערט אַ חתן און זי האָט אים דערביי פאַרזיכערט, אַז זי איז חלילה נישט קעגן און אַז עס געפעלט איר אי דאָס מיידל, אי דער יחוס. זי האָט שוין אַפילו געמאַכט אַ פּלאַן, אַז אויב ער וועט זיין אַ קלוגער, וועט ער מירטשעם נאָך דעם פּריזיוו אַריינגיין טאַקע צום שוואָגער אין באַנק אַריין. זי האָט אים שוין גערופן שוואָגער... יאַנקל איז נאָך נישט געווען אויסגעלאָדן פון זיין „קרבן" און פון סאַניאַן און מיראַן און ער האָט גאַרנישט געטראַכט פון קיין פרוי. ער פלעג גיין אויף דעם נייעם מאַרק, וואו עס האָט געוואוינט דער מאַן פון זיין „קרבן" און ער האָט דאָרט געוואָלט זען דאָס קינד. וואָס איז זיין בלוט און פלייש און עס האָט געדויערט אַ לאַנגע צייט ביז וואַנען ער האָט עס געקענט זען. ער האָט זיך מוראדיק געהיט, כאָטש קיינעם איז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן פון עפּעס... ער אַליין פלעג רויט ווערן, ווען ער האָט געפרעגט אַ דינסט, צי דאָס קינד, וואָס זי טראָגט איז פון דער מאַמע, וואָס איז געשטאָרבן... און ער האָט עס ענדלעך געזען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ס'האָט אין גאַנצן זיינע אויגן און זיינע ברעמען; דאָס קעפּל פון קינד האָט געהאַט פונקט אַזאַ טאָלעכל אין דערמיט, ווי זיין קאָפּ. די באַקן האָט עס געהאַט אין גאַנצן דער מאַמעס. ס'האָט געהאַט זעלטענע חן־גריבלעך, מיט וועלכע ס'האָט שוין געשמייכלט, ווי די מוטער. ס'איז אַלט געווען ערשט אַ האַלב יאָר. אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס קינד קוקט אויף אים און עס פּילט עפּעס צו אים. ס'האָט זיך אים נישט געגלוסט אַוועקגיין פון קינד, אָבער אים האָט זיך געדאַכט, אַז די דינסט קוקט שוין אויף אים מיט חשד און ער איז אַוועק מיט אַ גרויסן ווייטיק און מיט אַ גרויסער פרייד אין האַרצן. און ער האָט שוין דערנאָך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן קינד און זייער אָפט האָט ער גערעדט צו דעם אין געדאַנק. ער האָט אַ סך מאָל נישט געהערט, וואָס מען רעדט צו אים, ווייל דער געדאַנק איז אים אין גאַנצן געווען ביי דעם האַלביעריקן נפש מיט זיינע אויגן. ער פלעג אָפטער ווי אַמאָל אַרומשפּאַצירן אויף דעם נייעם מאַרק, בכדי צו זיין אין דער נאָענטקייט פון קינד און אייניקע האָבן שוין געפּליאָטקעוועט און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער גייט עפּעס צו אַ יידיש מיידל דאָרט, צו וועלכער אַ סך בחורים זיינען געגאַנגען, ווייל זי איז געווען אַ „פּלאַכע" און האָט נישט געקענט אָפּזאָגן און איז פּאַוואָליע געוואָרן דער נאַר פון אַ סך יינגלעך, וואָס האָבן זי נישט אויפגעהערט צו באַריידן. יאַנקל האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי מען קען אַזוי ריידן וועגן אַ מיידל מיט וועלכער מען האָט באַציאונגען און ער האָט געזאָגט, אַז פאַר אים איז אַ פרוי,

איז וועלכער ער איז פאַרליבט, אַ גאָט. די ייִנגלעך האָבן געלאַכט פון אים און געזאָגט, אַז ער האָט זייער נאַרישע געדאַנקען וועגן פרויען, אָבער ער איז געווען צופרידן, וואָס מען רעדט אַזוי וועגן אים און עס פאַלט נישט איין, אַז ער זוכט דאָס קינד...

מיט ריווע קאַמאַראָווסקי האָט אונזער העלד נישט אויפגעהערט שפּאַ־צירן. שעהן־לאַנג פלעג ער מיט איר אַרומגיין אויף דעם בערגל און ביים טייך. אויף דעם בערגל זיינען געווען אַ סך יונגע ביימלעך, וואָס מען האָט נישט לאַנג פאַרפלאַנצט, מען האָט זיך דאָרט געקליבן צו מאַכן אַ בולוואַר, פלעג ער נעמען און אויסקריצן מיט אַ מעסערל אויף די ביימלעך ריוועס נאָמען און זיינעם און דאָס מיידל האָט דאָס אויפגענומען מיט אַ סך פרייד. זי האָט געקענט ריידן ווי גאָר אַ דערוואַקסענער און ערנסטער מענטש און זי האָט זיך אויך געקענט שפּילן ווי אַ קליין קינד. זי האָט נישט געפילט, אַז ער ווערט צעריסן צווישן אַן אַ שיעור איבערלעבענישן און אַז ווען ער איז לעבן איר, איז ער אויך נישט לעבן איר און אַז מער ווי אַביסל חברשאַפט פילט ער נישט צו איר. און ווען ער האָט פאַר אַ שפּאַס איר דערציילט ווי אַזוי די מאַמע האָט גערעדט צו אים וועגן איר און ווי אַזוי זי מאַכט שוין פּלענער וועגן דער חתונה און וועגן נאָך דער חתונה, האָט זי זיך צעוויינט. ערשט דעמאָלט האָט ער זיך געגעבן חשבון, אַז זי איז צו אים נישט געווען ווי אַ ייִנגל אַ חבר און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אברהם רייזען איז גערעכט, ווען ער ווייזט, אַז אַ פרוי וויל שטענדיק, אַז אַ מאַן זאָל צו איר פילן ווי אַ מאַן... דאָס האַרץ איז אים אָבער געווען אַזוי פול מיט איבערלעבענישן, אַז ריוועס געוויין האָט אַהין נישט געקענט אַריין. זיין אייגן געוויין האָט דאָרט נישט אויפגעהערט צאַפּלען. ס'האָט זיך אים געוויינט צום קינד און וועגן דער פאַרשניטענער מאַמען און צו מיראַן און צו סאָניאַן. צו סאָניאַן האָט ער נאָך געקענט אַמאָל שרייבן אַ בריוו, צו מיראַן — נישט. ער האָט מורא געהאַט, אַז מיט אַ בריוו צו איר, וועט ער זי קאָמפּראָמעטירן, זי האָט דאָך צו אים כמעט קיינמאָל נישט גערעדט. זי איז דאָך ביי יעדן אין די אויגן געווען עפּעס נישט מער ווי „אַ סמאַרקאַטע מיידל” און ער וואָלט גאַנצע טעג געשטאַנען פאַר איר אויף די קניעס מער ווי פאַר זיין מאַמען...

דער טאַטע האָט זיך נישט געלאָזט. ער איז אַליין געפאָרן מיט יאַנקלען אים פאַרשרייבן צו די עקזאַמענס אין דער קאַמענעץ פּאָדאָלסקער גימנאַזיע. דאָס איז געווען שוין נישט קיין פראַגע וועגן לערנען „גוייהש”, נאָר וועגן האָבן אַ גרינגערע „סלוזשבע”, אויב ער וועט חלילה דאַרפן גיין דינען. דער וועג איז געווען אַ גאַנץ פאַרדרייטער און אַ לאַנגער. ווי קורץ מען האָט אים נישט געוואָלט מאַכן, איז ער אַלץ געווען לאַנג. און זיי זיינען אָנגעקומען אין יענער שטאָט, וואָס איז געווען אפשר אַביסל גרעסער ווי איזמאַיל, אָבער נישט שענער. ס'האָט נישט געהאַט די בולוואַרן, וואָס די שענסטע אין

גרעסטע שטאָט ביים דונייער אָרעם אין בעסאַראַביע האָט געהאַט. אָבער גע־
וועז איז די שטאָט אַנדערש. די פרומע זיינען דאַכט זיך, דאָרט געוועז פרי־
מער און פאַנאַטישער, די פרייע זיינען דאָרט אויך געוועז פרייער. אין קיליע
און אין איזמאַיל האָט יאַנקל קיינמאָל נישט געהערט אַזוי פיל ריידן וועגן
סאָציאַליזם ווי דאָרט און מען האָט עפּעס גערעדט אָפן. מען האָט גאָר זיך
נישט שטאַרק געהיט. און ס'איז געוועז אַ רוסיש־יידישע ביבליאָטעק, וואו עס
זיינען געוועז אַ סך נייע יידישע ביכער, וועלכע אונזער העלד האָט גאָר פאַר
די אויגן קיינמאָל נישט געזען. און לעקציעס זיינען דאָרט אויך פאָרגעקומען.
אין משך פון די פאָר טעג, וואָס ער איז דאָרט געוועז, זיינען פאָרגעקומען אַ
פאָר לעקציעס און אייניקע האָבן באַהאַלטענער־פאַרשטעלטערהייט גערעדט
וועגן סאָציאַליזם. יאַנקל האָט דאָרט געזען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן
דעם באַוואוסטן און מאָדנעם ציוניסטישן שרייבער דניאל פּאַסמאַניק, וואָס
איז אַ צייט געוועז אַ רוסישער מאָנאַרכיסט אין בולגאַריע און דערנאָך איז ער
געוואָרן אַ רעליגיעזער ציוניסט און אַ שטיק צייט איז ער אויך געוועז אַ
פועלי ציון און דערנאָך אַן אַלגעמיינער ציוניסט און אַ פאַרביסענער אַנטי־
סאָציאַליסט און געשטאָרבן איז ער אין פּאַריז ווי אַ רוסישער מאָנאַרכיסט.
דעמלט איז פּאַסמאַניק געוועז אַן אַנטיסאָציאַליסט און אין זיין לעקציע האָט
ער גערעדט אַ סך מער קעגן סאָציאַליזם, ווי פאַר ציוניזם. ער איז נישט גע־
וועז קיין שיינער מאַן, ער האָט געהאַט אַ לענגלעכע באָרד אַ שוואַרצע, שוין
אַביסל גרוי און אַן אויסגעדרייטע נאָז און ער איז געוועז אַ דאַרער און אַ
טרוקענער און ער האָט געהאַט אַ שלעכטן שמייכל. ער איז געוועז אַן אויס־
געטרוקנטער און די פיס זיינען ביי אים געוועז צו לאַנג אין פּראָפּאָרץ מיט
זיין קערפּער. ער איז געשטאַנען אויף אַ קליינער עסטראַדע צום עולם און די
שמאָלע, געפּאַסטע הויזן האָבן געוויזן אומגעהייער דינע פיס און דאָס דאַזיקע
האָט אים צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ סאַטיר. ער האָט אָפטמאָל אַרויסגערופן
אומצופרידנקייט מיט זיינע אַטאַקעס אויף דעם סאָציאַליזם. ער האָט געוואָלט
באַווייזן, אַז ביי יידן איז דער סאָציאַליזם זינלאָז, ווייל עס זיינען דאָ ווי־
ניק יידישע אַרבעטער. ער האָט געזאָגט, אַז די יידישע אַרבעטער מאַכן
צופיל טומל. ער האָט גערעדט רוסיש מיט אַ דין קולכל. ער האָט דערציילט
וועגן אַ שטעטל, וואו די יידישע אַרבעטער האָבן געמאַכט אַ מוראַדיקן גע־
טומל און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „אַ סקאַליקאַ ווי דומאַיעטיע טאַם בילאָ ראַ־
באָטשיך? פּישי אי טשיטאַי: דוואַדצאַטי טשעטירי" (און וויפל, מיינט איר
זיינען דאָרט געוועז אַרבעטער? שרייב און לייען: פיר און צוואַנציק); עס
איז געוועז אַ חן אין דעם און אַ סך גיפט. ביז דעמלט האָט יאַנקל נאָך קיינ־
מאָל נישט געהערט קיין ציוניסט ריידן אַזוי גיפטיק קעגן סאָציאַליסטן.

אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק האָט אונזער העלד געזען פון דער נאָענט ש.
פרוגן, וואָס איז אַהין געקומען אין איינעם מיט ל. יפה. ביידע זיינען גע־

ווען אַנאָנסירט ווי באַרימטע רוסישע דיכטער, אָבער די סענסאַציע איז גע־ווען ש. פרוג, כאָטש ל. יפה'ס לידער האָט מען אויך דעמלט געזונגען. יאַנק־לען איז פאַרבליבן אין געמיט זיינס אַ העברעאיש ליד „ואלם נשארתי" (אַ שטומער בין איך געבליבן), וואָס איז געווען געדרוקט אין יובל־העפט פון „השלוח". אין דעם דאָזיקן ליד האָט דער דיכטער אויפריכטיק דערציילט, אַז עס איז געבליבן אַ שטומער אָן אַ שפּראַך און אָן אַ געזאַנג. אונזער העלד האָט זיך פאַרטייטשט, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ מאָמענטאַלע שטימונג, נאָר אַ רעזולטאַט פון דעם, וואָס ער האָט געשריבן אין דריי שפּראַכן. אַ דיכ־טער, אַ פּנים, דאַרף שרייבן אין איין שפּראַך... און ער אַליין, וואָס האָט זיך אויך געדרייט צווישן די זעלבע דריי שפּראַכן, האָט זיך געזאָגט:

אַ מענטש האָט נאָר איין מאַמע,
אַ שרייבער קען האָבן נאָר איין שפּראַך...

ל. יפה האָט אויסגענומען מיט זיין אויסערלעכקייט, ש. פרוג מיט זיין אינערלעכקייט. דער באַרימטער דיכטער האָט געלייענט אין רוסיש זיינע ליי־דער, וואָס אַלע האָבן געקענט, אָבער ביי אים אין מויל זיינען זיי געוואָרן באַנייט. די אויסגעלאַשענע אויגן האָבן זיך אים אָנגעצונדן און אפילו דאָס קרעכצנדיקע קול האָט צוגעגעבן חן דעם פאַרלייענען. ס'איז געווען אַ שבת ביי טאָג. נאָך דעם פאַרלייענען האָט די יוגנט אַרומגערינגלט ביידע דיכטער און דער דעמלט שיינער, שלאַנקער יפה האָט פאַרגעלייגט זיך צו דורכשפּאַ־צירן און ער האָט געזאָגט צו פרוגן (אויף רוסיש): „נעמט אייך די יונגעלייט און איך וועל זיך נעמען די מיידלעך". פרוג האָט זיך אָפּגעזאָגט פון שפּאַציר צוליב מידקייט און ווען די יוגנט האָט שפּעטער אָפּגעבראַכט יפה'ן פון שפּאַ־ציר, האָט פרוג זיך אַרומגעדרייט מיט אָנגעגאָסענע אויגן פון טרערן און ווייַן און ס'האָט פון איר געשמעקט מיט משקה. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וואָס דאָס לעבן איז אים שווער...

דער טאַטע איז זיין זון גוט צונויץ געקומען. ער האָט שוין געטראָפן וואוהין מען דאַרף און אפילו די שוחטים פון דער שטאָט האָבן אים אויך גע־האָלפן דערצו און ער האָט דעם זון פאַרשריבן צו די עקזאַמענעס און איינ־געלייגט אַ געוויסע סומע וואו מען דאַרף מיט אַ מינדלעכן אָפּמאַך, אַז אויב ער וועט דורכגיין, זאָל מען די סומע באַלד אויסצאָלן. אונזער העלד האָט שוין זיכער געקענט פאַר מינדסטנס זעקס קלאַסן, אָבער דער מאַכער האָט געראָטן צו גיין נאָר פאַר פיר, ווייל פאַר דער מיליטערישער דינסט איז זעקס און פיר קלאַסן אַלציינס. דער טאַטע מיטן זון זיינען צוריקגעפאָרן אַהיים רו־איק. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז אויב ער וועט אים חלילה נישט קענען אין גאַנצן באַפרייען, ווייסט ער, אַז ער וועט כאָטש האָבן אַ גרינגע „סלוזשבע" און ער האָט געלאָזט אַ טרער. טאַקע אַ שלעכטער זון, טאַקע אַראָפּ פון וועג,

אָבער געגוג געזונט און שלאָפלאָזע נעכט געקאָסט און ער קאָסט נאָך איצטער אויך... וויפל מאָל ער שלאָפט איצטער נישט קיין נעכט און ער טראַכט אַלץ וועגן דעם, וואָס פאַר אַ תּכלית עס וועט זיין פון אים... און ער האָט זיך אויסגעווישט די אויגן און ער האָט זיך אַליין געטרייסט, אַז איצטער איז סיי ווי קיין צייט נישט צו קלערן וועגן תּכלית, איצטער דאַרף מען טראַכטן וועגן פּריזיוו. אַמאָל זיינען געווען מאַכערס, היינט זיינען שוין קיין מאַכערס אויך נישטאָ. אַמאָל האָט מען אַפילו אַ דריטן לגאָטניק באַפרייט און אַפילו אָן אַ לגאָטע איז מען אַמאָל באַפרייט געוואָרן מיט אַ גרויסן נומער און היינט האָט אַן ערשטע לגאָטע אויך נישט קיין שום ווערט. פאַראַיאָרן האָט מען צוגענומען אַלע, וואָס האָבן זיך געשטעלט, ווייל די אַלע, וואָס זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט מען נישט אויסגעשריבן, אָדער מען האָט נישט געוואָלט אויסשרייבן.

די צייט פאַר דעם עקזאַמען איז אַריבער אין אַ מוראַדיקער נערוועזקייט און אין אַ היפשער צעלאָזנקייט. אונזער העלד פלעג זיך שוין באַגעגנען מיט די „פּריזיוווניקעס” פון קומענדיקן הארבסט און זיי האָבן זיך שוין אַלע דערלויבט דאָס דאָזיקע, וואָס פּריזיוווניקעס דערלויבן זיך און ער איז נישט איין מאָל אַהיימגעקומען און ס'האָט פון אים געשמעקט בראָנפן. די עלטערן האָבן געקרעכצט, אַז ער טאָר זיך נישט פאַרגלייכן צו אַנדערע פּריזיוווניקעס, ווייל ער איז נישט פון הינטערגעסל און ער איז אַ שוחטס אַ זון און ער איז געלערנט און ער דאַרף נאָך דערצו גיבן „עקזאַמענט” אויך. אָבער ער האָט זיך נישט צוגעהערט, ער האָט געזאָגט, אַז מיט דעם עקזאַמען איז ער זיכער, ווייל ער קען אַלצדינג אויף אויסנווייניק און די פרייהייט פון די פּריזיוווניקעס געפעלט אים. מען האָט געוואוסט אין שטאָט, אַז אייניקע גבירישע קינדער באַהאַלטן זיך אויס, זיינען די פּריזיוווניקעס געגאַנגען צו די עלטערן און געמאָנט ביי זיי געלט. עס זיינען דאָ אָרימע ייִנגלעך, וואָס זייערע מאַמעס די אַלמנות בלייבן אַליין און זיי דאַרפן זיי עפּעס איבערלאָזן. און אַנדערע האָבן נישט אויף קיין שטיוול און אויף קיין ציגאַר־טיטון. מען האָט זיך געדונגען, אָבער ביז וואָס ווען האָט מען גענומען עטלעכע רובל אויף משקה און אין איין וועג האָט מען נאָך אַרויסגעגנבעט עפּעס צום צובייסן... דער טאַטע האָט געשריגן, אַז ס'איז אַ הפקרות, אָבער ער האָט אויך געזאָגט, אַז איין מאָל אין לעבן איז מען אַ פּריזיוווניק. די מאַמע האָט אַביסל צוגעבאָמקעט און זי האָט געזאָגט, אַז פון שטענדיק אָן גייען די אָרימע קינדער דינען פאַניען פאַר די רייכע...

די עקזאַמענעס זיינען דורכגעגאַנגען ווי עפּעס אַ נערוועזער חלום. יאַנקלען האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט די גאַנצע צייט געהאַט היץ, אָדער ער איז געווען שיכור, כאָטש ער האָט גאָר קיין בראָנפן נישט געזען פאַר די אויגן. ער האָט אויף די פראַגן געענטפערט מינדלעך און שריפטלעך און ער איז קיינ־

מאָל נישט געווען ביים פּולן באַוואוסטזיין, עס האָט זיך אַליין געענטפערט, גלייך טויזנט רוחות האָבן געאַרבעט אין אים. אַנדערע קאָלעגן זיינען געווען אַ סך רואיקער און ער האָט זיי מקנא געווען מיט זייער רואיקייט. ווען עמי־צער האָט אים נאָך אַן עקזאַמען געפרעגט „קאָלעגע, ווי אַזוי האָט איר גע־ענטפערט?” האָט ער נישט געוואוסט, וואָס צו זאָגן. אָבער פון די נאָטן האָט ער דערקענט, אַז ער האָט גוט געענטפערט. דער „מאַכער” האָט אים דערציילט, אַז די לערער האָבן אים שטאַרק געלויבט און זיי האָבן געזאָגט, אַז ווען ער קומט אָן דעם „פּרעזערוני מעטאַל” (דעם פאַרשאָלטענעם מעטאַל) לאָזן זיי אים סיי ווי דורך, זיי זיינען נאָר נישט זיכער, צי זיי וואָלטן אים צוגעלאָזט.. אין דער היים האָבן די עלטערן אויפגענומען זייער זון נישט נאָר מיט צו־פרידנקייט, וואָס די „סלוזשבע” וועט אים זיין גרינגער, נאָר אויך מיט אַ גע־וויסן רעספּעקט. ער איז פאַר זיי געווען אַ שטיקל „געקינטשעטער”; די באָבע, וואָס האָט זיך שוין גאַרנישט געקענט רירן, זי איז שוין ווידער געווען אין שטוב, ווייל זי איז געווען שווער קראַנק און אפילו די מאַמע איז שוין אויך איינגעגאַנגען זי זאָל זיין אין שטוב, ווייל זי האָט נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זאָגן, אַז זי האָט חלילה געמוזט שטאַרבן אין דער פרעמד; האָט די באָבע גע־פרעגט, צי עס פעלט נאָך אַ סך ביז דאָקטער...

קיין מעגלעכקייטן אויסצוקויפן דעם זון פון „סאָלדאַטשינע” האָט דער פאָטער נישט געזען. די גרעסטע גבירים האָבן עס די לעצטע צייט שווער באַ־וויזן און זייערע זין האָבן זיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן, אָדער ליגן אין די שפּיטאָלן. די האָפענונג איז נאָך געווען די ברילן, וואָס יאַנקל האָט געטראָגן זייט אַ פּאָר יאָר. ער האָט זיי אָנגעטאָן אין איינעם מיט נאָך עטלעכע באַ־קאַנטע אין אָדעס, זיי זיינען געווען פאַר קורצזיכטיקייט און ער האָט זיך גע־נוג אָנגעמוטשעט ביז וואַנען ער האָט געזען דורך זיי. מען האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן העלפן צום פּריזיוו און ער האָט זיך מיט זיי געמוטשעט און אַלע מאָל געטראָגן אַ קלענערן נומער, וואָס האָבן אים געמאַכט נאָך מער קורצ־זיכטיק. ער האָט זיך אַזוי לאַנג צוגעוואוינט צו זיי, אַז ער האָט שוין טאַקע אָן זיי נישט געזען, אָבער מען האָט געזאָגט, אַז עס וועט גאַרנישט העלפן, מען שיקט אַוועק „נאַ איספּיטאַניע” (אויף אויספּרואַוו) און דאָרט לאָזט דער דאָקטער אַריין אַזעלכע טראָפּנס, וואָס מאַכן, אַז מען זאָל די ערשטע טעג גאַרנישט זען און דערנאָך ווערט צוריק אַזוי ווי ס'איז געווען. עס איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה ווי צו גרייטן זיך גיין דינען. די מאַמע האָט שוין באַצייטנס גענומען וויינען און זי האָט שוין אַ היפּשע טייל פון דער שולד גע־נומען וואַרפן אויף דעם טאַטן. זי האָט געזאָגט, אַז הערשל שוחט האָט שוין ביז איצטער באַפרייט אפשר פינף בנים זיינע און אברהם שוחט האַלט ביי דעם ערשטן זון, דאַרף ער ווערן אַ סאָלדאַט. דער טאַטע האָט זיך פאַרענט־פערט, אַז איצטער זיינען אַנדערע צייטן און אַז איצטער וועט גאָט אַליין נישט

קענען באפרייען, דער גרעסטער גביר חיים יאנקל וועט שוין אויך נישט קע־
נען באפרייען זיינע זין, האט ער געזאגט, אבער די מאמע האט אלץ געוויינט
און געקלאגט. איר איז אויסגעקומען, אז ס'איז א גרויסע בושה דאס דאזיקע,
וואס איר ערשטער זון דארף שוין גיין דינען... דער מאמען האט זיך נישט
אויפגעהערט דאכטן, אז דער טאטע איז שולדיק אין א סך זאכן און אז אים
גייט נאך דאס שלימזל... אין קיליע זיינען געווען מוראדיקע בלאטעס, פלעג
דער טאטע אפט אהיימקומען מיט שרעקלעך פארדריפעטע הויזן און די מאמע
האט איינגעלייגט וועלטן, אז אנדערע יידן פארדריפען נישט די הויזן און נאר
ער פארדריפעט; ער פלעג זיך פארענטפערן און לאכן מיט די גוטע אויגן און זאָ־
גן, אז ער גייט נישט אנדערש ווי די אנדערע מענטשן און אז ער גיט אכטונג
נאך אפשר מער פון זיי און עס פארדריפעט זיך פארט און די מאמע האט נישט
אויפגעהערט טענהן, אז ער איז שולדיק. יאנקל האט געהאט געלערנט אין
דער אנאטאמיע, אז מענטשן האבן דרייערליי פיס־גלייכע, „א" און „איקס".
די „איקס" פיס רייבן זיך איינס אין אנדערן, אזוי ווי לאטיינישע X און
ער האט געזען, אז דער טאטע האט „איקס" פיס און דערפאר ווערן ביי אים
פארדריפעט די הויזן און ער האט דאס דערקלערט דער מאמען און זי האט
אויסגעהערט און זי האט פון דעסט וועגן געזאגט, אז ווען ער וואלט נישט
געווען קיין נאכליע און ער וואלט בעסער אכטונג געגעבן, וואלט ער זיך נישט
אזוי פארדריפעט... און פונקט ווי זי איז געבליבן ביי אירן וועגן די הויזן, איז
זי אויך געבליבן ביי אירן וועגן דעם פריזיוו און זי האט געוויינט און דער
טאטע האט יאקאס אויך מיטגעוויינט, עס איז אים אויך נישט אנגעשטאנען
צו האבן א זון א סאלדאט...

און וואס מער ס'איז געקומען צום סוף זומער, אלץ מער האט אונזער
העלד דערפילט, אז ער איז א „פריזיווניק" און ער האט מיטגעמאכט דאס
גאנצע הוליאקישע און צעלאזענע לעבן פון די „פריזיווניקעס", וואס מען האט
זיי אין קיליע גערופן „זשערעבניקעס", ווייל בעת דעם רעקרוטירן האט מען
דאך געצויגן נומערן און ס'איז אויסגעקומען, אז ס'איז א „זשערעב" (גורל).
ער איז געגאנגען אין איינעם מיט די אלע בחורים, וואס אייניקע פון זיי האבן
שוין געטראגן שטיוול, אין די שטיבער פון די רייכע, וואס האבן אויסבאַ־
האלטן די זין און ער האט געהאלפן מאכן סקאנדאלן. די רייכע האבן זיך באלד
אנגעכאפט אין אים און זיי האבן געזאגט, אז דעם שוחטס זון וואלט זיך גע־
מעגט פארהאלטן אביסל שטילער. דערצו האט ער נאך געדארפט שטיין אין
איזמאיל, ווייל דער טאטע זיינער איז פארבליבן אן איזמאילער נכתב און מען
האט געפרעגט, וואס האט דא א פרעמדער רוח צו טאן... ער איז געגאנגען אין
איינעם מיט די פריזיווניקעס און געשיכורט אין איינעם מיט זיי און געזונ־
גען אין איינעם מיט זיי דאס רוסישע לידל:

ניע פּלאטש, טי מארוסיא, אי בודיעש טי מאַיא,
זשערעבאם בודו זשעניטסיא נא טעביא.

(ווײַן נישט מארוסיא, דו וועסט זײַן מײַנע,
נאָך דעם פּריזיוו וועל איך פאר דיר חתונה האָבן.)

די עלטערן האָבן נישט געוואוסט ביי וועמען זיי זאָלן בעטן — ביי דער שטאָט, אַז זי זאָל אויפהערן אַזויפיל מענהם האָבן צו זייער זון, וואָס דאַרף דאָך פאַרט גיין דינען און ער לעבט איבער יסורים, צי בעטן דעם זון, אַז ער זאָל זיך נישט חברן מיט דער גאַנצער „באַמע קאָמאַנדע". און דער זון האָט געפילט אַן אומגעהויער קלעמעניש ביים הארצן. עס האָט זיך אים נישט געגלוסט צו גיין דינען, ער האָט געוואוסט, אַז אין „סלוזשבע" איז שטרענגע דיסציפּלין און אַז ער וועט דאָרט נישט קענען נישט לייענען, נישט לערנען און ער וועט זיך אין גאַנצן אָפּשטעלן אין זיין אַנטוויקלונג. אים האָט זיך גע־דאַכט, אַז ער וואָלט איצטער אריין אין טראַנס און ער וואָלט געלערנט און געלערנט, ער וואָלט געענדיקט די גימנאַזיע און געפּרואווט זוכן אַן אוניווער־סיטעט אין אויסלאַנד און ער האָט אויך געחלומט וועגן שרייבן פאַרשיידענע ווערק. ער האָט זיך געמאַכט פּלענער און פּלענער וועגן פּיעסן. עס האָט אים געצויגן צום טעאַטער. ריווע קאָמאַראָווסקי האָט אים נישט איין מאָל גע־רעדט וועגן דעם, אַז זיי זאָלן ביידע פאָרן איבער בעסאַראַביע שפּילן עטלעכע פּיעסן גאָרדינס און איבערהויפּט „די שחיטה", זיי וועלן שוין, האָט זי גע־זאָגט, אומעטום קריגן אַ פּאָר „ליוביטעליעס", וואָס וועלן זיי העלפן און זיי וועלן קריגן אַ נאָמען און מען וועט זיי צונעמען אין אַ טרופּע פון אַקטיאָרן — זי אַלס פּרעמיערשע און אים אַלס פּרעמיער... און ביז וואָס ווען, איז זי אַוועק צוריק קיין אַקערמאַן, ווייל אין קיליע איז איר געווען לאַנגווייליק. ער האָט געחלומט אַליין צו שרייבן פּיעסן און זיי שפּילן. ער האָט זיך אַרומגע־טראָגן מיט דער קינדישער פּיעסע מיט זיינער, וואָס האָט געהייסן „דער מער־דער" און ער האָט זיך אויסגעלערנט די לאַנגע מאָנאָלאָגן אויף אויסנווייניק און ער האָט זיי נישט אויפגעהערט שפּילן פאַר דעם שפּיגל און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער וואָלט מיט דער דאָזיקער פּיעסע איינגענומען די וועלט. ער האָט זי שוין אַפילו אָנגעהויבן צו איבערזעצן אויף רוסיש. ער האָט אויסגע־לערנט אַ סך דעקלאַמאַציעס, וואָס זיינען אין יענער צייט געווען אין דער מאָ־דע. ער האָט אויף יידיש דעקלאַמירט „דאָס לעצטע וואָרט" ביאַליקס און פרוגס „זאַמד און שטערן" און אויף רוסיש — אַפּוכטינס „דער משוגענער" און פּיאָדראָווס „די טייוולישע קאַרוסעל" און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער דעקלאַמירט זיי ווי אַ גרויסער קינסטלער... ער האָט נאָך געהאַט אַן אַ שיעור חלומות; אין שטאָט האָבן זיך געוואַלגערט טעמעס פאַר דערציילונגען,

וועלכע ער האָט געוואָלט באַארבעטן. מען האָט געזאָגט, אַז חיים יאַנקל קי־צים, וואָס האָט געגאָלטן פאַר דעם גרעסטן גביר, ווערט אַ קבצן און ער דאַרף אָנזעצן און ער וועט אומגליקלעך מאַכן אַ האַלבע שטאָט, ער האָט גע־האַט אַ טבע, אַז ווען ווען האָט איינעם געליגן אַ גמילת חסד, האָט ער ביי אים גענומען אַ וועקסל און ווען יענער האָט אים אָפּגעגעבן דעם חוב, האָט ער דאָס וועקסל צוריק נישט אָפּגעגעבן. ער האָט עס נישט געפונען, האָט מען געזאָגט, אַז ער האָט אַלע וועקסלען פאַרזעצט און מען וועט ביי אַלע יידן מאָנען נאָך אַמאָל. צוויי זין זיינען ביי אים משוגע געוואָרן און אַ דריטער איז געווען האַלב משוגע און איינע פון די שענסטע און קליגסטע מיידלעך האָט זיך מיט אים דאָך אַרומגעפירט, ווייל ער איז חיים יאַנקלס זון. מען האָט דערציילט, אַז נחמן דער משוגענער איז צוגעקומען צו חיים יאַנקלען עפּעס בעטן, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער קען נישט פאַרטראָגן קיין משוגענע, האָט דער משו־גענער געענטפערט: „ביי אייך זיינען דען אַ נאָווינע משוגענע?" מען האָט גערעדט אין שטעטל וועגן אַ יונג ווייבל פון אַ רייכן עלטערן מאַן. ווען דער דאָזיקער מאַן איז געבליבן אַן אַלמן, האָט ער זיך געשוואוירן, אַז ער וועט מער נישט חתונה האָבן און דערנאָך האָט ער זיך געבראַכט אַ יונג ווייבל. האָט מען געזאָגט, אַז זי לעבט מיטן בוכהאַלטער. זי האָט געהאַט אַ קינד. האָט מען גע־זאָגט, אַז ס'איז דעם בוכהאַלטערס. געווען אַ פּראָסטער אַלטער ייד אין שטאָט, ער איז שוין באַלד אַלט געווען אַכציק יאָר און ער האָט גערעדט ווי אַ „באָ־סיאַק", לייב דער דודיכעס האָט ער געהייסן, פלעג ער צוגיין צו דער רייכער פרוי און קוקן אויף דעם קינד און זאָגן: „אין גאַנצן ווי דער בוכהאַלטער זעט ער אויס, ס'איז טאַקע זיינס?" יאַנקל האָט דאָס אַלץ געוואָלט באַשרייבן אין דערציילונגען; ער האָט אויך געשריבן רוסישע לידער, וואָס איניקע פון זיי האָט מען געדרוקט אין דער איזמאַילער צייטונג „פרידונייסקי קראַי" און אים האָט זיך נישט אויפגעהערט אויסוויזן, אַז ער וואַקסט אַ רוסישער פּאָעט. און פּלוצים האָט ער געדאַרפט איבעררייסן אַלע חלומות און גיין ווערן אַ סאָל־דאַט. און אַזוי ווי ער איז געווען מיט יאַטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין טרינקען, האָט ער נאָכגעטאָן און ער האָט אויך געטרונקען, אַ סך מאָל ביז פאַרגעסן זיך. די עלטערן האָבן געקוקט מיט שרעק און די מאַמע האָט נישט איין מאָל געזאָגט: „ער האָט אַ וויטיק, ווי איז דער מאַמען, דאָס האַרץ ברענט אים, צינדט ער נאָך מער אָן דאָס פייער..."

די „פּריזיוווניקעס" האָבן זיך מיט דער צייט צעטיילט אין צוויי גרופּעס, איינע איז באַשטאַנען פון פּראָסטערע חברה און די אַנדערע פון אינטעליגענ־טערע. די ערשטע זיינען געווען קינדער פון בעל מלאכות און מעקלערס, אמת'ע עמכה'ניקעס, וואָס האָבן גערעדט מאַמע־לשון און געזונגען ניגונים פון שול און די פריילעכערע שטיקער פון דאַוונען, אַ שטייגער ווי „וישמחו" און די צווייטע זיינען געווען קינדער פון רייכערע עלטערן, וואָס האָבן שוין געלערנט

אין דער שטאָטישער רוסישער שול, אָדער גאָר אין דער איזמאַילער פּראָ גימנאַזיע און זיי האָבן גערעדט נאָר רוסיש און זיי האָבן געזונגען נאָר רוסישע לידער און זיי האָבן אַריינגעוואָרפן אַ יידיש וואָרט נאָר פאַר אַ שפּאַס, אָדער אַ חוזק. יאַנקל איז נישט געווען שטאַרק צופרידן מיט ביידע, אָבער פאַרבליבן איז ער דאָך מיט דער „אינטעליגענטער" גרופּע, וואָס האָט נישט ווייניקער געטרונקען ווי די „פּראָסטע". דאָס טרינקען האָט אָנגענומען ווילדע פּראָפּאָרצן און איניקע עלטערן האָבן זיך געשראָקן, זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די קינדער זאָלן נישט ווערן קיין שיכורים, זיי האָבן אַפילו געוואָלט בעטן ביי די שענקערס, אַז זיי זאָלן נישט פאַרקויפן די יונגע חברה קיין וויין, אָבער יענע האָבן זיך אויסגעלאַכט און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי קוקן אַרויס אַ גאַנץ יאָר אויף דעם פּדיון פון די פּריזיוניקעס, וועלן זיי גיין נישט פאַרקויפן קיין וויין. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן צוגעזאָגט, איז געווען צו גיסן אַביסל מער וואַסער, בכדי די חברה זאָל ווייניקער שיכור ווערן און זאָל קענען מער טרינקען. די שענקערשעס האָבן צוגעגעבן: „וואָס זשע? זיי טרינקען עפּעס פאַר אייגן געלט? די נגידים באַצאָלן און זיי האָבן געגוג!" עס זיינען געווען קליגערע עלטערן אויך און זיי האָבן געזאָגט, אַז מען טאָר זיך נישט אַזוי נעמען צום האַרצן, פון שטענדיק אָן כאַפּן פּריזיוניקעס אַ כוסה און די דאָזיקע, וואָס דאַרפן נישט ווערן שיכורים, ווערן עס נישט און די דאָזיקע, וואָס עס איז זיי באַשערט צו זיין שיכורים, ווערן דאָס אָן דעם פּריזיוו אויך.

די גרופּע מיט וועלכער יאַנקל האָט פאַרבראַכט פלעג שיכורן אין אַ שענק פון אַן עלטערער פרוי, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן אָפּגעלעבט ווי אַן אלמנה און האָט אויף דער עלטער חתונה געהאַט מיט אַן אַלמן. געזאָגט האָט מען אויף דער דאָזיקער פרוי, אַז זי איז געווען דאָס קעפּסווייב פון אַ גרויסן גביר אין קיליע. זי האָט געהאַט עטלעכע טעכטער און אַלע האָבן זיי חתונה געהאַט פאַר שענקערס און אויף אַלע האָט מען גערעדט, אַז זיי פירן זיך נישט אויף שיין. אויך נאָך דעם, וואָס זיי האָבן חתונה געהאַט, האָט מען אויף זיי גערעדט. די אלמנה האָט געהאַט אַ גרויסן שענק מיט אַ סך באַזונדערע צימערן און מען האָט דערקענט, אַז אין די דאָזיקע צימערן שיכורט מען נישט נאָר. ער האָט געשמעקט אין די דאָזיקע צימערן מיט סודות און מיט סודותדיקע ריחות. ווען די „באָסע קאָמאַנדע" איז געקומען טרינקען, האָט די אַלמנה די יאַטן גוט פאַרשפּאַרט אין אַ גרויסן צימער און זי האָט זיי געגעבן אַלערליי געזייערטע זאַכן, וואָס זיינען געווען געגוג געפּעפּערט אויך און זיי האָבן געמוזט טרינקען. און דעם חשבון האָט זי אויך געמאַכט דעם אמתן. דעם חשבון פלעג אויסקומען צו מאַכן פאַרטאָג, ווען קיינער האָט שוין נישט געוואוסט וואו ער איז אין דער וועלט. אַלע האָבן זיך אויסגעליידיקט ביז אין לעצטן גראָשן און אַז עס האָט אויסגעפעלט, האָט זי אָנגענומען אַ קוויטל אויך. זי האָט שוין געוואוסט, אַז מען וועט איר באַצאָלן. די מיזינקע אירע איז נאָך נישט געווען

קיין חתונה געהאטע און זי פלעג זיך אפט באווייזן אין שענק, ווען די פריזיווניקעס זיינען געווען און זי האט זיי געהאלפן צו הוליען. זי האט ממזריש געוואונקען צו אלע, איבערהויפט צו די פירער און א גלעט האט זי זיך אויך געלאזט טאן. זי האט גערעדט אזעלכע מיאוסע רייד, אז א קאזאק האט געקענט רויט ווערן פון זיי. און זי איז שוין פארשוואונדן צו דער ריכטיקער צייט. זי האט געהאט געענדיקט די שטאטישע שול און האט גערעדט רוסיש מיט פארשנירעווועטע ליפן, אזוי ווי א גימנאזיסטקע, אבער אז זי האט געדארפט ריידן גראב, האט זי עס געטאן אין יידיש. זי האט דווקא געהאט א צארט אויסזען, זי איז געווען א בלאנדע, האט, דאכט זיך, געהאט פארחלומטע אויגן און ס'איז נישט געווען פארשטענדלעך פון וואנען עס האט זיך צו איר גענומען א כוח צו ריידן אזעלכע גראבע רייד. לעבן שענק איז געווען אן אפטיילונג פון דער אפטייק, האט דארט געארבעט א געהילפס פראוויזארשע, אן עלטער אויסגעגרינט מיידל, וואס איז געשטארבן חתונה צו האבן און האט נישט געהאט קיין חתן. מען האט איבער דעם דאזיקן מיידל געפראוועט אן א שיעור חוזקן. מען פלעג שיקן קויפן ביי איר אלערליי פיקאנטע רעצעפטן. אפיצירן פלעגן שיקן זייערע דינער, אז זיי זאלן מאנען רעצעפטן מיט מיאוסע נעמען, וואס זיינען נאר נישטא און זי פלעג ווערן רויט און באלד צוריק גרין. פלעג דער שענקערס מיזינקע לאכן פון דער געהילפס פראוויזארשע און זי ארומנעמען און מאכן מיט איר אלערליי מיאוסע הוועיות און יענע פלעג אי הנאה האבן, אי זיך שעמען... דאס גאנצע פארברענגעכץ האט אונזער העלד אנגעהויבן מיאוס ווערן, דאך האט ער זיך נישט געקענט באפרייען פון דעם און ער האט קיינמאל נישט געפעלט אין שענק. אזוי ווי ער האט נאר אפגעגעסן וועטשערע, איז ער באלד געלאפן. און טרינקען פלעגן אלע עד דלא ידע, אזוי ווי אום פורים. ווען עס האט געהאלטן ביי אהיימגיין פארטאג, פלעג שוין קיינער נישט וויסן וואו ער איז אין דער וועלט. יאנקל האט קיינמאל נישט געוואוסט ווי אזוי ער קומט אהיים. געוואוסט האט ער, אז די באנדע נעמט די עטלעכע דראשקעס, וואס דרייען זיך ארום און פארט אהיים און מיט די בעלי עגלות גייט שוין א חשבון. די מאמע פלעג שוין באלד אויסוואקסן לעבן זיין בעט און פרעגן, צי עס איז אים חלילה נישט שלעכט און אים איין וועגס פרעגן פארוואס ער וויל נישט רחמנות האבן אויף די אלטע טאטע־מאמע און ווייניקער אביסל טרינקען. און אז ער האט געבראכן, האט זי אים צוגעבראכט א שיסל און אים צוגעהאלטן ביים קאפ און דערביי נישט אויפגעהערט צו זאגן „גאט איז מיט דיר". זי האט אים דערציילט, אז זי האט אמאל געהערט פון איר מאמען עליה השלום, אז „א מאמע פארדעקט דעם מאנס חסרונות און די קינדערס ביזיונות"... דעם טאטנס חסרונות האט זי חלילה נישט געדארפט באהאלטן, זי האט געהאט מזל ביי גאט און דעם זינס ביזיונות, האפט זי צו גאט, וועט זי אויך נישט דארפן לאנג באהאלטן... און די דאזיקע ווערטער

האָבן אונזער העלד היפּש אויסגעניכטערט און ער האָט זיך געשעמט. ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז די קליידער זיינען אים אויך נישט גאָר אין דער אָרדע־נונג פון שיכרות און די מאַמע פלעג דאַרפן אויספּוצן די הויזן, אָדער דאָס העמדל נאָך איידער אַלע זיינען אויפגעשטאַנען אין שטוב. עס האָט נישט איין מאָל געטראָפן, אַז ער איז געקומען מיט איין זאָק. מען האָט זיך אַזוי איבער־בעטרונקען, אַז מען האָט זיך אויסגעטאָן די שיך און די זאָקן און צומאָל פאַרלוירן אַ זאָק: געווען איין בחור, האָט ער געהאַט אַ משוגעת. ער האָט ליב געהאַט צו שמעקן דעם שוויים פון די פיס, ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז דער זיסטער ריח אין דער וועלט... די חברים פלעגן נאָכמאַכן איינס דעם אַנדערן, ווי אַזוי זיי זעען אויס, ווען זיי ווערן שטאַרק שיכור. די מערסטע האָבן גע־רעדט גראָבע ווערטער. אויף יאַנקלען האָבן זיי געזאָגט, אַז ער פלעג שרייען, אַז ער איז דער גרעסטער פּאָעט אין דער וועלט...

דאָס שיכרות פלעג אויף דעם צווייטן טאָג אויך נישט איבערגיין. אונ־זער העלד פלעג אויפשטיין מיט אַ קאַפּווייטיק און ער האָט זיך נאָך געשעמט אויסצוזאָגן. די חברים האָבן געזאָגט, אַז די בעסטע רפואה צו קאָפּווייטיק פון שיכרות איז: נעמען אביסל בראָנפן. טאָקע אין יענער אַפּטייק אַפּטיילונג, וואו עס האָט געאַרבעט די פאַרגרינטע געהילפס־פּראָוויזאָרשע, האָט אויך גע־אַרבעט יאַנקלס אַ חבר פון דער קינהייט — ניוניאַ בראָדסקי. ער איז געווען אַ קליינינקער, אַ דאַרינקער און ער האָט געהאַט אַ קאַרנאָסע נעזל און ער האָט אויסגעזען אַזוי ווי אַ קליין גויאַלע. פלעג ער זאָגן, אַז ער האָט אַזעלכע שטאָפן (ער פלעג עס רופן וואָוילינגעריש „וועשטשעסטוואַ") פון וועלכע ער מאַכט אביסל בראָנפן, גייט דערפון באַלד איבער דער קאָפּווייטיק. פלעג יאַנקל גיין באַלד נאָכן אויפשטיין אַזש ביזן נייעם מאַרק צו כאַפּן אביסל בראָנפן, אַז עס זאָל איבערגיין דער קאָפּווייטיק. אויפן וועג פלעג ער שוין טרעפן אַ דראָשקע, וואָס האָט אים צוגעפירט פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס, אָדער גאָר אויף דעם חשבון פון ביינאַכט. דער טאַטע האָט זיך פון דעם דאָזיקן טרינקען בראָנפן אויף אויסצוניכטערן זיך נאָך מער געערגערט, ווי פון דעם ביינאַכטיקן טרינקען. די חברה האָבן דאָס אויסניכטערן גערופן אויף רוסיש „אָפּאָכמעליע", האָט דער טאַטע געזאָגט „פּעכמעליע" און דאָס איבערגעדרייטע וואָרט האָט אין זיין מויל געהאַט טויזנט חנען. ער האָט גראָד נישט לאַנג איבערגעלייענט אַ מעשה אין אַ ספרל, וואָס האָט אים געמאַכט, אַז ער זאָל זיך שרעקן. אין יע־נעם ספרל האָט זיך דערציילט, אַז אַ קעניג האָט זיך אַמאָל איבערגעטרונגען און אויף דעם צווייטן טאָג האָט אים ווי געטאָן דער קאָפּ. האָט ער געשיקט רופן אַלע זיינע דאָקטוירים און זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן דערצו נישט קיין רפואה, מען דאַרף פרעגן אַ שיכור. האָט דער מלך געשיקט רופן אַ שיכור און יענער האָט אים געהייסן טרינקען נאָך. האָט ער געפאָלגט און ס'איז טאַ־קע איבערגעגאַנגען, אָבער אויף מאָרגן האָט ווידער ווי געטאָן, האָט דער שי־

כור געהייסן דעם קעניג ווידער טרינקען, אויפן דריטן טאָג האָט ווידער ווי געטאָן, האָט ער ווידער געהייסן טרינקען; האָט דער קעניג געפרעגט: „וואָס זשע וועט זיין דער סוף?" האָט דער שיכור געענטפערט: „דער סוף וועט זיין, אַז דו וועסט זיך וואַלגערן הינטער אַ פּלויט גלייך מיט מיר..." דער טאַטע האָט יאַנקלען דערציילט די דאָזיקע מעשה און דערנאָך האָט ער זי אים כסדר דערמאָנט און ער האָט געזאָגט: „דאָס „פּעכמעליע" וועט דיך אין גאַנצן מאַכן פאַר אַ שיכור... מען דאַרף אַמאָל איבעררייסן... יאַנקל האָט געזען ווי דער טאַטע ערגערט זיך און ער האָט אים געוואָלט גרינגער מאַכן און ער האָט נישט געקענט. דער טאַטע פלעג דעם זון אַ סך מאָל פאַרהאַלטן נאָך דער וועטשערע און ער האָט געפּרואווט מיט אים ריידן וועגן תורה און וועלט־זאַכן און דערציילן מעשהס פון מוסר־ספרים און דער זון האָט געהערט, געהערט און ביי דער ערשטער געלעגנהייט, האָט ער זיך אַרויסגעכאַפּט און ער איז פאַרשוואונדן. און אַ סך מאָל האָט ער נאָך די שיכורע חברים זיינע דערציילט די מעשהס, וואָס ער האָט געהערט פון פאָטער. איין מעשה האָט דער טאַטע דערציילט, ווי אַ מענטש איז אַרויסגעגאַנגען באַקוקן די וועלט, איז ער געגאַנגען אין וועג און ער האָט געטראָפן אַ פּעטן, גראָבן מענטשן זיצן און רויבערן אַ ליולקע, איז דאָס אים פאָרגעקומען משונה, וואָס אַ מענטש זיצט און לאָזט רויך ווי פון אַ קוימען און ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס, האָט ער אים געענטפערט, אַז ער האָט נאָר וואָס אָפּגעגעסן אַ צו פעטן מיטיק און עס גייט אים אַרויף, רויכערט ער דערפאַר אַ ליולקע ציביק, אַז עס זאָל אים אַראָפּשלאָגן. איז ער געגאַנגען ווייטער און ער האָט געזען ווי עס זיצט אַ דאַרער מענטש אַן אויסגעטרוקנטער און ער רויכערט אויך אַ ליולקע, האָט ער אים געפרעגט פאַרוואָס ער רויכערט, האָט ער געענטפערט, אַז ער האָט נאָר וואָס געגעסן אַ קליין ביסל, ווייל ער האָט מער נישט געהאַט און ער איז געבליבן הונגעריק, רויכערט ער איצטער, אַז עס זאָל אים פאַרשלאָגן דעם הונגער. האָט זיך אָנגערופן דער וואַנדרער: איך פאַרשטיי נישט, יענער רויבערט, ווייל ער האָט צופיל צו עסן, דו רויכערסט, ווייל דו האָסט צו ווייניק, וואָלט מען דאָך געקענט מאַכן, אַז איר זאָלט ביידע עסן גלייך און ביידע נישט דאַרפן רויכערן..." יאַנקל האָט די דאָזיקע מעשה איבערדערציילט פאַר די חברים זיינע און זיי האָבן זיך געחידושט. וואָס אין די פרומע ספרים זיינען פאַראַן אַזעלכע סאָציאַליסטישע מעשהס.

ווען מען האָט זיך שוין געדאַרפט שטעלן אין איזמאַיל צום „פּריזיוו", האָבן טאַטע־מאַמע אויפגעהויבן די הענט צום הימל. אין איזמאַיל איז די זאַך צוגעגאַנגען גאַנץ פּשוט. מען האָט דאָרט באַלד געזאָגט, אַז די יידן וועט מען צונעמען די אַלע, וואָס האָבן זיך געיאַוועט, ווייל צופיל פון זיי זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. מען וועט אַרויסלאָזן נאָר קאַליקעס. ס'זיינען שוין אַפילו קיין מאַכערס נישט געווען, וואָס זאָלן זיך אונטערנעמען עמיצן

צו באַפרייען. יאַנקלען האָט מען געשיקט „נאַ איספּיטאַניע” אין אַ לאַזאַרעט קיין אָדעס און מען האָט אים טאַקע באַלד געגעבן אַן אומזיסטיקן בילעט, אַז ער זאָל אַהין פאָרן אין עטלעכע טעג אַרום. דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן נאָך געהאָפט, זיי האָבן געזאָגט, אַז גאָט קען נאָך אַלץ באַווייזן, אָבער אונזער העלד האָט זיך שוין באַטראַכט ווי אַ סאָלדאַט. אין אָדעס האָט ער אין אַ רייזיקן לאַזאַרעט געטראָפן טויזנטער ווי ער, מען האָט זיי אַלע באַלד אַריינגעלאָזט טראָפּן אין די אויגן אַריין און זיי האָבן דורך די ברילן גאַרנישט געזען און אַן די ברילן האָבן זיי אויך קוים עפּעס געזען. עס זיינען דאָרט געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אויף אַן אמת געווען קראַנק און אייניקע זיינען געווען אָנשטעקנדיק קראַנק און מען האָט זיך געדאַרפט פאַר זיי היטן. די פעלדשערס, וואָס האָבן זיך נאָכגעקרומט ווי אַזוי יידן ריידן, האָבן געזאָגט, אַז די יידלעקעס זאָלן אַכטונג געבן, ווייל אויב זיי וועלן זיך אָנשטעקן מיט טראַכאָם, וועלן זיי נישט קענען אַנטלויפן קיין אַמעריקע. עס זיינען געווען עטלעכע, וואָס האָבן געהאַלטן ביי בלינד ווערן אויף אַן אויג און זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָט מען זיי אַזוי געמאַכט, בכדי זיי צו באַפרייען פון „פריזיוו”. אין לאַזאַרעט איז געווען אַ שטענדיקער גערויש, אַזוי ווי אויף אַ יאַריד און כאָטש ס'איז דאָרט נישט געווען וואָס צו טאָן, האָט מען נישט געלאָזט גיין אין שטאָט אַריין, ווייל מען האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אַנטלויפן, אָבער אַהיים האָט מען דערנאָך געלאָזט פאָרן אַליין. יאַנקל האָט געזען אַן אָנהייב פון אַ דיסציפּלין, אין וועלכער עס איז דאָ מער רישעות ווי לאָגיק. אין לאַזאַרעט זיינען געווען זייער אַ סך יידן, פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך מער ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין, עס איז נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז יידן גייען נישט דינען דעם צאַר מיט קיין גרויס חשק. עס זיינען אין יענעם לאַזאַרעט געווען אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאַט אָפּגעדינט אַ יאָר און צוויי און זיי האָבן דאָך געזוכט אַלע תחבולותן נישט צו דאַרפן דערדינען די איבעריקע צייט. זיי האָבן דערציילט וועגן אַנטיסעמיטיזם אין קאַזאַרמע. עס איז בכלל געווען אַזאַ באַציאונג אין לאַנד צו יידן, אַז ס'איז נישט געווען פאַרוואָס צו זיין פּאַטריאָטן. ס'האָט אין די הערצער געברויזט אַ שנאה צום צאַר און אַ ליבע צו רוסלאַנד. יאַנקל האָט באַמערקט, אַז די יידן אין לאַזאַרעט האָבן אַ זעלטענעם צוטרוי איינער צום אַנדערן און קיינער האָט נישט מורא פאַר קיין מסירה. אַ בחור האָט געזונגען אין אַ היפּשן קרייז מאָריס ראָזנפעלדס אַ ליד „רוסלאַנד” און אונזער העלד זיינען באַלד פאַרבליבן אין זיכרון אָט אָ די שורות:

רוסלאַנד, קוים הער איז דיין שפּראַכע,
דאָן פיל איך אַ פרייד און שמערץ,
געפילן פון ליבע און ראַכע

דורכדרענגען מיין עלנדעם הערץ.
מיין וויג און מיין קבר צוזאמען,
צוויי בילדער — א גרויסער קאנטראסט,
מיין מאמע, וואס האט מיך געבוירן,
מיין קאיזער, וואס האט מיך פארהאסט...

עס זיינען געווען אייניקע יידישע סאלדאטן, אדער ערב־סאלדאטן אין לאזארעט. וואס זיינען געווען ארים ווי דער טויט. האט מען זיי געמאכט אביסל געלט. עס איז געווען באציאונג און צוטרוי פון איינעם צום צווייטן, ווי צווישן ברידער אין א נויט. עס זיינען געווען אייניקע גאר פרומע און אנ־דערע גאר צעלאזענע און ביידע צדדים האבן זיך געקריגט, אבער דארט וואו עס איז געקומען צו צוטרוי און צו נויט, איז געווארן א שלום.

ווען יאנקל איז אהיימגעקומען, זיינען די דירעקט אפגעגיבענע סאלדאטן שוין געווען לאנג אוועקגעשיקט און די „איספיטאניקעס" האט מען געהייסן ווארטן ביז א נייעם באפעל. פון לכתחילה האט דער איזמאילער „נאטשאל־ניק" פון פריזיוו נישט געוואלט דערלויבן די דאזיקע, וואס זיינען נישט קיין איזמאילער, אז זיי זאלן דערווייל אהיימפארן, אבער ווען די אלע „איספיטא־ניקעס" האבן פארלאנגט קעסט און קווארטיר, האט דער נאטשאלניק דער־לויבט אהיימצופארן און פארשריבן האט ער, אז מען איז געבליבן און יעדער „נאוואבראניעץ" קריגט אויף טעגלעכע הוצאות...

עטלעכע וואכן האט געדויערט ביז וואנען די „איספיטאניקעס" האבן געקראגן זייער באשטימונג און יענע פאר וואכן האט אונזער העלד פארבראכט געמיטלעך־טרויעריק אין זיין היים. ער האט שוין געפילט די בענקשאפט פון מארגן און ער האט געהאט א מאדנע פארגעפיל, אז ער וועט מער די היים נישט זען. ער האט זיך אויפגעפירט שטיל, האט זיך אפגעלאזט פון דעם טרינקען און ער האט געלייענט און אפילו געכאפט א לערן אין די אלטע יידי־שע ספרים. ער האט צוליב געטאן דער מאמען און אנגעמאסטן די תפילין אלע טאג און קיין גליקלעכערס פון איר איז דעמלט אין גאנץ קיליע נישט געווען. זי איז געווען זיכער, אז גאט וועט נאך העלפן און איר זון וועט נאך באפרייט ווערן. א סך מאל איז ער געגאנגען אויף דעם נייעם מארק און פאר־לוירן שעהן צו זען דאס קינד זיינס. וואס האט נישט קיין מאמען און אן אנ־דער מאן מיינט, אז ער איז זיין טאטע און ער האט עס נישט געקענט זען. ס'איז שוין געווען קאלט און מען האט עס געהאלטן אין שטוב; פלעג ער אהיימגיין א טרויעריקער און זיך טוליען צו די עלטערן און ער פלעג אין די פרייטיק צו נאכטסן זינגען אין איינעם מיט דעם טאטן די זמירות און אים האט זיך געדאכט, אז די שטוב האט א באזונדער שיין. ער האט זיך ערשט דעמלט צוגעהערט צו די זמירות און צו זייער זין און ער האט מיט מאדנע

דביקות פון אַ גלויביקן־נישטגלויביקן געזונגען דעם „כל מקדש”. וואָס זאָגט צו, אַז דער דאַזיקער, וואָס היילִיקט דעם שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין, קריגט אַ גרויסן לוין...

באַוויזן האָט זיך דעמלט אין קיליע אַ גאַנצער קרייז מיידלעך, וואָס מען האָט זיי פריער נישט געזען. זיי זיינען געווען קיליער און אונזער העלד האָט זיי געקענט ווי קליינע קינדער, אָבער זיי זיינען פּלוצים דערשינען ווי רייפע און דאָך קינדישע פריילינס. זיי האָבן געלערנט אין איזמאַיל אין דער פּראָ גימנאַזיע, ווייל אין קיליע איז מער ווי אַ שטאָטישע רוסישע שול נישט גע־ווען און ווען זיי האָבן געענדיקט די פּראָ גימנאַזיע, זיינען זיי צוריקגעקומען צו די עלטערן און זיי האָבן געבראַכט מיט זיך בענקשאַפט, פרייד און אַ גע־וויסע איבערגעשראָקנקייט. די עלטערן זיינען נישט בכוח געווען זיי צו האַל־טן ווייטער אין אַ גימנאַזיע, אָדער זיי האָבן נישט געוואָלט מער זיי האַלטן, ווייל זיי האָבן געזאָגט, אַז מיידלעך דאַרפן חתונה האָבן. און די מיידלעך האָבן געחלומט פון ווייטער לערנען און זיי האָבן שוין געוואָלט לעבן. די על־טערן האָבן אייניקע פון זיי געוואָלט שוין חתונה מאַכן און טאַקע געצוואונגען אָנצוקוקן חתנים, וואָס זיינען זיי נישט געווען צום הארצן. די דאָזיקע מייד־לעך האָבן זיך ארומגערינגלט מיט עטלעכע בחורים, וואָס האָבן אויך געענדיקט די פּראָ גימנאַזיע, אָדער זיי האָבן עקסטערן געלערנט דעם קורס פון גימנאַזיע און זיי האָבן זיך אַלע מאָל געטראָפן אין אַן אַנדער שטוב. געווען אַ פּאָר מאָ־מעס, וואָס זיינען געווען טאַלעראַנט און זיי האָבן געלאָזט די קינדער פאַר־ברייננגען. יאַנקל איז אויך געווען אין דער דאָזיקער גרופּע. וואָס האָט זיך אָפּ־געגעבן מיט לייענען, דיסקוטירן, „ראַזבירייען” (אַנאַליזירן), דעקלאַמירן, זינ־גען אַ ליד און אַביסל פלירט. וואָס איז צום מערסטן געווען גאַנץ אומשול־דיק. אין שטאָט האָט מען באַלד דערציילט מוראדיקע זאַכן וועגן דער דאָזיקער חברה און מען האָט זי אַ נאָמען געגעבן „קאָמפּאַניע ניע זשורים” (חברה שמאַך נישט!). אונזער העלד האָט באַמערקט, אַז די צאַפּלענדיקע מיידלעך, וואָס זיינען פול מיט פרייד פון דער נאַטור און פול מיט שרעק פאַר דעם לעבן, ווי די געזעלשאַפט אָרדנט עס איין, זיינען אַ סך מער טראַגיש ווי זיי־דיק. ער האָט געמערקט, אַז יעדע איינע לעבט איבער אַ טראַגעדיע אויף אַן אַנדער שטייגער און ביי זיך אין געדאַנק האָט ער זיך געזאָגט, אַז וואו אַ מיידל, דאָרט איז אַ טראַגעדיע... אייניקע פון די מיידלעך פלעגן זיך טרעפן מיט יאַנקלען אויך אינטים און זיך אַראָפּריידן פון הארצן און דערציילן וועגן זייער מורא פאַר מאָרגן. איבערהויפּט פלעג אים אַריינזינגען אין הארצן אַריין אַ געוויין אַ מיידעלע, וואָס האָט געהייסן בעטיא קאָמאַראָווסקי און וואָס איר טאַטע שלמה איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע און אויך פריילעכסטע באַלעבאַטים ביי זיין טאַטן אין שולכל. בעטיא איז געווען אַ קליינינקע, אַ ־יירעווודיקע, זי האָט פאַרמאָגט אַ זינגעוודיקע בלאָנדקייט און איינס פון אירע

העלע אייגלעך האט א קליין ביסל געקוקט קאסאקע און דאס דאזיקע האט איר צוגעגעבן א באזונדער חן. זי איז געווען זייער באלעזן און זי האט געהאט חלומות צו לערנען ווייטער, אבער איר פאטער איז נישט געווען בכוח. מען האט איר גערעדט א שידוך מיט א פראסטן בחור און זי האט אזש געציטערט, ווען זי האט געהערט דערמאנען זיין נאמען. געזאגט האט מען אויף איר, אז זי איז פארליבט אין א שגץ. פון יידישקייט האט זי גארנישט געוואוסט אוי־סער דעם, וואס זי האט געזען און זי האט יאנקלען דערמאנט אין פרצס „פאר־שטויסענע", זי איז געווען א קאנדידאטקע אויף א משומדת און נישט די איינציקע... אונזער העלד האט געפילט, אז א מיידל בכלל איז א טראגעדיע און זיין א אינטעליגענט יידיש מיידל אין שטעטל איז א פילפאכע טראגעדיע.

דער ווינטער האט זיך דערווייל אנגערוקט מער און מער און עס האבן זיך באוויזן זאווערוכעס און פרעסט און דער טייך האט זיך אנגעהויבן שטעלן. יאנקל האט דעמלט געזען דעם טייך, ווען ער האט געהאלטן אין פארגליווערט ווערן. עס איז אין אים נישט פארגעקומען קיין קלענערע בורעניש, ווי ווען ער האט געדארפט דערוואכן אין פרילינג. דאס שטראמענדיקע וואסער האט זיך געראנגלט מיט די שטיקער אייז און טאקע מיט זיך אליין. ס'איז פול געווארן מיט שניי דאס וואסער און עס האט זיך אנגעהויבן שווער צו רירן... יאנקל האט נישט איין מאל שפאצירט מיט בעטיא קאמאראווסקי ביים טייך און זי האט געזאגט, אז זי ווערט אזוי פארגליווערט ווי דאס וואסער...

די יונגע גרופע האט זיך געגרייט צו פארברייינגען ניי יאר אין איינעם. מען האט געפונען א גרויסע שטוב נאך מיט א פיאנא ביי טאלעראנטע על־טערן און מען האט דארט געגרייט א גרויסארטיקע סעודה. די מיידלעך האבן געזאגט „פיר נא וועם מיר" (א סעודה איבער דער גאנצער וועלט). די יינגלעך האבן זיך צונויפגעלייגט מיט געלט און די מיידלעך האבן געטאן די ארבעט. זיי האבן געגרייט סיורפריזן און אייניקע האבן געזאגט, אז עס וועלן זיין לע־בעדיקע בלומען אויפן טיש. פון וואנען וועט מען נעמען אין קיליע אין סאמע מיטן ווינטער בלומען? האט מען ציטירט דעם רוסישן דיכטער פעטס א צארט ליד וועגן דעם, אז פארליבטע מיידלעך זעען בלומען אפילו אין שניי... יאנקל האט צו יענער סעודה געגרייט א שיר האלב אין רוסיש און האלב אין יידיש. ער האט דערווארט א יום טוב פון פרייד און טרערן. ער האט דערווארטעט דעם אמתן יום טוב פון געזעגנען זיך. אבער מיט צוויי טעג פאר דעם יום טוב איז אנגעקומען פון איזמאיל א טעלעגראמע מיט אייןווארט: „פריעזשאי!" (קום צופארן!). ער האט זיך טעלעגראפיש געוואלט אפבעטן ביז נאך ניי יאר, אבער ער האט באקומען אן ענטפער שוין פון פינף ווערטער: „פריעזשאי, א טא עטאפאם פריוועדוט!" (קום, אנישט וועט מען ברייננען מיטן עטאפ). ווי נישט צום ערשטן און נישט צום לעצטן מאל אין לעבן איז זיינער א חלום נישט פארווירקלעכט געווארן און געלאזט אויף לאנג א ווייטיק אין הארצן...

דעם איין און דרייסיקסטן דעצעמבער אין דער פרי האָט אונזער העלד זיך געדאַרפט אַריינזעצן אין אַ שליטן און פאָרן קיין איזמאַיל ביים ברעג פון טייך. ער איז אויפגעשטאַנען פאַרטאָג און געגאַנגען אויפן נייעם מאַרק און ער האָט זיך אין געדאַנק געזעגנט מיטן קינד. דער העלד אונזערער האָט זיך אָנגעפּעלצט מיט אַ גרויסער לעמערנער „שובע" און ער איז געווען אַזוי שווער, אַז ער האָט די ווייַנענדיקע מאַמע קוים געקענט אַרומנעמען. די באָבע איז שוין געליגן גאָר ווי אַ קלאָץ און זי האָט געוויינט, וואָס זי קען נישט אַרויסגיין. יאַנקל האָט געפילט, אַז מער וועט ער די באָבע שוין נישט זען... דער טאַטע איז אויך געשטאַנען אַזוי, אַז מען האָט געזען, ווי דאָס בלוט רינט אים פון האַרצן. נאָר דאָס ברודערל, וואָס איז שוין געווען אַ גרויסער בחור, האָט זיך נישט פאַרלוירן און ער האָט אַריינגעבראַכט געמיט און ער האָט געשריגן צום עלטערן ברודער, אַז ווען ער וועט קומען, זאָל ער אים ברענגען שיינע זאַכן. יאַנקל האָט אים אויפגעהויבן צו זיך און דערפילט אַ דערלייכטערונג. די ייִנגלעך און די מיידלעך פון דער „קאָמפּאַניע ניע זשורים" זיינען אויך געווען ביים שליטן און דעם טאַטן און דער מאַמען אין די אויגן האָט מען זיך צעקושט און זיך אויסגעמישט. ווען דער שליטן האָט אָנגעהויבן רירן, האָט בעטיאַ קאָמאַראָווסקי זיך אָנגערופן, האַלב אויף רוסיש און האַלב אויף ייִדיש: „יאַשאַ, סלאַווא באָגו. טשטאָ מי ס'טעביאַ פּטור געוואָרן" (דאַנקען גאָט, וואָס מיר זיינען פון דיר פּטור געוואָרן) און זי האָט זיך צעוויינט און די מאַמע, וואָס האָט נישט אויפגעהערט וויינען, האָט פאַרשטאַרקט דאָס כליפּען און דער טאַטע האָט שוין אויך נישט אויסגעהאַלטן קיין מענערישקייט און ער האָט זיך אויך צעכליפּעט. די מאַמע האָט נאָר געשריבן: „היט זיך גוט אָפּ, זאָלסט זיך חלילה נישט פאַרקילן!" און ווען דער שליטן איז שוין געווען ווייט אין פעלד און דער ווינט האָט געשטאָכן און געזונגען, האָט אונזער העלד געפילט, אַז אוועקפאָרן איז נישט נאָר טרויעריק. ווען מען פאָרט אַוועק, האָט מען זיך אַזוי ליב, ווי מען האָט זיך קיינמאָל נישט ליב. ווען מען בלייבט אויפן פּלאַץ... אין דעם דאָרף קיסליצע, וואו דער שליטן האָט זיך אַביסל אָפּגעשטעלט, האָט זיך יאַנקל דערמאָנט, אַז זיין טאַטע איז דאָרט אויך אַמאָל געווען שוחט, ער האָט געדאַרפט פאָרן פון דאָרף צו דאָרף, דער טאַטע זיינער, ביז וואַנען ער האָט געקראָגן אַ מעמד אין אַ שטאָט. ער האָט אין דאָרף געטראָפן דעם פאָטערס פריינד, וואָס האָבן זיך גאָר דערפרייט איבער אים און זיי האָבן אים באַקרעכצט וואָס אברהם שוחטס זון דאַרף זיין אַ סאָלדאַט. ער האָט אַוועקגעשיקט אַ טעלעגראַמע צו דער יונגער חברה, וואָס האָט געפּראַוועט נייַ יאָר און די האַנט האָט אים געציטערט און פון די אויגן האָבן געפלאָסן טרערן. עס האָט אים ווייַ געטאָן אויף דעם נישט פאַרווירקלעכט געוואָרענעם חלום. ווען ער האָט שפּעטער באַקומען אין קאַזאַרמע אַריין אַ בריוו פון בעטיאַ קאָמאַראָווסקי, וואָס האָט געשריבן „מיר האָבן אַלע קיינמאָל אַזוי

זים נישט געווינט, ווי אין יענעם אוונט, לייענענדיק דיין טעלעגראמע", איז אים געווארן גרינגער... אין איזמאיל איז פון דעסט וועגן אויסגעקומען צו ווארטן נאך א פינף־זעקס טעג ביז וואנען מען האט אים אין איינעם מיט נאך עטלעכע „נאוואבראנצעס" אוועקגעשיקט אין דער שטאט האיסין, אין דער פאדאליער גובערניע צו דעם פינף און זיבעציקסטן „סעוואסטאפאליער" אינפאנטעריע פאלק. דאס צווינגען צו קומען באלד קיין איזמאיל איז געווען, ווי דער נאטשאלניק האט אים דערקלערט, א מוסטער פון דיסציפלין. אז ער ווערט א סאלדאט, דארף ער וויסן, אז באפעלן דיסקוטירט מען נישט, נאר מען פירט זיי אויס. אז א נאטשאלניק הייסט עפעס, דארף מען באלד זאגן „טאק טאטשנא!" (פונקט אזוי!) און נישט מער. יאנקל האט אין דעם דאזיקן געזען נישט נאר דיסציפלין, נאר רישעות. דעם נאטשאלניק אליין האט געזעצט דאס רישעות פון די אויפגעבלאזענע נאזלעכער, בשעת ער האט גערעדט. אין אונזער העלד האט זיך דערמאנט, ווי מאקס נארדויס פיעסע „דר. קאן" ענדיקט זיך מיט די ווערטער, וואס די העלדין זאגט: „פאפא, פארוואס טוען די מענטשן אזוי פיל שלעכטס איינער דעם אנדערן?" פון קינדוויז אן האט אונזער העלד נישט פארשטאנען פארוואס גאט און מענטשן האבן געמאכט אזויפיל שלעכטס אויף דער וועלט...

☆

קאפיטל זעכצן

„פאר נישט, בלומען בליען".

צו א רויטן יידן מיט אן אכסניה און א שענק האט מען אונזער העלד צו־געפירט פון דער באן אין האיסין. מען האט געזאגט, אז אלע יידישע „נאוואָ־בראנצעס" פארן אהין צו, איידער זיי גייען אוועק אין דער קאזארמע אריין. צוליב וואס דארף מען אהין צופארן? גלאט אזוי. בכדי צו געניסן נאך א טאג פון דער פרייהייט, ווייל ווען מען גייט שוין אריין אין דער קאזארמע, איז אבי געזונט. די ערשטע צייט לאזט מען אין גאנצן נישט ארויס. א סאלדאט דארף קענען גיין אין גאס, ער דארף קענען גריסן אן אפיציר און א גענעראל און ער דארף וויסן, וואס צו ענטפערן, אז מען פרעגט אים און דאס דאזיקע לערנט מען נישט אויס אין איין טאג, לאזט מען דערפאר קיין „נאוואבראניעץ" נישט ארויס. די דאזיקע יונגע סאלדאטן, וואס האבן נישט מיט וואס צו בלייבן א טאג אין שטאט, מוזן באלד אוועק אין קאזארמע, אבער די דאזיקע, וואס האבן א רובל אין קעשענע, טארן נישט באלד לויפן דינען פרעהן און זיי דארפן זיך געזעגנען מיט דער פרייהייט. פון די אלע רייד האט יאנקל ארויס־גענומען, אז שטארק פריילעך איז אין קאזארמע נישט. ביים רויטן יידן אין אכסניה איז אונזער העלד אבער אויך נישט געווען פריילעך. א ייד טאקע מיט א באָרד און מיט פאות און מיט א קאפאטע, אבער עפעס פארט נישט קיין היימישער. דער עיקר איז ביי אים נאר מען זאל אים געבן צו לייזן, ער רעדט רק צו, אז מען זאל קויפן ביי אים. ער פרעגט אלעמאל פארוואס מען טרינקט נישט, כאטש נעם און זעץ זיך אנידער אליין טרינקען. קיין קענט־שאפט אין שטאט האט דער נאוואבראניעץ נישט געהאט און וואס צו זען אין שטאט איז אויך נישט געווען. שניי און שטיבער. ארימערע און רייכערע שטיבער. ארימערע מער. און מאמעס האבן נאכגעקוקט און נאכגעקרעכצט. זיי האבן שוין דערקענט, אז ער איז א יונגער „זעלנער" (יאנקל האט דאס דא־זיקע ווארט דעמלט געהערט צום ערשטן מאל אין יידישן ריידן, פון יידישן שרייבן און פון דייטש האט ער עס געקענט) און זיי האבן געוויינט אויף זיין גורל. ער האט קיין שטיוול נאך נישט געטראגן, אבער מען האט שוין דער־קענט אין באשליק, אז ער קומט אין קאזארמע אריין. מיסתמא האבן די

קרעבצנדיקע מאַמעס געהאַט קינדער סאָלדאַטן אין אַנדערע שטעט, אויפן פּלאַץ האָט מען נישט געלאָזט דינען. געווען אַ יונגער יידישער שרייבער אין האַיסין האָט יאַנקל געוואַיסט, ער האָט אַ פּאָר מאָל געליענט זיינע זאַכן אין „גוט מאָרגן". עס איז אונטער זיי געווען געשריבן מיט קליינע אותיות „האַי־סין". יוסף קוצענאַגי האָט ער געהייסן דער יונגער שרייבער, איז אונזער העלד אים געגאַנגען זוכן אין ביבליאָטעק, האָט מען אים דאָרט געזאָגט, אַז ער איז, דאַכט זיך, נישטאָ הי. מען האָט אים געגעבן אַן אַדרעס פון די עלטערן און דאָרטן האָט מען אים געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמע־ריקע. אונזער פּאַרשוין האָט זיך דערפילט אין גאַנצן עלנד און ער איז צוריק־געגאַנגען אין אַכסניה אַריין, זיך צערעכנט מיט דעם רויטן יידן און ער איז אַוועק. אַ משרת האָט אים געפּרוּווט צוריידן, אַז ער זאָל בלייבן, ער האָט אים אַפילו געזאָגט, אַז מען קען אין אַוונט קריגן אַ מיידל אויך, אָבער ער האָט גענומען אַ וועגעלע, אַרויפגעלייגט דאָס קעסטל מיטן שלאָס און ער איז אַוועק אַרום דער שטאָט, וואו עס זיינען געשטאַנען ווי צוויי „חיתן" גרויסע געביידעס פון רויטלעכע, געברענטע ציגל. עס האָט זיך געהערט אַ געשריי פון אומעטום און דאַכט זיך אויך אַ געזאַנג און עס האָט געווייעט מיט פרעמד־קייט און שרעק.

דאָס דערשלאָגן זיך צו אַ „פּיסאַרי" (שרייבער) און דאָס קריגן אַ בעטל און קליידער איז אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם. אויינער האָט געשיקט צום אַנדערן. אין צעכהויז איז געווען אַ טאַראַראַם און אַ טומל. דער שרייבער האָט זיך געשאָלטן סתם אין דער וועלט אַריין און אפשר האָט ער טאַקע גע־מיינט דעם גאַסט, וואָס שטערט אים די רו. ער האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז געקומען אַזוי שפּעט. ער האָט זיך אויך געבייזערט, וואָס אַ ייד און אַ גאַנצער פּריץ, אַ געלערנטער איז נישט געקומען מיט קיין אייגענע שטיוול. ער האָט געמוזט אָנמעסטן אַ סך פּאָר שטיוול ביז וואַנען ער האָט געטראָפן איין פּאָר אַ מער אָדער ווייניקער פּאַסיקע. זיי זיינען אַלע געווען, אָדער צו קליין, אָדער צו גרוים און די דאָזיקע, וואָס ער האָט אָנגעטאָן, זיינען נאָך אַלץ געווען אַביסל צו גרוים. מיט הויזן און אַ מונדיר און אַ „שינעל" איז געווען נאָך שווערער. דער שרייבער האָט זיך אַלץ געבייזערט און דער ממונה איבער דעם צעכהויז, וואָס מען האָט אים גערופן קאַפּטענאַרמוס, האָט אים געהאָלפן שעלטן, ער האָט געזאָגט, אַז ער וואָלט געמעגט ברייננגען אַלע קליי־דער אייגענע, ער זעט דאָך איצטער אויס ווי אַ פּויער אָדער ווי אַ „טשר־טשעלאָ". ער איז דאָך „נאַ פּראַוואָך וואָלינאַ אָפּרעדיעליאַטשאַוואַ" (אויף די רעכט פון אַ פּריוווּיליקן) און ער וואָלט זיך געדאַרפט אויספּוצן אַזוי, אַז די מיידלעך זאָלן אים נאָכלויפן.

אַ צווייטן ברוך הבא האָט אים געגעבן אַ פּאָדפּראָפּאָרשטשיק, וואָס האָט אויסגעזען מער ווי אַ פּויער, איידער ווי אַן אָפיציר און ער האָט דאָך גע־

טראָגן אַ שווערד, אַזוי ווי אַן אָפיציר. ער האָט גלאַט געזאָגט, אַז ער האָט שוין צופיל יידן אין דער ראַטע. יאַנקל האָט געפילט אַ קעלט ביים האַרצן, ער קומט דינען און מען צווינגט אים, אַז ער זאָל גיין און מען זאָגט אים, אַז ער איז איבעריק. ער האָט געזוכט יידן מיט די אויגן און ער האָט געפונען עטלעכע. ער איז געווען אין דער צענטער ראַטע. ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז עס זיינען פאַראַן ניין ראַטעס מיט העכערע פון אים, אָבער — עס זיינען אויך דאָ זעקס נידעריקערע פון אים און דאָס דאָזיקע האָט אים געטרייסט. ער איז דאָך נישט קיין קליינינקער. ער האָט נאָך געטראָגן די ברילן, אָבער אַ ייד, וואָס איז צוגעקומען צו אים, האָט אים געראָטן, אַז ער זאָל זיי אויס־טאָן, ווייל מען וועט זיך טשעפּען צו אים דערפאַר. ער האָט דאָס דערקלערט מיט אַ פּשוטן שכל. „אויב, האָט ער געזאָגט, מען האָט אייך צוגענומען, זעט איר דאָך, טאָ צו וואָס זשע דאַרפט איר זיי טראָגן? עס וועט אייך גאָרנישט העלפן... מען קען אייך אפילו שיקן נאָך אַמאָל אין שפּיטאָל אריין, אָבער עס וועט נישט העלפן, טאָ זייט זשע אַ קליגער און טוט זיי אויס. פאַרגעסט נישט, אַז ווען מען טשעפּעט זיך דאָ צו איין יידן, טשעפּעט מען זיך צו אַלע...” דער בחור האָט נאָך געקענט אַ מאמר דערצו אויך און ער האָט צוגעגעבן, אַז דאָ מער ווי אומעטום זיינען „כל ישראל ערבים זה לזה” (אַלע יידן זיינען ערב איינס פאַרן אַנדערן). יאַנקל האָט אים געפאָלגט און אויסגעטאָן די ברילן. מען האָט אים געדאַרפט גיבן אַ בענדל, וואָס זאָל אָנווייזן, אַז ער איז אויף די רעכט פון אַ פּריווויליקן, אָבער מען האָט דאָס דערווייל נישט געגעבן אין איידער וואָס ווען האָט אים געפּאַקט אַ „יעפרייטאָר” און ער האָט אים גע־הייסן שלעפּן ליים אין איינעם מיט נאָך אַ יידישן סאָלדאַט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אויף די רעכט פון אַ פּריווויליקן, האָט יענער געענטפערט, אַז ער זעט נישט קיין בענדל און ער וויל פון גאָרנישט ווייסן און חוץ דעם דאַרף ער ווייסן, אַז ווען אַן עלטסטער גיט אַ באַפעל, טאָר מען נישט דיסקוטירן, ווייל אַן עלטסטער מעג מאַכן אַ טעות, איז זיין באַפעל אַלץ אַ באַפעל... יאַנקל האָט געקוקט אויף דעם עלטסטן, וואָס האָט געהאַט אַ גאַריש און שלעכט גע־שטופּלט פּנים און ער איז געוואָרן טרויעריק. דער צווייטער ייד, מיט וועלכן ער האָט געדאַרפט טראָגן דאָס ליים, האָט אים בעסער געהייסן שווייגן, ווייל „מען איז אין גלות”. ער האָט דערציילט, אַז יידן שטעלט מען דאָ מער אַר־בעטן שוואַרצע אַרבעט, ווי נישט־יידן. אַביסל טוען זיי עס אויף צו להכעיס און אַביסל ווילן זיי עפּעס... „קוק אַין אַן דעם עלטסטן מיינעם, האָט דער צווייטער ליים־טראָגער געזאָגט, אַ יידן וועט מען אַזאַ בענדל נישט געבן, מעג ער זיין דער גרעסטער מר בר רב אשי... אין גאַנצן פאַלק זיינען אפשר דאָ צוויי יידן מיט בענדלעך.” יאַנקל האָט אין יענעם פאַרנאַכט געדאַרפט טאָן נאָך שווערע שוואַרצע אַרבעט און דאָס בענדל האָט ער אַרויסגעקראָגן אויף דעם צווייטן טאָג ערשט נאָך דעם, וואָס ער האָט דער עלטערן אונטער אָפּי־

ציר, וואָס איז געווען „ווזוואָרני" (פירער פון א האלבער ראָטע) געגעבן אויף אביסל בראָנפן. ביז ער האָט אים דאָס געגעבן, האָט ער קיין צייט נישט געהאט דערויף...

אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען אונזער העלד באַלד געשיקט אויף די „זאַניאַטיעס" (איבונגען) א יעפרייטער האָט אים צוזאַמען מיט נאָך דריי „נאָוואָבראַנצעס", וואָס זיינען ערשט געקומען, גענומען לערנען שטיין און גיין און לויפן און זיך לייגן און אויפהויבן זיך און גריסן. א רויטלעכער אוקראַינער איז ער געווען מיט א נארישעוואַטע פנים, אָבער ער האָט זיין כוח אויסגענוצט ביז גאָר. ער האָט זיינע פיר תלמידים, וואָס דריי פון זיי זיינען געווען קריסטן, פאַרפייניקט. עס איז געווען צום דערקענען, אז ער טוט עס נישט נאָר צו אויספיינען זיך, נאָר אויך צו ווייזן זיין כוח. צום יידן האָט ער זיך באַזונדער געטשעפּעט, כאָטש ער האָט קיין שום זאַך נישט געמאַכט ערגער ווי זיינע קאָלעגן. עס איז שווער געווען צו ווּיסן, צי ער האָט אליין פיינט א יידן, צי ער טוט עס, ווייל אַרום און אַרום טשעפּען זיך אַלע מערער צום יידן ווי צו קריסטן... געפייניקט האָט דער יעפרייטער זיינע קרבנות איבערהויפּט מיט „ביעגאָם" (לויפן). ער האָט זיי געיאָגט איבער די כוחות, זיי זיינען ממש געפאַלן, זיי האָבן געפילט ווי די פּיס ברעכן זיך און זיי זיינען געלאָפן. יאַנקל, וועלכן ער האָט געיאָגט מער ווי אַלע, האָט דערפילט, אז דאָס האַרץ פאַלט אים אַרויס און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט, אז ער קען מער נישט לויפן. דער יעפרייטער האָט באַלד געמאָלדן דעם אונטער אָפיציר און יענער האָט געמאָלדן דעם עלטערן אינטער־אָפיציר און ס'איז דערגאַנגען ביז צום קאַפּיטאַן, אז ס'איז ערשט נעכטן געקומען א ייד, וואָס פאָלגט שוין נישט. דער קאַפּיטאַן האָט געהייסן גערגאַנדאַפּולאָ און ער איז געווען א גריך. ער האָט גערעדט רוסיש אביסל מיט א פרעמדלעכן אַקצענט. ער איז געווען א הויכער, פעסטער און זייער געשטרעקטער מאַן מיט א שיין און מילד אויסזען. ער האָט געדאַרפט מאַכן אַן אָנשטרענגונג איבער זיך אויסצוזען שטרענג. ער האָט גערעדט צום „נאָוואָבראַניעץ" מיט געמאַכטער בייזקייט און ער האָט אים געזאָגט, אז ער, וואָס איז א געבילדעטער, דאַרף ווּיסן, וואָס „סטרוי" הייסט. אין „סטרוי" מוז מען פאָלגן דעם עלטסטן, מעג יענער טאָן א פעלער. מען טאָר נישט אַרויסגיין פון „סטרוי" אפילו ווען מען פילט, אז מען שטאַרבט... „וועסט שטאַרבן, וועט מען אים דערנאָך מישפּטן!". יאַנקל האָט געקראָגן מוט און ער האָט געזאָגט, אז ער איז אויף די רעכט פון א פריוווילִיקן און מען דאַרף אים זאָגן איר (מען האָט אים דערקלערט, אז דאָס דאַזיקע מעג ער פאַרלאַנגען). דער קאַפּיטאַן האָט זיך געפילט פריקרע און ער האָט געענטפערט, אז דאָס רעדט ער סתם אַזוי, ער זאָגט דאָס נישט אים, נאָר אַלע... דער קאַפּיטאַן האָט דעם גאַנצן קאָנפליקט פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס דאָס ערשטע מאָל איז ער אים מוחל, אָבער דאָס צווייטע מאָל

זאָל ער נישט וואגן. דעם יעפרייטער האָט ער דאָך אויך אָפּגעזידלט און גע־הייסן נישט מאַכן פון „סטרוי" קיין קאַבאַק (שענק) און נישט צופיל טרייבן „ביעגאָם", ווען עס איז נישט נויטיק און אויף מאָרגן האָט דער קאַפּיטאַן געפרעגט יאַנקלען, צי ער וואָלט נישט געוואָלט קומען צו אים אין שטוב אַריין רעפּעטירן זיין טאָכטער, וואָס גייט אין ערשטן קלאַס גימנאַזיע און זי האָט אַ שווער קעפּל. די באַציאונג פון אַלע איז געוואָרן אַ גאַנץ אַנדערע. דער יעפרייטער האָט זיך שוין גאָר ווייניק געטשעפּעט צו אים, דער פּאָדפּראַ־פּאָשטשיק האָט אים שוין אויך ווייניקער מאָל געזאָגט „זשיד" און דער על־טערער אונטער־אָפיציר, וואָס האָט געוואָלט ווערן פּאָדפּראָפּאָרשטשיק און ער האָט געלערנט גראַמאַטע און נישט געקענט אויסלערנען, האָט אים גע־פרעגט, צי ער וויל נישט לערנען מיט אים קיין גראַמאַטיק.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך געלעבט גאַנץ ברייט און געזאָגט האָט מען, אַז זיין געהאַלט קלעקט אים נישט און ער איז שטענדיק פאַרשולדיקט איבער דעם קאָפּ. ער האָט שוין גענאַרפט לאַנג קריגן אַ העכערן גראַד, אָבער ער האָט אים נישט געקראָגן; אַביסל, ווייל ער איז נישט געווען .גענוג שטרענג און אַביסל, ווייל ער איז געוואָרן הינקענדיק אויף אַ פוס. ער איז דורך דעם געווען אַ מענטש מיט אַ טראַגעדיע און פון צייט צו צייט האָט מען דערקענט, אַז ער לעבט איבער אַ שווער געפיל און ער איז מקנא דעם פּאָלקאָווניק. ער פלעג נישט איין מאָל קומען אויסגעטרונקען און ס'האָט פון אים געשמעקט דער בראָנפן אויף אַ מייל די ווייט. מען האָט אויך געזאָגט, אַז ער האָט צו טאָן מיט פרויען און ער האָט נישט קיין גוט לעבן מיט זיין אייגענער פרוי. די סאָלדאַטן פון דער ראָטע האָבן צום מערסטן שווער נאָכגעזאָגט זיין נאָ־מען, אָבער זיי האָבן אים ליב געהאַט. ער איז אַ סך מאָל געווען זייער אַ גע־מיטלעכער מענטש און ער האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן. געווען אַ שנץ מיט אַ סך קלייען און מיט אַ תמעוואַטע אויסזען, וואָס האָט טאַקע געהאַט דעם שווערסטן קאָפּ און מען האָט אים דאָס ביסל „סלאָוויעסטנאָסטי" (טעאָריע) בשום אופן נישט געקענט אויסלערנען, פלעג דער קאַפּיטאַן נישט איין מאָל זיך אַנידערזעצן מיט אים און אים דווקא ווען אויסלערנען אַביסל טעאָריע. ער פלעג אים וועלן קלאָר מאַכן ווי לאַנג מען איז אַ „נאָוואָבראַניעץ" און ווען מען ווערט אַן אַלטער סאָלדאַט און יענער האָט עס בשום אופן נישט געקענט כאַפּן. דער קאַפּיטאַן פלעג פרעגן דעם נאַרישן סאָלדאַט, אַז ער זאָל אים זאָגן, צי ער, דער קאַפּיטאַן, איז אַן אַלטער סאָלדאַט, אָדער אַ יונגער, פלעג דער תם זאָגן רחמנותדיק, אַז אַ יונגער... דער גוטמוטיקער גריך האָט געזאָגט שמייכלענדיק: „ניין, איך בין אַן אַלטער סאָלדאַט, הינטישער זון דו..." און ער האָט אים געפרעגט, צי ער האָט ליב דעם צאַר באַטיושקאַ, יע־נער האָט באַלד געענטפערט, אַז יאָ, האָט ער אים געפרעגט: „ווי אַזוי קענסטו אים ליב האָבן, אַז דו האָסט אים קיינמאָל נישט געזען?" אַלע ארומיקע האָבן

געלאַכט און דער תם האָט נעבעך געקוקט אַזוי אומגליקלעך, אַז ער האָט אויס־געזען אַזוי ווי אַ געקוילעט לעמל.

דעם קאַפּיטאַנס מיידל איז אַלט געווען אַ יאָר פערצן און אויסגעזען האָט זי שוין ווי פון אַכצן. זי האָט לחלוטין נישט פאַרמאָגט קיין קינדישקייט אין איר אויסזען, זי האָט פאַרמאָגט רייפע ווייבלעכקייט און טעמפּקייט. און אפשר האָט זי די פּריצייטיקע ווייבלעכקייט אַזוי טעמפּ געמאַכט. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז זי קען עפּעס אַנדערש נישט באַנעמען צוליב דעם, וואָס זי איז שוין הוילע גלוסטעניש. דאָס לערנען מיט דעם דאָזיקן נפש איז אונזער העלד אַנגעקומען מיט גרינגע ווערטער, עס פלעג אים אַרויסשלאָגן אַ קאַלטער שווייס, אַזוי האָט ער געאַרבעט. אַז ער זאָל איר געבן צו פאַרשטיין די גרויסע תורה און זי האָט געקוקט דעם לערער אין מויל אַריין און האָט גע־שלונגען נישט זיינע ווערטער, נאָר אים אַליין. זי איז נישט געווען קיין מי־אוסע. זי האָט טאַקע געהאַט שיינע און רעגלמעסיקע שטריכן און טיפע טונקל־בלויע אויגן אַזוי ווי דער פאָטער און אַ ווייסן, פעטן מילך קאָליר, אָבער זי האָט ווייניקער פון אַלץ געהאַט מענטשלעכקייט אין זיך, זי האָט אויסגעזען עפּעס ווי אַ שיינע חיה און זי האָט ביי איר יונגען לערער, וואָס איז פון דער נאַטור געווען אַ מיידלניק, נישט געוועקט קיין ליידנשאַפט. יאַנקל האָט זייער געוואָלט, אַז זי זאָל עפּעס אויסלערנען און ער האָט געמאַכט די ווילדסטע אָנשטרענגונגען און ווען ער פלעג אַרויס פון די כלים, פלעג ער זיך פאַרגעסן און איר דערלאַנגען אַ פּאָר שטורכן און ער האָט זיך דערפאַר אַליין דער־שראָקן, אָבער זי האָט נישט געוויינט און אפילו נישט געמאַכט קיין ברוגזע מינע, נאָר זי האָט זיך געטוליעט צום לערער און בולט אַרויסגעוויזן, אַז זי האָט דערפון הנאה און אַז זי וואָלט מער געווען צופרידן, אַז דער לערער זאָל איר די גאַנצע צייט אַזוי שטאַרקען אַנשטאָט צו לערנען. אונזער העלד האָט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים איבערבייטן אויף אַן אַנדערן און דאָס דאָזיקע האָט אים זייער געשראָקן; אַ דאַנק דער לעקציע איז ער אַ סך מאָל געווען פריי פון איבונגען און די גאַנצע באַציאונג איז צו אים געווען אַ מילדע און אַ רעספּעקטפולע, און ער האָט געפילט, אַז ווען ער וואָלט פאַרלוירן דעם „אור־ראָק", וואָלט ער פאַרלוירן אַלע פּריווילעגיעס און ער האָט געפּרוּווט זאָגן דעם קאַפּיטאַן, אַז ער איז נישט שולדיק, אָבער דער קאַפּיטאַן האָט פאַר־כאַפּט די פיש פאַר דער נעץ און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייסט, וואָס ער וויל אים זאָגן און ער ווייסט, וואָס זיין טאָכטער קען אויפנעמען. ווען עס וואָלט געווען געווענדט אין אים, וואָלט ער זי אין גאַנצן נישט געלערנט, אָבער די פרוי לייגט איין ווערטן און זי זאָגט, אַז ווען די טאָכטער וואָלט געהאַט אַ גוטן רעפּעטיטאָר, וואָלט זי געלערנט. דער קאַפּיטאַן האָט אים געבעטן, אַז ווען עס וועט אים אויסקומען צו ריידן מיט דער קאַפּיטאַנשע, זאָל ער איר זאָגן, אַז ער איז ביי זיי געווען איינער פון די בעסטע רעפּעטיטאָרס און ווייי־

גיקער ווי פינף און צוואנציק רובל א חודש פאר א לעקציע האט ער נישט גענומען. די קאפיטאנשע איז געווען די טאכטער פון א פוילישן גוטבאזיצער אין יענער געגנט און זי האט זיך פארליבט אין גרעק, ווען ער איז געווען א יונגער אפיציר. זי האט גערעדט א שלעכטן רוסיש און זי האט געזאגט א „וו" אנשטאט א „ל". זי האט געקוקט דעם יונגען לערער אין מויל אריין, ווען ער האט איר דערציילט, אליין רויט ווערנדיק דערביי, אז ער איז געווען א גרויסער פארדינער אין דער היים און זי האט דערביי דאך געקוקט פארדעכטיק אויף דעם, וואס ער גייט אנגעטאן דעם קאזיאנע מונדיר און די קאזיאנע שטיוול און ער זעט אויס נישט ווי אייגער, וואס האט פארדינט א סך געלט. זי האט דאך געפרעגט ביי דעם לערער, צי איר טאכטער קען שוין טאקע גארנישט אויסלערנען. אים האט זיך שטארק געגלוסט זאגן, אז חתונה האבן און האבן קינדער וואלט זי שוין געקענט און זי וואלט גארנישט לאנג געדארפט לערנען, אבער ער האט זיך באהערשט. ער האט געוואוסט, אז ער לעבט אין א סביבה, וואו עס דארף הערשן דיסציפלין און מען טאר קיינמאל נישט ארויסזאגן, וואס מען דענקט. האט ער געזאגט, אז ער וועט טאן דאס בעסטע, אז זי זאל דאך עפעס אויסלערנען און ער האט שוין בארימעריש צוגעגעבן, אז אויב ער, גאט באהיט, וועט זי שוין נישט אויסלערנען, וועט זי שוין קיינער נישט אויסלערנען.

אין דער קאזארמע גופא האט זיך אונזער העלד אויך אנגעהויבן איינלעבן אזוי, אז ער האט זיך נישט געפילט שלעכט. דער קלענערער אונטער־אפיציר איז געווען א עכטער רוס, א קליינינקער, א ספריטנער, וואס האט זיך אמאל געקענט צעהיצן, אבער קיין שלעכטער איז ער נישט געווען. ער איז געווען א ליידנשאפטלעכער רויכערער און א נאך מער ליידנשאפטלעכער שיכור און ס'האט שטענדיק געזעצט פון אים מיט רויך און מיט בראנפן. צוליב דעם רויכערן זיינען אים געווען פארגעלט די פינגער און די וואנציעס און ער האט אין גאנצן אויסגעזען פאררויכערט און נישט ריין. ער האט זיך ביים אנהייב געפרואווט טשעפען צו יאנקלען און אויסקוועטשן ביי אים אויף אביסל בראנפן, אדער כאטש אויף א ציגאר־טיטון, ביז וואנען ער איז געווארן א לערער ביים קאפיטאן, דערנאך האט ער שוין מורא געהאט פאר דעם „נאוואבראניעץ" און ער האט גערעדט מיט אים ווי מיט אן עלטערן. דער עלטערער אונטער־אפיציר איז געווען אן אוקראינער און ער האט זיך געהאלטן וואזשנע. ער איז געגאנגען אנגעטאן געפוצט און ער האט נישט גערויכערט און זייער זעלטן געטרונקען און ער האט זיך געהאלטן מיט ווערדע און ער האט קיין גראשנדיק טרינקגעלט נישט גענומען. ער האט אויסגעזען פריצישער ווי דער פאדפראפארשטשיק און די אפיצירן האבן פון אים געהאלטן און זיי האבן אים געוואלט דערהויבן, אבער ער איז געווען כמעט אן אנאלפאבעט. ער האט זיך שטענדיק ארומגעטראגן מיט א געאגראפיע און מיט א גראמא־

טיק און ער האָט געקנעלט און געחזרט און ס'איז אים נישט אַריין אין מוח. יאַנקלען האָט ער געבעטן, אַז ער זאָל לערנען מיט אים און ער איז געווען זי־כער, אַז ביי אים וועט ער שוין פּאַקן די תורה, וואָס ער זוכט זי זייט אַ פּאָר יאָר און זי גייט אים נישט אַריין אין שווערן קאָפּ. יאַנקל האָט זיך אונטער־גענומען אים אויסצולערנען און ער האָט אַלע טאָג זיך געזעצט אין אַ ווינקל קנעלן מיט אים. די סאָלדאַטן האָבן געקוקט מיט דערשטוינונג, עס האָט נישט איין מאָל פּאַסירט, אַז דער פּראָסטער סאָלדאַט דער לערער איז געזעסן און דער עלטערער אונטער־אָפיציר, דער שילער, איז געשטאַנען. געלערנט האָט מען צום מערסטן „סקלאָניעניעס" (דעקלינאַציעס) און דער פּויערישער קאָפּ האָט בשום אופן נישט געקענט באַנעמען צוליב וואָס מען דאַרף דאָס דאָזיקע לערנען. דער שילער האָט אים דערקלערט, אַז דאָס איז בכדי צו ריידן און שרייבן ריכטיק און ער האָט געהאַלטן, אַז אַז דעם קען מען אויך אויסלערנען לייענען און שרייבן ריכטיק... ער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס מיינט „אימעניטעלני, ראָדיטעלני" א. א. וו. (נאָמינאַטיוו, געניטיוו). אויך די געאָגראַפיע האָט ער נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען דאַרף זי לערנען. ער פלעג זאָגן: „און אַז איך וועל שוין היינט אויסלערנען די נעמען פון די אַלע אינזלען, וועל איך זיי דען מאָרגן געדענקען?" און ער פלעג געבן יעדן שאָס די גראַמאַטיק און די געאָגראַפיע צו דער ערד. אַז זיי פלעגן צעשאָטן ווערן אויף שטיקער און ער פלעג דערנאָך האָבן אַן אַרבעט זיי צונויפלייגן און זוכן עמיצן, וואָס קען צונויפבינדן. ער פלעג זיך אַליין אויך דערלאַנגען יעדער קלאַפּ אין דעם קאָפּ אַריין, אַז עס פלעג אים אַנלויפן אַ בייל. „איבער דער רוח ווייסט וואָס, האָט ער געזאָגט, איבער נאַרישקייטן, וואָס גראַמאַטייעס האָבן אויסגעטראַכט און מיין פּויערישער קאָפּ קען עס נישט אַריינכעמען, קען איך נישט ווערן קיין פּאָדפּראָפּאָשטשיק און איך דאַרף קריגן אַזאַ אָרימען לוין און זיך אַזוי מוטשען מיט ווייב און קינדער!" דער יונגער לערער האָט אומ־געהויער רחמנות געהאַט אויף דעם אָפּנהאַרציקן פּויער, וואָס איז געבליבן שטיין לעבן דער גראַמאַטיק און דער געאָגראַפיע, אַזוי ווי אַן אָקס אונטער אַ באַרג. אָבער ער האָט אים מיט גאָרנישט געקענט העלפן.

מען האָט איינגעפירט לערע פון „גראַמאַטע" אין אַלע ראָטעס און יאַנקלען האָט מען אויך באַשטימט אַלס איינעם פון די לערער און מען האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען קיין ייד, וואָלט מען אים געמאַכט פאַר דעם „ראָטני פּיסאַרי" (סעקרעטאַר פון דער קאָמפּאַניע). דאָס לערנען מיט די פּויערים האָט פאַרשאַפט אי פאַרגעניגן, אי ערגערניש, אי שפּאַס. אייניקע סאָלדאַטן האָבן אַרויסגעוויזן אַ זעלטענעם ווילן און אויך באַשטימטע פעאי־קייטן און ס'איז געווען פאַר זיי אַ חלום אהיימצוקומען פון סאָלדאַטשינע און קענען לייענען און שרייבן. זיי זיינען געווען גרייט נישט צו שלאָפן ביינאַכט און לערנען. עס זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט, אָבער זיי

האָבן נישט געקענט. זיי פלעגן נעבעך קוקן דעם לערער אין מויל אריין און וועלן ארויסכאַפּן פון דאָרט די ווערטער און ס'איז זיי נישט געגאַנגען. איינער אַן אוקראַאינישער שגץ האָט זיך געבעטן ביי יאַנקלען: „שלאָג מיך און הרגע מיך! דערהרגע מיך אפילו, אַבי לערן מיך אויס אַביסל לייענען און שרייבן".
עס זיינען געווען גרוזינער און אַרמענער, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין וואָרט רוסיש און מען האָט צו זיי נישט געפונען קיין צוגאַנג. מען האָט צו זיי געדאַרפט ברייַנגען גרוזינער און אַרמענער פון אַנדערע ראָטעס, וואָס דינען שוין זייט לאַנג און יענע זאָלן זיי אויפקלערן און געבן צו פאַרשטיין. די גרו־זינער זיינען געווען זייער פעאיקע און אַבי זיי האָבן עפּעס געכאַפּט די שפּראַך, האָבן זיי באַלד אַלצדינג פאַרשטאַנען. געווען אין קאַזאַרמע אַ בחור, וואָס האָט אויסגעזען געגנוי ווי אַ ייד. אַלע זיינען געווען זיכער, אַז ער איז אַ ייד, אָבער ער האָט געהאַט אַן אוקראַאינישן נאָמען און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ קריסט און ער איז געגאַנגען אין קלויסטער אריין און ער האָט זיך געצלמט. אויך די קריסטן האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ ייד און אַלע זיינען געווען זיכער, אַז ער איז אַ געשמדטער. ער איז געווען איינער פון יאַנקלס שילער און ער האָט דווקא געהאַט אַ גאַנץ שווערן קאָפּ און ער האָט גאָרנישט געקענט אויס־לערנען. סיי די יידן, סיי די קריסטן פלעגן שרייען צום לערער, אַז ער זאָל אים דערקלערן אויף יידיש. און יאַנקל איז געווען זיכער, אַז ער איז זיך נוקם אין אַ משומד און ער האָט צו אים געהאַלטן אין איין ריידן אויף יידיש און יענער האָט געשריגן געוואַלד, אַז ער פאַרשטייט נישט. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די סאָלדאַטן האָבן דעם אומגליקלעכן צעלייגט ברוטאַל אין מיטן לערנען, קעגן די פּראָטעסטן פון לערער, און זיי האָבן געקוקט, צי ער איז אַ ייד. זיי האָבן באַלד געזאָגט, אַז ער האָט אַ קאָפּ אַ פּויערישן און דאָס אַנדערע איז אויך ביי אים פּויעריש, אָבער דאָס פּנים איז ביי אים אַ יידישס. דער בחור האָט אויף דעם צווייטן טאָג אַוועקגערופן דעם לערער אין אַ זייט און ער האָט אים געוואָלט אַוועקגעבן די לעצטע פינף קאָפּיקעס, אַז ער זאָל צו אים נישט ריידן קיין יידיש און ער האָט זיך מודה געווען, אַז זיין טאַטע איז אַ משומד און זיין מאַמע איז אַ פּויערטע פון געבוירן.

אין דער קאַזאַרמע האָט יאַנקל זיך געטראָפן נעענטער מיט פּוילישע יידן. אין דער ישיבה זיינען קוים געווען צוויי, אָדער דריי פּויילישע יינגלעך, מיט וועלכע ער האָט ערשט נישט געלערנט אין איינעם און אין דער קאַזאַרמע זיינען זיי געווען אַ סך. אייניקע זיינען געווען גאָר פרומע, זיי האָבן נישט געוואָלט עסן קיין טריפות און זיי זיינען אויסגעדאַרט און אויסגעקוואַרט גע־וואָרן. איינער פון די גאָר פרומע איז געווען אַ חתונה געהאַטער און ער האָט שוין סך הכל געהאַט דריי קינדער און ער האָט אויסגעזען, אַז אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אריין און עסן האָט ער נישט געוואָלט חוץ ברויט און טיי. ער האָט שוין געדינט דאָס דריטע יאָר און מען פלעג אים ארויסלאָזן אָפטער

פון קאַזאַרמע און ער האָט אונטערגעהאַנדלט און וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער אַוועקגעשיקט צום ווייב און די קינדער און ער האָט זיך געקלאָגט, אַז זיי עסן זיך דאָרט. ער איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער און פלעג פאַר דאַרקייט גיין אָנגעבויגן און ער האָט געהאַט אומגעהויער טרויעריקע אויגן, מיט וועלכע ער האָט דווקא געוואָלט לאַכן די גאַנצע צייט. ער האָט געהאַט אַ שוואַרצע באָרד און ער האָט זי אַביסל געצופּט און אַביסל פאַרבויגן, אַז זי זאָל זיין קיילעכדיק און נישט ווערן צו לאַנג. די גויים האָבן זיך סיי ווי געטשעפּעט צו דער באָרד און זיי האָבן אים געזאָגט, אַז ער זאָל זי בעסער אויססעמען, בכדי עס זאָלן זיך אין איר נישט איינפירן קיין אומפּלייט. ער האָט ער האָט געקוקט אַ טרויעריקער אויף די גויים און ער האָט געלאַכט. און מען האָט דערקענט, אַז ס'איז מיט יאַשטשערקעס. עס האָבן נישט געפעלט קיין יידן, וואָס האָבן זיך אויך געטשעפּעט צו זיין באָרד און ער פלעג זאָגן מיט אַ קרעכץ: „יאָך האָב וואַיניק צרות פון די גויים, יאָך דאַרף נאָך לאַדן פין יידן אָך?" ער פלעג אַלע אין דער פרי אָנטאָן דעם טלית מיט די תפילין און ער האָט זיך געאײַלט און ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז עס טאָן גיך, ווייל ער וויל נישט, אַז ס'זאָל חלילה זיין אַ חילול השם. ער פלעג זיך אין דער פרייער צייט טורליען צו די יידן אָבער אויך די יידן האָבן זיך גענוג געטשעפּעט צו אים און אים גערופן יאָלד. געווען איינער אַ יידישער סאָלדאַט, אויך פון פּוילן, האָט ער שטענדיק גערעדט ניבול פּה, ווען דער סאָלדאַט מיט דער באָרד איז צורגעגאַנגען צו דער יידישער גרופּע. ער האָט דערציילט, ווי אַזוי ער פלעג גיין צו זונות אין שטאָט און ווי אַזוי ער איז געווען מיט זיי און ער האָט זיך אַזש פאַרבלינעט. דער סאָלדאַט מיט דער באָרד פלעג קוקן טרויעריק און פּרוּוון לאַכן און דערנאָך האָט ער געגעבן אַ שפּיי און אַ זאָג: „ס'גהינום וועט זאַן וואַיניק פאַר ענק, מ'עט ברענען און בראָטן!" און ער איז אַליין אַנטלאָפן ווי אַן אָפּגעבריטער. אָבער אַ סך יידן זיינען געווען גוט צו אים און אים געבעטן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף די קינדער און עסן געקעכץ.

צווישן די פּוילישע יידן איז געווען איינער אַ לאַנגער, אַ געשטופּלטער, וואָס האָט געהאַט פּייכטע און תמעוואַטע אויגן און ער האָט זיך אויסגעצייכנט אי מיט גוטסקייט, אי מיט טעמפּקייט. ער האָט פּונקט אַזוי ווייניק פאַרשטאַנען ווי אַ פּויער און אים איז די טעאָריע געווען נישט גרינגער אַריינצוקלאַפּן אין קאָפּ אַריין אַזוי ווי אַן אוקראַאינישן כלאָפּ. די קריסטלעכע סאָלדאַטן האָבן אַלעמען געזאָגט „דו", די יידישע האָבן זיך געאירצט און זיי האָבן בכלל זיך זיך קעגנזייטיק באַהאַנדלט, אַזוי ווי אויף דער פריי. יענער בחור האָט יעדן איינעם געזאָגט „דו" אויך אויף יידיש. ער האָט געזאָגט, אַז ביי אַ סאָלדאַט איז נישט קיין „עץ", ווייל אַלע זיינען אויף צרות. ער האָט געהייסן פלאַנצבוים און די סאָלדאַטן האָבן זיין נאָמען ביטער צעהרגעט. זיי האָבן געזאָגט ווי אַזוי איר ווילט, נאָר נישט ריכטיק. אויך די אונטער־אָפיצירן האָבן זיין

גאָמען געזאָגט שלעכט. ווען עמיצער האָט ביי אים געבעטן א ציגאַר־טיטון, האָט ער געמענגט האָבן דעם לעצטן, האָט ער געגעבן. און אז ער האָט עפּעס געבעטן און מען האָט אים נישט געגעבן, האָט ער געקוקט מיט טרויעריקע אויגן, אַזוי ווי א געקוילעטער אָקס. איין מאָל האָט ער ביי יאַנקלען געבעטן א שוועבעלע און ער האָט געזאָגט „זאפּעלקע". אונזער העלד האָט דאָס דאָזיקע וואָרט קיינמאָל נישט געהערט און ער האָט געמיינט, אז ער מאָנט א „זאַפּינקע" (א קנעפּל צו א מאַנקעט, פּוילישע יידן רופן דאָס „ספּינקע"); כאָטש צו וואָס דאַרף עס א סאָלדאט א קנעפּל צו א מאַנקעט? וועגן דעם האָט ער נישט געטראַכט און ער האָט געענטפערט, אז ער האָט נישט. פּלאַנצבוים האָט א פּנים געוואוסט, אז יאַנקל האָט א „זאַפּעלקע", האָט ער געקוקט אויף אים מיט מוראדיק טרויעריקע אויגן. אונזער העלד האָט שוין באַגעגנט טרויעריקע בליקן אין זיין לעבן, אָבער נישט קיין סך אַזעלכע ווי דער בליק פון פּלאַנצבוימען. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג ביז וואַנען יאַנקל האָט זיך געגעבן חשבון, אז פּוילישע יידן זאָגן נישט „שוועבעלע", נאָר „זאַפּעלקע". פּלאַנצבוים האָט שוין זייט דעמלט שטענדיק געפרעגט, צי ער האָט א שוועבעלע, אָבער יאַנקל האָט אים שוין געגעבן א „זאַפּעלקע". אין האיסין גופא האָבן די יידן געזאָגט „סירניקל". די אוקראַאינער פון דאָרט האָבן געזאָגט „סירניק". יאַנקל האָט געפּרואווט א סך מאָל ריידן מיט פּלאַנצבוימען און אַריינדרינגען אין זיינע געדאַנקען און געפילן, אָבער יענער איז געבליבן פאַרמאַכט ווי מיט זיבן שלעסער. אונזער העלד האָט זיך געקלערט, אז געדאַנקען האָט ער אפשר נישט, אָבער געפילן? ער האָט אים דערמאָנט אין דעם גוטן וואַסערפירער פון זיין שטעטל, וואָס האָט געהייסן שימעלע און ער האָט זיך אַליין גערופן „טימעלע" און ער האָט אים אויך דערמאָנט אין פּרצס „שטומע נשמות". איין מאָל איז אונזער העלד איינגעפאַלן צו פרעגן ביי דעם תמעוואַטע פּלאַנצבוים, צי ער האָט עפּעס געהערט וועגן פּילסודסקין, האָט ער אָנגעהויבן לאַכן, לאַכט ער נאָך. ער האָט זיך אפשר א האַלבע שעה געקאַטשעט פאַר געלעכטער און נאָך אין עטלעכע טעג אַרום, האָט ער געלאַכט, ווען ער האָט באַגעגנט יאַנקלען און ער האָט געזאָגט: „פּילסודסקי כאַ, כאַ..." עס איז געווען אוממעגלעך אַרויסצוקריגן פון אים פאַרוואָס ער לאַכט, עס האָט אים פּשוט געקלונגען קאָמיש דער נאָמען. ער איז געווען זיכער, אז אַזאַ נאָמען איז גאָר אויף דער וועלט נישט פאַראַן...

אין דעם קליינעם יידישן שפּייז־קרעמל, וואָס איז געווען לעבן די קאַזאַרמעס און וואו מען האָט נישט נאָר געקויפט, נאָר אויך פאַרקויפט, ווייל אָפיצירן האָבן דורך יידישע סאָלדאַטן פאַרקויפט שפּייז, וואָס מען האָט געדאַרפט געבן די סאָלדאַטן, וועלכע מען האָט אָפט גלאַטז אונטערהונגערן, אַט אין יענעם באַקאַליי קלייטל, וואו מען איז געקומען נישט נאָר האַנדלען, נאָר אויך קויפן א שטיקל פרישע ברויט און א שטיקל הערינג, אָדער אביסל כאַלוואַ,

האָט זיך יאַנקל באַקענט מיט אַ יונגען, געזונטן בחור, וואָס האָט זיך גערופן
אפרים לויטער. ער איז געווען אַ העלער שאַטען און ער האָט געהאַט אַן אָפן
לאַכנדיק פנים. געדינט האָט ער, דאַכט זיך, אין דער פינפטער ראָטע און גע־
ווען איז ער אַ חבר מיט סאָלדאַטן פון אַלע ראָטעס. די שקצים האָבן אים גע־
רופן פראַים און זיין נאָמען האָט געקלונגען פון איין עק קאַזאַרמע צו דער
צווייטער. מען האָט יאַנקלען געזאָגט, אַז ער איז אַ בונדיסט און אַז ער איז
אַ באַהאַלטענער יידישער שרייבער. ער האָט געהערט זאָגן, אַז אין דער צענ־
טער ראָטע איז אויך דאָ אַ יידישער שרייבער און ער האָט זיך געזוכט מיט
אים צו באַקענען. ער איז געווען אַ זייער ליבנסווירדיקער און געמיטלעכער.
יאַנקלען האָט זיך רק געדאַכט, אַז אָט וועט מען אים באַפרייען, די מאַמע האָט
אים אויך געהאַלטן אין איין שרייבן, אַז זי האָפט צו גאָט, אַז מען וועט נאָך
אַרויסלאָזן אַלע ערשטע לגאַטניקעס. אפרים לויטער האָט געזאָגט, אַז מען
טאָר אַזוי נישט טראַכטן, ווען מען גייט דינען. ער דינט שוין אַזוי לאַנג און
ער טראַכט גאָרנישט, ווען ער וועט באַפרייט ווערן, ער טוט אַלצדינג דאָ אויך
הנאה צו האָבן פון לעבן. שווער איז דאָ נאָר דאָס ערשטע יאָר, דערנאָך ווערט
מען דאָ אויס יאָלד און מ׳לעבט. און שיינע מיידלעך זיינען אויך דאָ אין שטעטל
און נאָך אַ „מאָסקאַל" (אַזוי האָט מען גערופן אַ סאָלדאַט אין פּאָדאָליע, דאָס
האָט געזאָלט מיינען אַ „מאָסקוויטער") פּגרן זיי אַלע אַוועק און זיי חלומען
חתונה צו האָבן מיט אים. לויטער האָט געבעטן יאַנקלען, אַז ער זאָל אים
ווייזן עפּעס פון זיינע זאַכן, אָבער ער האָט גאָרנישט געהאַט מיט זיך, אויסער
דער סקיצע „דער נישט עלנדער", וואָס לויטער האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער
האַנט און ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אַ מעשה, אָבער ער האָט דאָס געטאָן
מיט אַזויפיל גוטמוטיקייט, אַז ס׳האָט אים נישט פאַרדראָסן. כאָטש לויטער
איז נישט געווען קיין אידעען חבר פון אונזער העלד, האָט ער אין אים גע־
פילט אַ נאָענטן און ער האָט זיך דורך אים באַקענט מיט אַ טייל פון דער אינ־
טעליגענץ פון שטעטל און אויך מיט אייניקע מיידלעך. שפּעטער מיט יאָרן
האָט יאַנקל געהערט, אַז לויטער איז געוואָרן רעזשיסאָר פון אוקראַיִנישן
יידישן מלוכה־טעאַטער און ווי יעדער מענטש, וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם
קינסטלער־פאַך, האָט ער געהאַט עליות און ירידות, אָבער יאַנקל האָט זיך מיט
אים שוין מער קיינמאָל נישט געטראָפן. לויטער האָט וועגן ליטעראַטור און
פּאָליטיק גערעדט מערער ווי וועגן טעאַטער און ער האָט קוים געגעבן אָנצור־
הערן, אַז ער קלויבט זיך צו ווערן אַ טעאַטער מענטש. ער האָט דערציילט, אַז
ער שרייבט דערציילונגען און אַז ער האָט שוין געשריבן רעצענזיעס אויף רו־
סיש און געחתמעט „יאַסני" און אַז ער האָט זיך באַטייליקט אין טעאַטער־
קאָמיטעט, וואָס פּרץ איז געווען זיין איניציאַטאָר. צווישן די סאָלדאַטן האָט ער
געהאַט אַ שם פון אַ שרייבער און פון אַ גוטן מענטשן.

דאָס לעבן אין דער קאַזאַרמע איז יאַנקלען נישט געווען צו שווער. ער

האָט געמאַכט אַלץ ווייניקער איבונגען, ווייל מען האָט אים באַפרייט פון זיי און אים איז שוין אויך נישט אָנגעקומען שווער צו מאַכן די איבונגען. ווען ער איז אָנגעקומען, איז אים געווען זייער שווער אויפצוהויבן די ביקס און אין אַ צייט אַרום איז אים די ביקס שוין געווען גרינג אַזוי ווי אַ פעדער און ער האָט געקענט גוט לויפן און שפּרינגען. איבערהויפּט האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט לויפן און שפּרינגען. אין די דאָזיקע צוויי פּונקטן האָט ער איבערגעשטיגן די מערסטע קאָלעגן פון דער ראָטע. אויך שיסן איז אָנגעקומען גרינג, כאָטש ביז ער איז אָנגעקומען אין קאַזאַרמע, האָט ער קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהאַלטן קיין ביקס אין דער האַנט אויסער אַ... ל״ג בעומר ביקסל. ער האָט זיך באַלד אויסגעלערנט צילן און ער פלעג טרעפן אַ דורכשניט פון צוויי פון דריי און אַמאָל נאָך מער. ער האָט אַזוי גוט געצילט, אַז דער פּאָדפּאָרוטשיק, אָדער דער קאַפּיטאַן אַליין האָט אים נישט איין מאָל געהייסן שיסן פאַר אַנדערע זעלנער.

געווען אין דער ראָטע אַ יונגער פּאָדפּאָרוטשיק מיט אַ זייער סימפּאַטיש און מילד אויסזען. ער האָט זיך צו די סאָלדאַטן געהאַלטן גאָרנישט ווי קיין אָפיציר, נאָר ווי אַ גוטער ציווילער מענטש. ספּעציעל האָט ער זיך געהאַלטן מילד און גוט צו די יידישע סאָלדאַטן. ער פלעג מוזן באַשטראָפן אין „סטרוי״, ווען עמיצער איז באַגאַנגען אַ פעלער. אָבער ער האָט דערנאָך געמאָלדן, אַז „דאָס מאָל״ איז ער מוחל און ער האָט פּאַקטיש מוחל געווען אַלע מאָל. ער האָט ליב געהאַט צו ריידן מיט יאַנקלען וועגן ליטעראַטור. ער פלעג זיך אַ סך מאָל אָנידערזעצן לעבן אים אויף דער סאָלדאַטסקער נאַרע אין דער קאַזאַרמע און שמועסן. און ווען דער פּראָסטער סאָלדאַט האָט געוואָלט אויפשטיין פאַר זיין „נאַטשאַלניק״, האָט ער נישט געלאָזט. ער האָט דערציילט. אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט געלעבט אין אָדעס און ער האָט זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן ביי זיין מיטשמועסער, צי ער האָט אים קיינמאָל נישט געזען דאָרט. די יידישע סאָלדאַטן האָבן געזאָגט, אַז דער דאָזיקער יונגער אָפיציר איז געווים אַ באַהאַלטענער „עס־ער״, אָבער לויטער האָט זיך געהייסן היטן און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר אויך. ס׳איז דאָך געווען צו מערקן, אַז דעם יונגן אָפיציר האָט רק געצויגן צו יידן און צווישן די אָפיצירן האָט ער זיך געפילט פרעמד.

אין איינעם אַ זונטיק האָט מען דורכגעפירט עקזאַמענעס אויף טעאָריע אין דער קאַזאַרמע. די יידן האָבן זיך אַלע געפילט אין זאַטל, די גויים האָבן אַלע געציטערט. ביי די איבונגען האָבן נישט געפעלט קיין יידן, וואָס האָבן זיך געפילט נישט זיכער. עס איז געקומען דער פּאָלקאָווניק אַליין. אַ נידעריקער און אַ פעטער איז ער געווען. ער האָט געהייסן קאַשעוואַראָוו און די יידן האָבן געשמועסט צווישן זיך, אַז ער דאַרף אַרויסקומען פון גאָר אַ גרויסן יחוס, וועדליס זיין נאָמען. זיינער אַ זיידע האָט געדאַרפט זיין ערגעץ

אַ קאַשע־קאָכער ביי אַ פּריץ, אָדער גאָר אין אַ קאַזאַרמע. געגאַנגען איז ער מיט אַזאַ זיכערקייט, גלייך ער וואָלט געווען דער צאַר. דער קאַפּיטאַן אַליין האָט געדאַרפט פאַר אים שטיין „סמירנאָ״ און ער האָט אים געלאָזט שטיין אַ היפּשע צייט מיט צונויפגעצויגענע פיס, כאָטש ער האָט געוואוסט, אַז איין פוס איז ביי אים אַ קראַנקער. מען האָט פאַרהערט די סאָלדאַטן באַזונדער. די קריסטן האָבן כמעט אַלע, חוץ גאָר קליינע אויסנאַמען, באַקומען זייער שלעכטע נאָטן, די יידן האָבן כמעט אַלע באַקומען גאָר גוטע נאָטן, אייניקע האָבן געקראָגן פינפער. ווען יאַנקל איז אַריינגעקומען, האָט ער באַמערקט, אַז ביי עטלעכע יידן זיינען פאַראַן צו סאַמע פינפער און נאָר איין דרייער. דער פּאָלקאָווניק האָט אים אויך גענומען פאַרהערן די גרויסע תורה און ער האָט כּסדר געשטעלט פינפער. גאַנץ פרי פלעג מען זיך שטעלן אין קאַזאַרמע „נאַ מאָליטוואו״ (אויף תפילה). די יידן האָבן נאַטירלעך נישט געבעטן, אָבער שטיין האָבן זיי געמוזט. באַלד נאָך דער תפילה האָט מען געזונגען אַ געבעט פאַר דעם צאַר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער „ספּאַסי, גאָספּאָדי, ליודי טוואָיאַ״ (ראַטעווע, גאָט דיינע מענטשן) און ערשט דערנאָך האָט מען געזונגען דעם הימן „באָזשע, צאַריאַ כראַני״. דער פּאָלקאָווניק האָט אַלעמען געהייסן זאָגן ביים פאַרהערן דאָס געבעט פאַרן צאַר און אַלע, סיי יידן, סיי גויים האָבן געענטפערט „באָזשע, צאַריאַ כראַני!״ יאַנקל איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך געגעבן חשבון, אַז „באָזשע, צאַריאַ כראַני״ איז נישט קיין תפילה. דער פּאָלקאָווניק איז געווען אַנטציקט. יענער האָט געענטפערט, אַז יאָ, האָט ער ווידער באַמערקט „אויסגעצייכנט.״ ער האָט אין איין וועג געפרעגט דעם סאָלדאַט, צי ער איז אַ ייד און ווען יעדער פּאָדפּראָפּאָרשטשיק איז באַלד אַרויס באַגריסן יאַנקלען און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס האָט באַקומען סאַמע פינפן און ער האָט אים באַמערקט דרך אגב, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען קיין ייד, וואָלט ער אַוועק ווייט, ווייט, ווייל אויך אין קאַזאַרמע איז דער עיקר דער קאָפּ. אין דער גאַנצער ראָטע האָט מען גערעדט, אַז דער „קאָרעספּאָנדענט״ (אַזוי האָט מען אים גערופן, ווייל ער האָט אָנגעגעבן, אַז זיין פאַך איז קאָרעספּאָנדענט פון אַ צייטונג) איז אַרויס דער ערשטער אויף טעאָריע און מען האָט געזאָגט „וואָס פאַר אַ קאָפּ!״ און אים האָט דאָס גאַנץ ווייניק געפרייט. עס האָט אים דעמלט דאָס גאַנצע לעבן נישט שטאַרק געפרייט. די צייט איז פּאַקטיש אַוועקגעגאַנגען מיט גאָרנישט. ער האָט נישט געלייענט און אוודאי נישט געלערנט און אפילו אַן אינטערעסאַנטן שמועס האָט ער אויך זעלטן געהאַט מיט וועמען צו פירן. ער האָט זעלטן געזען אַ העברעאישע און יידישע אויסגאַבע און אויך פון די רוסישע צייטונגען האָט ער נישט געקענט קריגן די דאָזיקע, וואָס ער האָט געוואָלט. דער חלום איז געווען „אָטפּוסק״ (אורלויב), אָבער צו דעם איז געווען זייער ווייט. ער איז טאָג איין, טאָג אויס געגאַנגען אויף דעם „אָר־

ראק" צו דער טעמפער קאפיטאנס טאכטער, וואס איז לחלוטין נישט געווען ענלעך צו פושקינס „קאפיטאנס טאכטער" און די מאמע אירע האט אלץ גע־האלטן אין פרעגן, צי זי קען עפעס און צי זי האט א שטיקל שאנס צו קענען אריבער אין צווייטן קלאס.

און דערווייל האט אנגעהויבן ווערן פרילינג. די קאזארמעס זיינען גע־ליגן אין פעלד און דער פרילינג האט אריינגעשמעקט. עס האט זיך געבענקט נאך דעם קילער אנהויב פרילינג מיט דעם קרעכצנדיקן געזאנג פון דעם טייך, וואס באפרייט זיך און נאך דער גאנצער גרופע מיידלעך, וואס זעען אויס ווי פרילינג־מלאכים. ער האט זיך דערמאנט, ווי אזוי ער איז פאראיארן אנהייב פרילינג אהיימגעקומען און ס'איז אים געווען אי פריילעך, אי טרויעריק און אים האט זיך געדאכט, אז זייט דעמלט איז שוין אוועק אן אייביקייט. ער האט שוין אזוי לאנג נישט געטראכט נישט וועגן סאניאן און אפילו נישט וועגן מיראן. נאר ווען ער האט דורך די נעכט אמאל נישט געקענט שלאפן און די רייף־ווערנדיקע מענערישקייט האט אין אים געזונגען און געוויינט, האט ער געזען מיראן און געפילט איר הייסן אטעם. וועגן ריווע קאמאראווסקי מיט אירע חלומות וועגן טעאטער האט ער פארגעסן און פון בעטיא קאמא־ראווסקי האט ער אויך נישט געטראכט, כאטש ער האט פון צייט צו צייט באַ־קומען בריוו פון איר. זי איז פאר אים געווען א חברטע און מירא איז געווען א ווילדע קראפט, וואס האט אים נישט געלאזט רוען און א נישט פארווירק־לעכטער חלום, וואס האט אין אים נישט אויפגעהערט צו מאנען און צו זינ־גען. זי איז געווען דאס פרילינג־געזאנג זיינס, וואס האט אין אים געזונגען אלציינס ווי דאס ייִנגעלע, וואס האט שוין באלד געדארפט ווערן אנדערט־האלבן יאר און אז ער האט זיין פארשטארבענער מאמעס חן־גריבלעך באַ־מערקן אלע און זיינע אויגן באמערקט קיינער נישט...

ס'איז אנגעקומען פסח. מען האט אין שטאט איינגעארדנט א יידישע קיך פאר אלע יידישע סאלדאטן און מען האט פאר זיי איינגעארדנט זיי זאלן פראווען ביידע סדרים. אייניקע סאלדאטן זיינען געווען איינגעלאדן אין פריי־וואטע יידישע היימען. אויך יאנקל האט געקראגן אזא איינלאדונג. א מאמע, וואס האט אליין געהאט א זון א זעלנער אין אן אנדער שטאט, האט אים איינ־געלאדן, אבער ער האט געוואוסט, אז די דאזיקע מאמע וועט אים צופיל אפ־בלאזן דאס פלאץ און דערצו נאך באקרעכצן און באוויינען, איז ער בעסער געגאנגען אין דער אלגעמיינער קיך, וואו דאס עסן איז געווען פראסטער, דער־פאר אבער איז געווען פריילעכער. עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז צווישן די סאלדאטן האבן נישט געפעלט קיין רבנים און שוחטים און חזנים. עס האבן אויך נישט געפעלט קיין בעל מלאכה יונגען, וואס האבן געהאט אייזערנע

קולות און מען האָט אָנידערגעלייגט אַ הגדה זאָגן, אַז די שטאָט האָט געַ־קלונגען. אַ סאָלדאַט האָט געפרעגט די פיר קשיות און דער עולם האָט געַ־שמייכלט און ער איז דאָך געווען אויך טרויעריק. און ווען מען האָט אַ זאָג געטאָן „עבדים היינו לפרעה במצרים", האָבן זיך ביי אַ סך געוויזן טרערן אין די אויגן און אייניקע האָבן זיך געזאָגט שטילערהייט, אַז איצטער איז נישט בעסער ווי אין מיצרים. איין סאָלדאַט האָט דערציילט דעם צווייטן, אַז ערשט היינט האָט אים דער יעפרייטער געשטעלט קנייטן ליים מיט די פיס, באָטש אויף דער גאַס איז געווען אַ גאַנץ שניידנדיקע קעלט. אָן ערל, וואָס איז געוואוינט דערצו, האָט עס געוואָלט טאָן פאַר אים. אָבער דער „בענדלדיקער" האָט געוואָלט, אַז נאָר ער זאָל עס טאָן... דער אימפּעט פון דער הגדה האָט אַריינגעבראַכט אויך פרייד און בעת דעם עסן איז געוואָרן גאָר לעבעדיק און מען האָט געמאַכט אַ כוסה אויך. מען האָט אַלע מאָל געבראַכט ווייַן, וואָס גבירים האָבן געשיקט. צו דער צווייטער העלפט פון דער הגדה איז געקומען אַ האַלבע שטאָט און די סאָלדאַטן האָבן אָוועקגעלייגט אָן „אחד מי יודע" און אַ „חד גדיא", אַז די ווענט האָבן זיך געטרייסלט. עס זיינען געקומען נישט נאָר מענער, נאָר אויך פרויען און מיידלעך זיינען געקומען קוקן ווי אַזוי די זעלנער פּראַוועט דעם סדר. אייניקע פון די מיידלעך האָבן געווים געהאַט צווי־שן די סאָלדאַטן באַהאַלטענע חתנים. די געסט האָבן אַריינגעבראַכט נאָך מער הייטערקייט און דער סדר האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ שטיקל באַל. עס האָט זיך שוין געפונען אַ גראַמאַפאָן, וואָס מען האָט אָנגעצויגן און וואָס האָט געַ־שפּילט דעם וואַלס „דאָס צעבראָכענע לעבן" און אַנדערע וואַלסן, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע און יידן האָבן איראָניש געזאָגט: „עס פעלן ברוך השם נישט קיין שמחות ביי יידן!"

און באַלד נאָך פּסח איז דאָס לעבן געוואָרן ווידער גרוי. עפּעס האָט אונ־זער העלד יאָ און נישט געלעבט. אים האָט זיך געגלוסט אַנטלויפן קיין אויס־לאַנד און ער האָט וועגן דעם געשריבן אַהיים. די עלטערן האָבן געענטפערט מיט טויזנט ניינען. זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז זייער זון זאָל אַוועק קיין אויסלאַנד און מער נישט טאָרן צוריקקומען. עס איז אַוועק אַ דינגעניש. און דערווייל האָט אונזער העלד באַמערקט, אַז מען גייט צו אָפּט „נאַ סטרעלבו" (אויף שיסן), מען גייט דריי און פיר מאָל אַ וואָך, ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי אַלטע סאָלדאַטן, האָבן זיי געזאָגט, אַז פריער איז מען קיינמאָל נישט געַ־גאַנגען אַזוי אָפט אויף שיסן. עס איז קלאָר געווען, אַז מען גרייט זיך צו אַ מלחמה. יאַנקל האָט אַוועקגעשריבן נאָך אַ בריוו אַהיים און ער האָט געדראָעט מיט מלחמה. דער פאָטער האָט אים געענטפערט, אַז ער זאָל נישט וועלן זיין צו קלוג, וועמען ער דערציילט וועגן דעם, לאָכן זיי זיך אויס. זיי זאָגן, אַז אין קיין שום בלאַט ווערט נישט דערמאָנט דערפון. יאַנקלען האָט דער אינס־טינקט געטריבן צו אַנטלויפן. עס איז אים אָנגעקומען אַ ווילדע לײדנשאַפט

צו אַנטלויפֿן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אויב ער וועט דאָס נישט טאָן, וועט מיט אים געשען אַן אומגליק. אים איז געווען נמאס דאָס גאַנצע קאַזאַרמע־לעבן, כאָטש ער האָט פֿון צופֿיל פֿאַרקנעכטקייט נישט געליטן. ער איז אַמאָל געגאַנגען מיט אַ מיידל שפּאַצירן, האָט אים אַן אָפֿיציר פֿרעך אָפּגעשטעלט און זיך געהייסן באַקענען מיטן פֿרײלן און אים האָט דאָס מוראדיק וויי געטאָן. ער האָט נישט געקענט ליידן דאָס צו פֿרי זיך לייגן און דאָס פֿרי אויפֿשטיין און ער האָט נישט געקענט ליידן! דאָס זיין צוגעבונדן און זיך נישט טאָרן אַ ריר טאָן אָן אַ דערלויבעניש און ער איז אין אַ שיינעם טאָג אַוועק און ער איז נישט צוריקגעגאַנגען אין דער קאַזאַרמע אַריין און דער רויטער ייד פֿון דעם שענק האָט אים געהאָלפֿן איינאָרדנען די זאַך. ער האָט אים באַלד אַוועק־געפֿירט צו אַן אָרימען יידן אין אַ הינטערגעסל און האָט אים דאָרט אויסגע־טאָן די מיליטערישע קליידער און באַזאָרגט מיט ציווילע און געהייסן דאָרטן איבערבלייבן עטלעכע טעג, ווייל די ערשטע צייט וועט מען שטאַרק זוכן. די עטלעכע טעג זיינען געווען זייער גהינומדיקע פֿאַר אונזער העלד. יעדער שטאַר־קער שפּאַן אין הויף, יעדער שאָרך האָט אים איבערגעשראָקן. ער איז אַלע־מאָל געווען גרייט, אָדער זיך באַהאַלטן אונטערן בעט, אָדער אַנטלויפֿן דורך אַ פֿענצטער. דורך די נעכט איז ער נישט געשלאָפֿן און ער האָט געדרימפּלט אַ גאַנצן טאָג און ער האָט זיך אַלע מאָל אויפֿגעכאַפּט מיט אַ קאַלטן שווייס אויפֿן פּנים און מיט אַ פּאַניק. אים האָט זיך אַלע מאָל געחלומט, אַז מען פֿאַלט אים איבער און ער לויפֿט און מען כאַפּט אים און מען שלעפּט אים צו־ריק אין קאַזאַרמע און פֿון דאָרט שלעפּט מען אים אין דיסציפּלינאַרנע באַ־טאַליאָן און מען שלאָגט אים. ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט מיט אַ געוויין און מיט אַ געשריי. די באַלעבאָסטע, אָדער איר טאָכטער פֿלעג באַלד אַריינלויפֿן אין איין שרעק און אים בעטן, אַז ער זאָל זיי נישט אומגליקלעך מאַכן. ער האָט זיינע איבערלעבונגען אָנגעשריבן און געלאָזט אין דעם צימער וואו ער איז געווען, אויף דעם טיש און ווען ער האָט איינגעדרימלט, האָט די טאָכטער פֿון דער באַלעבאָסטע איבערגעלייענט דאָס געשריבענע און זי האָט עס אין צווייטן צימער דערציילט אַ חברטע. ער האָט געהערט ווי זי האָט עס דער־ציילט. זי האָט נישט פֿאַרשטאַנען צוליב וואָס ער האָט עס געשריבן און זי האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף זיין עפּעס אַ צעדרייטער, אָבער זי האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז ער ליידט און זי האָט אים באַדויערט; דאָס רחמנות האָבן פֿון אַ פֿרעמד פּשוט מיידל האָט אים גערירט און ס'האָט אים אויך וויי געטאָן. עס איז געווען צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, וואָס ווילד פֿרעמדע האָבן אויף אים אַזוי געדאַרפֿט רחמנות האָבן.

די צייט איז אַזוי לאַנג געקראָכן ביז וואַנען זי האָט אָפּגעטאָן אירס. עס איז געקומען דער טאָג, ווען אונזער העלדס בעל יועץ, דער בעל אכסניה מיט דער רויטער באָרד, האָט געהאַלטן, אַז מען מעג שוין פֿאָרן. ער האָט גע־

האַלטן, אַז מען דאַרף נישט דינגען קיין ספּעציעלן בעל עגלה, וואָס זאָל וויסן וועגן דער גאַנצער געשיכטע. אַ סוד טאָרן צופיל מענטשן נישט וויסן. מען דאַרף, האָט ער געזאָגט, דינגען דאָס ערשטע פורל, וואָס גייט צו דער ערשטער סטאַנציע נאָך האיסין און דאָרטן זיך אויפזעצן. פאַרוואָס אויף דער ערשטער סטאַנציע נאָך האיסין? ווייל צו דער צווייטער איז צו ווייט. און אין האיסין אַליין? אין האיסין אַליין טויג נישט! דער צוג שטייט דאָרט צי לאַנג און עס זיינען דאָ צופיל קוקערס. ביי דער ערשטער סטאַנציע קומט דער צוג צו און ער גייט אַוועק און פּטור אַן עסק. דער בעל עגלה פרעגט נישט קיין קשיות ־פאַרוואָס צו דער ערשטער סטאַנציע, אַ סימן: ער אַליין פאָרט אויך אַהין. דאָרטן איז גרינגער זיך אויפצוזעצן אָן אַ בילעט. און סיי ווי פרעגט נישט קיין בעל עגלה, ער לעבט נישט פון פרעגן, ער לעבט פון פירן פאַרשוינען און אים גייט נישט אָן, צי זיי זיינען כשר, אָדער טריפה. און אַזוי ווי דער רויטער ייד, וואָס איז שוין געווען זייער פּראַקטיש, האָט געהייסן, אַזוי האָט אונזער העלד געטאָן. דער רויטער ייד האָט שוין נישט איין זעלנער אַזוי עקספּעדירט און — הלוואי ווייטער. ביז איצטער איז נאָך קיינער, גאָט זיי דאַנק, נישט אַריינגעפאַלן. צוליב פאָרזיכטיקייט האָט ער געהייסן דעם „בורח" (אַנטלויפער, אַזוי האָט ער אים גערופן) זיך גוט אַרומבינדן די ציין, אַזוי אַז מען זאָל אים אַ האַלב פּנים נישט אַרויסזען און דאָס גאַנצע פּנים נישט דערקענען. און ער האָט טאַקע געקראָגן אַן אַנדער צורה, ער האָט זיך אַליין נישט דערקענט אין שפּיגל. די בעל אַכסניהטע האָט אים אַרומגעבונדן און זי האָט עס געמאַכט גוט. עס איז נישט צום ערשטן מאָל, האָט זי געזאָגט. פּאַניען וועט נישט איינפאַלן, אַז איינער, וואָס גייט אַזוי שטאַרק אַרומגעבונדן די באַק, איז אַן אַנטלאָפענער זעלנער.

דאָס פאָרן צו דער באַן האָט געדויערט לענגער ווי דאָס וואַרטן אויף דעם טאָג פון אַוועקפאָרן. ס'האָט נישט געדויערט ממש מער, ס'האָט נעדויערט נאָר אַ פּאָר שעה, אָבער געצויגן האָבן זיך די פּאָר שעה אַ סך, אַ סך לענגער ווי די עטלעכע טעג. דער פּלאַן, אַז דער בעל עגלה זאָל נישט וויסן, האָט נישט געטויגט. דעם וואָגן איז אויסגעקומען זיך אַנידערצושטעלן פונקט לעבן קאַפּיטאַנס שטוב. יאַנקל האָט באַלד באַמערקט אַ סאָלדאַט פון זיין ראָטע, וועלכער האָט אים גוט געקענט. יאַנקל האָט אים אַמאָל אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיינע עלטערן. ער איז געשטאַנען און ער האָט געטאָן פרילינג־אַרבעט אַרום הויף. ער האָט געגראָבן ערד, מיסתמא עפּעס צו פאַרפלאַנצן אַ פּאָר ביימער. דער וואָגן איז דאָרט וואַרשיינלעך נישט געשטאַנען מער ווי צען מינוט, אָבער די דאָזיקע צען מינוט האָבן פאָרט זיך געצויגן מער ווי אַ יאָר. עס האָט זיך אונזער העלד אויסגעוויזן, אַז דער סאָלדאַט קוקט אויף אים, האָט ער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ. די פאַרבונדענע באַק האָט אים טאַקע געגיבן אַן אַנדער אויסזען, אָבער אַז מען זעט גאָר נישט אָן, איז מען דאָך מער

זיכער. אים האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז דער סאָלדאַט קוקט אויף אים אָנגעשטרענגט. דער ערשטער געדאַנק, וואָס איז אים געקומען, איז געווען — אַנטלויפן. אַראָפּשפּרינגען פון וואָגן און לויפן... און ער האָט זיך שוין אַ ריר געטאָן, אָבער ער האָט דערפילט, אַז דערמיט וועט ער זיך אַליין איבער־געבן דעם ביזן גורל אין די הענט אַריין און ער איז געבליבן זיצן. און ער האָט געקלערט, אַז אפשר וואָלט בעסער געווען אַוועקצוגיין. נישט שפּרינגען, נאָר פּאַוואָליע אַראָפּגיין און נישט לויפן, נאָר אַוועקגיין רואיק און אויס־מיידנדיק בליקן. אָבער אַן אינערלעכער כוח האָט אים צוגעהאַלטן און גע־הייסן זיצן. ער האָט זיך געפילט ממש ווי יוסף אין גרוב מיט די חיות, אָדער ווי דניאל אין לייבן־גרוב. און די פאַנטאַזיע האָט אים געגומען מאָלן בילדער איינס שרעקלעכער פון צווייטן... ער האָט שוין אפילו געלייענט אַ בריוו פון טאַטן מיט דער מאַמען, וואָס זאָגן אים, אַז ער האָט זיי געדאַרפט פאָלגן און נישט אַנטלויפן. ער האָט געזען די פּנימער פון די סאָלדאַטן, וואָס רייצן זיך מיט אים... די שרעק האָט נישט נאָר גרויסע אויגן, נאָר אויך אַ גרויסע פאַנטאַזיע האָט זי. און ער האָט געקלערט, אַז באַהאַלטן צו לאַנג דעם קאָפּ וועט נישט טויגן און ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אים געהאַלטן אַזוי אַ שטיק צייט און אים ווידער אַראָפּגעלאָזט און ווידער אויפגעהויבן. סוף כל סוף האָט ער זיך באַגעגנט מיט זיינע בליקן און יענער האָט שוין איצטער אויף אַן אמת געקוקט אָנגעשטרענגט אויף אים... די דאָזיקע מינוט, אָדער צוויי, האָט טאַקע שוין גאָר געדויערט אייביקייטן. עס איז אונזער העלד גע־וואָרן קלאָר, אַז ער קומט שוין פאַר דעם זעלנער באַקאַנט, אָבער ער קען זיך נישט דערמאָנען ווער ער איז. עס קען זיין, אַז ער איז אים שוין פּשוט אַרויס פון קאָפּ. ער איז דאָך שוין געווען אין קאַזאַרמע, ווען אַ ייד איז אַנטלאָפן. דעם ערשטן אָוונט פאַר דעם שלאָפן בעת דער „פּערעקליטשקאַ" (רעוויזיע) האָט מען גערופן דעם נאָמען און סאָלדאַטן האָבן זיך איבערגעקוקט און גע־זוכט און נישט געוואוסט. דעם צווייטן אָוונט האָט מען ווייטער גערופן זיין נאָמען און קריסטלעכע סאָלדאַטן האָבן שוין געשריגן איראָניש: „אין אַמע־ריקע" און דעם דריטן אָוונט איז שוין אין „פריקאַז פּאָ פּאָלקו" (באַפעל אי־בערן רעגימענט) געווען דערמאָנט, אַז דער און דער „ריאַדאָוואָי" (געוויינלע־כער) סאָלדאַט איז פאַרשוואונדן געוואָרן און דערנאָך האָט מען נאָך צוויי מאָל דערמאָנט דעם נאָמען אין „פּריקאַז" און — שוין. וואַרשיינלעך איז נאָך זיין אַנטלויפן אויך געווען אַזוי. דער פּויער האָט געקוקט אויף אים און יאָ און נישט דערקענט און ער האָט געזען, ווי דער מוח אַרבעט ביי אים אָנגע־שטרענגט און ער טרעפט נישט. צום גליק איז די פור דאָך אַוועקגעפאָרן. איצ־טער איז זי שוין געפאָרן גלייך צו דער באַן. יאַנקל איז געווען זיכער, אַז פונקט ווען דער וואָגן איז אַוועקגעפאָרן, האָט זיך דער סאָלדאַט דערמאָנט וועמען ער האָט געזען. און עס האָט ערשט איצטער געוואָרפן מיט אים אין

א קדחת. און וויפל מאָל א פורל האָט אָנגעיאָגט זיין וואָגן, איז ער געווען זיכער, אַז דאָס לויפט מען אים נאָך. עס איז אים אַלע מאָל ארוים א קאַלטער שווייס. און דער וועג האָט זיך געצויגן און געצויגן. ער האָט געהאַט א זייגערל ביי זיך און ער האָט אַלע מאָל געקוקט אויף דעם און ער האָט געזען, אַז א מינוט קען אַמאָל גערדויערן און גערדויערן. די אומרואיקייט האָט ער נישט געקענט באַהערשן, אָבער ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אויף דעם זייגער דאַרף ער נישט קוקן. דער פּאַסאַזשיר, וואָס איז געזעסן לעבן אים, האָט אים געזאָגט, אַז ער דאַרף נישט זיין אומרואיק, זיי וועלן אָנקומען נאָך פריער צו דעם צוג. ער האָט נישט געענטפערט. אָבער ער האָט געוויזן דעם שכן אויף דער באַק, ס'הייסט, אַז אים טוט שטאַרק וויי די ציין. דער שכן האָט באַמערקט, אַז ציין־ווייטיק איז דער ערגסטער ווייטיק אין דער וועלט און יאַנקל האָט זיך געקלערט, אַז דער פאַרשוין, וואָס זיצט לעבן אים, האָט היינען נישט געלייענט און ער ווייסט נישט, אַז ציין־ווייטיק אין האַרצן איז א גרעסערער ווייטיק.

און דער וואָגן איז אָנגעקומען צו דער צייט. נאָך אביסל צו דער צייט. מען האָט גענדאַרפט וואַרטן אריבער א האַלבע שעה און א זשאַנדאַר האָט נישט געפעלט און ער האָט אַלע מאָל געקוקט אויף דעם גאַנצן בינטל פאַרשווינען, וואָס האָבן געוואַרט אויף דעם צוג און א קוק האָט ער דווקא געהאַט א ביסטרע. פון יעדן קוק פון זיינעם איז קאַלט געוואָרן און הייס געוואָרן. יאַנקל האָט זיך געטאַפּט ביי דער קעשענע און ער האָט זיך געפרעגט, צי די פּאָר רובל, וואָס ער האָט מיט זיך, וואָלטן געווען גענוג אונטערצוקויפן דעם זשאַנדאַר אין ערגסטן פאַל. אָבער דער זשאַנדאַר האָט נאָר געקוקט ביסטרע, געפרעגט האָט ער קיינעם גאָרנישט. און דער דרויסן האָט אויף צו להכעיס געשמעקט מיט טויזנט ריחות. ס'איז געווען אָנהויב מאַי און דער פרילינג האָט געבליט. און ס'איז געקומען די צייט, ווען מען איז אַריין אין צוג אַריין, וואָס איז נישט געווען שטאַרק געפּאַקט. אונזער העלד האָט געקענט קריגן א פּלאַץ לעבן פענצטער און ער האָט געקענט זיצן אַזוי, אַז דאָס האַלבע פּנים זאָל מען אים אויך זייער זעלטן זען. ער האָט דאָס פּנים געהאַלטן אין פענצטער אַריין און געזען האָבן עס נאָר די פּויערים און פּויערטעס, וואָס האָבן געאַרבעט אין פעלד. ער האָט דערוואַרטעט צו טרעפן דעם טאַטן אין אָדעס. דער ייד האָט אָוועקגעשיקט א טעלעגראַמע קיין קיליע מיט די ווערטער, אַז „די סחורה איז אָפּגעשיקט קיין אָדעס". די טעלעגראַמע האָט מען געשיקט צום פעטער נוח, ווייל ערשטנס איז ער א סוחר און ווען עס וועט צו אים אָנקומען א טעלעגראַמע וועגן סחורה, וועט דער טעלעגראַפיסט נישט האָבן קיין שום פאַרדאַכט, בעת ווען אַזא טעלעגראַמע וועט אָנקומען צוו שוחט, קען ער האָבן א חשד. און חוץ דעם האָט נוח נישט קיין זון אין סאָלדאַטשינע און דער טאַטע יאַ און דערצו נאָך טאַקע אין האַסין, פון וואַנען די טע־

לעגראַמע האָט געדאַרפט אָנקומען. יאַנקל האָט פון דעסט וועגן נישט אויפגעהערט מורא צו האָבן, אַז די טעלעגראַמע איז נישט אָנגעקומען. אַ דעפעשע האָט דעמלט געקענט גיין דריי און פיר טעג אויך. איז ער ווידער געווען אומרואיק. און וויפל מאָל די קאָנדוקטאָרס זיינען אַריינגעקומען אין וואַגאָן אַריין, האָט אים געגיבן אַ קלאַפּ אין האַרצן אַריין. די קאָנדוקטאָרס האָבן פון דער ווייטנס אויסגעזען ווי פּאָליציי. פון דער נאָענט האָבן זיי דווקא געשמייכלט און זיך געחנפעט און זיי האָבן מיט טויזנט אויגן אַרויסגעקוקט אויף אַ יידישן פּאַסאַזשיר, וואָס זאָל נישט האָבן קיין בילעט. עס זיינען אין משך פון דער רייזע אַ פּאָר מאָל אַריינגעקומען זשאַנדאַרן און זיי האָבן געקוקט און אַרויסגענומען דאָס האַרץ און זיי זיינען אַוועק. אַ פּאָליאַק מיט שטעכיקע וואָנציעס אַזוי ווי אַ ים־וואָלף און מיט נישט גוטע און נישט שלעכטע, נאָר גלאַט גאָרנישט זאָגנדיקע אויגן האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן אונזער העלד און ער האָט העפלעך און פריינטלעך און דאָך אָן אינערלעכער פריינטלעכקייט גענומען ריידן מיט אים. עס איז אים געווען לאַנגווייליק און ער האָט געוואָלט ריידן. ער האָט אָנגעהויבן אויף רוסיש און ער איז באַלד איבערגעגאַנגען צו פּויליש און ווען זיין מיטשמועסער האָט אים געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט נישט אַ וואָרט, האָט ער זיך מוראדיק געחידושט. ער האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי קען עס אַ ייד נישט פאַרשטיין קיין פּויליש. האָט אים שוין זיין מיטשמועסער געענטפערט, אַז ער שטאַמט פון בעסאַראַביע, וואו מען רעדט אַלע שפּראַכן, חוץ פּויליש. האָט ער שוין גערעדט רוסיש, אָבער ער האָט זיך דאָך אַלעמאָל געפּרוּווט אַ רייד טאָן אויף פּויליש. ער האָט געוואָלט וויסן. צי זיין מיטשמועסער האָט ליב די די „מאָסקאַלן“, די רוסן הייסט עס. ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל עס אים דווקא דערציילן. יאַנקל האָט זיך געפּרוּווט אויסדרייען, ער האָט אים געענטפערט, אַז נישט אַלע זיינען גלייך. ער האָט אַפילו נישט ליב אַלע יידן. דאָ האָט שוין דער שליאַכטיטש מסכים געווען, אַז אַלע יידן קען מען נישט ליב האָבן... און דערנאָך האָט ער שוין גערעדט וועגן פּרוסאַקעס און ער האָט געוואָלט וויסן, צי זיין יונגער פריינט וואָלט אַ בעלן געווען צו גיין שיסן פּרוסאַקעס. האָט זיין „יונגער פריינד“ נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער דאַרף עס גיין שיסן פּרוסאַקעס, האָט דער אַלטער פריינד זיינער געענטפערט, אַז די פּאָליאַקן האָבן שוין דעם ריכטיקן חשבון מיט די פּרוסאַקעס. האָט ער געזאָגט, אַז ער איז דאָך נישט קיין פּאָליאַק, האָט ער געענטפערט, אַז יידן דאַרפן גיין האַנט אין האַנט מיט די פּאָליאַקן. יאַנקל האָט געוואוסט וועגן אַלץ, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין יענער צייט אין פּוילן מיט דער יידן־פראַגע און דעם באָיקאָט, וואָס די פּאָליאַקן האָבן פּראָקלאַמירט קעגן יידן, ווייל זיי האָבן צוריק מיט אַ צייט נישט געשטימט פאַר דעם אַנטיסעמיטישן פּוילישן קאַנדידאַט אויף דעפּוטאַט, נאָר פאַר דעם סאָציאַליסטישן פּוילישן קאַנדידאַט יאַגעילאָ, וואָס איז טאַקע גע־

ווארן דעפּוטאַט. די פּאָליאַקן האָבן פּראָקלאַמירט דעם „סוואָי דאָ סוועגאָ״ (אַן אייגענער צו אייגענע) און זיי האָבן געהייסן נישט קויפן ביי קיין יידן. זשאַבאָטינסקי האָט וועגן דעם געהאַט אַ ריי אַרטיקלען אין „אָדעסקיאַ נאָ־וואָסטי״ און זייער שאַרפע און זייער שטאָלצע. ער האָט די דאָזיקע אַרטיקלען אַרויסגעגעבן אין אַ בראָשור און יאַנקל האָט די דאָזיקע בראָשור געבלעטערט אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק אין דער אָדעסער און ער האָט אויף איר גע־טראָפן אומגעהויער גיפטיקע צושריפטן אויף דעם חשבון פון מחבר און אין איין וועגס אויף דעם חשבון פון אַלע יידן. די פּוילישע יידן זיינען אויך נישט געווען שטאַרק צופרידן מיט זשאַבאָטינסקיס אַרטיקלען, אייניקע האָבן גלאַט געזאָגט, אַז רוסישע יידן דאַרפן זיך נישט מישן אין זייערע אינערלעכע קאָנ־פליקטן מיט די פּאָליאַקן און אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז זיי מעגן זיך יאָ מישן, אָבער זיי דאַרפן נישט פאַרגעסן, אַז יידן וועלן שטענדיק דאַרפן לעבן אין איי־נעם מיט די פּאָליאַקן און זיי טאָרן זיי נישט דערקלערן ווי שונאים. ח. ד. נאָמבערג האָט וועגן דעם אָנגעשריבן אַן אַרטיקל אין אַ וואַרשעווער צייטונג, וואָס איז גראָד אַריינגעפאַלן צו יאַנקלען אין די הענט. נאָמבערג האָט גע־זאָגט, אַז זשאַבאָטינסקי איז אַ הייסער העברעאיסט און ער, נאָמבערג, איז אַן אויסגעשפּראָכענער יידישיסט. זשאַבאָטינסקי איז אַן ערשטראַנגיקער רעד־נער, פון דעסט וועגן איז ער מער צופרידן, אַז זשאַבאָטינסקי זאָל האַלטן הונ־דערטער רעדעס קעגן „זשאַרגאָן״, איידער ער זאָל אָנשרייבן איין קלוג אַר־טיקל וועגן דער פּויליש־יידישער פראַגע. פון דעם אַלעמען האָט אונזער העלד געוואוסט, אַז די פּאָליאַקן לעבן נישט שטאַרק גוט מיט די יידן. אַ העברעאי־שער פּובליציסט האָט געזאָגט, אַז די פּאָליאַקן זיינען „עלובים העולבים״ (באַ־ליידיקטע, וואָס באַליידיקן). פון דעסט וועגן האָט דער פּאָליאַק פאַרלאַנגט, אַז „זיין יונגער יידישער פריינד״ זאָל לויפן שיסן פּרוסאַקעס, ווייל די פּאָ־ליאַקן האָבן מיט זיי חשבונות... די באַגעגעניש מיט אַ פּאָליאַק צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט אויף יאַנקלען געמאַכט אַ מאָדנע איינדרוק. ער האָט זיך געגיבן חשבון, אַז ער האָט פאַר זיך אַ מוסטער־עקזעמפּליאַר פון די צענד־ליקער מיליאָנען פּאָליאַקן, וואָס מיליאָנען יידן וואוינען מיט זיי אין שכנות. דער איינדרוק איז איבערהויפּט באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער פּאָליאַק איז זייער באַליידעוודיק. אין בעסאַראַביע רעדט כמעט קיינמאָל נישט דער מאָל־דאַוואַן וועגן דעם, אַז יידן דאַרפן האַלטן מיט אים. די גאַנצע העצע קעגן יידן איז אין בעסאַראַביע געפירט געוואָרן אין דער שטיל און פון איין צייַ־טונג, וואָס האָט געהייסן „בעסאַראַבעץ״ און האָט געהערט צו קרושעוואַנען און אַביסל אויך צו פּורישקעוויטשן. אין מיטן וועג איז דער פּאָליאַק פאַר־שוואונדן און געלאָזט זיין „יונגען פריינד״ מיט נייע געדאַנקען און ער האָט אים געגעבן וועגן וואָס צו טראַכטן. די שטימונג פון דאַרפן אַנטלויפן האָט זיך אויסגעמישט מיט דער שטימונג פון דעם פּאָליאַקס טענהס צו אים, אַז

ער זאָל גיין שיסן פּרוסאַקעס און מיט דער שטימונג פון דעם באיקאַט, וואָס פּאַליאַקן האָבן דערקלערט קעגן יידן און יאַנקל האָט געפילט, אַז דער ציו־ניזם איז גערעכט. דער ייד איז אומעטום אַ פרעמדער און ער פּלאָנטערט זיך אומעטום פאַר די פיס און עס טוט זיך — יידן און פּאַליאַקן, יידן און מאָל־דאַוואַנעס; און אַלע ווילן אויסנוצן די יידן פאַר זיך. אַפילו אַפאַנאַסי פּאַ־פּעסקו האָט דאָך נישט גערעדט וועגן דעם, אַז בעסאַראַביע זאָל זיין פאַר יידן אויך, ער האָט דאָך גערעדט, אַז בעסאַראַביע זאָל זיין פאַר מאָלדאַוואַנעס און פאַר יידן זאָל זיין פּאַלעסטינע.

אין אָדעס האָט שוין אויף דעם דעזערטיר געוואַרט אַ טעלעגראַמע פון דעם טאַטן, אַז מען זאָל די סחורה שיקן קיין רעני. עס איז שוין אויך אָנגע־קומען טעלעגראַפיש געלט. דער גוטער טאַטע האָט מורא געהאַט טאָמער האָט דער שלעכטער זון נישט גענוג געלט. יאַנקל האָט געוואוסט, אַז אַ סך פון זיינע באַקאַנטע זיינען אין אָדעס, אָבער ער האָט זיי מורא געהאַט צו גיין זען. ער האָט זיך מורא געהאַט צו ווייזן צופיל אין גאַס. דעם באַנד האָט ער אַראָפּגענומען פון דער באַק, אים האָט זיך גערעכט, אַז מיט דעם באַנד זעט ער אויס מער פאַרדעכטיק. אָדעס איז געווען די זעלביקע גרויסע שטאָט מיט דעם זעלביקן גרויסן טומל. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט און קיינעם איז מסתמא נישט איינגעפאַלן צו קלערן, אַז ער איז אַ דעזערטיר. ער האָט זיך געקלערט, אַז ער וואָלט אין דעם תהום, וואָס הייסט אָדעס, גע־קענט בלייבן אַ לעבן לאַנג און קיינער וואָלט אים נישט געטשעפּעט און אויב אַ „דוואָרניק" (הויז־וועכטער) וואָלט זיך אַמאָל יאָ געטשעפּעט צו אים און געמאָנט אַ פּאַס, וואָלט ער אים געקענט אָפּקומען מיט אַ פּאָר קאָפּיקעס. ער וואָלט געקענט בלייבן אין אָדעס, אָבער אַזוי ווי טאָלסטאָיס „לעבעדיקער מת". וואָס מען האָט דעמלט אומעטום געשפּילט און פון וועלכן מען האָט אומע־טום גערעדט. ער האָט געפילט, אַז ער וועט אַנטלויפן, אָבער אָדעס וועט נישט אַנטלויפן. די שטאָט, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און אין וועלכער ער האָט געקראָגן דעם אָנהויב פון זיין אַנטוויקלונג און באַוואוסטזיין און וואו זיינע ספיקות זיינען געוואָרן בולטער און שאַרפער און וואו ער האָט אָנגע־הויבן קענען און, ווי ער האָט געמיינט, פאַרשטיין טעאַטער און ליטעראַטור און וואו ער האָט געדרוקט זיינע ערשטע זאַכן און וואו ער האָט אויסגעצאַפּלט די ערשטע קינדישע ליבע מיט דער צאַרטער אַנושקאַ און די געמיטלעכע פריינטשאַפט־ליבע מיט זיין קוזינע ציפּע. די דאָזיקע שטאָט פאַרלאָזט ער איצטער און אויף שטענדיק אין איינעם מיט אַלע זיינע חלומות און אין איי־נעם מיט דער שול „יבנה", וואו ער האָט געזען אַזעלכע אינטערעסאַנטע פער־זענלעכקייטן און ער האָט געהערט אַזעלכע אינטרעסאַנטע רעדעס און דיסקו־סיעס און אין איינעם מיט דער ישיבה. וואו דאָס האַרץ זיינס האָט אַ פּאָר

מאָל געצאַפּלט מיט אַזאַ אויסערגעוויינלעכער פרייד און מיט אַזאַ האַרציקער בענקשאַפט.

געגאַנגען איז ער זיך געזעגנען נאָך מיט ציפּען. ער האָט ערגעץ געהאַט אַן אַלטן אַדרעס אירן און דורך דעם אַלטן אַדרעס האָט ער שוין געטראָפן צום נייעם. זיין שוועסטערקינד איז רייפער געוואָרן פאַר דער צייט, וואָס ער האָט זי נישט געזען און דורך דעם איז זי אויך געוואָרן שענער. אַרום די גרויסע אויגן ווי די לאַמטערנס האָט זי געהאַט טונקלע רייפן — אפשר איז עס געווען אַביסל פון אַריבערהוליען זיך און נישט דערשלאָפן אין דער שטאָט, וואָס לאָזט נישט צופיל שלאָפן, אָבער יאַנקל איז געווען זיכער, אַז דאָס איז איבערהויפּט צוליב דעם טויט פון איר טאַטן, דעם ליבן און זיסן פעטער מאיר. און ער האָט קיין טעות נישט געמאַכט. זי האָט באַלד, ווי זי האָט גע־ביטן אַ פּאָר ווערטער מיט אים, גענומען ריידן וועגן איר טאַטנס טויט און זי האָט נישט געקענט אויפהערן. זי האָט געזאָגט, אַז זי זעט אים צום ערשטן מאָל זייט יענעם אומגליק און זי קען זיך נישט באַהערשן, אָבער דערנאָך האָט זי דערציילט, אַז עס גייט זעלטן אַוועק אַ טאָג זי זאָל נישט וויינען. די אויגן טריקענען כמעט נישט אויס ביי איר... די גרויסע רייפן אַרום די גרוי־סע אויגן האָבן איר געפּאַסט. זי האָט באַקוקט איר קוזין און זיך געערגערט, וואָס ער האָט זיך אָפּגעשוירן זיינע האָר — דאָס איינציקע שיינע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, חוץ אפשר די אויגן... זי האָט ביי אים זיך נאָכגעפרעגט, צי ער האָט געבענקט נאָך איר און צי ער איז איר געבליבן געטריי און זי האָט געלאַכט. זי האָט געזאָגט, אַז אַדעס איז אַ שטאָט, וואָס לאָזט נישט לאַנג בענקען. אין די קליינע שטעטלעך, וואו ער איז געווען לערער, קען מען מיסתמא מער בענקען...

און ציפּע איז געווען די איינציקע, וואָס איז געגאַנגען באַגלייטן אונזער העלד צו דער באַן. ער האָט זיך געוואָלט פאַרבינדן די באַק נאָך אין שטאָט, האָט ציפּע געזאָגט, אַז ער וועט צייט האָבן דאָס צו טאָן אין צוג. עס איז גע־נוג, וואָס ער וועט איר בלייבן אין זיכרון אָן די האָר, דאַרף זי אים נאָך גע־דענקען מיט אַ פאַרבונדענער באַק? און זי האָט אים געבראַכט בלומען צום באַן. דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ מיידל האָט אים געבראַכט בלומען. ער האָט אויף דעם וועג געהאַלטן אין איין טראַכטן דערנאָך אַ לידל וועגן די בלומען און וועגן ציפּען. זי האָט אַליין אויך אויסגעזען ווי אַ בלום, וואָס הויבט אָן צו צעבליען. זי האָט אים אויך געבראַכט צוקערקעס און ברויט מיט וואורשט. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע געמיש פון פּראַקטישקייט און סענטימענטאַ־ליזם. זי האָט זיך אויך נאָכגעפרעגט ביי אים, צי ער האָט געלט און בכדי איר צו ווייזן, אַז ער דאַרף נישט, האָט ער איר געקויפט אַ פּאָר בלימעלעך, וואָס אַ פרוי מיט אַ ציגיינערישן פּנים האָט פאַרקויפט אויפן וואָקזאַל און ער האָט זיך געגעבן חשבון, אַז ס'איז צום ערשטן מאָל, וואָס ער האָט געשענקט

בלומען א פרוי. די אַלע ליבעם זיינע זיינען ביז איצטער געווען גניבהשע. נישט בליומען, נישט זיין „קרבן" אויף דעם קבר אפילו, נישט מיראן האָט ער אמאָל געקענט ברייננגען בלומען. ער האָט איצטער מער ליב געהאט ציפען, ווייל זי האָט אים געגעבן בלומען און ער איר. אים האָט זיך גערדאַכט, אז גאַנץ אָדעס האָט אים מיטגעגעבן בלומען אין וועג אריין. און ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט זיין קוזינע און זיך געקושט מיט איר, האָט ער געהאט דאָס געפיל, אז ער קושט זיך מיט גאַנץ אָדעס, וואָס האָט דעמלט אזוי געשמעקט מיט בלומען. ווען ער איז שוין געווען אין צוג און ער האָט זיך שוין געהאט אויסגעקעמפט א פלאַץ אין וואגאָן און ער האָט זיך שוין געטרייסלט, האָט ער זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף די בלימעלעך און אים האָט זיך גע־דאכט, אז איין בלימל קוקט צו אים מיט ציפעס אויגן. ער האָט זיך פלוצים דערמאָנט אין דעם יונג פארשטאָרבענעם באַרטניקער, וואָס האָט געזאָגט „בלומען בליען, בלומען וועלקן" און ער איז אַליין פארוועלקט געוואָרן ווי א בלום. דער לאָקאָמאָטיוו האָט געסאפעט און די רעדער האָבן געקלאַפט און אים האָט זיך גערדאכט, אז זיי שרייען: „פאַר נישט, בלומען בליען, פאַר נישט, בלומען בליען..."

☆

קאַפּיטל זיבעצן

צו אַ נײַ לאַנד, צו אַ נײַ לעבן

דער טאַטע האָט דעם זון נישט אָפּגעוואַרט ביי דער סטאַנציע אין רעני. דאָס שוועסטערקינד לאה האָט אים אָפּגעוואַרט און ערשט האָט זי אים באַלד געגעבן אַ וואונק, אַז ער זאָל זיך נישט שטאַרק באַקענען צו איר און נעמען אַ דראָשקע און פאָרן צום אַנדערן שוועסטערקינד. לאה האָט אויסגעזען מוראדיק פאַרעלטערט. אין אַנדערטהאַלבן יאָר האָט זי זיך געביטן מער ווי פריער אין פינף. אַ פּנים, האָט זיך אונזער העלד געטראַכט, נישט פאַר וואוילטאָג. איר מאַן האָט גאָרנישט געהאַט קיין פּרנסה און דער רייכער טאַטע זיינער, האָט די ירושה נישט געוואָלט אוועקגעבן ביים לעבן, האָט מען זיך געערגערט און געגעסן איינס דאָס אַנדערע. דאָס דאָזיקע פּלעג שוין פאָרקומען, ווען יאַנקל איז נאָך געווען לערער אין רעני און ער האָט געגעסן קעסט ביי זיי. דערצו האָט נאָך לאה געכאַפּט אַ צוגלופּט און דאָס מויל האָט זיך איר אויסגעדרייט אויף אַ זייט. דער טאַטע האָט אים שוין וועגן דעם געשריבן פריער. לאה אַליין האָט אים באַלד געזאָגט: „קוק נישט אַזוי, איך האָב פריער אויסגעזען נאָך ערגער. מען האָט שוין אַביסל אויסגעהיילט, עס וועט זיך נאָך אין גאַנצן צוריקדרייען, ס'זאָל זיך אַזוי דאָס מזל איבערדרייען". יאַנקל האָט זיך דערמאָנט אין דער זעלביקער לאה, ווען זי איז געקומען צו זיי ווערן אַ כּלה, זי האָט דעמלט געשיינט! און וויפל איז דאָ אין דעם? נאָך נישט קיין צען יאָר... און דאָס בליענדיקע מיידל זעט אויס ווי אַן אַלטע, צעבראָכענע יידענע און נאָך דערצו מיט אַן אויסגעדרייט מויל. זי האָט גערעדט צו אים אַביסל פון וויטן, האָט ער זי קוים פאַרשטאַנען. די ווערטער זיינען אַרויס פּונקט אַזוי צעדרייט, ווי דאָס מויל איז געווען... זי האָט אים איין וועג אָנגעזאָגט איר שוועסטערקינד די בשורה, אַז די באָבע איז נישט לאַנג געשטאָרבן. דער טאַטע זיינער האָט זיך געדאַרפט אויפהויבן פון שבעה און באַלד פאָרן אַהער. וועגן דעם, אַז איר זון מאיר איז געשטאָרבן האָט די באָבע טאַקע נישט געוואוסט ביז אין לעצט. זי וועט אים שוין געפונען אויף יענער וועלט און דאָרטן זיך דערפרייען מיט אים... לאה איז אַליין אַוועקגעגאַנגען פון וואָקזאַל און יאַנקל האָט באַמערקט ווי אָרים זי גייט אָנגעטאָן. זי האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ קוויטיקע מאַרק־יידענע.

דאָס אַנדערע שוועסטערקינד, דער רויטער, טויבלעכער און הינקענדיקער יאַנקל דעם פעטער פּראָימס, וואָס איז געבליבן איינער אַליין, ווייל אַלע שוועסטער און ברידער, אין איינעם מיט די עלטערן, זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַרגענטינע, האָט געוואוינט ווייט און די דראָשקע האָט גראָד געהאַט אַ פערדל און אַ שוואַכס און ס'איז געקראָכן און געקראָכן. יאַנקל איז געגאַנגען פאַרבונדן די באַק און לאה האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך פון דעסט וועגן בעסער באַהאַלטן מיטן פּנים אינעווייניק אריין, ווייל רעני האָט אַ טבע צו קוקן ווער עס קומט אָן פון דער באַן. ער אַליין האָט אויך אַלע מאָל געכאַפּט אַ קוק אויף די גאַסן און ער האָט דערקענט יעדן שטיין. אים האָט זיך נישט געגלויבט, אַז ער איז אָנגעקומען קיין רעני און עס דערוואַרט אים נישט ביים וואָקזאַל נישט אַפאַנאַסי פּאָפּעסקו און נישט יאַשאַ סין מייער. ער האָט זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס דאָזיקע פּאַסירט טאַקע. דאָס לעבן גייט נישט מיט קיין גלייכע וועגן, האָט ער זיך געקלערט מיט אַזאַ שמייכל, וואָס האָט אים געשטאָכן. עס האָט פאַר אים אויפגעטויכט דער גאַנצער שטורמישער זמן אין דער דאָזיקער שטאָט און דאָס נאָך שטורמישערע אַוועקפאָרן. ער איז געווען מיד פון וועג, וואָס איז געווען אַ זייער אָנגעשטרענגטער און האָט געדויערט אַ קאַרגן מעת לעת. דאָס פאָרן איז געוואָרן שווער; ווען ער איז צוגעקומען קיין זאַים, צו דער סטאַנציע, וואָס געפינט זיך לעבן פּעטדאָווקע און לעבן גראַפּיניע. ער פאָרט אַוועק אויף אייביק פון רוסלאַנד און ער קען נישט אַראָפּגיין זיך געזעגנען נישט מיט דער שוועסטער און מיט דעם שוואָגער און מיט זייערע קינדער, וואָס זיינען אים אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן און נישט מיט סאָניאַן און מיט מיראַן... און עס האָבן זיך אין באַן גענומען באַווייזן באַקאַנטע, וואָס האָבן אים נישט אויפגעהערט דערקענען, כאָטש ער איז געגאַנגען פאַרבונדן די באַק און כאָטש ער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו באַהאַלטן דאָס פּנים. און אַלע באַקאַנטע האָבן געוואוסט, אַז ער איז נישט לאַנג אַוועק דינען און זיי האָבן נישט אויפגעהערט פרעגן פון וואַנען ער קומט אַהער און פאַרוואָס ער איז נישט אַריינגעפאָרן אויף אַביסל קיין פּעטראָווקע. ער האָט געמוזט אויסטראַכטן ליגנס. אייניקע האָט ער געזאָגט, אַז מען האָט אים באַפרייט און זיי האָבן זיך געחידושט, וואָס מען האָט נישט טעלעגראַפירט דער שוועסטער און זיי האָבן אים באַגריסט און געוואָלט פון אים לעקעך און בראָנפן... און דאָ האָט זיך אים געדאַכט אַז אַלע הערן זיך צו צו דעם, וואָס ער רעדט. אַפילו די קריסטן הערן זיך צו. און ווען עס האָט זיך נאָך פון צייט צו צייט געיאָוועט אַ זשאַנדאַר, האָט אים דאָס האַרץ נאָך מער גענומען קלאַפּן. דאָ האָט דאָך פּאַסירט מיט אים די גרויסע אַוואַנטיורע און דאָ נישט ווייט וואוינט דאָך אויך זיין שוועסטערקינד בערל, וואָס איז איינער געבליבן פון אַ גרויסער משפחה. זיין טאַטע מיט זיין מאַמען מיט אַלע קינדער זיינען אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. בערל האָט שוין

געוואוסט, אז יאנקל דארף דא דורכפארן און ער האט אים אויסגעזוכט און ער האט דווקא געוואלט, אז ער זאל אראפגיין און זיין מיט אים פון איין צוג צום צווייטן. ער האט פארזיכערט, אז דא אויף דער סטאנציע איז ער קייסער און ער קען דא זיין אפילו א יאר, וועט אים אויך קיינער נישט טשעפען. יאנקל האט זיך קוים אויסגעריסן פון זיינע ארעמס. דאכט זיך, קיינמאל נישט געווען אזוי נאענט מיט אים און דאך האט ער אזוי שטארק געוויינט ביים געזעגנען זיך, אז א סך פאסאזשירן איז געווארן פארדעכטיק און זיי האבן אים געפרעגט, צי ער פארט נישט קיין אמעריקע... בערל איז געווען אזא הויכער און אזא צעוואקסענער און דאס ווערן סענטימענטאל האט אים אזוי נישט געפאסט. ער האט יאנקלען געבראכט עוף און עפל און צוקערלעך און דורך די ברילן האבן זיינע אויגן געזאגט, אז ער איז גרייט אוועקצוגיבן אים אויך די נשמה... ער האט באוויזן צו זאגן: „דער עולם צעפארט זיך און מיר בלייבן אליין...” ער האט יאנקלען אריינגעשטופט אויך א פאר רובל און ער האט געזאגט, אז אונטערוועגס קען עס צונוץ קומען און דאס דאזיקע האט אים נאך מער גערירט. פון טראיאנאוו וואל ביז רעני האט זיך שוין דער קורצער וועג ווידער געצויגן און געצויגן און איצטער האט זיך געשלעפט דער וועג אין דער דראשקע איבער גאנץ רעני. עס האט זיך אונזער העלד אויסגעוויזן, אז ער זעט אלע מאל אן אנדער באקאנטן און איין מאל האט זיך אים גאר אויסגעדאכט, אז ער זעט אפאנאסין. דאס הארץ איז אים שיעור נישט ארויסגעשפרונגען און ער האט געוואלט אראפשפרינגען. די דראשקע האט זיך ענדלעך אפגעשטעלט. דער טאטע האט נישט געווארט אין דרויסן. מען האט נישט געוואלט מאכן קיין רעש פאר די שכנים, וואס האבן געקוקט מיט טויזנט אויגן אויף דעם „פאעטאן”, וואס איז צוגעפארן. עס איז געווען אן ארימע געגנט און א דראשקע איז דארט געווען א זעלטנהייט. קינדער זיינען באלד ארויפגעשפרונגען אויפן „פאעטאן” פון אונטן און אויך פון פארנט.

דער טאטע האט אויסגעזען נאך מער פארעלטערט. ער האט זיך פאר די עלטערע עטלעכע חדשים פשוט פאדאוועט און ער האט אויסגעזען ווי אן אלטער ייד. ער האט באלד זיך צעכליפעט ביים ארומנעמען דעם זון. ער האט גערעדט וועגן דעם, וואס די באבע דבורה איז געשטארבן. זי איז טאקע געווען אלט, עס האט איר שוין קיין סך נישט געפעלט צו ניינציק, די מאמע זאגט, אז זי איז געווען אריבער ניינציק, אבער א מענטש וויל קיינמאל נישט שטארבן און א זון וויל קיינמאל נישט, אז די מאמע זאל שטארבן... דער טאטע האט געהאט א פול מויל מיט געוויין און ער האט נישט געקענט ריידן. ער האט פון דעסט וועגן באלד גענומען ריידן וועגן דעם. וואס יאנקל איז אוועק און ער האט געזאגט, אז ער האט עס נישט געדארפט טאן און ער האט זיך ווידער צעוויינט. דאס מויל איז אים נאך מער פול געווארן מיט געוויין. אוועקפארן און קיינמאל נישט טארן קומען אהיים, אפגעריסן ווערן... צוויי טעב־

טער זיינען אוועק און איצטער וועט ער אויך אוועקלויפן. די באָבע איז געשטאָרבן, דער פעטער מאיר איז געשטאָרבן, דער פעטער אלי איז אין אמעריקע, דער פעטער פראָים איז אין אַרגענטינע. אַ משפחה איז אַ פּנים ווי אַ בוים, וואָס די בלעטער פאַלן אַראָפּ, אָדער זיי צעפליען זיך, אָדער זיי ווערן אין גאַנצן באַגראָבן... דער טאַטע האָט מער געוויינט, ווי גערעדט. די שוועסטערקינדער האָבן זיך אַריינגעמישט, זיי האָבן געוואָלט טאַנצן אַרום די געסט; אַזעלכע געסט... און דאָ וויינט מען און מען וויינט. זיי האָבן געוואָלט, אַז מען זאָל טרינקען טיי מיט איינגעמאַכץ און צובייסן מיט קיכלעך און דאָ וויינט מען גאָר און מען וויינט... מען האָט געמוזט טרינקען און עסן, כאָטש ס'איז נישט נעגאַנגען אין מויל אַריין. די באַלעבאָסטע האָט געסטראַשעט, אַז זי וועט ברוגז ווערן, אויב מען וועט נישט טרינקען און נישט צובייסן און האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אַז דער טיש איז נאָך פול...

יאַנקל האָט געגומען זיך נאָכפרעגן אויף אַפּאַנאַסין און אויף יאַשאַן. די שוועסטערקינדער האָבן אים צוגעזאָגט צו ברענגען יאַשאַן. און אַפּאַנאַסין? האָבן זיי אים געענטפערט, אַז אַפּאַנאַסי איז אַ קריסט און עס איז גלייכער, אַז ער זאָל נישט וויסן פון דעם אַלעמען. יאַשאַ איז אַ ייד און ער האָט אַפילו געהאַלפן געפינען דעם פישער, וואָס וועט אים מאָרגן אָפּפירן קיין גאַלאַץ. יאַשאַס פעטער האַנדלט מיט פיש, האָט ער צו טאָן מיט די „ריבאַקעס" (פישער), האָט ער גרינג געקענט איינעם, וואָס וועט עס מאַכן. ער האָט שוין אַ סך אַריבערגעפירט. ער נעמט פריער גאָרנישט. ער ברייגנט דערנאָך דאָס קוויטל פון אַריבערגעפירטן, באַצאָלט מען אים. יאַנקל האָט זייער געוואָלט זען אַפּאַנאַסין, אָבער ער האָט באַשלאָסן, אַז וועגן דעם וועט ער ריידן ערשט, ווען יאַשאַ וועט קומען. דער טאַטע האָט דערוויייל זיך געכאַפּט, אַז ס'איז שוין שפּעט און ער איז אוועק אין שול אַריין דאַוונען מינחה־מעריב און ער האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט חלילה פאַרשפּעטיקן. ער האָט געזאָגט קדיש נאָך דער באָבען. ער האָט געזאָגט אויף זיך מיט זיין טרויעריקן שמייכל: „איך בין אַ יתום און אַן אַלטער ייד". ער האָט ביים אוועקגיין געוואָרפן אַ בעטנדיקן בליק צום זון און יענער האָט דערקענט, אַז ער האָט אים געבעטן ער זאָל דאַוונען, בכדי גאָט זאָל אים העלפן און ער זאָל אַריבערפאָרן בשלום. יאַנקל האָט שטומערהייט געפאָלגט און ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און ער איז דאָרט געשטאַנען אויך ווען דער פאָטער איז שוין נישט געווען. די ליפּן האָבן געשעפּטשעט און ער האָט אַליין נישט געוואוסט וואָס.

אין אָוונט איז געקומען יאַשאַ סין מייער. אַ זינגענדיקער ווי שטענדיק, דער גאַנצער קערפּער זיינער האָט געזונגען און די לאַכנדיקע אויגן האָבן אים געזונגען. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט ווי אַמאָל און דערלאַנגט בוכציעס, וואָס האָבן ווייי געטאָן און פאַרשאַפט פאַרגעניגן. ס'איז געווען אַ זעלטענע חברשאַפט אין זיי. ער האָט, ווי אַמאָל, געביסן די ווערטער און ער האָט געזאָגט,

אז א פאטאגראף איז ער א בעסערער פון... יאנקלען, ער איז שוין באלד א גוטער פאטאגראף און ער פארדינט שוין אביסל געלט, אבער א שרייבער איז ער אן ערגערער ווי זיין חבר, עס גייט אים נישט מיטן שרייבן. ער שיקט אין אלע רעדאקציעס און מען דרוקט נישט, מען ענטפערט אפילו נישט. ער האט געלאכט פון זיך אליין און ער האט געזאגט, אז ער איז א פנים א גרויסער קאליקע. יאנקל האט אים מקנא געווען מיט זיין הומאר, ער ערגערט זיך נישט פון גארנישט. ער האט גערעדט מער יידיש ווי רוסיש און דאס דאזיקע איז געוועזן קענן זיין אמאליקער געוואוינהייט. ער האט געזאגט, אז ער פרואווט זיך שרייבן יידיש, אפשר וועט ער אין זיין מוטער־שפראך האבן מער מזל... און ער האט גערעדט און גערעדט און אנגעפילט די שטוב מיט לייכטע און לייכטזיניקע און גוטמוטיקע און שפילעוודיקע רייד. ער איז דעם טאטן אויך געפעלן געווארן. ער האט געזאגט, אז מען דערקענט אין אים, אז ער איז א גוטער בחור. ער האט גערעדט וועגן דעם טאטנס שלעכטע געשעפטן אויך מיט הומאר. ער האט אויסגעלאכט די צרות מיט א יידישן ביטחון. ער אליין האט שוין אויך אויסגעפרואווט עטלעכע פרנסות און ער האט ביז איצטער נאך אלץ נישט באוויזן צו פארדינען מער ווי וואסער אויף קאשע. ער האט נאך פון זיין פאטאגראפירן אפילו נישט אויף קיין צענדליק פאפיראסן פאר דריי קאפיקעס, פון זעקס איז אפגערעדט. ער מוז דרייען א ציגאר. אי דאס פון „באקומס" פאבריק און ווען ער האט געזען ווי דער טאטע דרייט א ציגאר, האט ער ביי אים געבעטן אביסל טאבאק מיט א שטיקל פאפיראס־פאפיר. עס האט נישט געדויערט לאנג און די רעדע איז ארויפגעקומען אויף אפאנאסין. יאשאס העל אויסזען איז געווארן טונקלער. ער האט צונויפגעצויגן די ברעמען, וואס האבן ביי אים אויסגעזען ווי פליגעלעך פון א פייגעלע און ער האט פריער פארלאנגט ביי יאנקלען א שבועה, אז ער וועט אים נישט ווען זען. און ער האט ווייטער נישט געלאזט ריידן ביז וואנען ער האט מיט דער הילף פון טאטן ארויסגעקראגן די דאזיקע שבועה. און ערשט דערנאך האט ער דערציילט, אז אפאנאסי איז שוין נישט דער דאזיקער וואס ער איז געווען, ער זאגט שוין נישט מער, אז ער איז א נאציאנאלער ייד און א ציוניסט און ער דערלויבט זיך שוין אמאל אזא בורטשע טאן וועגן יידן, ווי אן אמתער אנטיסעמיט. ער כאפט זיך באלד צוריק און ער זאגט, אז ער מיינט נישט אלע יידן, אבער דאס טוט ער אין זיין אנוועזנהייט; ווען ער איז נישטא, רעדט ער אנדערש. און ער חברט זיך שוין מיט יענע לייט, מיט די דאזיקע, וואס זיינען אין פארבאנד פון די אמתע און עכטע רוסן, כאטש ער אליין איז, דאכט זיך, א מאלדאוואנישער פאטריאט. ער זאגט, אז ער קער זיך מיט זיי פאליטיש נישט אן און אז ריידן איז ער פריי צו ריידן מיט יעדן, אבער דאס דאזיקע זאגט ער אים... ער רעדט וועגן יאנקלען מיט באגייסטערונג און ער זאגט נאך אלץ, אז ער איז דער גרעסטער מענטש, וואס ער האט געקענט און

דער בעסטער חבר, וואָס ער האָט געהאַט. ער דערמאָנט זיך אין יענעם זונ־
טיק און ער צאַפּלט אַזש און ער זאָגט, אַז דאָס איז דער גרעסטער טאָג אין
זיין לעבן, אָבער ער איז פאָרט נישט דער זעלביקער, וואָס ער איז געווען...
עס קען זיין, אַז ווען ער זעט יאַנקלען און ער רעדט זיך מיט אים דורך, וואָלט
ער אויף אַ שטיק צייט געוואָרן אַנדערש, אָבער מען טאָר זיך אים נישט גע־
טרויען. עס קען זיך אים דאָך אָנצינדן דאָס טריפהנע בלוט. זיין שוועסטערקינד
דער סעמינאַריסט קומט אַלעמאָל אַהער צו גאַסט און ער איז אַן אמתער
„שוואַרץ מאַהניק" און ער רעדט איבער אים און רעדט... ער ווייסט דאָך, אַז
יאַנקל איז אַוועק דינען און ער קען זיך אָנשטויסן צוליב וואָס ער איז אַהער
געקומען. ער ווייסט, אַז יידישע סאָלדאַטן קומען אַהער דעזערטירן. ער האָט
אים שוין אַמאָל געזאָגט, אַז אַנשטאַט די מאָלדאַוואַנעם זאָלן לויפן קיין רו־
מעניע, לויפן די יידן. יאַשאַ האָט געזאָגט יאַנקלען, אַז איצטער זאָל ער מיט
אַפּאַנאַסין זיך בשום אופן נישט זען, אָבער ווען ער וועט אַמאָל גוט אויס־
לערנען רומעניש, זאָל ער אים אָנשרייבן אַ רומענישן בריוו און אים גוט אָנ־
זייפן אַ מאָרדע. אָבער יאַשאַ איז געווען זיכער, אַז זיין פריינד וועט אין דעם
קליינעם רומענישן לאַנד נישט בלייבן, ווייל עס איז דאָך דאָ אַזאַ גרויסע
וועלט. עס קען זיין, אַז ער וועט אין גאַנצן אַוועקפאָרן קיין פּאַלעסטינע...
דער בחור האָט גערעדט און ער האָט דערפילט אַז ער דאַרף
אַוועקגיין, ווייל דער טאַטע האָט נאָך אַ סך אָנצוזאָגן דעם זון. און ער האָט
זיך געזעגנט. ער האָט געפּרואווט אָנהאַלטן דאָס געלעכטער און אין גאַנצן
האָט ער דאָס נישט געקענט. ער האָט געוויינט מיט גרויסע טרערן. האָט ער
געוויינט און געלאַכט אין איינעם און ער האָט געהאַט טויזנט טעמים און ער
האָט געקושט און געשלאָגן און ער האָט זיך פון זיין חבר נישט געקענט אָפּ־
שיידן און ער האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן זיך נאָך באַגעגנען. זיי זיינען יונגע
מענטשן און דאָס גאַנצע לעבן איז פון פאָרנט. ער האָט דערפילט, ווי יאַנקלס
טאַטע קוקט אויף אים אפשר מיט אַ געווויסער קנאה. ער האָט שוין מער נישט
געהאָפט צו זען זיין זון, האָט יאַשאַ איבערגעדרייט דעם שמועס און ער האָט
געזאָגט, אַז ער וועט נאָך קענען צוריקקומען קיין רוסלאַנד, ווייל עס וועט נאָך
זיין אַ רעוואָלוציע אויך און די צווייטע וועט נישט אַזוי דורכפאַלן ווי די
ערשטע. ער האָט צוגעלייגט די האַנט צום מויל און ער האָט געזאָגט: „וואָס
אין רוסלאַנד טוט זיך און עס וועט זיך נאָך טאָן!" און ער האָט געפּרואווט
מאַכן אין גאַנצן פריילעך, ער האָט געזאָגט, אַז זיין חבר וועט נאָך אַמאָל
ווערן אַ גרויסער שרייבער און אַ גרויסער רעדאַקטאָר און ער וועט צו אים
קומען ווי אַ נעבעכל מיט אַ מאַנוסקריפּט אונטערן אָרעם און ער וועט אים
בעטן, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין יוגנט־פריינד און ער זאָל אים אָפּ־
דרוקן זיין נאַרישקייט... און ער איז אַ לאַכנדיקער אַנטלאָפן און אַלע אין
שטוב האָבן געפילט, אַז פון יענער זייט טיר האָט ער זיך צעוויינט.

און דאָ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דאָס געזעגנען זיך. דער טאַטע האָט דערציילט, אַז די מאַמע האָט אויך געוואָלט פאָרן, אַז דאָס חיות איז איר אויסגעגאַנגען, אָבער זי האָט פאַרשטאַנען, אַז מען טאָר נישט מאַכן קיין רעש, עס דאַרף זיין כאַטאַ פּאָקרישקע. אָבער זי האָט זיך עס אַביסל אָנגעוויינט די מאַמע. און אויף צו להכעיס האָט נאָך אַלע מאָל געדאַרפט אַריינקומען אַן אַנדער שכנה און זי האָט אַלע מאָל געדאַרפט אויסטראַכטן אַן אַנדער תירוץ פאַר וואָס די אויגן זיינען איר רויט. אַ גאַנצע נאַכט איידער דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן, האָט זי געוויינט. זי האָט קיין אויג נישט צוגעמאַכט. און ער לעבן איר. זי האָט זיך געזעגנט מיטן טאַטן, גלייך ער וואָלט געווען יאַנקל און ער וואָלט אַוועקגעפאָרן אויף שטענדיק... און דערווייל האָט דער טאַטע אַליין גענומען אַזוי וויינען, אַז ער האָט נישט געקענט ריידן. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז דער מאַמעס געוויין האָט אין אים איצטער אויפגעטויכט. און ערשט דערנאָך האָט ער גענומען ריידן וועגן דעם, וואָס ער זאָל טאָן, ווען ער וועט אם ירצה השם אַריבער בשלום די גרעניץ. קודם כל האָט ער דאָרט משפּחה. ער האָט אין בוהוש איין שוועסטער און אין בוקאַרעשט האָט ער אַ צווייטע שוועסטער און ביידע שוועסטער האָבן קינדער. און עס זיינען דאָרט דאָ קינדער פון צוויי שוועסטער, וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן. „מיר האָבן, האָט ער געזאָגט, קרובים אין רומעניע וואו מען גיט נאָר אַ וואַרף אַ שטעקן.” דעם אַדרעס פון ביידע לעבעדיקע שוועסטער האָט ער געהאַט. די אַנדערע קרובים וועט ער שוין דאָרטן געפינען. דער טאַטע האָט זיך דערמאָנט, אַז דעם שוואָגער זיינעם, דעם פעטער שניאור פון בוהוש, קען ער דאָך, ער איז דאָך אַמאָל געווען אין קיליע צו גאַסט. ער האָט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ טאָכטער און אַזוי ווי פון רבינס שטאָט בוהוש איז ער דאָך געווען, איז ער געפאָרן קיין קיליע און איזמאַיל מאַכן אויף הכנסת כלה און ער האָט טאַקע געמאַכט אויך. יאַנקל איז נאָך געווען גאָר אַ קליינטשיקער, ווען דער דאָזיקער פעטער איז געווען צו גאַסט און ער געדענקט אים דאָך זייער גוט. ער איז שוין דעמלט געווען אַ ייד מיט אַ ווייסער באָרד. אַ הויכער ייד געווען און געהאַט אַ ברייטע באָרד און ער האָט אויסגעזען ווי אַ רב, נישט ווי אַ שוחט. מען האָט געמאַכט פאַר אים גרויסע סעודות און אַלע בוהושער חסידים פון קיליע האָבן געהוליעט מיט אים און עטלעכע מאָל האָבן זיי געטאַנצט ביז אין ווייסן טאָג אַריין. יאַנקל געדענקט אַזוי ווי היינט, אַז משה דוניי, דער צעטראָגענער ייד, וואָס האָט געזונגען לידער אין יידיש און אין לשון קודש האָט דעמלט אָנגעצויגן קיין קיליע אַזוי ווי אַ ווינט פון פעלד און ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע שמחות פאַר דעם פעטער און ער האָט אין איין וועג געזוכט מיט דער הילף פון גרויסאַרטיקן גאַסט אויך צו מאַכן אַ פּאָר קערבלעך. יאַנקל געדענקט ווי היינט, אַז ווען מען האָט געטאַנצט אַרום דעם פעטער מיט אַ גרויסער ראָד, איז משה דוניי צוגעגאַנגען צום בוהושער שוחט

און ער האָט אים געזאָגט: „דאָס איז אַלץ לכבודתכם". און דער פעטער האָט געלאַכט און ער האָט אים פאַרריכט און ער האָט אים געזאָגט, אַז מען דאַרף זאָגן „לכבודכם", אָדער גאָר „לכבודך", ווייל אויף לשון קודש זאָגט מען „איר" נאָר צו אַ רבים, נישט צו קיין יחיד. דער טאַטע האָט נישט אויפגע־הערט ריידן, ער האָט געוואָלט, אַז דער זון זאָל אים צוזאָגן, אַז ער וועט זיין אַ ייד. יאַנקל האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און דער טאַטע האָט זיך געכאַפּט. ער האָט חלילה נישט מורא, אַז ער וועט אַמאָל אויסבייטן רחמנא ליצלן דאָס רענדל, אָבער ער מיינט, אַז ער זאָל זיך האַלטן צווישן יידן און זיין אַ ייד... מ'קען זיין אַ ייד אויף פאַרשיידענע אופנים. עס זיינען דאָך שוין היינט דאָ אַזעלכע יידן, וואָס שעמען זיך אַרויסצוריידן אַ יידיש וואָרט און פון דעסט וועגן בייטן זיי אויך נישט אוים דאָס רענדל. יאַנקל האָט צוגעזאָגט און ער האָט דאָך נישט געוואוסט, צי ער רעדט ריכטיק. ער האָט באַטאַנט זיין ציוניזם און דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז פון דעם האַלט ער פאָרט נישט. ער גלויבט נישט, אַז אַ דר. הערצל, צי אַ מאַקס נאָרדוי, אָדער אַנדערע אפיקורסים דאָרט וועלן פירן די יידן קיין ארץ ישראל, דאָס דאָזיקע וועט טאָן גאָט ברוך הוא אַליין... דאָך איז ער שוין איינגעגאַנגען אויף ציו־ניזם אויך, אָבער מיט נאָך אַביסל יידישקייט, מיט אמתער יידישקייט. כאָטש גיין אַמאָל אין שול אַריין, איז נישט אַלע שבת, זאָל כאָטש זיין שבת מברכים. פון ראש השנה און יום כיפור איז דאָך אָפּגערעדט. דער גרעסטער גוי אין קיליע, דער אַפּטייקער און דער דאָקטער גיין דאָך ראש השנה און יום כיפור אין שול אַריין. און פון נאָך עפּעס וויל ער ריידן. די טרערן האָבן אים גע־שטיקט און געוואָרגן און ער האָט אַ שטיק צייט אין גאַנצן נישט געקענט ריידן. ער האָט געזאָגט, אַז דאָס רעדט ער אין דעם נאָמען פון דער מאַמען אויך. און אפשר טאַקע אין איר נאָמען פריער. ווייל זי האָט אים געהייסן ריידן דערפון. אַ מענטש, האָט ער געזאָגט, לעבט נישט אייביק. אַזוי איז די וועלט. ביים פעטער פראָים איז אַמאָל געשטאָרבן אַ קליין קינד, זיינען גע־קומען יידן אים מנחם אָבל זיין און זיי האָבן נישט אויפגעהערט ווינטשן, אַז, ער זאָל באַהיטן זיין פון צער, האָט דער זיידע לייב דאָס דער־הערט, האָט ער אויסגעשריגן: „איך וויל נישט, אַז מיין זון זאָל באַהיט זיין פון צער אין גאַנצן, איך וויל, אַז ער זאָל איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר זאָגן קדיש נאָך מיר..." יעדער טאַטע און יעדע מאַמע ווילן דאָס... איז וויל ער, דער טאַטע און די מאַמע ווילן עס, אַז ער זאָל צוזאָגן, אַז טאָמער חלילה וועט עמיצער פון זיי זיך פעלן, זאָל ער זאָגן קדיש. אַ גאַנץ יאָר זאָגן קדיש און אָפּהיטן דערנאָך די יאָרצייטן. און טאַקע אָפּהיטן דעם יאָרצייט פון זיידן לייב און פון זיידן בערל און פון דער באָבע מאַמציע און פון דער באָבע דבורה. ער זאָל טאַקע שוין פאַרשרייבן זייערע יאָרצייטן. ער האָט זיי אים שוין פאַר־שריבן און באַלד גענעבן דאָס פּאַפּיר צו באַהאַלטן. ער, דער טאַטע, היט אָפּ

די יאָרצייטן פון עלטער און עלטערעלטער זיידעס און באָבעס, עס איז ביי אים דאָ אַ תהילימל, איז עס שוין אַלט אַריבער הונדערט יאָר, זיינען דאָרט פאַרשריבן יאָרצייטן און „אימענינעס" (געבוירנטעג) פון דור דורות. אויך דער טאָג, ווען יאנקל איז געבוירן געוואָרן און אפילו די שעה איז דאָרט פאַר־שריבן... ס'איז אַ מין ספר הדורות. ס'איז פריער געווען ביי דעם פעטער אלי, ווייל ער איז דער עלטערער ברודער, אָבער ווען ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע, האָט ער עס אַליין איבערגעגעבן דעם קלענערן ברודער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע תהילימל דאַרף בלייבן אין דער היים. אויב ער, יאנקל, וועט זיין אַ ייד, וועט עס בלייבן ביי אים, אַז נישט חלילה, וועט עס מוזן איבערגיין צום איידעם דעם טאַטנס, צו זיידלען, מאַמציעס מאַן, וואָס איז דאָך שוין אויך אַ טייל פון דער משפחה. און דער טאַטע האָט אַזוי געזעדט און גערעדט. די מאַמע האָט געוואָלט, אַז ער זאָל געבן אַ שבועה, אָדער אַ האַנט, אָבער ביי זיי אין דער משפחה היט מען זיך פאַר דעם. ס'איז אָדער מען דאַרף נישט, אָדער ס'וועט נישט העלפן. דער טאַטע האָט נאָר גע־וואָלט, אַז ער זאָל אים צוזאָגן. ער האָט זיך געפילט, האָט ער געזאָגט, ווי אַ חולה מסוכן, וואָס געזעגנט זיך שוין אויף שטענדיק מיט זיין זון און ער וויל, אַז ער זאָל אים צוזאָגן...

יאנקל האָט געפּרוּווט לייכטער מאַכן אַביסל דעם שמועס און ער האָט געוואָלט אָפּנעמען גרוסן פון קיליע, ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף צענדלי־קער משפחות און אויף חברים, מיט וועלכע ער האָט געלערנט אין אייגעם אין חדר און מיט וועלכע ער האָט פאַרבראַכט אין דער צייט פון פריזיוו. דער טאַטע האָט אַביסל געלאָזט זיך פאַרכאַפּן און ער האָט דערוויייל זיך נאָכגע־פרעגט, צי ער טרינקט נאָך. ער האָט אים געגעבן זיין וואָרט, אַז זייט נאָך דעם פריזיוו געדענקט ער שוין גאָרנישט, אַז ער זאָל אַמאָל געווען נעמען אַביסל משקה און דער טאַטע האָט זיך מיט דעם זייער געפרייט. ער האָט גע־פרעגט מיט אַ שמייכל און מיט טרערן, צי צו קידוש האָט ער אויך נישט געטרונקען און דער זון האָט זיך דערמאָנט, אַז צום סדר האָט ער געטרונקען ארבע כוסות אין איינעם מיט אַ סך סאָלדאַטן און ביי אַן אמתן סדר און ער האָט אפילו אויסגעלערנט אַ נייעם ניגון פון חד גדיא... אַ שאָד, וואָס ער וועט נישט קענען איבער אַ יאָר צום סדר אין דער היים זינגען דעם נייעם ניגון. אָבער לאַנג האָט דער טאַטע נישט גערעדט וועגן די אַלע זאַכן און ער האָט זיך אַלץ אומגעקערט צו דעם, וואָס ער האָט אָנגעהויבן — וועגן אָפּהיטן יידישקייט אין דער פרעמד. און דערנאָך האָט ער גערעדט וועגן דעם, וואָס ער וועט דאָרטן טאָן. דאָ האָט ער געקענט רוסיש אויך, איז ער געווען אַ לע־רער, דאָרטן וועט ער מיט יידיש אַליין אפשר דאָס נישט קענען באַווייזן. און חוץ דעם איז עס גלאַט אַ מחיה בזויה. די פרנסה רחמנא ליצלן, וואָס מען האָט דערפון. דעם טאַטן וואָלט בעסער געפעלן געווען, אַז ער זאָל טאָן, וואָס

אַלע יידישע יונגעלייט טוען — חתונה האָבן און ווערן אַ מענטש. דאָרטן וועט ער קענען געפינען גאָר אַ גוטן שידוך. פון פּריזיוו וועט ער דאָך זיין פריי, ווייל דאָרטן איז דאָך אויך דאָ אַ פּריזיוו, מען רופט עס דאָרטן „רעקרוטאַ־רעאַ" אויף רומעניש, אָבער אַ סאָלדאַט דאַרף מען זיין אַלציינס און נישט שטענדיק קען מען זיך דאָרטן אויסקויפן, כאָטש כאַבאַר נעמט דער וואָלעך נאָך מער, ווי פאָניע. ווען מען פאַקט דאָרט אַ רוסישן דעזערטיר, וואָס איז אויף שטענדיק פריי פון מיליטער, אפילו אין דער צייט פון מלחמה, כאַפּט מען אים דאָך דאָרט אויס ווי אַן אבן טוב... און ביז וואָס ווען וועט ער שוין נישט פאַרפאַלן ווערן. אַז ער וועט זיך נאָר האַלטן אַביסל יידיש, וועט ער קע־נען אַ שטיק צייט זיין ביים פעטער שניאור אין בוהוש אויך. זיין שוועסטער, די מומע שרה, איז גוט ווי אַ גוט שטיקל צוקער. און אין אַ נויט דאַוונט מען ערגעץ ימים נוראים. אַ קול אַ שטיקל האָט ער און אַ מנגן איז ער אויך און נוסח קען ער אויך און קיין סך בעל תפילות זיינען אין רומעניע נישטאָ. ער־געץ אין אַ קליינעם ישוב דאַוונט מען אי שחרית, אי מוסף און מען פאַרדינט אויף עטלעכע חדשים צו לעבן. און טאָמער געדענקט ער נישט אַלע נוסחאות, לערנט מען זיך פריער מיט אַ צייט אַביסל צו. קיינער ווערט דאָך נישט גע־בוירן קיין פאַרטיקער בעל תפילה, אַלע דאַרפן זיך צולערנען.

און אין איין וועג האָט דער טאַטע געגומען אויסדריקן די האָפנונג, אַז אפשר וועט זיך דער זון אין גאַנצן אומקערן אויף דעם גלייכן וועג. ער איז דאָך חלילה נישט געוואָרן קיין משומד און אויב ער האָט אַביסל געזינדיקט, קען ער דאָך תשובה טאָן. זאָגט דאָך פאָרט די גמרא, אַז „במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים עומדים שם" — דאָרט וואו בעלי תשובה שטייען קענען די גרעסטע צדיקים נישט שטיין. די גרעסטע מדרגה איז דאָך אַ בעל תשובה. דער אַלטער בוהושער רבי האָט דאָך געשמט נישט דערמיט, וואָס ער האָט באַוויזן מופתים, נאָר דערמיט, וואָס ער האָט זינדיקע ארויפ־געפירט אויף דעם ריכטיקן וועג. די גמרא זאָגט אויך, אַז ווער עס וויל תשובה טאָן, זאָל זיך איינהילן אין שוואַרצן און גיין אין אַ פּלאַץ, וואו מען קען אים נישט. און יאַנקל פאָרט דאָך איצטער אין אַזאַ פרעמד לאַנד. דאָרט ווייסט מען ביי די קרובים, אַז ער איז אַ ישיבה בחור, מען ווייסט גאָרנישט, צי ער איז געוואָרן אַן אפיקורס...

און דער טאַטע האָט זיך צערעדט וועגן דעם, וואָס פון זיין טאַטנס און פון זיין מאַמעס צד שטאַמט ער זייט דור־דורות פון כלי קודש און טאַקע בעל תפילות אויך. ער האָט אויסגערעכנט דעם יחוס און די אייגנשאַפט פון זיידעס און עלטער־זיידעס. די מערסטע פון זיי זיינען „געגאַנגען" קיין ארץ ישראל. און זיי זיינען געווען חסידים, וואָס זיינען גרייט געווען צו גיין אין פייער אריין פאַר זייער אמונה און טאַקע פאַר זייער רבין. „יהרוג ועל יעבור" — געהרגעט ווערן און נישט נאָכגיבן, האָבן זיינע זיידעס נישט אויפ־

געהערט זאָגן. ווען דער עלטער־זיידע זיינער, דער גרויסער ר׳ נוח בערשאַ־דער וואָלט חלילה דערלעבט צו זען יאַנקלען און די אַנדערע אור־אייניקלעך זיינע, ווי זיי זעען אויס, וואָלט ער באַלד געשטאָרבן פאַר עגמת נפש... און דער טאַטע האָט גענומען שילדערן ווי אַזוי דער דאָזיקער זיידע זיינער האָט אויסגעזען. ווען ער האָט אים געקענט איז ער שוין געווען אַן אַלטער מאַן און ער איז שוין געהאַט „אָוועקגעגאַנגען" קיין ארץ ישראל, אָבער ער איז איין מאָל צוריק געקומען פון ארץ ישראל. ער האָט געהאַט אַ לאַנגע ווייסע באָרד, אַזוי ווי שניי האָט זיין באָרד אויסגעזען און ער האָט געהאַט אויגן — האָבן אין זיי געשיינט די שכינה. ער איז געגאַנגען אין אַ לאַנגן, זיידענעם ארץ ישראל־כאַלאַט, אַ קאָלירטן און ער האָט עפּעס אויסגעזען ווי נישט פון דער וועלט. קריסטן פלעגן זיך אָפּשטעלן קוקן אויף אים און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער דאַרף זיין אַ הייליקער... ער האָט געדאַרפט פּראַווען נאָר איין טאָג פון אַלע יום טובים, ווייל ער האָט זיך שוין באַזעצט אין ארץ ישראל אויף שטענ־דיק און ער האָט דעם יום טוב שני של גליות נישט געדאַרפט פּראַווען. ער האָט דעם צווייטן טאָג שבועות געדאַרפט לייגן תפילין, האָט ער זיך פאַר־שלאָסן אין אַ חדר מיוחד און דאָרט געדאַוונט און ער האָט געוויינט, וואָס ער איז איינער אַליין אַזוי און ער האָט געוואונטשן, אַז אַלע יידן זאָלן אין גיכן זיין אין ארץ ישראל. דער טאַטע האָט געזאָגט מיט אַ טרויעריקן און טריומ־פירנדיקן שמייכל: „וואָס דען? דיינע ציוניסטן האָבן ליב ציון, דער זיידע נוח האָט ליב געהאַט ציון." ער פלעג דערציילן אַזויפיל מעשהס וועגן ארץ ישראל, ער האָט נישט אויפגעהערט ריידן וועגן דעם כותל המערבי און וועגן דער מערת המכפלה און ער האָט גענוי אויסגעמאָלן ווי אַזוי זיי זעען אויס. און דער מוטער רחלס קבר האָט ער געזען. און זעקעלעך ארץ ישראל־ערד האָט ער געבראַכט און ער האָט זיי פאַרקויפט און פאַר דעם געלט געשענקט מתנות צו אָרימע לייט. ער האָט דערציילט, אַז אין ארץ ישראל און באַזונדערס אין ירושלים איז די ערד ווייס אַזוי ווי קרייד. דער זיידע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די ערד איז דאָרט זייער אַלט. איז דאָך ארץ ישראל דאָס עלטסטע לאַנד און ירושלים די עלטסטע שטאָט אין דער וועלט... יאַנקל האָט געפרעגט, צי האָט דען גאָט נישט באַשאַפן אין איין און דער זעלביקער צייט די גאַנצע ערד, האָט דער טאַטע אַביסל אַ קלער געטאָן און ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אַן אַפּיקורסישע פראַגע, אָבער דערנאָך האָט ער זיך באַטראַכט און ער האָט געענטפערט, אַז אַ כלי, מעג זי זיין ווי אַלט, אויב מען נוצט זי נישט, ווערט זי נישט אַ תל, אָבער אַז מען נוצט זי, ווערט זי אַ תל... גאָט האָט טאַקע באַשאַפן די גאַנצע ערד, אָבער ערגעץ אַנדערש האָט מען די ערד נישט געאַקערט און געזייעט און מען איז אויף איר נישט אַרומגעגאַנגען... דער זיידע נוח האָט אויך דערציילט, אַז וויפל מאָל די יידן קומען צום כותל המערבי בעטן, טרעפן זיי דאָרט בייזע בליקן פון אַראַבער, אַז ס'פאַלט אַ

פּחד. די אַראַבער, פּלעג ער זאָגן, די ישמעאלים, זיינען, דאַכט זיך נישט קיין מערדער, זיי זיינען נאָר גנבים. עשו איז אַ מערדער און ישמעאל איז אַ גנב, אָבער ווען זיי קוקן אויף די יידן ביי דער הייליקער וואַנט, דאַכט זיך, אַז זיי ווילן הרגענען יידן... דער טאַטע האָט זיך דאַ דערמאָנט אַ וויץ. מען האָט דערציילט, אַז אַ ייד אַן עם הארץ איז געווען אין ארץ ישראל און ווען מען האָט אים ביים צוריקקומען געפרעגט אויף דעם כותל המערבי און ווי אַזוי ער זעט אויס, האָט יענער געענטפערט: „וואָס איז דאָ אויסצוזען? אַ כותל המערבי, אַזוי ווי אַלע כותל המערבים...” דער טאַטע האָט געלאַכט אָן אויפ־הער. ער האָט זיך ממש פּארקייכט. און יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז אַ סך מאָל האָט ער עס שוין באַמערקט ביי זיין טאַטן, אַז דווקא, ווען ער איז שטאַרק טרויעריק, דערמאָנט ער זיך אין עפּעס אַ וויץ און ער הערט נישט אויף צו לאַכן, ביז וואַנען ער ווערט נישט מיט אַמאָל ווידער טרויעריק. גלייך ווי זיין געוויין וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געלעכטער און דאָס גע־לעכטער — ווידער אין אַ געוויין...

און דער טאַטע האָט ווידער גערעדט און גערעדט. אַזויפיל יאָרן האָט דער זון געהערט מוסר פון זיין גוטן און שטילן טאַטן און שטענדיק האָט ער זיך פון דעם געפילט אי גוט, אי שלעכט. ס׳האָט אים געקלעמט ביים הארצן פון זיינע רייד און אים האָט זיך אַזש געגלוסט שטאַרבן און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער גלעט אים מיט אַ גוטער האַנט ביים האַרצן. איצטער האָט יאַנקל זיך געפילט נאָר גוט פון טאַטנס מוסר און ער האָט אים געוואָלט הערן און הערן. ער האָט געפילט, אַז דער פאָטער זינגט אים אַריין אין בלוט אַריין און אין געמיט אַריין נישט נאָר פאַר אים אַליין, נאָר פאַר דור דורות. ער האָט זיך געטראַכט, אַז עפּעס דאַרף זיין אין טאַטנס רייד און אפילו אין קול פון די רייד פון יענעם קול, וואָס די יידן האָבן געהערט אויף דעם באַרג סיני.

דער טאַטע האָט גערעדט זייער אַ סך וועגן זיין טאַטן, וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט גערופן דער זיידע בערל, גלייך ער וואָלט געווען נישט זיין טאַטע, נאָר זיין זיידע. ער איז געווען אין גאַנצן אַריינגעטאָן אין זון אַריין און זיך האָט ער נישט אין זינען געהאַט. דער זיידע בערל האָט אויך גע־חלומט צו „גיין” קיין ארץ ישראל, אָבער ער איז אַוועק אַזוי פאַר דער צייט. דער ריבונו של עולם האָט אים פשוט אַוועקגענומען, אַזוי ווי אַ הייליקן... ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין איין ווייסע האָר אין דער באָרד, ווען ער איז אַוועק, אַ יונגערמאַן איז ער געווען. און ער איז געווען אַזאַ חסיד, אַז די ערד האָט געברענט אונטער אים און איבערן קאָפּ ביי אים האָט אויך גע־ברענט. ער האָט געדאַוונט מיט אַזאַ התלהבות, אַז מען האָט געזען פלאַמען... און אַן עקשן איז ער געווען! איין מאָל האָט ער זיך אום שמחת בית השואבה צעקריגט מיט אַ חסיד און יענער האָט אים אַריינגעכאַפּט די האַנט אין מויל אַריין און אים אָפּגעביסן אַ פינגער. אין סוכה אָפּגעביסן אַ פינגער. ס׳איז

געוועז א גליק, וואס פון דער לינקער האנט, אנישט וואלט ער חלילה געדארפט ווערן אוים שוחט... ער האט דאס שחיטות נישט ליב געהאט, ער האט זיך געשראקן פאר די נשמות פון די עופות און פון די בהמות. ער פלעג אזוי אפט קוקן אין הימל אריין און אים פלעג זיך דאכטן, האט ער געזאגט, אז ער זעט דארט די נשמות פון די בהמות און עופות, וואס ער האט געקוילעט. און פון דעסט וועגן האט ער געוואלט, אז אלע פיר זין זיינע זאלן זיין שוחטים, אבער געווארן זיינען נאר צוויי... ביי די אנדערע צוויי זין האט זיך דעם פאדעם איבערגעריסן. ער האט געמיינט, אז זייער משפחה וועט זיין דער חוט המשולש, אשר לא במהרה ינתק — דער דרייפאכיקער פאדעם, וואס וועט נישט אין גיכן איבערגעריסן ווערן, איז עס נישט געווען אזוי... און ביים עלטערן ברודער, ביים פעטער אלי, האט זיך שוין אויך דער פאדעם איבער־געריסן. ער האט נישט קיין זון און נישט קיין איידעם, וואס זאל זיין א כלי קודש... עס איז נישט לאנג געווען צו גאסט אין קיליע דעם פעטערס אן איי־דעם מיט א טאכטער פון אמעריקע. ביידע זייער וואוילע קינדער, דער איידעם איז גאר א וואוילקענעוודיקער, אבער זיי זעען אוים ווי גויים. מישטיינס געזאגט דאס יידישקייט זייערס! עס קומט אוים, אז דער טאטע איז דער איינציקער, וואס שטעלט נאך אויף א דור פון יידן און אפילו כלי קודש. ער האט ברוך השם די עלטסטע טאכטער חתונה געמאכט פאר א שוחט. ארויס־געראטעוועט ווי פון א שריפה... די גרויסע האפנונג איז געווען ער, דער זון זיינער, האט ער אבער ביי גאט נישט זוכה געווען... דער טאטע האט באקור־מען לשון, ער האט גאר קיינמאל אזוי נישט גערעדט. ער האט געזאגט: „עס קומט אוים, ווי מיר האבן א פערל, וואס גאט ברוך הוא האט עס אונז גע־גיבן אפצוהיטן און מיר לאזן עס איבער אויף הפקר...״

דער פאטער האט זיך כסדר אומגעקערט צום פריערדיקן ענין און ער האט נישט אויפגעהערט צו ריידן וועגן דעם, אז איצטער איז די ריכטיקע צייט, אז דער זון זאל זיך אומקערן און ארויף אויף דעם ריכטיקן וועג. ער איז דאך נישט דער ערשטער, וואס איז אראפ פון וועג און איז בייגעשטאנען גרויסע ניסיונות און זיך געראנגלט מיט זיי און ער איז זיי בייגעקומען. האט דאך אונזער זיידע יעקב אבינו אליין זיך געראנגלט מיט א מלאך, וואס איז מיסתמא געווען דער יצר הרע און ער האט אים בייגעקומען... און דער ליע־ווער רבי, א קלייניקייט דער ליעווער רבי! מיט א מויל ארויסצוריידן! דעם אלטן בוהושערם פעטער, דעם ריזשינערם א זון. אך, אזוי פיל זכות אבות וויפל ער האט געהאט און פון דעסט וועגן איז ער ניכשל געווארן, אבער ער איז ארויף צוריק אויף דעם גלייכן וועג! וויפל מאל יאנקל האט פריער גע־פרעגט ביים טאטן וועגן דעם ליעווער רבין, האט ער אים גארנישט געוואלט דערציילן און איצטער האט ער גערעדט און גערעדט וועגן אים און דערציילט, אז ער האט מחלל געווען יום כיפור און ער איז געווארן אן אוכל טריפות,

כאָטש קיינער פון די הסידים גלויבט נישט אין דעם... שטייט דאָך אין חומש אויף די מלאכים „ויאכלו” און זיי האָבן געגעסן און רשי זאָגט, אַז זיי האָבן זיך געמאַכט עסנדיק, ווייל ווי קענען מלאכים עסן! דער ליעווער רבי איז טאַקע געווען חבר מיט אַ גויישן פּריץ און ער איז אַריינגעגאַנגען צו אים אין שטוב אַריין און ער האָט דאָרט, רחמנא ליצלן און נישט מיט אונזער מויל געגעדט — האָט זיך דער טאַטע געקלאַפּט אין די ליפּן אַריין — געגעסן חזיר. אָבער מאַלע, וואָס אַ מענטש מיינט, אַז ער זעט... יאַנקל האָט זיך דערמאָנט וויפל מאָל ער האָט שוין געגעסן טריפות און אים האָט באַנק געטאָן איבער־הויפּט דערויף, וואָס ער האָט אַזויפיל שלעכטס געטאָן אַזאַ גוטן טאַטן און טרערן זיינען אים גערונען איבער די באַקן. דעם טאַטן האָבן אַזש אָנגעהויבן שיינען די אויגן, ער האָט געמיינט, אַז ער טוט תשובה... יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט שוין געזינדיקט מיט דריי אשת איש און ער האָט געפילט, אַז קיין וועג צוריק איז נישטאָ. אים האָט זיך איצטער געדאַכט, אַז צוליב דעם, וואָס די פרוי די עקרה האָט אים דאָרט מאַנס געווען אין האַנט־שעשט, ווען ער איז נאָך געווען כמעט אַ יינגל, איז ער געוואָרן אַן אפּיקורס און אים האָט זיך שטאַרק געגלוסט מיתוודה צו זיין פאַר דעם פאָטער, אָבער ער האָט זיך באַהערשט מיט אַלע כוחות... דער פאָטער האָט גערעדט און גערעדט וועגן די זיידעס און זייער יראת שמים און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט זיי די אַלע עלטער־זיידעס מיט די ווייסע בערד, יונגע אויגן און מיט די ארץ ישראל־כאַלאַטן פון ווייסן זייד מיט רויטע קווייטן. און ער האָט אויך געזען די אַלע פרויען מיט וועלכע ער האָט געזינדיקט. ער האָט געזען די אומגליקלעכע האַנטשעשטער פרוי, וואָס האָט זיך פאַר אים דערנידעריקט, גלייך ער וואָלט געווען אַ קעניג און זי אַ בעטלערין. ער האָט דאָך געגעסן איר ברויט און זאַלץ און ער איז געשלאָפן אונטער איר באַלקן און זי איז אים געווען די ערשטע פרוי אין זיין לעבן, זי האָט אים געשענקט דאָס הייליקסטע, וואָס אַ פרוי קען שענקען אַ מאַן, זי האָט פאַר אים אַנטפּלעקט דאָס דאָזיקע, וואָס איז דער עיקר פון לעבן און ער האָט נישט געפונען פאַר איר קיין איין גוט וואָרט, ער האָט איר אפילו קיין שמייכל נישט געטאָן, ער האָט זיך מיט איר נישט געזעגנט. און דער „באַלגראַדער קרבן” זיינער איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן און נישט געוואָלט אַוועקגיין. ער האָט זי געזען מיט די חן־גריבלעך, אָבער אין זיי איז נישט געווען קיין שמייכל, נאָר געוויין. פול מיט טרערן זיינען זיי געווען די חן־גריבלעך אירע. זי האָט ווי געמאָנט ביי אים חשבון פאַר איר פאַרשניטן לעבן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז וויפל מאָל ער איז געווען אויף אַ לויה פון אַ יונגער פרוי, האָבן די יידענעס געקלאָגט און געזאָגט: „אַזאַ יונגער בוים, אַזאַ פאַרשניטענער צווייג...” ער איז נישט געווען שולדיק און דאָך איז ער געווען שולדיק. ווען ער וואָלט זיך נישט אַזוי אַרומגעבלאָנקעט איבער דער וועלט אָן אַ זין און ער וואָלט נישט געלאָפן

קיין אָדעס און געמוזט לויפן צוריק, וואָלט ער איר נישט אַנטקעגן געקומען. און זי וואָלט נאָך ביז איצטער געלעבט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז אפילו בליומע, די שולדיקסטע פון זיינע דריי ניסיונות, האָט אויך טענהס צו אים פאַרוואָס ער האָט זי פאַרלאָזן און זי זאָגט אים, אַז כאָטש זי האָט אים געהייסן אוועקפאָרן, האָט ער נישט געדאַרפט פאָלגן און בלייבן מיט איר... און די גרעסטע טענות האָט געהאַט צו אים מירא. זי האָט אים געפייערט מיט אירע פלאַמען־אויגן און זי האָט געזאָגט, אַז ער האָט זי אונטערגעצונדן און ער איז אַנטלאָפן... ער פלעג שטענדיק האָפן, אַז ער וועט זיך נאָך באַגעגנען מיט די אַלע פרויען, אָבער איצטער האָט ער געפילט, אַז ער וועט זיי שוין מער נישט זען. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער פאָרט אַוועק נישט אין אַן אַנדער לאַנד, נאָר ממש אין אַן אַנדער וועלט. און טרערן האָבן אים גערונען און גערונען און דער טאַטע האָט אַזש געשיינט פאַר נחת, ער איז געווען זיכער, אַז ס'האָבן זיך געעפנט די שערי רחמים און דער זון זיינער וועט באַלד אַנקלאַפּן אין די טויערן פון תשובה. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך וועמען ס'זאָל זיך מיען פאַר אים. אפילו די מאַמע זיינע, די גוטע באָבע דבורה, וואָס איז נישט לאַנג אַוועקגעגאַנגען אין דער אייביקייט אַריין, קען זיך נאָך אויך מיען פאַר אים. זי איז געווען די אמתע צדיקת און די אשת חיל. אַריבער פערציק יאָר האָט זי אָפּגעלעבט ווי אַן אלמנה און זי האָט ברוך השם געבראַכט קינדער צו לייט. וואָס זי האָט נאָר אויסגעהאָרעוועט אין איר לעבן! זי האָט געגוג געהאָרעוועט ביי איר מאַנס לעבן, אָבער ווען זי איז געוואָרן אַן אלמנה, האָט זי דאָך פּשוט באַוויזן ניסים... און דער טאַטע האָט שוין גענומען ריידן צו אים ווי צו אַ בעל תשובה און ער האָט אים נישט געוואָלט אַנטוישן, אָבער אים זיינען דאָך געלינגן אַנדערע געדאַנקען אין קאָפּ.

אונזער העלד האָט זיך זייער געוואָלט עפּעס דערוויסן וועגן דעם קינד פון דער פרוי, וואָס איז צוליב אים געגאַנגען אַזוי יונג פון דער וועלט און ער האָט נישט געוואוסט, ווי אַזוי צו פרעגן. ער האָט זיך גענומען נאָכפרעגן אויף אַלע קרעמערס פון נייעם מאַרק און ער איז געגאַנגען אַזוי טיר ביי טיר. דער טאַטע האָט אפילו נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ער פרעגט זיך אַזוי נאָך אויף די אַלע, אָבער ער האָט אים געענטפערט. ער איז צוגעקומען אויך צום „פאָטער" פון זיין קינד. דער טאַטע האָט געענטפערט, אַז ער האָט אַ וואוילן יונגאַטש שוין פון אַנדערטהאַלבן יאָר. ער קען אים, ער האָט אים דאָך מל'ע געווען. דער פאָטער וועט שוין, ווייזט אויס, לאַנג קיין אַלמן נישט זיין, מען שטאַרבט נישט נאָך און מען פאַרזיצט נישט. ער שטייט שוין אין שידוכים און ער וועט שוין מיסתמא אין גיכן נעמען אַ שטיפמאַמע פאַר דעם קינד. יאַנקלען האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן אַריין. דער קלוימערשטער טאַטע איז אויך קיין טאַטע נישט, וועט ער נאָך צונעמען אַ שטיפמאַמע אויך. און עס קען דאָך זיין, אַז דער קלוימערשטער טאַטע ווייסט, אַז ער איז קיין

טאַטע נישט, עס קען דאָך זיין, אַז ער האָט זיך געמאַכט דעם חשבון, וואָס די גאַנצע צייט איז זי נישט פאַרגאַנגען אין טראָגן און ווען זי איז צוריקגע־קומען פון קעשענעוו, איז זי פּלוצים פאַרגאַנגען אין טראָגן. עס קען דאָך זיין, אַז אין אַ צייט אַרום וועט דער טאַטע אַליין רופן דאָס קינד ממזר... אים האָט זיך געגלוסט אויפרייסן דאָס האַרץ און דערציילן דעם טאַטן אַלץ, אָבער ער האָט געפילט, אַז ער וועט קיינעם נישט העלפן דערמיט און דעם טאַטן וועט ער נאָך מער אומגליקלעך מאַכן דערמיט און ער האָט געשוויגן. דאָס בלוט האָט אים געדונגען פון האַרצן און ער האָט געשוויגן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אַמאָל דערציילט דעם בוהושער רבין, וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט אין האַנטשעשט, האָט ער אים געזאָגט, אַז ער האָט עס נישט גע־דאַרפט דערציילן...

די שוועסטערקינדער זיינען געגאַנגען אַרויס און אַריין. אַט האָבן זיי געלאָזט דעם טאַטן מיטן זון אַליין און אַט זיינען זיי אַריינגעקומען און זיך אויך אַריינגעמישט אין שמועס. משה מיט לאָהן מיט די קינדער זיינען גע־קומען, זיי האָבן געמיינט, אַז זיי האַלטן שוין נאָך וועטשערע. מען האָט מיט שווערער מיט געפּועלט ביים טאַטן, אַז ער זאָל עפּעס עסן. ער האָט געבעטן מיטן קוק זיין זון, אַז ער זאָל דאַוונען מעריב און ער האָט זיך געשטעלט אין אַ ווינקל שעפּטשען עפּעס אין דער שטיל און ער האָט טאַקע געפּרוואווט דאַוונען אויך, אָבער די ווערטער זיינען אים נישט אַרויסגעגאַנגען פון האַלז. פּונקט ווי דאָס עסן איז אים נישט אַריינגעגאַנגען. די קרובים האָבן געמאַכט אַ גאַנצע סעודה מיט סאַמע גוטע זאַכן, וואָס אין קאַזאַרמע האָט ער אַפילו נישט געחלומט וועגן זיי, אָבער ס׳האָט זיך נישט געגעסן נישט אים און נישט דעם טאַטן. אויף דעם טיש איז געשטאַנען וויין און יאַנקלען האָט זיך זייער שטאַרק געגלוסט אָנשיכורן אַזוי, אַז ער זאָל נישט געדענקען וואו ער איז אין דער וועלט, אַזוי ווי אין דער צייט, ווען ער איז געווען אַ פּריזיוואָניק, אָבער ער האָט מורא געהאַט, אַז דער טאַטע זאָל זיך נישט ערגערן און ער זאָל נישט מיינען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו שיכורן און ער האָט זיך באַהערשט מיט אַלע כוחות נישט צו טרינקען. ער האָט קוים באַ־נעצט די ליפּן ביים טרינקען לחיים. אַלע קרובים האָבן אים געוואונטשן אַי־בערצוקומען בשלום די גרעניץ און קיין טרער האָט קיין איינע פון די פרויען נישט געזשאַלעוועט און די מענער האָבן יאַקאָס אויך געוויינט. די באַלעבאָס־טע האָט זיך זייער שטאַרק געערגערט, וואָס זי קען קיינעם נישט איינלאַדן צוליב די געסט, אַ קלייניקייט! אַזעלכע געהויבענע געסט, עס וואָלט דאָך איר פאַרשאַפט כבוד פאַר דער גאַנצער גאַס... און זי האָט געוויינט.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען משה מיט לאָהן מיט די קינדער האָבן גענומען אַוועקגיין. זיי האָבן געוואָלט מיטנעמען מיט זיך דעם טאַטן אויך, ווייל זיי האָבן אים צוגעגרייט אַ געלייגער און דאָ איז גע־

ווען נאָר איין געלייגער און אַן ענגס, אָבער דער טאַטע האָט נישט געוואָלט אַוועקגיין און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דאָ בלייבן. זיי וועלן זיך שוין ביידע יאַקאָס „פּאַמעסטיען" אין דעם שמאָלן געלייגער. ווען ער האָט אים געפירט קיין קעשענעוו, איז ער אויך געשלאָפן צוויי נעכט אין איינעם מיט אים אויף זייער אַ שמאָל בעטל. דעמלט איז געווען אַן אַנדער צייט און ער האָט עפּעס אַנדערש דערוואַרט, אָבער מיסתמא האָט גאָט אַזוי געוואָלט. ווי שטייט דאָרט געשריבן: מי יאמר לו מה תעשה? ווער וועט פרעגן ביי גאָט — וואָס טוסטו? ער וועט גאָר אין גאַנצן נישט שלאָפן די נאַכט. ער האָט יענע נאַכט אויך נישט געקענט קיין אויג צוטאָן. ער וועט היינט מאַכן אַ וואַך נאַכט, פּונקט ווי ער האָט געמאַכט צו דעם קריאת שמע לייענען, ווען ער האָט אַנידערגעלייגט דאָס מעסער צוקאָפּנס דעם זיבן טעגיקן בחור... ווי לאַנג ס'איז שוין דאָ אין דעם! עס דאַכט זיך, אים, אַז אפשר הונדערט יאָר. משה מיט לאהן האָבן זיך געזעגנט און זיינען אַוועק און יאַנקל דעם פּעטער פּראָימס מיט זיין ווייבל זיינען אויך אַוועקגעגאַנגען און דער טאַטע מיטן זון זיינען געבליבן וואַכן און זיך פּלאָגן די גאַנצע נאַכט. וואָס איז געקראָכן פּאַוואָליע און האָט געצויגן די מינוטן גלייך זיי וואָלטן געווען יאָרן. דער טאַטע האָט זיך אויסגעטאָן און געלייגט און יאַנקל האָט זיך נישט אויסגעטאָן אויך; ער איז געזעסן לעבן בעטל און גערעדט און געשוויגן. דער טאַטע האָט אַ פּאָר מאָל געכאַפּט אַ דרימל מיט האַלב־פאַרקלעפּטע אויגן און ער האָט זיך באַלד אויפגעכאַפּט צוריק אַן אָפּגעבריטער און ער האָט זיך געפילט ווי אַ וועכ־טער, וואָס דרימלט איין אויף דער וואַך און ער האָט זיך געשעמט און ער האָט געלאַכט מיט די גוטע פאַרוויינטע און לאַכנדיקע אויגן און ער האָט ווידער געשוויגן און שיעור נישט איינגעדרימלט. ער האָט שוין, האָט ער גע־מיינט, אַלץ געזאָגט. וואָס נאָך קען אַ טאַטע זאָגן אַ קינד? הילל האָט דאָך די גאַנצע תורה אויסגעלערנט אַ פּרעמדן על רגל אחת... ער האָט דערמאָנט די מאַמע. ער איז געווען זיכער, אַז זי איז איצטער אויך וואַך און זי ציילט שוין די מינוטן, אַז ער זאָל צוריקקומען און שוין ברענגען די גוטע בשורה. און די הענער האָבן געקרייעט איין מאָל און עס איז דאָך געקומען דערצו, אַז זיי קרייען צום צווייטן מאָל אויך. און נאָך דעם צווייטן קרייען ערשט האָבן ביי־דע געכאַפּט אַ דרימל און אויפגעכאַפּט האָבן זיי זיך, ווען עס האָט שוין אַריינגעקוקט דורך דעם פענצטער אַ האַלב העלער שיין. דער טאַטע האָט זיך געשעמט און ער איז גיך אַראָפּ פון בעט און ער האָט זיך אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און דער זון האָט אים נאָכגעטאָן, גלייך עס וואָלט געווען צוריק מיט צען יאָר. דער טאַטע האָט גענומען אַביסל דאַווענען פון פאַרנט און ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט דערנאָך דאַרפן גיין אין שול אַריין דאַווענען בציבור און זאָגן קדיש, כאָטש אין רעני איז זייער שווער צונויפצוקלאַפּן שפּעטער אַ מנין אין שול. יאַנקלען האָט דער טאַטע געהייסן באַלד דאַווענען. „ס'איז ביי

דיר היינט, האָט ער געזאָגט, אַ יום הדין, ס'איז אַזאַ שווערער טאָג ווי יום כּיפּור און אַז דו וועסט מיך פֿאָלגן, וועט דיר גאָט העלפֿן." דער טאַטע האָט געהאַט יאַנקלס תּפֿילין, וואָס ער האָט זיי געקראָגן נאָך צו דער בר מיצווה און וואָס האָבן נאָך געשטאַמט פֿון ר' נחמנען. דעם גרעסטן סופֿר פֿון בעסאַראַביע. דער טאַטע האָט די תּפֿילין באַקומען פֿון קעשענעוו, וואו דער זון האָט זיי פֿאַרגעסן. ער האָט זיי איצטער געבראַכט, אַז דער זון זאָל זיי מיטנעמען, ווייל זיך לאָזן אין אַזאַ וועג אַריין אָן תּפֿילין איז אַ סכּנה. יאַנקל האָט געדאַרפֿט זיין אַ גזלן נישט צו דאַווענען און נישט צו מיטנעמען די תּפֿילין...

דאָס גאַנצע געסל האָט זיך אַ וויג געטאָן. ס'איז אַריינגעפֿאָרן אַ וואָגן. דער שמייסער האָט געהייסן מאַכן גיך. דאָס געזעגענען זיך איז געווען שטיל, גלייך עס וואָלט פֿאַרקומען צווישן גנבים. די שוועסטערקינדער האָבן זיך געזעגנט אינעווייניק, דער טאַטע איז דער איינציקער אַרויסגעגאַנגען פֿאָרנט. ער האָט אין זיך דערשטיקט דאָס געוויין און ער האָט דאָך געכליפּעט. ביידע האָבן זיך אַרומגענומען און די הערצער זיינען ביי ביידע שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען. דער אַנטרייבער האָט נישט אויפֿגעהערט צו „נוקען". דער טאַטע האָט זיך געשטאַרקט און אָפּגעלאָזט און אָנגענומען דעם זון ביים פּנים און אים געזאָגט: „לאָמיך דיך נאָך אָנקוקן!" און יאַנקל איז אַרויף אויפֿן וואָגן און נאָך איידער ער האָט זיך אָנידערגעזעצט, האָט זיך שוין דאָס פֿורל אַ טרייסל געטאָן און ער איז אַריינגעפֿאַלן. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און ווי לאַנג ער האָט נאָך געקענט, האָט ער געקוקט אויף דעם טאַטן, וואָס איז געבליבן ווי אַ סטאַטוע און ער האָט זיך די גאַנצע צייט נישט גערירט.

אַ האַלבע שעה איז דער וואָגן אַזוי געפֿאָרן. ער איז געפֿאָרן איבער הינטערגעסלעך צווישן אַ סך הינט, וואָס זייער בילן האָט געמאַכט צאַפּלען דאָס צעווייטיקטע און איבערגעשראָקענע האַרץ פֿון אונזער העלד, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן אויך גוט. דעם טאַטנס גוטסקייט און צוגעבונדנקייט האָט אים צעוואַרעמט און האָט אַרויסגערופֿן ביי אים אַ געפֿיל פֿון גליק. אַזאַ גרויסע ליבע קען דאָך נישט ברייינגען נאָר טרויער. ער האָט די גאַנצע צייט געפֿילט דעם פֿאָטערס אָטעם לעבן זיך און זיין ציטערן איבער אים. דאָס איז דאָך דער אמתער כּרחם אב על בנים. דער וואָגן איז צוגעפֿאָרן צו אַ פֿאַרשטעלט אָרט לעבן דונאַי. דער ברעג איז דאָרט געווען אומגעהויער פֿאַרוואַקסן מיט ווערבע־ביימער, וואָס האָבן געבילדעט אַ היפּשע אַלעע און מען האָט דורך זיי דעם טייך נישט אָנגעזען. דער שמייסער האָט זיין פּאַסאַזשיר געהייסן זיך אָנידערלייגן, אָדער אָנידערזעצן פֿון יענער זייט ביימער ביים סאַמע ברעג און וואָס ווייניקער זיך באַוועגן און אַליין האָט ער זיך אָנידערגעזעצט לעבן אים און ער האָט איינגעהאַלטן דעם אָטעם. ער איז געווען אַן אַלטער מאָלדאַוואַן מיט גרויע שיטערע האָר אויף דעם קאָפּ און מיט אַ גרוי בערדל. ער האָט אויסגעזען נישט נאָר אַלט, נאָר אויך וויסט. עס האָט גע־

ווייעט פון אים מיט א וויסטער מרה שחורה און ער איז געווען אומגעהויער שרעקעוודיק. פון יעדן שאָרך האָט ער אַ ציטער געטאָן. יאַנקל האָט אים גע־פרעגט, צי ער וועט אים אַריבערפירן די גרעניץ און ער האָט צו אים געמאַכט מיט א פינגער ביי די שוואַרצע ליפּן, אַז ער זאָל נישט ריידן הויך און ער האָט אים געזאָגט, אַז די דאָזיקע אַרבעט וועט שוין טאָן דער שותּף זיינער, וואָס ער איז ייִנגער פון אים. און ער איז ווייטער אַזוי געליגן און געקוקט זינלאָז אין איין פּינטל און ער האָט אויפגעציטערט פון יעדן שאָרך און ער האָט געשוויגן. אונזער העלד האָט געפּרוּווט פאַרבינדן מיט אים אַ שמועס און יענער האָט נישט אויפגעהערט צו מאַכן מיט דעם שוואַרצן פינגער ביי די שוואַרצע ליפּן. יאַנקל האָט אים געפרעגט, וואָס ער טראַכט, האָט ער גע־ענטפערט: „צו וואָס דאַרף מען טראַכטן? בעסער ווי ס'דאַרף זיין, קען מען סיי ווי נישט אויסטראַכטן..."

אין דעם קליינעם פּעקל, וואָס אונזער דעזערטיר האָט געהאַט מיט זיך, האָט ער אָנגעטאַפּט לעבן די תפילין אַ שקאַליקל און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען די אַרבעט פון איינעם פון זיינע שוועסטערקינדער. אים האָט אַ צי געטאָן ביים האַרצן און ער האָט אַרויסגעשלעפּט דאָס פלעשל און אַ זופּ געטאָן. דער אַלטער האָט געקוקט אויף אים מיט זשעדנע אויגן און יאַנקל האָט גענומען זוכן אַ גלעזל, ס'איז אָבער נישט געווען; האָט ער דעם מאַלדאַוואַן שוין דערלאַנגט דאָס פלעשל אַליין. דער אַלטער האָט זיך איבערגעצלמט און געגיבן אַ שעמעוודיקן, אָבער דאָך אַ גאַנץ היפּשן זופּ. יאַנקל האָט אים גע־גיבן מוט און געהייסן נאָך אַ זופּ טאָן און יענער האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן. די צונג האָט זיך אים באַלד צעבונדן און ער האָט גענומען ריידן רו־מעניש צו זיין פאַרשוין און ער האָט זיך שטאַרק געחידושט, וואָס ער קען נישט, ער האָט אים באַמערקט, אַז דאָרט וואוהין ער פאָרט, וועט אים די דאָזיקע שפּראַך פעלן. אויף רוסיש האָט זיך אים די צונג געדרייט שווער, אָבער ער האָט דאָך גענומען ריידן. ער האָט זיך געקלאָגט, אַז די ציימן זיי־נען שלעכטע און ס'איז שווער זיך דורכצולעבן. דער פאַרשוין זיינער האָט אים געפרעגט מיט וואָס ער באַשעפטיקט זיך און ער האָט געזאָגט, אַז ער איז אַ פישער און זיין טאַטע איז געווען אַ פישער און מיסתּמא אויך זיין זיידע און זיין עלטער־זיידע... דער דונאַי איז פון תּמיד אָן אַ גוטער טייך. ער איז אַ שטילער און אַ זיסער און ער האָט דאָס זיסטע וואַסער אין דער וועלט און די בעסטע פיש. ער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און ער האָט פאַרזשמורעט אָן אויג און ער האָט געזאָגט: „די פיש האָבן ליב זיס וואַסער. אַז דאָס וואַסער פאַליובעט זיי, וואַקסן זיי און זיי ווערן געשמאַק..." נאָר פאַר ווינטער ווערט דער טייך, האָט דער אַלטער געזאָגט, בייז, אָבער נישט אויף לאַנג. און ווען ער ווערט פאַרפרוירן, איז ער נאָך אַלץ גוט. מ'קען אי־בער אים אַריבערפאָרן מיט אַ פורל און פון יענער זייט איז דאָ משערעט צום

הייצן און אַז מען האָט איין אַ שטיקל פּלאַץ פון אייז, קען מען כאַפּן פיש נישט נאָר מיט אַ נעץ, נאָר פּשוט מיט אַ „טשוטרע" (עמער), אָדער טאָקע מיט דער האַנט. עס ווייזט זיך אויס, אַז די פיש בעטן זיך, אַז מען זאָל זיי ארויסנעמען פון קאַלטן טייך. אין טאָג וועט זיי זיין ווארימער... דער אַלטער האָט געשמייכלט ביטער או הילפלאָז און קינדיש און ער האָט געזאָגט, אַז זאָל דער יונגער פארשוין זיינער נישט מיינען, אַז אַ פיש פארשטייט שוין גאָרנישט! אַ פיש איז אויך גאָטס באַשעפעניש. און ער האָט באַמערקט, אַז דאָס דאָזיקע קען נאָר פארשטיין אַ קריסט, אַ ייד וועט עס נישט פארשטיין... די יידן זיינען „פּאַגינעס" (אומגלויביקע, אָדער טאָקע געצנדינער...) אָבער די לעצטע צייט איז דער טייך קאַליע געוואָרן. מען האָט אים קאַליע געמאַכט...

— ווער?

דער אַלטער האָט גיריק געקוקט צום פלעשל און אונזער העלד האָט דאָס אים דערלאַנגט און נאָך דעם, וואָס ער האָט געגיבן אַ שטאַרקן שלוק, האָט ער געזאָגט:

— ווער, אַז נישט די דאַמפּערס? די גרויסע שיפן, די „פּאַראָכאָדן", זיי האָבן אָנגעשראָקן די פיש און זיי אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך.

דער אַלטער האָט גענומען מאַכן אַ רעכנונג און ער האָט זיך געפּלאָנ־טערט מיט די יאָרן און ער האָט דאָך אויסגערעכנט, אַז באַלד נאָך יענער מלחמה מיט די טערקן, האָבן דאָ אָנגעהויבן גיין גרויסע שיפן און די פיש האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן. יאַנקל האָט אים געפרעגט פארוואָס עפּעס פאַר די דאַמפּער, וואָס טוען זיי גאָרנישט, פארוואָס אַנטלויפן זיי נישט פאַר די שיפלעך מיט די זעגלען, וואָס כאַפּן זיי אויס זייט טויזנטער יאָרן? האָט דער אַלטער פארמאַכט דאָס אָפענע אויג און געעפנט דאָס פארמאַכטע אויג און געענטפערט:

— די פיש זיינען נישט ברוגז אויף דעם פישער און זיי האָבן נישט מורא פאַר אים, זיי ווייסן, אַז גאָט האָט זיי געמאַכט פאַר דעם מענטשן. מען דאַרף זיי כאַפּן. זיי האָבן אפילו ליב דעם פישער, וואָס כאַפּט זיי מיט גוטן...

יאַנקל האָט זיך דערמאָנט, אַז דער טאַטע האָט אים ערשט נישט לאַנג דערציילט וועגן דעם זיידן בערל, מיט וואָס פאַר אַ ציטער יענער האָט עס געקוילעט און ווי אומרואיק ער איז געווען און ווי ער האָט זיך געשראָקן! דער פישער זאָגט גאָר, אַז די פיש האָבן אים ליב. און ער האָט זיך געגיבן חשבון, אַז די יידן זיינען אַ סך מער אומרואיק ווי זייערע שכנים די פויערים. אויף דער פראַגע פאַר וואָס די פיש האָבן מורא פאַר דעם דאַמפּער, איז גע־ווען איין תירוץ: ער זעט אויס ווי אַ טייוול. דער אַלטער האָט זיך מודה גע־ווען, אַז ער אַליין האָט אויך מורא פאַר דעם דאַמפּער, וואָס ברענגט נאָר שלעכטס. און אונזער העלד האָט זיך דערמאָנט די מעשה, וואָס אַ בולגאַר האָט אים דערציילט קעגן דעם נלח. וואָס האָט אויסגעלערנט דעם בעל מופת

די תפילה, האָט יענער שוין נישט געקענט באַווייזן די וואונדער. דער בול־גאַר האָט אים דערציילט, אַז די רעליגיע נעמט צו ביים מענטשן זיין געט־לעכע קראַפט און דער מאָלדאַוואַן האָט אים דערציילט, אַז די ציוויליזאַציע ברענגט אומגליק אויף דעם מענטשן... און ער האָט זיך געקלערט, אַז ווען עמיצער וואָלט צונויפגענומען די גאַנצע בעסאַראַבישע מיטאָלאָגיע און דעם גאַנצן בעסאַראַבישן פאָלקלאָר, וואָלט ער אויסגעפונען, אַז בעסאַראַביע איז דורך און דורך אַנאַרכיש און זי האָט נאָך נישט פאַרדרייט נישט נאָר נישט די ציוויליזאַציע, נאָר אַפילו דאָס קריסטנטום...

דער אַלטער האָט נישט אויפגעהערט צו קוקן נייגעריק צום פלעשל און יאַנקל האָט אים נישט געזשאַלעוועט און דער פישער האָט זיך גאָר צעוואַ־רעמט. ער האָט געקוקט מיט איין אויג אויף זיין פאַרשוין און ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט אים דערציילן איין מעשה, כאָטש ער ווייסט, אַז ער וועט נישט גלויבן, ווייל ער איז אַ ייד אַ „פאַגין". יאַנקל האָט אים פאַרזי־כערט, אַז ער גלויבט אין אַלץ, וואָס ער וועט אים דערציילן און יענער האָט דערציילט פויל און פאַוואָליע און מיט אַ סך רומענישע ווערטער די געשיכטע ווי אַזוי די ערד איז באַשאַפן געוואָרן. ס'איז געווען, האָט ער דערציילט, ווען אויף דער וועלט איז נאָך געווען הימל און וואַסער, קיין ערד איז נישט גע־ווען. און ס'איז געווען גאָט און טייוול. די צוויי זיינען אומעטום דאָ. און גאָט איז שוין געווען אַביסל שטאַרקער פון טייוול און ער האָט אים שוין גע־קענט באַפעלן. האָט ער געפילט, דער גוטער גאָט, אַז ס'איז געקומען זיין צייט, ער דאַרף זיך נאָר אויסרוען, וועט ער באַשאַפן אַ וועלט... און ער האָט זיך גע־וואָלט צולייגן, אָבער ער האָט נישט געקענט. ער האָט נישט געהאַט וואו... און ער האָט געוואוסט, אַז אין אָפגרונד איז דאָ ערד, האָט ער געשיקט דעם „דראַקו" (טייוול), אַז ער זאָל אים אַרויפברענגען אַ שטיקל ערד, האָט דער „דראַקו" נישט געוואָלט, אָבער ס'האָט אים נישט געהאָלפן, ער האָט אים גע־מוזט אַרויפברענגען און גאָט האָט זיך צוגעלייגט און ער איז איינגעשלאָפן. האָט אַ בליץ געטאָן אַ רוחישער געדאַנק ביים „דראַקו": ער וועט איין שטויס טאָן דעם שלאָפנדיקן גאָט, וועט ער פון אים פטור ווערן... און ער האָט גע־גיבן אַ שטויס און זע אַ וואונדער — די ערד האָט זיך נאָכגעשלעפט. ער האָט געגיבן נאָך אַ שטויס, האָט זיך די ערד ווידער נאָכגעשלעפט... און אַזוי האָט דער טייוול געהאַלטן אין איין שטויסן גאָט און די ערד האָט זיך נאָכגע־שלעפט און אַזוי איז די ערד באַשאַפן געוואָרן. גאָט און דער טייוול האָבן זי בשותפות באַשאַפן, גאָט צו גוטן און דער טייוול צום שלעכטן...

יאַנקל האָט זיך געקלערט, אַז דאָס דאָזיקע האָט געפּאַסט צו זיין אַ יידישע מעשה. יידן האַלט דער טייוול אין איין שטויסן און די ערד שלעפט זיך נאָך... דער אַלטער האָט אויסגעזופּט ביזן דנאָ דאָס שקאַליקל און ער איז אוועק.

יאַנקל איז געבליבן אַליין און ער האָט ביים אָנהויב דערפילט אַ פּחד. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז געבליבן איינער אַליין פּנים אל פּנים מיט דעם טויט און דער טויט באַהאַלט דאָס פּנים און ער פאַרהאַלט דעם אָטעם. אים האָט זיך געדאַכט, אַז מען האָט אים געפירט אויף אַן איינזאַם פּלאַץ — שטאַרבן. עס איז אים געקומען אויפן געדאַנק, אַז ער דאַרף זאָגן ווידוי און אויסשרייען שמע ישראל. די זון האָט אָנגעהויבן אויפגיין ערגעץ ווייט און עס זיינען פון איר געפאַלן אַ פּאָר שטראַלן אַהער, אָבער פון יענער זייט ביימער. דאָ וואו ער איז געזעסן, איז געווען שאָטנדיק. עס איז נאָך סיי ווי געשטאַנען אַ קילע צייט און אין דער פרי איז נאָך געווען גאָר קיל. דער טוי איז נאָך אַלץ געפאַלן און ער האָט זיך אריינגעגעסן אין לייב אריין און געמאַכט דראַזשען. די אויגן האָבן אים פון טוי ווי געטאָן און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז דער טוי עסט אים פּשוט אויף די אויגן. ער האָט פאַרשטאַנען דעם זין פון אוקראַיינישן ווערטל, אַז „ביז די זון וועט אויפגיין, וועט דער טוי אויפעסן די אויגן". ער האָט אינעווייניק אין זיך אריין אָנגעהויבן קרעכצן און זאָגן: „טאַטע, מאַמע, אויף וועמען האָט איר מיר איבערגעלאָזט?" אָבער די זון האָט אָנגעהויבן צוקומען אויך צום ברעג און ס'איז געוואָרן וואַרימער. דער טוי האָט גענומען פאַרשווינדן און צוזאַמען מיט דער וואַרימקייט איז געקומען אויך אַ שמעקעוודיקייט. עס האָבן געטריפט מיט ריחות די ביימער, די גראָזן און פאַרשיידענע בלומען, וואָס האָבן געוואַקסן אַרום און אַרום, צעוואָרפן אין גראָז. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די אַלע געוויקסן זינגען אַנטקעגן דער זון, וואָס צעוואַרעמט זיי און צענעמט זיי אַלץ מער. און יאַנקל האָט געעפנט ברייטער די ברוסט. אַזויפיל פרישע ריחות אויף אַמאָל האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געפילט. און ער האָט דערהערט אַ מאָדנע געזאַנג. טויזנטער קולות האָבן זיך געטראָגן פון די ביימער, פון גראָז, פון הימל און פון טייך. פייגעלעך האָבן געזונגען אויף אַלערליי אופנים. אייניקע האָבן געטרילערט אָפּגעהאַקט, אַנדערע האָבן זיך געגאָרגלט לאַנג און געצויגן די קולות. פליגעלעך אין די הונדערטער טויזנטער האָבן אָנגעפילט די לופט און געזשומעט און זיך באַהעפט מיט דעם געזאַנג פון די פייגל. זשאַבעס האָבן געקוואַקעט פון טייך אַרויס און גרילן האָבן געגרילט פון גראָז אַרויס. אַנדערע טויזנטער אומבאַקאַנטע באַשעפענישן האָבן געקוויטשעט און געברומט. אין דער הויך האָבן פייגל געקלאַפּט מיט די שנאָבל גלאַט אַזוי, אַנדערע פייגל האָבן געקלאַפּט מיט די שנאָבלען אין האַלץ אריין פון די ביימער. און דאָס טרילערן און זינגען און זשומען און קוואַקען און גרילערן און קלאַפּן האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איינעם און איז געוואָרן איינס און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס שפּילט אַזאַ אָרקעסטער אַ מאָדנער, וואָס ווערט אָנגעפירט פון איין דיריזשאָר. יאַנקל איז געווען געפּלעפט און וויפל ער האָט געהערט, איז אים נישט געווען גענוג. ער האָט געוואָלט האָבן טויזנט אויערן און הערן אָן אויפהער...

ער האט איצטער פארשטאנען פארוואס די פרומע יידן האבן געזאגט, אז אלע באשעפענישן זינגען שירה צו גאט און זיי האבן אפילו אויפגעשריבן, וואס יעדע פון די באשעפענישן באזונדער זינגט צו גאט. אים האט זיך געדאכט, אז ווען ער וואלט דא געבליבן א שטיק צייט יעדן אין דער פרי, וואלט ער מיט דער צייט אויך געקענט פארשרייבן, וואס יעדע פון די באשעפענישן זינגט און זאגט. עס איז געווען אזא זין אין דעם אלעמען, וואס די באשעפענישן האבן געלאזט הערן, אז אונזער העלד האט פארשטאנען פארוואס מען האט געזאגט, אז שלמה המלך האט פארשטאנען די שפראך פון אלע בהמות, עופות און חיות. ער איז געווען איבערצייגט, אז די אלע פייגל, פליגעלעך און קליינע חייהלעך, וואס זיינען דא פאראנען, האבן א שפראך, וואס מ׳קען פארשטיין. און פונקט ווי ער האט זיך געשראקן ביים אנקומען אהער, פונקט אזוי האט ער זיך איצטער געפרייט, וואס ער איז דא און ער הערט דאס דאזיקע געזאנג, וואס איז אלץ געוואקסן און איז געווארן העכער און ברייטער און עס האט זיך אים געדאכט, אז עס גרייכט ביז אין הימל. די אלע באשעפענישן, וואס האבן אנגעפילט די לופט מיט קולות, האבן זיך נישט אויפגעהערט צו באוועגן. די פייגעלעך זיינען געשפרונגען פון צווייג צו צווייג און פון בוים צו בוים און די פליגעלעך זיינען ארומגעפלויגן און די היישעריקן זיינען ארומגעשפרונגען און די קלענערע באשעפענישן האבן ארומגעפויזעט אין גראז. און די זון איז געשטיגן אלץ העכער און העכער אין הימל און זי האט אויסגעזען ווי א ריז, וואס פילט זיין גבורה און ער צעהאקט מיט זיינע פלאמען די הימלען. אלע באשעפענישן זיינען באגאסן געווארן מיט ווארימקייט. אונזער העלד האט שוין אין גאנצן פארגעסן אין דער שרעק און ער וואלט שוין צופרידן געווען, אז ער זאל דא בלייבן און בלייבן. עס האט אבער שוין נישט לאנג געדויערט און א פישער א מאלדאוואן מיט א טונקל צעאקערט פנים און מיט א ריח פון פיש, איז צוגעקומען נאענט צו זיין פאסאזשיר* און אים א זאג געטאן מער מיט די אויגן, ווי מיט דעם מויל „קום!" און ער האט אים געהייסן נאכגיין וואס שטילער. ער האט געשוועבט נאך אים און זיי זיינען צוגעקומען צו א שיפל, וואס די קליינע כוואליעס האבן עס געוויגט און ס׳האט אויך געשמעקט מיט פיש. דער מאלדאוואן איז אריין און זיין יידישער פאסאזשיר נאך אים און דער פישער האט זיך אויסגעטאן אויף א רגע די קוטשמע, זיך איבערגעצלמט, אנגעטאן צוריק די קוטשמע, זיך באשפיגן ביידע הענט און גענומען רודערן. די קליינע כוואליעס האבן זיך געלאזט שניידן פון די רודערן און דאס שיפל האט זיך געוויגט מיט דעם קאפ אויף ארויף און מיט דעם עק אויף אראפ, עס האט זיך געדאכט, אז עס גייט בארג ארויף. דער פישער איז געווען זייער צערודערט און די אויגן זיינען אים ארומגעלאפן איבער דעם גאנצן-ארום אזוי ווי מייזלעך. דאס הארץ האט אים געקלאפט. ער האט געטראגן א צעשפיליעט צעריסן רעקל און א צעבראסטעט העמד פון

אַן אומבאַשטימטן קאָליר אויף אַ האַריקער ברוסט, וואָס איז געשפּרונגען אַרויף און אַראָפּ. אָרום און אַרום האָט מען קיינעם נישט געזען און קיינעם נישט געהערט. אויף וויפל דאָס אויג האָט געקענט כאַפּן, האָט מען נישט געזען אויף דעם וואַסער נישט קיין שיף און נישט קיין שיפל, ערגעץ גאָר ווייט האָבן דאַכט זיך געפלאַטערט אַ פּאָר זעגלען. דאָ און דאָרט האָט אַ פיש זיך אַ צאַפּל געטאָן און אַ שפּריץ געטאָן דאָס וואַסער. דער קליינער ווינט האָט שטיל געזונגען צו די כוואַליעס. אויף דעם הימל האָבן געשוועבט דינגע, דורכזיכטיקע כמאַרעלעך און די זון איז ווי געגאַנגען אויף זיי, אַז זי זאָל פון זיי מאַכן אַש און פּאַרעך. פייגל האָבן זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער און פון דער לויטערער לופט האָבן זיך דערטראָגן קולות, וואָס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ קינדיש פּלאַפּלעריי. דער פישער האָט אַלעמאָל זיך מער אָנגעשפּיגן אין די הענט אַריין און ער האָט שנעלער געאַרבעט מיט די רודער און ער האָט יעדן ריר באַגלייט מיט אַ סאָפּען. די אויגן זיינען אים נאָך אַלץ געווען איבערגעשראָקן און זיי האָבן נאָך אַלץ געזוכט. ער האָט געזאָגט, אַז ס'איז אויף צו להכעים אַרויף וואַסער, ווען עס וואָלט געווען אַראָפּ וואַסער, וואָלטן זיי שוין לאַנג געווען ווייטער. אַזוי לאַנג דער פישער האָט געשוויגן, האָט דער פּאַסאַזשיר אויך געשוויגן, אָבער ווען דער מאָלדאַוואַן האָט אַ רעד געטאָן, האָט אים שוין דער פּאַסאַזשיר געפרעגט, צי זיי זיינען שוין אַריבער די גרעניץ. דער מאָלדאַוואַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט איין אויג אַזוי, אַז ס'איז שוין אָט אָט. און דאָס וואַסער האָט זיך ווייטער געלאָזט שניידן און ס'האָט געשאַרכט אונטער די ווערסלעס ווי זייד. מען איז אָפּגעפאָרן אַ שטיק וועג און פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ פייפן. דער קריסט האָט ווידער אויסגעטאָן די קוטשמע און ער האָט זי שוין געלאָזט פאַלן און ער האָט זיך איבערגעצלמט. ער איז איצטער ערשט געווען איבערגעשראָקן און דאָס האַרץ האָט אים גענומען נאָך מער שפּרינגען. יאַנקלען האָט אויך אָנגעהויבן שפּרינגען דאָס האַרץ. ער האָט נישט געוואוסט ווער עס האָט זיי געכאַפּט — נאָך די רוסן, צי שוין די רומענער. געוואוסט האָט ער, אַז ווען די רוסן כאַפּן אים, איז ער פאַרלוירן און אַז פאַר די רומענער האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבן, ווייל צוריק שיקט מען נישט. דער פישער האָט גענומען ריידן גיך צו זיין פּאַסאַזשיר און אים בעטן, אַז ער זאָל נישט דערציילן, אַז ער נעמט געלט ביי אים פאַר דעם אַריבערפירן די גרעניץ. יאַנקל האָט דאָס אים באַלד צוגעזאָגט, ער האָט מבטיח געווען צו זאָגן, אַז ער איז אַ נאָענטער פריינד פון זיין קרוב און ער האָט אים אַ טובה געטאָן. פון דעם אַליין האָט שוין אונזער העלד פאַרשטאַנען, אַז ער איז שוין פון יענער זייט, אָבער זיכער איז ער נאָך אַלץ נישט געווען. דער פישער האָט אים געפרעגט, צי ער קען רומעניש, איז ער שוין געווען זיכער, אַז ער איז שוין געראַטעוועט און ער איז גרייט געווען זיך צו שטעלן טאַנצן אין שיפל, אָבער דער פישער איז געווען אַזוי אומגליקלעך און

דער שוויס האָט זיך פון אים אַזוי געגאָסן, אַז דער פּאַסאַזשיר האָט זיך פאַר־שעמט מיט זיין פרייד. דער פישער האָט גערודערט גיך, גיך צום ברעג און אים איז איינגעפאַלן דער נאַרישער געדאַנק צו בעטן ביי זיין פּאַרשוין, אַז ער זאָל זיך מאַכן פאַר אַ שטומען. יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז דאָס דאָזיקע וועט ער נישט קענען. ער קען דאָך נישט באַלד ביים אָנקומען אין אַ נייעם לאַנד אַריין אַזוי אָפּנאַרן, אַז מען זאָל אים באַלד פּאַקן. ער וועט דאָך נישט קענען בלייבן אַ שטומער אויף שטענדיק. און איידער זיי האָבן זיך דורכגע־שמועסט, זיינען זיי שוין געווען ביים ברעג און דאָרט האָבן שוין געוואַרט אויף זיי אַ פּאָר רומענישע גרעניץ־זשאַנדאַרן מיט שמאָלע היטלעך, אַזוי ווי קנישעס. יאַנקל האָט שוין געזען אַזעלכע זשאַנדאַרן אַנטקעגן זיין שטאָט, אין אַלט־קיליע. די זשאַנדאַרן האָבן זיך באַלד גענומען פאַנאַנדערפרעגן ביי דעם פּאַסאַזשיר וויפל ער האָט באַצאָלט דעם פישער. יאַנקל האָט קוים עפּעס פאַרשטאַנען און ענטפערן האָט ער גאָרנישט געקענט. די זשאַנדאַרן האָבן דער־וויל מכבד געווען דעם שיפער מיט עטלעכע קלעפּ, אַז יענער האָט זיך געבויגן אין דרייען, אָבער קיין קרעכץ האָט ער נישט געטאָן. דער שוויס האָט זיך פון אים אַלץ געגאָסן. מען האָט אים געבראַכט באַלד אַן איבערזעצער, אַ פּראָסטן, באָרוויסן שגץ, וואָס האָט אים געזאָגט „דו״. אין קאַזאַרמע האָט ער אפילו אַ פּאָלקאָווניק אָפּגעשטעלט אַמאָל, ווען ער האָט אים געזאָגט „דו״ און ער האָט אים געזאָגט „מניע פּאָלאָגאַיעטסיאַ ווי״ (מיר קומט צו זאָגן איר), אָבער דאָ האָט ער געשוויגן און געענטפערט אויף די פראַגן, וואָס מען האָט אים געשטעלט. מען האָט נאָר געוואָלט וויסן, צי ער האָט באַצאָלט געלט דעם דאָזיקן, וואָס האָט אים אַריבערגעבראַכט און ער האָט אַלץ געזאָגט ניין און ניין און די אויספרעגער האָבן נישט אויפגעהערט זאָגן, אַז זיי גלויבן אים נישט. מען האָט געמאַכט אַ פּראָטאָקאָל און געגעבןביידע אונטערצושרייבן. דער פישער האָט געלייגט אַ צלמל. יאַנקל האָט זיך אונטערגעשריבן מיט לאַ־טיינישע אותיות און די זשאַנדאַרן האָבן זיך געחידושט, וואָס ער איז ערשט אַריבערגעקומען און ער קען שוין שרייבן „רומעניש״ אותיות. ביידע גע־כאַפּטע האָט מען מיטגעגעבן אַ סאָלדאַט אַ באַגלייטער און מען האָט זיי אַוועקגעשיקט אין שטאָט אַריין צו דער פּאָליציי, דאָס דאָרף איז שוין נישט געווען ווייט פון גאַלאַץ. יאַנקלס פּעקל האָט מען געגעבן צו טראָגן דעם פי־שער און מען האָט אים נאָך מיטגעגעבן אַ פּאָר שמיץ מיט אַ ביימש. דער וועג איז די גאַנצע צייט געגאַנגען ביים ברעג פון דונאַי. יאַנקל האָט באַלד גע־נומען זיין פּעקל צו טראָגן, אָבער דער פישער זיינער האָט געקוקט מיט צאָרנדיקע אויגן, גלייך ער וואָלט שולדיק געווען אין דעם אַלעמען, וואָס עס האָט פּאַסירט. דער סאָלדאַט, וואָס האָט באַגלייט די צוויי געכאַפּטע, האָט פריער געבעטן טאַבאַק ביים פּאַסאַזשיר און דערנאָך האָט ער גענומען שמועסן מיטן מאָלדאַוואַן אויף רומעניש און דער לעצטער האָט אים, ווייזט

אוים, אָנגערייצט אויף זיין פּאַרשוין. יאַנקל האָט עטלעכע מאָל געהערט דאָס וואָרט „זשידאָן" און ער האָט געוואוסט, אַז דאָס איז פּונקט אַזאַ זידל־וואָרט אויף רומעניש פאַר יידן, ווי „זשיד" אויף רוסיש. דער סאָלדאט האָט זיך גענומען טשעפּען צום פּאַסאַזשיר און אים געהייסן, אַז ער זאָל אים אוועקשענקען די שיך, וואָס ער טראָגט און ווען ער האָט געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין אַנדערע און ער קען נישט גיין באָרוויס, האָט דער סאָלדאַט געקוקט אויף אים מיט גזלנישע אויגן און ער האָט אים דערלאַנגט אַ פּאָר קלעפּ.

דער וועג אין שטאָט אריין האָט געדויערט אַ פּאָר שעה און די זון איז אַלץ געקומען העכער און העכער און די היץ איז געוואָרן גרעסער און ביידע געכאַפּטע האָבן היפּש געשוויצט. ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין שטאָט אריין, האָט שוין געדאַרפט זיין נאָכמיטיק. אָנגעקומען זיינען זיי דורך דעם פּאָרט, וואָס האָט אויסגעזען כמעט אַזוי גרויס ווי דער אָדעסער. עס זיינען געשטאַנען אַ סך שיפן, וועלכע מען האָט אָנגעלאָדן און אויסגעלאָדן און אַרבעטער זיינען געלאָפן ארויף און אַראָפּ און ס'האָט גערוישט און געזשומעט און געקלונגען. טראַמווייען מיט פערד זיינען געלאָפן אַהין און אַהער. אין שטאָט אריין האָט מען געדאַרפט גיין באַרג ארויף און דער סאָלדאַט האָט זיי געפירט איבער גרויסע שטיינערנע טרעפּ, וואָס האָבן געשמעקט מיט שימל. פון אונטער די טרעפּ האָט מען אויך אָנגעזען הייזער. פון די שטיגן זיינען זיי באַלד ארויפגעקומען אויף אַ רוישיקער גאַס מיט אַ סך קראָמען. דער רעש איז דאָרט געווען, דאַכט זיך, נאָך אַ גרעסערער ווי אין אָדעס. מען האָט געהערט אַ סך שפּראַכן. יידיש האָט מען געהערט מער פון אַלץ. יאַנקל האָט געוואָלט אָפּשטעלן דעם ערשטן ייד, אָבער דער סאָלדאַט האָט נישט געלאָזט און ער האָט אים אַ שטורך געטאָן און אים געהייסן גיין ווייטער. פון דער רוישיקער גאַס האָט דער סאָלדאַט זיי אַריינגעפירט אין אַ שטילערער גאַס און צוגעפירט צו אַ גרויסער געביידע מיט אַ גרויסן הויף פון פאָרנט. די געביידע איז געווען אַ צווישטאָקיקע און זי האָט געהאַט אַן אומהיימלעך אויסזען פון דרויסן. יאַנקל האָט איבערגעלייענט די אויפשריפט, עס האָט זיך געזאָגט „פּרעפעקטורא פּאָליציעי" (פּאָליציי פּרעפעקטור). דער סאָלדאַט האָט דערווייל איבערגעגעבן זיינע געפאַנגענע צו אַ פּאָליציימאַן אין הויף און אַליין איז ער געגאַנגען פרעגן, וואָס ער דאַרף טאָן. ער איז באַלד צוריקגעקומען און ער האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף וואַרטן. דער פישער האָט זיך אַוועקגעלייגט אין הויף און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ערשט איצטער האָט ער אָפּגעאָטעמט, זייט ער האָט געהערט דעם פייף. ער האָט אָנגעהויבן אויסזען רואיקער און ער האָט זיך נאָך אַלץ געווישט דעם שווייס מיט דעם אַרבל. ער האָט געהאַט אין די קעשענעס ברויט מיט חזיר־שמאַלץ און מיט אַביסל זאַלץ, ער האָט אויסגעטאָן די קוטשמע און זיך געזעצט אויף דעם גראָז און ער האָט זיך איבערגעצלמט און גענומען עסן. ער האָט שוין אויסגעזען אַזוי רואיק, אַז ער האָט

געפֿרעגט זײַן פּאַסאַזשיר, צי ער וויל מיט אים מיטעסן. אָבער יענעם איז נישט געווען ביי קיין עסן. ער האָט נישט אויפֿגעהערט רויכערן און ער האָט געטרונקען וואַסער פֿון דעם קליינעם פּאַנטאַנדל, וואָס האָט געשפּריצט ווי מיט אַ שפּרייַ־דעגן אַרויף און ס'איז אָנגעקומען נישט גרינג צו כאַפּן דאָס וואַסער. און דער טאָג האָט זיך געצויגן לאַנג און די זון האָט געבאַקן, מען האָט געדאַרפֿט זוכן אַ באַהאַלטן פּלאַץ אין שאָטן. ערשט פֿאַרנאַכט האָט שוין אַ פּאָליציימאַן אַרויסגעפֿירט ביידע געפֿאַנגענע אין אַ צימער אַריין וואו עס איז געזעסן אַ טונקל־הויטיקער סעקרעטאַר מיט פֿאַרדרייטע וואָנציעס. דער סעקרעטאַר האָט זיך זייער געבייזערט אויף יאַנקלען, וואָס ער קען נישט קיין רומעניש און ער האָט זיך געהייסן ברענגען אַ דאָלמעטשער פֿאַר אים. דער פֿישער האָט געזאָגט, אַז ער וועט קענען איבערזעצן, אָבער דער סעקרעטאַר האָט זיך נישט געלאָזט און ער האָט זיך אויסגעדרוקט אָפֿן, אַז אים גלייבט ער נישט. עס איז געקומען אַ ייִד, וואָס האָט אָנגעהויבן ריידן שלעכט רוסיש און יאַנקל האָט אים געזאָגט, אַז ער קען עס מאַכן אויף יידיש. יענער האָט זיך גאָר מחיה געווען. דער סעקרעטאַר האָט אַלץ געוואָלט וויסן, צי ער האָט געגעבן געלט דעם פֿישער און יאַנקל האָט געזאָגט איין מאָל ניין. דער דאָל־מעטשער האָט אים געוואָלט איינריידן, אַז ער זאָל זאָגן יאָ, אָבער ער האָט ביי אים נישט געפּועלט. „איך וויל נישט זיין קיין מסור, האָט ער געזאָגט צום ייִדן, ער האָט זיך גענוג אָנגעליטן פֿאַר מיר און אַנדערע ייִדן קענען דאַרפֿן אָנקומען צו זיינעם אַ באַקאַנטן". דער סעקרעטאַר האָט זיך געבייזערט, גע־בייזערט און אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל און דער דאָלמעטשער האָט אים אי־בערגעזעצט און געהייסן אונטערשרייבן. דער סעקרעטאַר האָט דערקלערט, אַז מען שיקט יאַנקלען אין פּרעווענטיוו אַרעסט און מען וועט אים מישפּטן פֿאַר „קאָנטראַוועניציאַ לאַ לעדזשעאַ פּאַשאַפּאָרטולוי". דער ייִד האָט מיט שווערער מי איבערגעזעצט דאָס דאָזיקע. עס האָט געמיינט „פֿאַרברעכן קעגן פּאַסאַפּאָרטן געזעץ". אַן אויסלענדער טאָר נישט אַריינקומען אין רומענישן לאַנד אָן קיין פּאַספּאָרט. אונזער העלד האָט געוואָלט וויסן, וואָס עס קומט פֿאַר אַזאַ זינד און דער ייִד האָט געענטפֿערט, אַז זיבן יאָר הענגען וועט נישט קומען. עס זיינען דאָ אַ סך „רוסישע גנבים" אין שטאָט און טאָקע אין גאַנצן לאַנד און קיינער טשעפּעט זיי נישט.

די נאַכט האָבן ביידע אַרעסטירטע איבערגענעכטיקט אין קעלער פֿון דער פּאָליציי צווישן שיכורים, פֿון וועלכע עס האָבן זיך געפֿילט זייער נישט קיין געשמאַקע ריחות און איבער וועלכע עס זיינען אַרומגעקראָכן אומפּליט ווי איבער טויטע. אין דער פֿרי האָט מען ביידע אַריבערגעפֿירט אין דער טורמע אַריין, וועלכע מען האָט גערופֿן „אינקיסאָאַרע". מען האָט יעדן פֿון זיי אַריינ־געזעצט אין באַזונדערע קליינע צימערלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שטייגן און אין וועלכע עס איז געשטאַנען נישט מער ווי אַ האַרטע נאַרע. יאַנקל האָט

געבעטן אַ דערלויבעניש צו שרייבן אַהיים אַ בריוו, אָבער מען האָט אים נישט דערלויבט. די צימערלעך האָבן אַלע געהאַט קראַטעס און דורך די קראַטעס האָט זיך איין אַרעסטאַנט געקענט דורכריידן מיטן צווייטן. עס זיינען געווען אַ סך, וואָס האָבן געקענט רוסיש. יאַנקלס שכן איז געווען אַ רומענישער גרעק, וואָס האָט אַ צייט געלעבט אויך אין רוסלאַנד און ער האָט גערעדט אַ נישט שלעכטן רוסיש. ביים עסן דערנאָך האָט אונזער העלד געזען זיין שכן. ער איז געווען אַן עלעגאַנטער יונגער מענטש און אויך אין טיורמע האָט ער זיך אומגעהויער געפּוצט און די וואָנציעס זיינען ביי אים געווען פּערפעקט פּאַרדרייט. מיט דער גאַנצער געפּוצטקייט און ריינקייט האָט געווייעט פון אים מיט אומריינקייט. ער איז געזעסן פאַר שווינדל און נישט צום ערשטן מאָל.

טעג און נעכט האָבן זיך געצויגן און אונזער העלד האָט פון ערגעץ נישט געהערט קיין שאָרך און קיין קלאַנג. ער איז געווען ווי איינער אויף דער וועלט. דאָס עסן איז געווען מאָגער און אָן טעם, ס׳איז געווען בעסער צו ליידן הונגער, ווי צו עסן. דאָך איז עפּעס געווען אַ זיסקייט אין דער בענק־שאַפט, וואָס האָט גענאָגט און אין דער האָפנונג צו זען די ליכטיקע וועלט, וואָס האָט געשיינט און געלאַקט און גערייצט און צוגעזאָגט... אין די פאַרנאַכטן האָבן זיך געהערט גוזאַנגען פון אַלע צעלולן און שוין אוודאי פון די אַלגעמיינע צימערן. און ווען יאַנקל האָט געהערט ווי אַנדערע זינגען, האָט ער אויך גענומען זינגען. ער פלעג אין איין אָוונט אויסזינגען וויפל לידער ער האָט געקענט. ער האָט געזונגען העברעאיש און רוסיש און יידיש. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך גענומען צוהערן צום „רוס" און זיי האָבן אָפט געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל זינגען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל אַ ליד. די אַרעסטאַנטן האָבן נאָכגעזונגען די מעלאָדיעס פון יידישע און העברעאישע לידער און אַפילו לידער מיט אָפענע ווערטער קעגן צאַר און קעגן די מיניס־טאָרן האָט ער זיי דאָ פריי געזונגען. זיין קול האָט פריי אַרויסגעבראַכט די ווערטער:

וויטע אויעכאַל זדיעלאַטי זאַיאָם,
טרעפּאָוו אוסטראָיל יעווריייסקי פּאָגראָם.
מאַטושקאַ ראָסיאַ, זשאַלי מניע טעביאַ,
ביעדנאַיאַ, גאָרקאַיאַ דאָליאַ טוואָיאַ.

(וויטע איז אוועקגעפאָרן מאַכן אַן אַנליי,
טרעפּאָוו האָט איינגעאָרדנט אַ יידישן פּאָגראָם.
מאַמע רוסלאַנד, ווי ס׳איז מיר אַ רחמנות אויף דיר,
די אָרימע, ביטערע דאָליע דיינע.)

ביי די ארעסטאנטן האט דאס דאזיקע ליד שטארק אויסגענומען און זיי האבן נישט אויפגעהערט בעטן, אז ער זאל דאס זינגען. זיי פלעגן עס רופן „בעדנאיא" (ארימע) און זיי האבן נישט אויפגעהערט צו זאגן „קינטא בעדנאיא" (זינג „בעדנאיא"). דאס דאזיקע ווארט איז זיי אזוי געפעלן געווארן, אז יאנקל האט א סך מאל געזאגט צוויי מאל „בעדנאיא" אנשטאט „בעדנאיא, גארקאיא" און זיי האבן אנגעקוואלן און זיי האבן אים געבעטן, אז ער זאל נאך מער מאל זינגען דאס דאזיקע ווארט; זיי האבן פון דעסט פעגן קיין איין מאל אים נישט געפרעגט, וואס דאס דאזיקע ווארט באטייט. דער שכן זיינעו פלעג אין די סענטימענטאל מאמענטן שעלטן מיט די מיאוסטע קללות אויף רוסיש, רומעניש און גרעקיש. ווען יאנקל פלעג אין א פארנאכט נישט זינגען, פלעג אים דער שכן באלד פרעגן: „ טי סעוואדניא ניע פאיאש?" (דו זינגסט נישט היינט?). שעלטן האט יענער קיינמאל נישט פארפעלט. יאנקל דעם שכן האט נאך אמאל געזאגט „היינט זינג איך נישט", דער שכן אים האט קיינמאל נישט געזאגט: היינט שעלט איך נישט...

אויף דעם אכטן טאג איז צו יאנקלען געקומען א יידישער יונגערמאן, וואס האט גערעדט צו אים דייטשמעריש. ער איז געקומען אין איינעם מיט דעם דאלמעטשער פון דער פרעפעקטור. ער האט זיך פארגעשטעלט, אז ער הייסט מיכל האלפערן און ער איז געשיקט פון דער ציוניסטישער פעדעראציע, וואס געפינט זיך אין גאלאץ. דער טאטע האט איינגעלייגט וועלטן און דורך דעם בוהושער רבין און דורך דעם אדעסער פאלעסטינער קאמיטעט האט ער געגומען זוכן זיין זון. דער שליח פון דער פעדעראציע האט געבראכט עפל און יידישן ווארשט און פריש ברויט און טאבאק. און ער האט אויך גע־פועלט, אז מען זאל דעם ארעסטאנט לאזן אנשרייבן א בריוו אהיים. דער ה' האלפערן, וואס איז געוועז א הויכער, שלאנקער, יונגער שאטען, האט גע־זאגט, אז ער איז א בוכהאלטער און ער איז א ציוניסט און אזוי ווי ער האט פארבינדונגען מיט פאליציי האט ער געפועלט, אז מען זאל אים צולאזן און ער האט דערציילט, אז מען וועט אים שוין גיך מישפטן און די גרעסטע שטראף איז צען טעג פאר דעם גאנצן „פארברעכן". ער וועט שוין גיך זיין פריי. יאנקל איז געוועז גרייט צו קושן דעם פרעמדן יונגענמאן און אים האט זיך געדאכט, אז ער זאגט צו אים אין דער ביבלישער שפראך „איש בשורה אנכי היום" — איך בין היינט א מענטש פון א בשורה...

און טעג זיינען שוין געגאנגען גיך. אין דריי טעג ארום איז געוועז דער פראצעס. דאס פאדן צום פראצעס איז געוועזן א שוידערלעך בילד, וואס איז אויף שטענדיק פארבליבן אין געמיט. מען האט אריינגעזעצט א דריי צענדליק מענטשן אין א גרויסן קאמיאן אריין אן זיצפלעצער און זיי האבן זיך דארט צונויפגעקוטשובורעט אזוי ווי הינט. צווישן די ארעסטאנטן זיינען גע־

ווען פאַרשיידענערליי פאַרברעכערס. עס זיינען געווען שווינדלער, גנבים און אויך מענטשן, וואָס זיינען געזעסן צוליב עפּעס אַן אומשולדיק געשלעג. איינער איז געווען, וואָס האָט דערהרגעט זיין טאַטן מיט אַ האַק. און ס'האָט זיך גערדאַכט, אַז דער דאָזיקער מערדער איז דער רואיקסטער פון אַלע אַרעסטאַנטן. פיר סאָלדאַטן מיטן ביקסן האָבן געהיט די פּאַסאַזשירן פון אַלע פיר זייטן. דער אויסגעפּוצטער שכן האָט דעם גאַנצן אין דער פרי זיך געפּוצט און מען האָט אים געבראַכט אַ פאַריקמאַכער. די וואָנציעס זיינען ביי אים געווען פאַרדרייט מיט זעלטענער פּערפעקטקייט. אָנגעטאָן איז ער געווען גלייך ערשט פון דער נאָדל אַרויס און ער האָט אין וואָגן געהאַלטן אין איין דרייען מיט דער נאָז און ער האָט אַלע מאָל געשריגן אויף אַן אַנדערן, אַז ער שמירט אים אויס... קינדער האָבן נישט אויפגעהערט נאָכלויפן דעם וואָגן און שרייען מיאוסע ווערטער די פאַרשוינען. צום מערסטן האָבן זיי געשריגן „פונגאשי״ (גנבים). יאַנקל האָט באַמערקט אַ סך יידן, וואָס שטעלן זיך אָפּ און קוקן אויף דעם וואָגן און ער האָט זיך שטאַרק געשעמט. פאַר די קריסטן האָט ער זיך נישט געשעמט און פאַר די יידן האָט ער זיך מוראדיק געשעמט, אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיי קוקן אויף אים און זיי קענען אים און זיי ווייסן, אַז ער איז בערל שוחטס און לייב רבס אייניקל און זיי ווייסן, אַז איינער פון זיינע עלטער־זיידעס האָט געהייסן חיים גאון און דער צווייטער האָט געהייסן נוח בערשאַדער... ער האָט זיך דערמאָנט אַן אגדתא, אַז צוויי מיידלעך האָט מען אַמאָל געשלאָגן מלקות, איינע ווייל זי האָט געגעסן „נטעי רבעים״ (די פרוכטן פון אַ בוים, וואָס איז אַלט נישט מער ווי פיר יאָר, די פּירות מעג מען עסן ערשט, ווען דער בוים ווערט אַלט פינף יאָר) און די צווייטע האָט מען געשלאָגן, ווייל זי האָט מזנה געווען, האָט די ערשטע געבעטן, אַז מען זאָל אויסרופן פאַרוואָס מען שלאָגט זי און פאַרוואָס מען שלאָגט די אַנדערע... און אונזער העלד האָט געפילט, אַז מען באַגייט אַן עוולה קעגן אים. מען וואָלט געדאַרפט אַנידערשטעלן איינעם, וואָס זאָל אויסרופן, אַז יענעם ווערט מען מישפּטן פאַר דערהרגענען דעם טאַטן, דעם אַנדערן פאַר שווינדל, דעם דריטן פאַר גניבה און אים ווערט מען מישפּטן פאַר אַנטלויפן פון פאָניען.

די קרובים פון די אַרעסטאַנטן האָבן זיך דווקא נישט געשעמט און זיי האָבן געוואַרט אויף די אַרעסטאַנטן און זיי האָבן זיי געגיבן פּאַפּיראָסן און צוקערלעך. מען האָט דערקענט, אַז אייניקע פון די פרויען, וואָס האָבן געוואַרט, זיינען געווען מאַמעס. זיי האָבן געוויינט און עס איז נישט געווען שווער צו פאַרשטיין, אַז זיי בעטן זיך ביי די קינדער זיי זאָלן שוין מער נישט. אייניקע בחורים, ברידער פון די אַרעסטאַנטן, אַ פּנים, זיינען די גאַנצע צייט נאָכגעלאָפן דעם וואָגן, וואָס איז געפאָרן גענוג פּאַוואָליע. עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז מען וויל די אַרעסטאַנטן פאַרשעמען און פון זיי מאַכן אַ ספּעקטאַקל.

אין געריכט האָבן ווידער געוואָרט קרובים אויף די אַרעסטאַנטן און אויך אַדוואָקאַטן. מען האָט די פּראָצעסירטע צעשיקט אין פאַרשיידענע אָפּטיילונגען און ביז וואַנען מען האָט אָנגעהויבן צו מישפּטן, זיינען אַוועק שייַנע עטלעכע שעה. און ערשט דערנאָך איז אונזער העלד אויסגעקומען צו וואָרט און צו וואַרטן ביז וואַנען עס איז אָנגעקומען זיין ריי. אייניקע האָט מען אַרויסגעפירט פון געריכט באַגלייט מיט סאָלדאַטן, אַנדערע האָט מען אַרויסגעלאָזט פריי. די קרובים פון די לעצטע האָבן זיך געפרייט און דאָך אביסל געשעמט, די קרובים פון די ערשטע האָבן געוויינט און זיך גאַרנישט געשעמט. מען האָט אין יענעם טאָג געמישפּעט נישט נאָר די דאָזיקע, וואָס מען האָט געבראַכט פון טיורמע, נאָר אויך די דאָזיקע, וואָס מען האָט פאַר אַ גאַראַנטיע געלאָזט אויף דער פריי. יאַנקלען האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן דאָס האַרץ, אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיין לעבן שטייט אין קאָן, כאָטש מיכל האַלפּערן איז אַ פּאָר מאָל געווען לעבן אים און ער האָט אים געזאָגט אַז ס'איז גאָרנישט און אַז ער וועט שוין באַלד זיין אויף דער פריי און ער וועט זיין אַ מענטש און עסן אין סוכה און פאַרברענגען מיט נייע פריינט און זיין ביי אים אין שטוב און זיך באַקענען מיט זיין גוטער מאַמע און מיט זיין שיינער שוועסטער... מיכל האַלפּערן האָט אים באַקענט מיט עטלעכע יונגעלייט, וואָס האָבן געקוקט אויף אים זייער נייגעריק און געריידט צו אים דייטש. און די ריכטיקע שעה איז געקומען און מען האָט אים אויסגערופן. דער דינער האָט אויסגעשריגן מיט אַ אייזערן קול: יאַנקעל באַטאַשאַנסקי — אַרעסטאַנט. אונזער העלד האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָרט אַרעסטאַנט זאָגט ער, ווייל עס זיינען פאַראַן אַזעלכע פּראָצעסירטע, וואָס קומען פון דער פריי, נישט פון פּרעווענטיוון אַרעסט, דאָך האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן אַריין... ביי זיין מאַמען איז אַן אַרעסטאַנט געווען דאָס ערגסטע. זי האָט געזאָגט „רישטאַנט" און ווען זי האָט איינעם געוואָלט רופן מערדער, האָט זי אים גערופן „רישטאַנט"... יאַנקל האָט זיך פאַרגעשטעלט, וואָס זי וואָלט איבערגעלעבט, ווען זי הערט ווי מען רופט איר זון „רישטאַנט"... קיינער זאָל נישט זען, האָט ער אָפּגעווישט אַ טרער און ער האָט דאָך אַליין געלאַכט פון זיך טיף אין האַרצן און זיך געזאָגט, אַז ער איז אַ נאַר.

עס איז געקומען אַ יידישער אַדוואָקאַט פאַרטיידיקן אונזער העלד. מען האָט געזאָגט, אַז ער איז דער איינציקער יידישער אַדוואָקאַט אין גאַלאַץ. די יידן אין רומעניע האָבן נישט געהאַט קיין גלייכבאַרעכטיקונג און זיי האָבן נישט געטאָרט פּראַקטיצירן קיין אַדוואָקאַטור, עס זיינען דאָך געווען יידן, וואָס האָבן געהאַט גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס דאָזיקע זיינען געווען די יעניקע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין פּלעווענער קריג, וואָס האָט באַפרייט רומעניע פון טערק. און יענער אַדוואָקאַט איז געווען אַ זון פון אַ יידן, וואָס איז געווען

אין קריג. ער האט געהייסן ברוך זאסמער, ער איז געווען א קלייניקער, א בלאנדער און ער האט געהאט א קינדישן שמייכל. ער איז געווען א ציוניסט און ער האט געקוואקעט צו ווערן א שרייבער אין רומעניש אויף יידישע טע־מעס. ער האט געפרואווט, האט מען יאנקלען באלד דערציילט, איבערזעצן ביאליקן פון דייטש, ווייל קיין העברעאיש האט ער נישט געקענט. דער ריכ־טער האט מיט יאנקלען גערעדט דייטש און ער האט ארויסגעוויזן א היפש ביסל רישעות, ער האט אים געפרעגט צוליב וואס ער איז געקומען; „מיר האבן שוין אין לאנד גענוג יידן!" יאנקל האט געענטפערט, אז ער דענקט נישט צו בלייבן אין לאנד און ער וועט מיסתמא פארן ווייטער און אים האט דאס דאזיקע נאך מער אויפגערעגט. דער ריכטער האט אויך נישט אויפגע־הערט פרעגן דעם דעזערטיר פאר וואס ער איז אנטלאפן און ער האט אים געזאגט מוסר שוין אין איינעם מיט אלע יידן, וואס ווילן אלע פריווילעגיעס און דינען ווילן זיי נישט. יאנקל האט געפרואווט פארענטפערן די רוסישע יידן, וואס, לויידן ביים צאר און ער האט ביים ריכטער ארויסגערופן נאך מער צארן. דער יונגער אדוואקאט האט געהאלטן א צו היציקע רעדע וועגן די לוידן פון דעם יידישן פאלק און דער ריכטער האט אויף צו להכעיס געגעבן די גרעסטע שטראף — צען טאג. דעם פישער, וואס האט קיינעם נישט גע־האט, האט ער געגעבן די קלענסטע שטראף — צוויי טעג. אבער יאנקלען האט דאס נישט געארט. ער איז צוריקגעגאנגען אין טורמע אריין ווי צום טאנץ און ער האט דארט אויסגעזונגען די צען טעג און ער האט נאך אהין באקומען נישט נאר עפל און טאבאק, נאר אויך א בריוו פון דער היים. די גאנצע ברויזנדיקע יוגנט זיינע האט אין אים געטאנצט צו א ניי לעבן. און ווען דער שווערער אייזערנער טויער האט זיך אויף דעם צענטן טאג גאנץ פרי געעפנט פאר אים, איז ער נישט ארויסגעגאנגען, נאר ער האט ארויס־געטאנצט צום נייעם לאנד און צום נייעם לעבן...

☆

סוף פון צווייטן טייל.

אינהאלט:

זייט

קאפיטל איינס — ער שערט אפ די פאות און וויל נישט ווערן א „קרקפתא דלא מנח תפילן" 5

„ צוויי — ביבער, ליבעס, הונגער און א ניי לעבן 25

„ דריי — א גזירה קעגן „עקסטערנעס" פירט דעם העלד צום ציוניזם און צו שרייבעריי 53

„ פיר — מענדעלע און דובנאוו זאגן אים „לא זו הדרך" 69

„ פינף — ...און ער האט שוין אלץ פארגעסן 81

„ זעקס — עס געשעעט מיט אים ווי אין ראמאנען 111

„ זיבן — ווי אין א ראמאן און אין א מעלאדראמיע 129

„ אכט — די לעצטע שווערע געראנגלענישן מיט דער אלטער יידישער וועלט 152

„ ניין — דעם זיידנס נישט פארענדיקטער יום טוב און א פראזלאג 174

„ וויאזוי געפינט מען דעם וועג צום לעבן? 202

„ עלף — ער דעבוטירט ווי א רעדנער, מאכט דעם אמתן דעבוט ווי א שרייבער און קריגט א נייעם חלום 226

„ צוועלף — יאנקל און אפאנאסי ווילן באפרייען בעסאראביע 248

„ דרייצן — דער מענטש איז א באשעפעניש, וואס טאר קיינמאל נישט זאגן דעם אמת 271

„ פערצן — צווישן צוויי שוועסטער מיט א רב 303

„ פופצן — דאס גרויסע געזעגנען זיך 331

„ זעכצן — „פאר נישט, בלומען בליען" 358

„ זיבעצן — צו א ניי לאנד, צו א ניי לעבן 383

ביכער פון יעקב באטאשאנסקי

נאָך דער פאָרשטעלונג

(גראָטעסקן און בילדער פון יידישן אקטיאָרן לעבן)

פרייז: איין פעזע פופציק סענטאוואָס.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער

(טראַגיקאָמעדיע אין דריי אַקטן)

אויספארקויפט.

פון ביידע זייטן ים

(נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער)

פרייז: איין פעזע פופציק סענטאוואָס.

בעסאַראַביע

(לעגענדן, מעשהס און בילדער)

פרייז: איין פעזע פופציק סענטאוואָס.

משה לייב האַלפּערן

(א קליין קרענצל אויפן קבר פון אַ גרויסן דיכטער)

אויספארקויפט.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער

אויספארקויפט.

דראַמען

(ר׳ בער ליעווער, צווישן רעוואָלוציאָנערן, הערשעלע אָסטראָפּאָליער)

פרייז: צוויי פעזעס.

די לעבנסגעשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט

(מעמוארן — ערשטער טייל)

פרייז: פינף פעזעס.